STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00530

TSEVORFENE ZANGEN

Yehudah Elberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Bess & Herbert Paper
in memory of
their Yiddish speaking parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

צעוואָרפֿענע זאַנגען

דערציילונגען

"מײַנע פֿאָנען הייב אַרויף איבער די געבליבענע,
קלײַב צונויף די צעשפּרייטע,
ווי מען זאַמלט צוזאַמען צעוואָרפֿענע זאַנגען."

פֿון פּיוט "יום ליבשה" פֿון ר' יהודה הלוי.

פֿון דעם זעלביקן מחבר:

„אונטער קופּערנע הימלען", דערציילונגען. פֿאַרלאַג צענטראַל פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, 1951. פֿעפֿער־פּרעמיע בײַם קולטור קאָנגרעס אין בראַזיל.

„אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט", ראָמאַן. פֿאַרלאַג די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק 1974. י. י. סיגאַל־פּרעמיע, קאַנאַדע. וויסליץ־צימערמאַן־פּרעמיע, סידני, אויסטראַליע.

„מעשׂות", אין דרוק.

„זאַמד", „תּהום", „ברעג", טרילאָגיע, גרייט צום דרוק.

יהודה עלבערג

צעוואָרפענע זאַנגען

דערציילונגען

שולאַ פּובליקאַציעס — מאָנטרעאָל, 1976.

YEHUDA ELBERG

TZEVORFENNE ZANGEN

(SCATTERED STALKS)

Novelettes and Stories

SHULA PUBLICATIONS
a division of
SHULA INVESTMENTS LTD
1745 Cedar Ave. # 608
Montreal, Que. H3G 1A7
Canada

Copyright © *1976*
By YEHUDA ELBERG
Montreal, Que., Canada

PRINTED IN U.S.A.
by
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96



אינהאַלט

דבֿורהלעם תּפֿילה — — — — — — — — — — — — — 11

אַז מ'האָט נישט קיין מזל... — — — — — — — — — — 25

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש — — — — — — — — — — 83

בער־לעפּ — — — — — — — — — — — — — — 161

אַן עפּל מיט האָניק — — — — — — — — — — — — 203

ערבֿ שבת אין אַ וואַרשעווער הויף — — — — — — — — 219

מישפּט מיך — — — — — — — — — — — — — 243

צעוואָרפֿענע זאַנגען... — — — — — — — — — — — 307

דער טאָפּ — — — — — — — — — — — — — — 327

„...דגלי כן תרים
על הנשארים,
ותלקט נפזרים
כמלקט שבלים..."

מהפיוט „יום ליבשה...", ר' יהודה הלוי.

„צעוואָרפּענע זאנגען" נעמט אַרײַן אַ קוועֶרשניט פֿון מײַן שאַפֿן. אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן פֿאַר 1945 איז פֿאַרלוירן געוואָרן, נאָר אײנצלנע זאַכן אָפּגעפֿונען על פּי צופֿאַל. איך האָב דעביוטירט מיט „בער לעפּ", וואָס איז געדרוקט געוואָרן דעם 15טן מאַי 1932, צו מײַן צוואָנציקסטן געבוירן־טאָג. „ערבֿ שבת אין מײַן הויף" איז אַלץ, וואָס איז מיר געבליבן פֿון מײַנע געטאָ־כּתבֿים. די צוויי דערציילונגען זענען שוין געווען געדרוקט אין מײַן בוך „אונטער קופּערנע הימלען".

שײנדל, מײַן „עזר כּנגדו", האָט דאָ, ווי „אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט", געהאָלפֿן צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט, קאָרעגירט די גענעם און אויך געהאָלפֿן מיט עצות.

געלייענט דעם מאַנוסקריפּט אין ביידע ביכער און געהאָלפֿן מיט אַן עצה טובֿה האָט אויך ידידי ר' שלמה וויַסמאַן.

אַ יישר כּח.

דבורהלעס תּפילה

לזכר מײַן נישט־פֿאַרגעסלעכער שוויגער האָדל ע״ה
און, יבדל לחיים ארוכים, מײַן טײַערן שווער
שמחה סטיפּעלמאַן.

„דער אויבערשטער וועט העלפֿן,״ האָט איטשע־דוד, ווי שטענ־דיק, געענטפֿערט, ווען זײַן פֿאָטער ר׳ אהרן האָט אויסגעקרעכצט די אַלטע קשיה ׳וואָס וועט זײַן דער תּכלית?׳ שוין עטלעכע יאָר ווי ער הערט נישט אויף צו מאָנען: צען יאָר דאַרף מען וואַרטן, אָבער איצט איז שוין פּופֿצן יאָר נאָך איטשע־דודס חתונה. מילא, קיינער לייקנט נישט אַז זי איז אַ כּשרע ייִדישע טאָכטער. אָבער — אדרבא, אויב אַזוי דאַרף זי דאָך אַליין פֿאַרשטיין אַז אַ מאַן טאָר נישט זיצן מיט אַן עקרה. איטשע־דוד איז ר׳ אהרנס איינציק לעבנגעבליבן קינד. אַז ער וועט נישט ברענגען אַ קדיש וועט דאָך טאַקע חלילה דער נאָמען אָפּגעמעקט ווערן.

איטשע־דוד פֿאַרשטייט עס. אָבער ווי קאָן ער עפּעס אײַן אַ שייַ־נעם העלן טאָג אַרויסשיקן זײַן דבֿורהלע פֿון איר שטוב? יעדעס בענקל און פֿאַרהענגל, יעדעס טישטעכל און לײַכטערל איז דאָך אָוועקגעשטעלט געוואָרן, אויסגעפּוצט און אויסגעצייט געוואָרן מיט אירע הענט. אָן איר, חלילה, וועט עס דאָך גאָר קיין שטוב נישט זײַן. דער טאַטע זאָגט ס׳איז נישט רעכט. וועט עס זײַן רעכט צו גיין אונ־טער דער חופּה מיט אַן אַנדערער און טראַכטן וועגן דבֿורהלען? ניין, ער וועט בשום אופֿן נישט קאָנען אויפֿהערן טראַכטן וועגן איר. ס׳איז אַפֿשר אַן עבֿירה צו האָבן אַזעלכע מחשבֿות. אָבער דער ריבונו של עולם, אַליין אַ רחום וחנון, וועט פֿאַרשטיין וואָס ער, איטשע־דוד, פֿילט צו דבֿורהלען. אָן איר וועט ער, חלילה — כ׳וויס אַליין נישט וואָס...

אַוודאי וויל איטשע־דוד אַ קדיש. דאָס חיות גייט אים אויס צו קאָנען פֿירן בײַ דער האַנט זײַן ייִנגעלע אין שול אַרײַן, אין חדר אַרײַן, צו פּראַווען אַ חומש־סעודה. זײַנס אַ ייִנגעלע וואָס זאָל פֿרעגן

די פֿיר קשיות בײַם סדר, און טאָקע אויך אויף אַלע טאָג... אַ ייִנ־געלע וואָס זאָל לאָכן צו אים, ווײַנען פֿאַר אים, צופּן זײַן באָרד. אַן עופּהלע וואָס זאָל זיצן אויף זײַן דבֿורהלעס שויס און זייגן בײַ איר. אָט דאָס טאָקע בעט ער בײַם ריבונו של עולם. נישט סתּם אַ קדיש, נאָר ס'זאָל זײַן זײַנס און אירס, איינס מיט זיי בײדן, ווי זיי בײדע זענען איינס... אפֿשר האָט ער זיך פֿאַרזינדיקט מיטן טראַכטן: זאָל עס באַדײַ זײַן אַ מיידעלע, אַבי דבֿורהלעס. עס זאָל זײַן געראָטן אין איר, מיט איר צניעות, מיט איר חן. יאָ, ער ווייסט, ער איז מחויבֿ מקיים צו זײַן די ערשטע מצווה אין דער תּורה, און מיט נאָר אַ מיידעלע איז מען נישט יוצא. זאָל דער ריבונו של עולם אים מוחל זײַן. מי לנו גדול, יעקבֿ אָבֿינו אַליין האָט דאָך ליב געהאַט רחלען נאָך אײדער זי האָט אים געבוירן קינדער. אמת, יעקבֿ האָט שוין געהאַט קינדער פֿון לאהן. וועט דער ריבונו של עולם אים, חלילה, שטראָפֿן פֿאַר אָפּהיטן דעם חרם דרבינו גרשום? אָדער פֿאַר האָבן ביטחון? יאָ, ער האָט ביטחון, דער ריבונו של עולם וועט זיך מרחם זײַן. איז וואָס אַז עס איז שוין פֿופֿצן יאָר? תּשועת השם כּהרף עין, דעם אויבערשטנס הילף קאָן קומען אין איין אויגנבליק.

עס איז שוין איטשע־דודן אַליין אַ חידוש וואָס די ערשטע צען יאָר האָט ער גאָרנישט געטאָן דערצו אַחוץ שיקן דבֿורהן צו דאָק־טוירים. ער קויפֿט איצט יעדעס יאָר „מפֿטיר יונה", און ס'איז אַ דבֿר ידוע אַז מפֿטיר יונה איז אַ סגולה צו געהאָלפֿן ווערן מיט אַ קינד. אמת, פֿיר יאָר זענען פֿאַרבײַ און דער מפֿטיר יונה האָט נישט געבראַכט די ישועה. אָבער הײַ־יאָר זעט ער אָן אצבע אלוקים, אַ בפֿירושן צייכן פֿון אויבן. ער האָט מתפּלל געווען אַז אויב ער האָט נישט געזוכט מזל, סײַ צו עשירות, סײַ צו קינדער, איז ער מוותּר אויף דעם עשירות. און כּך הווה. ווי דער שטייגער איז, האָט ער פֿרילינג־צײַט אָפּגעקויפֿט די תּבֿואה בײַם פּריץ און באַצאָלט דאָס גאַנצע געלט פֿאָרויס. איז געקומען די גזירה מיט דער מאָראַטאָריע אויף הלוואות צו פּויערים. ער שרײַבט ס'איז נישט קיין הלוואה, ס'איז אַ קויף. נאָר שרײַ חי וקים אַז דער פּריץ איז „אוחז בּיד", און ס'מלכות איז צופֿרידן וואָס עס איז צוגענומען געוואָרן דאָס פֿאַרמעגן בײַ אַ זשידעק. נאָר זײַן אייגן פֿאַרמעגן? דבֿורהלע האָט באַדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן איר צירונג און שטוב־זאַכן אָפּצוגעבן אײַנגעלייגטע נדבֿים. ס'איז ממש נישט געבליבן אויף אַ שטיקל ברויט. דבֿורהלע האָט צער, איז אים אַ רחמנות אויף איר. אָבער ווען זי וואָלט געוווסט,

וואָלט זי אויך קיין צער נישט געהאַט. ער האָט עס דאָך אויסגעבעטן. די ישועה איז נאָך טאַקע נישט געקומען אָבער אָט קומען די ימים נוראים, יום כּיפּור, און דער מפֿטיר יונה...

גראָד הײַ־יאָר איז אים אײַנגעפֿאַלן צו בויען אַ נײַעם שפּײַכלער. געשטעלט זיך בויען נאָך פּסח און געבליבן שטעקן אין דער מיט. באַדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן ניט־גענוצטע וועש פֿון אויסשטייער צו קאָנען באַצאָלן די בעלי מלאכות. די פֿיר ווענט, אָן אַ דאָך, שטייען ווי סטראַשידלעס. מענטשן קוקן אויף אים מיט רחמנות. אָבער וואָס ווייסט דער נאַרישער מענטש? דער יודע מחשבות ווייסט אַז ער איז זיך נישט מצער, אַפֿילו ער זאָל דאַרפֿן דאָס לעצטע קישן פֿאַר־קויפֿן. ער פֿאַרשטייט דעם צייכן. נאָר עטלעכע גילדן האָט ער באַ־האַלטן, אַפֿילו דבֿורהלע זאָל נישט וויסן. צען זלאָטעס צו באַצאָלן פֿאַר דעם מפֿטיר יונה און אַ פּאָר גילדן צו פּראַווען אַ שלום זכר און ברית. ווערליק די גרייס פֿון זײַן דחקות, ווערט עס זיכער זײַן אַ פֿולע ישועה — אַ בן זכר.

* * *

אַלע ייִדן וויינען דאָך אין דעם יום הדין, נאָר גאַנץ קהל האָט נישט אויסגעגאָסן אַזוי פֿיל טרערן ווי פֿאַל איטשע־דוד. עולם האָט גע־מיינט אַז עס איז איבער דעם אומגליק מיט דער מאַראַטאָריע. אָבער די תּפֿילות וועגן פּרנסה האָט ער אָפּגעזאָגט אין געאײַל. עס שטייט דאָך אין מחזור, מע טאָר עס נישט אויסלאָזן. אָבער איטשע־דוד האָט געוווּסט וואָס ער וויל, און אויף וואָס ער בעט. ער וויל אָפּשרײַען אַן אַלטע גזירה — פֿופֿצן יאָר אַלט. דורך די שערי־דמעות זיך אַרײַנ־רײַסן צו די שערי־רחמים, אַ שטורעם־טאָן מיט דעם מפֿטיר יונה און אויפֿברעכן דעם שלאָס, און די טראַכט פֿון דבֿורהלען ווערט, מיטן אויבערשטנס הילף, געעפֿנט ווערן און געבענטשט ווערן.

ייִדן זיצן האַלב־פֿאַרחלשטע אויף די שול־בענק. די טרערן האָבן אָוועקגעוואַשן די שרעק פֿאַר דעם יום הדין. תּשובֿה ותּפֿילה וצדקה מעבֿירין את רע הגזרה. צדקה האָט מען, ברוך השם, געגעבן ערבֿ יום כּיפּור מער ווי פֿאַל מען מעג אין אַזאַ אָרעמקייט. נו, און תּפֿילה און תּחנונים, און אַ צעבראָכן האַרץ... זכות אַבֿרהם יצחק ויעקבֿ איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. מע קוקט מיט האָפֿענונג צום פֿענצטער צי עס האַלט שוין נאָענט צו „פּנה יום“, זמן מינחה.

די זון איז שוין נידעריק, דער גבאי גיט אַ קלאַפּ אין שולחן: „פּופּ־ציק גראָשן פאַר פּתיחת הארון!"

יידן קויפן מיצוות, צוואָרפן נאָך עפּעס אויף דער וואָגשאָל פון זכותים. אַלע קרעמער וואָס פאַרקויפן צו פויערים אויף באַרג, תבואה־סוחרים, בהמות־קויפער וואָס קויפן ביי פויערים און צאָלן אין דאָס געלט פון פאַרויס, אַלע האָבן זיי געליטן פון דער מאַראַטאָריע. פון דעסט וועגן האָט מען אויסגעגעבן נאָך אַ פּאָר גראָשן צו קויפן נאָך אַ מיצווה. אָט רופט שוין דער גבאי אויס: „אַ זלאָטע פאַר מפטיר יונה".

יעדעס יאָר גיט איטשע־דוד גלייך צען זלאָטעס. היינט פּרובירט ער מיט פינף.

„פינף גילדן מפטיר יונה. פינף גילדן מפטיר יונה, צום ערשטן מאָל!"

„צען," פּרייכט אויס מיט אַ הייזעריקן קול דער גראָבער קאַבילאַק.

דער גבאי ווערט צעטומלט. ווי קומט קאַבילאַק צו מפטיר יונה? אָבער ער מוז טאָן זיין חוב, רופט ער: „צען גילדן מפטיר יונה!"

אַבֿרהם קאַבילאַק, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן „דער גראָבער וורום", פירט מיסחרים וואָס האָבן צו טאָן מיט גרענעצן. די מיסח־רים זענען ניט אינגאַנצן כשר לויט „זייער" ספר פּראַלניק. אָבער זיי מאַכן עס בכיוון טריף כדי מע זאָל דאַרפן „שמירן", און „אַז מע שמירט פאָרט מען". אַ קליין „קנעפּל" גיט מען אַ שיבוש אין דער יד אַריין, אַ גרויסן „אדון" דאַרף מען געבן אַ סך. אָבער צו דעם זענען זיי דאָך גרויסע שישקעס. אַז מע צאָלט אַ פּרייז, קאָן מען דורכ־קומען אַפילו מיטן גובערנאַטאָר אַליין.

היי־יאָר האָט וורום געטאָן זאַכן וואָס מע טאָר נישט. די מכשפה, דאָרט אין דער קנייפּע, זי האָט אים אָפּגעקאָסט אַ שטיק גאָלד. זאָל זי דערשטיקט ווערן מיטן געלט און מיט איר גאַנץ טריף לייב און לעבן. אָבער היינט איז אַ יום הדין, און אויבן איז אַלץ פאַרשריבן. ער קאָן נישט אָפּקומען מיט גאָרנישט... ער וויל דען אָפּקומען מיט גאָרנישט? ער איז גרייט צו צאָלן צען זלאָטעס!

„צען זלאָטעס מפטיר יונה!" רופט אויס דער גבאי.

איטשע־דוד זיצט אַ מינוט צעטומלט.

„צען זלאָטעס מפטיר יונה צום ערשטן מאָל!"

„מיט פופציק גראָשן!" שרייט אויס איטשע־דוד.

„פופצן!" שרייט וורום העכער.

„מיט פופציק גראשן," זאגט איטשע־דוד מיט געבעט.

„צוואנציק!"

מילא, וועט נישט בלייבן אויף צו פראווען א ברית. ס'איז דאך א סעודת מיצווה, וועט דער אויבערשטער ממלא זיין. „מיט פופציק גראשן!"

„צוואנציק מיט פופציק גראשן פאר מפטיר יונה!" רופט דער גבאי.

„דרייסיק!" שרייט דער גראבער וורום.

אפגעשוואכט פון תענית איז מען באלד נאך מוסף ארויס אין שול־הויף. ביז מע וועט פארקויפן די עליות און זיך שטעלן דאווע־נען מינחה, קאן מען דערווייל כאפן א ביסל פרישע לופט. איבערן הויף זענען געשטאנען רעדלעך שמועסערס. מ'האט גערעדט צו פאר־שרייען דעם הונגערס בורטשען אין די געדערים. וועגן יידישע צרות האט מען געשמועסט אין איין רעדל, וועגן פאליטיק, אין אן אנדער רעדל. צוריקגעשמועסט איז עס היינו הך, די אייגענע זאך... וואס איז דען דער שונא ישראל, גראבסקי, אויסן מיט זיין פאליטיק? אנצוטאן יידן צרות איז ער אויסן. צוצונעמען ביי זיי די פרנסות איז ער אויסן.

משה חיים דער „פאליטיקער" האט געלערנט פשט אויף א נייער גראבסקי־גזירה, און גערדייט מיט אן אויסגעשטרעקטן גראבן פינ־גער צוצוהעלפן די הסברה. דערווייל האט מען זיך אין הויף געכאפט אז עס טוט זיך עפעס אין שול. משה חיים האט נישט באוויזן צו פארענדיקן זיין סברה און דערזען אז ער איז געבליבן אליין. דער קליינער ברוכל האט גענומען א שמעק טאבאק אין שול־הויף און זיך שוין אויסגעניסט אין פאליש, אויף דעם עולם וואס האט זיך געשטופט אין שול אריין. לייבוש האט גענומען ביי א שכן א פלע־שעלע „הארצשטארק" א שמעק צו טאן צו דערמונטערן דאס פאר־חלשטע הארץ. דערזען א געלויף, האט ער געגעבן אזא טיפן צי מיט דער נאז אז דער שארפער אמאניע־ריח איז אים דערגאנגען ביז אין קאפ אריין, אזש די אויגן זענען ארויס פון די לעכער.

„דרייסיק גילדן פאר מפטיר יונה," רופט דער גבאי, „דרייסיק גילדן מפטיר יונה צום — — — "

איטשע־דוד האט געהאט געהאפט צו געפינען א קונה אויף דעם אלטן שפייכלער און פאר דעם געלט אויספארטיקן דעם נייעם. לאזן די בלויזע ווענט שטיין און פוילן, חלילה, איז מען דאך עובר אויף

בל תשחית. אָבער וואָס קאָן ער איצט טאָן? פֿאַרפֿאַלן, דער אויבערשטער איז אַ טאַטע.

„און פּופּציק גראָשן," קרעכצט איטשע־דוד.

„דרײַסיק מיט אַ האַלב פֿאַר מפֿטיר יונה!" רופֿט דער גבאי.

„פּופּציק זלאָטעס," שרײַט וורום אויס. אויב ס'איז כּדאַי זיך צו דינגען, וועט ער עס נישט אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט.

ער וועט פֿאַרקויפֿן דעם אַלטן שפּײַכלער און דעם נײַעם, באַשליסט איטשע־דוד. אַ ברויט? „מן דיהיב חיי — יהיב מזוני," — וועד עס גיט לעבן, גיט צום לעבן. ער וועט גיין איבער די הײַזער צו ברענגען ברויט פֿאַר זײַן קינד.

„מיט פּופּציק גראָשן," הערט מען קוים איטשע־דודן.

„פֿינף און זיבעציק," שרײַט וורום נאָך אײדער דער גבאי רופֿט אויס איטשע־דודס הוספֿה. וורום האָט „בלוט" צו צאָלן אַ פּרײַז.

איטשע־דוד רעכנט פֿיבערדיק וואָס נאָך פֿון שטוב ער קאָן פֿאַרקויפֿן. זײַנע נײַע שטיוול קאָן ער פֿאַרקויפֿן.

„מיט פּופּציק גראָשן," רופֿט ער ווי אַ טרינקענדיקער.

„פֿינף און זיבעציק מיט פּופּציק פֿאַר מפֿטיר יונה!"

„הונדערט!" לאָזט קאַבילאַק נישט אָפּ.

איטשע־דוד ציטערט ווי אַ בלאַט. די אַנגסטן גיסן זיך פֿון אים, די אויגן רויט מיט פֿיבער, די באָרד נאַס פֿון טרערן און שווייס. עס איז די לעצטע רגע פֿאַר דער ישועה, האָט דער שׂטן־מקטרג אונטערגעשטעלט דעם וורום. ניין, ער וועט נישט נאָכגעבן. פֿאַר דעם טיש און שטולן קאָן ער אָפּנעמען אַ צען זלאָטעס. דאָס לעצטע העמד וועט ער אַוועקגעבן! ס'איז אַ ניסיון. דער אויבערשטער וויל אים אויספּרווון וויפֿל ער איז גרייט אַוועקצוגעבן.

„ר' אַבֿרהם," מישט זיך דער רבֿ אַרײַן און וויל צוריקהאַלטן דעם צעהיצטן וורום.

„רבי, מײַן געלט ציילט זיך נישט? אַז וורום וויל עפּעס, קאָן עס קיינער בײַ אים נישט אויסקויפֿן."

„מיט פּופּציק גראָשן," הערט זיך ווידער איטשע־דודס פֿאַרחלשט קול.

„הונדערט און פּופּציק זלאָטעס!" גיט קאַבילאַק אַ געשריי און אַ טויט־שטילקייט כאַפּט אַרום די שול.

אַפֿילו ער זאָל פֿאַרקויפֿן אַלץ וואָס ער האָט, קאָן ער נישט צוזאַמענשטעלן קיין הונדערט און פּופּציק זלאָטעס, ווייסט איטשע־

דוד. דער ניסיון איז אפשר דער היפוך פון דעם וואס ער האט גע־מיינט. דער שטן וויל אים דערפירן צו ווערן א „נודר ואינו משלם". טאן א נדר ווען ער ווייסט אז ער וועט עס נישט קאנען באצאלן? חלילה!

די קעל האט אויסגעטרוקנט ביי דעם גבאי, שווער אים ארויס־צוברענגען א ווארט. אבער עס איז א יום הדין, קיינער טאר נישט מישפטן קיין שום יִיד אחוץ דער בורא עולם אליין. קרעכצט דער גבאי ארויס: „הונדערט און פופציק גילדן מפטיר־יונה צום ערשטן מאל, הונדערט און פופציק גילדן מפטיר־יונה צום צווייטן מאל." ער קוקט זיך ארום, אפשר וועט דאך קומען א ישועה. נאר פון דער ווייבערשער שול הערט זיך א שטיל פישטשען ווי פון א קראנק פייגעלע. „הונדערט און פופציק גילדן מפטיר־יונה צום — — צום דריטן מאל!"

דער רב זיצט, דאס פנים פארדעקט מיט די הענט. ער וויל בעטן קאבילאקן ער זאל אוועקשענקען דעם מפטיר־יונה איטשע־דודן. אבער ווי אזוי זאגט מען עס דער אברהם זאל מסכים זיין? „ר' אברהם," רופט דער רב, „איך וועל היינט האבן א גרויסע מיצווה, איר ווילט אפקויפן דעם שכר?"

„וויפל?" פרעגט קאבילאק אין זיין געשעפטס־טאן. זיינע נאז־לעכער צעשפרייטן זיך ווי שטענדיק, ווען ער דערשמעקט א מציאה. „דעם מפטיר יונה."

קאבילאק איז אנטוישט. „מפטיר יונה איז דאך אליין א גרויסע מיצווה."

דער רב גיט א קוק אויף איטשע־דודן און באשליסט צו צאלן א הויכן פרייז.

„א העלפט פון אלע מיינע זכותים פון א גאנץ יאר."

קאבילאק זעט אז מע קאן זיך דינגען: „רבי, הונדערט און פופ־ציק זלאטעס איז א גרויסע מטבע."

„אלע מיינע זכותים פון א גאנץ יאר," זאגט דער רב. „זיך וועל איך איבערלאזן צו חסדי שמים."

קאבילאק דערפילט אז צופיל מציאה איז אויך נישט גוט: „א העלפט איז געווג."

דער רב דערלאנגט קאבילאקן די האנט. „יישר כוח, ר' אברהם, אין דעם זכות זאלט איר האבן א חתימה טובה." און רופט צום גבאי: „איך שענק עס ר' איטשע־דודן."

די מליצים טובֿים האָבן גובֿר געווען, איז איטשע־דוד געווען זיכער, און אַפֿילו אים מזכּה געווען מיטן גאַנצן געלט צו קאָנען פּראַווען אַ סעודת מיצווה כּדבעי.

* * *

„לכּבֿוד גאָט, לכּבֿוד זײַן געבאָט, לכּבֿוד דעם ליבן שבת קודש, וואָס אונדזער האַר גאָט האָט אונדז געגעבן און האָט אונדז געבאָטן די ליבע מיצווה אַז איך זאָל זי קאָנען מקיים זײַן, און זי זאָל זײַן גערעכנט ווי כּל תּרי״ג מיצוות, אָמן, כּן יהי רצון.

„ריבונו של עולם, מײַן מיצווה פֿון ליכט־צינדן זאָל זײַן פֿאַר דיר אַזוי אָנגענומען ווי די מיצווה פֿון דעם כּהן גדול ווען ער האָט אין בית־המיקדש די ליכט אָנגעצונדן.

„האַר פֿון דער וועלט, פֿאָטער פֿון אונדזער פֿאָלק, דו ביסט הייליק און דו האָסט געהייליקט דײַן פֿאָלק ישׂראל, און דו האָסט געהייליקט דעם שבת. דו האָסט אונדז אויסדערוויילט צו ערן און ערלעך צו האַלטן דעם שבת מיט אַלע זאַכן, ווי אַ מלך האַלט ערלעך זײַן מלכּה, ווי אַ חתן האַלט ערלעך זײַן כּלה. דו האָסט מיר, דײַן דינסט, געגעבן די מיצווה דעם שבת מיט ליכט צו באַלויכטן. צוויי ליכט כּנגד 'זכור' און 'שמור', דײַנע צוויי געבאָטן וועגן דעם הייליקן שבת. נר נר — תּיו קוף מספּרם. צוויי מאָל נר באַטרעפֿט פֿינף הונדערט, כּנגד די איברים של איש ואשה. בזכות זה זאָלסטו, השם יתברך, היילן די גלידער פֿון דעם מאַן פֿון דעם הויז און פֿון מיר, דײַן דינסט. הייל אונדזערע גלידער און בענטש זיי מיט געזונט און אין זכות פֿון די הייליקע שבת־ליכט זאָל אונדזער הויז באַשײַנען ווערן מיט ליכט און פֿרייד פֿון קינדער וואָס זאָלן לערנען דײַן הייליקע תּורה און מקיים זײַן דײַנע מיצוות.

„פֿאָטער אין הימל, פֿאַרנעם מײַן געבעט און נעם ניט פֿאַר אומגוט מײַנע טרערן אין דעם הייליקן שבת וואָס דו האָסט אונדז געבאָטן צו ערן מיט פֿרייד און מיט זמירות 'כּי מרב שׂיחי דברתי עד הנה ואשפּוך את נפֿשי לפֿניך', וואָרעם פֿון גרויס קלאָג רעד איך צו דיר און גיס אויס מײַן האַרץ פֿאַר דיר. דו האָסט זיך צוגעהערט צום געבעט פֿון אונדזער מאַמע רחל, עליה השלום, זי זאָל ניט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר די דינסטן, און זי געבענטשט מיט אַ זון, יוסף הצדיק. דו האָסט דערהערט דאָס געבעט פֿון חנה, עליה השלום, און איר געגעבן דאָס געבעט וואָס זי האָט געבעטן בײַ דיר

אין מישכן שילה. שענק אויך דײַן חסד צו דײַן דינסט דבורה בת חנה ריבקה, און טו אָפּ די פֿאַרשעמטקייט פֿון אונדזער הויז און בענטש מײַן טראַכט מיט קינדער וואָס זאָלן טאָן דײַן רצון, מקיים זײַן דײַנע מיצוות, לערנען דײַן תורה, און אָכפּערן מיט פֿרייד דעם הייליקן שבת. זאָל דײַן ברכה צו אַבֿרהם אָבֿינו, עליו השלום, צו מערן זײַנע קינדער ווי די שטערן אין הימל און זאַמד אויף דער ערד, חל זײַן אויך אויף מיר, דײַן דינסט. ווי דו גיסט פֿרוכטבאַר־קייט צו דעם בוים אין גאָרטן, און צו דעם גראָז אין פֿעלד, זאָלסטו מיך אויך בענטשן מיט פֿרוכטבאַרקייט. אָמן, כּן יהי רצון."

דבורהלע האָט געמאַכט די ברכה איבער די שבת־ליכט, אויס־געווישט די אויגן, און צוגעווונטשן גוט־שבת. איטשע־דוד האָט גע־ענטפֿערט „גוט שבת", און אַ האָפֿערדיקער זיך געלאָזט גיין אין שול אַרײַן. דבורהלעס אַן עלטער־מומע האָט צוגעשיקט די תחינה פֿון אַ ירושלימער כּולל. דער בריוו איז אָנגעקומען צומאָרגנס נאָך יום כּיפּור. די מומע האָט אויך געשריבן אַז זי האָט מתפּלל געווען פֿאַר דבורהלען בײַם כּותל מערבֿי און אויפֿן קבֿר פֿון איר מאַן ז"ל, דעם מקובל. בײַ איטשע־דודן איז מער קיין ספֿק נישט געווען אַז די תּפֿילות זענען אויסגעהערט געוואָרן, און אַז די ישועה קומט.

* * *

וורום קאַבילאַק האָט באַלד נאָך יום כּיפּור געמאַכט עטלעכע גוטע מיסחרים. דעם רבֿס „זוכיסן" וואָס ער האָט אָפּגעקויפֿט, האָט וורום געטראַכט, און זיך צוגעזאָגט מער זיך נישט אָפּצושטעלן אין יענער קנײַפּע, נישט קאַליע צו מאַכן דאָס מזל. אָבער גראָד ווען ער איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן יענעם מקום, האָט אַ שד זיך אַרײַנגעלייגט אין די רעדער, און געסקריפּעט און געפּײַפֿט. ער האָט געמיינט אַ ראָד ברעכט זיך, אַן אַקס שפּאַלט זיך, צי וואָס דאַרט פֿאַראַ כאַליערע. מער פֿעלט אים נישט, נאָר דער וואָגן זאָל זיך צעפֿאַלן גראָד אויף דער גרענעץ. אַראָפּ פֿון וואָגן, אַ קוק טאָן, איז ער שוין אַרײַן אין דער קנײַפּע. די שדעכע איז דאָרט געווען און געשפּאַרט זיך אויף אים מיט איר יאַדערדיק לײַב אַז ס'האָט אים משוגע געמאַכט. ווען ער איז צוריק אַרויף אויפֿן וואָגן, האָט אַ ציטערניש אים אָנגענומען. וורום, וואָס האָט געהאַט „בלוט" צו גיין אויף די ערגסטע גרענעצן, איז איצט געווען זיכער אַז דאָס מאָל וועט עס נישט גיין, און די גאַנצע סחורה וועט „פֿאַרברענט" ווערן. וורום האָט „בלוט" צו גיין

אויף אַ גרענעץ, ער האָט „בלוט" אַרײַנצורוקן אַ מטבע אין דער יד אַרײַן דעם גרעסטן אָדון, ער האָט אויך „בלוט" אויסצודרייען באַ־צײַטנס דעם דישל אויף צוריק. ער איז צוריקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, אַרײַנגעפֿאַלן צום רבֿ: „רבי, זינט יום כיפּור גייט עס מיר דורך טיר און טויער, כ'שאַר גאָלד. זאָגט וואָס איר ווילט, און כ'על געבן."

„טאָן אַ מיצווה איז אַ גרויסע זאַך. זײַ אַ ייִד, האַנדל ערלעך, קום נישט צוריק מיט דײַן וואָגן אַ שטאָך אין שבת אַרײַן, וועט דער איבערשטער דיר מטיבֿ זײַן."

דער רבֿ האָט גערעדט ווי ער וואָלט געהאַט אַ „ביוך", און אַלץ דערשמעקט. ווּרום איז געוואָרן נאָך מער פֿאַרציטערט. ער וועט זיך מער נישט אָפּשטעלן בײַ דער קנײַפּע, ער זאָל אַפֿילו די ניכפּע אײַנגעמען. ניין, ער וועט קיינמאָל נישט צוריקקומען אַ שטאָך אין שבת אַרײַן. אָבער ער דאַרף „זוכיסן" שוין איצט. די סחורה איז אויפֿן וואָגן, און „דאָרט" וואַרט מען אויף איר. „רבי, זאָגט וואָס איר ווילט, אַ טאַלמע־תּורה, אַ נורעמע כּלה, וויפֿל איר ווילט, רבי."

דער רבֿ האָט נישט געוווסט וואָס קאָבילאָקס מיסחר איז. אַ ייִד, אַ סוחר, וואָס וויל טאָן גוטס. „אַדרבה," האָט דער רבֿ געענט־פֿערט און זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ רגע. „האָסט אַנגעהויבן מיט אי־טשע־דודן, העלף אים ווײַטער. ער וועט דיר אָפּגעבן ווען ער'ט צו־ריק קריגן זײַן געלט. העלף אים אַרויספֿאַרטיקן זײַן שפּײַכלער, באָרג אים צו קויפֿן אַ ביסל סחורה. דער איבערשטער וועט דיר מטיבֿ זײַן דערפֿאַר."

ווּרום איז גלײַך פֿון בית־דין שטוב געלאָפֿן צו דאַווידאָוויטשן אין האָלץ־סקלאַד, אײַנגעקויפֿט קראַקוועס אויפֿצושטעלן דעם געבוי פֿון דאַך, ברעטער צו באַדעקן די קראַקוועס, פּאַפּע צו באַדעקן די ברעטער. אַוועק אין אײַזן־געשעפֿט, באַצאָלט פֿאַר נעגל און פֿאַר סמאָלע צו שמירן דעם דאַך. ניין, ער וועט הײַנט ניט מאַכן איינע פֿון זײַנע שטיקלעך. ער וועט ניט „אַראָפּלקחנען אַ מוציא פֿון דער חלה." ער וועט באַצאָלן דעם פֿולן פּרײַז וואָס דער רבֿ האָט פֿאַר־לאַנגט, אַפֿילו בעלי מלאכות געדונגען, אַפֿילו אײַנגעקויפֿט אַ ביסל תּבֿואה מע זאָל אַרײַנשיטן אין שפּײַכלער אַרײַן ווי נאָר ער וועט פֿאַרטיק ווערן. אָפּגעטאָן דאָס אַלץ האָט ער זיך נאָך אַרײַנגעכאַפּט אין „סמעדריש" צו מינחה־מעריבֿ, און באַלד זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן.

* * *

איטשע־דוד איז די נאַכט אײַנגעשלאָפֿן שפּעט, מיטן לוח אין זיכּרון, און מיט אַ האַרץ פֿול ביטחון. די נאַכט פֿון ראש חודש חשוון דאָס וועט זײַן דאָס לעצטע מאָל ווען זיי ציילן טעג. נאָכדעם וועלן זיי שוין ציילן חדשים, נײַן חדשים... דער אייבערשטער וואָרט אַמאָל, אָבער ער איז אַ בטוח... ער האָט צוגענומען דעם קרבן — איטשע־דודס עשירות און פּרנסה, וועט ער, ברוך השם, געבן די אַנדערע ברכה. איטשע־דוד זעט עס באַשײַנפּערלעך. מיט איינמאָל פֿון זײַן אַ גבֿיר ביז ווערן אַ מחוסר לחם? ס׳איז דאָך קלאָר ווי אויף דער האַנט, ס׳איז דאָך ממש אַזוי ווי ער האָט מתפּלל געווען. אויבן פֿאַרשריבן געוואָרן וואָרט פֿאַר וואָרט, און אַז עס איז מרוצה געוואָרן ווערט עס מקוים גענוי ווי ער האָט עס מתפּלל געווען. געלויבט השם יתבּרך דערפֿאַר! איטשע־דוד האָט איצט שוין, ממש, געהערט אַ געלעכטער פֿון אַ קינד קאַלערן זיך צווישן די פֿיר ווענט פֿון זײַן הויז, און געזען אין דבֿורהלען אַ נײַעם חן, דעם חן פֿון אַ מאַמע...

* * *

דבֿורהלע האָט זיך איבערגעוועקט פֿאַרטאָג פֿון אַ רעש און געקלאַפּערײַ אין הויף. זי איז אַרויס פֿון בעט, אָוועקגעבויגן אַ שטיקל פֿאָרהאַנג בײַם פֿענצטער, און געבליבן שטיין געפּלעפֿט. וועגענער האָבן אָפּגעלאָדן בעלקעס און ברעטער, בעלי מלאכות האָבן געמאָסטן, געקלאַפּט, און געזעגט. אַרום דעם שפּייכלער האָט זיך געטומלט ווי אַרום אַ בינשטאָק. „איטשע־דוד, איטשע־דוד, האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט!"

אַ קוק אַרויס געטאָן דורכן פֿענצטער, און די קני האָבן זיך בײַ איטשע־דודן אונטערגעבראָכן. דער אייבערשטער האָט צוריקגעוואָרפֿן זײַן קרבן. דבֿורהלע האָט געעפֿנט אַ שפּאַרע פֿון דער טיר אַרויסצוקוקן. האָט ער ממש געזען ווי דאָס קינדערישע געלעכטער איז אַרויסגעפֿלויגן דורך דער שפּאַרע. ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום בעט, און אַוועקגעזעצט זיך ווי אַן אָבֿל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס קאָפּ איז אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿון קאָפּ. דבֿורהלע איז צוגעלאָפֿן, עס אויפֿגעהויבן, און עס אים דערלאַנגט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און דערזען, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט, אַן עקרה.

אַ גאַנצן טאָג האָט איטשע־דוד כמעט אין מויל נישט גענומען. אַ ברכה געמאַכט, און קוים אַ כזית אַראָפּגעשלונגען, סע זאָל נישט זײַן אַ ברכה לבטלה. בײַנאַכט האָט דבורהלע זיך איבערגעוועקט און געהערט פון אַנדערן בעט איטשע־דודס פאַרשטיקט געוויין. דבורהלע האָט נישט געגעבן קיין צייכן אַז זי איז וואַך. זי איז געלעגן אין איר בעט, פאַרקלעמט דאָס מויל נישט אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ, נאָר איר האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט בײַ זײַן יעדן כליפּ.

דעם פרימאָרגן איז דבורהלע אויפגעשטאַנען פריִער ווי שטענ־דיק און זיך פיבערדיק גענומען אַרבעטן. געוואַשן און אויסגע־פרעסט איטשע־דודס וועש, פאַרצערעוועט זײַנע זאָקן, גערוימט און געפוצט די שטובן. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אַלעם, האָט זי אַרויס־געשטעלט אַ קיישל אינמיטן שטוב און גענומען אַרײַנלייגן אירע זאַכן... איטשע־דוד איז פריִער ווי שטענדיק אוועק צו מינחה־מעריב, און ווען פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט אַרומגעהילט די גאַסן, האָט דבורהלע זיך אַדורכגעשלייכט מיט איר קיישל צו איר טאַטנס שטוב.

* * *

שוין די דריטע נאַכט בײַ איר טאַטן אין הויז, אין איר בעט פון די מיידלשע יאָרן. אין פענצטער גרויט שוין פרימאָרגן. זי וויל דורך דער נעץ רויטע אָדערלעך אויף אירע געשוואָלענע אויגן דערזען די עקרהדיקייט פון איר פאַרשעמטן גוף. זי וויל זיך נוקם זײַן אָן דעם גוף וואָס קאָן קיין מאָמע נישט זײַן, און איבער דעם אויך קיין ווײַב נישט זײַן. זי וויל דעם גוף נאָך מער פאַרשעמען מיט איר בליק. פּלוצעם, אַ קלאַפּ אין טיר, און איטשע־דודס קול: „כ׳על קומען פרי פון דאַווענען, קאָך אָפּ אַ גריץ אויף אָנבײַסן. קאָך אָפּ מער, עס זאָל אויך זײַן פאַר די בעלי מלאכה.‟

דבורהלע האָט געכאַפּט עפּעס אויף זיך און געעפנט די טיר. זי האָט שוין געזען נאָר זײַן רוקן. איטשע־דוד, מיטן טלית־זאַק אונ־טערן אָרעם, האָט זיך דערווײַטערט מיט אַ שנעלן טריט.

* * *

איטשע־דוד האָט צוגעזען אַז דער שפּײַכלער זאָל געמאַכט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. און אַז ער האָט ווידער אָנגעהויבן קויפן, האָבן פּויערים גענומען צופירן מיט זײַער תבואה צום שפּײַכלער אַפילו ווען ער האָט זיי נישט גערופן. איטשע־דוד האָט קיינעם נישט

אָפּגענאַרט — נישט מיט דער וואָג און נישט מיטן פּרײַז — האָט מען גערן געטאָן מיט אים מיסחר. שפּע האָט ווידער גענומען פֿליסן אין איטשע־דודס הויז אַרײַן.

* * *

„נו, וואָס וועט זײַן דער תּכלית?" האָט דער אַלטער אַהרן ווי־דעראַמאָל געמאָנט בײַ איטשע־דודן. איטשע־דוד האָט נישט גע־ענטפֿערט. אַהרן האָט דערזען שטאָל אין זײַן זונס גרויע אויגן, און מער וועגן דעם נישט גערעדט. צו וואָס נאָך גורם זײַן דער זון זאָל עובֿר זײַן אויף כּיבוד אָבֿ, אַז פּועלן וועט ער סײַ ווי נישט.

* * *

יום כּיפּור פֿאַר מנחה. דער גבאי האָט אויסגערופֿן: „אַ זלאָטע מפֿטיר יונה". אַלע האָבן געקוקט צו איטשע־דודן. ער איז אָבער גע־בליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פֿאַרמאַכטע אויגן, און גע־שוויגן. דער גבאי האָט געוואַרט. דער עולם האָט געוואַרט. אַ מור־מלעניש איז אַדורך די שול. ער שלאָפֿט? אפֿשר פֿאַרחלשט פֿון תּענית? „ר' איטשע־דוד!" האָט דער רבֿ אַ רוף געטאָן.

ניט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, ניט געעפֿנט די אויגן, נאָר אַ רוף געטאָן: „צען זלאָטעס".

„צען זלאָטעס מפֿטיר־יונה צום ערשטן מאָל, צען זלאָטעס צום צווייטן מאָל, און צום דריטן מאָל," האָט דער גבאי באַלד צוגע־קלאַפּט.

איטשע־דוד האָט זיך שווער אויפֿגעהויבן, צוגעגאַנגען צום גבאי און אים אײַנגערוימט: „איך בין מכבד לייזער־עליען."

לייזער־עליע איז שוין פֿינף יאָר נאָך דער חתונה. זאָל ער האָבן דעם מפֿטיר יונה און זאָל עס אים זײַן צו ישועה. אויב עס וועט אים, איטשע־דודן באַשערט זײַן, וועט דאָס אָוועקגעבן דעם מפֿטיר יונה נישט גורם זײַן, חלילה, קיין מניעה. ווי די הייליקע חז״ל זאָגן: ווער עס בעט פֿאַר זײַן חבֿר ווערט אַליין געהאָלפֿן.

„יעמוד ר' אליעזר אליהו בן ר' שלמה מפֿטיר!" האָט דער בעל קורא אויסגערופֿן. אין דער ווײַבערשול האָט דבֿורהלע פֿאַרכאַפּט אַ כליפּ נאָך איידער ער האָט אַרויסגעבראַכן. ניין, ס'איז, חלילה, נישט

קיין חרפּה צו וויינען אין דעם יום הדין, אָבער וואָס איז דאָ צו וויינען? איטשע־דוד האָט אָנגענומען דעם גזר און שלום געמאַכט מיט אים. טאַטע אין הימל, נאָר דו ווייסט ווי גרויס ס'איז מײַן צער, מײַן חרפּה, צוועלף מאָל אין יאָר צו זען אים וואַרטן אויף אַ בשורה און דאַרפֿן אים זאָגן: ניין, ס'איז נישט באַוויליקט געוואָרן. מיר זאָל זײַן פֿאַר אים, ריבונו של עולם.

„אָב הרחמים, אוודאי בעט איך בײַ דיר געזונט און יאָרן. אָבער, גיב איטשע־דודן מער יאָרן. עס איז דאָך נישט אויסער דעם סדר פֿון דײַן וועלט אַ מאַן זאָל אויף דער עלטער נאָך אויפֿשטעלן דורות. שענק אים אַריכת ימים, טאַטע אין הימל! און ווען איך וועל שוין מער נישט לײַדן פֿון חרפּה און קינאה, די אייטעלע מידות פֿון דער זינדיקער וועלט, בענטש אים מיט די ברכות וואָס זענען מיר נישט באַשערט געווען צו טיילן מיט אים. אָמן.״

אַז מ'האָט נישט קיין מזל...

I

ער האָט געפֿאַסט אין טאָג פֿון זײַן חתונה, אַפֿילו קיין שלוק וואַסער נישט גענומען. נישט מחמת ער האָט זיך געוואָלט פֿירן לויטן שולחן ערוך. אַפֿילו אין דער אַלטער היים ווו ער איז געווען העבּרעיִשער לערער האָט ער שוין געהאַט סאָציאַליסטישע נייגונגען און געפֿילט אַז פֿרומקייט איז רעאַקציע און צוריקגעשטאַנענקייט. ער האָט געפֿאַסט מחמת ער האָט נישט געקאָנט עסן, און ער האָט נישט געקאָנט עסן ווײַל ער האָט געטראַכט. ער האָט געטראַכט אַז דאָס מיידל גיטאַ זילבערבערג טוט אין אים אַ גוטן שידוך, זייער אַ גוטן שידוך. אין דער אַלטער היים וואָלט מען געזאָגט אַז זי כאַפּט אין אים די גרעסטע מציאה. קיין נדן ברענגט זי אים נישט. מילא, דאָ איז עס נישט אײַנגעפֿירט. און אויב עס וואָלט דאָ יאָ געווען אײַנגעפֿירט וואָלט איר טאַטע דען געהאַט צו געבן? לעאָן זילבערבערג, דער גיטאַס טאַטע, איז אַ קאַטער, אַ צושנײַדער אין אַ שאָפּ פֿון קליידער, טאַקע אין דעם זעלביקן שאָפּ ווו ער, פּאָול, איז דער פֿאָרמאַן. קאַטערס פֿאַרדינען נישט ווייניקער ווי אַ פֿאָרמאַן, און דער גיטאַס טאַטע מאַכט אַ גאַנץ שיין לעבן. דאָ אין אַמעריקע אַז מען זאָגט „מאַכן אַ לעבן" מיינט מען האָבן פּרנסה, אָבער די זילבערבערגס לעבן טאַקע אַ גוטן טאָג. דער דאָלאַר איז ביי זיי אַ ממזר. די מאָלצײַטן וואָס מע קאָכט בײַ זיי, די קוכנס וואָס מע באַקט, ווי יעדער טאָג וואָלט געווען אַ יום־טובֿ, ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן בײַם אונטערגיין און מע דאַרף נישט טראַכטן וועגן מאָרגן. ווי זאָגט מען עס: אַ פֿולע קישקע און אַ ליידיקע פּישקע.

ניין, ער האָט נישט קיין מורא געהאַט אַז די גיטאַ וועט זײַן אַן אויסברענגערין ווי איר מאַמע. אַז עס ליגט צופֿיל אין אײַז־קאַסטן לייגט מען אַרײַן דעם גאַנצן קעז אין איין קרעפּל. אָבער ער ווייסט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן און האַלטן אַלץ אויפֿן אויג. טאַקע ווײַל ער איז אַזאַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר איז ער, כּמעט נאָך אַ „גרינער", שוין געוואָרן אַ פֿאָרמאַן. אַט איז ער אַ גאַנץ יאָר אַרומגעגאַנגען מיט

גיטאַן. געוואַלד, וויפֿל אוצרות מע פֿאַרתּכליעוועט דאָ אַז מע גייט אַרום מיט אַ מיידל. ער איז נישט קיין אויסברענגער, און גיטאַ שאַצט עס זיכער אָפּ. זי טוט אין אים אַ גוטן שידוך אויך ווײַל ער ווייס ווי משדך צו זײַן אַ פּעני מיט אַ פּעני, פֿון קערנדלעך זאָל ווערן אַ הייפּעלע און פֿון טראָפּנדלעך אַ טײַכעלע. ווען זי וועט פֿאַרשטיין אַז דער סוד פֿון דעם דאָלאַר ליגט אין דער פּעני, וועט זי ווערן אַ מענטש.

דעם אויסזען פֿון אַ מענטש איז נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. מע קאָן נישט זאָגן אַז די גיטאַ איז געווען אַ מיאוסע. מע קאָן אַפֿילו זאָגן: גאָרנישט מיאוס. מע קאָן זאָגן — — מע דאַרף דען לייגן אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן? ער האָט זיך דאָך — מע קאָן זאָגן — פֿאַרליבט אין איר. ווען זי איז מיט אים ברוגז געוואָרן און אָוועקגעפֿאָרן צו אַ קרובֿ אין ניו יאָרק איז ער דאָך — — וואָס איז דאָ פֿאַראַן לאַנג צו ברײַען? ער האָט געמוזט צעפּטרן אַ שיינע פּאָר דאָלאַר און פֿאָרן זי איבערבעטן. ניין, זי האָט נישט געטאָרט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. זי האָט געוווּסט אַז ער גרייט זיך צו עפֿענען זײַן אייגענעם שאַפּ און יעדער דאָלאַר איז וויכטיק.

אַז מע רעדט שוין וועגן אויסזען: די גיטאַ איז טאַקע נישט געווען קיין מיאוסע, אָבער אַ מאַנס אויסזען איז אויך נישט אָוועקצו־מאַכן מיט דער האַנט. איר טאַטע האָט געקאָנט עדות זאָגן אַז מער ווי איין נייטערקע האָט געקריגן פּאַר אים די ניכפּה. מע קאָן טאַקע נישט זאָגן אַז גיטאַ איז געווען אַ מיאוסע, אָבער מען האָט בײַ זיי צופֿיל געפּרעסן און גענאַשט זי זאָל זײַן אַזוי שלאַנק ווי ער. זי האָט געהאַט חן־גריבעלעך, דאָס מוז מען מודה זײַן, אַ ליבלעך גאָמ־בעלע מיט אַ באַטעמט גוידערל, איר הויט האָט געהאַט די פֿרישקייט פֿון דער מאַמעס מילך. זי האָט פֿון דעסט וועגן געכאַפּט אין אים אַ ריזן מציאה. מיט וואָס די זילבערבערגס האָבן עס זיך פֿאַרדינט, ווייסט ער נישט. שליאַכעס, אויסברענגערס, צעטומלטע מענטשן. ווען דער לעאָן זילבערבערג וואָלט אַפֿילו געשפּאָרט וואָלט ער נישט געהאַט צו באַצאָלן וואָס אַזאַ אײדעם איז ווערט. ווען די גיטאַ — — מענטשן האָבן מזל, קריגן דאָס בעסטע פֿאַר גאָרנישט, נאָר ער מוז פֿאַר אַלעם באַצאָלן מיט ממים און דמים. לא די, די לאָ! נישט גענוג זי האָט נישט אַרײַנגעבראַכט אַ פּרוטה האָט ער נאָך געמוזט לויפֿן זי איבערבעטן און, חוץ אויף הוצאות קיין ניו יאָרק, צעפּטרט געלט אויף בלומען און אַ בראַזלעטל. מע קאָן זײַן אַ מענטש און

האָבן דעם קאָפּ אויף דער רעכטער זײַט, אָבער אַז מען האָט נישט קיין מזל...

פֿאַר וואָס די גיטאַ האָט געווינטשט בײַ דער חתונה האָט ער בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. זי האָט יאָ באַדאַרפֿט וויסן אים אָפּ־צושאַצן. איר טאַטע איז שוין אין מאָנטרעאָל אַ יאָר דרײַסיק און איז נאָך אַלץ לעאָן זילבערבערג, ווי אין פּוילן. בײַ אים, אַ געוועזע־זענעם העברעיִשן לערער, איז פֿון פֿײַבל געוואָרן פֿאַוועל, און פֿון פֿאַ־ווועל — פּאָול. פֿון רויטמאַן איז געוואָרן ראָי. סײַ דער ערשטער נאָ־מען, סײַ דער פֿאַמיליע־נאָמען קאָן זײַן ענגליש און קאָן אויך זײַן פֿראַנצויזיש. אין פֿראַנצויזיש וועט עס זיך לייענען רואַ. ער איז, חלילה, נישט קיין אַסימילאַטאָר. אָבער אַז מען איז אין גלות צווישן גויִים דאַרף דער ייִדישער נאָמען נישט אויסרײַסן די אויגן ווען מען האָט אַ גרויסע ביזנעס. יאָ, ער האָט באַלד געוווּסט אַז ער וועט האָבן אַ גרויסע ביזנעס.

קיין מזל האָט ער טאַקע נישט, אָבער דערפֿאַלג האָט ער יאָ. ווי געזאָגט, איז ער נישט קיין אַסימילאַטאָר, ער איז דווקא גאַנץ טעטיק אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אַרײַנגעטרעטן אין דער בראָמאַ־לינער סאָסײַעטי איז ער באַלד געוואָרן סעקרעטאַר (זאָל עמעץ פֿאַר טשיקאַווען אַ קוק טאָן אין פּראָטאָקאָל־בוך און פֿאַרגלײַכן די גע־שרײַבעכצן פֿון די אַנדערע סעקרעטאַרן מיט זײַן פּערלדיקן כּתבֿ). געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „יוניאָן" און גענומען אַ וואָרט אין אַ דעבאַטע האָט מען באַלד אײַנגעזען אַז „דער יונגערמאַן ווייסט וואָס ער רעדט". סך הכּל איז ער דאָמאָלט געווען נאָר אַן אָפּערעיטאָר בײַ אַ ניי־מאַשין, און שוין געוואָרן אַ חשובֿ אין זײַן פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין.

טאָ וואָס האָט די גיטאַ אַזוי געכליפּעט אונטער דער חופּה? אַזאַ יאָר אויף אים וויפֿל מיידלעך עס זענען זי מקנא. זאָל זי נאָר ווערן אַ באַרעכנטער מענטש און עס וועט איר זײַן וווּיל ווי די וועלט.

* * *

גיטאַ איז געוואָרן אַ מאַמע, אָבער קיין באַרעכנטער מענטש איז זי נישט געוואָרן. אַ נס וואָס ער האָט געוווּסט ווי צו האַלטן אַלץ פֿעסט אין די הענט. זי האָט געקלאָגט ווי מע וואָלט איר דער באָבעס ירושה צוגענומען. דאָס פּנים זויער, די חן־גריבעלעך — כריין־גריבעלעך. איר גאַנץ משפּחהלע האָט געקוקט אויף אים ווי

ער וואָלט זיי, חלילה, באַגזלט. ער וואָלט זיי צוריקגעגעבן דעם נדן וואָס די גיטאַ האָט אים אַרײַנגעבראַכט. זיי האָבן נאָר געוואָלט ער זאָל צעטרענצלען זײַנע אויסגעהאָרעוועטע פּאָר דאָלאַר אויף מתּנות. „קאַרגער הונט" האָבן זיי אים גערופֿן. אויב מע זאָל אַ שפּאָרעוודיקן פֿאַרגלײַכן צו אַ הונט דאַרף מען זאָגן אַז דער הונט איז דער גע־טרײַסטער צווישן די פֿיר־פֿיסיקע, און דער שפּאָרעוודיקער איז עס צווישן די צוויי־פֿיסיקע. עמעץ וואָס גיט זיך נאָך דעם שמד ווערט צום סוף אַ באַנקראָטניק. ווער עס איז חס אויף זײַן אייגן געלט איז אויך חס אויף יענעמס. „קאַרגער הונט" אין זייערע מײַלער איז אַ לויב, נישט אַ זידלוואָרט.

אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק האָבן זיי געמאַכט הוליאַנקעס. אַז מע ווערט אַ יאָר עלטער — אַ שמחהלע. אַ קינד ענדיקט שולע, ווידער אַ הוליאַנקע. אַז אַ מיידל ווערט זעכצן יאָר דאַרף מען אָנ־הייבן טראַכטן וועגן תּכלית, יאָ צי ניין? ניין, מען דאַרף זיך פֿאַר־שולדיקן ביז איבערן קאָפּ און מאַכן אַ „סוויט סיקסטין פּאַרטי". זיי גיבן אויס אוצרות אויף פּאַרטיס און ווילן רק ער זאָל זיי באָרגן געלט.

איר גאַנצע משפּחה, סײַ פֿון פֿאָטערס סײַ פֿון מוטערס צד, זענען אַלע געבליבן שאַפּ־אַרבעטער. אַז מען האָט אַ שטענדיקן דזשאָב האָט מען אַ געזיכערט שטיקל ברויט, אַ שׂכירות־טשעק יעדן פֿרײַטיק. ער, פּאָול, איז געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט פֿון קליידער. זײַן פֿאַך זיך האָט טאַקע מעלות, אָבער אויך חסרונות. אַ מאַנופֿאַקטשורער ווייס קיינמאָל נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די סחורה דאַרף זײַן שיין, דער צושניט געראָטן, די מאָדע דאַרף אָנרײַסן. אַז אַלץ איז שוין גוט מוז מען ערשט קוקן אין הימל אַרײַן צי דער וועטער איז גוט. קומט דער זומער שפּעט, בלײַבט ליגן די זומער־סחורה. שטייט ער צו לאַנג, בלײַבט ליגן די האַרבסט־סחורה. און ווען דער וועטער איז שוין גוט, דאַרף מען ערשט האָפֿן אַז דער קונה וועט לייזן, אַנישט וועלן קומען חזרות און באַנקראָטן. אַ פֿאַרשאָלטן מסחר ווו יעדער קונה האָט קרעדיט, און רײַט אויף דעם מאַנופֿאַקטשורערס פּלייצעס. הלוואַי ער וואָלט זיך בעסער גענומען צו ריטעיל־ביזנעס. אין ענצל־פֿאַרקויף קומט גלײַך אַרײַן אַ מזומנער דאָלאַר און מע קאָן שלאָפֿן רויִק בײַ נאַכט.

געקומען צו רייד וועגן שלאָפֿן בײַ נאַכט: גיטאַ איז געווען אַ פּעפּעריך, אַ גוטער סעזאָן צי אַ שלעכטער. ס'האָט אויסגעפּעלט סחורה, אָדער מען איז געבליבן ליגן מיטן פּעקל און געמוזט פֿאַר־

קויפֿן פֿאַר האַלבן פּרײַז — ער האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער, געדרייט זיך פֿון זײַט צו זײַט, זי האָט געכראָפּעט ווי אַ בהמה. דערנאָך האָט זי געהאַט טענות אַז ער רעדט גאָרנישט איבער מיט איר, אַז זי איז נישט מער ווי אַ דינסט בײַ אים. אויב ער וואָלט באַדאַרפֿט אַ דינסט נאָכרוימען אַזוי פֿיל וויפֿל גיטאַן, וואָלט ער זי אַרויסגעוואָרפֿן אויף צוויי שפּענדלעך. אַהיימגעקומען פֿון שאַפּ נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, האָט ער ערשט באַדאַרפֿט צונויפֿקלויבן די קינדערס זאַכן פֿון די בענקלעך. גיטאַ האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעלערנט אָפּקאָכן פּונקט וויפֿל מע דאַרף. אויב ער האָט נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען דאָס געבליבענע און אַרײַנשטעלן עס אין פֿרידזשידער, האָט זי עס אַרויסגעוואָרפֿן. זי איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען מיט דעם וואָכן־געלט וואָס ער האָט איר צוגעטיילט, אָבער אַלע מאָל גרייט געווען אַרויסצוּוואַרפֿן.

יאָ, אַקעגן די „פּאַרטיס" וואָס דאָס משפּחהלע האָט געפּראַוועט. מע גייט צו אַ שׂמחה מוז מען ברענגען אַ מתּנה — אַזאַ מאָדע בײַ זיי. זײַנע מתּנות האָבן בײַ זיי נישט גושאַ חן געווען און גיטאַ האָט פֿאַרסטרײַקט: זי וועט נישט גיין אָן אַ רעכטער מתּנה. איז נישט! ער איז נישט אַ ליידיקגייער ווי זיי. אַפֿילו שבת מוז ער אַריינגיין אין שאַפּ נאָכקוקן חשבונות. מע קאָן זיך דען פֿאַרלאָזן אויף הײַנ־טיקע אָנגעשטעלטע? און אויף זײַן שותּף קאָן ער זיך דען יאָ פֿאַר־לאָזן? אַ הוליעסראַק פּונקט ווי די זילבערבערגס. נו, אַ צײַטונג דאַרף מען לייענען, צו אַ זיצונג פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט דאַרף מען גיין? מע דאַרף אַוודאי גיין צו אַ זיצונג פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון קליידער־פֿאַבריקאַנטן. ווען ער איז געווען אַ טוער אין דער יוניאָן האָבן די פֿאַרפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען געהאַט יושרדיקע פֿאָדע־רונגען. אויב מע זאָל הײַנט נאָכגעבן אַלץ וואָס די יוניאָנס פֿאַרלאַנ־גען וואָלט נישט מעגלעך געווען צו עקסיסטירן. סײַ ווי, ער האָט גענוג אַרבעט, איז טאַקע גוט אַז מע גייט נישט צו קיין פּאַרטיס. אַ כּשרער טאָפּ און אַ כּשרע שיסל. נישט מע צעפּטרט צײַט, נישט מע צעטרענצלט געלט.

הערט נאָר, פֿאַר אַ חידוש, גיטאַס חשבון: די פּאַרטי האָט אָפּגעקאָסט אַ הונדערטער פֿאַר דרײַ און דרײַסיק געסט, מאַכט עס אויס דרײַ דאָלאַר פֿאַר יעדן גאַסט. אַז מע גייט צוויי מענטשן און מע נעמט נאָך מיט קינדער, דאַרף מען געבן אַ מתּנה כאָטש פֿאַר אַ צענערל.

פֿרעגט זיך אַ קשיא: ראשית, ווער האָט זיי געבעטן צעטרענצלען אַ הונדערטער. שנית: האָט ער, פּאָול, זיך טאַקע געהיטן נישט צו עסן מער ווי פֿאַר די ניַין און פֿופֿציק סענט וואָס ער האָט אויס־געגעבן אויף דער מתּנה. שלישית, מען האָט אים דען געפֿרעגט וואָס ער וויל עסן און וויפֿל ער איז גרייט צו באַצאָלן?

הלוואַי וואָלט ער נישט געהאַט קיין גרעסערע צרות פֿון די סטריַיקן אין זיַין שאָפּ ווי פֿון גיטאַס סטריַיק נישט צו גיין צו משפּחה־פּאַרטיס. קיינער וועט אויך נישט קומען צו אים? קיין גרעסערע דאגות זאָל ער נישט האָבן. צוריקגעשמועסט: ער האָט דען צוליב וואָס צו פֿאַרבעטן געסט? אויב די גיטאַ וואָלט אים געבוירן אַ זון וואָלט געווען אַ שלום זכר, אַ ברית, און עס וואָלט כּדאַי געווען צו פּראַווען אַ שׂמחה. אַ זון וואָלט אוודאי געראָטן אין טאַטן און וואָלט אויסגעוואַקסן אַ מענטש, אַ סוחר, און וואָלט טאַקע אַרויס־געהאָלפֿן אין די ביזנעס. די גיטאַ האָט אים אָנגעפּלאָדיעט איין מיידל נאָכן אַנדערן. ער האָט איַינגעזען אַז אַפֿילו אין די זאַכן קאָן ער פֿון איר גאָרנישט דערוואַרטן, און דריַי שאָווערלעך איז מער ווי גענוג. ווי ער האָט זיך אָוועקגעזעצט האָט אַ נאָסער ווינדל אַדורכגענעצט זיַינע הויזן. גאָלד האָט מען צעטרענצלט צו קויפֿן דאָס בעסטע. וויפֿל עס איז אַריַין אין די קינדערס מעגעלעך ווייסט ער נישט, אָבער ער האָט עס געפֿונען צעשמירט אויף די בענקלעך, צוגעטריקנט צו די קליידלעך, אַריַינגעטרעטן אין דעם טעפּיך. חדשים האָט זי גע־קעמפֿט מיט אים וועגן קויפֿן דעם טעפּיך, וואָלט זי אים כאַטש אָפּ־געהיטן. די ביליקסטע און געזונטסטע זאַך איז אָנצוזייגן אַ קינד, יאָ ציִ ניין? נישט ביַי גיטאַן! פֿאָרמולעס מיט פֿלעשלעך, מיט אָפּלס, מיט סטעריליזיר־מכשירים. אויב מע וואָלט נישט אַזוי פֿיל אָנגעשאָוערט וואָלט מען נישט באַדאַרפֿט אַזוי פֿיל סטעריליזירן.

* * *

לא די, די לא. נישט גענוג וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אויסלערנען האַלטן אָרדענונג, האָבן זיי נאָך געחוזקט פֿון אים. דאָס שותּפֿל, מאַרטין, האָט אויסגעטראַכט גאַנצע מעשׂות וועגן דעם.

„פּאָול גייט אין געשעפֿט אַריַין צופֿוס. פֿון זיַין טיר ביז דער טיר פֿון דעם שאָפּ מאַכט ער איין און צוואַנציק טויזנט זעקס הונ־דערט און צוועלף מיט אַ האַלבן טריט, און דאָס, גענוי אין פֿיר און צוואַנציק מינוט. יעדן טאָג דאָס זעלביקע. פֿון דעם איז געדרינגען אַז ווער עס שטעלט גרעסערע טריט איז אַ פּראָסטער נפֿש, ווער עס

שטעלט קלענערע טריט איז, נישט דאָ געדאַכט, אַ חלוש. ווער עס גייט שנעלער איז אַ פּלוט, ווער פּאַמעלעכער איז אַ פּוילאַק.

„פּאָול עסט אָנבײַסן האַלב נאָך זעקס אין דער פרי. קיין מאָל נישט אַ מינוט פריִער אָדער אַ מינוט שפּעטער. ער עסט אָנ־דערטהאַלב זעמל און איין איי. פון דעם איז ער געקומען צו דער מסקנה אַז ווער עס עסט מער איז אַ זולל וסובא, ווער עס עסט ווײ־ניקער דער האָט נישט קיין אַפּעטיט. אַז מען האָט נישט קיין אַפּע־טיט איז מען קראַנק און מע דאַרף זען אַ דאָקטאָר. פאַרשטייט זיך: אַ דאָקטאָר פון דער „יוניאָן", עס זאָל נישט קאָסטן קיין געלט."

פון וואַנען ער, פּאָול, ווייסט עס? פון וואַנען וואָלט מען גע־ווּסט ווען נישט דער נאַר האָט אַ לאַנגע צונג? די גיטאַ האָט פאַר אים אויסגעשפּילט די גאַנצע קאָמעדיע...

* * *

ניין, נישט וויפל דער כל ולך, זײַן שותּף מאַרטין, האָט געגעבן גיטאַן פון דער קאַסע וויפל זי האָט נאָר געוואָלט, נישט נאָר איבער דעם האָט ער אָפּגעבראָכן דאָס שותּפות. יענער איז נישט בחינם געווען אַזאַ גוטינקער. אַ נישט האָט זי געדענקט וויפל זי האָט גענו־מען בײַ אים, די צעטראָגענע. אַז מאַרטין ליבאָוויטש האָט געזאָגט פּופציק, האָט זי געזאָגט פּופציק. אַז דער שותּף האָט געזאָגט הונ־דערט האָט זי אויך געזאָגט הונדערט. זי האָט גענומען אין שאַפּ קליידער ווי עס וואָלט געוואַקסן מיטן רעגן. עס האָט זי אָסור גע־אַרט אַז דאָס ווערט אַלץ פאַרשריבן אויפן מאַנס דעבעט. ער האָט פּרובירט אײַנטענהן מיט איר: אויף וואָס האָסטו אויסגעגעבן אַ גאַנצן הונדערטער? אַז דו געדענקסט נישט וויפל דו האָסט אויס־געגעבן, ווי קומט עס וואָס דו געדענקסט אַזוי גוט וויפל דו האָסט גענומען? די הויפּט־קשיה איז אָבער: ווי קומט עס וואָס דער שותּף האָט זיך אַזוי אײַנגעריסן דעם יאַשטשיק צו געבן גיטאַן געלט טראָץ איר מאַנס טענות? דער הונט לויפט איבער שטאָק און שטיין ווען ער דערשמעקט אַ ביין. יאָ, ס׳איז קיין שום ספק נישט אַז דער מאַר־טין האָט דערבײַ אָפּגעלעקט אַ ביינדל.

ס׳איז אַ וועלט פון פוילענצערס, לײַדיקגייערס, מאַרוויכערס! אַנשטאָט האָרעווען צו פאַרדינען אַ דאָלאַר, ליגט מען זיך צעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און מע טראַכט ווי עס אויסצושווינדלען בײַ יענעם. אָבער אַ דאָלאַר וואָס קומט לײַכט פאַרפליט שנעל. נאָר אַ

פּײַכטער דאָלאַר, פּײַכט פֿון שוויס, האָט געגנוג וואָג זיך צו האַלטן. אַ פֿאַרשוויצטער דאָלאַר האָט דעם ריח פֿון דײַן גוף. דו האָסט אים געבוירן מיט ווייען און ער איז דיר טײַער ווי אַן אייגן קינד.

הולטאַיעס, וואוילטעגער, עולם־הזהניקעס גיבן יעדן זומער אויס אַ מטמון אוועקצופֿאַרן אין די בערג. מילא, אַז די ניו־יאָרקער אַנט־לויפֿן פֿון שטאָט קאָן מען נאָך פֿאַרשטיין, אָבער אין מאָנטרעאָל? מאָנטרעאָל הייסט מאָנטרעאָל מחמת עס האָט אַ מאָונט ראָיאַל, אַ קעניגלעכן באַרג אין סאַמע מיט שטאָט. עס האָט אויך אַ וועסט־מאָונט, אַ מערבֿדיקן באַרג. דו גייסט אַרויף, און דער אויסבליק פֿאַרכאַפּט דאָס אויג. מאָנטרעאָל איז אַן אינדזל, וואַסער פֿון אַלע זײַטן און אַ באַרג אין דער סאַמער מיט. ווען דער אָונט פֿאַלט צו און די ליכטער פֿון דער שטאָט נעמען זיך צינדן און מיניען, ביסטו ווי צווישן צוויי הימלען. די שטערן ווינקען צו דיר פֿון אויבן און פֿון אונטן. אָסור, צי אין די לאָורענשן־בערג איז אַזוי שיין.

איין מאָל זיצט ער אַזוי אויפֿן באַרג (אויפֿן שטאָטישן באַרג, פֿאַרשטייט זיך), ס'איז געווען אַ זומערדיקער שבת פֿאַרנאַכט, גיטאַ האָט געהאַט גענומען די קינדער און אַרויסגעפֿאָרן צו ליבאָוויטשן אין די לאָורענשאַנס. ער האָט שוין אויסגעלייענט דעם „קענעדער אָדלער" פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער זײַט. עס ווערט שוין טונקל און ס'איז כדאי צו קוקן און באַוווּנדערן דעם זון־אונטערגאַנג. טאַקע אין דער צײַטונג וואָס ער האַלט אין האַנט איז פֿאַראַן אַ ליד וועגן דעם זון־אונטערגאַנג אויפֿן מאָונט ראָיאַל. אײַ איז דאָס אַ ליד! אײַ איז דאָס אַ שקיעה! „זעט, זעט," זאָגט ער צו דעם ייִדליקל וואָס זיצט נעבן אים אויף דער באַנק, „פּונקט ווי אין דעם ליד."

רופֿט זיך אָן יענער: „די פּאָעטן, די לײַדיקגייערס, לעבער אײַן די קעשענעס, און גאָלד אויפֿן הימל. גיט מיר בעסער אַן אמתדיק שטיקל גאָלד וואָס מע קאָן דערמיט באַצאָלן אַ חובֿ, געבן עס דעם קרעמער און נאָך באַקומען רעשט."

דערלאַנגט ער יענעם די צײַטונג: „נאַ, לייענט דאָס אַ ליד און לערנט זיך אויס הנאה צו האָבן פֿון דעם שקיעה־גאָלד."

יענער האָט אַוועקגעשטופּט די צײַטונג: „אַ בראָך צו די פּאָעטן מיט זייער פּאַפּירענעם גאָלד. לעצטע וואָך האָט אַ שנײַדער, וואָס איז געקומען קיין מאָנטרעאָל שפּעטער ווי איך, פֿאַרקויפֿט זײַן שאָפּ פֿאַר אַ פֿערטל מיליאָן! מאָלט אײַך אַז ווען ער איז געקומען אַהער איז ער נאָך אַפֿילו קיין שנײַדער נישט געווען."

„געלט איז דען אַלץ?״

„גיט מיר אַ פערטל פון אַ פערטל מיליאָן און איך טרעט אײַך אָפּ דעם באַרג מיט דער גאָלדענער שקיעה, מיט דעם גאָלד אויף די ביימער־קרוינען, מיטן ליד, מיט דער צײַטונג, מיטן פּאָעט צו־זאַמען.״

מיט דעם שנײַדער וואָס האָט פאַרקויפט זײַן געשעפט פאַר אַ פערטל מיליאָן ווייסט מען דאָך ווען ער האָט געמיינט. דער מאַרטין ליבאָוויטש האָט עס צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט (אַ מאַנופאַקטשורער איז נישט קיין שנײַדער, און ווען ער איז נאָך קיין שנײַדער נישט געווען איז ער געווען אַ העברעיִשער לערער. אויך נישט אַבי ווער). ווער מיינט איר איז געווען דער בייזער ייִד־ליק וואָס האָט נישט קיין חוש פאַר שיינקייט? נאָך דעם ווי ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין יענעמס פּנים האָט ער אים דער־קענט פון בילדער וואָס זענען געווען געדרוקט אין „קענעדער אָדלער״. דאָס איז געווען דער פּאָעט וואָס האָט געשריבן דאָס ליד וועגן דער גאָלדענער שקיעה.

עד היום האָט מען צו אים טענות פאַר וואָס ער האָט אָפּגעבראָכן דאָס שותּפות מיט דעם ליבאָוויטש. ער האָט געמוזט אָפּברעכן דאָס שותּפות ווײַל יענער איז אַ בוכהאַלטער. נישטאָ קיין ערגערער גנבֿ ווי אַ בוכהאַלטער. אַ בוכהאַלטער קאָן אַלעמאָל מאַכן די קעשענע זאָל זײַן געשעדיקט און דער חשבון זאָל פונדעסטוועגן זײַן צדק.

גיטאָס משפּחהלע האָט דאָס אַ ביסל אַרומגערודערט. חושך האָט זיך געטאָן! שבת נאָך מיטיק, ווען ער האָט זיך געוואָלט צולייגן כאַפּן אַ דרימל, האָבן זיי געמאַכט אַן אינוואַזיע אויף זײַן הויז. איינער האָט פּרובירט אײַנטענהן מיט גוטן, אַן אַנדערער האָט געשריגן, און די גיטאַ האָט געבעטשעט ווי אַ קו. די קינדער האָבן געזען די מאַמע וויינט האָבן זיי אויך גענומען קלאָגן, און איינס האָט איבער־געשריגן דאָס אַנדערע.

ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ מסחר־זאַך, יאָ צי ניין? זיי זענען אַרבעטער אין שעפּער און ער איז דער סוחר, יאָ צי ניין? זיי זענען געקומען אים געבן עצות. האָט עמעץ פון זיי באַוויזן זיך אַליין אַן עצה צו געבן? ווער האָט וועמען אונטערגעהאַלטן מיט הלוואות? קליינע הלוואהלעך? אויב ער וואָלט נאָכגעקומען זייערע

טריפֿהנע קישקעס וואָלט ער שוין געלעגן אין דער ערד און געבאַקן בייגל, און אויב ער וואָלט זיך צוגעהערט צו זייערע עצות וואָלט ער שוין לאַנג געלעגן נעבן איילן טיף אין דער אדמה.

* * *

אין דער קליידער־ביזנעס באַקומט יעדער קונה נײַנציק טעג קרעדיט, און אַז מע באַצאָלט נישט פּינקטלעך טאָרסט דו נישט זאָגן קיין בייז וואָרט, נישט צו פֿאַרטרײַבן דעם קונה. בײַם פֿינאַנסירן אויטאָמאָבילן איז גאָר עפּעס אַנדערש. דו באַקומסט פּראָצענטער און פּראָצענטער אויף פּראָצענטער פֿאַר יעדן פֿאַרשפּעטיקטן טאָג.

„צו אַ פֿינאַנץ־ביזנעס דאַרף מען אַ סך געלט,‟ האָבן אים געוואָרנט די קרובֿים. „איך קאָן עס מאַכן מיט ווייניק,‟ האָט ער געענטפֿערט די טפּשים. ער דאַרף זיי דען אָפּגעבן אַ חשבון וויפֿל ער האָט שוין אָפּגעשפּאָרט?

מיט וויפֿל שׂכל ער איז צוגעגאַנגען צום אָפּברעכן דאָס שותּפֿות וועט די באַנדע זילבערבערג־אידיאָטן קיין מאָל נישט פֿאַרשטיין. ער האָט דען אויסגעזאָגט אַז ער פּלאַנט אַרײַנצוגיין אין אַן אַנדער ביזנעס? ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער וויל נאָר בלײַבן אַליין און איז גרייט דעם מאַרטינען אויסקויפֿן און אַרויסצאָלן זײַן חלק. דער ליבאָוויטש איז דאָך אָבער מער בוכהאַלטער ווי סוחר, האָט ער גענומען קוויטשען אַז דאָס איז זײַנע ביזנעס, עס האָט אים גענומען יאָרן עס אויפֿבויען, און ער וועט נישט אַרויס פֿאַר קיין שום פּרײַז. ער האָט נישט בדעה איצט אָנהייבן אַלץ אויפֿסניי.

אַ טאָפּ געטאָן דעם דופּק און געזען אַז יענער מיינט עס ערנסט, האָט ער גענומען אַן אינוועטאַר לויטן קויף־פּרײַז — פֿאַר יעדער אָפּגעפֿאָרענער מאַשין, פֿאַר יעדן יאַרד אָפּגעלעגענער סחורה. צו דעם צוגערעכנט אַ שיינע סומע שליסל־געלט און וואָס מע רופֿט „גוטער ווילן‟ פֿאַרן מסכּים זײַן אַרויסצוגיין. עס איז געקומען צו אַ גאַנץ קײַלעכדיק פֿערטעלע. יאָ, טאַקע אַ פֿערטל מיליאָן! דער מאַרטין האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת. אַ זאָג געטאָן אויף קאַטאָוועס אַז ער אַליין איז גרייט צו צאָלן דעם פּרײַז און בלײַבן בײַ דעם אײַנגעשטעלטן געשעפֿט, האָט דאָס בוכהאַלטערל זיך דערשראָקן און באַצאָלט ממים און דמים. די קשיה בלײַבט פֿון וואַנען האָט דאָס בוכהאַלטערל גענומען אַזוי פֿיל געלט אַז שפּאָרעוודיק איז ער קיינמאָל נישט געווען, און קיין זײַטיקע געשעפֿטן האָט ער נישט געהאַט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע העצע. געהערט מיט וואָס פּאַר אַ פּאַרמעגן ער איז אַרויס האָט זיך זיי פּאַרגליסט דאָס טעלערל פֿון הימל. די מאַמע האָט זיך געעפֿנט קרעדיט־קאָנטעס אין די טײַער־סטע געשעפֿטן און נאָר אַרומגעלאָפֿן אײַנקויפֿן. „דערוואַקסענע מייד־לעך מוזן זײַן אָנגעטאָן עלעגאַנט. אויב דו וואָלסט באַדאַרפֿט געבן נדנים ווי אין יוראָפּ וואָלט דיך טײַערער געקאָסט.״ עס האָבן אָנגע־הויבן קומען חשבונות און מאַנונגען. די גיטאַ האָט געקלאָגט אַז ער פֿאַרשוואַרצט איר דאָס פּנים.

ווער עס מאַכט אָן חובות פֿאַרשוואַרצט זיך אַליין דאָס פּנים. ווילסט אַ סך קליידער, שפּאָר אָפּ פֿון דײַן וואָכן־געלט. אָבער, ווי זאָגט דער ליטוואַק: די קאַץ האָט ליב פֿיש, אָבער וועט זיך צוליב דעם נישט אײַננעצן די פֿיס.

געהאַקט און געבראָקט און נישט געקאָנט עס זיי אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ אַרײַן אַז אַן אויסגעגעבענער דאָלאַר איז געשטאָרבן און באַגראָבן, דאַקעגן אַן אָפּגעשפּאָרטער דאָלאַר לעבט און וואַקסט און מערט זיך און האָט קינדער אין די פּראָצענטער, און קינדס קינדער אין די פּראָצענטער אויף פּראָצענטער. אַז מען האָט מזל און מע נעמט אַוועק בײַ אַ שלעכטן צאָלער אַן אויטאָמאָביל וואָס איז נאָך ווערט צוויי טויזנט, און דער חובֿ איז שוין רעדוצירט צו איין טויזנט, אָדער גאָר פֿינף הונדערט, בלײַבט אַ שיינע מטבע אין צוגאָב צו די פּראָצענטער. אַז ער האָט מזל אין מסחר וועלן אַלע מודה זײַן, הלוואי ער וואָלט געהאַט אַזאַ גוט מזל צו זײַן משפּחה.

ניין, ער האָט נישט קיין מזל צו זײַן אייגענער משפּחה. די גיטאַ האָט געלייקנט אַז זי האָט געהעצט די קינדער קעגן אים. טאָ ווי קומט עס וואָס אַלע האַלטן זיי אַלע מאָל מיט דער מאַמען? פֿון דער מאַמעס בויך ביז צו דער חופּה און אַריבער צו די איידעמס — אַלע אויף גיטאַס צד. זיי האָבן אַפֿילו אויסגעזען ווי די מאַמע. נאָר די מיטלסטע, שילאַ, איז געווען אַ הויכע און שלאַנקע מיט ברוינע האָר ווי ער. אָבער סײַ נינאַ, סײַ שילאַ, סײַ בלענטש האָבן געהאַט דער מאַמעס שׂכל און אויך איר מזל צו קריגן געראָטענע מענער.

אויב אַלע הימלען וואָלטן געווען פּאַרמעט און אַלע ימים טינט וואָלט עס נישט גענוג געווען צו באַשרײַבן וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן אַרום יעדער חתונה.

ווען ער האָט זיך געגרייט חתונה האָבן מיט דער גיטאַ און פֿאַרלאַנגט איר טאַטע זאָל כאָטש געבן אַ דירה מיט מעבל, האָט מען

אים אויסגעלאַכט: דאָ איז נישט יוראָפּ! אָבער ווען ער האָט באַדאַרפֿט חתונה מאַכן אַ טאָכטער האָט זיך געטאָן חושך. אויף אַ דירה מיט מעבל איז ער אַליין גרייט געווען צו געבן, אָבער ווו איז עס געזאָגט געוואָרן אַז אַ יונג פּאָר פֿאָלק מוז וואוינען אין אַ טײַערער געגנט, מוז האָבן דעניש טיק־מעבל, מיט פֿאָרהאַנגען, מיט טעפּיכער, און נאָך אַנדערע שמאַכטעס וואָס יעדעס פֿאַר זיך באַטרעפֿט אַ קלייניקייט, אָבער אַלץ צוזאַמען דערגייט צו די טויזנטער?

אויב דאָס איז נישט גענוג האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש איבער די געסט. שוועסטער־קינדער פֿון דער זיבעטער ריי וואָס מען האָט קיין מאָל פֿאַר די אויגן נישט געזען, קרובים צו וועלכע מען האָט אָפּילו קיין נײַ־יאָר ווונטש נישט געשיקט — קו, בײַטש, פֿערדס שטעקעלע. דער חתן האָט אויך געבראַכט אַ ליסטע פֿון אַריבער הונדערט געסט. ווען האָבן די קבצנישע משפּחהלעך אָנגעפּלאָדיעט אַזוי פֿיל קרובים?

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט ווו ער איז פּרעזידענט, דאַרף מען רופֿן, יאָ צי ניין? די אויטאָמאָביל־סוחרים וואָס שאַנצן אים צו קליענטן, זענען וויכטיק. יאָ צי ניין? דער מענעדזשער פֿון דער באַנק ווו ער נעמט געלט אויף זעקס פּראָצענט און גיט עס אַוועק אויף צוועלף, איז דאָך זיכער וויכטיק. אָבער זיי זאָרגן זיך נאָר וועגן זייער געזינדל. אוודאי וואָלט זיי נישט געאַרט ער זאָל פֿאַרבעטן די גאַנצע שטאָט. אײַ עס וועט דערגיין צו צענדליקער טויזנטער? דער טאַטע איז אַ מיליאָנער, ער האָט באַקומען פֿאַר זײַן חלק אין דער קליידער־ביזנעס אַ פֿערטל מיליאָן דאָלאַר.

ראשית, איז אַ פֿערטל מיליאָן נישט קיין מיליאָן, און אַז אַ מיליאָן איז מען נישט קיין מיליאָנער. שנית, איז דער מאַרטין אַלע מאָל געווען אַ ליגנער, אַ רכילותניק. אַז מע זאָגט אַ פֿערטל מיליאָן איז עס נישט קיין פֿערטל, נישט קיין אַכטל, נישט קיין — — ווי פֿלעגט מען זאָגן אין דער אַלטער היים: ער איז אַ מיליאָנער, ער פֿאַרמאָגט אוודאי צען טויזנט. דער ליבאָוויטש האָט בכיוון פֿאַרשפּרייט אַ מעשׂה מיט הונדערטער טויזנטער כּדי אים אָנצומאַכן צרות מיט דער גיטאַ. פֿאַרוואָס זאָל דער ליבאָוויטש וועלן ער זאָל האָבן צרות מיט גיטאַן? בלײַבט טאַקע אַ קשיה.

דעם בוכהאַלטערס רכילותלעך זענען אָנגעקומען אויך צו דער לאַנדסמאַנשאַפֿט. יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער אוועקגעגעבן פֿאַר דער סאָסײַעטי. ווער איז געווען לאַנגיאָריקער פּרעזידענט? ווער האָט

פֿאַרטרעטן די בראַמאַלינער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס? ווער איז געווען פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַר־איניקונג פֿון אַלע לאַנדסמאַנשאַפֿטן? ס׳האָט נאָך עמעץ געקענט אָנשרײַבן אַ פּראָטאָקאָל אַזוי ווי פּאָול ראַי? אָבער הײַנטיקע צײַטן איז דער דאָלאַר גאָט. וואָס האָסט געטאָן אַלע יאָרן רעכנט זיך נישט. דער עיקר איז וויפֿל דו גיסט הײַנט. געהערט ער איז אַ מיליאָנער האָט זיך אָנגעהויבן אַ בורעניש: ער מאַכט נאָר אַפּילס אַנדערע זאָלן געבן. אַז אַ קאַרגער צעהוליעט זיך איז יענעמס דאָלאַר בײַ אים בלאָטע, אָבער ער אַליין גיט אַ מכּה.

ערשטנס איז צוואַנציק דאָלאַר נישט קיין מכּה. ווען ער איז גע־קומען קיין קאַנאַדע האָט ער פֿאַר אַ גאַנצער וואָך אַרבעט פֿאַרדינט ווייניקער ווי צוואַנציק דאָלאַר. צווייטנס — וויפֿל נאָר ער זאָל אויפֿקלערן דעם ענין וועט עס סײַ ווי נישט העלפֿן. רכילותניקעס, באַרעדערס און נישט־פֿאַרגינערס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם בילבול אַז ער איז אַ קאַרגער מיליאָנער וואָס פֿאַרגינט זיך נישט דעם ביסן. זיי האָבן פֿאַשטאָפּט די אויערן צו יעדער אויפֿקלערונג. ער האָט פֿאַרגעלייענט אַ פּראָטאָקאָל האָט מען עס געמעגט אָפּדרוקן אין די גאַזעטן, און דאָרט האָט מען זיך נאָר געשושקעט און גע־שושקעט.

אויב ער וואָלט געוואָלט ענטפֿערן דאַרף ער נישט זוכן אַ וואָרט אין קעשענע. דאָס צדיקל וואָס האָט געזאָגט אַז אַ קאַרגער צעהוליעט זיך מיט יענעמס געלט צעהוליעט זיך טאַקע אַליין מיט גרויסע בײַשטײַערונגען, אָבער איז שוין צוויי מאָל געגאַנגען באַנקראָט. די גאַל וואָס שפּריצט פֿון זײַן צונגל פֿאַלט אויף זײַן אייגן פּרצוף. אוודאי האָט ער געקאָנט יענעם צוריקצאָלן מיט זײַן אייגענער מטבע. אָבער ווי זאָגט מען עס: רעדן איז זילבער, שווײַגן איז גאָלד. ער האָט געליטן און געשוויגן ביז דער פֿײַנטוך האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל און געהאַלטן אין איין איבעררייסן דעם מיטינג מיט צוגע־שפּיצטע פֿראַגעלעך אָנגעפּיקעוועט מיט שטעכערלעך. ער האָט פּרו־בירט ענטפֿערן מיט געדולד און יענער האָט געהאַלטן אין איין איבעררײַסן. נו, דער פֿײַנטוך וועט שוין פֿאַרזאָגן אַ צענטן. ער האָט דעם פֿײַנטוך אַזוי געענטפֿערט: „איך שרײַב אַ פּראָטאָקאָל נישט קיין הגדה, כאָטש עס גייט שוין צו פּסח. די פֿיר בנים אין דער הגדה קומען אויך מיט קשיות. וועלכן פֿון די פֿיר האָבן מיר דאָ? אויב ברודער פֿײַנטוך וואָלט געווען דער שאינו יודע לשאול וואָלט

ער דאָך אַפֿילו קיין איין קשיה נישט געפֿרעגט. דער תּם פֿרעגט פּשוט, קורץ און בינדיק ׳מה זאת?׳ און לייגט נישט אַרײַן אין זײַן קשיה קיין שטעכווערטלעך. אויב ברודער פֿײַנטוך וואָלט געווען אַ חכם וואָלט ער פֿאַרשטאַנען נישט צו שטערן דעם מיטינג מיט אַזוי פֿיל קלאָץ־קשיות וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיטן טאָג־אָרדענונג. קומט דאָך אויס אַז ער איז דער רשע און מע דאַרף אים אויסהאַקן די ציין, וואָס טוט מען אָבער אַז ער האָט שוין נישט קיין איין אײ־גענעם צאָן?״

די גיטאַ פֿלעגט דאָך זאָגן אַז ער האָט נישט קיין חוש פֿאַר הו־מאָר. עס איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער וואָס מען האָט גאָרנישט געקאָנט אײַנשטילן. אַלע האָבן געהאַט אַ „גוד טאַים,״ און ער האָט זיך אײַנגעקויפֿט אַ לעבנס־שונא.

קיינער האָט זיך, ווײַזט אויס, נישט געכאַפּט אַז ער אַליין האָט אויך קינסטלעכע ציין. ער האָט עדות אַז ער וואָלט געקאָנט האָבן זײַנע אייגענע ציין ביז די גאַנצע הונדערט און צוואַנציק. אָבער די גיטאַ האָט אויסגעקליבן פֿאַר אַ משפּחה־דענטיסט עפּעס אַ מאַר־וויכערל, אַ געלט־פֿרעסער. ער קומט מיט אַ ווייטיק אין איין צאָן און יענער זאָגט אַז ער דאַרף אַרבעטן איבערן גאַנצן מויל און מאַכט אַ חשבון פֿון שווערע טויזנטער. „אין דר׳ערד אַרײַן!״ האָט ער דעמאָלט אַ געשריי געטאָן, און געהייסן זיך אַרויסרײַסן אַלע ציין. דער היצל, דער הויט־שינדער האָט אים געהייסן גיין צו אַן אַנדערן דענטיסט. וואָס איז דאָס אומגליק אַז ער האָט קינסטלעכע ציין? די באַנק האָט נישט געשניטן זײַן קרעדיט.

מיט די פֿיינטוכס און מיט אַנדערע רשעים האָט ער זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן. ערגער איז געווען מיט די צרות אין זײַן אײ־גענעם הויז. זײַן גאַנץ הויז האָט זיך געהאַלטן אויף אַ פֿאַרפֿוילטן פֿונדאַמענט, און ער האָט עס אַפֿילו נישט געטאָרט ברענגען פֿאַרן מויל. אַ האַרבע קשיה האָט געפֿרעסן ווי זשאַווער אין זײַן האַרץ: וואָס גייט עס דעם מאַרטין אַזוי אין לעבן אָנצומאַכן אַ יורעניש צווישן אים און גיטאַן?

ס׳קאָן זײַן נאָר איין ענטפֿער, אָבער עס איז אַ קלאָג צו די יאָר אַז דאָס איז דער ענטפֿער. מע טאָר אַפֿילו נישט טראַכטן וועגן אַזעל־כע זאַכן. ווי זאָגן מענטשן: בעסער אַ ווייטיק אין האַרצן ווי אַ חרפּה אין פּנים. נינאַ און שילאַ האָבן שוין געהאַט מענער, אָבער בלענטש איז עלטער פֿון שילאַן. אַז מען האָט אַ טאָכטער אַ שידוך צו טאָן מוז

זײַן האַניק אויף דער צונג אַפילו ווען ס׳איז גאַל אויף דער לונג. אַז מען האָט אויסצוגעבן טעכטער טאָר מען זיך נישט מאַכן צו לײַטיש געלעכטער, זאָגט די וועלט.

בלענטש האָט זיך דעמאָלט נאָך אַלץ אַרומגעפּירט מיט דעם אייביקן סטודענט, אַרטשי. ווער האָט געקאָנט וויסן צי ס׳וועט זײַן מעל פֿון דעם ברויט? דערווײַל האָט די גיטאַ געהאַט אַ תּירוץ צו בראָטן קאָפּ־העגער און באַקן מאַרציפּאַנעס, נושא חן צו זײַן בײַם חתן וואָס איז נאָך אַפילו קיין חתן נישט געווען. פֿאַרוואָס האָט ער זיך געזאָלט אײַלן חתונה צו האָבן אַז ער איז סײַ ווי טאָג און נאַכט געלעגן בײַ דער מויד און אָפּגעפּרעסן איר טאַטנס בייגער.

די בלענטש, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, האָט אַ גיפּטיק פּיסקעלע און אַ מענה לשון פֿון אַן אַדוואָקאַט (אַהאַ, ער קען די אַדוואָקאַטן־אומה, ער איז געשטראָפֿט מיט אַן איידעם אַן אַדוואָקאַט). ווען בלענטש האָט זיך, סוף כּל סוף, געגרייט חתונה צו האָבן מיט דעם אַרטשי האָט דער בחור שוין געהאַט פֿאַרענדיקט „אינטערנשיפּ״, דאָס אָבליגאַטאָרישע אַרבעטן אין שפּיטאָל. איז בלענטש געקומען מיט אַ פּראָפּאָזיציע: זי איז מוחל אַ גרויסע חתונה, זי דאַרף נישט קיין גרויסן אויסשטײַער ווי ניגאַ און שילאַ (גוט אַז עמעצער איז מודה אַז דאָס זענען געווען גרויסע אויסשטײַערס). זי וויל נישט באַרײַסן דעם טאַטן (גאָלדענע ווערטער!). זי וויל נאָר — — אַלץ וואָס זי וויל איז אַן הלוואה.

עס איז נישט לײַכט אַרויסצונעמען געלט פֿון אַ ביזנעס, אָבער אַז זי איז אַ שׂכלדיקער מענטש און רעדט דעם טאַטנס לשון... זי וויל אוודאי אַן הלוואה צו קויפֿן אַ בעט, אַ טיש מיט שטולן, אַ — —

„צוואַנציק טויזנט?! צוואַנציק טויזנט איז אַ מטבע וואָס מע גיט ווי אַ היפּאָטעק אויף אַ הויז וואָס איז ווערט אַ סך מער. אַפילו איין טויזנטער באָרגט מען אויף אַן אויטאָ וואָס מע קאָן לײַכט צו־נעמען פֿאַרן חוב. איז די קשיה — ראשית, וווּ נעמט מען אַזאַ ריזן־סומע? שנית, וואָס האָט אַרטשי צו פֿאַרמשכּונען?״

„אַרטשי האָט זײַן דיפּלאָמאַ.״

„אַ דיפּלאָמאַ איז אַ שטיק פּאַפּיר.״

„אַרטשיס דיפּלאָמאַ איז אַ מקור פֿאַר פּרנסה.״

„צו עפֿענען אַן אייגענעם אָפֿיס דאַרף מען אַזש צוואַנציק טויזנט?״

עס איז געווען וואָס צו הערן ווען די בלענטש האָט אָוועקגעלייגט אַ דרשה וועגן ביזנעס. אין הײַנטיקער ביזנעס איז פּובליסיטי דער עיקר. עס איז וויכטיק צו מאַכן אַ רושם אויפֿן קונה אַפֿילו ווען ער קאָן אָנקוקן די סחורה וואָס ער קויפֿט. עס איז נאָך וויכטיקער בײַ אַ דאָקטער ווו אַלץ וואָס מע קאָן אָנקוקן איז דער אָפֿיס. אַז מע קומט אַרײַן אין אַן עלעגאַנטן שיינעם אָפֿיס מיט אַ פּרעסטיזש־אַדרעס ווייסט מען אַז מען איז געקומען צו אַ דערפֿאָלגרײַכן דאָקטאָר.

„מע קאָן אויסמעבלירן אַ קייזערלעכן אָפֿיס פֿאַר אַ צוויי־דרײַ טויזנט, און מע קאָן עס באַקומען אויף אויסצוצאָלן."

„אַזוי האָבן מיר טאַקע בדעה צו טאָן. די צוואַנציק טויזנט דאַרף מען אײַנצוצאָלן אויף דעם בנין. מע בויט אַ נײַעם מעדיצינישן צענטער ווו פֿערציק דאָקטוירים וועלן האָבן זייערע אָפֿיסעס און יעדער דאָקטאָר וועט זײַן אַ שותף צום בנין. אַזאַ מאָדע הײַנט בײַ די דאָקטוירים."

„און אַז איך האַלט נישט פֿון די נײַע מאָדעס?"

דאָ האָט זי אָוועקגעלייגט אַ לעקציע אַז דער חלק אין בנין שפּאָרט נישט בלויז דירה־געלט נאָר אויך שטײַערן, מע רופֿט עס שטײַער־קרעדיט פֿאַר 'דיפּרישיעישאַן', און אַ סוחר ווי איר טאַטע דאַרף זײַן דער ערשטער דאָס צו פֿאַרשטיין.

יאָ, אַלץ וועט טאַקע זײַן אַגיל ואשמחדיק, אָבער ווו נעמט מען די פֿינף און צוואַנציק טויזנט? נאָך איידער זי האָט באַקומען אַ „יאָ" איז דער פּרײַז אַרויף מיט נאָך פֿינף טויזנט!

דאָ האָט די מויד גענומען אויספֿרעגן דעם טאַטן ווי אַ פּראָקוראָר דעם באַשולדיקטן. מע קאָן דיך פֿאַר אַ סאָלידן סוחר? דו האָסט אַ גוטן נאָמען אין דער ביזנעס־וועלט? דו ביסט אין גוטע באַציִונגען מיט דײַן באַנק?

האָט ער דען געקאָנט זאָגן ניין? ווען ער האָט געענטפֿערט „יאָ" איז זי אַרויפֿגעפֿאַלן דאַרויף ווי אויף אַ ווילדער מציאה. „אַרטשי היבט ערשט אָן זײַן קאַריערע, ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו עטאַבלירן פֿאַר זיך אַ נאָמען און קרעדיטן, קאָן ער נישט אַליין גיין צו אַ באַנק, אָבער — — —"

„אָבער דאָס איז דאָך מײַן פּרנסה, די הלוואות פֿון דער באַנק זענען דער יסוד פֿון מײַן ביזנעס. מיט מײַנע אָרעמע פֿאַר דאָלאַר קאָן מען דען פֿירן אַ פֿינאַנץ־קאָמפּאַני? אויסנוצן מײַנע קרעדיטן פֿאַר עפּעס אַנדערש איז ווי אַרויסנעמען דאָס שעפּל פֿון באָד און

איינהייצן דערמיט דעם אויוון, ווי אַ שוסטער זאָל פֿאַרזעצן זײַן האַ־מער און קאָפּיטע. ווי זאָל איך עס דיר זאָגן דו זאָלסט עס באַגרײַפֿן? ס׳איז ווי פֿאַרזעצן דעם קאָפּ צו קויפֿן אַ ליולקע. מיט וואָס וועסטו רייכערן די ליולקע אַז דער קאָפּ איז פֿאַרזעצט? פֿאַרשטיי מיך מײַן קינד. כ׳קאָן דאָס נישט טאָן."

זי האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען, און נישט געוואָלט פֿאַרשטיין. די גאַנצע משפחה האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים: אַ גאַנץ לעבן טענהסט דו אַז דו ביסט שפּאָרעוודיק נאָר צוליב די קינדער, אַז האָרעוועסט אַזוי שווער נאָר פֿאַר די קינדער, אַז וועסט גאָרנישט מיטנעמען אין קבֿר אַרײַן, אַלץ וועט בלײַבן פֿאַר די קינדער, און ווען מע דאַרף אַן הלוואה אײַנצואָרדענען אַ קינד אין אַ שיינער פּרנסה, איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן?

קינדער וואָס זענען אַרויסגעקומען פֿון זײַנע לענדן האָבן נישט קיין אײַנזען מיט אים, און זײַנע רייד פֿאַלן אויף טויבע אויערן. אַז די מאַמע פֿאַרלאַנגט דאָס טעלערל פֿון הימל, מילא, זי פֿאַרשטייט נישט בעסער. אָבער בלענטש האָט דאָך יאָ שׂכל. ער רעדט פֿון זיך די קישקעס אַרויס און זי האַלט זיך בײַ ס׳איריקע, און נינאָ און שילאָ האַלטן מיט איר. אַזוי פֿיל געזונטע יאָרן זאָל ער האָבן וויפֿל מאָל די שוועסטערלעך האָבן זיך געריסן בײַ די קעפּ, אָבער ווען עס קומט עפּעס אַרויסצורײַסן בײַם טאַטן איז עס פּה אחד און יד אחת, אַ פֿאַראייניקטער פֿראָנט.

מענטשן זאָגן: אַ ביס פֿון אַ מיק און אַ ריס מיט אַ קינד, וואָס מער מע קראַצט אַלץ מער בײַסט עס. איז ער צופֿרידן געווען וואָס די קינדער האָבן געשיקט צו אים דעם ראַבײַ קאָהען, אַ רבֿ מיט תּורה און אַ מבֿין אויף אַ יידיש ווערטל — דער ראַביי קאָהען וועט אים פֿאַרשטיין. בלענטש פֿאַרלאַנגט ער זאָל אַרויסנעמען אַ גרויסע סומע פֿון זײַנע ביזנעס ווו עס ברענגט ריווח יעדן טאָג, יעדע שעה, און אַרײַנלייגן עס אין עפּעס אַ נײַער מאָדע, אַ מעדיקל בילדינג — אַ חלום וועגן אַ גאָלדן רענדל. אָבער אַ קופּערנער גראָשן אויף דער וואָר איז מער ווי אַ גאָלדן רענדל אין חלום, אַזוי זאָגט דאָס פֿאָלק. קרעפּלעך אין חלום זענען חלום, און נישט קיין קרעפּלעך. פֿינף און צוואַנציק טויזנט אין דער פֿינאַנץ־ביזנעס ברענגט מינ־דעסטנס פֿינף טויזנט אַ יאָר, אויב נישט נאָך מער. אויב דער אָרטשי וועט זײַן אַ גוטער דאָקטער וועט מען לויפֿן צו אים אַפֿילו אויב זײַן אָפֿיס וועט זײַן אויף אַ בוידעם, אויב נישט, וועט דאָס צעטרענצלען

אוצרות סײַ ווי נישט העלפֿן. ס'איז, דאַכט זיך, דאָ עפּעס וועגן דעם אין דער גמרא.

„לויט דער גמרא לאָזט מען פֿאַר זין איבער נאָכן טויט, אָבער טעכטער פֿאַרזאָרגט מען בײַם לעבן," האָט דער ראָבײַ געזאָגט. „אַ יידיש ווערטל זאָגט טאָקע: ס'איז בעסער צו געבן קינדער מיט דער וואַרעמער האַנט איידער זיי זאָלן עס נעמען פֿון דער קאַלטער האַנט. צדקה און גמילת חסדים זענען גרויסע מצוות, אָבער נאָך גרעסער איז די מצווה אַרײַנצושטעלן עמעצן אין אַ פּרנסה. קיין אָרעמאַן זענט איר דאָך נישט."

„רבי, פֿינף און צוואָנציק טויזנט איז אַ פֿאַרמעגן. אַזאַ מטבע איז בלוט נישט געלט; 'דמים תרתי משמע', נישט אומזיסט איז פֿאַראַן איין וואָרט פֿאַר געלט און פֿאַר בלוט."

„און אַן אייגן קינד איז נישט בלוט פֿון אײַער בלוט?"

„איך האָב געמיינט אַז אַ רבֿ דאַרף צוריקקערן די הערצער פֿון די קינדער צו זייער טאַטן, איר אָבער שטעלט זיך אין גאַנצן אויף זייער צד."

„דער פּסוק וואָס איר ציטירט רעדט צוערשט וועגן צוריקקערן די הערצער פֿון די עלטערן צו די קינדער און ערשט דערנאָך פֿון די קינדער צו די עלטערן. אויב איר וועט זיך האַלטן בײַ אײַער עקשנות וועט בלענטש אַרויס פֿון שטוב און איר וועט קאָנען שפּאָרן הוצאות. נישט זי וויל פֿון אײַך הוצאות אויף דער חתונה, נישט זי וויל איר זאָלט קומען צו דער חתונה. אויס טאַטע. זיי ווילן פֿון אײַך מער נישט וויסן!"

„און איר אַ רבֿ, זענט מסכּים?"

„איך בין נישט מסכּים צו אַ ברוגז מיטן טאַטן, איך בין מסכּים אַז איר דאַרפֿט זיי באַרגן דאָס געלט."

ער האָט זיך נישט אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן. ער איז געלאָפֿן פֿון קינד צו קינד, ער האָט זיך געבעטן בײַ דער גיטאַ זי זאָל זיך אַרײַנמישן, אָבער דער סוף פּסוק איז געווען אַז ער האָט טאָקע אויסגעפּועלט בײַ זײַן באַנק עקסטראַ קרעדיט פֿאַר דעם צוועק. צו ערשט פֿינף און צוואָנציק טויזנט, דערנאָך נאָך פֿינף טויזנט, און צום סוף נאָך עקסטראַ זיבן טויזנט. אַז די ערשטע פֿינף און צוואָנציק טויזנט זענען שוין געווען אײַנגעזייפֿט און מע וואָלט זיי פֿאַרלוירן אויב מע וואָלט נישט אַרײַנגעלייגט מער ווען עס איז געוואָרן נויטיק, וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט געמוזט

באַשיצן די ערשטע אינוועסטיציע, יאָ צי ניין? אַזוי אַרום איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן מיט גאַנצע צוויי און דרײַסיק טויזנט.

איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע חתונה. ער האָט אַרויסגעריסן דאָס געלט פֿון אַ ביזנעס ווו דער פּראָצענט מיט אַ טייל פֿון קרן קומט אַרײַן רעגולער יעדע וואָך, אָדער חודש, — דאָ — נישט קיין קרן, נישט קיין פּראָצענט, אַ פּרוטה נישט!

מע קאָן נישט זאָגן אַז דאָס נײַ־געבאַקענע דאָקטאָרל האָט נישט פֿאַרדינט. אָבער אַלץ איז געקומען פֿריִער פֿאַר די חובֿות, און אַלע אַנדערע בעלי־חובֿות זענען געקומען פֿאַר דעם אייגענעם שווער. ווי זאָגט מען עס: ווי דער באַלעבאָס כאָוועט אויס דאָס הינטל אַזוי האַלט ס׳הינטל דאָס גאַנצע הויז־געזינדל. די מאַמע האָט אויס־געלערנט די טאָכטער נישט צו האָבן קיין אײַנזען מיטן אייגענעם טאַטן, און די טאָכטער האָט די תּורה איבערגעגעבן צום איידעם. דער טאַטע האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן. ער האָט גענומען דאָס געלט אין דער באַנק, יאָ צי ניין? אַז ער וועט נישט צאָלן דער באַנק אין צײַט וועט די באַנק נישט שווײַגן, יאָ צי ניין? פֿאַרוואָס זאָלן קינדער — אייגן בלוט און פֿלייש — וועלן טרײַבן דעם טאַטן פּריצײַטיק אין גרוב אַרײַן?

וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַ סך צו ברענגען? חודש נאָך חודש איז ער געצוווּנגען געווען אַראָפּצושינדן פֿון זײַנע ביזנעס און צאָלן דער באַנק דעם „גאַניידעמס״ חובֿות. יעדער מאָל ווען עס האָט אָנגערוקט דער צאָלונגס־טאָג איז ער געשטאַנען אויף די קני בײַ דער גיטאַ, געלאָפֿן פֿון טאָכטער צו טאָכטער, און געבעטן רחמים זיי זאָלן נישט דערלאָזן דאָס דאָקטאָרל זאָל אים אויסזויגן דאָס לעצטע ביסל מאַרך פֿון די ביינער. ער האָט זיך געדרייט אויף זײַן געלעגער גאַנצע נעכט. די גיטאַ האָט זיך געבייזערט אַז ער לאָזט זי נישט שלאָפֿן, און אים געזידלט אַז ער איז שוין אין גאַנצן אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט גאָרנישט געקאָנט צוריקהאַלטן די טרערן. אייגענע קינדער זאָלן אַזוינס טאָן צו אַ טאַטן! ווי שטייט עס גע־שריבן: דײַנע צעשטערערס וועלן אַרויסקומען פֿון דיר אַליין.

ווי קאָן עס זײַן בעסער, אַז די מאַמע פֿאַרשטייט נישט פֿון דאַנען ביז אַהער אין ביזנעס. „דו וועסט האָבן שבת צו מאַכן אָן די צוויי און דרײַסיק טויזנט,״ האָט די וואַזשנע חכמה געטענהט. אַז מע זאָגט: „אַ צאַפּ אָן אַ קאַפּ״... אַוודאי וועט ער נישט אויסגיין פֿון הונגער, אָבער ביזנעס איז אַ לעבעדיקע זאַך. אַז מע שנײַדט אָפּ אַ שטיק,

רינט בלוט! וואָס, ביזנעס האָט נישט קיין בלוט? אַזוי פֿיל געזונטע יאָר זאָל ער נאָך האָבן, ער זאָל נאָך דערלעבן צו זען אַזוי פֿיל נחת בײַ זײַנע קינדער וויפֿל בלוט עס האָט געטריפֿט פֿון זײַן האָרץ ווען ער האָט יעדן חודש געמוזט אָפּרײַסן שטיקער פֿון זײַן געשעפֿט און אַוועקטראָגן אין דער באַנק אַרײַן. זײַן געשעפֿט איז דערפֿון נישט אונטערגעגאַנגען? מע קאָן בײַ אַ מענטש אָראָפּנעמען אַ האַנט, אַ פֿוס, אַפֿילו ביידע הענט און ביידע פֿיס. ער וועט נאָך אַלץ לעבן, אָבער דאָס אַראָפּנעמען טוט וויי. דאָס אָפּגעשניטענע אָרט טוט וויי אַפֿילו ווען עס איז שוין פֿאַרהיילט. אַ געשעפֿט, אויב מען אַמפּוטירט דערפֿון הענט און פֿיס ווערט עס אַ קריפּל.

מע קאָן נישט זאָגן אַז די געשעפֿטן זענען אים געגאַנגען שלעכט. עס איז גראָד געווען אַ גאָלדענער סעזאָן און דער וויטיק איז געווען נאָך גרעסער. עס קומט צו דיר דײַנס אַ קליענט, דו קאָנסט מאַכן בײַ אים אַ שיינע פּאָר טאָלער, אָבער דו האָסט נישט די מטבע און דו אַליין מוזט אים שיקן צו דײַן קאָנקורענט. שטעלט זיך פֿאָר אַ פּרוי וואָס דערפֿילט שוין אַז דאָס עופֿעלע צאַפּלט אין איר לײַב און זי איז געצווונגען זיך אַליין צו מאַכן אַן אַבאָרציע. וואָס, אַז זי האָט שוין קינדער חוץ דעם? דאָס איז ווי אַרויסרײַסן אַ שטיק לעבן פֿון זיך אַליין.

פּלוצעם, אין אַ שיינעם העלן פֿרימאָרגן איז די בלענטש געקו־מען צו אים אין אָפֿיס. ס׳קאָן נישט זײַן אַז זי האָט אים געבראַכט די חודשלעכע צאָלונג, ס׳איז נאָך ווײַט פֿון סוף חודש. האָט זי געבראַכט וואָס זיי האָבן פֿאַרפֿעלט צו צאָלן ביז איצט? ער האָט נישט אַזאַ גוט מזל. איז זי געקומען פֿאָדערן אַ נײַע הלוואה? האָט זי די חוצפּה צו — — — ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן בייגן, ער וועט זיך נישט לאָזן טעראָריזירן. גענוג איז גענוג!

די בלענטש האָט אַוועקגעלייגט פֿאַר אים אַ טשעק אויף קנאַפּע פֿינף און דרײַסיק טויזנט. דער גאַנצער חובֿ מיט דעם גאַנצן פּראָ־צענט, אויסגערעכנט ביז צו דער פּעני. וואָס פֿאַר אַ בייזער וויץ איז דאָס? זי האָט דאָך נישט — זי קאָן דאָך נישט האָבן אַזאַ מטמון מיט געלט.

„דו האָסט געוווּנען אויף די אײַריש סוויפּסטעיקס, אָדער באַראַ־בעוועט אַ באַנק?״

„נישט געוווּנען און נישט גערויבעוועט. געבאָרגט אין אַ באַנק. פֿרעמדע האָבן גאַראַנטירט. פֿרעמדע האָבן געהאַט צוטרוי אַז אַרטשי

וועט פֿאַרדינען און וועט אַלץ אָפּצאָלן. זאָל דער טאַטע שוין אויפֿ־הערן קלאָגן און ווײַזן דער גאַנצער שטאָט זײַנע רויטע אויגן. זאָל דער טאַטע שוין אויפֿהערן זי באַרעדן און שיקן צו זיי מענטשן וועגן חובֿ.״

אָפּגעזאָגט איר פּזמון און אַרויס אַן אַ „גוטן טאָג״. ער איז גע־לאָפֿן צו דער באַנק אין איין אָטעם. ס׳איז נישט געווען קיין וויץ, ס׳איז געווען דעקונג פֿאַר די פּולע פֿיר און דרײַסיק טויזנט זעקס הונדערט און פֿערציק דאָלער מיט 76 סענט. די וואַזשנע בעלי־חשבון האָבן איבערגעצאָלט מיט 17 סענט. ער דאַרף נישט קיינעמס, ער האָט אין אָוונט אָוועקגעטראָגן צו בלענטשן די זיבעצן סענט, האָט זי עס אים געוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן. ער האָט עס אויפֿגעהויבן און עס אָוועקגעלייגט אויפֿן טיש, האָט זי עס אים נאָכגעוואָרפֿן אין גאַס אַרײַן. ער האָט געפֿונען נאָר זעקס סענט און די רעשט — ווי אין וואַסער אַרײַן! אַ מענטש וואָס וואַרפֿט אַרויס זיבעצן סענט טאָר מען נישט געטרויען קיין זיבעצן סענט. און אַ מענטש וואָס מע טאָר אים נישט געטרויען קיין זיבעצן סענט טאָר מען קיין שווערע טויזנטער אוודאי נישט געטרויען.

די פֿרעמדע וואָס האָבן אונטערגעשריבן פֿאַר אַרטשין זענען גע־ווען זײַנע חבֿרים דאָקטוירים, שותּפֿים צו דעם מעדיצינישן בנין. אויב די גיטאַ און אירע טעכטער וואָלטן געהאַט אַ ביסל שׂכל וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז, ווי מע זאָגט עס אויף ענגליש, אַ פֿערד פֿון אַ גאַנץ אַנדערן קאָליר. דאָקטוירימס פּרנסה איז מע־דיצין. אויב זיי וואָלטן גאַראַנטירט אָפּילו צוויי מאָל אַזוי פֿיל וואָלט דאָס נישט געמינערט זייער פּרנסה. אָבער ער האַנדלט מיט זײַן געלט און מיט זײַן קרעדיט אין דער באַנק. דו גיסט אַ גאַראַנטיע, פֿאַרדעכנט עס די באַנק פֿאַר אַ דעביט. אויב זי פֿאַרקלענערט איבער דעם דײַן אייגענעם קרעדיט — ביסטו אויף צרות. אויב זי פֿאַר־קלענערט נישט, מיינט עס דאָך אַז זי געטרויט דיר מער, קאָנסטו דאָך באָרגן מער פֿאַר זיך אַליין און מאַכן אַ פּאָר עקסטראַ דאָלער.

אַזוי איז טאַקע געשען. אַז ער האָט אַזוי שנעל צוריקגעצאָלט די עקסטראַ הלוואה וואָס ער האָט גענומען פֿאַר אַרטשין האָט ער באַלד נאָך דעם געבעטן אַן הלוואה פֿון עקסטראַ פֿופֿציק טויזנט, און באַקומען. ווי שטייט עס געשריבן? מעז יצא מתוק, דאָס שלעכטע האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן.

עס זאָגט זיך אַזוי: צום גוטן. אַז דער איידעם איז אַ דערפֿאָלג־

רײַכער דאָקטאָר קומט אים אַ ביסל נחת, יאָ צי ניין? די בלענטש האָט אַ מאַן אַ דאָקטאָר, ווו האָט זי אים באַגעגנט? טאַקע אין דעם מאַק־גיל אוניווערזיטעט ווו זי אַליין האָט געלערנט. ווער האָט זי געשיקט אין מאַק־גיל און ווער האָט באַצאָלט לערן־געלט? ער האָט באַצאָלט, יאָ צי ניין? קומט אים, ווי געזאָגט, אַ ביסל נחת. אָבער אַז ער קומט אַ מאָל צו דער בלענטש אַ קוק טאָן אויף אַן אייניקל איז די גאַנצע שׂמחה מיט דער באָבען, צו אים — די ליפּן פֿאַר־שנירלט, דאָס פּנים אַ שטיק אײַז, ווי ער וואָלט איר דער באָבעס ירושה צוגענומען. זי זאָל נאָר נישט געשטראָפֿט ווערן ווי זי באַהאַנדלט איר טאַטן.

קיינער וועט נישט טרעפֿן ווער נאָך עס האָט אונטערגעשריבן פֿאַר זײַן אײדעם. נישט קיין דאָקטאָר, נישט קיין פֿעלדשער, נישט קיין קרובֿ, נישט קיין גואל. ווי קומט אַ געוועזענער שותּף צו ווערן אַ גאַראַנטאָר פֿאַר זײַן קינד? בײַ אַן הלוואה אין אַ באַנק איז יעדער גאַראַנטאָר פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער גאַנצער סומע. ווי אַזוי האָט דער ליבאָוויטש גענומען אויף זיך אַן עול פֿון פֿינף און דרײַסיק טויזנט ווען ער שרײַט אַז ער איז געבליבן אָן אַ גראָשן נאָכן אויס־קויפֿן דאָס שותּפֿות? אויב נאָכן אויסצאָלן אַ פֿערטל מיליאָן איז פֿינף און דרײַסיק טויזנט נאָך בײַ אים אַ שפּילעכל, וואָס איז פֿון דעם געדרונגען?

אויב ער האָט נאָך געלט האָט ער עס געלאַטכענט. איז די קשיא: בײַ וועמען? און נאָך אַ הארבע קשיא. אַ בוכהאַלטער דאַרף דאָך קענען רעכענען, יאָ צי ניין? פֿאַרוואָס האָט ער זיך נישט באַרעכנט אַז אויב מע וויל אים נישט פֿאַר קיין שותּף וויל מען אוודאי נישט ער זאָל זיך אַרײַנמישן אין משפּחה־ענינים? אַז מע ריזיקירט פֿינף און דרײַסיק טויזנט זיך אויסצופּײַנען, שטעקט עפּעס דערין, יאָ צי ניין?

דעם ליבאָוויטשעס גאַראַנטיע איז געפֿאַלן ווי אַ רעפֿלעקטאָר אויף אַ גאַנץ לעבן. וואָס פֿאַר אַ מחזקות האָט דאָס בוכהאַלטערל מיט בלענטשן? אפֿשר מיינט ער נישט די טאָכטער? די מאַמע האָט נאָך אַלץ אַ שיין פּנים, אַ שמייכל מיט חן־גריבלעך, אַ — — —

מילדרעד, ליבאָוויטשעס ווײַב, איז יינגער ווי גיטאַ און נישט מיאוס, גאָרנישט מיאוס. אָבער, אַ קשיא אויף די הײַנטיקע הול־טאַיעס... ער איז אַרויס פֿון די קליידער־ביזנעס מחמת דער ליבאָוויטש איז נישט ערלעך, און אַז דו קאָנסט אַ מענטש נישט

געטרויען דייַן געלט, קאָנסטו אים דייַן ווייַב אַוודאי נישט געטרויען. ערשט איצט זעט ער אַז עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל. פֿאַרוואָס האָט דער שותּף, ליבאָוויטש, איר אַלע מאָל געגעבן מער געלט וויפֿל איר אייגענער מאַן האָט איר געוואָלט געבן? וואָס איז עס געווען יענעמס פֿאַרשיווער עסק צי זייַן ווייַב דאַרף מער אָדער נישט? אַהאַ, דאָ ליגט דער שליסל צו אַלע רעטענישן. דאָס צדיקל ליבאָוויטש האָט בכּיוון געגעבן געלט אָנצומאַכן אַ בייז לעבן צווישן אים און גיטאַן, און ווען דאָס ווייַב איז אין כּעס אויפֿן מאַן — ווי זאָגט מען עס: אין מוטנעם וואַסער איז לייַכט פֿיש צו כאַפּן. יענער איז געוואָרן אויס שותּף צו די ביזנעס און איז אפֿשר געבליבן אַ שותּף — מען דאַרף דען עמעצן לייגן אַ פֿינגער אין מויל אַרייַן? ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג!

אַז ער האָט עפּעס אַרייַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט וועגן דעם האָט די גיטאַ געזאָגט אַז ער איז שוין אין גאַנצן אַראָפּ פֿון זינען. זי איז דער מילדרעדס בעסטע חברטע? מילא, מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. אַז מע קאָן זייַן פֿאַלש צום אייגענעם מאַן, קאָן מען אַוודאי זייַן פֿאַלש צו אַ חבֿרטע.

ווייַבער קאָנען בעטשען ווי אַ קו, טאַמלען ווי אַ געשלאָגענער הונט, אָדער אויקען און קרעכצן און זשומען דיר אין אויער ווי אַ אַ זלידנע פֿליג. רעדן אָפֿענע דיבורים, ווי אַ מאַן, קען נאָר אַ מאַן. אין דעם פֿאַל אָבער האָט ער אַליין זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ ייִדענע. דער חשד האָט געגריזשעט אין אים ווי אַ וואָרעם, אָנגעצויגן ווי אַ צאָן־געשוויר, אָבער ער האָט זיך געשעמט עס אַרויסצוברענגען פֿאַרן מויל. ווער ווייסט ווי ווייַט צוריק דאָס גייט? אפֿשר גייט עס אַ סך ווייַטער ווי ער שטעלט זיך פֿאָר? ווי קומט אַ געוועזענער שותּף צו פֿינאַנסירן זייַן קינד? מע קאָן דאָך משוגע ווערן!

ער האָט דען נאָך באַדאַרפֿט באַווייַזן? אָבער עס איז געקומען אַן אָוונט ווען עס איז געשען אַזוינס וואָס ער האָט מער נישט געקאָנט פֿאַרשווייַגן. ער איז אַהיימגעקומען פֿון אַ זיצונג אין זייַן סאָסייַעטי. געוויינלעך ענדיקט זיך אַ זיצונג אַרום עלף און ער קומט אַהיים ערשט אַרום עלף דרייַסיק. דאָס מאָל איז ער אַהיימגעקומען אַרום צען. נעבן זייַן הויז איז געשטאַנען אַן אויטאָ, אַ גרויסער „לינקאָלן" וואָס שלינגט גאַזאָלין ווי אַ שיכּור בראָנפֿן. יאָ, דער ליבאָוויטש האָט גענוג אָנגעגנבֿעט ער זאָל קאָנען קויפֿן אַן אויטאָמאָביל פֿאַר אַ צוועלף טויזנט דאָלאַר. אין אַזאַ גרויסן אויטאָ קאָן

מען אַ סך אָפּטאָן... ווער מיינט איר איז געזעסן אין דעם לינקאָלן? גלייבט עס אָדער נישט — גיטאַ און איר ליבאָוויטש, אָדער ליבאָוור־ניק. מע קאָן עס שוין זאָגן, ס׳איז דען נאָך געבליבן דער מינדעס־טער ספֿק? ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג. דרײַסיק יאָר איז ער געווען ווי אַ בלינדער און גאָרנישט געזען. פֿאַרוואָס זאָלן זיי זיך היטן פֿון קומען ביז צו זײַן היים?

ער קאָן שווערן אַז ווען ער האָט צו ערשט דערזען דעם אויטאָ האָט ער געזען נאָר אַן אויטאָ, אַ ליידיקן געפּאַרקטן אויטאָ. ער איז ווי אַלע מאָל געגאַנגען צו פֿוס, נאָך וואָס פּטרן געזאָלין ווען סע רעגנט נישט. ער איז געגאַנגען צו פֿוס, און נאָך פֿון ווײַטן געזען דעם אויטאָ. ער האָט גוטע אויגן, דאָס וועלן אַלע מודה זײַן. ער קאָן שווערן, מען האָט נישט געזען קיין מענטשן. אָבער ווען ער איז צוגעקומען נאָענט איז דער גאַלאַנטער ליבאָוניק פּלוצעם אַרויסגע־שפּרונגען פֿון דער לינקער זײַט, געעפֿנט די טיר פֿון דער רעכטער זײַט, און ווער מיינט איר איז אַרויס? גיטאַ איז אַרויס. די פּיס האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן אונטער איר ווען זי האָט אים דערזען. זי האָט עס געלייקנט, אָבער וואָס האָט זי דען נישט געלייקנט? זי איז באַלד געקומען צו זיך און אַ זאָג געטאָן: „האַי, שוין געענדיקט דער מיטינג?״

„איז וואָס?״

„איז וואָס? וואָס זאָל זיין? גאָרנישט. מאַרטין האָט מיר געגעבן אַ ליפֿט.״

„ווו ביסטו דאָס געווען וואָס מאַרטין האָט דיך געבראַכט אַהיים?״

„וואָס הייסט ווו? כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט אַז איך גיי צו שילאָן.״

„ווי קומט מאַרטין דיר צו געבן אַ ליפֿט פֿון שילאָן?״

„ער איז אויך געווען בײַ שילאָן.״

אויב עס איז אַ ליגן איז ביטער, יאָ ציֵ ניין? אויב עס איז אמת איז נאָך ערגער. אויב זיי טרעפֿן זיך בײַ שילאָן מיינט עס — — עס איז שווער עס צו ברענגען אַפֿילו אויפֿן געדאַנק.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט זאַכן וואָס האָבן פֿריִער אויס־געזען אַזוי פּשוט און אומשולדיק. עס האָט געטראָפֿן ווען זיי זענען נאָך געווען שותּפֿים. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען, ער האָט גע־ענטפֿערט. „אָ, פּאָול? ס׳איז מאַרטין. גאָרנישט, כ׳האָב געוואָלט קלינגען מײַן מילדרעד. כ׳האָב, ווײַזט אויס, געמאַכט אַ טעות.״

איז עס טאַקע געווען אַ טעות? פאַרוואָס איז די גיטאַ דאַמאָלט אַזוי געלאָפן צום טעלעפאָן? זי איז דאָך אַ קריכערין, שלעפּט די פיס ווי אַ פאַרשלאָפענע, און דאָ לויפט זי און האָט טאַקע שיעור נישט באַוויזן אויפצוהויבן דאָס טרײַבל פריִער ווי ער. האָט זי דערוואַרט אַ טעלעפאָן פון ליבאָוויטשן און יענער האָט שנעל געפונען אַן אויסרייד?

פּאָול ראַי טוט גאָרנישט אין געאײַל. ער שלינגט נישט אַראָפּ דעם ביסן, ווי די גיטאַ, ווי נאָר עס קומט אַרײַן אין מויל. ער צעקײַט עס גוט, צעמאָלט עס מיט די באַקציינער. אַזוי מיטן עסן, אַזוי אויך מיט אָננעמען אַ באַשלוס. דער כּעס האָט געזאָטן, אָבער געטאָן האָט ער דערווײַל גאָרנישט. ער האָט נישט געקאָנט עסן און נישט שלאָפן. ער האָט אַפילו צו די געשעפטן קיין קאָפּ נישט געהאַט. אַזוי פיל מכּות זאָלן — — — וואָס איז איצט דאָ צו רעדן? גיטאַ האָט שוין באַקומען איר שטראָף.

איז מעגלעך עס זאָל האָבן אָנגעגאַנגען אַזוי פיל יאָרן און קיין האָן האָט נישט אַ קריי געטאָן? אפשר ווייסן אַלע, נאָר ער, דער קלוגער פּאָול ראַי איז אַ יאָלד? עס קאָן זײַן אַז ווען ער גייט אין גאַס טײַטלט מען אויף אים מיט די פינגער. עס קאָן זײַן אַז ווען ער לייענט זײַנס אַן אויסגעמײַסטערטן פּראָטאָקאָל בײַ אַ זיצונג פון די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס הערט זיך קיינער נישט צו. זיי זענען פאַרנומען מיט שושקען זיך וועגן אים. ניין, מע דאַרף זיך אַפילו נישט שושקען. עס איז גענוג זיך איבערצווווינקען, עס איז גענוג צוצושטעלן צוויי פינגער צו ביידע זײַטן קאָפּ, ווי הערנער, און אַלע ווייסן שוין וועמען מען מיינט. געוואַלד און געשריגן, ס׳איז דאָך געווען אַן אָפענער אײַן און דרײַסיק, און ער איז געווען בלינד און גאָרנישט געזען.

ניין, נישט נאַרישקייט האָט אים בלינד געמאַכט נאָר גוטסקייט. די גלאַטיקע, גליטשיקע מענטשעלעך וואָס זענען פאַרנומען נאָר מיט זיך, זיי קאָנען פאַרשווענדן זייער צײַט נאָכצוקוקן, אַרײַנצוקלערן. פּאָול ראַי איז צו פיל פאַרנומען מיט אָנזאַמלען אַ ירושה פאַר זײַנע קינדער. און צוליב וועמען טוט ער אַזוי פיל גזשעלשאַפט־לעכע אַרבעט? ער דאַרף דען דעם כּבֿוד פאַר זיך? בינאָס מאָן איז אַ סוחר, בלענטשעס — אַ דאָקטאָר, שילאָס אַן אַדוואָקאַט. וואָלטן זיי באַקומען אַזעלכע פײַנע יִינגעלייט אויב דער טאַטע וואָלט נישט געווען אַזאַ אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט? ווען זי איז אַרומ־

געלאָפֿן אין אַלדי שוואַרץ יאָר, איז ער געווען פֿאַרנומען מיט בויען אַ מאָרגן פֿאַר זײַנע קינדער.

זײַנע קינדער? ער וויל וועגן דעם נישט טראַכטן? דו באַריש בוכהאַלטערל ביסט דער יאָלד. דו האָסט זיך צוגעכאַפּט צו דער אַלטער יאַכנע, האַלט זי דיר. די קינדער? אַ זאַשע! פּאָול ראַי נעמט נישט צו קיינעמס און לאָזט נישט קיינער זאָל צונעמען זײַנס. נישט אַ דאָלאַר און נישט אַ קינד!

ווי אַלע מאָל האָט ער אַלץ געטאָן מיט אַ טאַלק. ער האָט געהאַט געקויפֿט אַן אייגן הויז און מיט דירה־געלט אויסגעצאָלט דעם היפּאָטעק. וואָס טוט מען איצט מיט אַ הויז אָן שום חובות? האָט ער צו ערשט אַרויסגענומען אַ גרויסן היפּאָטעק אויפֿן הויז, דערנאָך עס פֿאַרקויפֿט און זיך אַרײַנגעצויגן אין אַ באַשיידענער דירה. די גיטאַ האָט געמאַכט סקאַנדאַלן, אָבער אַלע האָבן צוגעגעבן אַז ער איז גערעכט. שוין חתונה געמאַכט אַלע קינדער, וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס אויסצוהאַלטן אַ גרויס הויז מיט דריי ליידיקע שלאָף־שטובן? גיטאַ האָט געוויינט און אונטערגעשריבן די פּאַפּירן. אַפֿילו די קינדער האָבן זי צוגערעדט.

פֿאַרטיק געוואָרן מיטן הויז האָט ער זיך גענומען צו דער פֿינאַנץ־קאָמפּאַני ביז עס איז געבליבן אַ קאָמפּאַני אָן פֿינאַנצן. די קאָמפּאַני האָט אָפּערירט מיט געבאָרגט געלט, מע קאָן זאָגן: ערבֿ באַנקראָט.

פּאָול ראַי איז, חלילה, נישט קיין באַנקראָטניק. די אַלע חובֿות זענען געווען צו אים אַליין. די געזעלשאַפֿט צו פֿינאַנסירן דעם קויף פֿון אויטאָמאָבילן האָט געבאָרגט געלט ביי אַנדערע געזעלשאַפֿטן וואָס אָפֿיציעל האָט ער זיך גאָרנישט אָנגעהערט מיט זיי, אָבער דאָס זענען אויך געווען זײַנע אייגענע קאָמפּאַניס. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין שווינדל. באַנקראָטניקעס מאַכן אַזעלכע קונצן צוצונעמען געלט וואָס געהערט צו עמעצן אַנדערש, ער האָט עס געטאָן צו ראַטעווען זײַן אייגענעם קאַפּיטאַל עס זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין דער גיטאַס גזלעכערטע הענט. ער האָט שווער און ביטער געאַרבעט אויף יעדער פּעני, יאָ צי ניין? און ווען ער האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט — — — שווער עס צו ברענגען פֿאַרן מויל.

נאָך דעם ווי ער האָט, ווי מע זאָגט עס אין ענגליש, „געמאַכט אָרדענונג אין זײַן הויז" בנוגע זײַנע געשעפֿטן, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מאַכן אָרדענונג אין זײַן היים. ווען די גיטאַ האָט דער־

הערט אָפּענע דיבורים האָט זי זיך צעלאַכט. ווען ער האָט געזאָגט אַז ער וויל אַ גט איז זי צו ערשט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ היסטעריש געלעכטער און צום סוף זיך צעבעטשעט: עס איז איר אַ חרפּה פֿאַר די קינדער.

וועגן דעם האָט זי באַדאַרפֿט פֿריִער טראַכטן.

אַלע דרײַ טעכטער מיט זייערע מענער זענען געקומען צו לויפֿן. דער ראש המדברים איז דאָ געווען ביל, שילאַס מאַן. מע דאַרף מודה זײַן, ער האָט אַ פּיסקל. נישט בחינם איז ער אַן אַדוואָקאַט. אָבער אַז ער האָט ענדלעך דערזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים, וועט אים שוין קיינער נישט קענען פֿאַרבלענדן די אויגן, נישט דער גרעסטער אַדוואָקאַט און אַפֿילו נישט דער בעסטער „מח שרימ־פּער", ווי מע רופֿט הײַנט אַ פּסיכיאַטער. יאָ, ווען זיי האָבן געזען אַז ער האַלט זיך בײַ דאָס זײַניקע, האָבן זיי אַלע אים גענומען אײַנרעדן ער זאָל גיין צו אַ פּסיכיאַטער. צו מאַכן אַ לאַנגע מעשׂה קורץ, עס איז אַרויסגעקומען דערפֿון אַזאַ מין אָפּמאַך: אויב נאָך דעם ווי ער וועט גיין צום פּסיכיאַטער וועט ער נאָך אַלץ פֿאַרלאַנ־גען אַ גט, וועט די מאַמע נעמען אַ גט.

ער איז געגאַנגען צום פּסיכיאַטער רעדן וועגן אַ גט, אָבער יענער האָט גאָר אָנגעהויבן שטעלן קלאָץ־קשיות וועגן זײַנע קינדער־יאָרן. פֿון וואַנען דער דאָקטער האָט געוווּסט אַז ער איז געווען אַ קלײַנעכדיקער יתום איז נישט קלאָר, אָבער וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט עס צום עצם ענין? הקיצור, דער „מח שרימפּער" האָט נישט באַוויזן אײַנצושרימפּן דעם מח פֿון פּאָול ראָי. דער באַריכט צו די קינדער איז געווען אַז דער טאַטע קאָאָפּערירט נישט.

געזען אַז ער לאָזט זיך נישט בייגן וועגן גט האָבן זיי גענומען רעדן וועגן טיילן דאָס פֿאַרמעגן.

טיילן? פֿאַרוואָס נישט? ער איז גרייט צו טיילן מיט גיטאַן זײַנע חובֿות. מער ווי חובֿות האָט ער נישט. דאָס געשעפֿט דרייט זיך נאָך מיטן כּח פֿון אינערציע. איין בלאָז און אַלץ וועט זיך צעפֿאַלן.

„האָסט דאָך ערשט אַרײַנגעלייגט נײַע פֿערציק טויזנט פֿון דעם הויז?"

„אָן דעם וואָלט עס זיך שוין לאַנג געהאַט צעפֿאַלן."

ער האָט זיך געשראָקן אַז דער ביל וועט נעמען אויספֿאָרשן דעם ענין. אָבער ווי נאָר ער האָט אַ ווײַז געטאָן דעם אָפֿיציעלן

פֿינאַנץ־באַריכט פֿון דער אויטאָ־פֿינאַנסירונג געזעלשאַפֿט האָט דער „געניאַלער“ אַדוואָקאַט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן — איצט פֿאַרשטייט ער שוין אַלץ. פּאַפּ האָט פֿאַרלוירן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און דער שאָק האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿאַרפֿאָלגונגס־קאָמפּלעקס. מען האָט אַלץ בײַ אים צוגענומען, האָט ער זיך אײַנגערעדט אַז מען האָט דאָס ווײַב אויך צוגענומען.

דער חכם בלילה איז געווען אַזוי איבערגענומען מיט זײַן אײַנפֿאַל אַז מען האָט שוין מער נישט געפֿרעגט וועגן געלט.

ער האָט פֿאָרגעלייגט צאָלן דער גיטאַן פֿערציק דאָלאַר אַ וואָך און קיינער האָט נישט געפֿאָדערט מער. זיי האָבן נאָך אַ מאָל פּרובירט פּועלן בײַ אים ער זאָל גיין צום פּסיכיאַטאָר, אָבער אײַנגעשפּאַרט זיך וועגן דעם האָבן זיי זיך נישט. ער איז געווען פֿרײַ און קיינער האָט אַפֿילו בײַ אים נישט געמאָנט די פֿערציק דאָלאַר וואָכן־געלט פֿאַר גיטאַן.

פֿון דעם אַלעם קאָן מען זען ווי גוט ער האָט אַלץ אַדורכגעטראַכט, און ווי קלוג ער האָט עס אַדורכגעפֿירט. אָבער איין זאַך האָט ער נישט פֿאָרויסגעזען. דער סוד וועגן זײַן „געבעכדיקן“ פֿינאַנציעלן מצבֿ איז אַרויס אין גאַס און אָנגעקומען צו דער באַנק. אין איין שיינעם פֿרימאָרגן האָט מען צוריקגעצויגן זײַן גאַנצן קרעדיט. צוריקגעצויגן עס אויף אַ מיאוסן אופֿן. זיי האָבן געוואָרט ביז ער האָט אָפּגעצאָלט אַן הלוואה. ווען ער האָט געוואָלט ווידער עפּעס באָרגן האָט מען אים געזאָגט: „די אַראַנזשירונגען זענען שוין איבערגעעלטערט. ווען וועסט אַלץ אָפּצאָלן וועט מען דיסקוטירן נײַע קרעדיטן.“ אָבער ווען ער האָט טאַקע אַלץ אָפּגעצאָלט האָבן זיי קיין נײַע קרעדיטן נישט געגעבן.

אַ פֿינאַנץ־קאָמפּאַני אָן קרעדיט איז ווי אַ בעל־עגלה אָן אַ בײַטש. ניין, עס איז גיכער ווי אַ וואָגן אָן רעדער. ווען ער האָט פּרובירט אויפֿקלערן דעם באַנק־מענעדזשער אַז באמת איז זײַן מצבֿ גאָרנישט אַזוי שלעכט, האָט יענער גענומען רעדן וועגן פֿאַרשרײַבן דאָס אויף זײַן כאַראַקטער־קאַרטע.

וואָס פֿאַראַ אויסטערלישע רייד. ער וואָלט באַדאַרפֿט אָוועק צום הויפּט־ביוראָ און פֿרעגן פֿון ווען אָן האָט אַ באַנק־באַאַמטער אַ רעכט צו משפּטן זײַן כאַראַקטער? אַ באַנק האַנדלט מיט געלט, יאָ צי ניין? ס׳איז נאָך אַ ספֿק צי עמעץ אין דער באַנק האָט אַזאַ טאַלאַנט ווי ער אָפּצוהיטן געלט.

ווי זאָגט מען עס: אַ שטעקן האָט צוויי עקן. אַז די קינדער גלייבן אין זײַן אָרעמקייט קאָן ער דאָך נישט ריזיקירן זיי זאָלן זיך דערוויסן דעם אמת. מאַנטרעאָל איז אים סתּם פאַרמיאוסט געוואָרן. עס איז געווען ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געווען קעגן אים. אַפילו די מילדרעד, דעם ליבאָוויטקס ווײַב. זי האָט נישט געהאַט קיין מוט עפּעס צו טאָן? גוט. אָבער אַז ער האָט יאָ געהאַט דעם כּח זיך נישט צו לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע האָט זי דאָך באַדאַרפט צו זײַן צופרידן, יאָ צי ניין? איז זי גאָר געוואָרן מיט דער גיטאַ ווי יענע צוויי. איינע רירט זיך נישט אָן דער אַנדערער. די גיטאַ איז מיט איר טאָג און נאַכט. דאָס האָט אים געקרענקט ביז צום ביין. ער האָט פּשוט נישט געקאָנט סובל זײַן אַזאַ אויסטערליש פּירעכץ. אפשר האָט דאָס אויך גורם געווען ער זאָל זיך מער נישט קאָנען געפינען קיין אָרט אין דעם קאַלטן פאַרשנייטן מאָנטרעאָל. אַ סך מאָנטרעאָלער זענען סיי ווי אין מיאַמי עטלעכע חדשים אין יאָר. ער איז נישט פון די וואָס צעפּטרן זייער האָב און גוטס אויף הולטאַיסקע וואַקאַציעלעך. אָבער ווױנען דאָרט און בויען דאָרט אַ נײַע ביזנעס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז אים געלונגען צו פאַרקויפן זײַן פינאַנץ־געזעלשאַפט אָן היזקות. דער קונה האָט אָפּגעקויפט די פירמע, דעם אָפיס, די אויסשטאַטונג, אַלץ.

* * *

בויען אַ נײַע ביזנעס איז נישט לײַכט. בפרט אין אַ פרעמדער שטאָט, בפרט אין אַ שטאָט וווהין מע קומט נאָר פאַר אַ ווײַלע, הײַנט בין איך דאָ, מאָרגן — משה זוך מיך. אין אַ שטאָט ווו מע וווינט פערמאַנענט, מע קען דעם מענטש פון נעכטן און מע ווייסט אים באַגעגענען מאָרגן, איז די ביזנעס מער סאָליד. אין אַן אַפּרוּפּלאַץ קוקט מען אויף דעם קונה ווי אויף אַ פרײַער וואָס מע דאַרף אויסנוצן כּל זמן ער איז דאָ און אַרויסנאָגן פון אים וויפל עס לאָזט זיך. פון די האָטעלן און די געוועלבן האָבן זיך אָנגעשטעקט די ריַעל עסטעיטניקס און אַפילו די דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. מען האָט אים פאַרגעלייגט עפּעס צו קויפן. ס'איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען, אָבער ער איז דערווײַל אַרײַן צו אַן אַדוואָקאַט. דער לאָיער האָט אים געלאָזט וואַרטן צוויי שעה און דערנאָך אים אויפגענומען אויף פינף מינוט. ער האָט דערנאָך באַקומען אַ חשבון צו גרויס אַפילו פאַר די גאַנצע צוויי שעה מיט פינף מינוט.

אַז מע קויפֿט אַ געשעפֿט ווערט די טראַנזאַקציע אַדורכגעפֿירט דורך אַן אַדוואָקאַט. ווי קאָן מען אַרײַנלייגן דאָס אויסגעהאָרעוועטע פֿאַרמעגן אין די הענט פֿון די אַדוואָקאַטן אַז מע קאָן זיי נישט גע־טרויען דעם לאָך פֿון אַ בייגל. ער האָט אַן אײדעם אַן אַדוואָקאַט, אָבער ראשית איז דער אײדעם נישט בעסער ווי די אַנדערע. שנית, טאָר די משפּחה נישט וויסן אַז ער איז געבליבן בײַ געלט. שלישית, — — —

וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַ סך צו ברײַען. ער האָט אײַנגעזען אַז ער טאָר זיך נישט אײַנזייפֿן אין אַ ביזנעס אין מיאַמי ביז ער וועט דאָרט וואוינען אַ צײַט, קענען די שטאָט פֿון דער נאָענט, און נישט דאַרפֿן זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן מבֿינות פֿון אַנדערע. גערעכט צי נישט? מעג אַ מענטש אַרײַנפּאַקן זײַנע שווער־אויסגעהאָרעוועטע פּאָר דאָלער בלינד און קויפֿן אַ קאַץ אין אַ זאַק? עס איז וויכטיק צו שטעלן די פֿראַגע נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, קיינער זאָל נישט קאָנען זאָגן אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, אַז ער איז אַרויס פֿון אַ בלאָטע און אַרײַן אין אַ גרוב, אַנטלאָפֿן פֿון פֿײַער און אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. ס׳איז וויכטיק צו שטעלן די פֿראַגע קלאָר און דײַטלעך: אַ מענטש, בפֿרט אַ דערפֿאַרענער סוחר, דאַרף זיך צען מאָל אַרומקוקן אײדער ער שטעלט אַ לעבנסוויכטיקן שריט, יאָ צי ניין?

גראָד האָט מען דאַמאָלט אין קאַנאַדע געקאָנט מאַכן גוטע פֿאַר־דינסטן מיט אָוועקבאָרגן געלט אויף פּראָצענט. די רעגירונג האָט געוואָלט אײַנהאַלטן די אינפֿלאַציע און באַפֿוילן די בענק צו שנײַדן קרעדיטן, און ווער עס האָט געדאַרפֿט געלט האָט באַצאָלט אַ הויכן פּראָצענט. ער האָט נישט בדעה געהאַט אײַנצוזייפֿן זײַן געלט אויף אַ לאַנגן היפּאָטעק, ער האָט אָבער געמוזט עפּעס טאָן, זײַן געלט זאָל אַרײַנברענגען ריווח ביז ער וועט זיך אײַנאָרדענען אין אַ נײַ געשעפֿט אין זײַן נײַעם וואוינאָרט. אָוועקבאָרגן געלט אָבי וועמען איז ריזיקאַליש. לאָזן עס אין אַ באַנק אויף אַ קליינעם פּראָצענט איז אַן עבֿירה. די אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק אינוועסטמענט קאָמפּאַני האָט אַנאָנסירט אַז זי צאָלט צען פּראָצענט און וועט עס פֿאַרגרעסערן ביז צוועלף פּראָצענט אויב מע וועט דאָס געלט נישט אַרויסנעמען אין פֿאַרלויף פֿון אַ גאַנץ יאָר. די „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" האָבן אַלע געוווּסט איז סאָליד און ראַיעל, זיי האַלטן אויך בסוד זייערע קליענטנס געשעפֿטן. דאָס איז אין דעם פֿאַל געווען זייער וויכטיק.

צען פּראָצענט אויף זעקס הונדערט און פופציק טויזנט איז פינף און זעכציק טויזנט אַ יאָר. אויב אַ גאַנץ יאָר און אַן עקסטראַ צוויי פּראָצענט, קומען צו נאָך דרײַצן טויזנט! נישקשה פון אַ מטבע, האַ? יעדער מוז צוגעבן אַז עס איז געווען שכלדיק צו לאָזן דאָס געלט אויף אַ גאַנץ יאָר און אפילו נישט אַרויסנעמען דעם פּראָצענט. זאָל דער פּראָצענט אויך טראָגן פּראָצענט. איז פּרנסה? וואָס דאַרף דען איין מענטש אַליין ווען ער איז שוין נײַן און זעכציק יאָר אַלט און איז שוין פיר יאָר אויף עלטער־פּענסיע? האָט ער זיך טאַקע אײַנגעדונגען אין דעם בעיוויו האָטעל פאַר עלטערע מענטשן ווו מען קאָן אויסקומען מיט דער עלטער־פּענסיע וואָס מע באַקומט פון דער רעגירונג. געזעסן אין דעם „בעיוויו" און זיך אַרומגעקוקט וועגן אַ נײַ געשעפט, און אין דעם „אַטלאַנטיק־פּאַסיפיק" איז דערווײַל געוואַקסן זײַן פאַרמעגן. גאַנץ מאָנטרעאָל האָט געוווּסט אַז די „אַטלאַנטיק־פּאַסיפיק" איז סאָליד ווי דער פעלדז פון גיבראַלטאַר. איז עס געווען אַ גוטער סוחרישער באַשלוס, יאָ צי ניין? אוודאי קאָן געשען אַן אומגליק. מע קאָן געהרגעט ווערן בײַם אַריבערגיין די גאַס. וועט עמעץ צוליב דעם אויפהערן אַריבערגיין די גאַס? אַ סוחר מוז האַנדלען מיט שׂכל הישר, און שׂכל איז אַלע מאָל געווען זײַן גרעסטע מעלה אין ביזנעס.

ווי שטייט עס געשריבן אין חומש, צי אין רש"י: יעקב האָט שוין געקאָנט האָבן אַ ביסל מנוחה איז אַראָפּגעפאַלן אויף אים די צרה מיט יוספן. ווי געזאָגט, איז אַלץ אַדורך בשלום מיטן פאַרקויפן דאָס הויז, מיטן גט, ער האָט מיט דער גיטאַ מער נישט געהאַט צו טאָן. וועגן זײַנעטוועגן האָט זי געמעגט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק און אַפילו ביז צוויי הונדערט און פערציק. אָבער אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק קאָן מען דערטרונקען ווערן אין אַ לעפל וואַסער. ער מיינט דאָ דאָס אומגליק וואָס איז געשען צווישן אים און די קינדער נאָך גיטאַס לוויה. יאָ, זי איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און איידער וואָס, איידער ווען, איז געווען אויס גיטאַ. די קינדער האָבן אים נישט מודיע געווען ווען זי איז קראַנק געוואָרן, און וועגן איר טויט האָט ער זיך דערוווּסט צופעליק פון אַ מאָנטרעאָלער וואָס איז געקומען קיין מיאַמי. ווי זאָגט מען עס: אחרי מות קדושים אמור, נאָכן טויט זאָגט מען נאָר גוטס. אויב מע וואָלט אים געלאָזט וויסן וואָלט ער אַוודאי געפאָרן צו דער לוויה, און נאָך געזאָגט אַ פּאָר שיינע ווערטער בײַם קבר. זי איז טאַקע מער נישט זײַן ווײַב, אָבער זיי

געהערן צו דער זעלביקער לאַנדסמאַנשאַפֿט און האָבן נאָך אַ שותּפֿותדיקע קרקע אויפֿן בית עולם פֿון דער בראָמאַלינער סאָסײַעטי. זי איז דאָך אויך די מאַמע פֿון זײַנע קינדער.

מילא, זאָל זײַנס איבערגיין, זאָל זײַן אָן אַ הספּד בײַם קבֿר. אָבער מנחם אָבֿל זײַן די קינדער דאַרף מען, בפֿרט אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט און ער קאָן פֿאָרן קיין מאָנטרעאָל פֿאַר בלויזן העלפֿן פֿירן עמעצנס אויטאָ.

גיטאַ איז געשטאָרבן, און ער איז אַדורכגעגאַנגען חיבוט הקבֿר. די שילאַ האָט געשריגן אַז ער איז שולדיק אין דער מאַמעס טויט. ווי קאָן מען אים באַשולדיקן, אַז ער האָט אָן אַליבי, ער איז אַפֿילו נישט געווען אין מאָנטרעאָל ווען זי איז קראַנק געוואָרן. האָט בלענטש זיך אָנגערופֿן אַז וואָס די מאַמע איז איצט געשטאָרבן איז אפֿשר קײנער נישט שולדיק, אָבער וואָס די מאַמע האָט אָפּגעפּײַנצטערט אַ לעבן און נישט געהאַט קיין איין גוטן טאָג, ווער איז שולדיק אין דעם? דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קלוגער אַדוואָקאַט, זײַן איידעם ביל. ער האָט זיך כּלומרשט אָנגענומען פֿאַר זײַן שווער. ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזאָגט אַז מע דאַרף דעם שווער נעמען צו אַ פּסיכיאַטאָר. מען האָט אַפֿילו מיט געוואַלד אים געדאַרפֿט פֿירן צו אַ דאָקטאָר איידער ער איז אַרויס פֿון די דרעס־ביזנעס. מאַרטין ליבאָוויטש איז געוואָרן אַ מיליאָנער און דער שווער האָט אַלץ פֿאַרתּכליעוועט ביז צו דער לעצטער פּעני. ער האָט אַ תּל געמאַכט פֿון אַלץ, אַפֿילו פֿון זײַן ווײַב, נישט ווײַל ער איז שלעכט, נאָר ווײַל ער איז קראַנק אָט אַ דאָ, האָט ער ווײַזן געטאָן אויפֿן שטערן.

„עס איז געווען מײַנס צו פֿאַרתּכליעווען,‟ האָט ער געענטפֿערט דעם איידעם. „ווער האָט געהאָרעוועט דאָרויף, איך אָדער דו?‟

„און איך האָב געמיינט אַז דער פּאַ האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאָרעוועט נאָר פֿאַר די קינדער,‟ האָט בלענטש זיך אָנגערופֿן מיט סאַרקאַזם און צוגעוואָרפֿן אים אַ שפּאָטישן בליק. „ווען נאָר די מאַמע האָט עפּעס געוואָלט, ווען נאָר עמעץ פֿון אונדז האָט עפּעס פֿאַרלאַנגט האָב איך געהערט נאָר איין פּזמון: ׳כ׳על עס דען מיטנעמען מיט זיך? כ׳אַרבעט נאָר כּדי עס איבערצולאָזן פֿאַר די קינדער׳.‟

„איך בין נאָך נישט געשטאָרבן, און איר האָט נאָך נישט געציילט די ירושה. מ׳עט נאָך זען ווער עס איז משוגע.‟

„פּאַפּ,‟ האָט זיך אָנגערופֿן מאַו, נינאַס מאַן, „פּאַפּ, קיינער איז נישט אויסן דיר צו רעדן אין דער גאַל אַרײַן. אָבער אַ פֿאַקט איז

אַז געלט האָט פּאַפּאַ געמאַכט נאָר ווען ער האָט געהאַט מאַרטינען פֿאַר אַ שותּף. דו ביסט אַרויס פֿון דער דרעס־ביזנעס מיט אַ פֿערטל מיליאָן, מאַרטין האָט עס אונדז געוויזן שוואַרץ אויף ווײַס. נאָכן אָפּ־ברעכן דאָס שותּפֿות האָסט דו אַלץ פֿאַרלוירן און מאַרטין איז גע־וואָרן אַ מיליאָנער.

„טאָ וואָס באַווײַזט דאָס?״

„דאָס באַווײַזט אַז פּאַפּאַ טויג זיך נישט אויס צו מסחר. דאָס שותּ־פֿות מיט מאַרטינען איז געווען גוט פֿאַר דיר, האָסט דו עס אַוועק־געוואָרפֿן. מיר ווייסן אַז די מאַם איז אויך געווען גוט פֿאַר דיר, און — — —״

„קיינער קאָן מיר נישט זאָגן וואָס עס איז גוט פֿאַר מיר, און מאַרטין אַליין וועט אײַך זאָגן ווער עס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ סוחר. מאַרטין איז געוואָרן אַ מיליאָנער? אַפֿילו צו אַ מיליאָנער קאָן געשען פֿאַרשידנס, און איך בין נאָך נישט געשטאָרבן, איר וועט נאָך זען ווער עס איז דער בעסערער סוחר. איך וועל נאָך — — —״

ער האָט געזען די קינדער ווינקען זיך איבער, ווי איינער זאָגט: וואָס קאָנסטו דערוואַרטן פֿון אַ משוגענעם. ער האָט דאָס מער נישט געקאָנט פֿאַרנעמען און אַ געשריי געטאָן: „און צי איך בין משוגע צי נישט וועט איר דאַרפֿן דעצידירן ערשט נאָך דעם ווי איר וועט איבערציילן די ירושה...״

ווען ער האָט גערעדט וועגן דער ירושה וואָס ער וועט איבער־לאָזן האָט ער געוווּסט אַז ער גייט אויף אַ שטריק, אַז ער בלאַפֿערט אַרויס זאַכן וואָס דאַרפֿן בלײַבן בסוד ביז זײַן טויט. אָבער נאָך ערגער איז געווען ווען ער האָט געזען אַז די אַנצוהערעניש וואָס זיי דאַרפֿן אויפֿנעמען מיט פֿרייד, נעמט מען אויף מיט שפּאָט — אַ צעדרייטער נאַר. ער האָט דערפֿילט אַ רייף אַרום זײַן ברוסט, און אַ פֿויסט אין גאָרגל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל און געמיינט ער פּלאַצט.

ניבאַ האָט זיך אַנגערופֿן, שוין מיט אַ ביסל רחמנות. מע ווייסט דאָ אין שטאָט אַז פּאַ וואַשט די כּלים אין דעם האָטעל ווו ער וואוינט כּדי צו קאָנען אויסקומען מיט דער עלטער־פּענסיע. ביל, אַרטשי און מאָו האָבן פּאָזיציעס אין דער געזעלשאַפֿט, דעם שווערס לעבן אין אַ קיצבה־האָטעל פֿאַרשאַפֿט זיי נישט קיין כּבֿוד. זיי זענען גרייט צו געבן חודש־געלט, פּאַ זאָל נישט לעבן ווי אַ שנאָרער.

אַ היץ איז אים אַנגעלאָפֿן אין קאָפּ און אַ דראָזשע איבערן

לײַב. ראשית איז אַ ליגן אַז ער לעבט פֿון קיצבֿה. אמת, אין דער בעיוויו דאַרף יעדער זיך אַליין באַדינען. אין וועלכן ספֿר־פּראַלניק שטייט עס געשריבן אַז טאָן אַ ביסל אַרבעט איז אַ חרפּה, און לײדיק גיין הייסט לעבן בכּבֿוד? ער דאַרף נישט קיין קיצבֿה אַפֿילו פֿון אייגענע קינדער. זאָלן זיי זיך דערמאָנען דעם שמועס ווען זיי וועלן איבערציילן די ירושה. אויף די קני וועלן זיי קומען צו זײַן קבֿר מחילה בעטן.

אַזוי לײַכט ווי עס איז אים דאַמאָלט אָנגעקומען זיי איבערצוצײַגן אַז ער איז אַן אָרעמאַן, אַזוי שווער איז אים איצט אָנגעקומען זיי זאָלן אים גלייבן אַז ער איז אַ גבֿיר. שוים האָט זיך אים געזעצט אַרום מויל און ער האָט נישט אויפֿגעהערט רעדן. דער גרויסער סוחר מאַרטין ליבאָוויטש מעג נאָך קומען בײַ אים די שטיוול פּוצן. מאַרטין האָט פֿאַרטאָפּלט זײַן פֿאַרמעגן? וואָס מיינען זיי האָט ער געטאָן, געשלאָפֿן?

ווי זאָגט מען עס: אַזוי ווי ס'איז ביטער אַז מע מאַכט שיטער אַזוי איז שלעכט ווען ס'ווערט צו געדעכט. אַז זיי האָבן אים נישט געגלייבט איז געווען ביטער, ווען זיי האָבן אים שוין אָנגעהויבן גלייבן איז געוואָרן אַ גיהנום. ער האָט באַגנבֿעט די מאַמע מיט דעם ליגנערישן אויסרייד אַז ער האָט אַלץ פֿאַרלוירן. ער האָט זי געטריבן אין דער ערד אַרײַן מיט זײַן קאַרגשאַפֿט. ער האָט אויסגעטראַכט בילבולים, מיאוסע ליגנס נאָר כּדי צו קאָנען זי באַגנבֿענען. ער איז טאַקע נישט קיין משוגענער, ער איז אַ פֿאַלש שטיק, אַ כּיט־רער גנבֿ. פֿרעמדע מענטשן זענען געווען דערבײַ ווען די שילאַ האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון איר הויז.

ער האָט געקאַרגט דער מאַמען, און אויף זיך אַליין האָט ער מער אויסגעגעבן? געדענקען זיי נישט די צײַטן נאָך איידער ער האָט געהאַט אַן אויטאָ. ער האָט דער מאַמען געגעבן געלט צו פֿאָרן אויפֿן טראַמוויי און ער איז געגאַנגען צו פֿוס. זי האָט זיך נאָך גע־בלאָזן — עס איז איר אַ חרפּה צו פֿאָרן אַליין.

איז דאָס אַ טענה? אַ חרפּה איז צו הולטאַיעווען. אַז ער האָט געקאַרגט דער מאַמען און נאָך מער זיך אַליין, פֿאַר וועמען האָט ער עס געשפּאָרט?

ער האָט געהאַט גענוג צו זאָגן, אָבער רעד צו דער וואַנט. ער איז געלאָפֿן פֿון שילאַן צו בלענטשן, פֿון בלענטשן צו בינאַן — אַלע טירן פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן. ער האָט געוואָלט כאַטש אַ קוק טאָן

אויף די אייניקלעך אײדער ער פֿאָרט אַוועק. די שילאַ האָט מיט רשעות פּראָדוקט די פֿאַרהאַנגען עס זאָל נישט בלײַבן קיין שפּאַלט אַרײַנצוקוקן. ער האָט געוויינט, געקלאָגט, און זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ (כּדאַי צו געדענקען אַז בעת דער מאַרטין ליבאָוויטש האָט שוין יאָרן אַ נאַקעטן לבֿנה־קאָפּ, האָט ער נאָך אַלע האָר). יאָ, ער האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ און געקלאָגט. די שכנים האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די פֿענצטער. די זיסע מאַרק און גוירדי, נינאָס קינדער, די קלוגע מײַקל און דזשעני, בלענטשעס קינדער, און די ליכטיקע דיקי און פּעני און ראָוז, שילאָס מזיקים, האָבן זיך אַוודאַי געריסן אַרויסצוגיין צום זיידן, אָבער מען האָט זיי נישט געלאָזט. עס האָט געשנייט און גערעגנט און דער זיידע איז געזעסן אויף די טרעפּ פֿון בלענטשעס היים, געלעגן און געשלאָגן זײַן קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע פֿון שילאָס הויז, געוואָיעט ווי אַ געשלאָגענער הונט היניטער דער טיר פֿון זײַן טאָכטער נינאָ, אָבער קיינער האָט זיך נישט מרחם געווען אויף אים. ווו ער האָט איבערגענעכטיקט? דער דזשעניטאָר, דער סטרוזש אין דעם פֿאַבריק־בנין ווו ער האָט אַ מאָל געהאַט זײַן קליידער־פֿאַבריק האָט זיך מרחם געווען אויף אים און אים אַרײַנגעלאָזט צו זיך. ער וואָלט באַדאַרפֿט אַרײַנגיין אין דעם טײַערסטן האָטעל, נעמען דעם טײַערסטן צימער, און זיך הייסן סערווירן אַ נאַכטמאָל מיט דעם טײַערסטן עסן און ווײַן. אויב דאָס איז דער שׂכר פֿאַרן אָפּהיטן זייער ירושה, וואָס דאַרף ער זיך מקריבֿ זײַן? אָבער אַזוי איז שוין די וועלט. קינדער זענען נישט דאַנקבאַר, און דער טאַטע טוט זיך דאָס זײַניקע ווי קיין מאָל גאָרנישט. וואָס אַ טאַטע טוט פֿאַר אַ קינד, איז ווי געוואָרפֿן אויפֿן ווינט. אַז ער האָט די נאַכט נישט באַקומען קיין לונגען־אָנצינדונג מוזן זײַנע לונגען זײַן אויס אײַזן. אַז ער האָט נישט באַקומען קיין האַרץ־אַטאַקע מוז זײַן אַז זײַן האַרץ איז דאַמאָלט נאָך אויך געווען פֿון אײַזן. אַז איצט? אײַזן זשאַווערט אויך אַוועק און ברעכט זיך. ווי זאָגט מען עס: אַ שטענדיקער טראָפּן לעכערט אַ שטיין...

אַ טאַטע איז אַ טאַטע. ער האָט זיי שוין מוחל געווען יענע נאַכט. הלוואַי זיי אַליין זאָלן זיך קאָנען מוחל זײַן ווען זיי וועלן אײַנזען וואָס פֿאַר אַ טאַטע זיי האָבן אָנגעווירן.

ער האָט אַ סך מאָל איבערגעשריבן זײַן צוואה. די לעגאַלע זאַכן האָט געשריבן אַן אַדוואָקאַט, אָבער צו דעם לעגאַלן דאָקומענט האָט ער צוגעלייגט זײַן גײַסטיקע צוואה. אַלע זײַנע שייַנע ווערטלעך,

אלע פליטערלעך פון זיינע רעדעס דורך אלע יארן, האט ער ארייננעשריבן. ער האט לעצטנס עס איבערגעזעצט אויף ענגליש, די אייניקלעך זאלן אויך פארשטיין. אנגעפיקעוועט מיט פסוקים, מיט אפאריזמען, ווי א מילגרוים מיט קערעלעך, אדער — דאס וועלן די נאשערס בעסער פארשטיין — ווי א פלאדן מיט ראזשינקעס. פארגאפט וועלן זיי בלייבן זיצן מיט אפענע מיילער. זיי וועלן רייסן פון זיך פאסן, און די אייניקלעך וועלן פרעגן: דאס איז דער זיידע וואס איר האט געטריבן פון זיך? און זיי וועלן נישט האבן וואס צו ענטפערן.

II

נישט אומזיסט שטייט געשריבן אז רשעים, וואס עלטער זיי ווערן אלץ ערגער ווערן זיי. נעמט למשל דעם אברהם פיינטוך, טאקע דער פון דער בראמאלינער לאנדסמאנשאפט אין מאנטרעאל. ער מוז שוין זיין א פינף און זיבעציקער, שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, אבער דער אלטער תרח איז נאך אלץ א ביטערע יאגדע. איזן איז ער פון יענע צעלייגער וואס ווען ער קוילעט א האן גייט ער, און ווען ער ציט אן א זייגער שטייט ער. אלע מאל אן ארעמאן אין זיבן פאלעס, אבער א שרעקלעכער בעל־גאוהניק. נישט אומזיסט שטייט געשריבן אז גאט אליין האט פיינט אן אלטן בואף און א פארריסענעם ארעמאן. ער איז אלע מאל געווען א נישט־פארגינער, אויף דער עלטער איז ער געווארן א שלאנג, אן עקדיש. זינט דער רשע מרושע איז געקומען אין דעם בעיוויו איז דער האטעל פון פענסיאנירטע געווארן א האטעל פון רכילותניקעס וואס דערגייען אים די יארן. ווען נישט דער בעיוויו איז ביליקער ווי אנדערע אזעלכע האטעלן וואלט ער פון דארט אנטלאפן אין עק וועלט. ווי געזאגט, צאלט מען מיט דער עלטער־פענסיע, מע דארף אויך ארויסהעלפן אין דער ארבעט צו האלטן ריין, צו סערווירן עסן. נישטא קיין לוקסוס. א ריין בעט, הונגערן הונגערט מען, חלילה, נישט. וואס דארף מען מער?

די אלטע זולל וסובאניקעס רייסן געלט ביי זייערע קינדער און לויפן ארויס כאפן א נאש, אדער פארשפילן אין קארטן. פאול ראי איז נישט קיין נאשער און אוודאי נישט קיין קארטן־שפילער. ער האט ליב ארדענונג, דאס איז אמת. ער האט געהאלפן ארגאניזירן דעם ארבעטס־פארטייל, און דער האטעל האט גענומען שמעקן פון

ריינקייט. ער האָט איינגעפירט די קולטור־אָוונטן, טאָקע ער אַליין האָט אָפּט פאַרגעלייענט פון אַ בוך, פון אַ צייטונג. ער האָט באַ־שטעלט אָרגאַניזאַציעס זאָלן שיקן זייערע פּראָפּאַגאַנדע־פילמען. ס׳איז אַ סטאַדע בהמות, אַ סך פון זיי זענען איינגעשלאָפן אין מיטן זיין פאַרלייענען. ליידיקגייערס, פּוסטע קעפּ, פאַרזשאַווערט אַלטוואַרג.

זאָלן זיי אַ קוק טאָן אויף אים. אמת, ער איז אַ סך יינגער פון זיי, ער איז ערשט ניין און זעכציק יאָר אַלט. (דער ליגנער פיינ־טוך שרייבט אַז ער איז שוין זיבעציק, ער דאַרף זיך דען באַרימען? אָבער דעם אמת מעג מען זאָגן: ער איז ערשט ניין און זעכציק און אַ האַלב, און ביז מען איז פולע זיבעציק איז מען נאָך אַלץ ניין און זעכציק). ער איז נאָך אַלץ הויך, שלאַנק, גאָווערט נישט, שלאָפט נישט איין אין מיטן רעדן אָדער הערן. ער וואַשט און פּרעסט זיין אייגענע וועש און שטינקט נישט פון טאַבאַק ווי דער הונט־מיט־אויערן פיינטוך. האָט מען טאָקע דרך־ארץ פאַר אים. ער איז באַלד געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דעם בעיווי. ער האָט אַפילו באַקומען פון דער האָטעל־קאַסע געלט צו קויפן די ניו יאָרקער יידישע צייטונגען.

האָט דער רוח אָנגעשיקט דעם פיינטוך. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון אַ נאַרישקייט. דעם פיינטוכס קינדער שיקן אים דעם „קענעדער אָדלער". וואָס מיינט איר לייענט דער עובר־בטל אין דער מאָנט־רעאָלער צייטונג? ער לייענט נאָר די נעקראָלאָגן און שוין. מער אינטערעסירט אים נישט. געזען אַ צייטונג פון דער היים האָט זיך פאַרוואָלט אַ קוק טאָן. דער גראָבטוך האָט אָוועקגעכאַפּט די צייטונג: „דו ביסט נישט חולה אַליין זיך צו קויפן אַ צייטונג. גיטס נאָר אַ קוק אויף דעם קאַרגן הונט, ער פאַרמאָגט מער ווי אונדז אַלע צוזאַ־מען, די האָטעל־איינגעטימערס אַריינגערעכנט."

די עובר־בטלניקעס האָבן אויפגעלעבט מיט דעם ביסל רכילות. „דער קאַרגער מיליאָנער" רופן זיי אים. אַזוי פיל מכות זאָלן זיך זיי שטעלן אויף דער שפּיץ צונג וויפל עס פעלט אים נאָך צום מיליאָן. מע לאָזט אים נישט אַריינקוקן אין אַ צייטונג, און ביים טיש גיט מען אים די קלענסטע פּאַרציע. וועמען פון זיי האָט ער באַוויזן אַז ער האָט נישט צעטרענצלט זיין געלט, האָט שווער געאַרבעט, געשפּאָרט, און אָוועקגעלייגט פאַר די עלטערע יאָרן? איז דאָס אַ זינד? און אַז ער וויל עס נישט אויפנאַשן און אויפפרעסן אַפילו אויף די עלטערע יאָרן, און וויל עס איבערלאָזן פאַר די קינדער,

ווער קאָן אים דאָס שטערן? ס'איז זײַן מויל, זײַן מאָגן, יאָ צי ביין? אַ מאָגן איז נישט פֿון גלאָז, מע זעט נישט וואָס מע לייגט אַרײַן, און וואָס עס ווערט פֿון דעם וואָס מע לייגט אַרײַן זאָלן האָבן זײַנע שׂונאים מיט דעם פֿײַנטוך בראָש.

ער האָט אויסגעמיטן דעם אַלטן נאָר ווי די פּעסט, אָבער יענער האָט זיך דווקא געזעצט נעבן אים אויף דער וועראַנדע פֿון האָטעל, בפֿרט ווען ער האָט דערהאַלטן אַ נײַעם „קענעדער אַדלער". זיצט אַזוי איין מאָל דער פֿײַנטוך מיט דער צײַטונג אין דער האַנט און ער דרייט אַוועק דאָס פּנים, וויל אַפֿילו נישט קוקן אין יענעמס זײַט. נישט ווילנדיק האָט ער דאָך געכאַפּט אַ בליק, נאָר איין בליק, און דערזען אַ גרויסע איבערשריפֿט איבער אַ נײַעס פֿון עטלעכע שפּאַלטן: „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק". דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט באַוויזן איבער־צולייענען און דער גראָבטוך האָט געגעבן אַ פֿאַרוויקל די צײַטונג. ער איז אַ שפּרונג געטאָן, און אין אַ רגע איז דער אַלטער רשע געלעגן איבערגעקערט צוזאַמען מיט זײַן בענקל און — — — די גאַנצע וועלט אַרום אים איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם שוואַרץ פֿון די אותיות וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַז די „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" איז באַנקראָט!

„סאָליד ווי דער פֿעלדז פֿון גיבראַלטאַר", האָט מען געזאָגט וועגן דער „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק". ווען מען פֿרעגט מען אַן עצה אַז מע גייט מאַכן אַן אינוועסטיציע? דעם באַנק־דירעקטאָר פֿרעגט מען. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן און זײַן נײַע באַנק האָט אים געזאָגט אַז די „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" איז סאָליד. ער וואָלט באַדאַרפֿט לויפֿן קיין מאָנטרעאָל, אַפֿילו צו פֿוס און אָנשפּײַען דעם דירעקטאָר אַ פֿול פּנים.

ער איז נישט געלאָפֿן, מען האָט אים געטראָגן. נישט קיין מאָנט־רעאָל, נאָר אין דעם מיאַמער מאָונט סיני שפּיטאָל האָט מען אים געבראַכט. און די אידיאָטישע דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט „טעיק איט איזי", נעם זיך נישט צום האַרצן, דו האָסט אַ מילדע האַרץ־אַטאַקע.

ווען ער איז אַרויס פֿון שפּיטאָל האָט מען שוין געוווּסט אַז די „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" איז אין גאַנצן אָפּגעווישט, אַז די וואָס האָבן דאָרט געלט זענען אויף גרויסע צרות, די „אַנסעקיורד" ווי ער, די וואָס האָבן אַרײַנגעגעבן זייער געלט ווי אַ צײַטווײַליקע דעפּאָזירונג און נישט אויף אַ היפּאָטעק, האָבן שוין גאָרנישט אויף וואָס צו האָפֿן.

ווער האָט געקאָנט פֿאָרויסזען אַז דווקא נאָך דער וועלט־אויס־שטעלונג וועלן די סעפּאַראַטיסטן אין קוויבעק נעמען בושעווען? די ריעל־עסטעיט־ביזנעס איז אַדורכגעגאַנגען אַ „שיפֿברוך". די „אַט־לאַנטיק־פּאַסיפֿיק" ־ חכמים האָבן אַוועקגעבאַרגט דאָס געלט אויף צווייטע היפּאָטעקן. ווען עס איז נישטאָ קיין קונה קאָנסטו דעם בנין, אָדער דאָס שטיק לאַנד, נישט פֿאַרקויפֿן אַפֿילו פֿאַר דעם ערשטן היפּאָטעק. מענטשן זענען איבער נאַכט געוואָרן בלוטיקע אָרעמע־לײַט. מאַנכע זענען אַראָפּ פֿון זינען, אַנדערע זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ער איז אָפּגעקומען מיט אַ האַרץ־אַטאַקע. דאָס בלײַבן עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל האָט אים דווקא אײַנגעשפּאָרט צרות. ווען ער איז אַרויס פֿון שפּיטאָל האָט ער שוין געוווּסט אַז עס איז זייער ווייניק געבליבן אַפֿילו פֿאַר די וואָס האָבן אַרײַנגעגעבן זייער געלט פֿאַרזיכערט אויף היפּאָטעקן. ער האָט שוין געוווּסט אַז נישטאָ נאָך וואָס צו פֿאָרן קיין מאָנטרעאָל. צו אַלע צרות האָט ער זיך נאָך געדאַרפֿט היטן פֿאַר די קינדער. איצט וואָלטן זיי אים זיכער אַרײַנגעגעבן אין אַ משוגעים־הויז.

אַפֿילו די אומגליקלעכע אינוועסטיציע מיט דער פֿאַרשאָלטענער „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" האָט ער געמאַכט מיט שׂכל. ער האָט אַרײַנגעלייגט דאָס געלט אויפֿן נאָמען פֿון אַ נײַער קאָרפּאָראַציע. דער נאָמען פֿון זײַן קאָרפּאָראַציע איז טאַקע דערמאָנט געוואָרן אין דער פּרעסע צווישן די גרעסערע בעלי־חובֿות, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט אַז ער שטייט הינטער דער קאָרפּאָראַציע און זײַן פֿאַר־לוסט איז געבליבן אַ סוד, שאַ־שטיל. זײַן האַרץ בלוטיקט, אָבער אַ זאַשע די שׂונאים זאָלן האָבן פֿון וואָס אָפּצושפּעטן. אַ ביסל שׂכל קומט צו נוץ אַפֿילו אין אַן אומגליק.

אַלע האָבן אים אַלע מאָל געזידלט אַז דער דאָלאַר איז זײַן נשמה. אויב דאָס וואָלט געווען אמת וואָלט ער שוין געווען אויפֿן עולם האמת. פֿאַרלוירן אַזאַ פֿאַרמעגן און פֿירט אַ נאָרמאַל לעבן. ער שטייט אויף פֿרי, ווי אַלע מאָל, בעט צו זײַן בעט, רוימט צו זײַן האַלבע שטוב (אין דער בעיווער ווינען צוויי אין אַ צימער), און טוט אַלץ אַרום זיך ווי אַ מאָל. ער האָט אַפֿילו געפֿונען אַ מקור פֿאַר אַ זײַטיק פֿאַרדינסטל. ער גייט צו אָרגאַניזאַציעס האַלטן רעדעס פֿאַר דעם פֿאַראייניקטן אַפּיל, פֿאַר באָנדס. ווען ער האַלט אַ רעדע וועגן ישׂראל פֿאַרגעסט ער אין אַלע צרות. די פּסוקים, די ציטאַטעס פֿליִען אַן ווי ער וואָלט עס ערשט נעכטן געלערנט. ער באַקומט

פֿינף און צוואַנציק דאָלאַר פֿאַר אַ רעדע און ער האָט אַ רעדע מינדעסטנס איין מאָל אַ וואָך. קיין דריי פֿערטל מיליאָן וועט ער דער־פֿון נישט אָנזאַמלען, אָבער ער האָט שוין ווידער אַ באַנק־ביכל מיט עטלעכע דאָלאַר. אויב ער וואָלט נישט געווען אַזוי קורץ נאָך אַ האַרץ־אַטאַקע וואָלט ער געזוכט אַרבעט אין אַ שאַפּ און ווידער אָנ־געהויבן אַלץ פֿון אָנהייב. נאָר טייל מאָל, עס קאָן טרעפֿן אין מיטן לייענען אַ צייטונג אָדער פֿאַרלייענען פֿאַרן עולם אַ שטיקל נודעלמאַן, עס האָט שוין געטראָפֿן אַפֿילו אין מיטן אַ רעדע, איז פּלוצעם אַ שווים־אויף געטאָן פֿאַר אים די סצענע ווי ער האָט געקלאַפּט אין דער פֿאַרשלאָסענער טיר פֿון זײַן טאָכטערס הויז. געלאָפֿן פֿון פֿענצ־טער צו פֿענצטער און אינעווייניק האָט מען פֿאַררוקט די פֿאָרהאַנגען, ווי ער איז געזעסן אויף די טרעפּ אין שניי און אין רעגן און קיינער האָט זיך אויף אים נישט מרחם געווען. די טרערן נעמען שטראָמען פֿון די אויגן ווי דאַמאָלט ווען עס איז געשען. וויפֿל ער זאָל זיך נישט באַמיִען קאָן ער די טרערן נישט צוריקהאַלטן, קאָן ער דאָס בילד נישט פֿאַרטרײַבן, ווי אַ קלין וואָלט זיך אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ. עס שטיקט אים אין גאָרגל, ווי די סצענע וואָלט אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, נישט אַראָפּצושלינגען און נישט אויסצושפּײַען.

באַוויַזט דען דאָס נישט אַז זײַן נשמה איז נישט דער דאָלאַר, נאָר זײַנע קינדער? ער האָט פֿאַרלוירן נישט איין דאָלאַר נאָר מער ווי דריי פֿערטל מיליאָן. ער איז נישט אַראָפּ פֿון זינען ווי דער מאָרגענשטערן, דער גרעסטער ריִעל־עסטעיטניק אין מאָנטרעאָל. ער האָט זיך נישט גענומען דאָס לעבן ווי דער אַדוואָקאַט בלום, דער נאָטאַר שעפּילד, און די אַנדערע. ער גייט אָן מיט אַ נאָרמאַל לעבן, יאָ צי ניין? אָבער וואָס ער האָט פֿאַרלוירן די ליבשאַפֿט פֿון זײַנע קינדער — מיט דעם קאָן ער נישט שלום מאַכן. ס'איז אָן אייביקע, אָפֿענע וווּנד. יאָ, אַזאַ טאַטע איז ער, און קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלייבן אַז די קינדער זענען זײַן גאַנץ לעבן.

* * *

ווי שטייט עס געשריבן: „מעז יצא מתוק”, נאָך אַ צרה קאָן זיך נאָכשלעפּן אַ ביסל גוטס. ליגן אין אַ שפּיטאָל עטלעכע וואָכן, בפֿרט מיט אַ האַרץ־אַטאַקע, קאָסט אָפּ אוצרות. מען האָט אים געשיקט חשבונות, אָבער „אין לי” איז די בעסטע טענה. האָט דער שפּיטאָל זיך געוואָנדן צו דער שטאָט, אָדער צו דער ייִדישער צדקה־אָרגאַ־

ניזאַציע. יענע האָבן, ווײַזט אויס, אויסגעפּאַרשט דעם ענין און אויס־געפֿונען אַז דער פּאַציענט האָט טאַקע פֿאַרלוירן אַלץ וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, אָבער ער האָט פֿאַרמעגלעכע קינדער.

די גאַנצע צײַט וואָס ער איז געלעגן אין שפּיטאָל האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן אַז ער האָט נישט קיין נאָענטע. ערשטנס האָט ער נישט געוואָלט די אייגענע קינדער זאָלן האָבן אין אים אַ נקמה. צווייטנס, כ'ווייס? מער ווי איין מאָל איז ער געלעגן אויף זײַן שפּיטאָל־בעט און געחלומט ווי מע ברענגט די קינדער די ידיעה אַז דער טאַטע איז אויסגעגאַנגען, און זיי רײַסן פֿון זיך שטיקער פֿון חרטה. אין די מינוטן איז דאָס חיות פֿון אים טאַקע שיעור אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט די טרערן. דריטנס, די אַלע רעיונות זענען אפֿשר געקומען פֿון די אַלע רפֿואות וואָס באַרוישן און שלעפֿן אײַן די נערוון, אָבער ווי נאָר עס איז געקומען צו עפּעס וואָס האָט געקאָנט גורם זײַן די קינדער זאָלן טאַקע מוזן באַצאָלן אוצרות פֿאַר זײַן קרענק, האָט זיך גלײַך אויפֿגעוועקט אין אים דער געטרײַער טאַטע און ער האָט געזאָגט אַז ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט.

ווי געזאָגט זענען זיי סוף כּל סוף דערגאַנגען אַז ער האָט קינ־דער און מע קאָן זיך פֿאַרשטעלן וואָס עס איז געשען. די קינדער האָבן צו ערשט געזאָגט אַז דער טאַטע איז רײַך און קאָן אַליין באַצאָלן. דער שפּיטאָל האָט זיי איבערצײַגט אַז מען האָט דאָס גענוי אויסגעפּאַרשט און עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אָן שום ספֿק אַז דער טאַטע איז אַן אָרעמאַן. הקיצור: ווען ער איז איין מאָל צוריקגעקומען פֿון גאַס האָט מען אים אין האָטעל געגעבן אַ צעטעלע מיט אַ נומער אין מאַנטרעאָל און אויך אַ נומער פֿון אַן אונטער־שטאָטישן טעלעפֿאָן־אָפּערעיטאָר. דער טעלעפֿאָן־נומער איז געווען שילאָס. ער האָט זיך נישט געאײַלט צוריקצורופֿן. זיי האָבן זיך אַוודאי דערוווּסט וועגן זײַן בראָך, און די שילאָ וועט אים געבן דעם ריכטיקן פּסק.

מען האָט אים נאָך אַ מאָל גערופֿן אין אָוונט ווען ער איז געווען בײַ אַ מיטינג. צו מאָרגנס האָט שילאָ טעלעפֿאָנירט באַלד אין דער פֿרי און אים נאָך געטראָפֿן אין האָטעל. זי האָט אים געזאָגט אַז בלענטש איז אויפֿן וועג קיין מיאַמי.

די שילאָ האָט צו אים גערעדט אַזוי זיס אַז ער האָט מורא געהאַט צי די בלענטש קומט נישט אים אַרײַננאַרן אין אַ משוגעים־

הויז. זינט די מאַמע איז געשטאָרבן פֿאַרגינען זיי אים נישט וואָס ער האָט זי איבערגעלעבט. נו, זיי וועלן שוין לאַנג נישט דאַרפֿן וואַרטן. נאָך אַן ערשטער האַרץ־אַטאַקע קומט אַ צווייטע...

אומגלויבלעך! די בלענטש איז אַרײַן אין דעם „בעיוויו" און געפֿאַלן דעם טאַטן אויפֿן האַלדז, און די טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגן. איצט ווייסן זיי דעם אמת. ווען די מאַמע איז געשטאָרבן און דער טאַטע האָט געזען זיי זענען אין כּעס אויף אים האָט ער אויסגעטראַכט אַ מעשׂה וועגן אַ פֿאַרמעגן, אַ ירושה, נאָר כּדי צו געווינען בײַ זיי אַ ביסל אײַנזען. אמת? ווען ער האָט פֿאַרן גט געזאָגט דער מאַמען אַז ער פֿאַרמאָגט גאָרנישט איז עס געווען דער אמת, אמת? זי ווייסט איצט נאָך עפּעס און דערפֿאַר איז זי, בלענטש, געקומען, כאָטש שילאַ האָט זיך געריסן צו פֿאָרן. ווען דער טאַטע האָט געבאָרגט פֿאַר איר די פֿינף און צוואַנציק טויזנט, דערנאָך מער און מער ביז צוויי און דרײַסיק טויזנט, און דערנאָך געמוזט מאַכן פֿאַר איר די צאָלונגען אין דער באַנק, איז ער שוין געווען אַן אָרעמאַן, יאָ? דאָס געשעפֿט האָט זיך געפֿירט פֿון אינערציע, נאָר מיט געבאָרגט געלט, יאָ? דער טאַטע האָט עס געזאָגט אָבער זי האָט נישט געגלייבט. דער טאַטע האָט געווײנט מיט ביטערע טרערן, און זי האָט אַלץ נישט געגלייבט. ווי האָט זי געקאָנט זײַן אַזוי גראָב און האַרטהאַרציק? קאָן דען אַ מענטש אַזוי ביטער וויינען, ווי דער טאַטע האָט געווײנט, אויב ער איז נישט אין אַ גרויסער קלעם? ערשט איצט ווען פֿרעמדע האָבן עס אויסגעפֿאָרשט און באַשטעטיקט האָבן זיך איר געעפֿנט די אויגן. זי וועט עס זיך קיינמאָל נישט מוחל זײַן! די קינדער וועלן נישט דערלאָזן דער טאַטע זאָל מוזן לעבן אין נויט. זי זעט איצט אײַן אַז דער טאַטע איז אפֿשר געווען גערעכט אין אַ סך זאַכן, נאָר קיינער האָט אים נישט געגלויבט. אָנגעהויבן האָט עס זיך טאַקע פֿון דעם וואָס די מאַמע האָט אים נישט געגלויבט, טאָ ווי קאָן זי האָבן טענות צום טאַטן וועגן דעם וואָס איז געשען צווישן אים און דער מאַמען? דער טאַטע מוז איר צוזאָגן אַז ער וועט צוריקקומען קיין מאָנטרעאָל און וווינען בײַ איר. זי וויל אים אָפּדינען מיט גוטס פֿאַר אַלעם שלעכטן וואָס זי האָט אים געטאָן. זי איז מודה, זי איז אַלע מאָל געווען די וואָס האָט אויפֿגעהעצט נינאַן און שילאַן.

פֿאַרשטייט זיך אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן צו פֿאַרלאָזן דעם „בעיוויו". ער לעבט נישט פֿון צדקה, נאָר פֿון עלטער־

פּענסיע וואָס קומט אים לויטן געזעץ. חוץ דעם פּאַרדינט ער צו אויף טאַשן־געלט און פּילט זיך שוין אַ סך בעסער, מע קאָן זאָגן: אין גאַנצן געזונט.

בלענטש האָט פּאַרגעלייגט אים צו קויפן אַן עראָפּלאַן־בילעט, ער זאָל כאָטש קומען זען די אייניקלעך. אָבער ער וואָלט באַדאַרפט זײַן אַ הוליעסראַק צו לאָזן די קינדער אויסגעבן אַזוי פּיל געלד ווען עס מאַכן זיך אַזוי אָפט געלעגנהייטן צו פֿאָרן מיט אַן אויטאָ־מאָביל בחינם, פֿאָרן בלויזן העלפן פירן דעם אויטאָ.

אַ מאָדנע וועלט. ער האָט אַ לעבן לאַנג געשפּאָרט און געזאַמלט אַ פֿאַרמעגן כדי צו געווינען דעם רעספּעקט פֿון די קינדער און האָט באַקומען פֿון זיי נאָר שטעכווערטלעך. ער איז צוריקגעקומען קיין מאָנטרעאָל אַ קבצן אין זיבן פֿאַלעס און מען הערט נישט אויף זיך צאַצקען מיט אים, דאָס טעלערל פֿון הימל זענען זיי גרייט אים צו געבן. אַמאַליקע יאָרן האָט מען שווער געאַרבעט אויף דעם דאָלער און געוווּסט ווי אים אָפּצושאַצן, היינט — — — איז דאָס אַ שׂכל־דיקע וועלט? די קינדער האָבן געהאַט חושד געווען אַז ער איז אַ ביסל געררירט אויפן קאָפּ. ווײַזט אויס אַז נישט ער נאָר די וועלט איז אַ קאַפּעלע משוגע.

* * *

ער האָט לעצטנס געפֿונען אַ צײַט־פֿאַרטרײַב אין איבערקוקן די פּאַפּירן און חשבונות פֿון זײַנע אַמאָליקע געשעפֿטן. געווען אין מאָנטרעאָל האָט ער פֿון דאָרט געבראַכט זײַנע טעקעס פֿון דער פֿינאַנץ־געזעלשאַפֿט און אַפֿילו די אַלטע טעקעס פֿון דער קליידער־ביזנעס. אַ סך חלומות און זכרונות געווען אין די פֿאַרגעלטע פּאַפּירן. זײַן גאַנץ לעבן איז געלעגן אין די טעקעס.

אייך מאָל ווען ער האָט איבערגעקוקט די פֿאַרקויף־פּאַפּירן פֿון דער פֿינאַנץ־געזעלשאַפֿט האָט ער אַנטדעקט אַז דער קויפֿער האָט אים נישט באַצאָלט פֿאַרן שרײַבוואַרג. יענער האָט געפֿירט די געשעפֿטן אונטער דעם זעלביקן נאָמען, איז דאָך יעדעס שטיקל פּאַפּיר געווען וויכטיק און יעדער געדרוקטער בויגן האָט געהאַט פֿולן ווערט. בלויז אויפֿן צוגרייטן קאָנטראַקט־פֿאַרמעגן האָט ער געהאַט אויסגעגעבן פֿיר הונדערט דאָלאַר, הײַנט בריוו־בויגנס, קאָנ־ווערטן, קבלהס. צענדליקער מינים פּאַפּירן, קאַלקע, טינט, באַנד פֿאַר די שרײַב־ און רעכן־מאַשינען. עס איז זיכער געבליבן אַן אינווענ־טאַר פֿון אַ וועלכע טויזנט דאָלאַר. ווי האָט ער דאָס געקאָנט פֿאַרזען?

ער האָט גלײַך אָװעקגעשיקט אַ בריװ. נישט באַקומען קיין ענטפֿער האָט ער געשריבן נאָך אַ בריװ און עס געשיקט רעגיס־טרירט, כאָטש אַ רעגיסטרירטער בריװ קאָסט הײַנט אַ פֿאַרמעגן. דאָס מאָל האָט ער יאָ באַקומען אַן ענטפֿער מיט אַ קאָפּיע פֿון דעם אויסגלײַך־דאָקומענט װוּ ער האָט אונטערגעשריבן אַז ער האָט פֿאַר־קויפֿט די פֿינאַנץ־געזעלשאַפֿט מיט אַלעם װאָס זי פֿאַרמאָגט און װעט מער נישט האָבן קיין שום טענות אָדער פֿאָדערונגען.

ער האָט װידער אָװעקגעשריבן אַז ער קאָן טאַקע נישט אויפֿ־מאָנען דורכן געריכט, אָבער װוּ איז יושר? אויף דעם האָט ער באַ־קומען אַן ענטפֿער אַז קומען קומט אים גאָרנישט, נישט על פּי דין און נישט על פּי יושר, נאָר היות זיי האָבן זיך דערװוּסט אַז ער איז אין אַ בויט, שיקן זיי אים אַן איינמאָליקע מתּנה פֿון פֿופֿציק דאָלאַר און מער װילן זיי נישט הערן פֿון אים.

זיי האָבן נאָך אַ סך מאָל געהערט פֿון אים, אָבער ער האָט מער נישט געהערט פֿון זיי. פֿאַראַן מענטשן װאָס האָניק גיסט זיך זיי פֿון מויל, אָבער װען עס קומט צו אַ ביסל ערלעכקייט איז נישטאָ צו װעמען צו רעדן. די עובֿר־בטלניקעס אין האָטעל לאַכן פֿון זיין אי־בערקוקן אַלטע פּאַפּירן. ער האָט טאַקע נישט אויסגעפֿירט װאָס ער האָט געװאָלט אָבער סך הכּל האָט ער איבװעסטירט װייניקער װי אַ דאָלאַר פּאָסט־געלט און אַרויסגענומען אַ פֿופֿציקער, דאָס מיינט אַ ריװוּח פֿון פֿינף טויזנט פּראָצענט אויף דעם װאָס ער האָט איבװעס־טירט! אַז די אַלטע נאַראָנים האָבן נישט קיין אַנונג אין ביזנעס...

אַז ער האָט געקאָנט אַדורכלאָזן אַזאַ זאַך בײַם פֿאַרקויפֿן די פֿינאַנץ־ביזנעס, װער װייסט װאָס ער האָט פֿאַרזען בײַם פֿאַרקויפֿן די קליידער־פֿאַבריק? ער האָט גענומען איבערקוקן די חשבונות און נישט באַדאַרפֿט לאַנג זוכן. אין דעם צוזאַמענרעכענען דעם אינ־װענטאַר װאָס דער שותּף האָט איבערגענומען איז געװען אַ טעות, אַ פּשוטער גראָבער טעות אין אונטערצײַען דעם סך הכּל, אַ טעותל אויף דרײַ טויזנט זיבן הונדערט און צװיי און פֿערציק דאָלאַר! ליבאָװיטש איז דאָך אַ בוכהאַלטער, װי האָט ער דאָס נישט באַ־מערקט? װי אַזוי האָט דער אַקאַונטנט, דער קאָנטראָלירער פֿון די חשבונות, עס אַדורכגעלאָזט? װי אַזוי האָט געשטימט דער באַלאַנס? אויב איין טעות איז געשען און דער באַלאַנס האָט פֿונדעסטװעגן אויסגעזען צו זײַן אין אָרדענונג, װיפֿל אַזעלכע קונצעלעך זענען געמאַכט געװאָרן דורך אַלע יאָרן שותּפֿות?

די ציפֿערן האָבן גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן. ער האָט מער נישט געקאָנט רעכענען. צוויי בײַנאַכט. דער שותּף צו זײַן צימער וועקט זיך און בעט זיך ער זאָל אויסלעשן די ליכט. ווי נאָר ער וועט אויפֿשטיין אין דער פֿרי וועט ער זיך נעמען צו די חשבונות און איבערקוקן און נאָכרעכענען יעדע ציפֿער. דער ענין איז גאָרנישט גלאַטיק.

ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. עס זאָגט זיך אַזוי „שלאָפֿן", ער האָט נישט צוגעטאָן אַן אויג. אין איין טאָג האָט אים יענער באַשווינדלט מיט קנאַפּע פֿיר טויזנט. אַ יאָר האָט דריי הונדערט פֿינף און זעכציק טעג. ער האָט אָנגעהאַלטן די שותּפֿות במשך צוויי און צוואָנציק יאָר איז עס אַ קײַמא לן פֿון אַכט טויזנט און דרײַסיק טעג. עס שווינדלט פֿאַר די אויגן אַ ציפֿער מיט אַן אַ שיעור נולן — פֿאַרמעגנס גאַנצע, מיליאָנען גאַנצע, האָט דאָס מילדע גלאַט־צונגיקע שותּפֿל בײַ אים צוגעלאַטכעטכעט. ער מוז תּיכּף לויפֿן קיין מאָנטרעאָל עפּעס טאָן. ער ווייסט, עס איז פֿאַראַן אַ געזעץ פֿון לימיטאַציע און מע קאָן נישט אײַנמאָנען אַ חובֿ אַזוי פֿיל יאָרן שפּעטער, אָבער דאָס איז נישט קיין ביזנעס־חובֿ, דאָס איז אַ טעות, און טעות לעולם חוזר. „לעולם" מיינט אייביק, אָן לימיטאַציע. ער וויל אַ ייִדישע דין־תּורה, לויטן ייִדישן דין. עס איז איצט קאַלט אין מאָנטרעאָל און ער האָט גראָד אַ שטעכעניש אין רוקן און עפּעס אַ רעוומאַטישן ווייטיק אין לינקען אָרעם, אָבער ער האָט איצט נישט קיין צײַט זיך צו פּיעשטשען איבער עפּעס אַ רעוומאַטישן ווייטיק. טויזנטער שטייען אין קאָן. טויזנטער? מיליאָנען! ער מוז שוין אויפֿשטיין און פֿאַרפּאַקן אַ פּאָר זאַכן. ניין, ער מוז פֿריער איבערקוקן אַלע חשבונות. ניין, ער וועט נישט אָפּלייגן! ער וועט אַרבעטן איבער די חשבונות אין עראָפּלאַן, און די קינדער וועלן אים אויך מוזן העלפֿן. זיי האָבן שוין אײַנגעזען וואָס די מאַמע האָט אים אָפּגעטאָן. איצט וועלן זיי זען וואָס איר „הויז־פֿרײַנט" האָט אָפּגעטאָן. טאָג און נאַכט וועט ער זיצן איבער די חשבונות ביז ער וועט אַלץ אויפֿדעקן. זײַן האַרץ איז לעצטנס אַ ביסל שוואַך, אָבער דער קאָפּ איז אײַזן. אויסקרענקען וועט דער מאַרטין יעדער גנבֿהלע. לימיטאַציע, שמי־מיטאַציע. דאָס זענען נישט קיין טעותים נאָר גנבֿות, רויבערײַ! און דער גנבֿ איז נאָך הײַנט אַן אײַנגייער בײַ די קינדער. ווי שטייט עס געשריבן: הרצחת וגם ירשת? מיט איין האַנט גנבֿענען און מיט דער אַנדערער האַנט גלעטן? נישט בײַ פּאָול ראַי!

וועלן די קינדער טאַקע איינזען זייער טעות, אָדער וועלן זיי ווידער זײַן קעגן טאַטן? דאָס גנבֿל האָט זיך אַזוי אַרײַנגעגנבֿעט אין זייערע הערצער אַז אַרטשי וועט פּרובירן מיט גוטן און מיט דאָקטאָרישן לשון אים אויפֿקלערן אַז עס איז נאָר אַן אויסדאַכטעניש, און אים צורעדן צו גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר. אויב די קינדער וועלן זײַן קעגן אים וועט אַ רבֿ אָדער אַ ריכטער גאָרנישט וועלן אַרײַנקוקן אין דעם ענין. ער וועט אויך מוזן אָנקומען צו די קינדער זיי זאָלן אים באָרגן געלט. לאָדן זיך קאָסט הײַנט אַ פֿאַ אוצרות. אוי, האָט ער נאָך ביטערע פּילן אַראָפּצושלינגען. אפֿשר דאַרף ער טאַקע אַ פּסיכיאַטאָר? װעלכער נאָרמאַלער מענטש וואָלט זיך געלאָזט אַזוי באַראַבעווען, צונעמען דאָס געלט, דאָס ווײַב, און אַפֿילו די ליבשאַפֿט פֿון די קינדער? עס איז נאָך אַלץ נישט צו שפּעט. ער וועט קעמפֿן ביזן לעצטן אָטעם! ער דאַרף אויפֿשטיין, פֿאַרפּאַקן זײַנע זאַכן און זײַן גרייט צום ערשטן עראָפּלאַן. צום טײַוול מיט דעם ווייטיק אין אָרעם! דאָ באָדט ער זיך אין שווייס. עס וועט זײַן גוט זיך אַ ביסל אָפּצוקילן אין דעם מאָנטרעאָל. דער ווייטיק איז אין אָרעם, אָבער ער פֿילט עס אומעטום, ווי דער ניגל, די פּיאַוקע ליבאָוויטש, וואָלט געלעגן אויף אים, געדישעט אים און געוואָרגט. ער דאַרף אויפֿשטיין, און דער גזלן — — — געוואַלד, ג ע ו ו אַ ל ד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט אים אַזוי אָנגעפּאָמפּעט מיט מעדיקאַמענטן אַז ער קאָן זיך גאָרנישט אַרויסרײַסן פֿון שלאָף? ער שלאָפֿט און שלאָפֿט נישט. ער הערט בלענטש רעדט צו אים, ער זעט זי זיצט נעבן זײַן בעט. ס׳מוז זײַן אַ חלום צי וואָס. אַרטשי איז דאָ געווען? נאָך וואָס איז אַרטשי געקומען? יאָ, ער זעט, ער איז אין אַ שפּיטאָל. ער איז דאָך שוין אַרויס פֿון שפּיטאָל, יאָ צי ניין? יאָ, ער איז שוין איין מאָל געהאָט אַרויס פֿון שפּיטאָל און איז שוין ווידער אין שפּיטאָל. ווידער אַ האַרץ־אַטאַקע?

„יאָ, און אַרטשי איז דאָ געווען, מיר האָבן געוואָלט אַן איינגענעם דאָקטער. עס איז שוין בעסער, און אַרטשי איז אַהיימגעפֿאָרן. ס׳וועט איצט שוין ווערן בעסער און בעסער, אָבער דער טאַטע מוז זיך אָפּהיטן. נישט די מינדעסטע אויפֿרעגונג, נישט קיין פּיצל עגמת נפֿש.“

* * *

„ראַבײַ לעווענבערג? יאָ, ער געדענקט, פֿון דער בני־ציון שול ווו אַרטשי איז אַ מיטגליד. געקומען ספּעציעל?"

„ניין, נישט ספּעציעל, איך בין געקומען אַהער אויף אָפּרו. אויב עס גייט אין די קינדער וואָלטן זיי געשיקט אַ ראַבײַ, אַ דאָקטער, צו העלפֿן דעם טאַטן. צי זיי פֿילן זיך שולדיק? יאָ. עס איז אַלע מאָל פֿאַראַן פֿאַר וואָס זיך צו פֿילן שולדיק. אַ מענטש שטעלט אַ טריט, צעטרעט ער ווערעמלעך; ער עסט אַ מאָלצײַט, האָט מען צוליב דעם געקוילעט לעבעדיקע באַשעפֿעניש. אַזוי איז דאָס לעבן. ווער עס טראַכט אַפֿילו נישט וועגן דעם איז נישט קיין פֿײַנפֿילנדיקער מענטש, אָבער אַ מענטש מיט גלײַכגעוויכט טאָר נישט כּסדר טראַכטן וועגן דעם. עלטערן און קינדער לעבן צוזאַמען אַזוי פֿיל יאָרן איז נישט מעגלעך איינער זאָל נישט אָנטרעטן אויף דעם אַנדערנס הינעראויגן. גוטע עלטערן און געטרײַע קינדער פֿילן זיך אָפֿט שולדיק איינער קעגן אַנדערן. ס׳איז נאָרמאַל, עס וואָלט געווען נישט נאָרמאַל דאָס נישט צו פֿילן. עס איז דאָך אייגן בלוט און פֿלייש. אַ טאַטע זוכט אַלע מאָל צו געפֿינען אַ זכות אויף זײַנע קינדער אַפֿילו ווען זיי טוען אים אַן עוולה, עס איז דאָס זעלביקע בײַ קינדער. אַ טאַטע איז גליקלעך ווען ער געפֿינט אַ תּירוץ מער נישט צו זײַן אין כּעס אויף זײַן קינד, און אַ קינד פֿאַלט אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרץ ווען עס קאָן געפֿינען אַ זכות אויפֿן טאַטן. ניין, ער דאַרף נישט ענטפֿערן, דערווײַל איז בעסער ער זאָל רעדן וואָס ווייניקער. ווען ער וועט פֿילן בעסער און קומען קיין מאָנטרעאָל וועט מען נאָך שמועסן וועגן דעם. אַ מענטש געפֿינט שטענדיק אַ זכות אויף זיך אַליין. אַ טאַטע, אָדער אַ קינד איז אַ שטיק פֿון זיך אַליין."

ער איז שוין כּמעט אַרויס פֿון דער צווייטער האַרץ־אַטאַקע. די ערשטע איז געווען אַ קינדער־שפּיל קעגן דער צווייטער. אַכצן טעג אין אינטענסיווער אָפּהיטונג, עס וועט אָפּקאָסטן אַן אוצר. וואָלט עס כאָטש געשען אין מאָנטרעאָל ווו זיי האָבן שוין אײַנגעפֿירט געזונט־פֿאַרזיכערונג און די רעגירונג באַצאָלט פֿאַר אַלעם. לא די די לא — נישט גענוג וואָס ער וועט נישט איבערלאָזן קיין ירושה, דאַרפֿן די קינדער נאָך באַצאָלן טויזנטער אים צו היילן. ער האָט געפֿרעגט אַ קראַנקן־שוועסטער און זי האָט געזאָגט אַז עס

װעט אָודאי קאָסטן אַ פֿינף טויזנט. „זאָרגט זיך נישט,‟ האָט זי געזאָגט, „אַנדערע קינדער מוזן זײַן רײַך, זיי גיבן ברייטהאַרציק טרינק־געלט צו די קראַנקן־שוועסטער און צו די באַדינער.‟

ברייטהאַרציק? ס'איז גיכער שיטער־פֿינגערדיק. די מאַמע פֿלעגט זיך וואַרפֿן מיט געלט און די טעכטער אויך אַזוי. מע זאָגט אַן אײדעם איז אַ שטיק שוועבל. וואָלטן כאָטש די אײדעמס געוווּסט ווי צו האַלטן אַ דאָלאַר. אפֿשר וועט דער מאַרטין דאָך נישט זײַן אַ חזיר און באַצאָלן וואָס עס קומט אים. אָך, וואָס איז דאָ צו רעדן, אויב יענער וואָלט געווען אַן אָרנטלעכער מענטש וואָלטן די טעותימלעך באַלד נישט געשען. מע דאַרף דאָך זײַן אַ קעשענע־גנבֿ, אַ וואָרער מערדער צו ראַבעווען בײַ אַן אָרעמאַן וואָס איז שוין נאָך דער צווייטער האַרץ־אַטאַקע. ער איז נאָך שוואַך, וועלן די קינדער איבערנעמען די זאַך און אויפֿמאַנען אַלץ בײַ דעם משפּחה־פֿרײַנט? ראַבײַ לעווענבערג האָט געזאָגט זיי פֿילן זיך שולדיק, איז איצט די צײַט זיי צו עפֿענען די אויגן און ווײַזן ווער דער מאַרטין איז. מע דאַרף שמידן דאָס אײַזן כּל זמן עס איז הייס. און אַז זײַנע אײדעמס וועלן זיך אַרײַנלייגן אין דעם, וועט זײַן צו באַצאָלן דעם חשבון אין שפּיטאָל און עס וועט נאָך בלײַבן אַ ירושה פֿאַר די קינדער. צען פּראָצענט פֿון דער ירושה וויל ער זאָל גיין פֿאַר די אייניקלעך. ניין, קינדער מײַנע, איר דאַרפֿט זיך נאָך נישט צוזאַמענלייגן צו באַצאָלן דעם טאַטנס חשבונות.

ער האָט געזען טרערן אין בלענטשעס אויגן ווען ער האָט איר געזאָגט אַז ער וויל אויך שילאַ און בינאַ זאָלן קומען. ער וויל זיי זען אַלע צוזאַמען און טאַקע מיט זייערע מענער. ער האָט נישט אויסגעזאָגט צוליב וואָס ער רופֿט זיי. ער האָט ליב צו טאָן זאַכן מיט אַ טאַלק און מיט אַ סדר. מע טאָר נישט אויפֿדעקן די קאָרטן ביז דער לעצטער מינוט.

עס האָט גענומען נאָר איין טאָג ביז אַלע קינדער זענען געווען בײַ זײַן בעט. דורך דעם טאָג איז זײַן גאַנץ לעבן פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַר זײַנע אויגן. ווען ער איז געווען אַ זעקס־יאָריק קינד און געשלאָפֿן בײַ דער מומע ציפּע אויפֿן פּיעקעליק האָט קיינער זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַז פֿון דעם קיילעכדיקן יתומל מיט צעריסענע הייזלעך וועט אויסוואַקסן פּאָול ראַי, אַ ביזנעס־מאַן, אַ פּרעזידענט פֿון אַ סאָסײַעטי. ווען ער האָט פֿון זײַן אייגענער פּאַרציע ברויט אָפּגעשפּאָרט אויף שפּעטער האָט ער אַליין זיך נישט געקאָנט

פֿאַרשטעלן אַז ער וועט אַמאָל אָפּשפּאָרן הונדערטער טויזנטער. יאָ, ער איז דאַמאָלט שוין געווען אַ באַרעכנטער מענטש, כאָטש מע האָט זיך געוואָרפֿן מיט אים, און זײַן קישן האָט געוואַנדערט מיט אים פֿון דער מומע ציפּע צום יתומים־הויז, און פֿון יתומים־הויז צוריק צו דער מומע ציפּע. יאָ, ער האָט שוין דאַמאָלט פֿאַרשטאַנען אַז עס איז וויכטיק צו שפּאָרן. באַקומען אַ שטיקל צוקער אין דער פֿרי עס זאָל אים סטײַען אויף אַ גאַנצן טאָג. זײַנע קוזינדלעך, די נאַשערס, האָבן עס אײַנגעשלונגען אויף איין מאָל. ער האָט געטרונקען ביטערע באַוואַרקע, און געשפּאָרט. ווען די קוזינדלעך האָבן אַ מאָל בײַ אים געפֿונען עטלעכע שטיקלעך צוקער האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלד אַז ער גנבֿהט. די מומע ציפּע האָט נישט געפֿרעגט צי ער האָט עס טאַקע געגנבֿעט, זי האָט נאָר געוואָלט וויסן ווי אַזוי ער האָט זיך צוגעקראָגן צום צוקער וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַ פֿאַרשלאָסן שענקל אין קרעדענץ.

הײַנט ווערן די אויגן אים נאַס בײַ יעדער קלייניקייט. ווען מען האָט אים באַשולדיקט אַז ער האָט געגנבֿעט דעם צוקער זענען די אויגן געבליבן טרוקן. די גאַנצע וועלט איז קעגן אַ יתום, אָבער ער וועט זיך נישט לאָזן. אים וועלן זיי נישט בענדיקן...

פֿון דער מומע ציפּע, ביז זײַנע אייגענע קינדער, גלייבן אַלע אין יעדן בילבול וואָס מע מאַכט אויף אים. די מומע האָט אים געשלאָגן, די קוזינדלעך האָבן אים געקנײַפּט, גוטע שכנים האָבן אים געמוסרט. בערל מלמד האָט באַקוקט די שטיקלעך צוקער מיט אַ פֿאַרשעריש אויג און פֿעסטגעשטעלט אַז עס קאָן נישט זײַן אָפּגעשפּאָרט, דער צוקער איז צו ווײַס און צו ריין. דאָס איז ערשט אַרויס פֿון טיטל. אויב דער מלמד וואָלט זיך געהאַלטן אַזוי ריין ווי דאָס קליינע יתומל, וואָלט ער נישט געקומען צו אַזאַ מבֿינות.

די קוזינדלעך האָבן אויפֿגענאַשט זײַן אָפּגעשפּאָרטן צוקער, די מומע ציפּע האָט זיך דערשראָקן אַז איר שוועסטערס יתומל קאָן נאָך האָבן אַ שלעכטן אײַנפֿלוס אויף אירע קינדער און אים צוריקגעשיקט אין יתומים־הויז. דאָרט האָבן שוין אַלע געוווּסט די מעשׂה מיטן צוקער און מען האָט אים גערופֿן מיט צונעמען. אַפֿילו יאָרן שפּעטער איז דער צונאָמען אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך געלערנט זײַן אַ זייגערמאַכער און דערווײַל געווען אַ העברעיִשער לערער. ער איז געגאַנגען אין די הײַזער געבן לעקציעס און געזען ווי מען היט אים און מע קוקט אים אויף די פֿינגער. די

קוזינדלעך האָבן נאָך אַלץ געלעבט פֿון דער מומע ציפּעס פּראַצע, ווען ער האָט שוין געשפּאָרט געלט. אויף קליידונג האָט ער כּמעט נישט אויסגעגעבן, ער האָט געוווּסט ווי צו האַלטן ריין און שוינען אַ מלבוש. ער איז אויפֿגעוואַקסן הויך און — — וואָס דאַרף ער זיך באַרימען וועגן זײַן אויסזען? ער האָט נאָך אין בראָמאַלין געקאָנט טאָן אַ בעסערן שידוך ווי זײַנע קוזינדלעך. אַפֿילו די שיקסעס ווען זיי זענען זונטיק געגאַנגען פֿון קאַשטשאָל האָבן אים נאָכגע־קוקט און זיך געקנײַפּט „יאַקי פּושיסטאַיני, יאַקי לאַדני״ — וואָס פֿאַר אַ הויכער, וואָס פֿאַר אַ שיינער. מער ווי איינע פֿון זײַנע תּלמידות האָט זיך געערויטלט, געחנדלט זיך צו אים. אָבער ער האָט געזאַמלט אויף אַ בילעט קיין אַמעריקע. אָנגעקומען איז ער נישט קיין ניו־יאָרק נאָר קיין מאָנטרעאָל. געוואָרן איז ער נישט קיין זייגערמאַכער נאָר אַ פֿאַבריקאַנט פֿון קליידער. אַז מע ווייסט ווי צו שפּאָרן, קאָן מען אומעטום מאַכן אַ פּאָר דאָלער.

די דרײַ קוזינדלעך וואָס האָבן אים פֿאַרביטערט דאָס לעבן זענען נעבעך געבליבן בײַ היטלערן. נאָר איינער האָט זיך געראַ־טעוועט, דער ייִנגסטער, שלמה. דער שלמה האָט געפֿונען זײַן אַדרעס און געבעטן הילף. די גיטאַ, זי איז שוין אויפֿן עולם האמת, זאָל דער אייבערשטער איר מוחל זײַן אירע נאַרישקייטן. „אַדורכגעגאַנגען געטאָ־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז שלמהלע שוין אָפּגעקומען פֿאַר אַלע זינד,״ האָט גיטאַ געפּסקנט. ס׳איז דאָך זײַן קרובֿ, נישט גיטאָס, האָט ער דאָך געהאַט די רעכט צו באַ־שליסן צי מע זאָל שיקן געלט, יאָ צי ניין? אָבער דאָס בוכהאַלטערל האָט איר געגעבן געלט אויף דעם מאַנס חשבון, און מען האָט געשיקט טשעקלעך אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך.

שיקן הונדערטער צום קוזין? אויף דעם איז פֿאַראַן אַן אונרא, אַ דזשאָינט. אָבער אַריבערברענגען אים קיין קאַנאַדע, דאָס יאָ. אַפֿילו אים אַרײַנגענומען אין שאָפּ און געלערנט צו זײַן אַ צושנײַ־דער. יענער האָט באַדאַרפֿט זײַן דאַנקבאַר, אָבער דאָס צאַצקעלע, שלמהלע, האָט געמאַכט רכילותלעך. מאַרטין ליבאָוויטש האָט זייער ליבלעך אַ פֿרעג געטאָן: אין בראָמאַלין ביסטו געווען אַ העברעיִשער לערער? מע זאָגט אַז ביסט געווען אַ פּשוטער בעלפֿער, געלערנט מיידלעך לייענען פֿון סידור.

„דער סידור איז דען געשריבן אין טערקיש? דער סידור איז דאָך העברעיִש, יאָ צי ניין?״

פֿאַרן לערנען די מיידלעך לייענען אין סידור האָט מען אים באַצאָלט מיט גראָשנס, אָבער מען האָט צוגעגעבן אַ מאָלצייַט. אַז אַ תּלמידה איז קראַנק געוואָרן איז נישט געווען קיין לעקציע און נישט קיין מאָלצייַט. ער האָט נישט אָנגערירט זייַן אָפּגעשפּאָרטס זיך צו קויפֿן אַ שטיקל ברויט. גענוג דער היזק פֿון אַ פֿאַרלוירענער לעקציע. ער מוז וואָס שנעלער אַוועק פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם בראָמאָלין ווו יעדער פֿאַרך רופֿט אים מיט אַ צונאָמען. ער מוז זאַמלען און זאַמלען אויף הוצאות.

אַזוי פֿיל יאָרן זענען אָפּגעלאָפֿן. בראָמאָלין איז מער נישט פֿאַרבונדן מיט צונעמענישן און חרפּות. ער איז איצט אַ פֿירער בייַ די בראָמאָלינער אין מאָנטרעאָל. האָט דער רוח אָנגעטראָגן זייַן קוזינדל שלמהלע...

ער האָט נישט געטראַכט וועגן אַרויסוואַרפֿן דעם שלמהלע פֿון שאָפּ, ער האָט אים נאָר געגעבן אָנצוהערן ער זאָל אויפֿהערן פֿלאַפּלען. יענער איז גאָר געקומען מיט פֿאָדערונגען, ער גרייט זיך נאָך אַ מאָל חתונה האָבן און דער רייַכער קוזין דאַרף אים איינאָרדענען אַ נייַע דירה מיט מעבל. נישקשה, האָט ער געזאָגט, די וואָס זענען הייַנט רייַך האָבן אַ מאָל אָפּגעפּרעסן זייַן מאַמעס ביינער.

ער האָט געליטן פֿון זייַן קוזינדל און געשוויגן. אָבער איין מאָל ווען ער איז אַרייַנגעקומען אין שאָפּ האָט ער דערהערט עפּעס וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט פֿאַרגעסן: פֿייַבישל גנבֿ. ווי אַזוי האָט מען אין זייַן שאָפּ אין מאָנטרעאָל זיך דערוווּסט זייַן צונאָמען אין בראָמאָלין? אַרויס זאָל ער גיין, שוין די מינוט!

ער האָט דערציילט גיטאַן וועגן דעם בילבול מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן צוקער און ווי פֿון דעם איז געקומען זייַן צונאָמען. אַלץ וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן איז געווען: „שוין אין דער מאַמעס בויך האָסטו זיך נישט פֿאַרגינען דעם ביסן.״

און אָט דעם קוזינדל האָט די גיטאַ געשיקט הונדערטער דאָלאַר. אויב זי איז געווען אַזוי גוט צו זייַנע קרובֿים פֿאַרוואָס האָט זי אים אַלע מאָל אָנגעטאָן צרות און פֿאַרוואַנדלט זייַנע אייגענע קינדער אין זייַנע שונאים? דאָס איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ קאָנספּיראַציע און אַ שותּפֿות אויסצושווינדלען בייַ אים די הונדערטער דאָלאַר. ווי אַזוי דען איז דער מאַרטין געוואָרן אַ מיליאָנער אין דער צייַט וואָס ער איז געוואָרן אַן אָרעמאַן? געוואַלד, מען האָט

געגנבֿעט בײַ אים און אים באַראַבעוועט בײַ יעדער געלעגנהייט. ס׳איז נאָר צו שרײַען געוואַלד און געוואַלד!

אָט שטייען שוין אַלע זײַנע קינדער בײַ זײַן בעט. ער עפֿנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן און עס קומט אַרויס נאָר אַ שלוכץ. די קינדערס געשטאַלטן שווימען אין זײַנע טרערן. בלענטש וויל אים געבן אַ פּיל, שילאַ דערמאָנט אים אַז ער טאָר זיך נישט אויפֿרעגן, אַרטשי האַלט אַ פֿינגער אויף זײַן פּולס. ער נעמט צוזאַמען אַלע כּוחות און קאָן קוים אַרויסברענגען אַ פּאָר ווערטער צווישן די שלוכצן. „קינדער מײַנע, כ׳האָב אַ גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט און נישט פֿאַרגינען זיך קיין לוקסוס, נאָר צוליב אײַך.״

נינאַ האָט געגלעט זײַן האַנט און געזאָגט: „מיר ווייסן דאָס, פּאַ. ס׳איז נישט דײַן שולד וואָס האָסט אַלץ פֿאַרלוירן.״

„דאָס וויל איך אײַך טאַקע זאָגן.״

„אָבער, פּאַ, ס׳איז נישט קיין אומגליק. מיר זענען אַלע גוט־אָפּ, מיר האָבן פֿון אַלעם גוטן און מע לעבט קייזערלעך.״

דאָס איז געווען אין מיטן אַ שלוכץ. זײַן פּנים האָט זיך אויס־געגלײַכט, די אויגן זענען געוואָרן קלאָר און ערנסט. אַפֿילו זײַן קול איז געוואָרן שטאַרקער: „מע דאַרף לעבן, אָבער מע דאַרף אויך שפּאָרן, קינדער.״

„מיר שפּאָרן אויך. מיר האָבן ערשט לעצטע וואָך, אַלע דרײַ צוזאַמען, געמאַכט אַ ריִעל־עסטעיט־אינוועסטיציע. פּאַ, כ׳ווייס דאָס וועט דיך פֿרייען. אַרטשי, און ביל, און מאָו האָבן יעדער אַרײַנגע־לייגט צו פֿופֿציק טויזנט, און מאַרטין הונדערט און פֿופֿציק טויזנט. מאַרטין זאָגט — — —״

„מאַרטין זאָגט? מאַרטין זאָגט און איר גלויבט אים? מיך אָפּגע־פּאַרטיקט האָט ער זיך געגומען צו די קינדער. נינאַ, קינד מײַנס, האָסט געזאָגט אַז ס׳איז נישט מײַן שולד וואָס כ׳האָב אַלץ פֿאַרלוירן. דו ווייסט וועמענס שולד עס איז? ער האָט מיך באַגנבֿעט אַ גאַנץ לעבן! ווו איז דער אינווענטאַר־חשבון? קינדער, צו דעם האָב איך אײַך גערופֿן אַהער. קינדער, — — ווו איז ערגעץ דער חשבון פֿון אינווענטאַר?״

„פּאַ, דו טאָרסט זיך נישט אויפֿרעגן.״

„נישט אויפֿרעגן זיך? אַזאַ — — — —״

„פּאַ, ער איז דיר נישט קיין שונא.״

„מײַן שונא איז ער נישט, מיין מלאך המות איז ער. כ׳האָב עס שוואַרץ אויף ווײַס, ער האָט מיך באַראַבעוועט!"

„פֿאַ, נעם די פּיל, כ׳בעט דיך. אַרטשי גייט ברענגען אַן אײַנ־שפּריץ. דו טאָרסט זיך נישט אויפֿרעגן. דו טאָרסט זיך גאָרנישט נעמען צום האַרצן, דײַן געזונט איז וויכטיקער ווי אַלץ."

זיי רעדן צו אים ווי צו אַ קליין קינד וואָס האָט זיך באַנאַרישט, אָדער ווי צו איינעם וואָס איז גערירט פֿון זינען. זיי זוכן אים צו באַרויקן אָבער זיי גלייבן אים נישט. דאָס בוכהאַלטעריל וועט בלײַבן דער פֿײַנער מענטש, דער מיליאָנער, דער משפּחה־פֿרײַנט, דער — — געוואַלד, וואָס טוט מען זיי צו עפֿענען די אויגן?

עס איז פֿינצטער דרויסן. דער אײַנשפּריץ וואָס אַרטשי האָט אים געמאַכט איז אוודאי געווען אַ שלאָף־מיטל. דער קאָפּ איז שווער, די אויגן קלעפּן זיך. מע קאָן טראַכטן אויך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. זיי מיינען גוט, די קינדער. ער טאָר נישט טראַכטן וועגן זאַכן וואָס רעגן אים אויף, וואָס טוען וויי. אָבער ווי קאָן ער עס אַרויסשטופּן פֿון קאָפּ אַז עס האָט זיך אַרײַנגעהאַקט ווי אַ קלין. לא די, די לא! נישט גענוג די קינדער אײַלן זיך נישט צו לויפֿן אויפֿמאַנען זײַן געלט קוקן זיי נאָך אויף אים מיט רחמנות, ווי אויף אַ צעדרייטן. נישקשה, ער האָט צײַט צו וואַרטן. אַז ער וועט זיי אַ ווײַז טאָן שוואַרץ אויף ווײַס אַ טעותל אויף דרײַ טויזנט זיבן הונדערט און צוויי און פֿערציק דאָלאַר... זיי וועלן נאָך אַלץ זוכן זכותים אויף דעם אויסוואורף. אָבער ער האָט אַ האַרבע קשיה צו פֿרעגן: אמת, ס׳איז אַ מענטש־לעכע זאַך צו מאַכן אַ טעות, אָבער ווי קומט עס וואָס יעדער טעות איז צו זײַן פֿאַרלוסט און יענעמס געפֿינס? פֿאַרוואָס נישט פֿאַר־קערט? אויב עמעץ מאַכט טעותימלעך און פֿאַרדינט דערבײַ זענען עס געפּלאַנטע טעותים, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. יאָ צי ניין?

ער וועט זיי באַווײַזן? ווו האָט ער די באַווײַזן? דעם אָרנט־לעכן גייט נאָך דער שלימזל, דעם גנבֿ דאָס מזל. ווו האָט ער דעם חשבון מיט דעם טעות? ער איז געווען אין זײַן צימער אין דעם „בעיוויו" ווען ער האָט געפֿונען דעם טעות, אָבער ער האָט באַקו־מען אַן אַטאַקע און מען האָט אים אַוועקגענומען מיט אַן אַמבו־לאַנס. געפֿונען וועט צו קריגן אַן אַטאַקע! „בעיוויו" איז אַ האָטעל, יעדער צימער מוז זײַן פֿאַרדינגען. מען האָט שוין זיכער אַוועק־גענומען זײַנע זאַכן און עמעץ אַנדערש שלאָפֿט שוין אין זײַן בעט. אַזוי זענען זיי די האָטעלן! ווער האָט זיך אומגעקוקט אויף

אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס מען האָט געפֿונען נעבן זײַן בעט? מע מוז שוין לויפֿן אין דעם „בעיווער" געפֿינען דעם אינווענטאַר־חשבון! ווו איז ערגעץ די קראַנקן־שוועסטער? שוועסטער, ווו זענען מײַנע קינדער? כ'וויל מײַנע קינדער. ס'איז מיטנטאַכט? צו אַ קראַנקן טאָטן מעג מען קומען אויך אין מיטן דער נאַכט! ער ווייסט, ער קריגט ווידער אַן אַטאַקע. די וויטיקן, דאָס שטעכעניש, דער קאַלטער שווייס, דאָס אַלץ איז אים שוין גוט באַקאַנט. שוועס־טער, ווו זענען מײַנע קינדער? ניין, ער וועט נישט נעמען קיין פּיל. אָוועק מיט דער נאָדל, ער וויל נישט קיין אײַנשפּריץ, ער טאָר איצט נישט אײַנשלאָפֿן, ער מוז זײַן וואַך ווען די קינדער וועלן קומען. וואָס? ער ווייסט, ער ווייסט אַלץ. אָבער וואָס ער האָט צו זאָגן די קינדער איז אויך אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט. אַ מענטש אויפֿן טויטן־בעט האָט אַ רעכט צו רעדן צו זײַנע קינדער, יאָ צי ניין?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

III

אויב פּאָול ראַי וואָלט נישט געווען טויט וואָלט מען געקענט זאָגן אַז סוף כּל סוף האָט ער דערלעבט אַנדערע זאָלן זאָגן וועגן אים דאָס וואָס ער אַליין האָט געזאָגט וועגן זיך אַ גאַנץ לעבן, און קיינער האָט אים נישט געגלויבט. דעם הספּד בײַ זײַן קבֿר אין מאָנטרעאָל האָט געמאַכט ראַבײַ לעווענבערג. ער האָט מודה געווען אַז ער האָט דעם נפֿטר באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין שפּיטאָל אין מיאַמי, אָבער „טובֿ שם טובֿ משמן טובֿ", דער גוטער נאָמען פֿון פּאָול ראַי איז דערגאַנגען אויך צו אים. אַן אַרבעטסלוסטיקער, פֿלײַסיקער מענטש וואָס האָט זעלטן גענומען וואַקאַציע און נאָר געהאָרעוועט פֿאַר זײַן משפּחה. ווען זײַן שאַפֿ איז שוין געווען גע־שלאָסן האָט ער געאַרבעט לטובֿת הכּלל. אַן עלאָקווענטער מענטש וואָס האָט מיט זײַנע רעדעס געוועקט אַנדערע צו געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. דעם גוטן בײַשפּיל וואָס ער האָט געוויזן קאָן מען זען אין זײַנע געראָטענע קינדער.

דער פּרעזידענט פֿון דער בראָמאַליבער לאַנדסמאַנשאַפֿט האָט געזאָגט אַז דער מענטש פּאָול ראַי איז געווען אַזוי ציכטיק ווי זײַן פּערלדיקער כּתבֿ אין די פּראָטאָקאָלן פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט. דער

דירעקטאָר פון די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס האָט גערעדט וועגן דעם נפטרס פּינקטלעכקייט און פאַרלאָזלעכקייט. אַ האַלבע זײַט, יאָ, אַ גאַנצע האַלבע זײַט אין „קענעדער אָדלער״ איז געווען פול מיט בעקראָלאָגן וואָס עס האָבן אַרײַנגעשטעלט געזעלשאַפטלעכע און ביזנעס־אָרגאַניזאַציעס און, פאַרשטייט זיך, די קינדער און זייערע פרײַנט. דער נאָמען פאָול ראַי האָט, קאָן מען זאָגן, אַראָפּגעשײַנט פון דער בלאַט־צײַטונג. עס איז כדאַי צו זײַן אַ פײַנער, ערלעכער און אַרבעטסלוסטיקער מענטש, יאָ צי ניין?

התנצלות פון דערציילער.

בעת פאָול ראַיס לעבן האָבן רכילותניקעס זיך געלאָזט וואויל־גיין און נישט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר אים, האָבן מיר דאָ פרו־בירט איבערגעבן די געשיכטע פון זײַן לעבן ווי ער אַליין האָט עס געזען, ווי עס האָט זיך אויפגעוויקלט פאַר אים אין זײַנע לעצטע טעג. מיר האָבן דערפירט די געשיכטע פון זײַן טרויעריק לעבן ביז, ווי מע זאָגט עס אין ענגליש, אַ „העפּי ענדינג״, אַ גליקלעכן סוף, און אפשר וואָלטן מיר זיך געדאַרפט דאָ אָפּשטעלן. מיר האָבן דאָס אַלץ אויפגעשריבן מחמת וואָס מע טוט פאַר אַ פאַרשטאָרבענעם איז אַ חסד של אמת. טאַקע למען האמת קאָנען מיר נישט פאַרהוילן וואָס עס איז ווייטער געשען.

די ערשטע טעג שבעה אין בלענטשעס הויז זענען אַדורך אַזוי, אַז דער טאַטע וואָלט זיך בעסער נישט געקאָנט ווינטשן. יעדער וואָס איז געקומען מנחם אָבל זײַן האָט זיך דערמאָנט עפּעס גוטס וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם. אויך דער געוועזענער שותף ליבאָוויטש וואָס פלעגט זאָגן אַז ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן פון אים האָט איצט דערציילט נאָר גוטס, און די טעכטער האָבן זיך צוגעהערט מיט אָפענע מײַלער. מע קאָן דרײַסט זאָגן אַז אויב די גאָטזעליקע גיטאָ וואָלט געלעבט וואָלט זי אויך געפינען אַ גוט וואָרט. אָבער אין דעם דריטן טאָג שבעה האָט עפּעס אַן אַדוואָקאַטל אָנגעקלונגען אַז ער האָט אַ צוואה און וויל קומען זי לייענען. ער האָט פאַרלאַנגט אַלע קינדער און אייניקלעך זאָלן זײַן דערבײַ.

דעם פערטן טאָג שבעה האָט דער אַדוואָקאַט געלייענט די צוואה. דאָס איז געווען אַ באָמבע מער ווי אַ צוואה. דער טאַטע האָט גע־שריבן אַז ער פאַרלאָזט מאָנטרעאָל מיט קנאַפּע זיבן הונדערט טויזנט.

היות ער וועט נישט אַרויסנעמען דעם פּראָצענט וואָס וועט אָנוואַקסן וועט עס, ווען מע וועט לייענען דעם דאָקומענט, שוין זײַן אַ מיליאָן אָדער מער. צען פּראָצענט פֿון דעם פֿאַרמעגן זאָל מען צעטיילן צווישן די אייניקלעך, די רעשט, אין גלײַכע חלקים צו די דריי טעכטער.

די ערשטע רעאַקציע פֿון שילאָן איז געווען אַ וואָרט וואָס פּאַסט נישט צו זאָגן וועגן אַ פֿאַרשטאָרבענעם, בפֿרט וועגן אַן אייגענעם טאַטן. בלעטנטש האָט געזאָגט: „הי פֿולד איט אַף,“ ער האָט עס אויסגעפֿירט דער — — — און פֿאַרענדיקט מיט דעם זעלביקן וואָס שילאָ. נינאַ איז געווען אַזוי פּריטשמיעלעט אַז זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

מע קאָן אָבער נישט זאָגן אַז די טעכטער האָבן אויסגעשריגן „הינטישער זון“ אינגאַנצן לגנאַי. געווען ביטערניש וואָס ער האָט אָפּגענאַרט זיי און די מאַמע, אָבער געווען אויך באַוווּנדערונג. מע קאָן זיך נישט העלפֿן, אַ מיליאָן דאָלער רופֿט אַרויס באַוווּנדערונג.

די לעצטע טעג שבעה זענען שוין אַריבער אין אומגעדולד. דער משוגענער האָט דאָך אַפֿילו נישט געזאָגט ווו ער האָט באַהאַלטן זײַן אוצר.

מען איז געלאָפֿן קיין מיאַמי זוכן צווישן זײַנע זאַכן, איבער־קוקן זײַנע פּאַפּירן און גאָרנישט געפֿונען. אפֿשר האָט ער עפּעס גע־האַט אין זײַנע מלבושים, אָבער נינאַ האָט געהאַט אָנגעזאָגט אין דעם האָטעל זיי זאָלן די מלבושים אַוועקגעבן צו אָרעמעלײַט. היות דאָס זענען געווען זייער אַלטע מלבושים האָבן זיי עס געגעבן צו דער „סאַלוועישאַן אַרמי“ וואָס גיט זיך אָפּ מיט דרעליקטס, שלעפּער און שיכּורים. די מענטשן אין דער „סאַלוועישאַן אַרמי“ האָבן עס נישט געפֿונען צווישן די בערג שמאַטעס אין זייער לאַגער. די קינדער האָבן אַנאָנסירט אין די צײַטונגען אַז זיי וועלן געבן טויזנט דאָלאַר צו דעם וואָס וועט צוריקברענגען דעם טאַטנס מלבושים.
טאָג נאָך טאָג האָבן די קינדער איבערגעקוקט בערג מיט שמאַטעס וואָס עס האָבן געבראַכט בעלנים אויף דעם טויזנטער. סוף כּל סוף האָט עמעץ געבראַכט דעם טאַטנס אַ פּאָר הויזן. אין דער הויזן־קעשענע אַ בײַטעלע, אין דעם בײַטעלע זיבן און צוואַנציק סענט און אַ שליסל צו אַ דעפּאָזיר־קעסטל אין אַ באַנק. אָבער אין וועלכער באַנק?

עס האָט גענומען טעג פֿון מיזאַמען פֿאַרשן. עס האָט געקאָסט אַ סך הונדערטער פֿאַר אַדוואָקאַטן און געריכט־פֿאַראָרדענונגען. עס זענען געווען דערבײַ פֿאַרשטייער פֿון געריכט, פֿון שטײַער־אַמט, און פֿון קאַנאַדישן קאָנסול, ווען מען האָט סוף כּל סוף געעפֿנט דאָס באַנק־קעסטל. מען האָט דאָרט געפֿונען דעפּאָניר־קוויטאַציעס פֿון „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק״ וואָס וואָלטן טאַקע שוין ווערט געווען אַ מי־ליאָן, אויב זיי וואָלטן עפּעס ווערט געווען. ווי שטייט עס אין דער מגילה: וכדאי בזיון וקצף, געגנוג בזיון און בייז בלוט.

„מען האָט אים באַדאַרפֿט אַרײַנזעצן אין אַ משוגעים־הויז ווען ער האָט זיך גענומען טשעפּען צו דער מאַמע.״

„ער האָט זיך דאָך נישט געקאָנט שיידן מיט זײַן פֿאַרמעגן, מע דאַרף עס אים אַרײַנלייגן אין קבֿר.״

דער אמת איז אַז אויב עמעץ ווערט געבוירן מיט אַ ביטער מזל גייט עס מיט אים ביזן קבֿר, און אַפֿילו אין קבֿר אַרײַן. ווי זאָגן מענטשן: אַז מען האָט נישט קיין מזל זאָל מען גאָרנישט גע־בוירן ווערן.

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש

א.

I

ווי אַזוי איז דאָס געשען?

„ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס?"

לעאָן האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין שכן אין דער צעל. „כ'האָב דיך אויפגעוועקט? זיי מוחל."

„כ'האָב דיך אויפגעוועקט?" האָט דער שכן אים נאָכגעקרומט. „ער פרעגט נאָך צי ר'האָט מיך אויפגעוועקט."

„האָסט אפשר אַ שפּיגעלע? כ'מיין, אַ טאַשן־שפּיגעלע? ניין, זיי וועלן נישט לאָזן קיין גלאָז ביי אַן אַרעסטאַנט."

„מאָרגן שיקט מען אונדז ביידע אין 'סינג־סינג'. איך האָף כ'וועל דאָרט נישט דאַרפן זיין מיט דיר אין איין צעל. וואָס דאַרפסטו פּלוצעם אַ שפּיגעלע?"

„כ'האָב געקוקט אין דער שויב ווי אין אַ שפּיגל, אָבער מע זעט נישט קלאָר."

„וואָס פלאַפּלסטו דאָרטן, ביסט אַראָפּ פון זינען, צי וואָס?

„כ'בין ערשט געקומען צום זינען. כ'וויל אָנקוקן מיין פּרצוף, אַריינקוקן זיך אין די אויגן און זאָגן: לעאָן, ביסט אַ וויסטער, פינצטערער נאַר!"

„כ'האָב מורא מע דאַרף דיך שיקן אין אַ שפּיטאָל נישט אין 'סינג־סינג'."

„ווי הייסטו? האָסט מיר געזאָגט אָבער כ'האָב פאַרגעסן. כ'וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד: כ'בין אומשולדיק ווי אַ לאַם."

„הער מיך אויס ברודערקע, כ'ווייס נישט וואָס ס'איז דיין שאַכער־מאַכער. דו ביסט אַן אינטעליגענטער מענטש, אויפגעוועקט מיך אינ־מיטן נאַכט מעגסטו זאָגן עפּעס מער אָריגינעלעס. איך בין אַ פּראָס־טער נפש, איך האָב געזאָגט גענוי דאָס זעלביקע ווען כ'האָב דער־הערט מיין ערשטן אורטייל".

„אָבער איך בין טאַקע אומשולדיק."

„אַ שקר בילבול, האַ? ווער האָט דיר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל? דו ביסט ווידער נישט אָריגינעל. אַלע זאָגן דאָס."

„איך אַליין האָב זיך אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל."

„איצט הייבסטו אָן ווערן אָריגינעל. פֿאַרוואָס האָסטו עס נישט געזאָגט דעם ריכטער?"

„כ'האָב נישט געקאָנט, ס'מוז בלײַבן אַ סוד."

„פֿאַרוואָס זאָגסטו עס מיר?"

„כ'וויס אַליין נישט. איצט, אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט מיט אַן אורטייל פֿון צען יאָר. איצט, מיט דיר אַליין אין אַ תּפֿיסה־צעל, ביסטו מיר דער נאָענטסטער מענטש."

„האָסט נישט קיין קרובֿים?"

„כ'האָב יאָ, אָבער זיי זענען דרויסן און זיי זענען שולדיק — — מאַשאַ, מײַן פּלימעניצע, האָט נישט געוואָלט קומען מיך זען און איז אַפֿילו צום פּראָצעס נישט געקומען. ברוגז וואָס איך האָב איר און איר טאַטן אָנגעטאָן חרפּות. ס'איז צום לאַכן ס'גרעסטע געלעכטער."

„אַזוי גאָר, דײַנע אייגענע קרובֿים האָבן דיר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל..."

„כ'האָב דיר געזאָגט: איך אַליין בין געקראָכן מיט מײַן געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַרײַן. געזונטן קאָפּ? מיט מײַן קראַנקען קאָפּ!"

„הער מיך אויס, ברודערקע: דו ביסט צו אינטעליגענט. כ'מיין — דו דרייסט צופֿיל מיט דער צונג. צו מיר דאַרף מען רעדן פּראָסט און פּשוט... כ'וויל גאָרנישט בכלל זאָלסט רעדן צו מיר. טו מיר אַ טובֿה, לעש אויס דאָס ליכט און גיב אַ שטומענעס... אײַן שטומעניש."

„דו ביסט דאָך אַ מענטש — — —"

„דו ווילסט רעדן, מאַך עס פּשוט און קלאָר און קורץ. כ'וויל שלאָפֿן."

„פּשוט און קלאָר און קורץ: קוק אויף מיר איידער כ'לעש אויס די ליכט. קוק אויף מיר, דו זעסט פֿאַר זיך אַ משוגענעם, אַן אידיאָט!"

„דאָס זענען די ערשטע ווערטער דײַנע וואָס ווײַזן אויס צו זײַן קלאָר און צו דער זאַך. לעש אויס דאָס ליכט."

* * *

„איר זיצט צופיל צווישן פיר ווענט. אַפילו אַנדערע וואַקאַציעס פאַרברענגט איר אינדערהיים מיט אַנדערע פאַסטמאַרקעס. פאָרט אַרויס צום ים, אין די בערג. איר זיצט אין שטוב ווי אין אַ תפיסה.‟ אַזוי האָט אים געעצהט דער דאָקטער ווען ער האָט זיך באַקלאָגט אויף קאַפּווייטיק. איצט וועט ער מער נישט זיצן ווי אין אַ תפיסה, ער וועט זיצן צווישן די פיר ווענט פון סינג סינג.

„סינג סינג‟. ער האָט עס טויזנטער מאָל געהערט דורך ראַדיאָ, געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען, אָבער ס׳איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן — — ס׳האָט אים נישט געקאָנט איינפאַלן אַז מע וועט אים דאָרט פאַרטשוואַקעווען אויף דער רעשט פון זיין לעבן. „זיי וועלן נישט פאַרמישפּטן אַ קראַנקן מענטש,‟ האָט ער זיך איינגערעדט. זיי האָבן פאַרמישפּט, און דער אורטייל וואָס דער ריכטער האָט נעכטן אַרויסגעטראָגן איז ערגער, טויזנט מאָל ערגער ווי דער אורטייל וואָס דער דאָקטער אין דעם מעמאָריאַל־שפּיטאָל האָט אַרויסגעטראָגן מיט אַ האַלב יאָר צוריק. ס׳איז ערגער ווייל ס׳הויבט זיך אָן שוין איצט, ס׳איז ערגער ווייל — יענער אורטייל, דעם דאָקטערס, טראָגט נישט מיט זיך קיין חרפּה.

„כ׳האָב מורא איך האָב פאַר אייך נישט קיין גוטע נייעס,‟ האָט דער דאָקטער געזאָגט, און ער האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן. מיד־קייט, געהעכערטע טעמפּעראַטור — זיכער טובערקולאָז, האָט ער שוין לאַנג אַליין געהאַט געשטעלט זיין דיאַגנאָז. היינט איז טובער־קולאָז מער נישט געפערלעך. ער וועט אָוועקפאָרן קיין אַריזאָנאַ און — — עס איז סיי ווי גוט ער זאָל אויף עטלעכע חדשים אָוועק פון זיין ברודער און דעם ברודערס טעכטערל.

„ס׳איז מער נישט פאַראַן קיין שום ספק, איר האָט עס,‟ האָט דער דאָקטער געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דער דאָקטער גיט עס אים מיט איינצלנע טראָפּנס און ער נעמט עס זיך גאָרנישט צום האַרצן. נישט צו פאַרשעמען דעם דאָקטער וואָס מאַכט אַזאַ טראַגישע מינע האָט ער פרעג געטאָן: „וואָס?‟

„לוקעמיע.‟

„לוקעמיע? וואָס עפּעס פלוצעם לוקעמיע?‟

„איך האָב שוין לאַנג חושד געווען. איצט, אַלע אַנאַליזעס באַשטעטיקן עס.‟

„לוקעמיע איז דאָך קענסער, אַ קענסער פֿון בלוט.“

„ריכטיק.“

„היילבאַר?“

„מען מאַכט כּסדרדיקן פּראָגרעס. געוויסע מינים — —“

„מײַן מין?“

„ווי כ׳האָב געזאָגט, די מעדיצין שטייט נישט אויף אַן אָרט. מען האָפֿט — —“

„דערוויַל?“

„מע דאַרף האָפֿן.“

ער איז אַרויס אַ צעחושטער און איז אַרײַן אין אַ ווינדע וואָס איז געגאַנגען אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. אָנשטאָט איין שטאָק אַראָפּ האָט עס אים גענומען צוואַנציק שטאָק אַרויף. עפּעס איז געווען קאַליע, אָדער אַן אידיאָטיש ייִנגל האָט אַרײַנגעקוועטשט אַלע קנעפּ אין דער אויטאָמאַטישער ווינדע אויפֿן וועג אַראָפּ און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן שטאָק. אויף יעדן, חוץ אויף דער מעזאַניק, וווּ דער דאָקטער האָט זײַן ביוראָ. ער איז אַרויפֿגעלאָפֿן די טרעפּ און אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם דאָקטאָרס אויפֿנעם־שטיבל. אַ פֿרוי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, זי האָט זיך געהאַלטן אין אויסטאָן. דער דאָקטער איז דאָרט נישט געווען. ער איז געלאָפֿן איבער די צימערן, די סעקרעטאַרין האָט אים פּרובירט צוריקהאַלטן. ער איז סוף כּל סוף אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן דאָקטער און אים אָנגעכאַפּט בײַ די לאַצן.

„מיסטער סאָבאָלאָוויטש, וואָס איז געשען?“

„דאָקטער, איך האָב פֿײַנט אַז מע שפּילט זיך מיט מיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. וויפֿל איז מיר געבליבן?“

„אַרום דרײַ יאָר,“ האָט דער דאָקטער געענטפֿערט נאָך אַן איבערטראַכטן.

„וואָס מיינט ׳אַרום׳ דרײַ יאָר? מער ווי דרײַ? ווייניקער?“

„מע קאָן נישט וויסן גענוי. איר האָט נאָך גוטע צוויי־דרײַ יאָר.“

„צוויי, אָדער דרײַ?“

„אפֿשר צוויי און אפֿשר דרײַ.“

„און אפֿשר מער?“

„אפשר. בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך.״

„אויב איך וואָלט װעלן פרעגן װעגן גאָט וואָלט איך געגאַנגען צו אַ ראַבײַ. איך װיל אַ קלאָרע, פּרעציזע, מעדיציניִשע דיאַג־נאָזע.״ לעאָן איז אַנטשװיגן געװאָרן אויף אַ רגע און װײַטער גע־פרעגט, איצט שוין מיט אַ שטיל קול און מיט געבעט: „קאָן עס מעגלעך זײַן אַז איך האָב מער ווי דרײַ יאָר? אפשר פינף? אפשר גאָר צען?״

„אַ דאָקטער איז אַ דאָקטער און נישט אַ נביא. ער באַמיט זיך פעסטצושטעלן װיפל עס איז מעגלעך פעסטצושטעלן אין לאַבאָראַטאָריעס, ער נעמט אין אַכט סימפּטאָמען, דאָס דערפאָרן מיט אַנדערע קראַנקע, און שאַצט דאָס אַלץ אָפּ. עס טרעפט אָפט אַז דער גוף באַזיצט מער װידערשטאַנד־פעיִקייט װיפל דער דאָק־טער מיינט. נאָר טויט קען מען פעסטשטעלן גענוי און פּרעציז. איך האָב אײַך געזאָגט װי איך זע אײַער מצב און דאָס איז אַלץ װאָס איך קען אײַך זאָגן.״

ווי האָט ער זיך געקאָנט האַלטן יאָרן בײַ דעם פאַרשוין? דאָס איז נישט אַ דאָקטער, נאָר אַ קצב. „נאָר טויט קען מען פעסט־שטעלן גענוי און פּרעציז.״ יענער האָט שוין מורא טאָמער װעט ער, חלילה, געזונט װערן און באַװײַזן ווי פאַלש עס איז געװען די דיאַגנאָזע. זײַן אייגענער דאָקטער װינטשט אים דעם טויט. צו װעמען זיך װענדן? װוּ זאָל ער זוכן הילף? ער האָט פײַנט דעם דאָקטערס אָנגעפּרעסענעם צופרידענעם פּרצוף, פײַנט ווי אַ שפּין!

דער דאָקטער האָט געזאָגט ער האָט נאָך גוטע צוויי יאָר. ווי ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם וואָרט **גוטע**. ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט די צוויי יאָר זאָלן זײַן גוטע יאָרן. פאַרטכלעוועט קנאַפּע פופציק יאָר, מער ווי אַ העלפט פון זיי אין דעם רײַכן, שיינעם אַמעריקע און — — ער האָט דאָך אפילו נישט געזען די שיינע ווינקלען פון אַמעריקע. ער וועט פאָרן צום גראַנד קעניאָן, צו די ראָקי בערג, ער וועט פאַרברענגען בײַם ניאַגאַראַ־פאַל און אין יעלאָסטאָון נעשאָנאַל פּאַרק. ער ווערט איצט שנעל מיד ווען ער זיצט בײַ זײַנע פּאָסטמאַרקעס. וועט ער נעמען דעם אַלבום פייסאַזשן, די מאַרקעס מיט בילדער פון אַמעריקעס שענסטע פּלעצער און וועט אַרומפאָרן זיי פאַרגלײַכן מיט דער

נאַטור. אַנשטאָט מאַרקעס, שטיקלעך פּאַפּיר, וועט ער זאַמלען אײַנדרוקן, פֿאַרגעניגן.

זינט בערנאַרד און מאַשאַ זענען געקומען פֿון רוסלאַנד קאָן ער מער נישט הנאה האָבן פֿון זײַן פֿילאַטעליסטיק. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט ער איבערגעלאָזט נאָסע מאַרקעס אויסגעשפּרייט צו טרוקענען, האָט ער שפּעטער דערויף געפֿונען מאַשאַס זאַקן. נאָך דעם ווי ער וועט מער נישט זײַן ווילן אַפֿילו אירע אונטער־הייזלעך זײַן באַקלעפּט מיט זײַנע מאַרקעס. אָבער צו וואָס טראַכטן וועגן סוף? אַלע זײַנע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט אָן פֿרייד, ער וועט זיך מוזן אויסלערנען אויסצולעבן יעדע מינוט, יעדע רגע וואָס איז אים געבליבן.

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז ער געלעגן אין בעט מיט ברע־נענדיקע אָפֿענע אויגן, אַ היץ אין קאָפּ, און אַן ענגקייט אין דער ברוסט. ער איז אײַנגעשלאָפֿן נאָר אויף אַ דרײַ שעה און אויפֿ־געשטאַנען מיט אַ באַנײַטער ענערגיע. ווען נישט די לוקעמיע וואָלט ער אפֿשר געפּטרט זײַן גאַנץ לעבן אָן הנאה צו האָבן פֿון איין טאָג. חוץ דער רײַזע קיין מיאַמי, ווען די אַסטמע האָט אים געטריבן, האָט ער אַלעמאָל געפֿונען אַ תּירוץ נישט צו נעמען קיין וואַקאַציע. צוערשט זיך נישט געריכט פֿון אָרט טאָמער וועט מען רופֿן פֿון רוסישן קאָנסולאַט וועגן זײַן אַפּליקאַציע אַריבערצוברענגען בער־נאַרדן און זײַן משפּחה. געקומען אַ ברודער נאָך פֿיר־און־צוואַנ־ציק יאָר נישט זען זיך, נאָכן אַדורכמאַכן אַלע פּורעניות אונטער היטלערן — ווי האָט ער געקאָנט זיך אויפֿהייבן אַוועקפֿאָרן און זיי איבערלאָזן? איצט איז ער מיטאַמאָל קליגער געוואָרן, און צוויי יאָר איז בעסער ווי גאָרנישט. ער וועט אַ גאַנץ לעבן אַרײַנפּאַקן אין די צוויי יאָר.

ער איז אַרויס אין גאַס און צוריקגעקומען מיט גאַנצע פּעק פּאַמפֿלעטן פֿון פֿאַרשידענע רײַזע־אַגענטורן. ווען ער האָט שוין באַדאַרפֿט אײַנצאָלן פֿאַר אַ בילעט האָט ער פּלוצעם באַשלאָסן צו אַרבעטן נאָך עטלעכע חדשים ער זאָל האָבן אַ גאַנצן חודש באַ־צאָלטע וואַקאַציע און אַ העכערן סעווערענס געהאָלט. אָפּגעאַר־בעט נאָך עטלעכע חדשים און נאָך געוואָלט סאָרטירן און אַרײַנ־קלעפּן זײַנע לעצטע מאַרקעס־זאַמלונגען. ער איז שוין געווען גרייט. דאַסמאָל איז ער באמת שוין געווען גרייט און פּלוצעם — — ווי אַזוי איז דאָס געשען צו אים?

II

אָנגעהויבן האָט עס זיך...

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט די ווענעציאַנער בלינדערס, ווען בערנאַרד איז אַלעמאָל צוגעלאָפן צום פענצטער, מיט די פינגער צעשפּרייט און געמאַכט אַ שפּאַרע צווישן צוויי בלינדערס און אַרויסגעקוקט. פּלוצעם — — —

ניין, אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט פינף יאָר פריִער. אָנגע־הויבן האָט עס זיך אין מיאַמי.

זײַן היי־פיבער איז דאָס יאָר געווען ערגער ווי אַלעמאָל. אין די פריִערדיקע יאָרן האָט דער דאָקטער אים געגעבן קאָרטיזאָן און עס האָט געהאָלפן. דאָסמאָל זענען די אויגן אים פאַרזונקען אין אַ באַרג געשווילעכץ און דער דאָקטער האָט אָפּגעשטעלט דעם קאָרטיזאָן. די אויגן האָבן געביסן און געטרערט, די נאָז רויט און פאַרשטאָפּט, די אַסטמע איז אים באַפאַלן און געמוטשעט מיט ביטערער רציחה ווי זי וואָלט געוווּסט אַז ער האָט נישט מיט וואָס זיך אָפּצוּווערן. ער האָט געחלשט שלאָפן און נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג, געראַנגלט זיך אַרײַנצוציִען אַביסל אָטעם. „דאָק־טער, טוט עפּעס, כ׳קאָן עס מער נישט אויסהאַלטן,״ האָט ער זיך געבעטן.

אויף דער עצה פון דאָקטער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מיאַמי. ער איז אָנגעקומען אין האָטעל אַרײַן אינמיטן נאַכט. ער האָט אַוועק־געשטעלט אויפן נאַכט־טישל אַלע זײַנע פּילן, די צווייערליי פליִ־סיקייטן אַרײַנצושפּריצן אין דער נאָז, און זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט.

אין דער פרי, נאָך איידער ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צום נאַכט־טישל, שוין געוואָלט אַרײַנ־שפּריצן אין דער נאָז, און זיך געכאַפּט אַז ער אָטעמט פרײַ. דער היי־פיבער איז נעלם געוואָרן. ער האָט אויסגעראַנגלט די גלידער און אַרויס צום ים.

געשווומען אַ צען מינוט און מיד געוואָרן. ער און דער ים און מער קיינער נישט. סעפּטעמבער איז צווישן סעזאָנען. אַ ליי־דיקער ים, אַ פּוסטער ברעג. אויך דער האָטעל איז געווען ליידיק. אַפילו הינטערן רעגיסטריר־טיש איז קיינער נישט געווען. נאָר אַ גלעקל איז דאָרט געשטאַנען, אַ גלעקל אָנשטאָט אַ מענטש. ער

האָט נישט געקלונגען מיטן גלעקל. עמעץ וועט אַרויסקומען פֿרעגן וואָס ער וויל און ער ווייסט אַפֿילו נישט וואָס ער וויל.

ער איז אַרומגעלאָפֿן איבער די גאַסן פֿון מיאַמי־ביטש. די מיינסטע רעסטאָראַנען געשלאָסן. אין אַן אָפֿענער קאַפֿעטעריע זע־נען יאָ געזעסן צוויי פֿרויען. אַן אַלטער מאַן איז נאָך צו דער־ליידן, אָבער אַ פֿרוי מיט אַ טרוקענער צעקאַרבטער לעדער־נער הויט, מיט שלאַבעריק לײַב וואָס יוירט אַריבער דעם דעקאָלט פֿון צופֿיל אויסגעשעניטענעם קלייד... אפֿשר קאָן ער פֿאַרטראָגן אַלטע מענער ווײַל ער איז גלײַכגילטיק צו זיי. ער האָט געחלשט זען אַ יונגען מענטש מיט אַ פֿרישער הויט און האָפּטיקע גלי־דער. פֿאַרוואָס טאָקע נישט אַ פֿרוי? זינט דער היי־פֿיבער איז אים באַפֿאַלן — — — ער וועט גאָר זוכן אַ פֿרוי.

די מיינסטע באַרס זענען געווען געשלאָסן, די אָפֿענע זענען געווען ליידיק. עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ צווייט־ראַנגיקן באַר אויף אַ ווײַטער גאַס נעבן דער בוכטע. עטלעכע פֿאַרוויאַנעטע מענער האָבן געזופֿט ביר און זיך צוגעקוקט צו אַ געפֿעכט אויף טעלעוויזיע. ער האָט שוין בדעה געהאַט אַרויסצוגיין ווען אַ פֿרוי איז אַרײַנ־געקומען. אַ פֿרוי וואָס קומט אַליין אין אַ באַר אַזוי שפּעט בײַ־נאַכט איז צום האָבן, אָבער ער וועט וואַרטן אויף אַ יינגערער און אַ שענערער. צו דער פֿרוי האָט זיך צוגעזעצט עפּעס אַן אַלטער שיכּור און באַשטעלט פֿאַר איר אַ טרונק. ער האָט געוואַרט און געוואַרט. קיינער איז מער נישט אַרײַנגעקומען און דער שיכּור האָט נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער פֿרוי. זי איז אַרויס מיט אים, וואָס דאַרף זי אַזאַ שיכּור? זי האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן ער זאָל קאָנען גיין.

עס האָט שוין געטאָגט. מער קיין פֿרויען זענען נישט גע־קומען און די ערשטע איז אויך נישט צוריקגעקומען. יינגער פֿון יענע צוויי ווײַבער אין דער קאַפֿעטעריע איז זי דאָך געווען. אָנ־הייבן אַ שמועס מיט די שיכּורים? זיי וועלן אָפּלאַכן פֿון זײַן שווערן רוסישן אַקצענט, זיי וועלן — — נעכטן האָט ער געהאַט פּילן קעגן קאָפּווייטיק, פּליסיקייטן אַרײַנצושפּריצן אין דער נאָז, הײַנט האָט ער גאָרנישט. די נאָז רינט נישט, די אויגן טרערן נישט, און דאָרט וואַרט אויף אים אַ ליידיק צימער אין אַ פּוסטן האָטעל אויף אַ פֿאַרלאָזטן ים־ברעג. נעכטן איז אים בעסער געווען ווי הײַנט...

* * *

ער איז אַ באַזאַכטער, אַ באַטראַכטער, אַ נישט־איבערגעאײַלטער, באַרעכנטער מענטש. ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו קריגן אַ בעסערע פּאָזיציע אין אַן אַנדער פֿירמע, ווען מען האָט אים פֿאָרגעלייגט אַ שענערע דירה, ווען נאָר ער האָט געדאַרפֿט באַשליסן וועגן עפּעס וואָס איז געווען קלאָר און שכלדיק, האָט ער גענומען עס איבערטראַכטן און אַרומטראַכטן, איבערלייגן זיך און אָפּלייגן, ביז עס איז געווען צו שפּעט. אָבער ווען עס פֿאַלט אים אײַן עפּעס אַ משוגעת לויפֿט ער מיטן ערשטן אימפּולס און שפּרינגט אַרײַן מיט הענט און פֿיס און לײַב און לעבן.

ער איז אַוועק פֿון לעמבערג קיין ניו־יאָרק ווײַל ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון זײַן ברודער מיט זאָשאַן, יאָ? אין אַ מינוט פֿון משוגענער אײַנזאַמקייט אין מיאַמי האָט ער אַוועקגעשריבן אַ בריוו באָלעקן (בערנאַרד האָט אינדערהיים זיך גערופֿן באָלעק) און זאָשאַ זאָלן קומען מיט זייערע צוויי קינדער צו אים קיין אַמעריקע. ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען פֿון מיאַמי האָט ער גענומען לויפֿן פֿון אַמט צו אַמט, פֿון אַדוואָקאַט צו אַדוואָקאַט. עטלעכע צוואַנציק יאָר אין ניו־יאָרק און ס׳האָט אים נישט געאַרט וואָס ער איז דאָ אַליין, און פּלוצעם איז יעדע שעה וואַרטן, יעדע מינוט, אים געווען צו לאַנג. נישט צוגעלייגט קאָפּ צו זײַן אַרבעט, נישט צוגעלייגט אַ האַנט צו זײַנע פּאָסטמאַרקעס, נאָר איבערגעטראַכט צי זאָשאַ און באָלעק וועלן וווינען אין זײַן הויז צוזאַמען מיט אים. איז עס געווען שרעק? איז עס געווען האָפֿן? ער האָט די ספֿקות אָפּגעשטופּט פֿון זיך. שפּעטער, ווען זיי וועלן שוין דאָ זײַן וועט מען זען. עס וועט זיך שוין ווי עס איז אײַנאָרדענען.

עס האָט זיך אײַנגעאָרדנט. בערנאַרד איז געקומען נאָר מיט מאַשאַן, — זאָשאַ איז געבליבן אין לעמבערג. מילא, זאָל זײַנס איבערגיין. ער האָט דאָך געשיקט די אַרויספֿאָדערונג צוליב באָלעקן זײַן ברודער, זײַן בלוט און פֿלייש. ער האָט דאָך אַלעמאָל אַלץ מקריבֿ געווען פֿאַר באָלעקן. אָנגעהויבן האָט עס זיך אײַגנטלעך ווען באָלעק איז געבוירן געוואָרן. ער, לעאָן, איז געווען דער עלטסטער, דרײַ יאָר נאָך אים איז געקומען אַ נײַ ברודערל. „דאָס קינד״ — באָלעק האָט באַקומען דאָס בעסטע פֿון אַלעמען. באַ־

לעק האָט אַזוי לאַנג אַלץ צוגענומען ווי „ס׳קינד“, ביז ער האָט, גאָרנישט מעשׂה־קינד, צוגענומען בײַ אים זאַשאַן.

צוגענומען בײַ אים? אמת, זאַשאַ איז אין זײַן עלטער נישט באַלעקס. ס׳איז אויך אַ פֿאַקט אַז זאַשאַ איז געווען זײַן מיידל און ער האָט זי באַקענט מיט באַלעקן, אָבער ער קאָן נישט לייקענען אַז אים האָט זאַשאַ קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט, אַכיבע עס האָט געהאַט אַ בײַסיקן אונטערשלאַג: „דו ביסט אַזוי גוט, לעאָן, דו וואָלסט געקאָנט זײַן אַ גוטע מאַמע...“ זאַשאַ האָט געלאַכט ווען זי האָט עס געזאָגט און באַלעק האָט אויך געלאַכט.

עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט ער פֿײַנט געהאַט זײַן ברודער, נישט ווײַל ער האָט חתונה געהאַט מיט זאַשאַן. ער, לעאָן, וואָלט סײַ ווי נישט חתונה געהאַט מיט איר און מיט קיינעם נישט, ווײַל „ער איז אַזוי גוט אַז ער וואָלט געקאָנט זײַן אַ גוטע מאַמע.“ אַ מאַן טאָר נישט זײַן אַזוי גוט, אַ מאַן דאַרף זײַן ווי באַלעק. ער האָט געבעטן דעם טויט אויף זײַן אייגענעם ברודער ווײַל יענער האָט געלאַכט. נעמען? יאָ, נעם מײַן גאָרגל און שנײַד אים איבער אויב איך בין אַ „מאַמע“ און גיב, און גיב. אָבער נעם עס מיט אַן ערנסט פּנים ווי עס וואָלט דיר געקומען. לאַכן? דאָס נישט! נעם — ווי יענעם אָונט ווען כ׳האָב דיר געגעבן דעם גאָרגל...

האַ? האָט ער זיך נאָר אײַנגערעדט, האָט עס אים זיך געחלומט אַז בערנאַרד האָט געוויינט?

יאָ, ער האָט געוויינט, און אַוודאי געטראַכט דאַבײַ: אַ לעאָן, מאַמע לעאָן... און זאַשאַ דאַרט אין לוואָוו לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער.

איצט ערשט זעט ער אין דעם ריכטיקן ליכט יענעם אָונט ווען מאַשאַ האָט אויסגעהאַלטן די האַי־סקול עקזאַמענס. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אים געקושט און געזאָגט: „אָנקל, דו ביסט מיר דאָס טײַערסטע אין דער וועלט, דער נאָענטסטער אויף דעם גאַנצן ערדקוגל“. בערנאַרד איז געווען דאַבײַ. אים האָט ווי געטאָן פֿאַר בערנאַרדן און ער האָט איר געזאָגט: „דער נאָענטסטער אין דער וועלט איז דיר דײַן טאַטע“. מאַשאַ האָט געענטפֿערט: „ביסטו מײַן מאַמע“.

„ביסטו מײַן מאַמע“, איצט ערשט פֿאַרשטייט ער וואָס מאַשאַ האָט געמיינט. ער איז איר אַ מאַמע, ער קאָן זײַן נאָר אַ מאַמע.

בערנאַרד לאַכט, און מאַשאַ לאַכט אויך. אַ מענטש גיט אַוועק זײַן לעבן ווײַל ער אַליין ווייסט נישט וואָס צו טאָן דערמיט. אין לעבן דאַרף מען קענען נעמען, און ער קען נאָר געבן. נישט קענען נעמען איז אַ מום. ס'איז ערגער ווי זײַן לאָם, אָדער בלינד, אָדער שטום. אַז מע קען נישט נעמען ענדיקט מען אין תּפֿיסה מיט אַן אורטייל פֿון צען יאָר, ווען ער איז גאָרנישט אַזוי רײַך צו צאָלן דעם חשבון. ער האָט מער נישט קיין צען יאָר אָפּצוזיצן דעם אורטייל.

ער האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט. אַזוי הילכיק געלאַכט אַז דער שכן אין דער צעל האָט זיך ווידער איבערגעוועקט. יענער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט און באַלד ווידער געשנאָרכט. ער האָט זיך צעלאַכט ווײַל ס'איז אומגלויבלעך — נאַריש און לעכערלעך. פֿיזיש איז ער נישט קיין „מאַמע". די נעכט אַליין אין זײַן הויז זענען געווען שווער אַריבערצוטראָגן. אײַנמיטן לייענען אַ בוך, אָדער גאָר איבערגעוועקט זיך אײַנמיטן נאַכט, און דער אומרו האָט אים געיאָגט אַרויס פֿון שטוב. ער איז נאָכגעגאַנגען אַ פֿרוי און נישט געקאָנט צוזאַמענעמען געענוג קוראַזש זי צו פֿאַרטשעפּען. געשלעפּט זיך פֿון באַר צו באַר, אַזוי לאַנג געזעסן נעבן אַ מיידל ביז עמעץ אַנדערש איז אַוועק מיט איר. ער איז סוף כּל סוף געגאַנגען אין בעט אַרײַן מיט איינער וואָס איז שוין געווען אויפֿן וועג אַהיים, מיד פֿון אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט. ס'איז צו לאַכן ס'גרעסטע געלעכטער ווי איידל ער האָט זיך באַצויגן צו איר זי זאָל זיך חלילה נישט פֿילן דערנידעריקט. ער דאַרף דערציילן בערנאַרדן וועגן יענער געפֿאַרבטער גאַסן־מויד. ער האָט זי געקושט און געהאַלדזט ווי זי וואָלט געווען זײַן ערשטע, גערעדט צו איר אַזוי דעליקאַט ווי ער וואָלט געווען איר ערשטער. זי האָט געשמייכלט און געלאַכט, אַנגעזאָגט ער זאָל נישט פֿאַרגעסן איר טעלעפֿאָן־נומער און אים צוריקגעגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט איר געהאַט באַצאָלט פֿאַרויס. אָבער אינדערפֿרי, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף איז ער געווען אַליין אין בעט. זי איז פֿאַרשווונדן, זײַן בײַטעלע און זייגערל זענען פֿאַרשווונדן מיט איר. דער טעלעפֿאָן־נומער וואָס זי האָט אים געגעבן איז געווען אַ פֿאַלשער, אָבער איר געלעכטער בײַנאַכט איז נישט געווען פֿאַלש, ער אַליין לאַכט איצט פֿון זיך ס'גרעסטע געלעכטער.

וואָס ער האָט זיך פּלוצעם צעווײנט? זאָלן זיי לאַכן, אָבער זאָלן זיי עפּענען די אײַזערנע טיר ער זאָל קאָנען אַרויס און שלעפּן זיך פון גאַס צו גאַס נאָך אַ פרוי, אײַנשלאָפן מיט דער האַנט אויף אַ פרויען־ברוסט. ניין, ניין, ער וויל נישט טראַכטן וויפל הענט עס זענען שוין געלעגן אויף דער ברוסט אין דער נאַכט. ער וועט פאַרמאַכן די אויגן ער זאָל זי קאָנען זען די שענסטע אין דער וועלט. ער וועט פאַרשטאָפּן די אויערן נישט צו הערן ווי זי לאַכט פון אים, און אינדערפרי וועט ער — — — זאָל זײַן אַן זײַן בײַטעלע און אַן זײַן זייגערל — זײַן פרײַ אָנצוהייבן אַ נײַעם טאָג.

פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי צערטלעך צו יענער בלאָנדער גאַסנפרוי? ווײַל ער האָט געוואָלט זיך אָפּנאַרן אַז זי איז אַ פײַנע, אַ צאַרטע, אַן איידעלע... ער וויל זײַן פרײַ כּדי ער זאָל ווײַטער זיך קאָנען אָפּנאַרן. אפשר איז דאָס דער סוד פון גליק? גליק מיינט קענען זיך אײַנרעדן און אָפּנאַרן. טײַטשט עס אַזוי ווערבס־טערס ווערטערבוך? אויב נישט איז דער ווערבערבוך אַ ליגנער.

אָנגעהויבן האָט עס זיך ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ער איז געבוירן געוואָרן אַ שלומיאל.

III

זײַן גרעסטער ניצחון

זאַשאַ האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן איר אוקראַינע און דאָרט געבליבן מיט דער ייִנגערער טאָכטער בעלאַ. אַן זאַשאַן איז נישט געווען קיין פּראָבלעם ווו צו וואוינען, זיי זענען געקומען צו אים. בערנאַרד איז זײַן בלוט און פלייש און מאַשינקאַ האָט זיך געטוליעט צו אים מער ווי צו איר אייגענעם טאַטע, אָבער ווען די עף־בי־איי־לײַט האָבן אים אַרויסגעפירט פון שטוב האָט זי גע־שריגן צו אים: „אַנקל, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?"

ער האָט געהאַט געקערט וועלטן בערנאַרד זאָל באַקומען אַר־בעט אין דער לאַבאָראַטאָריע ווו ער אַליין האָט געאַרבעט. ער האָט צוגעגרייט מאַשאַן צו אַן עקזאַמען און זי איז אָנגענומען גע־וואָרן אין האַנטער קאָלעדזש. ער האָט געטאָן מער ווי אַ ברודער איז מחויב צו טאָן, און ווען זיי האָבן אים אָנגעטאָן צרות האָט ער

געליטן און געשוויגן. ווען ער האָט געהאַט אייגענע צרות האָט ער געליטן אַליין, געהיטן זיך זיי נישט אָנצוטאָן קיין עגמת נפש.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט אַז ער איז קראַנק האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ נאַר. ער איז אַרײַן אין אַ לאָנטשאָנעט עפּעס עסן. ער האָט באַשטעלט אַ סאַנדוויטש מיט געריכערט פליישׁ. דאָס פליישׁ איז געווען פעט, אָדער ער האָט אויסגעטראַכט אַז עס איז צו פעט, ער האָט צוריקגעשיקט דעם סאַנדוויטש און זיך פאַרענטפערט פאַר דער קעלנערקע: „כ'בין אַ קראַנקער מענטש, כ'מוז זיך אָפּהיטן". די קעלנערקע איז געווען אומגעדולדיק: „פּיעשטשעט זיך נישט פאַר מיר, כ'האָב קאָסטימערס צו באַדינען. גייט אַהיים און פּיעשטשעט זיך פאַר אײַער ווײַב."

זי איז גערעכט געווען, די ביזי קעלנערקע. ער האָט טאַקע נישט ליב קיין פעט פליישׁ, אָבער דאָס האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט זײַן קרענק. ווען אַ מענטש דערוויסט זיך פּלוצעם אַז ער איז מסוכן קראַנק דאַרף ער זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, טיילן זיך מיט אַ נאָענטן מענטש, טאַקע פּיעשטשען זיך פאַר עמעצן. „גייט אַהיים און פּיעשטשעט זיך פאַר אײַער ווײַב," האָט די קעל־נערקע זיך אָפּגעבייזערט. קיין ווײַב האָט ער נישט, אָבער אין זײַן היים זענען געווען זײַנע נאָענטסטע, זײַן לײַבלעכער ברודער און פלימעניצע. איז ער געלאָפן זיך פּיעשטשען פאַר זיי? ווען מאַשאַ האָט געזען ער נעמט אײַנשפּריצונגען, האָט ער איר אײַנ־גערעדט אַז ער האָט אַ שטיקל טענדענץ צו דיאַבעטיס.

* * *

וואָס איז בעסער, אַ קעצל אָדער אַ פלימעניצע? די הויז־וואַכטערין האָט געהאַט דרײַ טעכטער און דערצו אַ קאַץ. די קאַץ האָט זיך געקעצלט מיט פיר, איז שוין געווען אַכט. האָט די הויז־וואַכטערין שוין געקאָנט אָפּשפּאָרן איינס (אַ קעצל, נישט אַ טאָכטער) פאַר אַ שכן וואָס איז עלנט, אַליין. אין אָנהויב האָט ער הנאה געהאַט עס צו גלעטן און שפּײַזן, אָבער דאָס קעצל האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן און אָנשמוצן אין אַלע שטובן. עס האָט גע־שלעפּט זײַנע זאַכן און צעוואָרפן זײַנע מאַרקעס, עס האָט אים צע־גראַטשעט אויך. דאָס קעצל האָט ער צוריקגעגעבן דעם הויז־וואַכ־טערין, וועמען גיט מען צוריק אַ פלימעניצע? די צעטראָגענע מויד וואָלט אַוועק אין קאָלעדזש אָן אַ ביסן אויב ער וואָלט איר

נישט צוגעגרייט אָנבײַסן. זי וואָלט נישט אויסגעהאַלטן קיין איין עקזאַמען אויב ער וואָלט נישט כּסדר צונויפֿגעקליבן אירע ביכער און געהאָלפֿן אָרגאַניזירן אירע נאָטיצן. סײַ זי, סײַ איר טאַטע האָבן געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיך אויף אַמעריקע, ווי זיי וואָלטן דאָ דערלייגט דער באָבעס ירושה. מאַשאַ איז דאָך אַ האַלבע אוקראַיִנערין, אפֿשר בענקט זי נאָך איר מאַמע און נאָך איר מאַמעס אוקראַיִנע?

„וואָס דאַרף איך אַ באַי־פֿרענד, אַנקל איז מײַן באַי־פֿרענד," האָט זי געענטפֿערט ווען בערנאַרד האָט זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי פֿאַרבעט נישט אַ מאָל אַ חבר פֿון קאָלעדזש. ער האָט זי דען געהאַלטן בײַם וואָרט? ער וואָלט צופֿרידן געווען אויב זי וואָלט נישט אַראָפּגעוואָרפֿן אירע שיך אויפֿן וועג פֿון דער טיר צו איר צימער. ער וואָלט זיך באַגנוגנט אויב זי וואָלט צוזאַמענגעקליבן אירע זאַקן און נישט איבערגעלאָזט איר אונטערוועש אין באָד־צימער. אויב זי וואָלט נישט אַרומגעלאָפֿן איבערן הויז אָן אַ סטענדל, איר בוזעם זאָל זיך נישט וואַרפֿן הינטער איר מאַרגנראָק. זי לויפֿט אַרום אַפֿילו אָן דעם ראָק און די ברוסט־וואַרצלען שטײַפֿן זיך און ברוינען זיך דורך דעם דינעם נאַכטהעמד, טאַקע ווי ער וואָלט געוועזן — — —

אַ יונגערמאַן האָט זיך פּלוצעם באַוויזן. מכּלומרשט איז דער יונגערמאַן געקומען זי נעמען אין אַ קינאָ, אין טעאַטער. מע קען זיי די אַמעריקאַנער באַיעס. ער איז געווען לאַנג אין אַמעריקע ער זאָל וויסן. ער האָט אָנגעזאָגט מאַשאַן זי זאָל זיך היטן, דער בחור איז אויסן נאָר זי אויסצונוצן.

* * *

עס איז געשען דעם אָוונט ווען מאַשאַ איז אַהיימגעקומען מיט דער בשׂורה אַז טעד, אַזוי הייסט איר בחור, וויל מיט איר חתונה האָבן.

„וואָס איז אײַנגעטראָטן אַזאַ טויטע שטילקייט?" האָט מאַשאַ זיך געוווּנדערט, „וואָס האָט איר קעגן טעדן?"

ער האָט זיך געשעמט וואָס ער האָט זיך צו נאַר געמאַכט מיט זײַנע וואָרענונגען. ער האָט זיך צעקושט מיט מאַשאַן און האָט איר געווונטשן גליק. בערנאַרד האָט מיט צוויי פֿינגער געעפֿנט

אַ שפּאַרע צווישן צוויי ליַיסטלעך אין די ווענעציאַנער רולעטן אי־בערן פֿענצטער און אַרויסגעקוקט.

„פּאַפּאַ, וואָס זעסטו דרויסן, אַ בעסערן שידוך?״ האָט מאַשאַ ביַיז געפֿרעגט.

בערנאַרד האָט אַפּגעלאָזט די רולעטן. „זאָל זיַין מיט גליק, מאַשינקאַ, הלוואי עס זאָל זיַין מיט גליק. זיַי מוחל מאַשאַ, כ׳דאַרף עפּעס רעדן מיטן אַנקל.״

„זעץ זיך ליאָווא און שטאַרק זיך. כ׳ווייס נישט וואָס מאַשאַ וועט זאָגן, וואָס טעד וועט זאָגן, ווען ער וועט זיך דערוויסן. מען שפּירט מיר נאָך. שוין עטלעכע טעג ווי כ׳האָב אַ שאָטן, כ׳האָב מורא ס׳איז די עף בי איַי.״

„בערנאַרד, דאָ איז נישט רוסלאַנד. אז מ׳האָט אַ ריין גע־וויסן — — —״

„כ׳האָב נישט קיין ריין געוויסן.״

„ביסט פֿון זינען אַראָפּ?״

„זאָשאַ האָט זיך מיישבֿ געווען און וויל יאָ קומען קיין אַמע־ריקע און בעלאַ האָט אויך געוואָלט קומען, אָבער די רוסן האָבן גאָר געסטראַשעט אַז זיי וועלן אַרעסטירן זאָשאַן און בעלאַן אויב — — זיי האָבן פֿאַרלאַנגט נאָר אַ קלייניקייט, די רעצעפּט פֿון אַ שמירעכץ קעגן מיקן.״

„דעם ׳מאָסקיטאָ ריפּעלענט׳ וואָס מיר מאַכן פֿאַר דעם פּענ־טאַגאָן? מע קאָן עס דאָך קויפֿן אין יעדער אַפּטייק. יעדע לאַ־באָראַטאָריע קען פֿעסטשטעלן פֿון וואָס עס איז צוזאַמענגעשטעלט.״

„אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט״, האָט בערנאַרד מודה גע־ווען, „זיי האָבן פֿאַרלאַנגט איך זאָל עס איבערגעבן צו איינעם אין אַלבאַני. יענער האָט זיך אָנגעשטשעפּעט אַז ער מוז מיר צוריקצאָלן די הוצאות. ער האָט מיר באַצאָלט פֿאַר דעם באַן־בילעט און מיר אונטערגערוקט אַ קוויטאַנציע, איך האָב אונטער־געשריבן.״

„און מיט דעם ווילן זיי דיך שאַנטאַזשירן?״

„מיט דעם שאַנטאַזשירן זיי מיך.״

„גיי דו צו דער עף בי איַי.״

„ס׳איז צו שפּעט, ס׳איז שוין באַלד פֿינף יאָר.״

„די גאַנצע ציַיט וואָס ביסט אין אַמעריקע אַרבעטסטו פֿאַר זיי? האָסט מיך אומגליקלעך געמאַכט, האָסט מיך — — — וואָס

וועט העלפֿן מײַן שרײַען און וואָס קאָן העלפֿן דײַן קרעכצן! מע דאַרף אָפּרוימען יעדן צײַכן, פֿאַרברענען אַלע פּאַפּירן.״

„כ׳האָב נישט קיין שום פּאַפּירן. כ׳האָב אין מײַן בריוטאַש דעם פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט וואָס זיי האָבן מיר געגעבן.״

„פֿאַרבריען עס.״

„ווו? אויף דער פֿאַרע פֿון דער צענטראַל־באַהייצונג? אויף דער עלעקטרישער קיך?״

„זיך נישט ווי אַן עופֿהלע אויף דער באַמאַכטער ווינדל. טו עפּעס. צעניעם עס אויף שטיקלעך, שווענק עס אַראָפּ אין אָפּטריט, וואַרף עס אַרײַן אין דעם מיסט־אויוון, טו עפּעס!״

„אין אינטינערעיטאָר? דאָס איז מיר נישט אײַנגעפֿאַלן.״

„ברענג עס אַרײַן דאָ, מאַשאַ זאָל נישט זען. איך וועל עס אַרויסטראָגן, מיר שפּירט מען נישט נאָך.״

בערנאַרד האָט צענומען דעם אַפּאַראַט אויף באַזונדערע טיילן, ער האָט עס אַרײַנגעלייגט אין אַ בײַטל מיט מיסט. מאַשאַ האָט געהאַט געעפֿנט אַ בלעכל מיט קאָנצענטרירטע שוואָמען־זופּ, האָט ער עס אַרײַנגעגאָסן אין בײַטל אַלץ זאָל זײַן פֿאַרשמירט און קלעפּיק, עס זאָל עקלען עס אָנצורירן. בערנאַרד האָט צוגעלייגט אַן אויג צום קוק־שײַבל. קיינעם נישט געזען האָט ער אויפֿגעשלאָסן די טיר און אים אַרויסגעלאָזט. שוין געעפֿנט דאָס טירל פֿון דעם מיסט־אויוון האָט אים עמעץ אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט. „דער אינסינערעיטאָר איז צעבראָכן, איך וועל עס נעמען.״

„וואָס עפּעס?״

„איך וועל עס אַראָפּטראָגן צו די מיסט־קאַנען.״

„איר זענט נישט דער סופּעראינטענדענט,״ האָט ער זיך געוואָרט. נאָס פֿון דער זופּ איז דער פּאַפּירענער בײַטל זיך צעפֿאַלן, דאָס מיסט און די טיילן פֿון פֿאָטאָ־אַפּאַראַט זענען געבליבן ליגן צעשפּרייט איבער דער פּאָדלאָגע.

„שוואָמען מיט אַ פֿאָטאָ־גלאָז? איז דאָס אַ רוסישער רעצעפּט פֿאַר אַ זופּ?״ האָט דער מאַן געוואָלט וויסן.

„מאַכט נישט קיין טומל, די שכנים שלאָפֿן שוין, קומט אַרײַן אין שטוב.״

„ווער זענט איר?״ האָט ער געפֿרעגט דעם מאַן ווען זיי זענען אַרײַן אין שטוב, „און וואָס גייט אײַך אָן מײַן זופּ אָדער מײַן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט? אַמעריקע איז אַ פֿרײַ לאַנד, איך מעג עסן גלאָז אויב איך קאָן עס פֿאַרדייען.״

דער מאַן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן שפּאָטיש און אַוועק צום טעלעפֿאָן. באַלד זענען געקומען נאָך עטלעכע מענער, זיי האָבן זיך אידענטיפֿיצירט: „עף בי איי", זיי האָבן געהאַט אַ פֿאַראָרדע־נונג צו אַרעסטירן בערנאַרד סאַבאַלאָוויטש און צו מאַכן אַ רע־וויזיע אין זײַן הויז.

„אַ רעוויזיע קאָנט איר מאַכן, די דירה געהערט צו אונדז ביידן. אָבער מײַן נאָמען איז ליאָן סאַבאַלאָוויטש."

די „עף בי איי"-לײַט זענען צעטומלט געוואָרן און ווידער גע־לאָפֿן צום טעלעפֿאָן. נאָך אַ מאַן איז געקומען, ער האָט געבראַכט פֿאָטאָגראַפֿיעס וואָס האָבן געוויזן ווי בערנאַרד גיט עמעצן אַ גרויסן קאָנווערט.

„וועמענס איז דער אַפּאַראַט?" האָט דער מאַן מיט די פֿאָטאָ־גראַפֿיעס געפֿרעגט.

„מײַן," האָט ליאָן געענטפֿערט פֿון דער העלער הויט און, אומגע־ריכט פֿאַר זיך אַליין, צוגעגעבן: „איך האָב אים געשיקט אין די שליחותן. ער'ט נישט אָנגעהויבן וויסן וואָס ער טוט."

„וואָס איז ער עפּעס אַלעמאָל געווען דער שליח? איז דער „עף בי איי"-מאַן געווען סקעפּטיש.

„איך בין נישט בײַם בעסטן געזונט. דערלויבט מיר נאָך אַ סורפּריז פֿאַר מײַן ברודער. איר האָט פֿאַר אים אויפֿגעדעקט אַז אַלץ איז נישט כּשר מיט די שליחותן וואָס איך האָב אים געשיקט, איך מוז איצט פֿאַר אים אויפֿדעקן נאָך אַ סוד: די אײַנשפּריצן וואָס איך נעם יעדן טאָג זענען נישט אינסולין. ס'איז לוקעמיע. כ'האָב סך הכּל נאָר איין יאָר צו לעבן און אפֿשר דאָס אויך נישט."

„אָ, אָנקל, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן פּאַפּאַן? ווי האָסטו געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך?" האָט מאַשאַ אים געזידלט ווען מען האָט אים און בערנאַרדן אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב. בערנאַרד האָט נאָך אַלץ נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. די „עף בי איי"-לײַט האָבן מיטגענומען אַלע זײַנע מאַרקעס. וואָס האָבן זיי צו זײַנע פּאָסטמאַרקעס? אויב זיי וועלן רויִנירן זײַנע אַלבומען וועט ער זיי אָנקלאָגן אין געריכט, די וועלט איז נישט הפֿקר.

מען האָט אים מיט בערנאַרדן געהאַלטן איבערנאַכט אין איין צימער. בערנאַרד האָט אים איבערגעגעבן וועגן אַלע דאָקומענטן און אַלע צוזאַמענטרעפֿן מיט סאָוועטישע אַגענטן. ער האָט פֿאַרזי־

כערט בערנאַרדן אַז ווענן דער לוקעמיע איז צום באַדויערן אמת. קיינער וועט נישט פֿאַרמישפּטן אַ מענטש וואָס איז שוין אַזוי גוט ווי טויט. אויב זייער שעפּטש איז נישט אויפֿגעכאַפּט געוואָרן פֿון אַ שטאַרקן עלעקטראָנישן אונטערהער־אַפּאַראַט קען עס אַמאָל געלינגען.

ער, דער שעמעוודיקער, שטאַמלענדיקער ליאָוואַ האָט איבער־געקליגלט די כיטרע לײַט פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנטער־שפּיאָ־נאַזש. אַזאַ מוט, אַזאַ שלאָגפֿאַרטיקייט מיט די קריטיקע ווערטער, אַזאַ קלאָרקייט פֿון שכל. זאַשאַ האָט באַדאַרפֿט דאָ זײַן און זען ווער עס איז דער מאַן, ער צי באַלעק. דער האָן מעג האָבן דעם הילכיקסטן קרײַ און דעם רויטסטן קאַם, אויב ער קאָן נישט באַ־שיצן די קורטשיקלעך פֿון דעם הונט איז ער ווייניקער ווי אַ הון! זאַשאַ וואָלט באַדאַרפֿט זען ווי דער גרויסער צעלייגער באַלעק האָט זיך באַמאַכט אין די הויזן ווען ער האָט דערזען דעם „עף בי איַי״־אַגענט. זאַשאַ האָט באַדאַרפֿט זען אַז עס איז גאָר געווען „מאַמע־לעאָן״ וואָס האָט פֿאַררעדט די ציין און פֿאַרדרייט די קעפּ סײַ דער עף בי אײַ, סײַ דער סי אײַ איי, די גרעסטע קנאַקערס פֿון אַמעריקאַנער קאָנטער־שפּיאָנאַזש. אין אַ געראַנגל צווישן אים און אַמעריקעס שטאַרקסטער אַגענטור האָט ער געוווּנען די אויבערהאַנט, איז ער געווען דער האַר פֿון דער סיטואַציע.

די קרענק האָט געהאַט בײַ אים פֿאַרצערט דאָס לעצטע ביסל ענערגיע, ער האָט פּאַסיוו געוואַרט אויף דעם וואָס מוז קומען. דווקא דאָס אומגליק מיט דעם אַרעסט האָט אים אויפֿגעוועקט ווי פֿון אַ שלאָף. דער קאָפּ אַרבעט פֿיבערדיק, ער פֿילט ווי אַלץ אין אים שפּאַנט זיך אָן צו דעם קאַמף פֿון זײַן לעבן. זיי האָבן באַפֿרײַט בערנאַרדן, און דאָס איז נאָר אַ טייל פֿון זײַן ניצחון. עס איז מער נישטאָ פֿאַראַן קיין געפֿאַר אַז טעד וועט איבעררײַסן מיט מאַשאַן. אַן אָנקל אַ שפּיאָן איז טאַקע נישט קיין כבוד, אָבער עס איז ווײַט נישט אַזאַ חרפּה ווי אַ טאַטע אַ שפּיאָן. בערנאַרד וועט אַפֿילו נישט פֿאַרלירן זײַן אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע. וואָס כ׳האָב אָפּגע־טאָן צו דײַן טאַטן, מאַשאַ? איך האָב אים געראַטעוועט!

און אויב די רוסן וועלן ווײַטער שאַנטאַזשירן בערנאַרדן? זיי האָבן דאָך זײַן קוויטירונג. ער האָט מקריבֿ געווען זײַן פֿרײַהייט, אָבער וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן דערפֿון אַרויסקומען אויב זיי וועלן ווײַטער צווינגען בערנאַרדן צו שפּיאָנירן?

די „עף בי איי״ האַלט אוודאי אָן אויג אויף בערנאַרדן. עס איז דאָך זיכער פאַראַן אַזאַ געפאַר אַז די „עף בי איי״ וועט אים נאָכשפּיאָנירן, וועלן די רוסן נישט ריזיקירן צו האָבן מיט בער־נאַרדן וועלכן עס איז קאָנטאַקט. נייך, ער וועט זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ מיט געפאַרן וואָס עקזיסטירן נישט און זענען גאָר־נישט מעגלעך. בערנאַרד איז איצט אינגאַנצן ריינגעוואַשן און וועט קאָנען אַריבערברענגען זאַשאַן. גוט, זאָל זי קומען און זען. ווי רופט מען אויס אין דעם פּאָפּולערן טעלעוויזיע־פּראָגראַם: זאָל דער אמתער לעאָן סאַבאַלאַוויטש זיך אויפשטעלן. ווען דער אמתער, דער ריכטיקער לעאָן סאַבאַלאַוויטש וועט זיך אויפשטעלן וועט זאַ־שאַ מער נישט זען אין אים אַ מאַמע־לעאָן, זי וועט זען אַ ריז!

לעאָן, לעאָן, מען האָט דיך אַזויפיל געשמיסן און דו האָסט גאָרנישט געלערנט דערפון. זאַשאַ וועט זען? זאַשאַ וועט וויסן? דאָס פיינע ברודערל באַלעק וועט אָנשטעלן זיין אומשולדיק פּנים און זאַשאַ וועט פונקט ווי מאַשאַ שרייען: ליאָווע, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן צו דיין ברודער?!

„בעלאָוני,״ זאָגט מען אין אַמעריקע. נאַרישקייטן, אומזין! ער האָט געהאַט אַ גרויסן זיג. פאַרוואָס פאַרגינט ער זיך נישט הנאה צו האָבן דערפון?

IV

ער לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער

זיין דאָקטאָר האָט עדות געזאָגט אַז ער האָט טאַקע לוקעמיע. אויף דער פראַגע פון פּאַרטיידיקער וויפל עס איז אים נאָך גע־בליבן צו לעבן, האָט דער דאָקטער געענטפערט: „אַ יאָר און אפשר דאָס אויך נישט.״ דאָס איז געווען דער איינציקער גוטער מאָמענט אויף דעם גאַנצן פּראָצעס. עס איז אמת אַז אַמעריקע האָט אים אויפגענומען גאַסטפריינטלעך און אַדאָפּטירט אַלס אַן אייגענעם זון, אָבער ס'איז נישט ריכטיק אַז ער איז פאַלש, ליג־נעריש און פאַררעטעריש. ער האָט ליב אַמעריקע, ער איז שטאָלץ אויף זיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. וואָס האָט ער דען אוועק־געגעבן? אַ רעצעפּט צו באַשיצן מענטשן פון מיקן, אַ רעצעפּט צו באַשיצן פון עפּידעמיעס, נאָר מעדיצינען.

„מיליטערישע מעדיצינען. סודות!"

„אויב זיי וואָלטן געפֿאָדערט סודות וועגן אַמעריקעס זיכער־קייט וואָלט ער גיכער געשטאָרבן און נישט געגעבן. אַפֿילו דעם ערשטן רעצעפּט, דעם מאָסקיטאָ־ריפּעלענט האָט ער געגעבן אונטער שאַנטאַזש."

דאָ איז ער אַרײַן אין אַ נעץ. ביז צום פּראָצעס איז ער געווען אָפּגעהיט צו רעדן ווייניק. וואָס האָט ער זיך פּלוצעם צעפּלאַפּלט און פֿאַרפּלאָנטערט? ער קאָן דאָך נישט זאָגן אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער שאַנטאַזש. זיי האָבן געדראָאַט צו אַרעסטירן בערנאַרדס ווײַב און טאָכטער, טאָ ווי קומט עס אַז ער איז געוואָרן אַ שפּיאָן און בערנאַרד איז אומשולדיק?

נאָך אײדער מען האָט אים געשטעלט די פֿראַגע האָט ער צוגעטראַכט דעם תּירוץ. דאָס איז געשען ווען בערנאַרד איז נאָך געווען אין רוסלאַנד. זיי האָבן געדראָאַט צו אַרעסטירן בערנאַרדן, מיט דעם רעצעפּט פֿון אַ נאַרישער שמירעכץ קעגן מאָסקיטאָס האָט ער אויסגעלייזט זײַן אײנציקן ברודער און אים געבראַכט קיין אַמעריקע. ער האָט ליב אַמעריקע טאַקע ווײַל אַמעריקע שאַנטאַזשירט נישט אירע בירגער.

דער תּירוץ האָט אים נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערט. ער האָט באַדאַרפֿט געדענקען אַז דער מאָסקיטאָ־ריפּעלענט איז געשאַפֿן געוואָרן שוין נאָך דעם ווי בערנאַרד האָט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. „הערט אויף צו פֿאַרטיידיקן אײַער פּאַטריאָטיזם און שווײַגט," האָט זײַן פֿאַרטיידיקער אים אָנגעזאָגט. ער האָט געשוויגן און זיך געקרעקט מיט די ביטערע רייד פֿון פּראָקוראָר. ער איז אַ געמיין, קליינלעך, כיטרע פֿאַררעטערל. ער האָט נאָך אַפֿילו איצט נישט קיין חרטה. ער האָט נישט אויסגעגעבן קיין אײנעם פֿון זײַנע קאָנטאַקטן. מיט זײַן שווײַגן דינט ער נאָך איצט דעם שונא. אויב ער וועט באַפֿרײַט ווערן, וועט ער גלײַך ווידער זיך פֿאַרבינדן מיט זײַנע אָפּגעהיטענע קאָנטאַקטן און ווײַטער פֿאַרראַטן זײַן לאַנד.

* * *

דאָס טײַערע ברודערל זײַנס האָט אין יענער נאַכט אים איבערגעגעבן פּרטים, אָבער נאָר די פּרטים וואָס האָבן געדינט צו באַשיצן בערנאַרדס פֿעל. פֿאַרוואָס טאַקע האָט בערנאַרד אַזוי אָפּגעהיטן די רוסנס סודות? ער אַליין האָט טאַקע אײַנגערעדט בער־

נאָרדן אַז מע וועט נישט אײַנזעצן אין תּפֿיסה אַ לוקעמיע־קראַנקן וואָס איז שוין פֿון גורל פֿאַרמישפּט צו דער מאַקסימאַלער שטראָף. תּפֿיסה איז דען דאָס ערגסטע? און אַז ער וועט נאָר געסטעמפּלט ווערן ווי אַ פֿאַררעטער? אפֿשר האָט שוין בערנאַרד פֿאַרגעסן ווער עס איז דער פֿאַררעטער און ווער עס האָט העראָיִש זיך מקריבֿ געווען פֿאַר זײַן ברודער?

וואָס וועט ער טאָן ווען ער וועט אַרויס פֿון תּפֿיסה? ער איז געוואָרן „באַרימט". אַלע צײַטונגען האָבן אַוודאי געדרוקט דאָס בילד פֿו דעם שפּיאָן, אַלע קענען דאָס פּרצוף פֿון דעם דעגענע־ראַט. ער וועט אַפֿילו ניט קאָנען אַרײַנגיין אין אַ באַר, די באַר־טענדערס האָבן שאַרפֿע אויגן. ער וועט כאַפּן אַ ביליק מיידל אין גאַס, גיין מיט איר אין אַ ביליקן האָטעל. זי וועט איבערציילן זײַן געלט און נעמען זיך אויסטאָן, אָבער פּלוצעם וועט זי אים דער־קענען. זי וועט אַ שפּײַ טאָן און אַרויסלויפֿן. ווען ער וועט אַרויס אויף דער פֿרײַ און לייענען וואָס די צײַטונגען שרײַבן וועגן אים, וועט ער אַליין אָנהייבן גלייבן אין דעם וואָס זיי שרײַבן און וועט זיך אַליין אָנשפּײַען אַ פֿול פּנים.

צען יאָר תּפֿיסה. ער לאָכט פֿון זייער גערעכטיקייט, ער לאָכט פֿון זייער אורטייל. האָבן זיי אַ מין ווונדער־מעדיצין וואָס קאָן אים דערהאַלטן צען יאָר? עס איז אים שוין ווייניק געבליבן צו לעבן, אָבער ער וועט אַוועק פֿון דער וועלט אַ שטאָלצער. במשך זײַן גאַנץ לעבן האָט ער זיך געשלעפּט אויף אַ זײַטיקן שליאַך, אָבער בײַם סוף פֿון זײַנע טעג איז ער געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט אַ מאַכטיקן קעגנער, און ער, דער טויט־קראַנקער לעאָן, איז אַרויס דער זיגער.

V

ווי לאַנג איז אַ לעבנלאַנג?

„ווי לאַנג איז אַ לעבנלאַנג? איינער האָט צו לעבן הונדערט יאָר, דער אַנדערער נאָר איין יאָר. דער וואָס האָט נאָר איין יאָר איז דאָס זײַן „לעבנלאַנג" און דאָס איינע יאָר איז פּונקט אַזוי חשובֿ ווי דעם אַנדערנס הונדערט, — ס'איז זײַן גאַנץ לעבן. דאָס

איז נישט קיין פֿילאָזאָפֿיע, בערנאַרד, ס'איז אַ לעבנס־חכמה. איך וויל נאָך אין מײַן לעבנסדויער שפּאַצירן אין צענטראַל־פּאַרק, באָדן זיך אין ים אין בראַיטן און — — אַפֿילו נישט קאָנען קוקן אויף אַ פֿרוי? כ'בין נאָך דערווײַל נישט געשטאָרבן. איך האָב נאָך מינדעסטנס נײַן חדשים. נײַן חדשים איז צוויי הונדערט און פֿיר און פֿערציק טעג, זעקס טויזנט פֿינף הונדערט און זעקס און זיבעציק שעה, דרײַ הונדערט פֿיר און נײַנציק טויזנט פֿינף הונדערט און זעכציק מינוטן. זאָל איך דיר אויך אויסרעכענען די סעקונדעס? איך וויל לעבן און אויסלעבן יעדע מינוט, יעטוועדע רגע. כ'ווייס, איך האָב אַליין גענומען אויף זיך דאָס פּעקל, איצטער איז דײַן ריי צו זוכן עצות. דו מוזסט געפֿינען אַן אויסוועג, אַנישט וועל איך אַליין מוזן עפּעס טאָן.

„צי איך סטראַשע דיך? דערווײַל טראַכט איך נאָר אויפֿן קול. כ'קאָן דאָ נישט בלײַבן, דאָס איז זיכער. כ'ווייס נאָך נישט וואָס כ'וועל טאָן, אָבער אויב כ'וועל מוזן וועל איך עפּעס טאָן. איך קאָן דאָ נישט זיצן אַפֿילו ביז דער אַפּעלאַציע.

„צוואַנציק טויזנט קויציע פֿאַרלאַנגען זיי? וואָס האָבן זיי פּלוצעם געהעכערט צו צוואַנציק טויזנט? כ'האָב גאָרנישט געוווּסט אַז איך בין ווערט אַזויפֿיל. זעסטו שוין? מע קאָן עפּעס טאָן. גיי צו הילף־אָרגאַניזאַציעס פֿאַר אַרעסטאַנטן, באַגנבֿע אַ באַנק. דו האָסט געזאָגט זיי האָבן צוריקגעגעבן מײַנע פּאָסטמאַרקעס, פֿאַרזעץ זיי, פֿאַרקויף זיי. עטלעכע און צוואַנציק יאָר מי. פֿאַרקויף עס פֿאַר אַ טאָג אויף דער פֿרײַ. דו דרויסן האָסט אַ סך וועגן, איך דאָ קאָן האָבן נאָר איין וועג.”

VI

אויף דער פֿרײַ

ניין, ער איז נישט משוגע געוואָרן. אפֿשר איז עס אמת אַז דאָס ייִנגל וואָס אין דער דירה איבער זיי האָט אַלעמאָל געשפּילט באַלעם אין הויז. אַמאָל האָט עס אים נישט געאַרט, איצט — יעדער קלאַפּ, ווי דער באַלעם וואָלט געפֿאַלן אין זײַן קאָפּ אַרײַן. און וואָס האָט ער אַזוי געזינדיקט אַז ער האָט געבעטן בערנאַרדן קויפֿן פֿאַר אים אַ פּאָר סעקס־זשורנאַלן? נעבן טײַמס־סקווער זע־

נען פאַראַן צענדליקער געשעפטן וואָס האַנדלען מיט דער סחורה און קיינער שטערט זיי נישט. פאַרוואָס ער גייט נישט אַליין? ווייל ער האָט געגומען אויף זיך בערנאַרדס זינד און מ׳קוקט אים נאָך אין די גאַסן. אויב ער וואָלט נישט געגומען אויף זיך דאָס פעקל, וואָלט דער „צדיק״ בערנאַרד זיך נישט באַדאַרפט דערני־דעריקן צו גיין איינקויפן פאָרנאָגראַפישע ליטעראַטור. ניין, מאַשאַ וועט נישט זען די סחורה. ערשטנס איז ער דער וואָס רוימט אַוועק וואָס אַלע לאָזן איבער צעשפרייט איבערן גאַנצן הויז. זיינע זאַכן דאַרף קיינער נישט צונויפקלייבן. צווייטנס, פלעגט די צנועה, מאַשאַ, אַליין אַרומלויפן איבערן הויז אין אַ מעמד אַז ער האָט נישט באַדאַרפט אָנקומען צו זשורנאַלן. אפשר וועט ער גאָר פאַר־לאַנגען בערנאַרד זאָל אים ברענגען אַ מיידל אין שטוב אַריין. בערנאַרד וועט זיך שעמען פאַר די שכנים? און אַז די שכנים מיי־נען אַז ער, לעאָן איז דער שפּיאָן? ער האָט אויך שטאָלץ און בושה און מאָראַל, מער פאַר בערנאַרדן מיט מאַשאַן צוזאַמענגע־נומען.

„די אַלע וואָכן זיינט ביסט אַהיימגעקומען זענען איין לאַנגער קאַשמאַר.״

„און די פאַר חדשים וואָס איך ליינד פאַר דיינע זינד זענען איין לאַנגער פּיקניק,״ האָט ער געענטפערט בערנאַרדן.

* * *

אַלע האָבן אים פאַרזיכערט אַז די אַמעריקאַנער יוסטיץ קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע, אָבער בנוגע אים איז זי געלאָפן ווי אַ געיעג־פערדל. עס איז נאָך נישט פאַרביי קיין גאַנץ יאָר זינט דעם ערשטן אַרעסט און דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט שוין באַשטימט דעם טאָג פאַר אַ נייעם מישפּט. ער האָט זיך ווידער געגומען איינרעדן אַז זיי וועלן נישט פאַרמישפּטן אַ מענטש וואָס האָלט ביים שטאַרבן. זיי וועלן נישט? זיי האָבן איינמאָל פאַרמישפּט און וועלן ווידער פאַרמישפּטן. זיי מיינען דאָך אַז ער איז נאָך אַלץ געטריי די רוסן. ער איז חסר דעה צי וואָס? וואָס האָט ער געשוויגן ביז איצט?

ער האָט געהאָפט אַז דאָס מזל וועט אים צודינען און ער וועט אויסציען די פיס נאָך איידער עס וועט קומען צו אַ נייעם מישפּט. ניין, ער איז נישט מזלדיק און — — אפשר איז עס גאָר בער־נאַרדס שלעכטער מזל. זאָל נאָר בערנאַרד אַהיימקומען פון דער

אַרבעט. ער וועט מוזן אויסזאָגן אַלץ וועגן זײַנע קאָנטאַקטן, אויב ער וויל אויסמײַדן צרות.

בערנאַרד האָט זײַנע קאָנטאַקטן געטראָפֿן אין גאַס. אַלעמאָל אַן אַנדער מענטש, אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט. ער האָט דער־קענט דעם קאָנטאַקט דורך אַ פֿרײַער אָפּגערעדטן סימן. ער האָט שוין נישט געהערט פֿון זיי זינט מ׳האָט אים אָנגעהויבן נאָכשפּירן. ער האָט פֿאַרלוירן יעדן פֿאַרבינד מיט זיי, אַכיבע — — — דער ערשטער, דער וואָס האָט אים געסטראַשעט און שאַנטאַזשירט און געצווּונגען צו ברענגען דעם רעצעפּט פֿון דעם מאָסקיטאָ־ריפּע־לענט, דער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פֿון דעם אוקראַיִנישן קאָנסולאַר־באַאַמטן מאָדרינין. ער איז געגאַנגען אַהין וועגן אַ וויזע פֿאַר זאַשאַן און בעלאַן.

„מאָדרינין? וואָס איז זײַן ערשטער נאָמען? וואָס איז זײַן אַמט?"

„אַ באַאַמטער אין קאָנסולאַט. דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס. דאָס איז געווען אַרום דרײַ חדשים נאָך מײַן אָנקומען קיין ניו־יאָרק."

לעאָן האָט פּרובירט זיך פֿאַרבינדן מיטן פּראָקוראָר. דאָס ביוראָ איז שוין געווען געשלאָסן, האָט ער געקלונגען צו דער פּאָ־ליציי און געבעטן אים פֿאַרבינדן מיט דער עף בי אײַ. יענע האָבן זיך כּלל נישט געאײַלט. זיי וועלן אים צוריקרופֿן מאָרגן פֿרי.

דער „מאָרגן פֿרי" איז בײַ זיי געווען איינס נאָך מיטיק. זיי האָבן באַשטימט פֿאַר אים אַ צונויפֿמענטרעף מיטן פּראָקוראָר ערשט אויף פֿיר אַ זייגער. אויב אַמעריקע איז אין אַזאַ סכּנה צוליב די פֿאַר רעצעפּטן וואָס די רוסן האָבן באַקומען, פֿאַרוואָס אײַלן זיי זיך נישט אויסצוהערן זײַן ווידוי?

ער איז נישט קיין פֿאַררעטער, ער האָט ליב אַמעריקע. ער האָט נישט אויסגעזאָגט וועגן זײַנע קאָנטאַקטן ווײַל ער האָט נישט געדענקט. אַז ער האָט זיך דערמאָנט איז ער גלײַך געקומען צו לויפֿן. ס׳איז דאָבריגען פֿון קאָנסולאַט.

דער מאַן פֿון סי אײַ עי וואָס האָט אים אויסגעפֿרעגט, האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שפּאָטישן בליק און אויסגעדרייט זיך

צום פּראָקוראָר: „דער פּאַטריאָט וואָס האָט אַזוי ליב אַמעריקע האָט פֿאַרגעסן וועגן זײַן קאָנטאַקט אַזוי לאַנג ווי יענער איז געווען אין אַמעריקע. מאָדריגין איז צוריקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד מיט צוויי וואָכן צוריק און סאָבאָלאָוויטשעס זיכּרון האָט באַקוועם אויפֿגעוואַכט.״

ס׳האָט אײַנגעטראָטן אַ לאַנג שטילשווײַגן. דער סי אײַ עי־מאַן האָט זיך פּלוצעם אויסגעדרייט צו אים: „פֿון וואַנען ווייסטו אַז דו מעגסט שוין רעדן וועגן דאָבריגינען, דו שטייסט מיט זיי אין קאָנטאַקט?״

דאָס מיינט אַז בערנאַרד שטייט מיט זיי אין פֿאַרבינדונג. בערנאַרד האָט פֿאַרראָטן אַמעריקע און פֿאַרראָט נאָך אַלץ זײַן ברודער וואָס האָט געשטרעקט דעם האַלדז פֿאַר אים. ער וואָלט איצט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, אָבער ווער וועט אים גלייבן? בערנאַרד מוז אַליין גיין זיך מודה זײַן. ער וועט מוזן גיין, אַנישט וועט ער אים דערשטיקן.

* * *

בערנאַרד איז געזעסן אין אַ טיפֿן שטול, ער האָט אויסגעהערט און נישט געענטפֿערט אַ וואָרט. ער האָט שווער זיך אויפֿגעהויבן און אַן אַ וואָרט זיך געלאָזט צו דער טיר.

„וווּהין גייסטו?״

„צום פּראָקוראָר.״

„צום פּראָקוראָר?״

„צום פּראָקוראָר זיך מודה זײַן.״

„וואָס איז ס׳געלויף? דאַרפֿסט אַפֿילו נישט איבעררעדן עס מיט מיר? כ׳בין דײַן עלטערער ברודער.״

„וואָס איז דאָ פֿאַראַן איבערצורעדן?״

„כ׳האָב זיך מקריבֿ געווען פֿאַר דיר.״

„וואָס האָט עס געהאָלפֿן? דו ביסט גערעכט, מע דאַרף מאַכן אַ סוף צו דעם קאַשמאַר.״

„אָבער וואָס איז ס׳געאײַל?״

„דו ווילסט דאָך — — —״

„איך ווייס דען וואָס איך וויל. און וואָס וועט זײַן מיט מאַשאַן?״

„וואָס קאָן איך טאָן?״

„איך האָב געשווירן אַז איך האָב עס געטאָן. מען האָט מיך

געוואָרנט אַז פֿאַר שווערן פֿאַלש ווערט מען שטרענג באַשטראָפֿט. דיך וועט מען אײַנזעצן פֿאַר שפּיאָנאַזש, מיך פֿאַר שווערן פֿאַלש.״

„ס׳איז נישט דאָס זעלביקע.״

„ניין, ס׳איז נישט דאָס זעלביקע. פֿאַר פֿאַלש שווערן וועט מען מיך פֿאַרמישפּטן נאָר אויף צוויי יאָר אָדער דרײַ. אין מײַן צושטאַנד איז עס דאָס זעלביקע וואָס צען יאָר.״

„טאָ וואָס זאָל איך טאָן, לעאָן? וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?״

„מע דאַרף עס איבערטראַכטן. און ס׳איז זונטיק, דעם פּראָקוראָרס ביוראָ איז איצט סײַווי געשלאָסן.״

בערנאַרד האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אין דעם טיפֿן שטול און ווידער פֿאַרזונקען אין שווײַגן.

ווי דער בערנאַרד האָט זיך געעלטערט. אַ טרוקענע געלע הויט, אײַנגעזונקענע אויגן. אַ קוויטאַציע האָט ער אונטערגעשריבן, דער נאַר, און זיך פֿאַרקויפֿט צום טײַוול. וואָס עס איז געוואָרן פֿון דעם שיינעם באַלעק. ווי אַ סקעלעט זעט ער אויס, נישט ווי דער קראַסאָוויץ וואָס האָט געפֿאַנגען אַלע מיידלישע הערצער. אָרעמער בערנאַרד.

„וואָס זיצסטו ווי אַ הון אויף די אייער, בערנאַרד, דו זעסט אויס, — אַ שענערן לייגט מען אין ד׳ערד אַרײַן. גיי אַרויס אין גאַס, פֿאַר צו קיין ברײַטן צום ים, כאַפּ אַ ביסל זון איידער דער זומער פֿאַרשווינדט.״

בערנאַרד האָט נישט געענטפֿערט, ער האָט נאָר אַ טיפֿן קרעכץ געטאָן און איז אַרויס אין גאַס. בערנאַרד האָט געקרעכצט, ווי ער, לעאָן, וואָלט שולדיק געווען אין אַלע צרות. ער אַליין, אַז ער גיט אַ קוק אויף בערנאַרדן פֿילט ער זיך ווי אַ רוצח. מיט דעם בערנאַרד איז עס אַלעמאָל אַזוי. ווען ער האָט זיך פֿאַרליבט אין זאַשאַן, אָדער זאַשאַ אין אים, האָט ער געהאַט פּונקט אַזאַ לײַדנדיק יעזוספּנים ווי איצט. ער האָט געליטן, אָבער זאַשאַ איז געבליבן זײַנע. איצט וועט ער אַזוי לאַנג לײַדן ביז זײַן ברודער וועט אויסזיצן די קאַפּיטעס אין תּפֿיסה. דאַן וועט ער באמת זײַן געראַטעוועט. ווער ווייסט צי ער האָט טאַקע געמיינט צו גיין זיך מודה זײַן? בערנאַרד קען זײַן ברודער „ליאָוואַ די מאַמע״ און איז אַ מבֿין אויף אים, מער ווי ליאָוואַ איז אויף זיך אַליין. פֿאַרוואָס, צו אַל די רוחות, האָט ער אים נישט געלאָזט גיין כאָטש ביז צום פּראָקוראָרס טיר?

אַ פֿאַרשאָלטענע טבֿע האָט ער, צוריקצוציִען זיך פֿאַר דער צײַט. געוועזן איצט אַ געלעגנהייט אַ קוק צו טאָן וואָס עס ליגט הינטער בערנאַרדס יעזוס־מאַסקע. אויב ער בלאָפֿט איצט, האָט ער געליגנערט אויך דעמאָלט ווען ער האָט געזאָגט אַז ער מוז חתונה האָבן מיט זאַשאַן ווײַל עס איז בײַ זיי אוועק צו ווײַט. ער האָט שפּעטער ווידער געליגנערט אַז זאַשאַ האָט געשפּילט. פֿאַר־וואָס האָט זאַשאַ זיך נישט פֿאַרלוירן מיט אים? אידער בערנאַרד איז צוריקגעקומען פֿון גימנאַזיע האָט זאַשאַ זיך געקושט מיט אים, זיך געטוליעט און געדריקט צו אים מיט אירע יאָדערדיקע גלידער. האָט זי זיך נאָר גערייצט מיט אים? און די מאַשע ביז זי האָט געפֿונען טעדן, האָט זי זיך טאַקע גערייצט מיט אים?

ווען באַלעק איז געקומען אים זאָגן אַז ער מוז חתונה האָבן מיט זאַשאַן, וואָס האָט ער געטאָן? ער איז אַהיימגעלאָפֿן, אוועק־געשטעלט זיך בײַם שפּיגל, און אַרויסגעשטעלט די צונג צו זיך אַליין: מאַמע ליאַווע!

VII

אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן

אַ שליסל האָט זיך איבערגעדרייט אין דעם טיר־שלאָס, ס'איז געווען מאַשאַ. „פּאַפּאַ איז נישטאָ?“ זי האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער און געלאָפֿן צו איר צימער.

„כ'וויל גיין זען ‚לאַ דאָלטשע וויטאַ‘, ווילסט מיטגיין?“ האָט ער איר נאָכגעשריגן.

„ניין,“ האָט זי געענטפֿערט נאָר מיט איין וואָרט. זי קאָן אים נאָך אַלץ נישט מוחל זײַן די חרפּה וואָס ער האָט אויף איר גע־בראַכט.

„ס'איז קיל אין די מוּוויס.“

דאָס לעצטע האָט זי שוין אוודאי נישט געהערט. זי האָט זיך פֿאַרשלאָסן אין וואַשצימער. אַהאַ, זי נעמט אַ שפּריץ. זי וועט באַלד, אַ געוואַשענע אין זײַן באַד־צימער, אַוועקלויפֿן צו אַ פֿרעמדן יונג. זי וועט אַרויפֿפֿאַלן אויף דעם טעד אַן אָפּגעפּרישטע, ער וועט צעקנעפּלען איר בלוזע, ער וועט צעהעקלען איר סטענדל און — — —

ווען קיין מאַן האָט זי נישט באַמערקט איז אָנקל אויך געווען אַ מאַן, אַנישט פּאַרוואָס איז זי אַרומגעלאָפן אין שטוב האַלב נאַקעט און אים שיעור נישט געטריבן צו משוגעת? ווען דער סעד האָט זיך נאָר באַוויזן אויף איר האַריזאָנט איז זי פּלוצעם געוואָרן באַשיידן און שעמעוודיק. קיינער ווייסט נישט ווי ער האָט קראַפּירט אין די נעכט, אַז ער איז געלאָפן צו אַ פּסיכיאַטאָר וואָס זאָל אים העלפן געדענקען אַז זי איז נאָך אַ קינד, און זײַן ברודערס קינד.

די פּאַטריצישע דאַמעס פּלעגן זיך אויסטאָן אין אַנוועזנקייט פון זייערע קנעכט, ווײַל אַ קנעכט איז אַ קנעכט און נישט קיין מאַן. מאַשאַ האָט זיך אויסגעטאָן פאַר אים ווײַל אָנקל איז אָנקל, נישט קיין מאַן.

ער איז צוריק אַרײַנגעפאַלן אין זײַן פּאַטעל. אין באָד־צימער האָט זיך געגאָסן דאָס וואַסער פון שפּריץ, און פון זיין שטערן האָט זיך געגאָסן דער שוייס. וואָס וואַשט זי זיך אַזױפיל? וואָס דאַרף זי אַראָפּוואַשן אַז עס נעמט איר אַזוי לאַנג?

זי איז שוין, גאָט צו דאַנקען, אַרויס פון באָד־צימער. ער וואָלט איצט באַדאַרפט אַרונטער אונטער אַ קאַלטן שפּריץ. „באַי,״ הערט ער פּלוצעם און זי איז שוין בײַ דער טיר.

„גוד באַי מאַשינקאַ, פאַרברענג גוט.״

* * *

נישט ער גייט צו אַן אַרבעט, נישט ער האָט מוט זיך צו באַווײַזן אין גאַס, און אינדערהיים האָט ער נישט וואָס צו טאָן. צו לייענען אַ בוך האָט ער נישט קיין געדולד. זײַן קאָלעקציע פון פּאָסטמאַרקעס האָט בערנאַרד פאַרזעצט. הלוואַי וואָלט ער געבוירן געוואָרן אַ קאַטאָליק וואָלט ער כאָטש געקאָנט גיין צום גלח זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. דער אַדוואָקאַט וואָס בערנאַרד האָט פאַר אים אַנגאַזשירט איז, ווײַזט אויס, צופיל פאַרנומען צו ענטפערן ווען ער טעלעפאָנירט. מיט וועמען באַראַט מען זיך?

אויב ער וואָלט געווען אַ קאַטאָליק, וואָס איז ער? לעמבערג איז בעת ער איז געבוירן געוואָרן געווען עסטרײַך, נאָך איידער ער האָט אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט איז עס אײַנגענומען געוואָרן פון דעם צאַרס רוסלאַנד. ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין שולע איז עס שוין געווען לוואָוו, פּוילן, מיט אַ גרויסער

רוטעניש־אוקראַיִנישער באַפֿעלקערונג וואָס האָט פֿאַרלאַנגט אויטאָ־
נאָמיע. בעת דער צווייטער וועלט־מילחמה איז עס געוואָרן אַ טייל
פֿון סאָוויעטיש אוקראַיִנע. אין פֿאָלקשולע האָט ער געוואָלט אָנגיין
ווי אַ פּאָלאַק, אין אוניווערזיטעט האָט ער, באַיַינפֿלוסט פֿון זאָשאַן,
סימפּאַטיזירט מיט די אוקראַיִנער, און סך הכּל הייסט ער לעאָן
און איז געמלעט.

וואָס ער איז? ער איז אַן אַמעריקאַנער. די פֿאַרשויגען פֿון
דער סי אַיַ עי שפּאָטן ווען ער רעדט וועגן דעם, אָבער איין גאָט
ווייסט דעם אמת אַז ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן בערנאַרדס
מעשׂים. יאָ, מיט אַ גאָט וואָלט אים גוט געווען, ער וואָלט געהאַט
עמעצן וואָס ווייסט ווי אומשולדיק ער איז. אפֿשר איז דאָך פֿאַראַן
אַ גאָט און ער ווערט אַזוי באַשטראָפֿט פֿאַר זײַן אומגלויבן?

בײַ וועמען האָט ער זיך געזאָלט אויסלערנען גלייבן? דער
טאַטע איז געפֿאַלן אין דער ערשטער וועלט־מילחמה, אַן אונטער־
אָפֿיציר פֿון דער עסטרײַך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. די מאָנאַרכיע
האָט איבערגעלעבט זײַן טאַטן מיט ווייניקער ווי אַ יאָר. די מאַמע
איז געווען אַ דענטיסטין און אויסגעהאַלטן די מישפּחה. אויף
וויפֿל ער געדענקט האָט זי זיך געהאַלטן פֿאַר אַ פּוילישער פּאַט־
ריאָטקע. מיט ייִדן האָט זי יעדנפֿאַל קיין שײַכות נישט געהאַט.
ער איז טאַקע אַן אַמעריקאַנער, אָבער יעדער אַמעריקאַנער אי־
מיגראַנט געהערט ערגעץ. פֿאַראַן אין ניו־יאָרק קלובן, ייִדישע,
פּוילישע, אוקראַיִנישע, ער איז צו קיינעם פֿון זיי נישט געגאַנגען.
אונטערן אײַנפֿלוס פֿון זאָשאַן און איר באַנדע האָט ער פֿײַנט גע־
קראָגן די פּאָלאַקן. נאָכדעם ווי זאָשאַ האָט אים אויסגעביטן אויף
באָלעקן האָט ער די אוקראַיִנער אויך נישט ליב געהאַט. ייִדן?
ער שטאַמט טאַקע פֿון ייִדן, אָבער זיי זענען צו טומלדיק, צו נער־
וועז, וואָס פֿאַר אַ שײַכות קאָן ער האָבן מיט ייִדן? אין קיין סי־
נאַגאָגע, קאָשטשאָל אָדער צערקווע וועט ער דאָך שוין נישט
גיין, און עס אַרט אים נישט צי מ'עט אים באַגראָבן אונטער אַ צלם
אָדער אַ מגן דויד. ער פֿילט נישט קיין קרובֿהשאַפֿט צו די פֿעל־
קער צווישן וועלכע ער איז געבוירן געוואָרן. צו האָבן אַ קרובֿ
האָט ער אַריבערגעבראַכט אַ ברודער און אַ פּלימעניצע. דער
ברודער פֿאַרראַט אים אויף שריט און טריט, און די פּלימע־
ניצע — זינט זי גייט אַרום מיט דעם טעד איז זי געוואָרן אַ
גאַנצע ציוניסטקע און האָט אַ נײַע סעריע טענות קעגן אים. ס'איז

גאָר אַ פֿראַגע צי זי קאָן חתונה האָבן מיט טעדן, זי איז דאָך נאָר אַ האַלבע ייִדישקע. פֿאַרוואָס טאַקע נישט אַ פֿרעג טאָן בײַ אַ ראַ־בײַ?

ער האָט אויסגעזוכט די טעלעפֿאָן־נומערן פֿון ראַבײַס, טעלע־פֿאָנירט. צוויי שעה זענען פֿאַרבײַ. אַלע ראַבײַס זענען געהאַט אַוועק־געפֿאָרן פֿאַר דעם סוף וואָך. איין ראַבײַ איז יאָ געבליבן אין שטאָט צוליב אַ חתונה, איז ער פֿאַרנומען און קאָן נישט קומען צום טע־לעפֿאָן. נישטאָ מער קיין ראַבײַס אויף די געלע בלעטער פֿון דעם טעלעפֿאָן־בוך, און אַ געלע זון ליגט נאָך אַלץ אײַנגעבאַקן אין די שויבן. נישט מ׳קאָן שלאָפֿן, נישט מ׳קאָן אָטעמען. אויב ער וואָלט נישט אַוועקגעשיקט בערנאַרדן וואָלט כאָטש געווען צו ווע־מען אויסצורעדן אַ וואָרט.

אַ קלינג אין טיר. ווער קאָן דאָס זײַן? מאַשאַ און בערנאַרד האָבן זייערע שליסלען, אַוודאי אַ טעות.

געווען איז עס מאַשאַ. זי האָט געקלונגען מחמת זי איז נישט געווען אַליין, טעד איז מיט איר. זאָל זײַן טעד, זאָל זײַן דער טײַוול אַליין, אַבי עמעצער מיט וועמען מע קאָן אויסרעדן אַ וואָרט.

אָן אויסצורעדן אַ וואָרט האָט מאַשע אַוועקגעפֿירט טעדן צו זיך אין צימער און פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ער האָט איר געהאַט געקויפֿט אַ פּאַטעפֿאָן, אַ מתנה צו איר צוואַנציקסטן געבוירנטאָג. דער ביליקער פּאַטעפֿאָן האָט געקאָנט מאַכן אַ גרויסן טומל ווען זי האָט געוואָלט דער אָנקל זאָל נישט הערן וואָס עס טוט זיך אין איר צימער. זיי לויפֿן אַרום — ווער ווייסט ווו. ער האָט נאָר די פּאָר איילן פֿון זײַן שטוב, און זי ווייסט אַז די טשאַבי טשעקער פּליטע „טוויסט" קריכט אים שוין פֿון האַלדז און שלאָגט אַרויף ווי אַ זויער געקעכץ.

„כ׳האָב אַ קאַפּוויטיק, אפֿשר קאָנסטו עס מאַכן אַ ביסל שטי־לער, מאַשינקאַ?" דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. יאָ, ער האָט דרײַ מאָל גע־קלאַפּט אין איר טיר. אויב זי וואָלט עס געמאַכט שטילער בײַם ערשטן מאָל וואָלט ער נישט באַדאַרפֿט קלאַפּן אַפֿילו קיין צוויי מאָל. זיי זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז, מאַשאַ האָט אַ טראַסק גע־טאָן מיט דער טיר. וואָס האָט ער דאָ געזינדיקט? ער איז אַ קראַנקער, געפּלאָגטער מענטש. זי מעג האָבן אַ באָי־פֿרענד, און ער מעג האָבן אַ קאַפּוויטיק.

מאַשאַ איז צוריקגעקומען אַליין. „מאַשינקאַ, כ׳וויל רעדן מיט דיר.״

„האָסט דאָך אַ קאַפּוויטיק,״ האָט זי בייז געענטפערט און געלאָפן צו איר צימער.

„וואָס האָסטו צו מיר, מאַשאַ?״ איז ער איר נאָכגעלאָפן.

„פלעגסט זאָגן אַז כ׳בין דיר ווי אַן אייגענער טאַטע, פלעגסט שעהן רעדן מיט מיר, גיין מיט מיר אין די מוויס. וואָס איז געשען? האָט טעד דיך אַזוי פאַרסמט?״

„נישט איך האָב זיך געענדערט. און לאָז צורו טעדן.״

„איך האָב זיך געענדערט? דו מיינסט מײַן אַרעסט? נו, וואָס קאָן איך טאָן? ס׳אַן אומגליק. מ׳האָט מיך שאַנטאַזשירט. כ׳האָב עס דאָך געטאָן כדי זיי זאָלן דײַן טאַטע אַרויסלאָזן פון רוסלאַנד.״

„פּאַפּאַ האָט נישט פאַרלאַנגט דו זאָלסט ווערן אַ שפּיאָן. דו פאַרמוטשעסט אים צום טויט.״

„ער באַקלאָגט זיך פאַר דיר?״

„און אַז ער באַקלאָגט זיך?״

„אפשר האָב איך אויך אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן? דײַן פּאַפּאַ איז נישט דער גרעסטער צדיק. כ׳וואָלט דיר געקאָנט זאָגן עפּעס וועגן דײַן פּאַפּאַ.״

„ער האָט אָוועקגענומען דאָס מיידל בײַם אייגענעם ברודער. כ׳האָב עס שוין געהערט טויזנט מאָל. מכלומרשט, איך שפּאַס: דו ווייסט, מאַשינקאַ, דו וואָלסט געקאָנט זײַן מײַן טאָכטער. אפשר האָט ער נישט גענומען? אפשר איז זי אַליין געלאָפן צו אים? איך אויף מאַמאַס אָרט — — —״

„בײַס דיר אָפּ די צונג, מאַשינקאַ. זאָג נישט מער. כ׳בין אַ געשלאָגענער הונט אָן דעם.״

„הער אויף צו פאַרמאַטערן פּאַפּאַן צום טויט.״

„האָט ער דיר געזאָגט דײַן גוטער, פײַנער פּאַפּאַ אַז איך מאַטער אים? האָט ער דיר געזאָגט מיט וואָס איך מאַטער אים?״

„אָנקל, ס׳איז הייס און כ׳בין מיד און דו האָסט דאָכט זיך אַ קאַפּוויטיק...״

„איך האָב אַ גרעסערן קאַפּוויטיק ווי דו מיינסט. אַז האָסט שוין אָנגעהויבן רעדן, לאָמיר זיך אויסרעדן ביזן סוף. איך ווייס נישט אַז איך מאַטער דײַן פּאַפּאַ, איך האָב געמיינט אַז כ׳האָב עפּעס געטאָן פאַר אים.״

„יאָ, אָנקל, דו האָסט אונדז געבראַכט אַהער, מיר האָבן עס שוין טויזנט מאָל אויסגעקרענקט. איך גלויב נישט אַז דו ביסט געוואָרן אַ שפּיאָן צוליב אונדז. אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן. מע דאַרף עס האָבן אין זיך צו קאָנען עס טאָן. דו האָסט אַ מאַרטירער־קאָמ־פּלעקס און דאָס איז אַלץ. דו טוסט אָפּ די מיאוסטע זאַכן און ווילסט וואַרפֿן די שולד אויפֿן פּאַפּאַן."

„אַזוי גאָר, 'אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן. מע דאַרף עס האָבן אין זיך'. און וואָס וועט זײַן אויב איך וועל דיר זאָגן אַז איך בין נישט קיין שפּיאָן, אַז איך האָב עס נישט אין זיך?"

מאַשאַ האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט.

„דו גלויבסט מיר נישט, האַ? און וואָס וועט זײַן אַז איך וועל דיר זאָגן אַז דײַן פּאַפּאַ איז דער שפּיאָן, איך האָב נאָר — — — — "

„וועל איך זאָגן אַז דו ביסט אַ ווײַסטער פֿינצטערער ליגנער. איך האָב דאָס שוין לאַנג חושד געווען. אַפֿילו די לוקעמיע וואָס איז אַמאָל לוקעמיע און אַמאָל דיאַבעטיס איז, דאַכט זיך מיר, סימו־לירט."

ער איז צוגעשפּרונגען און אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר מיט די פֿויסטן. די קניען האָבן זיך אַ ברעך געטאָן אונטער אים, ער איז קוים אַרויס פֿון איר צימער און זיך צוגעשלעפּט צו זײַן בעט.

ער האָט געכליפּעט אויפֿן קול. היסטעריש געכליפּעט און זי איז אַפֿילו נישט אַרײַנגעקומען אַ קוק טאָן. ער האָט געקאָנט אויס־גיין, ס'וואָלט איר אַפֿילו נישט געאַרט. אַ שאָד אַזאַ פֿײַנער ייִדי־שער בחור ווי טעד זאָל אַרײַנפֿאַלן צו אַן אייניקל פֿון אוקראַיִנער פּאָגראָמטשיקעס. און צוליב אַזאַ שטיק גיפֿט האָט ער זיך מקריב געווען. ווו איז דער בערנאַרד ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? די לו־קעמיע איז סימולירט? הלוואַי זאָל ער פֿגרן איצט דאָ אויפֿן בעט, וועט זי שוין גלויבן.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. ער איז אויפֿגעשטאַנען נעמען אַ טרונק וואַסער. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין מאַשאַס טיר. זי האָט נישט געענטפֿערט. „פֿאַרגיב מיר, מאַשינקאַ. דו ביסט מיר ווי אַן אייגן קינד און איך האָב דיך גאָר געשלאָגן. זײַ מיר מוחל מאַשינקאַ, ווײַל ווען האָב איך דען חוץ דיך. זאָג אַז דו ביסט מיר מוחל."

מאַשאַ האָט זיך נישט אָנגערופן.

„כ׳ווייס אַז דו שלאָפסט נישט. גלייב מיר איך האָב עס געטאָן פאַר דיר. אויב דײַן מאַמע וואָלט חתונה געהאַט מיט מיר און דו וואָלסט געווען מײַן אייגן קינד וואָלט איך דיך נישט געקאָנט מער ליב האָבן. זאָג אַז ביסט מיר מוחל.״

מאַשאַ האָט נישט געענטפערט. ער איז געבליבן שטיין אָנגעלענט אין איר טיר און געהעשעט ווי אַ געשלאָגענער הונט. ער האָט אַפילו נישט געהערט בערנאַרדן אַרײַנקומען.

„וואָס טוט זיך דאָ? וואָס שטייסטו דאָ? ווו איז מאַשאַ?״

ער האָט געעפנט די טיר, אַרײַן אין מאַשאַס צימער. בערנאַרד איז אים נאָכגעגאַנגען און אָנגעצונדן די ליכט.

„גיי אַרויס! לאָז מיך צורו!״ האָט מאַשאַ זיך צעשריגן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אַרומגעכאַפּט בערנאַרדס פיס. „זאָג איר, באַלעק. זאָג איר אַז כ׳האָב עס געטאָן פאַר אירעטוועגן. כ׳בעט דיך בערנאַרד, זאָג דעם אמת.״

„דו ביסט קראַנק לעאָן, דו הרגעסט זיך אַוועק. לייג זיך אין בעט אַרײַן, כ׳בעט דיך״.

„כ׳בין קראַנק, זייער קראַנק, בערנאַרד. כ׳ווייס נישט וויפל צײַט ס׳איז מיר געבליבן, איך פיל עס עקט זיך. זאָג איר, בערנאַרד, דו מוזט איר זאָגן.״

„שטיי אויף לעאָן, כ׳וועל דיר געבן אַ טראַנקווילײַזער.״

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. און ווײַטער זיך געבעטן: „זי מיינט דאָך כ׳בין פון זינען אַראָפּ. זאָג איר, בערנאַרד. זאָג איר אַז איך האָב עס נישט אין זיך. איך בין אַ וויסטער פינצטערער ליגנער, מאַשאַ? פרעג דײַן טאַטן. געדענקסט ער האָט אַרויסגעקוקט דורך די רולעטן, דו האָסט געפרעגט צי ער האָט אַ בעסערן שידוך און — — — דאָס איז געווען ווען דו, מאַשאַ, ביסט אַהיימגעקומען מיט דער בשורה אַז טעד האָט דיר געגעבן אַ רינגל. דו געדענקסט? דער טאַטע האָט מיך אַרײַנגעפירט אין דער אַנדערער שטוב עפּעס צו זאָגן. ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? ער האָט מיר געזאָגט אַז מען שפירט אים נאָך, ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז אַ שפּיאָן. איך האָב עס גענומען אויף זיך צוליב דיר און ווײַל כ׳בין קראַנק. עס איז נישט סימולירט, מאַשאַ, דאָס וועסט דו מיר זיכער גלייבן, איך קאָן אַוועקפאַלן אַזוי ווי איך שטיי דאָ. זאָג איר אַז ס׳איז אמת, בערנאַרד.״

„אַרויס! ביידע אַרויס פֿון דאַנען, כ׳האָב אײַך ביידן פֿײַנט!" האָט מאַשאַ זיך צעשריגן. ער האָט געלאָזט בערנאַרד זאָל אים אַרויספֿירן און אַוועקלייגן אויפֿן בעט.

VIII

אַ טאַטע איז אַ טאַטע

ס׳איז געווען יענער אויפֿדערנאַכט ווען באַלעק האָט אים געזאָגט אַז ער מוז חתונה האָבן מיט זאַשאַן ווײַל ס׳איז בײַ זיי דערגאַנגען צו ווײַט. ער האָט געענטפֿערט אַז ער איז נישט אין כּעס. אַז ער איז העכער פֿון אַזעלכע זאַכן, אַז ער האָט עס שוין געוווסט פֿריִער ווען ער האָט זיי געזען שפּאַצירן און האַלטן זיך בײַ די הענט. און אַט ווערט טאַקע פֿ ר י ִ ע ר. זאַשאַ און באַלעק האַלטן זיך בײַ די הענט. זי קוקט אויף אים מיט פֿאַרליבטע אויגן. ער, ליאָוואַ, אין כּעס? ער איז העכער פֿון אַזעלכע זאַכן, און ער ווערט ה ע כ ע ר. ער גיט זיך אַ הויב אַרויף און שוועבט איבער זייערע קעפּ. זאַשאַ און באַלעק רײַסן אויף די אויגן: ער איז טאַקע העכער, זע ווי הויך!

דאָס הייסט בײַ זיי הויך? שמייכלט ער צו זיך און גיט זיך אַ טראָג נאָך העכער אַריבער דעם דאַך פֿון דער צען־שטאָקיקער געבײַדע אויף אָושען פּאַרקוועי. דאָס יִנגל מײַקל, וואָס וווינט אין דער דירה איבער זיי, ווועט מער נישט שפּילן באַלעם אין הויז און טראַסקען דעם באַלעם אין דער פּאָדלאָגע עס זאָל אים לעכערן דעם קאָפּ. דאָס יִנגל מײַקל שטייט אויפֿן באַלקאָן מיט אַן אויפֿגעריסן מויל. ער קוקט אַרויף און רופֿט אויס: סופּערמאַן!

וואָס האָט ער געזאָגט, מײַקל? ער האָט געזאָגט סופּערמאַן. טשעקאַווע צי בערנאַרד האָט עס געהערט, צי זאַשאַ האָט עס געהערט: ס ו פּ ע ר מ אַ ן! טעד קומט אַן מיט מאַשאַן. טעד גיט אַ קוק אַרויף און שרײַט: שפּיאָן!

אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן, זאָגט מאַשאַ און וויל אַפֿילו נישט אַרויפֿקוקן. ער גיט אַ פֿאַל אַראָפּ — — ניין, ער פֿאַלט נישט, ער גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ גלײַך אויף מאַשאַן מיט ביידע הענט אויף איר ווײַסן האַלדז. דער ווײַסער האַלדז — זאַשאַס ווײַסער האַלדז איז פֿול מיט פֿלעקן פֿון באַלעקס קושן און ס׳איז שוין צו שפּעט. דער

האַלדז דראָלט זיך אַן אונטער זײַנע פֿינגער און ווערט בלוי, אירע אויגן ווערן רויט און זעצן אַרויס, אירע ליפּן, בלוי, סיטשען: „אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן!"

אַ קאַלטער שוויס באַגיסט אים. וואָס טוט זיך מיט אים? ער האָט דערשטיקט מאַשינקאַ. אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר, ראַטעוועט, ברענגט אַ דאָקטאָר!

ער האָט זיך איבערגעוועקט אין אַ טײַך שוויס. ניין, ער האָט נישט דערשטיקט מאַשאַן מיט זײַנע הענט, ער האָט זי דערשטיקט מיט זײַן מויל. זי וועט פֿײַנט האָבן בערנאַרדן. זי וועט קוקן אויף איר אייגענעם טאַטע מיט שינאה און וועט סיטשען אים אין פּנים אַרײַן: „אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן!"

ער וועט נישט דערלאָזן מאַשינקאַ זאָל אַרײַנפֿאַלן אין פֿאַר־צווייפֿל. ער וועט זי צוטוליען צו זיך און וועט איר זאָגן: מאַשינ־קאַ, פּרוביר אים פֿאַרשטיין. איצט אַז דו ווייסט שוין אַז איך האָב גענומען אויף זיך די שולד צוליב דיר, קאָן איך דאָך ווידער רעדן צו דיר ווי דײַן גוטער אָנקל. מאַשינקאַ, דו מוזט אײַנזען וואָס פּאַפּאַ האָט אַדורכגעמאַכט ווען זיי האָבן אים שאַנטאַזשירט. דו האָסט מורא צו פֿאַרלירן טעדן, ער וואָלט פֿאַרלוירן מאַמאַן און בעלאַן אויב ער וואָלט נישט געטאָן וואָס זיי האָבן פֿאַרלאַנגט. האָב מיט אים אײַנזען, מאַשינקאַ, ער איז דײַן לײַבלעכער טאַטע. און, הער מיך גוט אויס, מאַשינקאַ. וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן קאָן אַמאָל ווײ טאָן, אָבער ס'איז דער אמת. אויב טעד האָט דיך אויפֿ־ריכטיק ליב וועט ער דיך נישט אויפֿהערן ליב האָבן. טאָמער ער וועט צוליב דעם דיך פֿאַרלאָזן, איז ער דיך נישט ווערט.

וועט מאַשאַ זיך צוהערן צו אים? זי איז אַזוי פֿאַרליבט אין דעם טעד, אַז זי איז בלינד און טויב צו דער גאַנצער וועלט אַרום איר. איר טאַטע איז אויך אַזוי געווען ווען ער איז געווען פֿאַרליבט. מע טאָר נישט אַזוי, מאַשינקאַ. זײַן בלינד און טויב צו אַלעם און אַלע־מען מאַכט דײַן ליבע נעגאַטיוו, און ליבע מוז אַלעמאָל בלײַבן פּאָ־זיטיוו. אַ טאַטע איז אַ טאַטע. גיי אַרײַן, זאָג אים גוט מאָרגן. טו זיך אָן אַ כּוח און גיב אים אַ קוש. ער דאַרף דיך איצט מער ווי — — —

אין קיך איז עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן, אַ גלאָז אָדער אַ טעלער. ווער איז איצט אין קיך? אוי, ס'איז שוין באַלד אַכט. מע דאַרף דערמו־

טיקן בערנאַרדן ער זאָל גיין צו דער אַרבעט ווי קיינמאָל גאָרנישט. ווער שושקעט זיך אין קיך? בערנאַרד און מאַשאַ האָבן מורא אים איבערצוּוועקן? ס'איז שטיל געוואָרן. זיי האָבן דערהערט זײַנע באַר־וועסע טריט.

ער איז צוריק געגאַנגען צו זײַן בעט. אַזוי, זיי שושקען זיך. זי זאָגט נישט בערנאַרדן אַז ער האָט עס אין זיך. זי שרײַט נישט: „אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן.״ זיי שושקען זיך וואָס צו טאָן מיט דעם אַנשיקע־ניש, דעם אָנקל. זי פֿלעגט זאָגן אַז אָנקל איז איר טאַטע, איר מאַמע, איר באַי־פֿרענד. ס'איז שוין דעמאָלט געווען שקר וכזב. זי האָט אים גענאַרט, ווי בערנאַרד האָט אים גענאַרט, ווי אַלע האָבן אים אָפּגע־נאַרט און אָפּגעלאַכט פֿון אים. מיט וואָס איז מאַשאַ אַנדערש פֿון יענער גאַסן־מויד וואָס האָט אים געצערטלט כּדי צו קאָנען צוגנבֿענען זײַן בײַטעלע? אויב ס'איז דער טאַטע, בלײַבט ער אַ טאַטע, אויב ס'איז ער, האָט ער עס אין זיך און איז אַ שפּיאָן אין יעדן טראָפּן פֿון זײַן פֿאַרפּעסטעט בלוט.

ווי נאָר ער איז אַרײַן אין קיך איז בערנאַרד אויפֿגעשפּרונגען. ס'איז שפּעט, ער מוז שוין גיין צו דער אַרבעט. מאַשאַ האָט אַ קוק געגעבן אויף איר האַנט־זייגערל וואָס ער האָט איר געהאַט געקויפֿט און געזען אַז זי מוז אויך שוין גיין.

„דו דאַרפֿסט זיך נישט אײַלן צו דער אַרבעט, בערנאַרד, וועסט סײַ ווי מוזן אויפֿהערן. דו מוזט איבערנעמען דײַן פּעקל, איך קאָן מער נישט.״

ס'איז געוואָרן טויט־שטיל, נאָר דער זידיקער עלעקטרישער טשײַ־ניק האָט געפּרײַכט ווי אין שווערן אָטעם. ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער און בערנאַרד האָט ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט: „מיר וועלן עס איבעררעדן אין אָוונט, כ'מוז איצט אײַלן צו דער אַרבעט.״

„דו מוזט איצט איילן ערגעץ אַנדערש, בערנאַרד.״

„הער מיך אויס לעאָן,״ האָט בערנאַרד צוריקגעקריגן זײַן באַ־הערשט קול, „איך האָב דיך נישט געבעטן זאָלסט עס נעמען אויף זיך און בין גרייט געווען זיך מודה צו זײַן. דו אַליין האָסט מיך צוריקגעהאַלטן.״

„איצט וועל איך דיך מער נישט צוריקהאַלטן.״

„איצט בין איך אויסגעמוטשעט, נישט איך האָב כּוח, נישט איך האָב — — — ניין לעאָן, איצט קאָן איך נישט. דו גיי, זאָג וואָס

דו ווילסט. איך וועל גאָרנישט אַפּליקענען. גיי איינמאָל פֿאַר אַלע־מאָל און צאַפּ מיר נישט דאָס בלוט טראָפּנווײַז."

בערנאַרד האָט געאײַלט צו דער טיר. מאַשאַ איז אַרויס נאָך אים און פֿאַרהאַקט די טיר מיט אַ טראַסק.

ב.

I

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש

ער האָט גאָרנישט געוווּסט וויפֿל פֿאָלקס־חכמה ס'איז פֿאַראַן בײַ ייִדן. ער וווינט איצט אין תּל־אָביב בײַ אַ פּשוטער אַרבעטער־מישפּחה. קיין וואָזשנע בילדונג האָבן זיי נישט, אָבער אַז די באַלע־באָסטע זאָגט עפּעס איז פֿאַראַן וואָס צו הערן. זי האָט אויף יעדער זאַך אַן אַפֿאָריזם, אַ ווערטל. נעכטן האָט זי אַ זאָג געטאָן: „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און טיילמאָל אַפֿילו ווייניקער ווי דאָס." ווי קלוג, ווי מענטשנקענעריש, ווי טרעפֿלעך עס כאַראַקטעריזירט אים אַליין. ווי אַלע מענטשן איז ער נאָר אַ מענטש און טיילמאָל — — — אויב מע זאָל באַשטראָפֿן פֿאַר אַלעם וואָס לויפֿט אַלץ אַדורך אַ מענטשלעכן געדאַנק וואָלט מען אַלעמען געדאַרפֿט אײַנזעצן אין תּפֿי־סה. אין געדאַנק קאָן אַ מענטש דערשטיקן אַ פֿײַנטלעך און אַפֿילו אַן אייגן קינד. אין אַ פֿאַרבײַלויפֿנדיקן געדאַנק קאָן דער אָרנטלעכ־סטער מענטש זײַן אַ סעקס־מאַניאַק. דער תּוך פֿונעם מענטש באַ־שטייט טאַקע אין קענען זיך אָפּטרייסלען פֿון די שלעכטע געדאַנ־קען ווען עס קומט צו מעשׂים. טאָג־חלומות זײַנען שטותערײַען, אַן אָנרעג צו טראַכטן, אַ סטימול צו קרעאַטיוויטעט. נאָר אַ מאַראַן, אַ טיפּש, חלומט נישט. האָט ער נישט קיין בייזע געדאַנקען. אפֿשר איז דאָס טאַקע דער חילוק צווישן דעם פּאָזיטיוון מענטש און דעם פֿאַר־ברעכער. דער אָרנטלעכער מענטש האָט אויך רויע אינסטינקטן. ער ברענט זיי אויס און רויכערט זיי אויס אין חלום, אָבער לאָזט זיי נישט אַרויס פֿון דער גרענעץ פֿון חלום. דער גוטער מענטש חלומט אויס זיינע פֿאַרברעכנס, דער שלעכטער לעבט זיי אויס.

קאָן עס זײַן, איז עס מעגלעך אַז ער וואָלט געהאַט אַזעלכע מחשבות וועגן מאַשאַן אויב זי וואָלט געווען זײַן אייגענע לײַבלעכע טאָכטער?

האָט ער געבראַכן זײַן קויציע און אַנטלאָפֿן קיין תל־אָביב ווײַל ער האָט מורא געהאַט צוריקצוגיין אין תּפֿיסה, אָדער ווײַל ער האָט מורא געהאַט צו בלײַבן מיט מאַשאַן? איז ער אַנטלאָפֿן פֿון דער עף בי אײַ, אָדער פֿון זיך אַליין?

עס איז געווען וואָס מורא צו האָבן. אין יענעם לעצטן זונטיק אין ניו־יאָרק איז ער געווען אויף דער גרענעץ פֿון — — — ער איז געזעסן אין זײַן שטול אין דער פֿראָנטשטוב, מאַשאַ האָט גענומען אַ שפּריץ אין באַדצימער. יאָ, ער האָט געהערט און געוווּסט אַז זי נעמט אַ שפּריץ ווען ער איז אַוועק צום באַדצימער און אַ דרייגעטאָן די קליאַמקע. גוט אַז דאָס מאָל האָט זי, די צעטראָגענע פֿליאַס־קעדריגע, נישט פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן די טיר פֿון אינעווייניק.

אַ ברודערס מיידל איז נישט דאָס זעלביקע וואָס אַ ברודערס טאָכטער. אָבער בערנאַרד האָט זיך נישט געטאָרט פֿאַרלירן. מיט אים האָט זיך קיין אײן מיידל נישט פֿאַרלוירן. בערנאַרד האָט צוגענומען בײַ זאַשען איר בתולהשאַפֿט. ער דערנענטערט זיך שוין צו אַ האַלבן יאָרהונדערט, צום סוף פֿון זײַנע טעג, און ווייסט אַפֿילו נישט וואָס דאָס איז. ער וועט שוין קיינמאָל נישט פֿאַרזוכן אַ פֿריש אומשולדיק מיידל, ער וועט קיינמאָל נישט האָבן דאָס וואָס בערנאַרד און טעד. ווי איז עס ווען אַ פֿרוי גיט זיך דיר איבער ווײַל זי וויל דיך, נישט די פּאָר דאָלאַר וואָס דו באַצאָלסט? דו קומסט נענטער און נענטער. דו עפֿנסט אײן קנעפּל פֿון איר בלוזע און דו פּילסט פֿון אירע בריסט גייט אויף אַ פּאָרע ווי פֿון רײַפֿע פֿעלדער אין אַ זומער־פֿרימאָרגן. זי העלפֿט דיר מיט ציטערדיקע פֿינגער. פֿון דײַנע קושן ווערן אירע אויגן מאַט, אירע קני׳ען שוואַך, זי פֿאַלט אין דײַנע אָרעמס ווי אַ פֿרישע רײַפֿע פֿרוכט. זי בײַסט דיך — — ניין, נישט ווײַל זי דערוואַרט אַ פּאָר עקסטרא דאָלאַר טרינקגעלט. ניין, צו אַלדי רוחות, נישט דאָס! זי באַגערט דיך, זי לעבט עס איבער און פֿיבערט עס אויס צוזאַמען מיט דיר, און זי איז ווײַבלעך און הויכברוסטיק ווי זאַשאַ, ווי מאַשאַ...

ער איז דעמאָלט געזעסן אין אַ פֿאָטעל אין דער פֿראָנטשטוב און געזען מאַשאַס נאַקעטקייט אין דעם פֿאַרשלאָסענעם באַדצימער. ער האָט זיך דערמאָנט אַז אַמאָל האָט אַ פֿריץ געהאַט די רעכט פֿון דער ערשטער נאַכט בײַ אַלע מיידלעך וואָס האָבן געלעבט אויף זײַן אימעניע. מאַשאַ לעבט אויף זײַן אימעניע. ער גיט גענוג און לײַדט גענוג פֿון איר און איר טאַטן. און פֿאַרוואָס נאָר די ערשטע

נאַכט? ער וועט זי נעמען פאַר אַ ווײַב. די טאַכטער אָנשטאָט די מוטער. זי איז מיט פינף און צוואַנציק יאָר ייִנגער פון אים? וועט איר נאָך בלײַבן גענוג יאָרן פאַר אַ יונגען מאַן ווען ער וועט שוין ליגן אין דר׳ערד.

דאָס האַרץ איז אַראָפּ פון זײַן גאָרגל צוריק אין ברוסטקאַסטן אַרײַן ווען זי איז אַוועק צו דער טיר. „באַי” האָט זי געזאָגט און ער האָט ווידער געקאָנט אָטעמען.

ער זיצט איצט אין זײַן שטוב אין אַ פאָרשטאָט פון תל־אָביב. פון בלויזן דערמאָנען זיך גיסט זיך פון אים דער שוויס, ווי יענעם זונטיק אין ניו־יאָרק. יאָ, אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און טייל־מאָל אַפילו ווייניקער ווי דאָס. יענעם אָוונט ווען זי האָט אים גע־זאָגט אַז אַפילו זײַן לוקעמיע איז אַ ליגן איז ער אַרויפגעפאַלן אויף איר מיט די פויסטן. אויב די כוחות וואָלטן אים נישט פאַרלאָזט וואָלט ער אַראָפּגעריסן פון איר די קליידער און געטאָן מיט איר וואָס ער האָט באַדאַרפט טאָן מיט איר מאַמען — די רישעותדיקע, גיפטיקע שיקסע.

די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט... דאָס איז שוין אַמאָל געשען צו אים. ער דערמאָנט זיך איצט, דאָס איז געשען טאַקע ווען ער האָט עס שיעור נישט געטאָן מיט מאַשאָס מאַמע. זאַשאַ האָט זיך געטוליעט צו אים, ער האָט — — ניין זי האָט — —, דאָס האָט זי אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר ברוסט. זי איז געווען אָנגעטאָן, אָבער דאָס דינע זומערדיקע קליידל איז געווען אַ קנאַפּע מחיצה. זײַנע הענט האָבן אויסגעפילט איר יאָדערדיק לײַב — — —

ער געדענקט עס איצט אַזוי קלאָר ווי עס וואָלט געשען ערשט נעכטן, ווי איז דאָס מעגלעך ער זאָל במשך זעקס און צוואַנציק יאָר זיך אַפילו נישט דערמאָנען וועגן דעם? קאָן עס זײַן אַז דאָס איז אַ חלום פון יאָרן צוריק און עס דאַכט זיך אים נאָר אַז עס איז באמת געשען? וואָס האָט זי דעמאָלט געזאָגט? וואָס האָט ער געזאָגט? ער מוז זיך דערמאָנען מער פרטים.

זי האָט גאָרנישט געזאָגט און ער האָט גאָרנישט געזאָגט. איר הייסער אָטעם אויף זײַן פּנים, איר האַרץ, זײַן האַרץ — אַ דועט פון צוויי פויקן. ער האָט אַרויפגערוקט זײַן האַנט צו איר דעקאָלטע, זי האָט זיך אַ בויג געטאָן, און זײַנע פינגער האָבן זיך אַרײַנגע־גליטשט הינטערן געוואַנט. זי האָט זיך נאָך מער צוגעדריקט צו אים, ער האָט געפילט דאָס ריזלען פון בלוט אין אירע אָדערן און

זי האָט געפֿילט דעם פּולס אין יעדן פֿון זײַנע גלידער. זי האָט געענטפֿערט. ער האָט געוווסט אַז זי וואַרט, אָבער געבליבן ליגן ווי אַ גולם. זי האָט געוואַרט און געוואַרט, זײַן אַנגעשפּאַנטקייט איז געוואַקסן, אַריבערגעוואַקסן די גרענעץ און געפּלאַצט. אַ ציטערניש איז אַרײַן אין זײַן לײַב, אַ פֿראָסט אין די ביינער אין אַ הייסער זומער־נאַכט.

איז זי געוועזן אַנטוישט וואָס עס איז נישט געשען, אָדער צופֿרידן? ער האָט געחלשט איר ווײַזן אַז ער איז נישט אַלעמאָל אַזאַ פּחדן אָבער מער נישט געהאַט די געלעגנהייט, בערנאַרד איז געקומען.

ווי האָט ער געקאָנט דאָס אַלץ פֿאַרגעסן? ער האָט דעמאָלט זיך אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקער און אַפֿילו געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. פּלוצעם איז אַלץ אַרויס פֿון געדעכעניש. קען טאַקע אַ מענטש אויסמעקן פֿון זיכּרון וואָס עס איז אים נישט באַקוועם צו געדענקען? פֿאַרוואָס קען ער עס נישט טאָן הײַנט?

קאָן עס זײַן אַז ער האָט זיך אויסגעלעבט נאָר מיט געקויפֿטער ליבע ווײַל ער האָט געציטערט טאָמער וועט ער נאָכאַמאָל האָבן די זעלביקע חרפּה? איז דאָס די סיבה וואָס ער איז געבליבן אַליין? ווי קאָן מען מורא האָבן פֿאַר עפּעס וואָס איז אַרויס פֿון זיכּרון? די גאַנצע זאַך איז שרעקלעך נאַריש. זענען אַלע מענער אַזעלכע אידיאָטישע באַשעפֿענישן ווי ער?

עס קאָן זײַן אַז ער איז גאָרנישט געוועזן אַזוי פֿאַרליבט אין זאַשאַן. ער האָט פֿײַנט געהאַט בערנאַרדן ווײַל יענער האָט בײַ אים צוגענומען די מעגלעכקייט זיך צו רעהאַביליטירן...

ווי קליין, נאַריש, לעכערלעך זענען איצט אויס די אַלע גרויסע טענות זײַנע. די אַלע קנאות, שׂינאות צעגייען זיך ווי אַ רויך. איז דאָס אַ סימן אַז דער סוף דערנענטערט זיך?

וואָס עס איז — איז עס, ער וועט גאָר אָנשרײַבן אַ בריוול אַהיים. ער איז נעלם געוואָרן אַזוי פּלוצעם, זאָלן זיי נישט איבערקלערן.

* * *

„פֿאַרגיב מיר בערנאַרד, זײַ מוחל מאַשאַ, קלערט נישט איבער וועגן מיר. איך קאָן נישט צוריקגיין אין תּפֿיסה. איך האָב געפֿונען אַ לייזונג.

מיט ליבשאַפֿט,

ל.“

ווי נאָר ער האָט דעם בריוו אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּאָסטקעסטל האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט ווידער אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. האָט די סי איז עי שלום געמאַכט מיט זײַן פֿאַרשווינדן? אפֿשר היטן זיי בערנאַרדס פּאָסט? ער האָט טאַקע נישט אָנגעגעבן קיין צוריק־אַדרעס, אָבער זיי וועלן וויסן אַז ער איז אין ישׂראל. ער איז געבליבן שטיין בײַם פּאָסטקעסטל ביז אַ וואָגן איז צוגע־פֿאָרן אַרויסנעמען די בריוו. „גוט," האָט דער פּאָסטמאַן געזאָגט. „ווײַזט מיר אײַער אידענטיפֿיקאַציע."

„נאָך וואָס דאַרפֿט איר מײַן אידענטיפֿיקאַציע?"

„אויב ס'וועט זײַן דערזעלביקער נאָמען וואָס אויף דעם צוריק־אַדרעס וועל איך אײַך צוריקגעבן דעם בריוו."

„ס'האָט נישט — — כ'בין נישט זיכער צי כ'האָב אָנגע־שריבן דעם צוריק־אַדרעס."

„סליחה, איר וועט דאַרפֿן קומען אין פּאָסטאַמט."

„כ'האָב אײַך נישט געגעבן גענוג סימנים? אַ קאָנווערט פֿון האָטעל דן, דער אַדרעס געשריבן מיט מײַן האַנטשריפֿט. קוקט, איך שרײַב נאָכאַמאָל אָן דעם אַדרעס, פֿאַרגלײַכט עס."

„איך בין אַ פּראָסטער נהג. קומט אין פּאָסט־ביוראָ."

„איך בין אַן אַמעריקאַנער טוריסט. וואָס פֿאַראַ לאַנד איז דאָס אַז — —"

„אדוני, איך דאַרף נאָך אויסליידיקן אַ סך פּאָסטקעסטלעך. איר ווילט, קאָן איך אײַך מיטנעמען מיט מײַן וואָגן."

ער איז געקומען מיט אַ פֿאַלשן דאָקומענט, ווי האָט ער גע־קאָנט גיין זיך אידענטיפֿיצירן? דער בריוו איז אַוועקגעשיקט גע־וואָרן.

II

אין תּל־אָבֿיבֿ

צוויי טויזנט יאָר אָן אַ היים, האָבן די ייִדן זיך אויסגעלערנט אַרײַנצוקריכן אין דעם שמאָלסטן שפּאַלט און מאַכן פֿאַר זיך פּלאַץ אין אַן ענגשאַפֿט וווהין מע קאָן שוין אַפֿילו קיין שפּילקע נישט אַרײַנשטעקן. ווײַזט אויס אַז דאָס דערפֿאַרן קומט זיי צונוץ אויף די שמאָלע גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ ווו די אויטאָמאָבילן קריכן איינס אויף ס'אַנדערע. ער קאָן קוים זיך אַדורכשטופּן צו דער אַנדערער

זײַט גאַס, און זיי געפֿינען אַפֿילו פּלאַץ ווו צו פּאַרקן זייערע אױ־טאָס. די אויסגעדינטע גומי־רעדער האַלטן זיך קוים אויף די לאַטעס אַרויפֿגעקלעפּט איינס אויף ס׳אַנדערע, די אַלטע מאָטאָרן פֿרײַכן און קרעכצן. אַט, אַט וועלן זיי אויסהויכן דאָס לעצטע ביסל פּאַרע. נאָר די האָרנס זענען ווי נײַ. די האָרנס בלאָזן און רעשן, טומלען און פֿאַרהילכן די גאַסן, זיי שאַלן מיט אַ טריומף, ווי זיי װאָלטן דערמיט געזאָגט: דאָ איז נישט גלות, דאָ זענען מיר בײַ זיך אינדערהיים און פֿײַפֿן אויף דער וועלט.

ניין, ער האָט גאָרנישט קעגן תּל־אָבֿיבֿ. ער האָט געדונגען אַ שטוב אין אַ קליין הײַזל אויף אַ ווײַט, שטיל געסל כּדי צו זײַן ווײַט פֿון דעם טומל, אָבער ער לויפֿט יעדן טאָג און שוויצט שעהן אַזש אין דרײַ אויטאָבוסן צוצופֿאָרן אין שטאָט אַרײַן. עס יאָגט אים פֿון שטוב ווען ער איז אַליין אין הויז. ווי נאַריש עס איז גע־ווען צו צאָלן מער דירה־געלט נאָר ווײַל זײַן שטוב האָט אַ באַזונ־דערן אַרײַנגאַנג און ער וועט קאָנען אויסמײַדן זיך צו טרעפֿן מיט די באַלעבאַטים.

מיט די קינדער אין הויז קאָן ער נישט אויסרעדן אַ וואָרט. די צאַברעס זענען אַראָגאַנט, רעדן נאָר העברעיִש, און טו זיי עפּעס. די באַלעבאָסטע רעדט פּויליש, דער באַלעבאָס רעדט פּויליש און רוסיש. אָבער אַז ער איז אינדערהיים ווען זיי זענען אינדערהיים זיצט ער סײַ ווי אַליין אין זײַן שטוב. בײַטאָג לויפֿט ער אַוועק ווײַל קיינער איז נישטאָ, אין אָוונט שליסט ער זיך אָפּ ווײַל זיי זענען יאָ דאָ. די מענטשן זענען פֿרײַנטלעך, אָבער אַ ביסל צופֿיל פֿרײַנטלעך. ער איז טאַקע אַ ייִד, אָבער ער האָט ייִדן קיינמאָל נישט געקענט פֿון דער נאָענט. די איינציקע ייִדן וואָס זענען געקומען צו זיי אין הויז אין לוואָוו, זענען געקומען צו דער מאַמע אַרויסרײַסן ציין. אין ניו־יאָרק האָט ער געקאָנט ייִדן נאָר פֿון די טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. די ייִדן זענען טאַקע גענוי ווי די קאָמי־קערס שטעלן זיי פֿאָר. גוטע מענטשן, אָבער קאָמיש־גוט. די באַ־לעבאָסטע, גבֿרת גאָלדבערג, איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו דער מאָלי גאָלדבערג, די קורצע, רונדע, קאָמיש־גוטע ייִדישע שכנטע פֿון די טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. ווי אַלע אין זײַן מצבֿ נוי־טיקט ער זיך אין אַ סך שלאָף, אָבער ווי נאָר ער הייבט אָן אײַנ־דרימלען קלאַפּט זי אין זײַן טיר. זי האָט אָפּגעקאָכט עפּעס גוטס און ער מוז עס פֿאַרזוכן. שבת מוז ער אַרײַנקומען צו זייער טיש

עסן מיט זיי זיס־געקאָכטן קאָרפּ און לאָקשן מיט יויך. דער ראַדיאָ קנאַקט עברית, די קינדער פּלאַפּלען עברית, אַז די באַלעבאָסטע וואָרפט אַרײַן אַ וואָרט פּויליש קאָן ער נישט דערהערן וואָס זי זאָגט. שבת איז דער ערגסטער טאָג ווײַל עס זענען נישטאָ קיין אויטאָבוסן צו אַנטלויפן אין שטאָט אַרײַן. אויב זיי וואָלטן בעסער אָפּגעשטעלט די ראַדיאָ אָנשטאָט די אויטאָבוסן... זיי שלאָפן שבת נאָכמיטיק. אָבער די ראַדיאָ הילכט אויס די נײַעס יעדע שעה, זיי פאַרשלאָפן נישט קיין נײַעס־אוידיציע. ער האָט שוין פּרוּ־בירט אַנטלויפן אין שטאָט אַרײַן מיט אַ שרות־טאַקסי, אָבער וואָס קאָן ער שבת טאָן אין שטאָט? אַפילו די קאַפעען זענען געשלאָסן. אין אָוונט ווען מען עפנט שוין די קינאָס דאַרף מען שטיין צוויי שעה אין דער רייע צו זען פאַר אַנדערהאַלבן שעה אַן אַלטן פילם. וואָלט שוין בעסער געווען צו זיצן אינדערהיים און לייענען אַן אַלטן זשורנאַל. אָבער פונקט ווי עס קאָן נישט זײַן קיין ספק אַז די ראַדיאָ וועט אויסהילכן די נײַעס יעדע שעה צו דער שעה, אַזוי איז אויך זיכער אַז ווי נאָר די באַלעבאַטים וועלן זיך אויפכאַפּן פון זייער שבתדיקן נאָכמיטיק־שלאָף וועט די באַלעבאָסטע קלאַפּן אין זײַן טיר און נישט אָפּטרעטן ביז ער וועט אַרײַנגיין טרינקען מיט זיי טיי.

טיי פאַרבריִען זיי דאָ בעסער ווי אין ניו־יאָרק. דער באַלע־באָסטעס מאַנדל־קיכלעך זענען געשמאַק, אָבער איר גלאַנציקע פלײשיקע נאָז... ווען זי נעמט אַרײַנשטעקן איר נאָז אין זײַנע ענינים בייסט ער דאָס מאַנדל־קיכל מיט כעס, ווי עס וואָלט געווען איר נאָז.

„איך האָף איר זענט צופרידן מיט אײַער צימער, פאַניע גוט־מאַן. ס׳אַ גרויסער צימער, מע קאָן אַרײַנשטעלן נאָך אַ בעט און עס וועט נישט זײַן ענג,״ זאָגט די באַלעבאָסטע און זופּט ווײַ־טער איר טיי.

וויל זי אַרײַנשטעלן נאָך עמעצן אין זײַן צימער, אָדער זי איז אויסן נאָר אַרויסצושרויפן זײַן דירה־געלט? „אַ דאַנק, פאַני גאָלדבערג. זינט איך לעב בין איך נאָך נישט געשלאָפן אין צוויי בעטן מיטאַמאָל.״

„כ׳מיין, ווען אײַער פרוי וועט קומען וועט מען קאָנען אַרײַנ־שטעלן נאָך אַ בעט.״

„ווער האָט אײַך געזאָגט אַז מײַן פרוי וועט קומען?״

„מע דאַרף מיר זאָגן? ווי לאַנג איז דער שיעור צו זײַן צעשיידט?"

„איך האָב נישט קיין ווײַב."

די באַלעבאָסטע האָט אַ בליק געטאָן צו איר מאַן, ווי געזאָגט: נו, זעסט שוין אַז איך ווייס וואָס עס טוט זיך. צו לעאָנען האָט זי געזאָגט: „מע קאָן עס זען אין אײַערע טרויעריקע אויגן. ז'איז לאַנג קראַנק געווען?"

„ווער איז קראַנק געווען?"

„איר זענט נישט קיין אַלמן? מילא, סע טרעפֿט בײַ אונדז אויך. בײַ אײַך אין אַמעריקע, זאָגט מען, קומען פֿאָר מער גטן ווי חתונות. שוין לאַנג זינט איר'ט זיך געגט?"

„געגט? ווער האָט זיך געגט?"

„איר זענט נישט קיין אַלמן און נישט קיין גרוש און האָט פֿונדעסטוועגן נישט קיין ווײַב, מיינט עס אַז איר זענט נאָך אַ בחור. מילא, ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. ספּעציעל פֿאַר אַ מאַן. בײַ אונדז דאָ איז אַן אַמעריקאַנער אַ יחסן. איר קאָנט נאָך קריגן אַ יונג ווײַבל און האָבן מיט איר אַ טוץ קינדער."

„אַ דאַנק, פֿאַני גאָלדבערג, אַ גרויסן דאַנק, אָבער כ'האָלט נישט בײַ חתונה האָבן."

„ווי אַלט זענט איר מר גוטמאַן? זײַט מיר מוחל, אַ פֿרוי טאָר מען דאָס נישט פֿרעגן, אָבער אַ מאַן — — —"

„כ'בין שוין קרובֿ צו פֿופֿציק. אויב כ'וואָלט בדעה געהאַט חתונה צו האָבן וואָלט איך נישט געוואַרט אַזוי לאַנג."

„איר זאָלט מיר מוחל זײַן, פֿאַניע גוטמאַן. ווער האָט הײַנטיקע צײַטן בדעה חתונה צו האָבן? איך האָב פֿאַרלוירן מײַן ערשטן מאַן אין דער מילחמה, אַ קינד איז אויסגעגאַנגען פֿון טיפֿוס, כ'האָב געשוווירן אַז כ'על מער נישט חתונה האָבן. שווער צו רעדן וועגן יענע צײַטן. אַ ייִד האָט אַ חובֿ צו בויען אַ מישפּחה און ברענגען קינדער אויף דער וועלט, להכעיס די היטלערס און נאַסערס. און אַז עס קומט דער ריכטיקער זיווג — — מײַן מאַן, דער איצטיקער מאַן, איז אין דער מילחמה מגולגל געוואָרן קיין רוסלאַנד, פֿאַרשיקט געוואָרן צו דער כינעזישער גרענעץ און אַז עס איז באַשערט איז ער צוריקגעקומען אין צײַט און מײַן יוסי איז נאָך געבוירן געוואָרן אין פּליטים־לאַגער אין בערגען בעלזען. גלויבט מיר, אַז ס'עט אײַך אָקעגנקומען עפּעס רעכטס — — —"

„נישט עפּעס רעכטס, און נישט עפּעס לינקס, כ׳האָלט נישט בײַם חתונה האָבן. כ׳דאַנק אײַך סײַ ווי, און אַ דאַנק פֿאַר דער טיי.״

„וואָס אײַלט איר זיך? דאָס ערשטע מאָל זיך אַ ביסל אָראָפּ־געררעדט פֿון האַרץ — —, זיצט נאָך אַ ביסל, מיט גוואַלט וועל איך אײַך צו דער חופּה נישט פֿירן, אָבער איך האָב אַ שוועס־טערקינד, יונג, אינטעליגענט און אַ שיינקייט, אַזעלכענע גרויסע שוואַרצע אויגן,״ האָט די באַלעבאָסטע געוויזן די גרויס פֿון אַ פֿויסט. „זי קען אַ ביסל ענגליש אויך.״

„העברעיִש קען זי?״

„אַ שאלה אַ ביסל, נאָך וואָס פֿאַרא עבֿרית! אַז מע זאָגט אײַך אַן אינטעליגענטער מענטש. זי האָט — — —״

„ענגליש קען זי נאָר אַ ביסל, העברעיִש קען זי גוט. פֿאַר־וואָס זאָל זי נישט נעמען אַ העברעיִש־רעדער, אַ היגן?״

„דאָס לאָזט איבער צו מיר, פֿאַניע גוטמאַן. זי האָט זיך געגט, ווײַל איר מאַן, כ׳מײַן איר געוועזענער מאַן, איז אַ קאָרטן־שפּילער. פֿרײַטיק אָפּגענומען די שׂכירות און זונטיק שוין נישט געהאַט אַ פּרוטה. איר זענט אַ שטילער מענטש. איר האָט זיכער אָפּגע־שפּאָרט אַ פּאָר דאָלער. אַז איר זוכט נישט קיין פּאָסטן מוז זײַן — — —״

„אויב איר מיינט אַז יעדער אַמעריקאַנער איז אַ מיליאָ־נער — — —״

„איך מיין גאָרנישט. איך ווייס נאָר אַז ס׳איז שווער צו זײַן אַליין, בפֿרט ווען דאָס געזונט איז נישט אַזוי אַזוי. אַז מ׳האָט אַ ווײַב — — —״

„ווער האָט אײַך געזאָגט אַז איך בין נישט געזונט?״

„מיר דאַרף מען זאָגן? איך רוים צו אײַער שטוב און זע פֿלעשלעך מיט מעדיצינען. מע דאַרף מיר לייגן אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן?״

„אַ דאַנק פֿאַר דער טיי — — —״

„זיצט נאָך אַ ווײַלע, מיסטער גוטמאַן. בײַ אײַך זאָגט מען מיסטער, יאָ? איר קאָנט נאָך מיינען אַז איך בין פֿון די וואָס האָבן ליב זיך מישן אין יענעמס עסקים. אָבער אַז אַ מענטש איז נישט געזונט...״

„האָט נישט קיין מורא, איך וועל נישט פּלוצעם אָוועקשטאַרבן בײַ אײַך אין הויז.״

„חלילה, טפֿו, באַהיט זאָל מען ווערן! ווער רעדט וועגן שטאַרבן?"

„מײַן ווײַב זאָרגט זיך," האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגערופֿן, „טאָמער דאַרפֿט איר אַ דיעטע."

„אַ געזונטער קאָן אויך קראַנק ווערן פֿון דעם שטענדיקן עסן אין די רעסטאָראַנען. איר זענט דאָך צווישן אייגענע, עס שפּילט דען אַ ראָלע אַרויפֿשטעלן נאָך אַ טעפּל אויף דער קיך?"

„דער פֿאַן גוטמאַן קאָן נאָך מיינען אַז דו זוכסט צו פֿאַרדינען בײַ אים נאָך אַ פֿאַר פֿונט. מײַן ווײַב האָט אַ טבֿע צו טראָגן אַלעמענס דאגות אויף איר קאָפּ. טאָמער האָט איר נישט קיין דאגות וועט זי אײַך אײַנרעדן אַז איר האָט, כּדי זי זאָל קאָנען העלפֿן."

„אַ דאַנק, איך בין נישט אויף קיין דיעטע און, זאָרגט זיך נישט וועגן מײַן געזונט, ס'איז נישט ערנסט. אַ דאַנק אײַך סײַ ווי."

„גאָט צו דאַנקען. ס'ביסל געזונט איז ווי — — — אַז קראַנק זענט איר נישט און קיין ווײַב האָט איר נישט איז דאָך טאַקע אַן עבֿירה אָפּצופֿינצטערן אַ לעבן אַליין."

„ווער האָט אײַך געזאָגט אַז איך פֿינצטער אָפּ מײַן לעבן? פֿאַני גאָלדבערג, איך וויל זײַן אַליין און בין צופֿרידן צו זײַן אַליין, איר פֿאַרשטייט?"

„אַז איר וועט זען מײַן קוזינע וועט איר מער נישט וועלן זײַן אַליין. ס'קאָן זיך מאַכן זי זאָל קומען צו אונדז. דאָ, אין ישׂראל, באַזוכן קרובֿים איינס ס'אַנדערע, און אַז איר וועט זי זען — — איר וועט זי זיכער זען און קיינער צווינגט דאָ קיינעם נישט צו גאָרנישט."

די באַלעבאָסטע האָט נישט איבערגעטריבן וועגן די מעלות פֿון איר קוזינע, און לעאָן וואָלט גערן פֿאַרגעסן אַז אַ מענטש מיטן נאָמען גוטמאַן עקזיסטירט נישט און ער טאָר נישט מאַכן קיין באַקאַנטשאַפֿטן. דער איינציקער חסרון פֿון דער קוזינע איז געווען וואָס זי האָט אַפֿילו נישט אַ קוק געטאָן אין זײַן זײַט. די באַלעבאָסטע האָט אים פֿאַרבעטן צו פֿאַרברענגען דעם נאָכמיטיק מיט דעם גאַסט, אָבער די קוזינע איז אַוועק באַלד נאָכן עסן. ער האָט פֿאַרבראַכט דעם נאָכמיטיק מיט זײַן שפּיגל. זײַן הויט קרענקלעך בלאַס, טאָרבעס אונטער די אויגן. ער זעט אויס וואָס ער איז — אַן אויסגעלאָשענער מענטש. צו אַלע צרות האָט אים פֿלו־

צעם אָנגעכאַפּט אַ בײַסעניש איבערן לײַב און ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פֿון קראַצן. איז די שיפֿן־קרענק אַ סימפּ־טאָם פֿון זײַן לוקעמיע? ער האָט דאָ אַפֿילו נישט וועמען צו פֿרעגן. וואָס קראַצט ער די הויט? ער דאַרף אויסקראַצן זיך די אויגן, ער זאָל נישט זען זײַן צעיוירענע צורה וואָס האָט שוין איצט פֿון פֿאַרויס די קאָליר וואָס ער דאַרף האָבן ערשט ווען ער וועט „אויסציִען די קאָפּיטעס״. פֿאַרוואָס, צו אַלדי רוחות, האָבן זיי אים פֿאַרמישפּט צו תּפֿיסה? אויב זיי וואָלטן אים פֿאַרמישפּט צום עלעקטרישן שטול וואָלט ער נישט אַנטלאָפֿן. וואָס פֿאַראַ שלעכטס האָט ער געטאָן אַז עס קומען אויף אים אַזויפֿיל צרות? איידער אַזאַ בײַסעניש, איידער אַזאַ לאַנגע ביטערע גסיסה וואָלט שוין בעסער געווען — — ער רײַסט פֿון זיך שטיקער פֿלייש, הלוואַי זײַנע נעגל וואָלטן געווען לענגער און שאַרפֿער ער זאָל קאָנען מיט זיי אַדורכלעכערן דעם גאָרגל, אָדער דאָס נאַרישע שלימזל־דיקע האַרץ!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

III

פּאַניק

צו וועמען רעדט מען? קאָן אַ גאַנץ פֿאָלק זײַן געשלאָגן מיט בלינדקייט? עס קומט אויס ווי נאָסער וואָלט געפֿירט אַ מלחמה נאָר קעגן אים אַליין. נאָסער זאָגט, ער פֿאַרציט שוין די פּעטליע אַרום ישׂראלס האַלדז, און זיי גייען אָן ווי נישט זיי מיינט מען. יאָ, ער, לעאָן, שטיקט זיך, ער פֿילט די פּעטליע אַרום זײַן האַלדז.

געקומען איז ער אַהער זוכן מנוחה, אָבער אַ וואָזשנע מנוחה איז דאָס אַז מע ווייסט קיינמאָל נישט ווען און וווּ די פֿעדאַיִן וועלן אָנפֿאַלן. אונטערגעצונדן אַ בהמות־שטאַל אין אַ קיבוץ, באַשאָסן די אַרבעטער אויף אַ פֿעלד. רויִק עטלעכע טעג און ווידער אַ באָמבע אונטער אַ הויז פֿון שלאָפֿנדיקע קינדער. וואָס וועט זײַן דער סוף? די ירדנער האָבן נאָר אַכט מײַל איבערצושניידן ישׂראל אויף צוויי, וואָס וועט דאָן זײַן מיט תּל־אָבֿיבֿ? אַ גוטער האַר־מאַט קאָן באַשיסן תּל־אָבֿיבֿ פֿון אַריבער דער גרענעץ.

נאָסער האָט שוין געשלאָסן דעם דורכגאַנג פֿון סועץ פֿאַר ייִדישע שיפֿן, ס׳איז טאַקע ווי אַ פּעטליע אויפֿן האַלדז. סאָוויעט־רוסלאַנד האָט גענומען שיקן מאַסן געווער קיין עגיפּטן, האַרמאַטן, טאַנקען, עראָפּלאַנען. זיי דאַרפֿן גאַרנישט אַזויפֿיל צו צעטרעטן דאָס פּיצעלע ישׂראל. אַ וואַזשנע חכמה געווען זײַן לויפֿן דווקא אַהער.

די בײַסעניש האָט אָפּגעטראָטן, אָבער די צעקראַצטע הויט האָט זיך נישט געהיילט און ס׳איז אים שווער געווען צו טראָגן אַ העמד אויפֿן לײַב. ס׳איז שוין געווען אָקטאָבער אָבער די היצן האָבן נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. אויך די פּאָליטישע היץ האָט אָנגעהאַלטן: עגיפּטן האָט בלאָקירט דעם אַקאַבאַ־אויסגוס און נישט צוגעלאָזט קיין שיפֿן צו ישׂראלס פּאָרט אין רויטן ים. די כּנסת איז זיך צוזאַמענגעקומען חול המועד סוכּות וואָס איז אַ מין האַל־בער יום־טובֿ. בן־גוריון האָט געוואָרנט אַז דער הויפּט־שׂונא פֿון ישׂראל איז נישט ירדן, נישט איראַק, נאָר נאָסער און זײַן עגיפּטן. לעאָן האָט געמוזט מיטמאַכן אַלע יום־טובֿדיקע סעודות מיט די באַלעבאַטים און אויסהערן די זינלאָזע רייד פֿון די געסט. זיי וועלן מאַכן אַ סוף צו די פֿעדאַיִן־אָנפֿאַלן? וואָס מיינען זיי אַז ניסים געשען יעדן טאָג? ער האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל צוגעוווינט צו די ייִדן, אָבער ווי קאָן אַ פֿאָלק עקזיסטירן אָן שום חוש פֿאַר רעאַליזם? די ייִדן זענען דאָך נאָר אַ קליינער טראָפּן אין דעם גרויסן אַראַבישן ים. עס דערמאָנט אים אין אַן אָפּגע־שמיסן ייִנגעלע וואָס האָט געבײַלט אַ קליין פֿויסטל קעגן זײַן גרויסן, ריזיקן שמײַסער און געסטראַשעט: איך וועל דיך פֿאַ־טשאַפּן אין אַ טונקל הינטערגעסל וועל איך דיר אָנברעכן די בײנער.

עס איז געווען דער ערשטער פֿרײַטיק נאָך יום־טובֿ. די באַ־לעבאָסטע איז ווי יעדן פֿרײַטיק אַהיימגעקומען פֿריִער צוצוגרייטן אויף שבת. ווי אַלעמאָל האָט זי געעפֿנט דעם ראַדיאָ ווי נאָר זי איז אַרײַן אין שטוב. לעאָן האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין עבֿרית, ער האָט פֿונדעסטוועגן דערקענט אַז די ווערטער קלינגען מאָנאָ־טאָן און אָפּגעריסן ווי זיי וואָלטן נישט געווען פֿאַרבונדן מיט פּראַזעס, ווי דאָס וואָלטן געווען ציפֿערן, נישט ווערטער. מילא, אַ פֿאַרשלאָפֿענער פֿאַרלייענער. ער איז אַרויס קויפֿן זײַן דזשערוסאַלעם פּאָוסט, דער צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער איז נישט געווען בײַ זײַן קיאָסק,

אַן אַלטע פֿרוי האָט געגומען בײַ אים דאָס געלט. ער איז אַרײַן אין אַ ראַזיר־אַנשטאַלט, דער ראַזירער האָט אים אָנגעזייפֿט דאָס פּנים און זיך צוגעהערט צום ראַדיאָ. פּלוצעם האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דאָס מיינט מען מיך," און איז אַרויס. לעאָן איז געזעסן מיט אַן אָנגעזייפֿט פּנים. דער אַנדערער ראַזירער איז געווען פֿאַרנומען מיט אַן אַנדערן קליענט. ער האָט געעצהט לעאָן זאָל אָפּוואַשן די זייף פֿון פּנים, עס וועט נאָך נעמען אַ היפּשע ווײַלע, זײַן קליענט וויל שערן די האָר, וואַשן זיי, און ראַזירן דאָס פּנים. אָבער פּלוצעם האָט דער קליענט זיך אַ דריי געטאָן צום ראַדיאָ, אַ זאָג געטאָן „תּודה" און אַרויס. אַ מאָדנע פֿאָלק די ישׂראלים, אַכיבע...

אינדערהיים האָבן די באַלעבאַטים ווייניק גערעדט, אַפּילו די שבתדיקע מאָלצײַט געגעסן אָן אויסצורעדן אַ וואָרט. נאָר דעם ראַדיאָ האָבן זיי נישט פֿאַרמאַכט אַפּילו ווען מען איז געגאַנגען שלאָפֿן. בײַנאַכט האָט עמעץ געקלאַפּט אין דער טיר. אינדערפֿרי ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען איז דער באַלעבאָס נישט געווען אינדערהיים. „מע וועט נישט וואַרטן אויפֿן באַלעבאָס?" האָט ער געפֿרעגט ווען די באַלעבאָסטע האָט אים פֿאַרבעטן צו דעם שבתדיקן מאָלצײַט. „צו לאַנג צו וואַרטן," האָט די באַלעבאָסטע געענטפֿערט.

„וואָס עפּעס?"

„אַז מע רופֿט גייט מען."

„וועך? וווהין?"

זונטיק האָט ער געהאָלפֿן באַקלעפּן די שויבן מיט פּאַסן פּאַפּיר. אין הויף האָט מען געגראָבן אַ שוצגרוב.

אַן ענגלישער ראַדיאָ־בולעטין האָט געמאָלדן אַז ישׂראל מאָביליזירט איר אַרמיי, פּרעזידענט אײַזנהאַוער האָט געבעטן בן־גוריונען ער זאָל זיך אָפּהאַלטן פֿון לייזונגען מיט כּוח.

לעאָן פֿאַרשטייט שוין אַז בן־גוריון וויל אָפּשרעקן נאַסערן, אָבער נאַסער וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אַן אידיאָט ער זאָל זיך דערשרעקן. ער האָט נישט מורא געהאַט פֿאַר די ענגלענדער וואָס האָבן געהאַט באַזעס אין עגיפּטן און אַ מאַכטיקן פֿלאָט אין מיטללענדישן ים. ער דערשרעקט זיך נישט פֿאַר די סטראַשונקעס פֿון פֿראַנקרײַך און דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום אַמעריקאַנער פּשרות־מאַכער דאַלעס. וועט ער זיך דערשרעקן וואָס אַ ראַזירער און אַ צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער זענען אַוועק צו דער גרענעץ? אַבי מע

זאָגט אַז ייִדן זענען קלוג. ער איז נישט קיין מיליטערמאַן, אָבער דער שׂכל הישר זאָגט אים אַז אַ מאָביליזירטער רעזערוו האָט אַ ווערט נאָר ווי אַ צוגאָב צו אַ גוטער פּערמאַנענטער אַרמיי מיט פּראָפֿעסיאָנעלע אָפֿיצירן און אונטעראָפֿיצירן. דאָ — אַ מדינה סך הכּל אַכט יאָר אַלט, אָן סאָלידער מיליטערישער טראַדיציע, אָן דערפֿאַרן פֿון אַ מילחמה מיט די מאָדערנע מילחמה־מאַשינען וואָס די עגיפּטער האָבן איצט. אָן אָנפֿירערשאַפֿט פֿון קיבוצניקעס, גענעראַלן וואָס ווייסן בעסער ווי צו באַמיסטיקן אַ פֿעלד ווי צו מאַנעווירירן מיט אַ מאָדערנעם האַרמאַט. צו פּאַראַדירן אין יום־העצמאות איז דאָס געניג, אָבער צו פֿירן אַ מילחמה מיט פֿילפֿאַך גרעסערע, בעסער באַוואָפֿנטע אַרמייען?

עגיפּטן, ירדן, סיריע, לבֿנון, איראַק, סאַודיע, — פֿאַרשידענע מלוכות אָבער אַלע אַראַבער מיט דער זעלביקער שפּראַך, די זעלביקע קולטור, די זעלביקע מענטאַליטעט. אָבער דאָ אין ישׂראל? אַלע פּלאַפּלען שוין אַ ביסל העברעיִש, אָבער ס'איז אַ בבֿל־טורעם פֿון פֿאַרשידענע קולטורן און היפּוכדיקע מענטאַליטעטן. די יעקעס זענען מער דײַטשן ווי ישׂראלים און די פֿראַנקען רעדן מער אַראַביש ווי עבֿרית. די פּוילישע האַלטן די יעקעס פֿאַר נאַרישע אָנגעבלאָזענע קראַכמאַליעטע העמדער, ביידע האַלטן די גאַליציאַנער פֿאַר פֿאַלשע מענטשן, אַלע דרײַ האַלטן די רומענישע פֿאַר גנבֿים. ווען די אַראַבישע אַרמייען וועלן זיך אָנרוקן פֿון אַלע זײַטן וועט די צה״ל זיך צעפֿאַלן אין קליינע סעקטאַנטישע גרופּעס וואָס איינע האָט פֿײַנט די אַנדערע. אַ ייִדליקל פֿון פּלוינסק איז געוואָרן אַ מלוכה־פֿירער און שפּילט זיך מיט פֿײַער. פֿאַראַן נאָר איין האָפֿן אַז די אינטעליגענטע, ראַציאָנעלע יעקעס וועלן פֿאַרכאַפּן די מאַכט און אַ סוף מאַכן צו דעם משוגעת.

אַ פּאָפּולערער וויץ איז געוואָרן אַ טראַגישער אמת: צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן געוואַרט אויף אַ מלוכה האָט עס גראָד מיך באַדאַרפֿט טרעפֿן.

די באַלעבאָסטע האָט געעצהט לעאָן זאָל זיך אײַנקויפֿן אַ ביסל שפּײַז. ער איז קודם כּל אַוועק צו דער באַנק אַרויסנעמען זײַן געלט. יעדער שלימזל האָט זײַן מזל. מחמת ער געפֿינט זיך דאָ אויפֿן נאָמען גוטמאַן האָט ער מורא געהאַט אַרײַנלייגן צופֿיל געלט אויף זײַן קאָנטע אויפֿן פֿאַלשן נאָמען. ווען נישט דאָס וואָלט געווען ביטער, אַלע באַנק־קאָנטעס זענען שוין זיכער געשלאָסן.

לעאָן איז געווען איבערראַשט ווען די באַנק האָט אים אויס־געצאָלט ביז צו דער פּרוטה. אָבער צוריקגעשמועסט: זיי האָבן אים אויסגעצאָלט ישראלדיקע פונטן וואָס ווען סײַ ווי האָבן אַ קנאַפּן ווערט. ניסים וואָס ער האָט די דאָלאַרן נישט אַרײַנגעלייגט אין באַנק. ער מוז טאַקע צוריקגיין אַהיים נעמען אַ פּאָר דאָלער. די שפּעקולאַנטן האָבן שוין זיכער פאַרצענפאַכיקט דעם פּרײַז און באַהאַלטן די וויכטיקסטע אַרטיקלען. אַז דער קרעמער וועט דערזען אַמעריקאַנער דאָלאַרן — — —

געווען אַ סך קונים אין געוועלב, אָבער יעדער האָט באַקומען וואָס ער האָט געוואָלט צו נאָרמאַלע פּרײַזן. מען האָט אײַנגעקויפט מער ווי געוויינלעך, מחמת מע וועט נישט קאָנען אַרויסגיין ווען דער שונא וועט באָמבאַרדירן די שטאָט. קיין פּאַניק איז נישט געווען. אין די מענטשן איז עפּעס אַטראָפירט געוואָרן אין היט־לערס קאָנצענטראַציע־לאַגערן. יאָ, דאָס געפיל פון שרעק איז אַט־ראָפירט געוואָרן אַנישט וואָלטן זיי פון זינען אַראָפּ. אָבער פאַר־לירן די פעיִקייט זיך צו דערשרעקן איז אויך אַ פּסיכישע קרענק. כּדי אַ מענטש זאָל קאָנען עקזיסטירן מוז ער זײַן פעיִק צו שרעק, ווי זײַן גוף מוז קענען דערפילן ווייטיק כּדי ער זאָל נישט זיך אַליין צעשטערן. נאָסער שרײַט: עגיפּטן וועט אײַך צעמאָלן אויף שטויב. די עגיפּטישע ראַדיאָ וואָרנט: די פעדאַיִנס זענען נאָר פאָרפּאָסטנס פון דעם עגיפּטישן כּוח וואָס וועט אָפּווישן ישׂראל פון דער ערד. ד ישׂראל־צײַטונגען דרוקן איבער פון די עגיפּטישע צײַטונגען דעם רוף צו די פעדאַיִנס: „קאָמאַנדאָס, מענטשן פון עגיפּטן און פּאַ־לעסטײַן, טוט אײַער פליכט: צינדט אונטער, צעשטערט און קוילעט!“

די ישׂראל־פּרעסע איז מודה אַז זינט דעם וואָפנשטילשטאַנד נאָך דער באַפרײַונגס־מלחמה זענען פאָרגעקומען זעקס טויזנט אָנפאַלן, און באַשרײַבן די נײַע מינים געווער און די נײַע אויס־שולונג וואָס טשעכיע און רוסלאַנד האָבן געגעבן דעם שונא. ער לייענט די צײַטונג אין גאַס נעבן דעם קיאָסק, אַנדערע טוען דאָס זעלביקע. ער קוקט אַריבער זײַן צײַטונג און וואַרט. ווען וועלן זיי נעמען לויפן צו בן־גוריונס ביוראָ און שרײַען אַז זיי ווילן נישט קיין זינלאָזע, אויסזיכטלאָזע מלחמה. זיי לייענען זייער צײַ־טונג און גייען זיך אוועק שטיל. עס גייט אים נישט נאָר אין זײַן אייגענעם בידנעם, קורצן לעבן. ווי זאָגט אַ פּויליש ווערטל:

„בלוט איז נישט קיין וואַסער," זיי זענען פֿאָרט זײַן בלוט און פֿלייש.

דינסטיק בײַנאַכט האָט אַן אויסלענדישער ראַדיאָ געמאָלדן אַז ישׂראל־פֿאַראַשוטיסטן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין סיני טיף הינטער די עגיפּטישע פּאָזיציעס. לעאָן האָט זיך פּרובירט טרייסטן אַז ס'איז נאָר אַ שטראָף־אַקציע. די מיטוואָכדיקע פֿרימאָרגן־צײַטונגען האָבן באַשטעטיקט שוואַרץ אויף ווײַס: מילחמה! די „פֿאָוסט" האָט געבראַכט דעם רוף פֿון גענעראַל אסף שמעוני צו די סאָלדאַטן פֿון דרום־פֿראָנט: „די כּוחות פֿון דרום וועלן קעמפֿן קעגן דער עגיפּטישער אַרמיי — — —" לעאָן האָט געשלאָסן די אויגן. איצט זאָגט שוין דער ישׂראל־גענעראַל דאָס זעלביקע וואָס די עגיפּטער. אַז ער וויל אַ פּויער, אַ ראַזירער, אַ צײַטונג־פֿאַרקויפֿער — פֿרידלעכע מענטשן זאָלן קאָנען שיסן און קוילען, מוז ער אויפֿוועקן אין זיי ביטערניש, מוז ער זיי אָנטרינקען מיט שׂינאה. „בלוט פֿאַר בלוט!" שרײַט אוודאי דער ייִדישער גענעראַל און אַ שוים שפּריצט פֿון זײַן מויל. דער קאָמאַנדיר וועט דערמאָנען דעם אָנפֿאַל און שחיטה פֿון די קינדער אין שפֿריר, די גראַנאַטן געוואָרפֿן אויף אַ חתונה אין אַ נגבֿ־קיבוץ. אַ טויט די קינדער־מערדערס! קעמפֿט ביז איר וועט זיי אָפּווישן פֿון דער ערד! אַזוי האָט זיכער גערופֿן דער קאָמאַנדיר פֿון דרום־פֿראָנט.

לעאָן האָט געעפֿנט די אויגן און ווידער גענומען לייענען: „די כּוחות פֿון דרום־פֿראָנט וועלן קעמפֿן קעגן דער עגיפּטישער אַרמיי ביז זיי וועלן פֿאַרזיכערן אַז דער ישׂראל־פּויער וועט קאָנען אַקערן זײַן ערד אין מנוחה, אַז די בירגער, די פֿרויען, די אַרבעטער זאָלן קאָנען לעבן אין זיכערקייט אויף אונדזער ערד און מער נישט זײַן דער ציל פֿאַר אַ האָגל פֿון בלײַ, און אַ קינד זאָל קאָנען שלאָפֿן רויִק אין דער וויג."

זייער פֿײַן, זייער איידל. אויב ער, לעאָן, וואָלט געווען אַ לערער און אַ קינד וואָלט צו אים געבראַכט אַזאַ שרײַבן וואָלט ער דעם קינד געגעבן די בעסטע צייכנס. אָבער אַזוי פֿירט מען אַ מילחמה? אויב אַ האָליוווּד־מווי וואָלט געמאַכט אַזאַ קוואַטש און בטלנות וואָלט מען עס אויסגעלאַכט. אויב זייער מיליטערישע אויסשולונג איז אַזוי צוגעפּאַסט צו מילחמה ווי די איידעלע באַפֿעלן פֿון זייערע קאָמאַנדירן איז די מילחמה שוין אַ פֿאַרשפּילטע!

די ישועה איז געקומען פֿון אַן אומדערוואַרטן צד. פֿראַנק־

רײַך און ענגלאַנד האָבן געשיקט אַן אולטימאַטום סײַ צו ישׂראל, סײַ צו עגיפּטן זיי זאָלן זיך צוריקציִען צען מײַל פֿון סועץ־קאַנאַל.

צען מײַל פֿון סועץ־קאַנאַל? די ישׂראלים זיך צוריקציִען? זאָל דאָס מיינען אַז די אַלע פֿאַנטאַזיעס וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַהיימגעבראַכט זענען נישט קיין הוילע פֿאַנטאַזיעס? די ישׂראל־קאָמוניקאַטן זאָגן ווייניק, די עגיפּטישע דערציילן וועגן ניצחונות, וואָס טוט זיך דאָ?

תּל־אָבֿיבֿ איז נישט באָמבאַרדירט געוואָרן פֿון דעם עגיפּטישן לופֿט־פֿלאָט. לויט די ישׂראלדיקע קאָמוניקאַטן האָבן גאָר די ישׂ־ראלים אַראָפּגעשאָסן דרײַ מיגס און זעקס אַנדערע דזשעטס. נו, נישט אַלץ איז פֿאַרלוירן, אָבער ישׂראל האָט לאַנגע ים־ברעגעס. ווי אַזוי וועט מען פֿאַרטיידיקן די ברעגעס מיט ישׂראלס נעבעכדיקן פֿלאָט?

דאָנערשטיק פֿאַרטאָג האָט טאַקע אַן עגיפּטישער קאָמוניקאַט געמאָלדן אַז זייער פֿלאָט באַשיסט חיפֿה. ער, לעאָן, האָט עס פֿאַ־רויסגעזען, פֿאַרוואָס האָבן נישט געטראַכט וועגן דעם די ייִדישע קריגס־פֿירערס?

דאָס מאָל האָט דער עגיפּטישער קאָמוניקאַט געזאָגט דעם אמת. זייער צעשטערער „איבראַהים על אַוואַל” האָט טאַקע באַשאָסן חיפֿה אין דער נאַכט פֿון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק. דאָנערשטיק זיבן מיט דרײַסיק אינדערפֿרי האָט דער עגיפּטישער צעשטערער שוין אַרויסגעהאָנגען אַ ווײַסע פֿאָן. די ישׂראלים האָבן באַזעצט די באַ־שעדיקטע שיף און זי צוגעשלעפּט צום ברעג.

ישׂראל־מיליטער האָט שוין נאָכגעיאָגט די עגיפּטער איבער גאַנץ סיני, און איז שוין געגאַנגען אויף עזה. ענגלאַנד און פֿראַנק־רײַך האָבן שוין באָמבאַרדירט עגיפּטישע פֿלי־פֿעלדער, ס'איז נאָך אַלץ פֿונדעסטוועגן מעגלעך געווען אַן עגיפּטישער עראָפּלאַן זאָל זיך באַווײַזן אַדורכצורײַסן, אָדער אַ סירישער עראָפּלאַן זאָל זיך אַרײַנמישן און באָמבאַרדירן אַ ישׂראלדיקע באַן־ליניע, האָט לעאָן זיך אַליין געוואָרנט און איז דאָך געלאָפֿן צו דער באַן־סטאַציע און זיך אַוועקגעלאָזט קיין חיפֿה. די ייִנגערע זענען געווען אויף די פֿראָנטן, ס'איז אָבער געווען אַ געשטופּ פֿון ווײַבער און קינדער.

מען האָט נישט צוגעלאָזט נאָענט צום ברעג. ער האָט זיך פֿונ־דעסטוועגן אַדורכגעשטופּט ביז צום הילצערנעם באַריער און עס איז כּדאַי געווען. ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען די ישׂ־ראלדיקע פֿאָן פֿלאַטערן אויף דער עגיפּטישער קריגסשיף. ער האָט באַר איין קוק געטאָן און די קאָנטורן פֿון דער שיף זענען זיך צעפֿלאָסן אין זײַנע טרערן.

ווען לעאָן איז צוריקגעפֿאָרן קיין תּל־אָבֿיבֿ איז ער שוין גע־ווען הייזעריק, אָבער אָן אַ קול האָט עס נאָך אַלץ געשריגן אין אים: הידד, הידד!

דער לאַסטוואַגן וואָס דער באַלעבאָס האָט געפֿירט איז אַרויף אויף אַ מינע. מען האָט אים געבראַכט פֿון עזה־פֿראָנט אין אַ שפּי־טאָל אַרײַן נעבן פּתח־תּקווה. ווען לעאָן האָט אים באַזוכט האָט דער באַלעבאָס צו אים געשמייכלט. ער האָט פֿאַרלוירן אַ פֿוס, אָבער געוווּנען די מילחמה. אויס מיט די פֿעדאַיִן־באַזעס אין עזה. מער קיין גראַנאַטן אויף יידישע חתונות און אויף שלאָפֿנדיקע קינדער.

די באַלעבאָסטע האָט זיך נישט פֿאַרגינען אַ קרעכץ צו טאָן. פֿון דעם הויז אַקעגנאיבער זענען צוויי זין געפֿאַלן. דאַנקען גאָט וואָס איר מאַן לעבט, אירע קינדער לעבן.

דעם פֿינפֿטן נאָוועמבער האָבן די עגיפּטער אויף דעם סיני־האַלב־אינדזל געלייגט דאָס געווער. טראָץ דעם דרוק פֿון די פֿאַר־אייניקטע פֿעלקער האָט בן־גוריון דעם זיבעטן נאָוועמבער דער־קלערט אין דער כּנסת אַז ישׂראל וועט בלײַבן אין סיני ביז עס וועט דערגרייכט ווערן אַ שלום. אָבער די זעלביקע אַמעריקע וואָס רודפֿט אים, לעאָנען, האָט זיך אויך אָנגעזעצט אויף ישׂראל ביז ישׂראל האָט צוגעזאָגט זיך צוריקצוציִען. פֿאַרוואָס האָט בן־גוריון פּלוצעם מסכּים געווען צוריקצוגעבן נאָסערן די פֿעדאַיִן־באַזעס און די מעגלעכקייט ווידער צו שליסן די וואַסער־וועגן פֿאַר ישׂ־ראלס שיפֿן? מע זאָגט אַז אײַזנהאַוער האָט צוגעזאָגט בן־גוריונען אַז אַמעריקע וועט גאַראַנטירן ישׂראלס פֿרײַע נאַוויגאַציע אין סועץ־קאַנאַל און אין טיראַן־דורכפֿאָר. אויב בן־גוריון וואָלט אויסגע־שטאַנען פֿון אַמעריקע וואָס ער, לעאָן, שטייט אויס, וואָלט ער נישט געטרויט זייערע הבטחות.

IV

יונה קאַראַבין

אַן אַרטילעריע־אָפיציר האָט געשולט נײַע רעקרוטן. ווען דער האַרמאַט האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן קנאַל זענען אַלע רעקרוטן זיך צעלאָפֿן, נאָר יונה איז געבליבן שטיין. „פֿאַרלאַנג וואָס נאָר דו ווילסט און וועסט עס באַקומען,” האָט דער אָפיציר געוואָלט באַלוינען יונהן פֿאַר זײַן אומדערשראָקנקייט. „כ׳בעט געהאָרכזאַם אַ פּאָר טרוקענע הויזן,” האָט יונה געענטפֿערט.

דאָס איז געווען אַזאַ וויץ וועגן יידישע סאָלדאַטן אין פּוילישן מיליטער. אַ יידישן זעלנער האָבן זיי גערופֿן „יונה־קאַראַבין, יונה־ביקס” און געלאַכט. דאָס בלויזע צונויפֿפּאָרן יונה מיט ביקס האָט שוין געקלינגען אויסטערליש און קאָמיש.

יונה האָט פֿײַנט די ביקס, דאָס איז אמת. אָבער ווען יונה דאַרף נעמען די ביקס צו פֿאַרטיידיקן זײַן לאַנד קעגן שונאים, ווער מאַכט אין די הויזן? נישט יונה!

זאַשאַ האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ „יונה קאַראַבין”. מאַמע־לעאַן האָט זי אים גערופֿן, אַ גוט יידליקל, אַ שלימזל. בערנאַרד זעט אויס מער גוי און איז טאַקע מער גויִיש, אָבער נישט גענוג גויִיש זי זאָל מיט אים מיטפֿאָרן קיין אַמעריקע. זאַשאַ איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער פֿון דעם אוקראַיִנישן פֿאָלק און איז געבליבן אַן אוקראַיִנערין אונטער פּוילישער הערשאַפֿט, אונטער סאָוויעטישער הערשאַפֿט, בראַוואָ זאַשאַ! זי איז דער איינציקער גלײַכער מענטש אין דעם גאַנצן צעקרומטן סאַבאַלאָוויטש־געזינדל.

סאָוויעטיש אוקראַיִנע באַזינגט און שטעלט אויף מאָנומענטן דעם בלוטדורשטיקן פּאָגראָמטשיק באָגדאַן כמיעלניצקי. כמיעלניצקיס באַנדעס האָבן טאַקע אָפּגעווישט פֿון דער ערד גאַנצע יידישע קהילות, אויסגעקוילעט און פֿאַרפּײַניקט צענדליקער טויזנטער יידן, אָבער זיי זענען געווען אויפֿשטענדלערס קעגן פּוילן און פֿאַראייניקט אַ שטיק אוקראַיִנע מיט רוסלאַנד, און דאָס איז העלדיש. האָט דען די קאַטוילישע קירך זיך אָפּגעטרייסלט פֿון דעם רום פֿון די קרייץ־צוגלער ווײַל זיי האָבן אויסגעקוילעט גאַנצע יידישע קהילות? רוים האָט גאָר מאַנכע פֿון זיי קאַנאָניזירט און געמאַכט פֿאַר הייליקע.

געווען אויך אין ישראל אַן אומגליק ווען אַן אונטעראָפֿיציר

האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען דעם באַפֿעל פֿון זײַן אָפֿיציר און גע־שאָסן אויף דער ציווילער באַפֿעלקערונג פֿון אַן אַראַבישן דאָרף. ניין, ישׂראל האָט עס נישט באַרעכטיקט ווי אַ נקמה־אַקט פֿאַר ענלעכע מעשׂים קעגן ציווילע ייִדן. ישׂראל האָט דעם אונטער־אָפֿיציר נישט גלאָריפֿיצירט ווי אַ העלד און נישט קאַנאָניזירט ווי אַ הייליקן. ישׂראל האָט אים אָוועקגעזעצט אויף דער באַשול־דיקונגס־באַנק, אים געמישפּט און באַשטראָפֿט. יאָ, דאָס איז יונה־קאַראַבין־מענטאַליטעט. אין דעם זין זענען די גויִים גערעכט. אין דעם זין איז ער, מאַמע־לעאָן, אַ זון פֿון דעם יונה־קאַראַבין־פֿאָלק און איז שטאָלץ מיט דעם.

לעאָן איז איצט גאַנצע טעג געזעסן אין דער שטאָט־ביבליאָ־טעק און געשלונגען איין בוך נאָכן אַנדערן. די שוואַכקייט פֿון די שׂונאים און זייערע טעותים קומען פֿון דעם וואָס זיי קענען נאָר די געאָגראַפֿיע פֿון ישׂראל אָבער נישט איר היסטאָריע. אַ גע־שיכטע־בוך פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק קאָן נאַסערן געבן מער ווי זײַנע שפּיאָנען, און דינען אים בעסער ווי די סאָוויעטישע כּלי־זיין וואָס רוען שוין אין ישׂראלדיקע געווער־מאַגאַזינען. עס וועט אים ווײַזן דעם מין מענטש קעגן וועמען ער וויל פֿירן אַ מילחמה. אויב נאַסער וועט דערקענען דעם אמתן „יונה־קאַראַבין" וועט ער זײַן מער גענייגט צו שלום. די הײַנטיקע צײַט איז אַ גענויע איבערחזרונג פֿון דעם וואָס האָט געטראָפֿן מיט צוויי טויזנט הונדערט און דריי און צוואַנציק יאָר פֿריִער. דער רובֿ פֿון פֿאָלק זענען געווען געטרײַע „חסידים" גרייט יעדע מינוט אָפּצוגעבן זייער לעבן פֿאַר זייער ייִדישקייט. יאָ, זיי האָבן זיך געלאָזט קוילען אָן ווידערשטאַנד ווען דער שׂונא האָט געהאַט די יכולת זיך נוקם צו זײַן אין אַנדערע ייִדן און עס איז נישט געווען קיין רעאַלע מעגלעכקייט עפּעס צו דערגרייכן. אָבער אָט האָט זיך אָנגערוקט אַ פּאָליטישע קאָניוקטור. אַ נײַע גרויסמאַכט איז אויפֿגעשטאַנען אין רוים, די סעלייקידן האָבן געהאַט קאָנפֿליקטן מיט די פּטאָלאָ־מייער, זיך פֿאַרוויקלט אין אַ מילחמה מיט די פּאַרטער, און זע וואָס עס איז געשען: די ייִדישע שעפֿעלעך זענען פּלוצעם געוואָרן לייבן. די הייפֿלעך כּהנים און לוויִים, תּהילים־זינגערס און תּורה־לערנערס — די דעמאָלטיקע „יונה־קאַראַבינס" — האָבן באַזיגט אַ גרויסע מלוכה, אַ גרויסע געשולטע גוט־באַוואָפֿנטע און גוט־באַשפּײַזטע אַרמיי. אַן איבערגעוויכט פֿון חכמה קעגן אַן איבער־

געוויכט פֿון געווער, איין מוטיקער דעטערמינירטער קעמפֿער קעגן צען פּראָפֿעסיאָנעלע סאָלדאַטן וואָס האָבן אָבער אין דער מלחמה זיך נישט געניטיקט. שרייַבן איבער די דאַטעס און דו האָסט די געשיכטע פֿון די געטאָס און פֿון די ישׂראל־קאַמפֿן מיט אַלע איינצלהייטן, אַפֿילו מיט דער פּאָליטישער קאָניונקטור וואָס דער סועץ־קאָנפֿליקט האָט געשאַפֿן.

פֿון דעם אַמאָליקן מצרים זענען דאָך אַרויס נאָר צוועלף משפּחות, שקלאַפֿן־משפּחות. דאָס קליינע לענדעלע וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפֿט און קולטיווירט איז כּסדר אָנגעגריפֿן געוואָרן פֿון גרעסערע פֿעלקער און פֿיל מאָל באַזיגט געוואָרן דורך גרויס־מאַכטן. אַנדערע פֿעלקער גייען אונטער, אָבער ייִדן בלייַבן ייִדן, בויען צוריק אויף זייערע היימען און זייער קולטור. אין פֿייער פֿון מלחמות ווערט אויסגעשמידט זייער מוט און זייער האַרט־נעקיגקייט. ווי אַ יונג ווילד אָגערל וואָס הערט נישט אויף אַראָפּ־שלייַדערן פֿון זיך יעדן רייַטער, מאַכן זיי אויפֿשטאַנדן קעגן זייע־רע אונטערדריקער. צי זיי געווינען אָדער פֿאַרלירן קומען זיי אַרויס די זיגער ווייל זייער ייִדישע באַוווסטזיניקייט ווערט גע־שטאַרקט. די אויפֿשטאַנדן קעגן רוים האָבן נישט דערגרייכט דעם הויפּט־ציל, אָבער זענען נישט וויניקער חשוב ווי דער אויפֿ־שטאַנד פֿון די מכּבייער, אַלע זענען זיי גרויסע עפּאָפּייעס פֿון העל־דישקייט. אַלע, אַפֿילו אין די צייַטן ווען די גבֿורה איז באַשטאַנען נישט אין הרגענען נאָר אין געהרגעט ווערן פֿאַר דער גרויסקייט פֿון פֿאָלק.

לעאָן האָט נישט געוווסט צי ער זאָל זייַן אין כּעס אויף זייַן מאַמען, אָדער גאָר רחמנות האָבן אויף איר און אויף דעם פּוסטן לעבן וואָס זי אַליין האָט געהאַט און איבערגעגעבן צו אירע קינדער. די ייִדן זאָגן: „שווער צו זייַן אַ ייִד". אויב מע קען נאָר אַ ביסל ייִדישע געשיכטע איז עס לגמרי נישט שווער, אַפֿילו אויב מע מוז צוליב דער ייִדישקייט אויסשטיין צרות. עס איז אַ סך ריכטיקער צו זאָגן: „שווער צו זייַן אַ גוי". די גויים דערלאָזן נישט דער ייִד זאָל ווערן אַ גוי אַפֿילו ווען ער וויל עס אַזוי שטאַרק ווי זייַן מאַ־מע האָט עס געוואָלט. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געפּטרט צו ווערן אַ גוי און עס איז אים נישט געלונגען. ער האָט ערשט איצט באַקו־מען חשק צו ווערן אַ ייִד און פֿילט זיך שוין אַ גליד פֿון ייִדישן פֿאָלק און איז שוין באַרעכטיקט צו אַ חלק אין דער ייִדישער

געשיכטע. ער איז נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט געווען אַזוי גאַנץ מיט זיך ווי הײַנט. ווי האָט ער געקאָנט אָפּוויסטן קנאַפּע פֿופֿציק יאָר אין עלנטקייט? ער האָט איצט אַרום זיך אַזויפֿיל אייגענע. עס איז אים גוט ווען די באַלעבאָסטע קאָכט עפּעס פֿאַר אים, עס איז אים נאָך בעסער ווען ער קאָן לויפֿן אין אַ שליחות פֿאַר דעם באַלעבאָס וואָס האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צו זײַן פּראַטעזע. דער צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער, דער ראַזירער, דער אויטאָבוס־קאָנדוקטער, דער גאַסן־קערער, ביז אַרויף צו בן־גוריונען אַליין, זענען אַלע זײַנע קרובֿים. אַ יידיש ווערטל זאָגט: „ס׳איז בעסער צו האָבן אַ נאָענטן שכן ווי אַ ווײַטן ברודער.״ ער האָט קיינמאָל נישט געפֿילט צו זײַן ברודער אַזאַ נאָענטקייט ווי ער פֿילט צו דעם אינוואַליד וואָס איז דער באַלעבאָס פֿון זײַן דירה.

הלוואַי וואָלט ער אויך געקאָנט דערנענטערן זײַן ווײַטן ברודער. אַ נס וואָס מאַשאַ האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ באַוווּסטזיניקן ייִד. זאָל טעד לערנען מיט איר יידישע געשיכטע, עס וועט אים דאַן אָנקומען לײַכטער זי צו מאַכן אַ געטרײַע יידישע טאָכטער. ס׳איז צום לאַכן ס׳גרעסטע געלעכטער: די געטרײַע יידישקע צווישן די סאָבאָלאָוויטשעס וועט זײַן די טאָכטער פֿון אַ פֿאַרביסע־נער אוקראַיִנערין, אפֿשר אַן אייניקל פֿון כמיעלניצקין. אַזוי איז יידישער גורל זיך נוקם אין די אַפּטרינניקעס...

כּדאַי אָנצושרײַבן אַ פּאָר ווערטער צו מאַשאַן. ער וועט עס ווידער אַוועקשיקן אָן אַ צוריק־אַדרעס. און אַז עף בי איי וועט זיך דערוויסן אַז ער איז אין ישׂראל? גיי געפֿין אַ שפּילקע אין אַ סטויג היי. נישטאָ קיין סאָבאָלאָוויטש אין ישׂראל, ער איז מיסטער גוטמאַן.

V

מערי

אונטער אַרעסט? פֿאַרוואָס? ווען האָט ער באַגנבֿעט? ער איז אַ רויקער מענטש, אַ קראַנקער מענטש, וואָס ווילן זיי פֿון אים?

ער איז אַרײַנגעקומען אויף אַ פֿאַלשן דאָקומענט? איז עס נישט ריכטיק אַז יעדער ייִד האָט אַ רעכט צו קומען קיין ישׂראל? ער איז געווען פֿאַרליבט אין אַ שיקסע איז ער באַדאַי געבליבן אַליין און געבליבן אַ ייִד. ער איז שטאָלץ צו זײַן אַ ייִד, ער לערנט

זיך עבֿרית אין אַן אולפּן. וואָס פֿאַראַ ווערט האָט דאָס שטיקל פּאַפּיר? ער איז געמלעט און דאָס איז זײַן דאָקומענט וואָס איז נישט פֿאַלש. ער וויל אַן אַדוואָקאַט.

ער איז געווען אונטער אַרעסט אין אַ שפּיטאָל־צימער. מען האָט אים געגעבן אײַנשפּריצן קעגן לוקעמיע און פּילן צו שלאָפֿן. זײַן אַדוואָקאַט האָט פֿאַר אים איבערזעצט די דיסקוסיע אין דער פּרעסע. איין צײַטונג האָט געשריבן אַז ישׂראל טאָר נישט ווערן קיין עיר־מקלט פֿאַר יידישע פֿאַרברעכערס פֿון דער גאַנצער וועלט. געזעצלעך איז ישׂראל טאַקע נישט מחויבֿ אים צוריקצושיקן קיין אַמעריקע, אָבער שטעלן זיך אויף דער זײַט פֿון דעם שפּיאָן וועט אַרויסרופֿן שלעכטן ווילן און אַנטיסעמיטיזם. אַלע אַנדערע צײַ־טונגען זענען געווען קעגן אַרויסשיקן. אַרויסשיקן סאָבאָלאָוויטשן וועט שאַפֿן דעם אײַנדרוק אַז אַמעריקע קאָן אַלעמאָל צווינגען ישׂראל צו טאָן איר ווילן. מע דאַרף ווײַזן אַז ישׂראל איז נישט קיינעמס סאַטעליט.

ער איז געלעגן אויף זײַן בעט אין דעם ביילינסאָן־שפּיטאָל, נישט ווײַט פֿון תּל־אָבֿיבֿ, און אויך נישט ווײַט פֿון דעם לודער פֿליפֿלאַץ פֿונוואַנען עס פֿליִען אָפּ די עראָפּלאַנען קיין ניו־יאָרק. פֿון יענער זײַט טיר איז געזעסן אַ פּאָליציאַנט און געהיטן ער זאָל נישט אַנטלויפֿן. וווּהין קאָן ער לויפֿן? אַזאַ גרויסע וועלט און פֿאַר אים האָבן זיי נאָר אַן ענגע צעל אין תּפֿיסה. ביליאָנען מענטשן דרייען זיך אַרום אויף דער ערד, און די וועלט האָט נישט קיין גרעסערע דאגה ווי יאָגן זיך נאָך אים. אַזויפֿיל מערדערײַען ווערן פֿאַרשוויגן, אַזויפֿיל אמתע פֿאַרברעכער דרייען זיך אַרום אויף דער פֿרײַ, און דאָס גרויסע שטאַרקע אַמעריקע האָט נאָר איין ציל, לעאָן סאָבאָלאָוויטש זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פֿון סינג סינג. דער גערעכטיקייט וועט געשען אַ גרויס אומגליק אויב מע וועט לאָזן ער זאָל, די פּאָר חדשים וואָס ער האָט נאָך, דעגענערירן אין זײַן אייגן בעט. ס'איז אַ וועלט פֿון סאַדיסטן. מע קאָן לעבן נאָר אויב מען באַווײַזט אַדורכצושלײַכן זיך דורך דעם לעבן אַנאָ־נים, אומבאַמערקט. ווי גוט עס איז אים געווען ווען ער איז גע־ווען אַ פּנים צווישן אַנדערע פּנימער. פּלוצעם האָט זײַן בילד זיך באַוויזן אין די צײַטונגען און דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבן. קיינער וויל אים נישט, נאָר אַמעריקע וויל אים כּדי אים צו צע־

דריקן ווי אַ וואַנץ. ווי אַזוי קאָן ער צוריק ווערן אַ גול־פּנים, אַן אַנאָנים, קיינער זאָל זיך אויף אים נישט אומקוקן ביז מ'וועט אים געפֿינען אַ קענסער־צעפֿרעסענעם אויף זײַן קליין אָבער אייגן בעט.

ער האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל. די קראַנקן־שוועסטער האָט שוין געוווּסט וואָס ער וויל. זי האָט אים געבראַכט צווײ שלאָף־טאַבלעטן און אַ גלאָז וואַסער. ער האָט שוין געהאַלטן בײדע טאַב־לעטן גרייט אַרײַנצוּוואַרפֿן אין מויל ווען ס'איז אים עפּעס אײַנ־געפֿאַלן. ער האָט פֿאַרקלעמט איין טאַבלעט צווישן די פֿינגער און נאָר איינעם אַרײַנגעוואָרפֿן אין מויל. ער וועט שוין ווי עס איז אײַנשלאָפֿן מיט איין טאַבלעט, ער מוז אָנזאַמלען אַ סך שלאָף־טאַבלעטן.

איין טאַבלעט איז ווײַזט אויס נישט גענוג געווען. מע זאָגט אַז ציילן, אַ מאָנאָטאָן ציילן, העלפֿט אײַנשלאָפֿן. וואָס זאָל ער ציילן? זײַנע אַלבומען מיט מאַרקעס וועט ער ציילן. זײַנע? בערנאַרד האָט זיי פֿאַרמשכּונט צו באַרגן געלט אויף זײַן קויציע. די מיבוט וואָס ער האָט פֿאַרלאָזט ניו־יאָרק און די קויציע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן האָט ער פֿאַרלוירן זײַן פֿאַרמעגן, אַרבעט און אָפּשפּאָרונגען פֿון מער ווי צוואַנציק יאָר.

אויב ער וויל אײַנשלאָפֿן מוז ער טראַכטן וועגן אָנגענעמע זאַכן. אָנגענעמע זאַכן? ער האָט דען געהאַט איין גוטן טאָג אין זײַן לעבן?

די ערשטע צײַט מיט מאַשאַן אין ניו־יאָרק. זי האָט זיך גע־טוליעט צו אים, געשלעפּט אים אין די מוּוויס. ניין, ס'האָט אים נישט — — — — ער האָט זיך געפֿילט אומבאַקוועם מיט אירע צערטלעכקייטן. האָט ער זי חושד געווען אין נישט אויפֿריכטיקייט? ניין, אָבער ער האָט געוווּסט אַז עס מיינט גאָרנישט, אַז זי נאַרט נאָר זיך אַליין. ער האָט אויך נישט געקאָנט פֿאַרגעסן אַז איר מאַמע האָט אַמאָל אַזוי זיך געטוליעט צו אים ביז ער האָט זי באַקענט מיט זיין ייִנגערן שענערן ברודער. דאָס טראַכטן וועגן מאַשאַן וועט נאָכשלעפּן אַ לאַנגן עק מיט ביטערע זיכרונות. ניין, דאָס וועט אים נישט העלפֿן אײַנשלאָפֿן.

אַז ער קוקט אויף צוריק — — אין אַלע זײַנע יאָרן — —

אַ נעפּל. דער נעפּל נידערט אַראָפּ, אַלע זײַנע יאָרן שטאַרן אַרויס אויבן איבער דעם אויבערפֿלאַך, ער זינקט אַראָפּ. ער

שטרעקט די האַנט אַרויף און באַווײַזט זיך אָנצוכאַפּן אין אַ וואָרט: יאָרן.

יאָרן — — יאָרן — — דער קאָפּ שווימט אַרויף אויף דער אויבערפֿלאַך, אַ געדאַנק קלאָרט אויף ווי אַ רעטונג־שטריק און שלעפּט אים אַריבער צו אַ ניכטערן ברעג. אין אַלע יאָרן פֿון זײַן גאַנץ לעבן — קינדעריאָרן, גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, לעמבערג, ניו־יאָרק — איז אים געבליבן נאָר איין שעה צו וועלכער ער קאָן צוריקקומען אָן האַרצווייטיק: די קעלנערקע.

ס׳איז געווען אַ שבת אינדערפֿרי. ער איז אַרײַן אין קיך עסן אָנבײַסן, האָט דער מושבֿ, די שאָווערײַ אים אַרויסגעיאָגט פֿון שטוב. אַן אָוונט פֿאַר דעם איז מאַשאַ אַהיימגעקומען שפּעט פֿון אַ ראַנדעוווּ מיט איר טעד. און אַז זי איז אַהיימגעקומען הונגעריק? וויפֿל געשיר דאַרף דאָס איין מענטש שמוציק מאַכן בײַם כאַפּן אַ ביס צווישן אַ זייגער פֿאַרטאָג? ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. סיי ווי האָט ער געוואָלט אַ ביסל שפּאַצירן איבער די געשעפֿטן פֿון פֿאָסטמאַרקעס אין מאַנהעטן, וועט ער שוין עסן אין אַ רעסטאָראַן.

ער האָט איבערגעלאָזט זײַן הוט נעבן זײַן טישל, די קעלנערקע זאָל וויסן אַז ער וועט צוריקקומען מיט קליינגעלט איר איבערצולאָזן טרינקגעלט. ער איז געשטאַנען נעבן דער קאַסע, די קעלנערקע האָט אַריבערגעשמייכלט צו אים קאָקעטיש. דער קאַסירער האָט עס באַמערקט און אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג.

„זי איז אַ שיינע,“ האָט ער געזאָגט. דער קאַסירער האָט ווידער אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג: „אויב זי געפֿעלט דיר זאָג עס איר, זי לאָזט זיך רעדן.“ ער איז צוריקגעגאַנגען צום טישל, די קעלנערקע האָט דאָרט געוואַרט אויף אים. דער ווײַסער אוניפֿאָרם איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף איר. איבער דער ברוסט־קעשענע איז געווען אויסגענייט איר נאָמען: מערי. „דו ביסט אַ שיינע, מערי,“ האָט ער געזאָגט און אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן דאָלאַר טרינקגעלט.

„אָבער טײַער,“ האָט זי געענטפֿערט.

„ביסט ווערט,“ האָט ער געזאָגט און זיך געוווּנדערט ווי פֿײַן די צונג דינט אים. זיי האָבן זיך אָפּגערעדט זי זאָל קומען צו אים אין אַ האָטעל באַכמיטיק ווען זי פֿאַרענדיקט די אַרבעט.

ער האָט געזאָגט „ביסט ווערט“ נאָר כדי צו זײַן העפֿלעך און

פֿאַרגעסן צו פֿרעגן ווי טײַער זי איז. ער האָט געוואַרט אויף איר אין דעם אָפּגערעדטן האָטעל און שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן עסק. וואָס פֿאַר אַ משוגעת אין מיטן העלן טאָג. זי איז אַ יונגע, די מערי, אָבער ער וואָלט איצט געהאַט מער הנאה פֿון נישטערן צווישן אַלטע פּאָסטמאַרקעס.

* * *

„דו ביסט אַ שעמעוודיקער, האַ?" האָט זי געזאָגט און אים אַ קיצל געטאָן. „דו ביסט שעמעוודיק, אָדער כ׳געפֿעל דיר מער נישט?"

„דו ביסט שיין און יונג און — — — —"

„דו געפֿעלסט מיר אויך. מיר געפֿעלן אַזעלכע ווי דו, מיטל־יאָריק, ערנסט, מיט אַזעלכע טונקעלע טרויעריקע אויגן. זײַ נישט אַזוי טרויעריק, דאַרלינג".

„איך בין נישט טרויעריק, אָבער כ׳בין וואָס מ׳רופֿט אַ נודניק. איך ווייס נישט ווי אַזוי צו פֿלאַפּלען. ׳סמאָל טאָק׳ געהערט נישט צו מײַנע טאַלאַנטן".

„דאָס איז גוט. דאָס איז אויסגעצייכנט! פֿרויען האָבן נישט ליב קיין מענער וואָס זענען באַרעדעוודיק ווי ווײַבער, אָדער וואָס זענען לײַכטזיניק ווי פֿרויען. אַ פֿרוי האָט ליב ווען אַ מאַן איז ערנסט און זי קאָן פֿאַר אים דרך ארץ האָבן, און ווען ער איז שעמעוודיק און זי קאָן אים צערטלען ווי אַ קינד. אַ פֿרוי וויל זען אין איר מאַן, סײַ אַ פֿאָטער־געשטאַלט, סײַ עפּעס וואָס אַפּעלירט צו איר מוטערלעכקייט."

„דו מיינסט עס ערנסט?"

„דיר קאָן איך עס אויסזאָגן, טאָקע ווײַל דו ביסט אַזוי פּער־פֿעקט."

* * *

איז זי באמת געווען אַנדערש, אָדער איז עס געווען פּראָפֿעסיאָ־נעלער אָנשטעל? זי האָט אים געצערטלט אַזוי באַחנט, אַזוי איידל. זי האָט געשטיפֿט מיט אים און געמאַכט אים לאַכן. עס איז געווען אַזוי גוט ווען זי האָט אַרײַנגעגליטשט איר הענטל אונטער זײַן העמד און געגלעט זײַן ברוסט. נאָך איידער זיי האָבן זיך אויס־געטאָן האָט ער שוין געפֿיבערט און זי באַגערט ווי קיינעם נישט פֿאַר איר.

זי האָט זיך אויסגעטאָן שטיפעריש, ווי אין אַ ׳סטריפּטיז׳ — ווידער אַ סורפּריז.

„דײַן טאַטע איז אַן אַרכיטעקט, אָדער אַ סקולפּטאָר?״ האָט ער זי געפֿרעגט.

„וואָס עפּעס?״

„דײַן פֿיגור איז געבויט לויט אַ מײַסטערישן פּלאַן און אויסגעטאָקט מיט די הענט פֿון אַ קינסטלער.״

אירע ליניעס פֿול מיט גראַציע, איר טאַליע, אירע פֿיס און היפּטן ווי אויסגעטעטשעט מיט דער אינספּיראַציע פֿון אַ מײַסטער אין די קלענסטע דעטאַלן. אירע בריסטלעך ווי צוויי רײַפֿע עפּעלעך, איר הויט ליכטיק מיט טויִקער פֿרישקייט, ווי זון און אומשולד וואָלטן זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ קאָליר. ניין, ס׳איז נישט זײַן איצטיקע צעהיצטע מיטנאַכטיקע פֿאַנטאַזיע, ס׳איז נישט דער איינציקער מיזעראַבלער שלאָף־טאַבלעט וואָס מאַלט פֿאַר אים אַ פֿאַטאַ מאָרגאַנאַ. מערי איז געווען ווי אַ חלום, אָבער זי איז געווען רעאַל און אמתדיק און אויסערגעוויינלעך.

ער האָט זי גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן, אָבער זי האָט זיך פּלוצעם גענומען אײַלן. אין אָוונט אַרבעט זי אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן אין דער טײַמס סקווער געגנט און זי מוז אַהיימגיין זיך אויסרוען. צי זי וועט אים ווידער זען? אַוודאי וועט זי אים ווידער זען, אויב ער קאָן עס זיך דערלויבן...

איר פּרײַז איז אויך געווען אַ סורפּריז. ער האָט נישט געהאַט מיט זיך געגנוג מזומן. זי האָט, מעשׂה סוחר, גענומען האַלב מזומן און די אַנדערע העלפֿט אין אַ טשעק. דער געשעפֿטלעכער פֿינאַל האָט אים געהאַט אַרויסגעריסן פֿון זײַן פֿאַרחלומטקייט אָבער זי האָט עס גיך פֿאַריכט. אַנגעטאָן, אָפּגעשמינקט, האָט זי ווידער אַ שטיף געטאָן מיט אים און ווידער געוואָרן לויטער שמייכל. זי האָט אים געגעבן דעם סדר פֿון אירע אַרבעטס־שעהן אין יעדן פֿון די רעסטאָראַנען און נאָך צוגעוואָרפֿן אַ לופֿטקוש ווען זי איז שוין געווען בײַ דער טיר.

דאָס איז געווען דער שבת איידער מען האָט אים אַרעסטירט. ווי נאָר ער איז אַרויס אויף קויציע האָט ער גענומען זוכן מערין אָבער זי אין ערגעץ נישט געפֿונען. „מערי אַרבעט דאָ נישט מער,״ האָט אים געזאָגט זײַן באַקאַנטער קאַסירער, „זי האָט חתונה געהאַט. אפֿשר אַרבעט זי נאָך אין דעם אַנדערן רעסטאָראַן.״

„כ'האָב זי שוין געזוכט אין דעם אַנדערן רעסטאָראַן.״

„ס'פֿעלט נישט פֿון דעם מין,״ האָט דער קאַסירער געזאָגט. ווען דאָס האָט אים נישט געטרייסט האָט דער קאַסירער צוגעגעבן: „קומט אַרײַן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. בײַ אַזאַ ס'גאַל האָלט אַ חתונה נישט אָן צו לאַנג, זי וועט צוריקקומען פֿריִער אָדער שפּע־טער.״

„פֿריִער אָדער שפּעטער״ וועט סײַ ווי זײַן צו שפּעט פֿאַר אים. ער איז נאָר אַרויס אויף קויציע און וויפֿל איז אים דען סך הכּל געבליבן צו לעבן. גראָד איצט האָט זי באַדאַרפֿט חתונה האָבן.

דעמאָלט אין ניו־יאָרק האָט עס אים ווי געטאָן, שיער נישט ווי אַ פּאַראַט. איצט — — נײן, דער ערשטער טאַבלעט האָט שוין אויסגעווירקט און דער צווייטער וועט שוין איצט נישט העלפֿן. גוט אַז ער האָט וועגן עפּעס אַנגענעמעס צו טראַכטן. גוט כאָטש אײן נאָכמיטיק אין זײַן לעבן מיט דער מערי.

אויב מערי וואָלט דאָ געווען וואָלט ער סײַ ווי נישט געהאַט געענוג כּח פֿאַר איר. ער איז שוין נישט מער וואָס ער איז געווען אַמאָל. אין תּל־אָבֿיבֿ האָט עס אים מער נישט געטראָגן איבער די גאַסן אין די נעכט. די שפּיאַנאַזש־אַוואַנטורע האָט אים אויס־געמאַטערט. אַ קאָפּ־ווייטיק וואָס טרעט גאָרנישט אָפּ, אַז ער גייט אַ פּאָר טריט ברעכן זיך אונטער אים די קני. אפֿשר דאַרף ער ווידער עקסרעי באַהאַנדלונגען? ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער עק בי אײַ און ממילא אויך פֿון זײַן דאָקטאָר. וואָס קאָן מען דאָ וויסן וועגן זײַן צושטאַנד אַז די גאַנצע געשיכטע פֿון זײַן קראַנקייט געפֿינט זיך אין ניו־יאָרק. ער וויל נישט צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, נישט צוליב זײַן דאָקטאָר און אַפֿילו נישט צוליב מערין. מערי איז אַ טײַערער ביסן, ער האָט גאָרנישט געגוג געלט צו באַנײַען די באַקאַנטשאַפֿט מיט איר. טראַכטן וועגן איר קען ער אויך דאָ אין תּל־אָבֿיבֿ. יענער נאָכמיטיק מיט מערין איז זײַן, ער האָט פֿאַר איר גוט באַצאָלט, און ער מעג עס איצט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערלעבן. „דו ביסט אַ שעמעוודיקער, האַ?״ האָט זי געזאָגט און אים אַ קיצל געטאָן, „דו ביסט שעמעוודיק אָבער שיין״. נײן, נישט אַזוי. זי האָט געזאָגט: „ביסט שעמעוודיק, אָבער געפֿעלסט מיר״. ערשטע שפּעטער האָט זי אים געזאָגט וועגן זײַנע טונקעלע אויגן, טונקעלע טרויעריקע אויגן.

ער וועט אפֿשר דאָך אײַנשלאָפֿן, די אויגן קלעפּן זיך. מאָרגן

וועט ער באַהאַלטן בײדע טאַבלעטן. ער וועט נישט קאָנען שלאָפֿן? ער מוז נישט שלאָפֿן אַז ער קאָן טראַכטן וועגן מערין. נאָכאַמאָל פֿון אָנהייב: „דו ביסט אַ שעמעוודיקער," האָט זי געזאָגט. „אַ שע־מעוודיקער מיט טונקעלע טרויעריקע אויגן און — — —" און אַ גרינע ציטרין־הויט ווי בײַ אַן אַנעמיקער, אָדער לוקעמיע־קראַנקן. ניין, דאָס האָט נישט מערי געזאָגט, דאָס האָט ער הײַנט געזען אין שפּיגל. מערי האָט געזאָגט: „איך האָב ליב מיטליאָריקע מיט טונקעלע טרויעריקע אויגן און — — —" און מיט לוקעמיע? ניין, זי האָט נישט געוווסט וועגן זײַן לוקעמיע, אָבער ס'וואָלט נישט געווען אַנדערש אויב זי וואָלט געוווסט. זי וואָלט אים אפֿשר נאָך מער געצערטלט. אויב זי וואָלט געוווסט ווי שלעכט עס איז אים, וואָלט זי אפֿשר געקומען אָן געלט און זיך אויסגעטאָן פֿאַר אים אין אַ „סטריפּטיז" אים אויפֿצוהײַטערן. זי וואָלט געקומען צו אים דאָ אויפֿן שפּיטאָל־בעט און געטוליעט זײַן שווערן, צעווייטיקטן קאָפּ צו איר געטאָקטער ליכטיקער ברוסט און וואָלט געזאָגט: שפּאָר די שלאָף־טאַבלעטן. איך וועל דיך אײַנשלעפֿן אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

VI

הילינגסטאָן

אײן נאַכט איז ער אײַנגעשלאָפֿן מיט מערין און מיט אײן שלאָף־פּיל, דרײַ נעכט איז ער אײַנגעשלאָפֿן נאָר מיט מערין און אײַנגע־שפּאָרט אַלע פּילן. נאָר געשלאָפֿן מיט איר? זי איז געווען מיט אים די גאַנצע פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת. ער האָט אַפֿילו די קראַנקן־שוועסטער גערופֿן מערי. פּלוצעם איז זי אַוועק פֿון אים, נעלם געוואָרן לחלוטין. ער האָט מער נישט געקענט אַרויסרופֿן איר שפּילעוודיקן סטריפּטיז, אַפֿילו איר פּנים האָט ער מער נישט געקענט אַרויסרופֿן. אויסגעמעקט געוואָרן פֿון זיכּרון. מערי, טײַערע, פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזט?

יאָ, ער איז אַרײַן אין דעם רעסטאָראַן, ס'איז געווען אַ שבת אינדערפֿרי, אים האָט באַדינט אַ קראַנקן־שוועסטער — — —

ניין, נישט אַ קראַנקן שוועסטער. אים האָט באַדינט אַ קעל־

נערקע. די קעלנערקעס טראָגן ווײַסע אוניפֿאָרמען ווי די קראַנקן־שוועסטער, ס׳איז געווען מערי.

מערי? איז טאַקע געווען אַ מערי? האָט ער נישט אַמאָל אויסגעחלומט די מערי? אין זײַנע אַלע יאָרן פֿון אַליינקייט, אין די טעג פֿון עלנט, אין די נעכט אָן שלאָף, אַליין מיט זײַן קאַלט און ליידיק בעט, איז מער ווי איין פּרוי געבוירן געוואָרן אין זײַן פֿאַנטאַזיע.

אַלע פֿרויען וואָס ער האָט אויסגעבריט אין זײַנע חלומות זענען געווען לײַביק און הויכברוסטיק ווי זאַשאַ, און צום סוף געוואָרן שלעכט צו אים ווי זאַשאַ. נישט מערי! מערי איז געווען גוט צו אים. זי האָט אים געצערטלט ווי קיינמאָל קיינע נישט פֿאַר איר און קיינמאָל קיינע נישט נאָך איר. מערי איז געווען סײַ פֿולכנע, סײַ שלאַנק. מערי האָט געהאַט — — — ווי טאַקע האָט זי אויסגעזען? ער געדענקט, ער איז געווען פֿאַרבליפֿט ווען זי האָט זיך אויסגעטאָן. וואָס האָט אים אַזוי פֿאַרבליפֿט? ניין, ניין, דאָס איז נישט מערי! פֿאַרוואָס געדענקט ער דעם אויסזען פֿון יענער אָפּגעפֿאָרענער זונה וואָס האָט צוגעגנבֿעט זײַן בײַטעלע, און פֿאַרוואָס קאָן ער נישט אויפֿלעבן יענע שעה מיט מערין? נישט איר אויסזען, נישט אירע צערטלעכקייטן קאָן ער צוריק אַרויסרופֿן. קום צוריק, מערי. צי דו עקזיסטירסט, אָדער ביסט נאָר אויסגעטראַכט, קום צוריק צו מיר. כ׳קאָן נישט אײַנשלאָפֿן אָן דיר. כ׳דאַרף דיך ווי דאָס לעבן כּדי צו זאַמלען די שלאָף־פּילן, און קאָנען שטאַרבן.

אַהאַ, ס׳איז יאָ געווען אַ מערי! ער האָט נישט געהאַט גענוג געלט מיט זיך. ער האָט צום מזומן אויך איר געגעבן אַ טשעק. אַ טשעק אויסגעשטעלט צו מערין — — ניין, נישט צו איר נאָמען. דער טשעק איז געווען אויסגעשריבן צו קעש, מזומן, אָבער זי האָט דעם טשעק אינדאָרסירט. ער האָט דאָך דעם באַצאָלטן טשעק.

ווו האָט ער אַ טשעק? ער האָט דען עפּעס פֿון זײַנע זאַכן? ער מוז שרײַבן צו בערנאַרדן אים צו שיקן דעם טשעק. אַז ער וועט האַלטן פֿאַר די אויגן דאָס פּאַפּירל מיט איר אונטערשריפֿט וועט צוריקקומען איר געשטאַלט. זי האָט געטראָגן אַ ווײַסן אוניפֿאָרם, זי איז געווען — — —

איז זי טאַקע געווען?

ניין, ער וועט נישט פאַרגיצן די שלאָף־פּילן אַפילו ער זאָל איינגאַנצן אַראָפּ פון זינען.

דעם טאָג זענען ווידער געווען בריוו אין רעדאַקציע וואָס האָבן זיך אָנגענומען זיין קריוודע. די קראַנקן־שוועסטער האָט עס פאַר אים איבערגעזעצט אויף ענגליש. דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן אַז אויך אין אַמעריקע זענען די צייטונגען פול מיט פּראָטעסט־בריוו קעגן דעם געיעג נאָך אים. גוט וואָס מען האָט אויפגעדעקט זיין ריכטיקע אידענטיטעט.

איצט וועט ער קאָנען אַריבערברענגען פון ניו־יאָרק אַלע מע־דיצינישע רעפּאָרטן וועגן זיין קרענק און דאָ ממשיך זיין די קוראַ־ציע. די צייטונגען שרייבן וועגן עפּעס אַ נייעם מיטל קעגן לו־קעמיע וואָס באַווייזט וואונדער.

פּלוצעם האָבן אין דער טיר זיך באַוויזן צוויי פּאָליציאַנטן און זיין אַדוואָקאַט הינטער זיי. ער מוז זיך גלייך אָנטאָן, מע שיקט אים אַרויס.

שוין איצט? ער קאָן נישט, ער מוז בעמען עטלעכע עקס־רעי באַהאַנדלונגען.

אין ניו־יאָרק איז אויך פאַראַן עקס־רעי.

ער איז אַ קראַנקער מענטש, ער וועט נישט אויסהאַלטן ביז ניו־יאָרק.

ער האָט נאָר באַוויזן אַריבערצוטראָגן די אָנגעזאַמלטע טאַב־לעטן פון זיינע פּידזשאַמעס צו דער קעשענע פון זיין רעקל. ער האָט אויסגעבעטן ביי דער קראַנקן־שוועסטער נאָך צוויי טאַבלעטן.

ישׂראל־פּאָליציאַנטן האָבן אים צוגעפירט צום עראָפּלאַן. אינע־ווייניק האָט אַן אַמעריקאַנער אַגענט אים איבערגענומען און צוזאַ־מענגעשלאָסן זייערע הענט.

„איר האָט מורא כ׳וועל אַרויסשפּרינגען פון דעם פליענדיקן עראָפּלאַן?״

„כ׳וועל אַראָפּנעמען דאָס קייטעלע ווען דער עראָפּלאַן וועט זיך אויפהייבן.״

„גיב מיר אַ טרונק וואַסער.״

„נאָכדעם ווי דער עראָפּלאַן וועט זיך אויפהייבן.״

„כ׳בין אַ קראַנקער מענטש, כ׳דאַרף אַ טרונק וואַסער.״

„נאָכדעם ווי דער עראָפּלאַן וועט זיך אויפהייבן.״

דער אַגענט האָט טאַקע אַראָפּגענומען דאָס קייטעלע ווען דער עראָפּלאַן האָט שוין געשוועבט איבערן ים. ווען די שלאָף־טאַבלעטן ווירקן געגנוג שנעל דער עראָפּלאַן זאָל זיך מוזן אומקערן קיין לוד? ער וועט נישט וואַרטן ביז די באַדינערין וועט אים ברענגען וואַ־סער. ער איז אַוועק אין וואַשצימער.

זע נאָר, זע, בײַם ראַנד פֿון וואַש־באַסיין, ווו אַן אַלומינום לײַסטל פֿאַרטשעפּעט עס צו דער וואַנט, שטעקט אַ ראַזיר־מעסערל. עס וועט צונויף קומען אויב די פּילן וועלן נישט ווירקן שנעל גע־נוג. מע פֿירט אים ערשטע קלאַס, זיי וועלן אַוודאי סערווירן אַל־קאָהאָל מיט דער מאָלצײַט. וועט מען באַלד סערווירן אַ מאָלצייט?

ערשטע קלאַס איז טײַער, ס'איז אָבער ווערט. אָט איז אַ פֿלאַש אָדעקאָלאָן. אָדעקאָלאָן איז אַלקאָהאָל און אַלקאָהאָל מיט שלאָף־פּילן וועט זיכער ווירקן שנעל. ער זאָל נאָר באַוויזן צוריקגיין צו זײַן זיצפּלאַץ. דער אַגענט דאַרף דערוויַיל מיינען אַז ער שלאָפֿט. אויב מע וועט עס צו שנעל אַרויסשווענקען פֿון זײַן מאָגן, אַן שאָדן צום אָרגאַניזם, וועט מען אים מאַרגן אַרויספֿזעצן אויף אַן אַנדערן עראָפּלאַן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אויגנלעפּלעך ווי בלײַ פֿאַלן צוריק אַראָפּ און שליסן זיך, אָבער וואָס ער האָט געזען בלײַבט וואָך אין אים: אַ שפּיטאָל־צימער, ער איז אין אַ שפּיטאָל. ער וויל זען צי ס'איז דאָס זעלביקע צימער, די זעלביקע קראַנקן־שוועסטער. ער קאָן נישט אויפֿרײַסן די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז העלער טאָג, די ליכט שטעכט אין די אויגן. איז ער געשלאָפֿן אַזוי לאַנג אָדער געווען פֿאַרחלשט? ער איז אין אַ שפּי־טאָל־צימער. נאָך דרײַ בעטן אין דעם צימער, נעבן זײַן בעט אַ זויערשטאָף־טאַנק. יאָ, ער געדענקט עפּעס שווערעס פֿאַרפּרעסט אויף זײַן פּנים, ס'האָט געמוזט זײַן אַ זויערשטאָף־מאַסקע. אויף דער קאָלדרע איז פֿאַראַן אַ גרויסער שוואַרצער סטעמפּל „הילינג־סטאָן".

הילינגסטאָן? אויף דער קאָלדרע דאַרף זײַן אַ סטעמפּל מיט פֿירקאַנטיקע העברעיִשע אותיות. ווו איז ער ערגעץ? האָבן זיי

אים אַ האַלב־טויטן פֿאַרשלעפּט קיין ניו־יאָרק? ער פּרובירט זיך אויפֿזעצן. דער קאָפּ איז אַזוי שווער אַז ער קאָן אים אַפֿילו נישט אונטערהייבן. ער וויל די קראַנקן־שוועסטער. ער זעט דאָס קנעפּל וואָס ער דאַרף אַ דרוק טאָן. ער באַוועגט מיט די פֿינגער, אָבער קאָן נישט איבערדרוקן די האַנט צום עלעקטרישן קנעפּל. ער מוז באַנעצן די ליפּן, און ער וויל וויסן ווו ער איז. ווו איז ערגעץ אַ קראַנקן־שוועסטער. ער וויל רופֿן אָבער די צונג איז פֿאַרטרוקנט ווי אַ לעדער, ער קאָן נישט באַוועגן מיט דער צונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער עפֿנט די אויגן, אַ קראַנקן־שוועסטער שטייט נעבן אים. „וואַסער,״ וויל ער זאָגן אָבער ער קאָן נישט אַרויסברענגען קיין קול. די שוועסטער פֿאַרשטייט וואָס ער וויל און ברענגט אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטרוי צו זײַנע ליפּן. ער זופּט וואַסער, רוט זיך אָפּ, זופּט ווידער. ער כאַפּט דעם אָטעם און שלעפּט צו זײַן ווײַז־פֿינגער צום שטעמפּל אויף דער קאָלדרע.

„הילינגסטאָן־שפּיטאָל, נעבן לאָנדאָן לופֿט־פֿעלד. מען האָט אײַך געבראַכט אַהער גלײַך פֿון פֿליפֿעלד״.

לאָנדאָן גאָר? אַבי נישט ניו־יאָרק. ער האָט ווידער אַ זופּ געטאָן צו באַנעצן די ליפּן: „אַדוואָקאַט״.

עס האָט גענומען נאָר עטלעכע טעג און ער איז געקומען צו די כּוחות. עס האָט זיך געמאָלדן צו אים אַן אַדוואָקאַט געשיקט פֿון אַ ווילטעטיקער געזעלשאַפֿט. ער איז אויף בריטישער טעריטאָריע, די אַמעריקאַנער אַגענטן האָבן דאָ נישט קיין יוריסדיקציע איבער אים.

VII

בריקסטאָן

ער איז אין דער בריקסטאָן־תּפֿיסה, אַבי נישט אין סינג סינג. דער אַדוואָקאַט האָט אַרײַנגעטראָגן אַן אַפּיל צום „האָום אָפֿיס״ קעגן אַרויסגעבן אים צו אַמעריקע. אַ מיטגליד פֿון „הויז״ האָט צוגעזאָגט אויפֿצונעמען עס אין פּאַרלאַמענט. ס׳איז אפֿשר גוט וואָס ער איז אין לאָנדאָן. די בריקסטאָן־תּפֿיסה איז ווײַט נישט קיין

פֿאַלאַץ. די ציגל זענען שוואַרץ פֿון שטויב און אַלטקייט, די צעל איז נישט אַזוי גרויס און ווייניקער באַקוועם ווי אין אָסינג, ניו־יאָרק. אָבער דאָ איז ער נישט פֿאַרטשוואַקעוועט מיט אַן אורטייל פֿון צען יאָר. דאָ קאָן ער, אַ שוואַכער, קראַנקער מענטש, פֿירן אַ קאַמף מיט דער גרויסער, שטאַרקער אַמעריקע. ער שרײַבט בריוו צו דער קעניגין, צום פּרעמיער־מיניסטער, צו בערטראַנד ראַסל, צום הויפּט־רבֿ און צום אַרצי־בישאָף פֿון קאַנטערבורי. ער שרײַבט אויך בריוו צו די צײַטונגען. עס מוז זײַן אַז באַרביטשורעיטס שלאָף־פּילן ווירקן קעגן לוקעמיע. ער פֿילט זיך איצט שטאַרקער און האָט מער ענערגיע ווי אין תּל־אָבֿיבֿ. די קריכערישע שרעקעוודיקע ייִדעלעך האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דעם אָנקל סעם. דער בריטישער לייב דערשרעקט זיך נישט. די בריוו אין די צײַטונגען זענען צוועלף צו איינס לטובֿת אים. בריוו זענען אָנגעקומען אויך דירעקט צו אים אין תּפֿיסה. אַ באַלעבאָסטע פֿון באָקינגהאַם האָט אים געשיקט אײַנגעמאַכטס פֿון שוואַרצע ווײַנפּערלעך. אַ מאַן וואָס לײַדט אויך פֿון לוקעמיע האָט אים געשיקט פּילן, אַן עלטערע פֿרוי פֿון מאַנטשעסטער האָט געבאַקן פֿאַר אים קיכלעך. גאַנץ ענגלאַנד נעמט זיך אָן פֿאַר אים.

דעם טאָג האָט ער באַקומען נאָר איין בריוו. אויף דעם קאָנווערט איז מיט אַ רויטן בלײַער אויפֿגעשריבן מיט גרויסע אותיות „נישט אײַנבייגן". אין דעם בריוו אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ פֿרוי — אַ צו לאַנג און צו שמאָל פּנים, אַ צו דינע און צו לאַנגע נאָז. מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע אַ בריוו. זי איז אַכט און דרײַסיק יאָר אַלט. אַ בוכהאַלטערין, אַ גוטע באַלעבאָסטע, קיינמאָל נישט פֿאַרהייראַט. זי האָט געלייענט וועגן אים, געזען זײַנע בילדער אין די צײַטונגען. ער איז שיין, מענלעך און באַוווּסט. ער דאַרף האָבן עמעצן וואָס זאָל אים אָפּהיטן, זי פֿילט, זי איז די פֿרוי פֿאַר אים. פּ. ס.: זי האָט אַ דירה און אָפּגעשפּאָרטע דרײַ טויזנט זיבנהונדערט פֿונט.

ער האָט נאָך געהאַלטן דעם בריוו אין דער האַנט ווען דער אַדוואָקאַט האָט זיך באַוויזן אין דער טיר פֿון דער צעל. „גוטע נײַעס?" האָט ער געפֿרעגט דעם אַדוואָקאַט. יענער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„נישטאָ קיין נײַעס?" האָט ער זיך געוווּנדערט וואָס דער אַדוואָקאַט איז געקומען אָן סיבה.

„נײַעס — יאָ, אָבער נישט קיין גוטע נײַעס. כ'האָב מורא ס'איז שלעכטע נײַעס."

ער האָט געקוקט אויפֿן אַדוואָקאַט מיט שטומען פֿרעגן.

„דער האָום־סעקרעטאַר האָט אָפּגעזאָגט דעם אַפּיל."

„וואָס איצטער?"

„איך קאָן מער גאָרנישט טאָן."

די פֿאָטאָגראַפֿיע איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן האַנט. ער האָט עס אויפֿגעהויבן און דערלאַנגט דעם אַדוואָקאַט: „זי וויל מיט מיר חתונה האָבן."

„איר טראַכט דען איצט וועגן חתונה האָבן?"

„כ'מיין: קאָן דאָס העלפֿן אָפּלייגן די דעפּאָרטאַציע?"

„ניין."

„אַ מאַן פֿון אַ בריטישער בירגערין," האָט ער זיך געבעטן בײַם אַדוואָקאַט.

„זי איז נאָך נישט אײַער פֿרוי, און ס'וואָלט סײַ ווי נישט געהאָלפֿן."

„מע קאָן חתונה האָבן דאָ אין ברינקסטאָן, און," ער האָט גע־וויזן דעם פּ. ס., „זי האָט אַ ביסל געלט, אפֿשר קויציע ביז אַ צווייטער אַפּעלאַציע."

„מען וואָלט דערלויבט אַ חתונה אין תּפֿיסה נאָר אין אַ פֿאַל ווען דאָס מיידל וואָלט שוין געווען שוואַנגער, כּדי צו געבן דעם קינד אַ טאַטן. אָבער אַרויסגעשיקט וואָלט מען אײַך סײַ ווי. אַגבֿ: ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעפּאָרטאַציע לאָזט מען נישט אַרויס אויף קויציע."

„וווּ איז יושר? אַן עכט בריטיש מיידל וויל מיט מיר חתונה האָבן — — —"

„אַנטשולדיקט, אָבער זי וועט אײַך מוזן נאָכפֿאָרן קיין אַמעריקע. אין לאַנד פֿון האָליוווּד קאָן דאָס אפֿשר העלפֿן. זײַט מוחל, איך בין נישט אויסן אײַך צו שיטן זאַלץ אויף די ווונדן, אָבער ס'איז מײַן חובֿ קלאָר צו מאַכן פֿאַר אײַך די סיטואַציע."

„ווען?"

„הײַנט עלף בײַנאַכט."

„היינט?"

„הײַנט. קאָן איך עפּעס טאָן פֿאַר אײַך?"

„קאָנט איר עפּעס טאָן פֿאַר מיר?"

„כ׳האָב מורא אַז נישט. כ׳וועל דאָ זײַן און פֿאָרן מיט אײַך צום פּליפּעלד.״

דער אַדוואָקאַט איז אַוועק. ער האָט באַטראַכט די פֿאָטאָגראַפֿיע. אויב ער וואָלט איבערגעלאָזט דרויסן אַ שוואַנגער מיידל... ס׳איז צום לאַכן ס׳גרעסטע געלעכטער. אויב מע וואָלט אַרעסטירט דעם אמתן שפּיאָן וואָלט דאָס געקאָנט געשען. בײַ בערנאַרדן איז עס שוין אַמאָל געשען, אָבער בײַ אים? דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן וויל אַ מיידל מיט אים חתונה האָבן, איז עס אַ מיאוסע מויד, זי איז אַוודאי אויך אַ ביסל צעדרייט. לעאָן, ענדלעך איז געקומען דײַן גרויסער טאָג. אַ מיידל האָט זיך פֿאַרליבט אין דיר. זי האָט דיך קיינמאָל נישט געזען, טאָקע דערפֿאַר האָט זי זיך פֿאַרליבט. זי וויל מיט דיר חתונה האָבן, אָבער דו זיצסט הינטער גראַטעס. אפֿשר חתונה האָבן דורך קאָרעספּאָנדענץ? אפֿשר דורך אַ פּראָקסי? אַהאַ, ער ווייסט שוין ווי אַזוי דער אַדוואָקאַט קאָן אים העלפֿן. ער וועט געבן זײַן אַדוואָקאַט אַ לעגאַלע אויטאָריזאַציע שוואַנגער צו מאַכן זײַן כּלה וועט ער דאָן מעגן חתונה האָבן מיט איר.״

דאָס איז דאָך די געשיכטע פֿון זײַן לעבן. ער האָט זיך צוגע־בונדן צו ישׂראל ווען מע האָט זיך שוין געגרייט אים אַרויסצושיקן. זײַן איינציקע גליקלעכע עראָטישע דערפֿאַרונג איז געווען מיט אַ פּראָסטיטוטקע. די איינציקע וואָס וויל מיט אים חתונה האָבן איז אַ מיאוסע צעדרייטע מויד. די איינציקע טובֿה וואָס זײַן אַדוואָקאַט קאָן אים טאָן איז באַגלייטן אים צו דעפּאָרטאַציע. נאָך גוט וואָס מען האָט באַוויזן אים אָפּצוראַטעווען פֿון די שלאָף־פּילן, אַנישט וואָלט ער נישט דערלעבט די איינציקע ליבע־דערקלערונג און חתונה־פּראָפּאָזיציע אין זײַן לעבן. ווער ווייסט וויפֿל נאָך אַזעלכע גאָלדענע געלעגנהייטן ער וועט אָנווערן, אָבער דער עק בײַ אײַ־אַגענט וועט מוזן לאַנג וואַרטן אויפֿן פּליפּעלד. גוט אַז מען האָט אים דעמאָלט געראַטעוועט. אַלע וואָלטן געווען צופֿרידן אויב ער וואָלט שטיל אײַנגעשלאָפֿן. ישׂראל וואָלט עס נישט באַדויערט, אַבי ס׳איז געשען אויסער אירע גרענעצן. אַמעריקע וואָלט זיך נישט גענומען צום האַרץ, פּטור געוואָרן פֿון אַ שפּיאָן. בערנאַרד און מאַשאַ וואָלטן זיכער געווען צופֿרידן, שטום געוואָרן דער איינציקער וואָס קאָן אויפֿדעקן דעם אמת.

אַ ראַזיר־מעסערל איז גאָר עפּעס אַנדערש. גוט וואָס ער האָט געהאַט שׂכל צו האַלטן און באַהאַלטן דאָס ראַזיר־מעסערל וואָס

ער האָט געפֿונען אין עראָפּלאַן. זײַן קענסער־צעפֿרעסן בלוט וועט פֿאַרפֿלייצן די צעל. פֿאָטאָגראַפֿיעס אין אַלע צײַטונגען, אויף אַלע טעלעוויזיעס. אַן אויפֿברויז פֿון געוויסן. פּראָטעסטן אין ישׂראל, געשרייען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, דעמאָנסטראַציעס אין ניו־יאָרק. די גאַנצע רשעותדיקע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. אַ לע־בעדיקער איז ער מאַכטלאָז אַפֿילו קעגן זײַן אייגענעם ברודער. ער מוז פֿאַרענדיקן מיט אַ טויט וואָס זאָל אויפֿשוידערן. דער האָום־סעקרעטאַר זאָל אַוועקדרייען דאָס פּנים, פֿרויען זאָלן אַרײַנפֿאַלן אין היסטעריע? אפֿשר וועט מען ברענגען בערנאַרדן? הלוואי זאָלן בער־נאַרד און מאַשאַ קומען ווען ער וועט נאָך ליגן אין דער צעל אין אַ טײַך בלוט. זאָל מאַשאַ דעמאָלט זאָגן אַז אַ שפּיאָן איז אַ שפּיאָן, זאָל זי זאָגן ווער עס האָט וועמען פֿאַרמוטשעט צום טויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צויטן־געדאַנקען, ווי דינע דורכזיכטיקע פֿעדעם, טויכן אויף און פֿאַרוועבן זיך ווי אין אַ שפּינוועב. די פֿעדעם קוואַלן אַן און גלאַנצן אויף ווי וואַסער. אין שפּיגל פֿון די וואַסער־פֿעדעם באַווײַזן זיך קאָלירן, פֿאָרמען: גרוי — אַ צעל; ברוין — אַ בעט; ווײַס און צי־טערדיק — אַ האַנט. די האַנט לאָזט זיך אַראָפּ, פּרעסט אַ שטאָל־גרוי מעסערל און — רויט, רויט, רויט!

אין צענטער פֿון געוועב לייגט זיך אויס אַ פֿרעגצייכן: לוקעמיע מיינט דאָך אַז ווײַסע קײַקעלעך מערן זיך און פֿאַרפֿלייצן דאָס בלוט, פֿאַרוואָס איז עס דאָך רויט?

דער פֿרעג־צייכן נעמט זיך מערן נאָך שנעלער ווי די ווײַסע קײַקעלעך. אַלע פֿעדעם אין דעם געוועב לייגן זיך אויס אין פֿרעג־צייכנס: ווו איז ער? ער לעבט?

דער געוועב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן פּנים און געפּרעסט ווי — — אַ זויערשטאָף־מאַסקע. ער קאָן הערן, ער הערט זײַן אייגע־נעם שווערן אָטעם, אָבער קאָן נישט אויפֿרײַסן די אויגנלעפּלעך.

די וואַסער־פֿעדעם קוואַלן אַן אין שטראָמען. די שטראָמען צע־כוואַליען זיך אין רוישיקע פֿלוסן און טראָגן אים אַוועק, אַוועק, אַוועק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„דו קאָנסט מיך הערן?" שעפּטשעט עמעץ אים גלײַך אין אויער אַרײַן. ער עפֿנט די אויגן, ער קאָן אויך זען. ער איז אין אַ שפּיטאָל.

אַ מאַן אין אַ ווײַסן כאַלאַט שטייט איבער אים. „דו וועסט זײַן אַל־רײַט,‟ זאָגט יענער און גייט אַוועק.

ער איז צוגעשנאַלט צום בעט, איבער אים צוויי פֿלאַשן מיט בלוט. ווו איז ער? יאָ, ער געדענקט שוין אַלץ. ניין, עס איז זיכער אַז זיי האָבן אים נישט אַוועקגעפֿירט צום עראָפּלאַן מיט אָפּענע אָדערן. דאָס מוז זײַן אַ שפּיטאָל ערגעץ אין לאָנדאָן.

ער וועט זײַן אַלרײַט? ער וועט זײַן אַלרײַט אויב ער וועט נישט זײַן אַלרײַט. ער וועט זײַן אַלרײַט ווען ער וועט מער נישט זײַן. וואָס גייט זיי אָזוי אין לעבן אים צו דערהאַלטן בײַם לעבן?

וואָס גייט אים אָזוי אין לעבן — — אין לעבן? אין טויט! וואָס יאָגט ער זיך אָזוי צו — — —

די וואַסער־שטראָמען טראָגן אים אַוועק, זיי טראָגן אים אַראָפּ און ער גייט זיך אונטער. דאָס וואַסער איז אײַז־קאַלט אָבער אין קאָפּ פֿליסט הייסע לאַווע. באַלד וועט דער קאָפּ אויך אַראָפּזינקען אונטערן וואַסער און — — ניין, נאָך נישט איצט, ער האַלט אינמיטן טראַכטן.

ער האָט אַרײַנגעקוועטשט דאָס ראַזיר־מעסערל אין זײַנע אָדערן מיט כּעס. פֿאַרוואָס כּעס? טויט גיט דעם לעבן אַ זין, טויט איז אַ טייל פֿון לעבן. אויב דער מענטש וואָלט געלעבט אייביק וואָלט ער געווען פֿויל און אָן אַ ציל. דער לאַנגווײַל פֿון אייביקן לעבן וואָלט געווען אַ סך ערגער ווי עס איז דער טויט. אויב עס וואָלט נישט געווען דער דראַנג עפּעס צו טאָן און דערגרייכן איידער עס ווערט צו שפּעט, וואָלט קיינער קיינמאָל גאָרנישט געטאָן. אויב עס וואָלט נישט געווען קיין טויט, וואָלט נישט מעגלעך געווען צו אַנטלויפֿן פֿון לעבן. זעלבסטמאָרד איז אַ גרויסע פֿרײַהייט און פּריווילעגיע.

אַ קראַנקן־שוועסטער דרימלט אין איר שטול. פֿאַסן ליכט שפּיזן אַרײַן דורך לעכער אין דעם ראָלעט איבערן פֿענצטער און שלייכן זיך צו אים אין פֿאַרטאָגיקער שלווה. זאָל די שוועסטער רויק שלאָפֿן, ער וויל איצט נאָר טראַכטן.

פֿאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?

ווײַל ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן מע זאָל אים צוריקפֿירן קיין אַמעריקע.

פֿאַרוואָס איז ער אַנטלאָפֿן פֿון אַמעריקע?

ווײַל ער האָט נישט געוואָלט צוריקגיין אין תּפֿיסה.

ער איז דאָך געווען פֿרײַ אויף קויציע?

זיי האָבן שוין געהאַט באַשטימט אַ טערמין פֿאַר זיין צווייטן מישפּט.

זיי האָבן שוין געהאַט באַשטימט אַ טערמין? אַן אַדוואָקאַט קאָן אַלעמאָל אָפּלייגן אַ מישפּט. מען האָט עס געקאָנט שלעפּן און שלעפּן פֿון געריכט צו געריכט, און ביז וואָס, ביז ווען — — וויפֿל איז אים דען סך הכּל געבליבן צו לעבן? וואָס פֿאַראַ אומזין האָט אים געטריבן צו אַנטלויפֿן?

איז עס עפּעס אין זײַן קראַנק בלוט וואָס האָט אים אַזוי געיאָגט און געפּלאָגט און אָנגעשפּאַנט ביז צום פּלאַצן? איז עס דאָס געבאָרגטע בלוט וואָס מע גיסט אין אים אַרײַן וואָס העלפֿט אים ער זאָל איצט אַלץ זען אין גאָר אַן אַנדער ליכט? ער איז אַפֿילו נישט אין כּעס אויף זיך פֿאַר זײַן לויפֿן, אַנטלויפֿן, און אַלדאָס איבעריקע...

ווען ער האָט אַראָפּגעשלונגען די פּילן איז ער נאָר אויסן געווען איבערצורײַסן דעם פֿלי קיין ניו־יאָרק. ווען ער האָט זיך איבערגעשניטן די אָדערן האָט ער עס געטאָן מיט כּעס און להכעיס. ער האָט געוואָלט אַלע זאָלן אַרײַנפֿאַלן אין שאָק ווען זיי וועלן אים געפֿינען אין אַ טײַך בלוט. ער האָט אויך געוואָלט ער זאָל קאָנען עפֿענען אַ שפּאָלט פֿון אַן אויג און זען זייער שרעק און זייער חרטה. שׂנאה, פּונקט ווי ליבע, איז אַ קייט וואָס בינדט דיך ווי אַ שקלאַף צום לעבן.

פֿאַרוואָס האָט ער דאָס פֿריִער נישט פֿאַרשטאַנען? אויב בערנאַרדן וואָלט גוט געווען מיט זאַשאַן וואָלט ער זי נישט פֿאַרלאָזט און געפֿאָרן קיין אַמעריקע. אויב ער אַליין וואָלט חתונה געהאַט מיט זאַשאַן וואָלט ער זי אויך געמוזט פֿאַרלאָזן. איז זאַשאַ אַ שוואַרצער כאַראַקטער? אפֿשר נאָר אַ שטאַרקער כאַראַקטער. בערנאַרד האָט צוגענומען זײַן ברודערס מיידל ווײַל דאָס מיידל האָט אַזוי געוואָלט, און ווײַל בערנאַרד איז פּונקט אַזאַ שוואַכלעכער ווי זײַן עלטערער ברודער. זי וואָלט עס אויך אויסגעפֿירט בײַ אים אויב זי וואָלט צוערשט געווען בערנאַרדס מיידל. טיילמאָל רופֿט מען שוואַכקייט גוטסקייט און שטאַרקייט רישעות, און אפֿשר איז עס טאַקע אַזוי. כאָטש וואָס, מישטיינס געזאָגט, פֿאַר אַ טובֿה טוט דער שוואַכער אַז ער האָט נישט דעם כּוח אויסצוטראָגן זײַן גוטסקייט. ער האָט געהאַט אַן אימפּולס זיך מקריבֿ צו זײַן פֿאַר בערנאַרדן און מאַשאַן, איז עס אַ טובֿה? עס וועט ווערן גוט ערשט ווען עס וועט זײַן אַ טאָטאַלער קרבן, און דאַן וועט עס זיי נישט באַקומען און וועט סײַ ווי קיין טובֿה נישט זײַן.

טייערע בערנאַרד און מאַשאַ, איך שטעל מיר פאָר ווי איר לײַדט פון די ידיעות וועגן מיר, זײַט מיר מוחל. אויב איך וועל נישט צוריקקומען צו די כּוחות, נעמט עס זיך נישט צום האַרצן. איך האָב שוין אָפּגעלעבט מער ווי די דאָקטוירים האָבן מיר געהאַט צוגעזאָגט. און, מאַשאַ, טעד איז גוט פאַר דיר. פאַרט זיך באַזעצן אין ישׂראל. און די צען טויזנט פון מײַן לעבנס־פאַרזיכערונג — צו מאַשאַן. נישט אינגאַנצן, אפשר אַ צוויי־דרײַ טויזנט צו דעם אינוואַליד אין תּל־אָביבֿ בײַ וועמען איך האָב געוווינט.

די קראַנקן־שוועסטער וואָלט עס באַדאַרפט אויפשרײַבן פאַר אים, אָבער ער איז אַזוי מיד, מיד. מע קאָן שטאַרבן נאָר מע לאָזט נישט. ער איז מיד, מיד. אויב ער וואָלט נאָר פאַרקלאַמערט די הענט אַרום די רודערס וואָלט ער — — ער איז מיד, מיד. נאָכלאָזן די רודערס און זאָל דער שטראָם אים טראָגן אַהין, אַהער, נישט אַהין און נישט אַהער, ער איז מיד, מיד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עמעץ זאָגט „קאָמפּליקאַציעס." ער איז אַ מיליאָנער אין ווײַסע בלוט־קײַקעלעך, ער האָט די גרעסטע אַרמיי קעגן אינפעקציעס. ניין, זײַנע ווײַסע קײַקעלעך זענען קליין און שוואַך, אַן אַרמיי פון קאַרליקעס קעגן געזונטע מיקראָבן און ווירוסן. זאָלן זיי זיך שלאָגן די לוקעמיע־פאַרפעסטעטע קײַקעלעך מיט די מיקראָבן. ווער עס זאָל נאָר געווינען, ער האָט נישט וואָס צו פאַרשפּילן. אַ חלום דערנענטערט זיך ווי אַ גרויער וואָלקן. ער קאָן אַרײַנטויכן דערין, ער קאָן אויך אַוועקרוקן זיך און עס אויסמײַדן. ער ליגט נאָר און וואַרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז בלוי און עס איז גרין, ס'איז פרילינג אויפן „זאַמעק". עס מוז שוין זײַן אַכט. ער דערקענט די וואָס קומען אַן, זיי זענען פון דעם „אידיאָטן־קלוב" און זיי קומען זיך צונויף, ווי יעדן פרימאָרגן, דאָ אין פּאַרק אויפן באַרג אײדער זיי גייען צו זייערע געשעפטן. זיי קומען זיך דאָ צונויף ווײַל זיי האָבן ליב דעם באַרג, און דעם פּאַרק, און זייער שטאָט לעמבערג. ער האָט אויך זײַן קלוב וואָס האָט ליב דעם „זאַמעק", וואָס טרעפט זיך דאָ יעדן פרימאָרגן פאַרן גיין אין אוניווערזיטעט. אין זײַן קלוב זענען פאַראַן נאָר צוויי, ער און זאָשאַ. אָט קומט זי. ער לויפט איר אַקעגן. ער לויפט און לויפט,

בלײַבט אָן אָטעם, און קומט נישט נענטער. אַ ווינט נעמט בלאָזן. כמאַרעס, גרוי, טונקל, נאַכט. ער איז אַליין אויפן באַרג. פֿון צווישן דיביימער אויפֿן „זאַמעק״ זעען די ליכטער פֿון שטאָט אויס ווי ווײַטע שטערן. ער הייבט זיך אויף און שוועבט צו די שטערן. ניין, ער הייבט זיך נישט, ער זינקט אַראָפּ. ניין, ער זינקט נישט, ער ליגט און זעט ווי אַלץ שוועבט פֿאַרבײַ, ווי אויף אַ פֿילם־לײַוונט. אַ ווינט גיט אַ בלאָז, רײַסט אַראָפּ דאָס סטודענטישע היטעלע פֿון זאַשאַס קאָפּ. דער פֿילם־פּראָיעקטאָר פֿאַרהאַלט זיך. אַ רויט־ווײַס היטעלע בלײַבט הענגען אין דער לופֿט אינמיטן פֿאַלן. דער פּראָיעקטאָר האָט זיך פֿאַרהאַלטן נאָר אויף אַ רגע און באַוועגט זיך שוין ווידער, אָבער די בילדער האַצקען ווי דער פֿילם וואָלט געווען שלעכט אײַנגעפּע־דעמט. די קאָלירן צעשווימען זיך. דאָס פֿליקערן איז אַרויס פֿון פּראָ־יעקטאָר און אַרײַן אין זײַן האַלדז. די קאָלירן בלאַסער, בלאַסער. דער כאָרכל שוואַכער, שוואַכער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערגעץ אין אַ צײַטונגס־דרוקערײַ האָט אַ לינאָטיפּ נאָך אויסגע־גאָסן הייסע בלײַערנע שורות מיט פּראָטעסט קעגן אַרויסשיקן לעאָן סאָבאָלאָוויטשן. אין דער טיר פֿון זײַן צימער האָט זיך באַוויזן אַ שפּיטאָל־דינער מיט אַ פֿלאַש בלוט־פּלאַזמע. די קראַנקן־שוועסטער וואָס האָט געוואַכט איבער אים האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ אין דער ברייט.

ס ו ף.

בער־לעפ

„אין טשאָכאַטשאָוו נעמט דער ערל אַנדערטהאַלבן זלאָטעס פאַר אַ פּאָדקאָווע, און אונדזער וואָווע קאָן נישט אַנדערש באַשטיין נאָר אַ זלאָטע מיט פּופּציק,“ האָט בער־לעפ זיך באַקלאָגט.

דאָ אין שטעטל איז בער־לעפ געגאַנגען נאָר צו וואָווען, דעם יִדישן קאָוואַל. ער האָט הנאה געהאַט צו קוקן ווי וואָוועס פאַרריסטע יאַטלעך זענען אַרומגעקראָכן איבער דער קוזניע, געשפּילט זיך מיט אַלטע רייפן פון צעבראָכענע רעדער, געפּירט צווישן זיך אַ האַנדל מיט אַלטע, אויסגעטראָטענע פּאָדקאָוועס. דאָס פערד, וואָס בער־לעפ האָט געבראַנגט צו פירן, האָט ער צוגעבונדן צו אַ בוים און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ שפּיל טאָן זיך מיט חבֿרה קונדסים. ער האָט געטיילט די קינדער גראָשנס אויף צוקערלעך. דאָס קליינוואַרג איז געקראָכן צו אים אויף די קני, געצופּט די שטײַפע האָר פון זײַן באָרד. בער־לעפ האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אַז געקומען איז ער גאָר קאָווען אַ פערד. חנה, זײַן ווײַב, איז אָנגעלאָפן מיט אַ געשריי: „ווּ ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן, מע דאַרף שוין שפּאַנען.“ דאָס פערד אין דרויסן האָט אַ הירזשע געטאָן ווי עס וואָלט צוגעהאָלפן חנהן אויסטענהן זיך. בער־לעפ האָט עס אָפּגעבונדן פונעם בוים, אונטערגעהויבן דעם פערדס אַ פוס און אַ רוף געטאָן: „וואָווע, קאָווע!“

טיילן געלט די קינדער בחנם, דאָס יאָ, אַפילו אַ גאַנצן זלאָט מיט פּופּציק. אָבער וואָווע זאָל פון אים נעמען מער וויפל ס׳קומט אים, דאָס נישט. ער, בער־לעפ, האָט פײַנט אַז מע נאַרט אים אָפּ. אַ געריבענער יִיד אָט דער קאָוואַל, ער ווייסט אַז בער־לעפ קאָן נישט רעכענען, וויל ער בײַ אים אויסנאַרן מער. אָבער דאָס מאָל געדענקט בער־לעפ גאַנץ געניו: דער גויִשער קאָוואַל האָט פאַרלאַנגט אַנדערטהאַלבן זלאָטעס, און וואָווע וויל נישט ווינציקער ווי אַ זלאָטע מיט פּופּציק.

וואָווע האָט בער־לעפן געגעבן צו פאַרשטיין אַז אַנדערטהאַלבן זלאָטעס איז פונקט אַזוי פיל ווי אַ זלאָטע מיט פּופּציק, אָבער בער־

לעפּ איז נישט אַזאַ נאַר, ער זאָל דעריין גלויבן. אַז חנה האָט אים שפּעטער געזאָגט דאָס זעלביקע וואָס וואָוו, איז בער־לעפּ שוין אין גאַנצן געוואָרן מטושטש: ווי איז עס מעגלעך ס׳זאָל זײַן דאָס זעלביקע, אַז דאָס איז אַנדערטהאַלבן, און דאָס אַנדערע איז גאָר אַ זלאָטע מיט פּופּציק?

בער־לעפּ איז געווען אַ בעל־עגלה, דער רײַכסטער בעל־עגלה אין שטעטל. אַ גראָבער קאָפּ, זיך נישט אויסגעקענט אויף אַ מטבע, און געהאַט אַזאַ מזל אַז אַלע פּאַרשוינען זענען געלאָפֿן דווקא צו אים. געווען אין שטעטל אַ פֿינף בעל־עגלהס וואָס האָבן געפֿירט פּאַרשוינען צו דער באַן קיין סאָכאַטשאָוו, אַלע אָבער האָבן זיך געריסן צו בער־לעפּן. ערשט ווען אין בער־לעפּס בריטשקע איז שוין מער קיין פּלאַץ נישט געווען, איז מען געגאַנגען צו אַן אַנדער וואָגן.

וואָס אַן אמת, דער בער־לעפּ האָט געהאַט אַ פּאָר סוסים ווי די לייבן; זײַן בריטשקע איז תּמיד געווען ריין אָפּגעשײַערט, די רעדער גוט געשמירט, קיין סאָכאַטשאָוו איז ער שטענדיק אָנגעקומען דער ערשטער. אָבער ווידער די אייגענע מעשׂה: אַז די בריטשקע איז אָנגעפּראַפּט מיט פּאַרשוינען, קאָן מען געבן די פֿערדלעך צו עסן פֿון שענסטן און בעסטן. סוסים, וואָס פֿרעסן לויטער היי און האָבער, קאָנען טאַקע פֿליִען ווי די אָדלערס; ווייטער, באַלעקן און באַשמעקן די בריטשקע, אַרומשפּילן זיך מיט איר גאַנצענע טעג, דאָס קאָן אויך קיינער נישט, נאָר בער־לעפּ. וואָס האָט ער דען עפּעס אַנדערש צו טאָן ווען ער קומט אַ היים? זיך שפּילן מיט די קינדער וואָס ער האָט נישט?

בער־לעפּ האָט נישט געהאַט קיין קינדער.

חנה, בער־לעפּס ווײַב, איז אַ גאַנצע קענערקע; ווי אַ וואַסער דאַוונט זי פֿונעם סידור און אַפֿילו פֿונעם יום־טובֿדיקן מחזור. זי קען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס נאָר „סחידים״ קענען עס. דערצו איז זי אַ גאַנצער „ביכעזשבן״ (בעל חשבון), ווי בער־לעפּ באַרימט זיך. ער, בערל, ווייסט נישט וויפֿל זיך הייסן געבן פֿאַר איין „יאַזדע״ (נסיעה), און זי, זי גיט אַ צייל איבער די פֿינגער, שטעלט צונויף די פֿינגער פֿון ביידע הענט, און האָט גלײַך דעם מקח פֿאַר די יאַזדעס פֿון אַ גאַנצער וואָך. זי, חנה, פֿירט עס טאַקע אַלע געשעפֿטן סײַ פֿון דער בריטשקע וואָס פֿירט פּאַרשוינען קיין סאָכאַטשאָוו, סײַ פֿון לאַסטוואָגן וואָס פֿירט סחורות קיין וואַרשע און פֿון וואַרשע; זי נעמט דאָס געלט בײַ די פֿאָרערס, מאָנט אויף פֿאַר געשיקטער

און געבראַכטער משׂא, באַצאָלט די פּאָשע פֿאַר די פֿערד, צאָלט אויס די שׂכירות מאַטשעקן, דעם שמײַסער, וואָס פֿירט דעם לאַסט־וואָגן ווען בער־לעפּ פֿירט די בריטשקע, און — די בריטשקע, ווען בער־לעפּ פֿירט דעם וואָגן.

און וואָס איז דער חידוש? חנה שטאַמט דען פֿון „אַרטשיקעס" ווי ער, בער־לעפּ? איר טאַטע ליוועשאָלעם (עליו השלום) איז געווען לייזער־וואָלף דער מלמד. איר מאַמע, זאָל זיך מיִען, איז געווען ביילע־סערל די טיקערין. איז חנה טאַקע אויסגעוואַקסן אַ קאָפּ — אַ מיניסטער. הײַנט איר בריהשקייט! אירע קוגעלעך, אירע צימעס־לעך, אירע געפֿילטע העלדזעלעך, — נאָר די פֿינגער צו לעקן; דערצו האָט זי גלאַט גילדענע הענט; נייט אַליין פֿאַר זיך די קלייד־לעך, נייט אויס טישטעכלעך, קישעלעך, אָט, ווי דער פֿויגל פֿליט אין דער לופֿטן — אַזוי נייט זי אים אויס.

בער־לעפּ איז טאַקע אַן „אַרטשיק" — אַ גראָבער קאָפּ, אָבער ער ווייסט ווי צו שאַצן אַזאַ איידל קינד ווי זיין חנה. פֿאַר איר איז אים פֿון פֿויגל־מילך נישט צו טײַער. חנה קאָכט אָפּ אַ באַטעמט העלדזל און דערלאַנגט עס בערלען. אַזש דאָס מויל ווערט פֿול מיט סלינע בלויז פֿון קוקן. אָבער איידער נאָך ער רירט זיך צו צום מאכל, דערלאַנגט ער חנהן אַ שטיקל. חנה, ווי שטענדיק, וויל נישט עסן, זי האָט נישט, זאָגט זי, קיין אַפּעטיט. בערל פֿאַרשטייט נישט, וואָס ס'הייסט נישט האָבן קיין „פּעטיט". טשיקאָווגע באַשעפֿענישן די „ביידעלע" מענטשן: קאָנען נישט עסן, קאָנען נישט שלאָפֿן. אַז אַ פֿערד קאָן נישט עסן, איז עס חולה. ער, בערל, קאָן שטענדיק עסן, דערצו נאָך אַ געפֿילטע העלדזל, וואָס צעגייט אין מויל. און וואָס איז דאָ נישט צו קאָנען? מע לייגט אַריין אין מויל אַריין און מע קײַט — עסט מען; מע לייגט זיך אַנידער און מע מאַכט צו די אויגן — שלאָפֿט מען. און אַפֿילו ווען מע לייגט זיך נישט צו, לאָמיר זאָגן, ווען מע זיצט אויף דער קעלניע, די לייצעס אין דער האַנט, די פֿערד שפּאַנען פֿון זיך אַליין איבערן באַקאַנטן שליאַך, נו, שליסן זיך די אויגן און מע כאַפּט אַ דרימל. אָבער ווי קומט דאָס אַלץ צו אַ העלדזל! דאָס הייסט דען אויך געגעסן? ער הייסט איר דען אַרײַנ־האַקן אַ קעלבערנע ברוסט, ווי ער טוט עס? ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ גענדזן־מעגעלע, אַ פּיצעלע, אַ נויקיצל, קײַ און שפּײַ, אויף איין צאָן. חנה איז אָבער אײַנגעשפּאַרט: זי קאָן נישט. באַשווערט

זי בערל: „אַ ניש זאָל איך דאָ די נכפּה קריגן, אַניש זאָל איך דאָ איינגעזינקען ווערן אויפֿן אָרט, צי ד׳עסט נישט עסן.“ חנה דער־שרעקט זיך פֿאַר די קללות, און גיט „אַ לעק“ פֿונעם העלדזל.

אַז פּרנסה איז פֿאַראַן און שלום־בית אויך, וואָלט דאָך געווען אַ פֿרייד ס׳זאָל צוקומען אַ נפֿשל אין שטוב, איז אָבער נישט באַ־שערט קיין פֿולער נחת. אַ יאָר נאָך אַ יאָר איז פֿאַרבײַ, אויסגעווען שוין בײַ אַלע גוטע ייִדן און, להבֿדיל, בײַ זנאַכערס און דאָקטוי־רים, און — גאָר נישט...

די בעל־עגלהס זענען געווען אָנגעבלאָזן אויף בערלען. נישט נאָר איז בײַ אים די בריטשקע שטענדיק פֿול מיט פֿאַרשוינען און דער וואָגן אָנגעלאָדן מיט משׂא, ער האָט נאָך דערצו גלאַט אַ טריף מזל. אַ פֿערד האַלט זיך בײַ אים לענגער, און אָן בויכווייטיק. בײַ די אַנדערע בעל־עגלהס טרעפֿן אַלערליי מאַלערס: דאָ קריגט אַ פֿערד דעם „פֿאַסקודניאַק“, אָדער ווערט אָנגעבלאָזן אַז מע מוז עס „שטעכן“, אָדער עס פֿאַלט אין גאַנצן אָוועק, מע ווייסט נישט פֿון וואָס. בײַ בער־לעפֿן זענען די פֿערד שטענדיק געזונט — אײַזן. זוכן די בעל־עגלהס זיך אין אים נוקם צו זײַן, רייצן זיך מיט אים און באַוואָרפֿן אים מיט שטעכווערטלעך. מער פֿון אַלע טשעפּעט זיך צו בער־לעפֿן לאָזער־קאַלעיע.

לאָזער־קאַלעיען האָט מען צו יעדער צײַט געקאָנט טרעפֿן אויף דער בעל־עגלהשער בירזשע. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געאײַלט אַ היים צו גיין. אַז ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, זענען אים באַפֿאַלן פֿון אַלע זײַטן אַלע זײַנע אַכט ווערעם מיט קולות: „טאַטע, ברויט! טאַטע, עסן!“ ער האָט אויסגעקראַצט פֿון די קעשענעס די לעצטע פּאָר גראָשנס, מען האָט געבראַכט אַ ברויט פֿונעם בעקער. איידער ער האָט צײַט געהאַט זיך אומצוקוקן, איז דאָס ברויט „פֿאַרברענט“ געוואָרן, און חבֿרה איז שוין ווידער געשטאַנען אַרום אים מיט געשריי: „טאַטע, ברויט! טאַטע, עסן!“

אַז אויף ברויט פֿאַר די קינדער איז נישט געווען, איז דאָך אויף פּאַשע פֿאַר די פֿערד אַוודאי נישט געווען. האָבן די פֿערדלעך גע־דאַרט און געקוואָרט — נאָר הויט און ביין. ווער וויל זיך דאָס לאָזן אין וועג אַרײַן מיט פּגירותדיקע שקאַפּעס אין אַ חרובֿער, פֿאַרשמאַ־דערטער בריטשקע? מע צערייסט זיך די מלבושים בײַ אַרויסגעקראַ־כענע טשוועקעס; די רעדער פּײַפֿן, קרעכצן, אויסגעהלשט נאָך אַ

ביסל שמירעכץ. קיינער וויל אויך נישט געבן לאָזערן קיין משא צו פירן: די פלאַנדעקעס, וואָס מיט זיי דעקט לאָזער איבער דעם וואָגן, זענען צעריסן. אַז עס רעגנט ווערן די סחורות צעווייקט, פון מעל ווערט קליסקעלעך.

און טאַקע, וואָס האָט די לאָזעריכע געזאָלט פריִער טאָן: פאַר־לאָטן די פלאַנדעק, אָדער אויסוואַשן די באַמאַכטע הייזלעך פון די קינדער? אומצוגייען אָרום אַכט ווערעם מיט אַ גייַנטס אונטערן האַרצן איז עפּעס גרינג? אָט פאַלט איינס אַראָפּ פונעם בענקל, אַ צווייטס קערט זיך איבער, קאָן זיך נישט אויפשטעלן, איינס צעשרייט זיך גלאַט אַזוי, העלפט צו די אַנדערע שרייַערס, — איז צו וועלכן זאָל זי פריִער צולויפן? און אינעווייניק אין בויך, גיט עס זיך אויך אַ וואָרף אַז עס פאַרקלעמט בייַם האַרצן. בלייַבט זי זיצן אויף אַן אָרט, און נעמט אויך שרייַען: „ווו איז ער, דער פרנסה געבער, דער באַגראָבער מייַנער! וווהין האָט אים דער רוח פאַרטראָגן? אַז אַרויסטראָגן זאָל מען מיך שוין אויפן בית־עולם, טאַטע זיסער!"

און אויפן מאַרק איז לאָזער־קאָלעיע, אַ קליינס, אַן איינגע־דאַרטס, אַקעגנגעלאָפן די פאַרשוינען און זיך געבעטן: „דאָ קאָ־לעיע, דאָ קאָלעיע, צו דער באַן קאָ טשאַכאַטשאַוו, צוויי גילדן, צוויי גילדן דאָ קאָלעיע!" לאָזערס שיטערע קאָזע־בערדל איז אונטערגע־שפּרונגען און זיך געבעטן. אַפילו דאָס הויקערל אויף דער פּלייצע האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, גלייַך ווי עס וואָלט געהאָלפן רופן: „דאָ קאָלעיע, דאָ קאָלעיע, צוויי גילדן!"

בער־לעפּ האָט געגומען צוויי און אַ האַלבן גילדן. ער האָט נישט געראָפן, ער איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אָן דער בריטשקע, און נאָר ווען עס איז צוגעקומען אַן עלטערער מענטש, געהאָלפן אים אַרויפקריכן. בער־לעפּס בריטשקע איז פול געוואָרן נאָך איידער ביי לאָזערן האָט זיך אָוועקגעזעצט דער ערשטער פאַר־שוין. האָט לאָזער אויסגעלאָזט זייַן גאַנץ ביטער האַרץ צו בערלען: „אָנגעפּאַקט אַזוי פיל גראָבע בייַכער אין דער בריטשקע. די אָקסן וועלן ביי דיר פּלאַצן."

בער־לעפּ האָט געוואָלט אָפּענטפערן לאָזערן, אָבער נישט גע־ווּסט וואָס צו זאָגן, ער האָט געענטפערט נאָר מיט אַ בייזן ברומען.

„זע נאָר ווי ער רייַסט אייַן די וועלט," האָט לאָזער נישט אָפּ־געלאָזט. „צום פרעסן האָסטו דאָך אויפפלאַצערדיקערהייט, פאַר ווע־מען גרייטסטו ירושה, פאַר די קינדער דייַנע?"

„ווער שטום, הויקער־פּוקל צאַפּל־מענטש.״

„דער הויקער האָט גלײַכע שיינע קינדער, און דו וואָס? שטיינער האָסטו!״

בער־לעפּ האָט אַ שפּרונג אַרויף געטאָן אויף דער קעלניע און שנעל אַוועקגעפֿאָרן.

* * *

בער־לעפּ איז ווידער געפֿאָרן צום רבין. דער רבי האָט אים געזאָגט ער זאָל געבן געלט צו עפּענען אַ תּלמוד־תּורה פֿאַר אָרעמע קינדער, אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער זיך מרחם זײַן און „עפּענען די טראַכט פֿון זײַן ווײַב.״

בער־לעפּ האָט געגעבן געלט פֿאַר אַ תּלמוד־תּורה, אָבער די טראַכט פֿון זײַן ווײַב האָט זיך נישט געעפֿנט. דער רבי האָט אים געטרייסט: „די הייליקע חכמים זאָגן: ווער עס לערנט מיט עמעצן תּורה איז עס גלײַך ווי ער וואָלט אים געבוירן. די קינדער אין דײַן תּלמוד־תּורה זענען דײַנע קינדער.״

בער־לעפּ האָט עס נישט באַנומען. וואָס הייסט זיי זענען זײַנע קינדער אַז זיי זענען נישט זײַנע... ער וויל קינדער וואָס זאָלן צו אים שרײַען: טאַטע, ברויט! טאַטע, אַ גראָשן! כאָטש איין קינד וואָס זאָל צו אים קריכן אויף די קני, טוליען זיך צו אים מיטן קעפּל, אויסשמירן אים מיטן באַראָצטן נעזל, באַדײַ די שבתדיקע קאַפּאָטע...

* * *

בער־לייב איז געווען זײַן נאָמען. לייזער־וואָלף, דער דרדקי מלמד, האָט איבערגעקרומט לייב אויף לעפּ, און אַזוי איז עס שוין פֿאַרבליבן. „אײַ איז דאָס אַ לעפּ״ (אַ קאָפּ), פֿלעגט לייזער־וואָלף זאָגן אויף בער־לייבן, „ווען איך זאָל האָבן נאָך עטלעכע אַזעלכע תּלמידים, וואָלט איך שוין דאָס גאַנצע לעבן פֿאַרשפּאָרט צו האָבן דאגות פּרנסה. אַן אַנדער יינגל, ווען ער הייבט שוין אָן לערנען חומש מיט רש״י, גיט מען אים אַוועק צו אַן אַנדערן מלמד, בער־לעפּ וועט אייביק פֿאַרבלײַבן מײַן תּלמיד, ער וועט זיך קיינמאָל גאָרנישט אויסלערנען...״

פֿונדעסטוועגן האָט בער־לעפּ זיך דאָך אויסגעלערנט אַ ביסל דאַווענען. ווען זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער זיך אַפֿילו אויסגעלערנט קדיש זאָגן. נישט לייענען פֿונעם סידור, בײַם לייענען האָט

ער געשטאַמלט, געשוויצט ביים צונויפשטעלן די טראָפן: „ית־גאַד־גאַד־גד־דל״; אויסנווייניק איז עס געגאַנגען לײַכטער. ער האָט אַ ביסל פאַרגרײַזט. „נו, מילא,״ האָט לייזער־וואָלף געזאָגט, „פאַר אַזאַ לעפּ איז דאָס אויך שוין גוט.״

חוץ מלמדות איז לייזער־וואָלף אויך געווען אַ חבֿרה־קדישא־מאַן. ווען ער איז אַוועק זיך מתעסק זײַן בײַ אַ לוויה, האָט זײַן פּלאַץ אין חדר פאַרנומען זײַן טאָכטער חנה. חנה איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. בסך־הכל מיט אַ פינף־זעקס יאָר עלטער פון די תּלמידים, אָבער בײַ איר האָבן זיי געלערנט מיט מער חשק ווי בײַם רבין אַליין. אַפילו בער־לעפּ, דער גראָבער קאָפּ, האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט.

חנה איז געווען אַ דאַר מיידל מיט צוויי דינע, שוואַרצע צעפּ־לעך. בעת זי האָט געלערנט מיט די קינדער, האָט זיך בײַ איר געקנייטשט דער שטערן, פּונקט ווי בײַ איר טאַטן. ווען זי האָט געדאַוונט האָט זי פרום פאַרגלאָצט די אויגן, פּונקט ווי איר מאַמע, די גבאיטע. מען האָט קיין מאָל נישט געזען חנה זאָל זיך שפּילן מיט חבֿרטעס. זי האָט געדאַוונט, געוואַשן וועש, געצירעוועט זאָקן, אָדער סתּם געזעסן בײַם פענצטער שטיל און פאַרטראַכט.

אַז זי האָט זיך באַוויזן אין טאַטנס „חדר,״ איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל־שאַ. זי האָט בלויז באַדאַרפט אַ קוק טאָן אויף איי־נעם פון די תּלמידים, און בײַ יענעם איז דאָס פּנים רויט געוואָרן ווי אַ בוריק. די עלטערע תּלמידים האָבן זיך געשושקעט אַז חנה לערנט אין די נעכט קבלה, אַז זי ווייסט פון אַזעלכע שמות, וואָס מע קאָן מיט זיי באַשווערן די ערגסטע שדים, אַוועקלייגן די שטאַרק־סטע גזלנים.

בער־לייב האָט געקוקט מיט מורא אויף די „קענערס״. זיי אַז זיי געבן נאָר איין קוק אויף די קליינע, געדרייטע שטרײַכעלעך, ווייסן זיי שוין וואָס דאָרטן שטייט געשריבן. ער האָט אויך געקוקט מיט שרעק אויף חנהן: זי קען, ווי די ייִנגלעך, זאָגן אַזעלכע זאַכן וואָס קיינער קען נישט.

* * *

בער־לייבס טאַטע איז געשטאָרבן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט פרעמדע מענטשן וואָס האָבן רק געדאַוונט, געדאַוונט... די מאַמע, די שוועסטערס, האָבן געיאָמערט, האָט בערל אויך מיט־געוויינט.

„בערל, בערל מיר האָבן מער שוין ניש קאַ טאַטע! נישטאָ דער טאַטע, נישטאָ!"

„נישטאָ טאַטע, נישטאָ," האָט בערל מיטגעשריגן. ער איז געווען דערשראָקן פֿון די געשרייען, איז אָבער געווען צופֿרידן וואָס אַזוי פֿיל ייִדן זענען געקומען צו זיי אין שטוב אַרײַן, אַפֿילו דער רבי איז געקומען. דער „רבי" האָט אים הײַנט, ווי קיין מאָל נאָך נישט ביז איצט, אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט: „בערל, דו ביסט אַ יתום." לויטן רבינס ווייכע רייד, האָט בערל פֿאַרשטאַנען אַז זײַן אַ יתום איז אַ גוטע זאַך...

בער־לעפּ האָט זיך געפֿילט שטאָלץ ווען ער איז געשטאַנען אין בית־המדרש אויבן־אָן און דער רבי האָט אים געהאָלפֿן זאָגן קדיש. די חברים האָבן אים מקנא געווען: „אַזאַ גראָבער קאָפּ, און זאָגט שוין קדיש..."

קורץ נאָכן טאַטנס טויט, איז בערלס מאַמע מיט אַלע קינדער אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָדזש. ווען בערל איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַרײַן, איז ער געווען אַ יונג אין די ערשטע צוואַנציקער. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ נײַער בריטשקע און צוויי פֿערד ווי די לייבן — זײַן אייגנס.

בערל איז אויסגעוואָקסן אַ יונג — אַ ריז, מיט ברייטע פּלייצעס, שטאַרקע ידים, אַ קאַרק — אַן אַנגעגאָסענער און פֿעסטער ווי בײַ אַן אָקס, אַ שווערער, פֿעסטער טראָט ווי ביי אַ שלעפּ־פֿערד.

די ווײַבער פֿונעם שטעטל האָבן זיך פֿאַרלייגט בערלען צו פֿאַרקנסן. שידוכים — אַ וועלט. בערל האָט אַזש נישט געוווּסט וואָס אויסצוקלויבן. ער האָט זיי געקענט, די אַלע מוידן, וואָס מען האָט אים אָנגעשלאָגן; ער האָט זיי געטראָפֿן אין גאַס, ער האָט זיי געטראָפֿן בײַ דער „מאַרע" — דעם שטעטלישן טײַך. זיי האָבן געוואַשן וועש בײַם ברעג פֿון טײַך; בערל האָט געבאָדן זײַנע פֿערד בײַם קעגנאיבערדיקן ברעג. בערל האָט איצט אָפֿטער געבאָדן זײַנע פֿערד. די מוידן האָבן זיך געקנײַפּט און געכיכיקעט ווען בערל איז אַ האַלב־נאַקעטער אַרײַן אין טײַך. בערל האָט בגניבֿה געוואָרפֿן אויגן אַהין, צו די מוידן. ווען ער איז שוין געווען אויף זײַן געלעגער, בײַנאַכט, האָבן נאָך אַלץ געבלענדט פֿאַר זײַנע אויגן די פֿולע אַנטבלויזטע אָרעמס און די פֿעסטע שענקלען וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די מוידנס פֿאַרקאַטשעטע קליידלעך.

שבת נאָכן עסן. יונגוואַרג איז געגאַנגען שפּאַצירן אַראָפּ צו, צו דער מאָרע, אָדער אויפֿן זשיכלינער שאָסיי ווו אויף ביידע זײַטן וועג ציִען זיך וויגעוודיקע בערעזעס און הויכע שלאַנקע טאָפּאָליעס. בערל איז אויך אַרויס שפּאַצירן, אַליין, קיין חבֿרים האָט ער נישט געהאַט.

אונטער אַ ברייט־פֿאַרצווײַגטן בוים איז געזעסן אַ חבֿרה יונגע־לײַט און געזונגען. בערל האָט שוין געהערט וועגן זיי, אַז זיי זענען „ציניסטן”. זיי האָבן גערופֿן בערלען, ער זאָל זיך צוזעצן צו זיי. בערל האָט נישט פֿאַרשטאַנען, נישט וואָס זיי האָבן גערעדט, נישט וואָס זיי האָבן געזונגען. ער איז באַלד אַוועק פֿון זיי. ער האָט אײַנ־געזען אַז טאַקע נישט בחינם רעדט מען אויס אויף זיי אַל דאָס בייז. פֿון וואַנען האָט זיך צו זיי גענומען דאָ, בײַם שאָסיי, ביכלעך און גאַזעטן, אַז אום שבת טאָר מען נישט טראָגן? עטלעכע פֿון זיי זענען אַפֿילו געזעסן אָנעם היטל, ווי די גויִים. ער, בערל, האָט עס אַליין געזען.

בערל האָט שפּאַצירט ווײַטער. דער אָטעם האָט זיך אים פֿאַר־האַקט ווען עס זענען אים אַנטקעגן געקומען אַ כאָפּטע מיידן: בעל־עגלהשע, קאָוואַלישע טעכטער, צעוואָקסענע, פֿולע, מיט גרויסע רײַפֿע בוזעמס. עטלעכע פֿון זיי האָט מען טאַקע אים, בערלען, גע־שדכנט. ווען די מיידן האָבן דערזען בערלען, האָבן זיי זיך קאָ־קעטיש געוויגט אויף די היפֿטן. די פֿולקייט פֿון זייערע לײַבער האָט זיך געצייכנט אַפֿילו אויף זייערע דאָרפֿישע קליידלעך. בערל איז אַזש געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן פֿאַרחלשט מויל...

בערל איז אַהיימגעקומען און געטראַכט, און זיך גיט געקענט פֿונאַנדערקלײַבן אין די שידוכים וואָס מען האָט אים אָנגעשלאָגן: אסתּר וואָווער — אַ מויד, אַז — יאָ ער וויל אסתּר וואָוועס. און די רוכטשע, די משרתת בײַ מלך דעם שניט־קרעמער. אָך אַ מויד! אַזאַ גרויסע מיט אַזעלכע פֿיס... יאָ, ער ט'נעמען רוכטשען. און קיילע, די וואָס האָט זיך אַזוי געדרייט אויף די באַקעס, און ברכה האָט געלאַכט צו אים... זי האָט אַזעלכע געזונטע ציין — די ברכה. ווען מען קויפֿט אַ פֿערד, קוקט מען ס'ערשטע אין די ציין... און די — ער ווייסט נישט ווי זי הייסט, בײַ דער מאָרע האָט ער געזען אירע אָפּגעדעקטע שענקלען. אַ מויד, אַז מע קען די נכפּה קריגן... טאָ וועלכע נעמען?

ער ט׳נעמען רוכטשען. נייִן, — ברכהן. אָ, ער ט׳גאַר נעמען די מיט די שענקלען...

טאָ וועלכע דאָך נעמען? לאָה די שדכנטע וועט אים באַלד פֿרעגן. יענטע די מאַרק־זיצערין האָט אים געהייסן צוקומען אין מאַרק אַרײַן געבן אַן ענטפֿער. טאָ וואָס זאָל ער זאָגן? אסתּר? ברכה? קיילע?

זאָל זײַן אסתּר, זאָל זײַן ברכה, זאָל זײַן קיילע. וואָס וויל מען פֿון אים? אַזוי פֿיל מיידן, אַזעלכענע מיידן... זאָל מען אים געבן איינע, איין מויד און אַ חופּה, און אַ סוף... מ׳קאָן דאָך די פּאַ־פּלעקציע קריגן....

איין מאָל האָט חיה־ריקל די שוחטקע אים אַרײַנגערופֿן צו זיך. בערל איז געבליבן ווי געפּלעפֿט פֿון אַזאַ כּבֿוד. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שפּיץ בענקל, נישט געוווּסט ווו די הענט אַהינצוטאָן.

„געדענקסט לייזער־וואָלף דעם מלמד, עליו השלום?"

„מיין רבי."

„אַ טײַערער ייִד געווען, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן."

„געזאָגט מיט מיר קדיש," האָט זיך בערל דערמאָנט.

„זײַן טאָכטער חנה, געדענקסטו?"

„האָ, חנה? אויך אַ ׳רבי׳, געלערנט מיך אלף־בית."

„אַן איידל קינד, אַ צדיקת. אַ יתומה, נעבעך, געבליבן..."

בערל האָט זיך געפֿרייט מיט די זיכרונות וואָס דער שוחטקעס רייד האָבן בײַ אים אַרויסגערופֿן: חנה, אַ דאַר מיידל, זיצט און שאָקלט זיך איבער אַ סידור.

„וואָס וועסטו עפּעס זאָגן וועגן חנהן?" האָט חיה־ריקל גע־פֿרעגט.

„געדאַוונט, געדאַוונט, געדאַוונט..." האָט בערל געזאָגט דאָס וואָס ער האָט זיך דערמאָנט וועגן חנהן.

„הער אויס, בערל. דער אין הימל האָט דיר, קיין עין הרע, געגעבן עשירות, טאָ למאי זאָלסטו אָפּפֿינצטערן די יאָרן אַליין אַז דו קאָנסט האָבן אַן איידל קינד. דער אויבערשטער זאָל נאָר געבן, זי זאָל באַשטיין."

בערל האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס די שוחטקע איז אויסן מיט אירע רייד. פֿון דרך־ארץ־וועגן, האָט ער געשוויגן.

„נו, וואָס?" איז חיה־ריקל שוין צוגעשטאַנען.

בערל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און ווײַטער גע־שוויגן.

„ווילסט נישט? איז נישט. אַז מע בעט אַ פּאָרך צום מיניך, האַלט ער זיך דערוּנטער! וואָס, דער יִיחוּס שטייט דיר נישט אָן?"

בערל האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די שוחטקע בייזערט זיך. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן, אַלץ נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

„זע נאָר, זע," איז די שוחטקע שוין אַרײַן אין כּעס, „בער־לעפּ וויל נישט חנה לייזער־וואָלפס."

„וויל ניש? ווער וויל ניש? ניש געזאָגט, וויל ניש..."

„אַזוי זשע רעד! וואַרט, אָט גיי איך גלײַך אַרײַנרופן די כּלה."

חיה־ריקל איז אַרויסגעלאָפן. בערל איז געבליבן זיצן אַ גע־פּלעפּטער. אײַ, ס׳אַראַ אַרטשיק ער איז! ער קאָן גאָרנישט רעדן מיט קאַ ניידעלען מענטשן. פאַרוואָס האָט די שוחטקע זיך געבייזערט אויף אים? וואָס׳ט זי געזאָגט? חנה — ער און חנה? ניין, ניש מעגלעך. ווייסיך, די שוחטקע מאַכט ס׳גנאַר...

די שוחטקע איז צוריקגעקומען מיט חנהן. בערלס ברוין אָפּ־געברענט פּנים איז געוואָרן גרין פון בלאַסקייט.

* * *

ווען חנה איז געבליבן אַ קײַלעכדיקע יתומה, איז זי קוים אַלט געווען אַ יאָר פערצן. קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס פאַר אַ גרויסער שלום בית עס האָט געהערשט בײַ לייזער־וואָלפן אין שטוב. אַז ביילע־סערל, זײַן ווײַב, איז אים אַוועקגעשטאָרבן, איז לייזער־וואָלף געוואָרן אויס מענטש, דאָס פּנים דאַר און קוואַר, קוים וואָס ער האָט זיך געשלעפּט אויף די פיס. נאָך איידער ס׳האָבן זיך גע־ענדיקט די שלושים נאָך ביילע־סערלס טויט, איז לייזער־וואָלף אַוועקגעפאַלן, אָפּגעקרענקט עטלעכע וואָכן, און אויסגעהויכט די נשמה.

חנה איז נישט געבליבן אין אַ מידבר. אַן עדה ייִדן, קיין עין הרע, לאָזט, חלילה, נישט אויסגיין אַ קײַלעכדיקע יתומה. דעם טאַטנס חדר האָט זי טאַקע מער נישט געקאָנט פירן. ווו איז עס געהערט געוואָרן אַ מיידל זאָל זײַן אַ מלמדקע פאַר ייִנגלעך! אָבער אויך מיידלעך דאַרפן קענען דאַווענען, תּחינות זאָגן. אָרעמע טאַטע־מאַמע שיקן זייערע מיידלעך אין די חדרים פאַר ייִנגלעך. נגידים

קאָנען זיך פאַרגינען צו נעמען אַ מלמד פאַר זייערע מיידלעך אין שטוב אַריַין. אַז ס׳מאַכט זיך אַ מלמדקע, איז דאָך אַוודאי גוט. האָט חנה אָנגעהויבן אַרומגיין איבער נגידישע הײַזער מיטן טײַטל וואָס זי האָט געירשנט פון איר טאַטן, און געלערנט פאַרפיצעשטשעטע מיידלעך קמץ־אַלף־אָ, קמץ־בית־באָ...

אַלס שׂכר־לימוד האָט חנה געקריגן „טעג״ צו עסן. אַז אַ מיידל עסט אָפּ אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, געשיקט זיך עפּעס נישט, זי זאָל נישט צוהעלפן בײַם וואַשן דאָס געשיר. אָנגעהויבן נאָר מיט צוהעלפן. מיט דער צײַט האָבן די באַלעבאָסטעס איבער־געלאָזט די גאַנצע אַרבעט פאַר חנהן. אַ ביסל שפּעטער האָט מען זיך אויך צוגעוווינט זי צו שיקן אַ „גאַנג״ אין דער יאַטקע אַריַין, אָדער מילך ברענגען. די שיקסע — די דינסט, קאָן מען דאָך נישט שיקן נאָך פליש, אָדער מילך. אַ מאָל האָט געטראָפן אַז חנה האָט בײַם וואַשן צעבראָכן אַ טעלער. אַן אַנדערש מאָל האָט זי זיך אויסגע־גליטשט אין שנײ און אויסגעגאָסן די מילך. די באַלעבאָסטע האָט געשריגן אויף איר: „שלימזל, האָסט ליימענע הענט.״ די קינדער, וואָס האָבן פריִער געגלויבט אַז חנה קאָן באַשווערן שדים, האָבן איצט אָנגעהויבן באַהאַלטן איר טײַטל, זיך אונטערגנבֿענען הינטער איר רוקן און איר אָנקלעפּן אַ פּאַפּירל, אָדער פון אַ באַהעלטעניש נאָכגעשריגן איר נײַעם צונאָמען: „חנה טײַטל.״

די רײַכע באַלעבאָסטעס איז עס געוואָרן איבערדריסיק צו זען אין שטוב די שטענדיק שווײַגנדיקע, אויסגעמאַגערטע מלמדקע. חנה האָט געהאַט אַלץ ווייניקער תּלמידות. עס האָבן איר אָנגעהויבן אויספעלן „טעג״ אין דער וואָך. אויב חנה וואָלט געווען אַן אַלמנה, אָדער גרושה, אַבי שוין איין מאָל געהאַט אַ „צוגע־דעקטן קאָפּ,״ וואָלט זי געקאָנט ווערן אַ טיקערין אין מיקווה. מע וואָלט זי געקאָנט אַרײַננעמען אין דער ווײַבערישער חבֿרה קדישא. אַ מויד אָבער, איז נישט שייך צוצולאָזן צו די זאַכן.

האָט חנה צוגעהונגערט. וואָס מער זי האָט געהונגערט, אַלץ מער און מער האָט זי זיך געוויגט איבערן סידור, אַלץ זעלטענער האָט זי צו עמעצן אַ וואָרט אויסגערעדט.

צו דער צײַט פון בער־לעפס צוריקקום אין שטעטל, איז חנה שוין געווען אַ מיידל קרובֿ צו דרײַסיק. קליין, דאַר, די באַקן אײַנ־געפאַלן, די שיטערע, גלאַטע האָר אויפן קאָפּ ווי אַ שוואַרץ הייבל, אין גאַנצן דער אָנבליק פון איר מאַמען. חנהס אײַנגעבויגענע פּלייצע

האָט זיך כּסדר געוויגט; אירע דינע, פֿרום־פֿאַרשנירלטע ליפּן, האָבן נישט אויפֿגעהערט זיך צו באַוועגן, אַפֿילו דעמאָלט, ווען זי האָט געוואַשן געפֿעס אין אַ פֿרעמדער שטוב.

חנה איז געזעסן בײַם טיש קעגנאיבער בערלען. די שוחטקע איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. חנה האָט פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן:

„זי לייגן תּפֿילין יעדן טאָג?"

„ניין," האָט בערל געענטפֿערט, „ניש —"

חנה האָט זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט און זיך געלאָזט צו דער טיר. בערל האָט קוים באַוויזן צו פֿאַרענדיקן: „ניש יעדן טאָג, שבת ניש קאַ תּפֿילין."

בערל איז געוועזן שטאָלץ מיט דער „לומדות" וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, זײַן פּנים האָט אויפֿגעשײַנט מיט ניצחון. חנה האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. די שוחטקע האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט און געווינטשן מזל־טוב.

בײַנאַכט אויפֿן געלעגער האָט בערל זיך געוואָלט דערמאָנען ווי חנה זעט אויס, און בשום אופֿן נישט געקענט. ער האָט געדענקט נאָר יענע — חנה דעם רבינס וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער אין חדר; יענע חנה מיט די שוואַרצע צעפּלעך, מיטן געקנייטשטן שטערן. ווען זי פֿלעגט זיך נאָר באַווײַזן אין חדר, פֿלעגט ווערן שטיל, — אַן אויער. די ייִנגלעך פֿלעגן זיך סודן און זיך אַנדערציילן פֿון חנהן אַזעלכע זאַכן אַז בערלען האָט נאָך איצט אָנגענומען אַ מורא...

* * *

חנה האָט אַ סך געווײנט בײַ דער חתונה, געווײנט ווען מען האָט זי און בערלען אַרײַנגעפֿירט אין זייער שטוב. בערל איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר און זיך געבעטן: „ווײן ניש, צו וואָס ווײנען?"

חנה האָט פֿאַרשטיקט אין זיך ס'געוויין. בערל האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש. חנה האָט הינטער זײַן רוקן זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אין בעט אַרײַן. בערל איז געבליבן זיצן. עפּעס האָט ער יאָ געוווסט, אָבער נישט געוועזן זיכער וואָס ער האָט צו טאָן. חנה רבי לייזער־וואָלפֿס איז דאָך נישט עפּעס גלאָט אַ מויד. ווען מען האָט אים גערעדט פֿאַר אַ כּלה ביילע וואָוועס, האָט ער איר

נאָכגעקוקט אין גאַס, געשלונגען מיט די אויגן איר יעדן בויג און נויג און געטראַכט אַזעלכע טראַכטענישן, וואָס, טפֿו, אַ „בעווייר־רע״... איצט טראַכט ער גאָר נישט, נאָר ער פֿילט זיך עפּעס ווי יום כיפּור אין שול...

חנה האָט געמורמלט אַ תּחינה. בערל האָט זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף לייענען קריאת שמע. אויפֿן טיש איז געלעגן אַ סידור. ער האָט גענומען בלעטערן, געזוכט קריאת שמע און נישט געקאָנט געפֿינען. חנה האָט שוין געהאַט געמאַכט די ברכה פֿון „המפּיל״ און נישט געטאָרט אויסרעדן. זי האָט אים גערופֿן מיט אַ ברום. געוויזן אויף שטום־לשון ער זאָל איר דערלאַנגען דעם סידור. בערל האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש, און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער עברי. די ערשטע שורה „שמע ישראל״ האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק, האָט ער עס אַ שריי אויס געטאָן אויפֿן קול. די צווייטע שורה האָט ער נישט געקענט און, ווי אויף צו להכעיס, איז עס געדרוקט דווקא מיט קליינע אותיותלעך. ער האָט געשוויצט און געמאַטערט זיך: בר, בר. ברך־ברוך. פֿון מידקייט האָבן זיך אים די אויגן געקלעפּט, ער איז איַינגעשלאָפֿן איבערן סידור.

צו מאָרגנס האָט דער שוחט אים אָוועקגערופֿן אין אַ ווינקל און לאַנג זיך מיט אים געסודעט. בערל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, ער עט שוין וויסן.

* * *

אין די הייליקע ספֿרים שטייט געשריבן אַז אַ וויַיב דאַרף דינען דעם מאַן אין אַלע זיַינע באַדערפֿענישן. האָט חנה געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. זי האָט געוואַשן זיַין וועש, געריייניקט זיַין שטוב, געקאָכט גוטע מאכלים וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין די ריַיכע הײַזער.

אַז קאָכן פֿאַר דעם מאַן איז אַ מצווה, האָט חנה אָנגעשטעלט אַ פֿולע קיך מיט טעפּלעך. אַ לײדיקע פֿײַערקע האָט עפּעס אויסגע... ווי אַ בלינד אויג. אַ לײדיקע פֿײַערקע האָט זי דערמאָנט אין די קאַלטע לײדיקע פֿײַערקעס אין איר אַמאָליק קליין שטיבל הינטערן הקדש. זינט יענע צײַטן קאָן זי נישט קוקן אויף לײדיקע טעפּלעך... אַ גאַנצן טאָג האָט פֿריילעך געקנאַקט אַ פֿײַער אין דער קיך. די טעפּלעך האָבן געזידט און געזונגען, די שטערצלעך געטאַנצט. חנה

האָט איבערגערוקט אַ טעפּל, צוגעגאָסן אַ ביסל וואַסער, צוגעמישט אַ ביסל זאַלץ, און דערבײַ נישט אויפגעהערט צו זאָגן פון אירע תחינות.

פון בלויזן פאַרזוכן די מאכלים בײַם קאָכן איז חנה שוין געווען זאַט. בײַם טיש האָט זי קנאַפּ וואָס געגעסן. בערל האָט זיך באַלעקט פון די גוטע מאכלים, אָבער זאַט איז ער נישט געוואָרן, ער וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ שטיק פלייש פון עטלעכע פונט. חנה האָט נישט געוווּסט צי מע מעג עסן אַזוי פיל פלייש. ס'שטייט דאָך געשריבן אַז מע עסט אויף אַ פונט פלייש און מע טרינקט אויס אַ קוואַרט ווײַן איז מען אַ זולל וסובא. זי האָט געפרעגט אַ שאלה בײַם רבֿ. דער רבֿ האָט געפּסקנט אַז מחמת בערל עסט בלויז אַ סך פלייש, אָבער קיין ווײַן טרינקט ער נישט, מעג מען. האָט חנה געקויפט גרעסערע טעפּ און, חוץ די צימעסלעך, געקאָכט אויך גרויסע שטיקער רינדערן און שעפסן־פלייש.

בערל האָט זיך צוגעווווינט זי צו דוצן און זיך מיט איר צו שאַפן. ער האָט דערפילט אַז זי איז מער נישט חנה רבי לייזער־וואַלפס, נאָר זײַן ווײַב, זײַן חנה...

חנה האָט פּרובירט לערנען בערלען די ברכות וואָס מע דאַרף מאַכן בײַם עסן און בײַם בענטשן. זי האָט אים אונטערגעזאָגט און געהאָלפן אַרויסזאָגן די שווערע ווערטער. זי האָט אויך געוואָלט אים לערנען ווי אַזוי צו עסן, ווי אַזוי צו לייגן אין מויל אַרײַן קליינע „קאַזעלעך" (שטיקלעך) ברויט. דאָס אָבער האָט זיך בערל נישט געקאָנט אויסלערנען. ער האָט הנאה געהאַט אַרײַנצובײַסן די ציין אין אַ גרויסער כּמאַליע ברויט. אַ קליין „קאַזעלע" איז אים עפּעס ווי פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די ציין, אַרײַנגעפאַלן גלײַך אין האַלדז אַרײַן, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרקרעקט.

חנה האָט צוגעהאָלפן בערלען אויך אין זײַנע געשעפטן. זי האָט געפירט די חשבונות, באַהאַלטן דאָס געלט צווישן די בלעטער פונעם טײַטש־חומש. נאָר אין שטאַל אַרײַן האָט זי נישט ליב געהאַט אַרײַנצוגיין. זי האָט נישט פאַרטראָגן דעם שטאַל־ריח. זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר די פערד. אויב אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַז אַ פערד איז געבליבן אין שטאַל נאָך בערלס אַוועקפאָרן, האָט זי פונדעסטוועגן נישט פאַרפעלט אַרײַנצוטראָגן אַן עמער וואַסער „אַנצופּאָיען" דאָס פערד. וואָס ווייסט מען דען? אַ בהמה קאָן אַ מאָל זײַן אַ גילגול פון אַ זינדיקער נשמה און מיט גילגולים איז בעסער נישט אָנצוהייבן...

הכּלל, ס'איז געווען אַ געראָטענער שידוך פֿאַרביידן. בער־לעפּ האָט באַקומען אַן אײדל קינד און חנה איז אַרײַנגעקומען אין „קײ־נעהאָרע" אַן עשירות. מע זאָגט אַז מאַן און װײַב, בײדע זענען צופֿרידן. קהל איז אויך געווען צופֿרידן: אָראָפּגעפּטרט אַן עול פֿונעם קאָפּ, אַ יתומה, אַ בוגרת. נאָר די מוידן, וואָס האָבן אַליין געוואָלט בערלען, נאָר זיי האָבן געחוזקט וואָס ער האָט זיך גענומען אַ „דאָרן הערינג," אַ בוימל־גיסערין. פֿון חנהן האָבן זיי אָפּגעשפּעט וואָס זי האָט גענומען אַזאַ „גראָבן קאָפּ." מיט בערלען האָבן זיי מורא געהאַט זיך צו טשעפּען, אָבער ווען חנה האָט זיך באַוויזן אַליין אין גאַס, פֿלעגן איר די מוידן נאָכשרײַען פֿון אַ באַהעלטעניש אַרויס:

„חנה־טײַטל, חנה קאַנטשיק,
געוואָלט אַ רבֿ,
געכאַפּט אַן אָרטשיק."

די בעל־עגלהס זענען אין אָנהויב געווען צופֿרידן וואָס אַ זייער־ריקער האָט זיך אײַנגעקויפֿט אין יִחוס. שפּעטער אָבער זענען זיי געוואָרן „אָנגעבלאָזן" אויף חנהן. זי איז זעלטן געקומען צו אַ בעל־עגלה אויף אַ שׂמחה, און ווען זי איז יאָ אַמאָל געקומען, איז זי געזעסן און געשוויגן. ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן טרינקען און זיך משׂמח זײַן, פֿלעגט זי זיך אויפֿהייבן און גיין אַהיים.

„זע נאָר די יחסנטע," פֿלעגן די ווײַבער זיך קרימען, „ס'פּאַסט איר נישט זיך צו חבֿרן מיט בעל־עגלהס. ווען זי קריגט נישט אַ בעל־עגלה פֿאַר אַ מאַן וואָלט זי דאָך געווען אַוועקגעפּגרט פֿון הונגער."

ווי דער שטייגער איז אויף שׂמחות ווינטשט מען זיך אײנער דעם צווייטן, מע פֿלעגט אויך חנהן ווינטשן: „מערצעשעם בײַ אײַך אויף שׂמחות, מערצעשעם בײַ אײַך אויף אַ ברית." אין אָנהייב האָט מען עס געזאָגט שטיל מיט האַרץ, מיט אַ גוטן מיין; ווען מען האָט אָבער אָנגעהויבן אויף חנהן זיך צו ברוגזן, האָט מען דעם ווונטש שוין אַרויסגעזאָגט הויך, מיט חוזק, מיט אַ שטאָך... נאָך איר אַוועק־גיין האָט מען זיך געסודעט, בערל זאָל נישט הערן: ס'גייט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און — גאָרנישט... אַניש ווערט זי עפּעס האָבן, די פֿאַרזויערטע גבֿאיטע... מער ווי שאָקלען זיך איבערן טײַטש חומש קאָן זי נישט...

לייבעק הוראַי איז צוגעשטאַנען צו בערלען: „ס'דאַרפֿסטו אַ שטיין, אַ טרוקן שטיק האָלץ? גט זי אַפּ, און אַן עק."

„מאַך צו ס׳פּיסק,״ האָט בערל זיך אָפּגעבייזערט, „חנה ז׳ניש קאָ שטיין, חנה ז׳אַ ניידל קינד.״

„אַ שטיין, זאָג איך דיר, אַ שטיין קאָן גאָר נישט געבוירן. וואַרף זי אַרויס!״

„בייס דיר אָפּ די צונג. אַ יאַנדעס אַ ביסל, אַרויסוואַרפֿן חנהן. טפֿו!״

„ווילסט פּגרן אַז קיין וואָרעם זאָל נאָך דיר נישט בלייבן? פּגר. מיין באָבעס דאגה. מיין שוועסטער קיילע ט׳דיר געקאָנט אָנשיטן אַ פּולע שטוב מיט ממזערס.״

„כ׳וויל ניש קאָ ממזערס, כ׳וויל קינדער...״

„קינדער, ממזערס — אַ חילוק עפּעס? זי האָט פֿון קיווען ׳לי־וועשולעם׳ צוויי יונגען ווי די אָגערס... נעם זי אַריין צו דיר אין שטוב אַריין, וועסטו — ״

„ס׳רעדסטו, כמאָל איינער? אַ פֿרעמד ווייב אין חנהס שטוב?״

„ד׳עסט מיט איר חתונה האָבן, ט׳זי זיין דיין ווייב און חנה ט׳זיין די פֿרעמדע.״

„ס׳הייסט פֿרעמדע? מיין ווייב, מיין חנה, אַ פֿרעמדע?״

„יאָ, אַ פֿרעמדע און סט׳זי אַרויסטרייבן פֿון שטוב.״

„טפֿו! טפֿו!״ האָט בערל ווידער געשפּיגן און נישט געקאָנט באַנעמען ווי מע קאָן גאָר אַזעלכעס ברענגען פֿאַרן מויל. חנה רבי לייזער־וואָלפֿס, זיין ווייב חנה, אַרויסטרייבן פֿון שטוב! טפֿו!

„ס׳עט גאָר ניש העלפֿן, ניש קאָ רבי, ניש קאָ טאָטער,״ האָבן די בעל־עגלהס זיך געריצט מיט בערלען. „זי קאָן ניש האָבן, איר מאַמע איז דאָך שוין געווען אַ נאַקאָרע.״

„וואָס איז איר מאַמע געווען?״

„אַ נאַקאָרע, אַזאַ וואָס קאָן קאָ קינדער ניש אָבן.״

בערל איז אַהיימגעגאַנגען אַן אָנגעכמאַרעטער. אַז די מאַמע אירע איז שוין געווען אַ — — —, ווי זאָגן זיי דאָרטן, האָט זי אים ניש באַדאַרפֿט צו גענאַרן. מע דאַרף אים נישט גענאַרן. ער וויל נישט מע זאָל אים גענאַרן.

חנה האָט אים אויפֿגעקלערט אַז אויב איר מאַמע האָט געהאַט זי, חנהן, איז זי קיין עקרה נישט געווען. בערל האָט זיך באַ־רויִקט.

בערלען האָט זיך געדאַכט אַז די צרה נעמט זיך דערפֿון וואָס חנה עסט נישט. לאָזער קאַלעיעס ווייב קאָן אַריינהאַקן אַ האַלב ברויט

מיט אַ מאָל, האָט זי טאַקע קינדער איינס נאָכן אַנדערן. פֿון וואָ־
נען אָבער זאָל חנה נעמען כּוח צו „טראָגן" און „האָבן" אַז עסן
עסט זי קײַ און שפּײַ, אויף איין צאָן. בערל האָט באַשווירן חנהן מיט
כלערליי שבועות זי זאָל עסן. חנה האָט אים צוליב געטאָן, און
גענומען אַ לעק, אַ שמעק, און — ווידער גאָר נישט.

בערלען שטייט שטענדיק פֿאַר די אויגן ווי לאָזער קאַלעיִעס
ווײַב גיט אַ שלעפּ אַרויס די ברוסט פֿון בוזעם און שטופּט עס איר
קינד אין מײַלעכל אַרײַן. אַמאָל, פֿאַר דער חתונה, האָט בערל גאָר
אַנדערש געטראַכט וועגן בריסט... איצט פֿאַרשטייט ער נישט ווי
אַזוי האָט ער געקאָנט האָבן „נעווירעדיקע" טראַכטענישן וועגן דעם.
בריסט איז נישט אַזאַ זאַך... בריסט דאַרפֿן זײַן פֿול מיט מילך,
דער וואָרצל דאַרף שטעקן אין מײַלכל פֿון אַ קינד. אַמאָל פֿלעגט
ער זיך שעמען ווען אַ זויגערין האָט פֿאַר אים אין די אויגן אַרויס־
גענומען די ברוסט צו געבן איר קינד, היינט נישט. אַ ברוסט וואָס
אַ קינד זויגט איז גאָר עפּעס אַנדערש... עפּעס... עפּעס... נישט
נעווירעדיק, עפּעס ווי אַ קליין קינד... ווי אַ סידור...

אַפֿילו די אײַטער בײַ אַ בהמה איז אויך עפּעס אַנדערש. אַז
ער זעט ווי אַ קאַלב אָדער אַ ציגעלע זויגט, קוקט ער דערויף מיט
ציטערניש. בלויז איינס פֿאַרשטייט ער נישט: ווי קומט עס וואָס
אויך בײַם חזיר זויגן די קליינע חזירמלעך? אַ מענטש — יאָ.
אַ קו, אַ פֿערד, מילא. אָבער אַ טמא חזיר? טפֿו!

אויף חנהס בריסט איז אים געוועזן אַ רחמנות. פֿאַרשעמטע
בריסט. זינט דער חתונה זענען זיי טאַקע געוואָרן אַ ביסל פֿולער.
געבליבן אָבער ליידיק... בריסט אָן מילך זענען נישט מער ווי
שטיקער פֿלייש, נישט מער.

* * *

דער חודש תשרי איז שוין לאַנג אַוועק. פֿון דער חשוונדיקער
לבֿנה איז שוין געבליבן נאָר אַ דין בויגנדל ווי פֿון אַן אַלטן סערפּ
וואָס דאָס שאַרף־שטיין האָט עס אויסגעשליפֿן ביזן ברעג. אַלע יאָר
אין דער צײַט האָט שוין אַ גרויער שראָם באַדעקט די דעכער, אַ
הײַטל פֿון אײַז האָט זיך פֿאַרצויגן אויף די טײַכן, אַ פּוכקער שניי
האָט צוגעדעקט די פֿעלדער. דאָס יאָר אָבער איז דער זומער, שוין
אַן אָפּגעזעגנטער, נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער טיר. דער הימל
— לויטער, דאָס גראָז פֿריש ווי אין פֿרילינג. ווי אין פֿרילינגס־צײַט
האָט די נײַע זריעה אויף די פֿעלדער גענומען אַרויסשטעקן פֿון דער

ערד גרינע קעפּלעך. נאָר די נאַקעטע ביימער האָבן עדות געזאָגט, אַז ס׳איז שפּעטער האַרבסט...

מען האָט געקאָנט מיינען אַז ס׳איז הפקר אַזוי. אַז דער זומער האָט זיך פאַרעקשנט נישט אַוועקצוגיין, וועט ער שוין אַזוי פאַרבלייבן אָן אַ סוף. אָבער פּלוצעם, אין איינער אַ נאַכט, האָבן גאַנצע מחנות בייזע ווינטן זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען הוליען איבערן שטעטל. געריסן דעכער, אַוועקגעלייגט ביימער, און מיט רוגזה פאַריאָגט דעם ווידערשפּעניקן זומער. דאָס שטעטל איז געבליבן ליגן פאַרחושכט אונטער אַ שווערן בלייערנעם הימל. פאַרטאָג האָט גענומען גיסן אַ מבול. מביניםּ האָבן געטרייסט: אַ שווערער רעגן האַלט לאַנג נישט אָן. ס׳האָט אָבער געגאָסן טאָג נאָך נאַכט, נאַכט נאָך טאָג, אָן איבערייס. אין די גאַסן פון׳עם שטעטל איז מען שוין געקראָכן אין דער בלאָטע ביז איבער די קני; די דאָרפישע וועגן זענען געוואָרן ווי זומפּן, אַפילו דער וואַרשעווער שאָסיי איז געשטאַנען צעווייקט און צעקראָכן, די רעדער זענען געזונקען אין דער בלאָטע.

גראָד איצט איז געווען אַ סך משא צו פירן; די שפּע פון׳עם זומער האָט מען געדאַרפט אָפּפירן אין שטאָט אַרײַן. פון שטאָט האָט מען געדאַרפט ברענגען ווינטער־סחורות. אַזוי לאַנג ווי עס איז געשטאַנען אַ זומערדיק וועטער האָט מען געהאַפט אַדורכצושמוגלען דעם ווינטער אין די זומערדיקע מלבושים. מיט די פּלוצעמדיקע קעלטן האָבן די קונים אויסגעליידיקט די קראָמען, און די קרעמער האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַרײַנבאַקומען פון דער גרויסער שטאָט שאַלעכלעך, קאָלאָשן, לײַבלעך, שפּענצערס. די בעל־עגלהס זענען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

אַז די רעגנס האָבן אָנגעהאַלטן אַ צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד, איז שוין גאָר נישט מעגלעך געווען אַרויסצופאָרן פון׳עם שטעטל. די רעדער האָבן זיך אײַנגעשניטן אין די בלאָטעס ביז אַריבער די אַקסן. דאָס שטעטל איז געבליבן ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

נאָר אין בער־לעפ האָט געקאָנט זײַן אַ בריה ווײַטער צו פאָרן קיין וואַרשע הין און צוריק. זײַן וואָגן איז געמאַכט געווען פון שטאַרקסטן האָלץ, די רעדער — דעמבענע, געטעסעט פון׳עם בעסטן סטעלמאַך, געשמידט מיט ניײַע, אײַזערנע רייפן. זײַן וואָגן איז אויך געווען איבערגעדעקט מיט גוטע, גומירטע פּלאַנדעקעס וואָס לאָזן נישט אַדורך קיין פײַכטקייט. אויב עס האָט פּאַסירט אַז זיין וואָגן

איז אַרײַן אין אַ בלאָטע, זענען זײַנע פֿערד געווען גענוג שטאַרק אַרויסצושלעפּן די משא און ווײַטער פֿאָרן.

בערל האָט זײַן וואָגן קיינמאָל נישט איבערגעלאָדן, נישט גע־וואָלט צופֿיל אויסמאַטערן די פֿערד. איצט אָבער איז ער געבליבן דער איינציקער, וואָס פֿאָרט אין שטאָט אַרײַן. די קרעמער האָבן זיך בײַ אים געבעטן רחמים: „מע גייט אונטער, מע דאַרף דאָך איצט פֿאַרדינען חיונא אויפֿן גאַנצן ווינטער." בערל האָט צוגעשפּאַנט נאָך אַ פֿערד צום וואָגן און אַרויפֿגעלייגט נאָך אַ ביסל משא.

בערל איז געזעסן אויף דער קעלניע פֿון זײַן שווער־באַלאָדענעם וואָגן און געבעטן זיך בײַ די פֿערד: „נאָ, נאָאָאָ, גניאַדע, קאַשטאַן, שטעלץ אַ פֿוס!"

דער רעגן האָט געגאָסן און געגאָסן. בערל איז געזעסן איינ־געהילט אין זיין שטײַפֿן צעראַטענעם וועג־מאַנטל וואָס לאָזט נישט דורך קיין נעץ. דער רעגן האָט אים פֿאַרגאָסן די אויגן, בערל האָט אריבערגעצויגן דעם מאַנטל איבערן קאָפּ. די פֿערדלעך, נעבעך, מוזן גיין, מוזן שפּאַנען און שלעפּן. ער שלאָגט קיינמאָל נישט זײַנע פֿערד. ער פֿאָכעט בלויז מיט דער בײַטש אין דער לופֿטן. איצט האָט ער איינגאַנצן אַוועקגעלייגט די בײַטש, געמונטערט די פֿערד נאָר מיט געבעט: „נאָ־אָ, וויאָ־אָ..."

געוויינלעך, אַז דער וואָגן איז נאָר אַרויף אויפֿן הויפּט־שאָסיי, האָט בערל געכאַפּט אַ דרימל. נישקשה, ער האָט זיך געקאָנט פֿאַר־לאָזן אויף זײַנע פֿערדלעך, זיי האָבן דעם וועג גוט געקענט. ווען ער פֿלעגט פֿאַרטאָג אָנקומען קיין וואַרשע, איז ער געווען אויסגע־שלאָפֿן, אויסגערוט. עס איז זיך אים בכלל בעסער געשלאָפֿן אויף דער קעלניע ווי אין בעט וואָס חנה האָט אָנגעפּאַקט מיט אַזוי פֿיל קישנס און קישעלעך אַז ער האָט נישט געהאַט ווו זיך אַ דריי צו טאָן.

שלאָפֿן אויף דער קעלניע האָט בער־לעפּ געקאָנט נאָר אַזוי לאַנג ווי דער וואָגן האָט אים געוויגט. האָט זיך אָבער געמאַכט אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זײַן שנאָרכן געוואָרן שטילער און שטילער און ער האָט זיך איבערגעוועקט. געוויינטלעך פֿלעגן די פֿערד שטיין בלײַבן ערשט בײַם סוף פֿון דער יאַזדע, בײַ דער קרעטשמע אין וואָליע. דאָס מאָל אָבער האָבן די רעדער זיך כסדר אײַנגעשניטן אין צעווייקטן שאָסיי. בערל האָט אפֿילו נישט אײַנגעדרימלט, ער האָט כסדר געמוזט אונטערהעלפֿן זײַנע פֿערד אַרויסצושלעפּן דעם וואָגן.

פֿון סאָכאַטשאָוו אָן איז דער וועג אַוועק אַ ביסל בעסער. די פּערד זענען געגאַנגען אָן אָפּשטעל, אין טאַקט פֿון בערלס שנאָרכן. פּלוצעם האָט דער וואָגן זיך אַ וואַקל געטאָן אַז ס׳האָט בערלען שיער נישט אַראָפּגעשליידערט פֿון דער קעלניע. ער האָט זיך אױ־בערגעוועקט, אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם זיץ. די רעכטע זײַט פֿונעם וואָגן איז געווען אַראָפּגעזונקען. די פּערד האָבן זיך אַ ביסל צופּיל פֿאַרנומען אויף רעכטס, זענען די רעדער פֿון דער רעכטער זײַט וואָגן אַרײַן אין דער ליימיקער ערד בײַם ראַנד פֿונעם שאָסיי.

בערל האָט געצויגן די לייצעס, ער האָט געפּאָכעט מיט דער בײַטש, געשריגן, די פּערד האָבן געשלעפּט מיט אַלע כּוחות. דער וואָגן האָט זיך פֿונעם אָרט נישט גערירט. דער רעגן האָט געשמיסן בערלען אין פּנים אַרײַן, פֿאַרטױבט זײַן קול און דאָס קנאַלן פֿון דער בײַטש. „וויאָ, וויאָ, וויאָ,״ האָט בערל געשריגן וואָס אַמאָל העכער. די מלבושים האָבן געקלעפּט צו זײַן לײַב, די פּערד באַגאָסן מיט שווייס און מיט רעגן, דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

בערל האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ דערבײַיִקער פּויערישער כאַטע. דער פּויער, אַן אָנצייניקער זקן, האָט אים ווייניק געקאָנט העלפֿן. די פּויערטע, אַ יונגע, מיט ברייטע, פֿעסטע לענדן, מיט אַ פּאָר שטאַרקע מאַנצבילשע הענט, האָט אַרויסגעפֿירט אַ פּערד פֿונעם שטאַל און צוגעשפּאַנט צו בערלס וואָגן. די פּויערטע האָט געצויגן די לייצעס, בערל האָט אונטערגעשטופּט דעם וואָגן און געמונטערט די פּערד.

מע וואָלט געווען באַדאַרפֿט צוערשט אויסלאָדן דעם וואָגן, וואָלט דאָס אַרויסשלעפּן פֿון דער בלאָטע געווען אַ קלייניקייט. נאָר גיי לאָד אָפּ די סחורות אין דער בלאָטע אַרײַן אַז דאָס מבול גיסט און גיסט. דעק אָפּ די פּלאַנדעק נאָר אויף אַ מינוט, וועט די גאַנצע סחורה ווערן אַ תּל.

אַלע פֿיר פּערד האָבן געשלעפּט, בערל האָט אונטערגעשטופּט, און דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פֿונעם אָרט.

„העי, פּעטער, הערסט ווי די רעדער קרעכצן?״ האָט די באַ־לעבאָסטע צו אים אָריבערגעשריגן.

„ניש קאַ מורא,״ האָט זי בערל באַרויִקט, „די רעדער וועלן אויסהאַלטן.״

בערל האָט געוווּסט אַז זײַנע רעדער זענען פֿונעם בעסטן האָלץ. איצט אַז דאָס האָלץ איז אָנגעשוואָלן פֿון פֿײַכטקייט, זיצן די ספּרי־

כעס נאָך פֿעסטער אין די רייפֿן. ניין, פֿאַר די רעדער איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. פּלוצעם האָט די פֿויערטע געגומען שמייסן די פֿערד. בערלס פֿערד זענען צו קיין שמיץ נישט געוווינט געווען. זיי האָבן זיך ווילד אַ ריס געטאָן. ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַק: אַן אַקס האָט זיך איבערגעבראָכן, דער הינטערשטער טייל וואָגן האָט אַ זינק געטאָן צו דער ערד.

ביז טאָג האָט מען מער גאָרנישט געקאָנט טאָן. בערל האָט אַריינגעפֿירט די פֿערד צום פֿויער אין שטאַל, און אַליין איז ער אַרײַן אין דער כאַטע זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. די פֿויערטע האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, אָנגעגרייט ... בערלען אַ שיסל זופּ. אויף דער זופּ זענען אַרומגעשווימען גרויסע „אויגן" פֿון חזיר־פֿעטס. בערל האָט צו דער זופּ זיך נישט צוגערירט. ער האָט איבער־געכאַפּט דעם הונגער מיט אַ שטיק ברויט געטונקען אין זאַלץ, און פֿאַרטרינקען עס מיט בראָנפֿן. אויסגעטרונקען אַ גאַנץ פֿלעשל, איז בערלען אויפֿגעגאַנגען אַ וואַרעמקייט אין די ביינער. די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן. די פֿויערטע האָט אים אַריינגעפֿירט אין שײַער, געוויזן אַן אָרט אין שטרוי זיך צוצולייגן. די פֿויערטע האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פֿונעם שײַער, האָט בערל שוין גע־כראָפּעט.

חנה האָט שטענדיק דערציילט בערלען אירע חלומות. דאָ האָט זי געזען דעם טאַטן מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט, ווי ער לערנט די קינדער; אַן אַנדערש מאָל האָט זי געזען איר מאַמען אין אַ הייבל און טשיפּעק, ווי זי וויגט זיך איבערן טײַטש־חומש. חנה האָט געוווּסט באַשייד פֿאַר יעדן חלום. אַז איר חלום איז אויסגעפֿאַלן צום גוטן, איז זי דערנאָך דעם גאַנצן טאָג געווען פֿריילעך; האָט זיך איר אָבער געחלומט אַז אַ צאָן, אַ שטייגער, איז איר אַרויסגע־פֿאַלן — אַ שלעכטער סימן — פֿלעגט זי שוין יענעם טאָג פֿאַסטן ביז פֿאַרנאַכט.

בערל איז שטאַרק געווען אויף חנהס חלומות. אים חלומט זיך קיינמאָל גאָר נישט. אָפּנים אַז חלומות איז אַ זאַך בלויז פֿאַר איי־דעלע מענטשן. מיט חנהס חלומות האָט בערל זיך באַרימט פֿאַר די בעל עגלהס: „איך, אַז איך כאַליע אַנידער, פּאַף איך באַלד ווי געפּגרט. מײַן חנה ליגט, שנאָרכט, מיינסט מע קאָן זי אָוועקטראָגן אינאיינעם מיטן בעט, אָבער זי רעדט גאָר. גיב איך זי אַ שטאָרכע:

וואָסי, חנה? מאַכט זי אַ געוואַלד: ׳וואָס׳טו מיך אויפגעוועקט! כ׳האָב גערעדט מיטן טאַטן.׳ ס׳ט געזען אַ ביסל? דער טאַטע שוין אַזוי לאַנג טויט, און זי רעדט מיט אים. די ׳סחידים׳ גאָר עפּעס אַנדערש, ברודערל. נישט פאַר אונדז אָרטשיקעס צו פאַרשטיין.״

אין יענער נאַכט, ביי דער פויערטע אין שייער, האָט זיך בערלען עפּעס געפלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אַ קינד אויף די הענט, צוגעטוליעט עס צום פּנים און —ס׳איז גאָר חנה. חנה האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך. ניין, זי האָט אים ניט אָפּגעשטופּט, זי האָט זיך געטוליעט צו אים, זי האָט אים געקיצלט...

„וואָסי חנה?״

זי האָט אים נישט געלאָזט רעדן, זי האָט געקעמט זיין באָרד מיט אירע פינגער, זי האָט אים געקושט...

„חנה? סע שטעכט נישט?״ חנה זאָגט אַלעמאָל אַז די באָרד שטעכט ווי נאָדלען. זי האָט אים געקנייפּט, זיינע אָרעמס האָבן איינגעקלאַמערט איר לייב. איר לייב — ווי פייער. אַ געצאַפּל, אַ געקראַמף פון צוויי גליענדיקע לייבער. ער איז צוריקגעפאַלן אַ מידער, זי האָט געשלוכצט.

„האַ? וואָסי דאָס?״

ער האָט אויפגעריסן די אויגן. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, געשעפּטשעט אויף פּויליש: „בער־דו, אָגער־דו...״

ער האָט זיך געגעבן אַ ריס אויף. ווו איז ער עס, ווו? ער האָט אָפּגעשטופּט דאָס וואָס האָט ווידער זיך גענומען טוליען צו אים. די טיר פון שייער האָט זיך געעפנט, עמעץ איז אַרויסגעלאָפן.

* * *

אויפן גאַנצן וועג קיין וואַרשע האָט בערל נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער לעצטער נאַכט. אַ חלום? אַ חלום קאָן זיין וועגן אַ טאַטן מיט אַ טייטל, וועגן אַ מאַמען מיט אַ טייטש־חומש, אָדער גאָר וועגן אַ צאָן וואָס פאַלט אַרויס. חנה דערציילט אים אירע חלומות, ווייסט ער דאָך. אָבער אַזאַ זאַך?! און פאַרוואָס עפּעס מיט אַזאַ קנייפּן, אַ צאַפּלען, אַ שרייען. מיט חנהן איז עס קיינמאָל נישט אַזוי; מיט חנהן איז אַלץ אַזוי שטיל, און: „גיי שוין, לאָז מיך שלאָפן״.

געווייינלעך, ווען בערל קומט אַהיים פון אַ „נסיעה״, דערציילט ער באַלד חנהן ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען. דאָס מאָל האָט ער איר

גאָרנישט דערציילט, אַפֿילו נישט וועגן דער צעבראָכענער אַקס. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד, און גלײַך אין בעט אַרײַן. צו־מאָרגנס, ווען חנה האָט אים דערלאַנגט אָנבײַסן, האָט ער אָפּגע־רוקט פֿון זיך די שיסל.

„וואָסי, בערל?"

„כ׳על פֿאַסטן, אַ חלום."

„אַ חלום?" חלומות — דאָס איז אירס אַן ענין. אין באַשיידן חלומות איז זי דאָך בקי נישט ווייניקער ווי דער רב אין פּסקענען שאלות.

„געחלומט? וואָס האָט זיך דיר געחלומט?"

„חלומט, שמולעמט, פֿאַסטן און פּטור."

„אפֿשר דאַרפֿסטו גאָר נישט פֿאַסטן? דו ווייסט דען ווען מע דאַרף פֿאַסטן? אפֿשר איז עס גאָר אַ חלום צום גוטן?"

„עך, פּטור. פֿאַסטן און שוין," האָט בערל זיך געהאַלטן בײַ דאָס זײַניקע.

חנה האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין:

„עסן זאַפּטיקע באַרנעס איז עפּעס גוט?"

„יאָ."

„דאָס איז גאָר, זעסטו, אַ שלעכטער חלום. באַרנעס באַטײַט אַ קרענק. נו, און זײַן באַקראָכן מיט ווערעם איז עפּעס גוט?"

„ניש גוט."

„ס׳עפּעס גוט צו עסן פֿון אַ בית הכסא?"

„טפֿו!"

„דו שפּײַסט? אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט אַזעלכע חלו־מות. מיסט און לײַז באַטײַט — עשירות. נו, זע אַליין, וואָס ווייסטו ווען מען דאַרף פֿאַסטן?"

חנה האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. בערל האָט געמוזט דערציילן.

„ווינד איז מיר!" האָט חנה אויסגעשריגן. ס׳האָט זיך דיר געחלומט? באַשירעם מיך רבונו של עולם! האָסט דאָך נאָך בלויע צייכנס אויפֿן האַלדז..."

זי האָט זיך פֿאַרשפּאַרט אין דער אַנדערער שטוב, און נישט געענטפֿערט אויף בערלס קלאַפּן.

בערל האָט סײַ ווי געפֿאַסט. אַלעמאָל איז אים שווער געווען אויסצוהאַלטן אַ תענית, הײַנט האָט אים דער הונגער נישט געאַרט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין היי אויפֿן בוידעם איבער דער

שטאָל און געהאַלטן אין איין שפּײַען: „טפו, טפו, אַזאַ מכשפה, אַזאַ נעווירע, טפו!"

דער ריח פונעם פרישן היי האָט אים איינגעשלעפערט. ער האָט פאַרשלאָפן די צײַט פון מנחה דאַוונען, די צײַט פון געבן עסן די פערד. ערשט זייער הונגעריק הירזשען האָט אים אויפגעוועקט. ס'איז שוין געווען נאַכט. בערל האָט אויפגעריסן די אויגן, און, נאָך האַלב־פאַרשלאָפן, געגומען עפּעס זוכן נעבן זיך אין היי... ניין, דער חלום האָט זיך נישט איבערגעחזרט. אַזאַ חלום... אַזאַ צאַפּלע־ניש, אַזאַ קראַמפּעניש... טאַטע, טאַטע! „עך טפו!" האָט ער זיך דערשראָקן און ווידער געגומען שפּײַען.

בראָנפן האָט בערל געוויינטלעך געטרונקען נאָר אַ ביסל, בלויז זיך צו דערוואַרעמען. זינט יענער נאַכט האָט ער שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגעטרונקען ביז צום שיכור ווערן. חנה האָט זיך פאַר־שלאָסן אין לעצטן חדרל. אין שטוב איז געווען קאַלט, דער אויוון אין קיך נישט אײַנגעהייצט, קיין לעפל געקעכטס. בערל איז געזעסן בײַם טיש און געזופט דעם בראָנפן גלײַך פון דער פלאַש. געקלאַפּט אין דער טיר צו חנהן און ווײַטער געטרונקען. האַלב־שיכור, גע־קלאַפּט מיט די פויסטן, מיט די פיס. חנה האָט אַרויסגעשריגן: „גיי אַוועק! גיי דיר צו דער גויע דײַנער!"

טפו! ס'הייסט עס עפּעס גיין צו אַ גויע? ער איז אַ ייִד, ער דאַוונט, לייגט תפילין, זאָגט קדיש נאָך טאַטע־מאַמע, וואָס עפּעס צו אַ גויע, וואָס? בערל האָט זיך ווידער געגומען צו דער פלאַש. ערשט ווען ס'איז געקומען די צײַט צו מאַכן דעם אָבריק פאַר די פערד, איז ער אַרויס אין שטאַל. די פערד האָבן אים באַגעגנט מיט אַ פריי־לעכן הירזשען און געשטרעקט צו אים זייערע מאָרדעס. בערל האָט דערפילט אַז ער איז נישט אינגאַנצן אַליין אויף דער וועלט.

חנה איז ענדלעך אַרויס פון איר אָפּגעשלאָסענעם חדר. גע־קויפט אַ ברויט, אַ רעטעך, נישט מער. קיין צימעסלעך נישט גע־קאָכט, קיין קישעלעך מער נישט אויסגענייט. צו בערלען האָט זי אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר געוויגט זיך גאַנצע טעג איבער אירע תחינות.

אַ קאַלטער שוויס האָט בערלען באַדעקט יעדעס מאָל ווען זײַן וואָגן האָט זיך דערנענטערט צו יענעם דאָרף. ער האָט געאײַלט די פערד, געיאָגט זיי אין גאַלאָפּ ביז ווײַט אַריבער יענער כאַטע... די פערד האָבן געסאָפּעט שווער. בערל האָט געשנאָרכט און גע־

פֿרײַכט, ער האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. „אַזאַ מכשפֿה, אַזאַ נעווירע, טפֿו, טפֿו!"

דער ווינטער איז געקומען שפּעט, אָבער אָנגעקומען מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען דאָס זײַניקע פֿאַר אַלע צײַטן. גרויסע פֿרעסט האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן חודש. ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל לינדער, האָט געגומען שנייען און שנייען אָן אויפֿהער. אַז מען איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָט מען געמוזט אַוועקקאָפּען דעם שניי מען זאָל קאָנען עפֿענען די לאָדנס. עס האָט אָנגעשאָטן ביז איבער די פֿענצטער. מען האָט אויסגעגראָבן אין שניי שמאָלע שטעגלעך. די ווענט־שניי פֿון בײדע זײַטן שטעגל זענען געווען העכער פֿון די מענטשן. די פּאָליציי האָט געשלעפּט די אײַנוווינער פֿון דער געגנט אַוועקצושאַרן דעם שניי פֿון די וועגן, מע זאָל נישט זײַן אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט. באַלד נאָכן אָפּרייניקן זענען די וועגן פֿונדאָסנײַ פֿאַרשאָטן געוואָרן. אַפֿילו בער לעפּ האָט נישט ריזיקירט אַרויסצולאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

געמאַכט אַן „אָבריק" פֿאַר די פֿערד, אָנגעפּאָיעט זיי, געפּוצט און געבאַרשט זיי צום וויפֿלטן מאָל, איז מער נישט געבליבן וואָס צו טאָן. אַמאָל פֿלעגט חנה אים דערציילן וואָס ס'חלומט זיך איר אין די נעכט, אָדער גאָר אַ מעשה פֿון טײַטש־חומש. בערל האָט נישט תמיד אַלץ פֿאַרשטאַנען אָבער ס'איז אים גוט געווען צו הערן. זי האָט וועגן אַלץ געהאַט עפּעס צו זאָגן, אַז ס'האַרץ פֿלעגט אים וואַקסן פֿאַר נחת. בערלען האָט זיך געדאַכט אַז בײַ חנהן אין קאָפּ ברענט עפּעס אַ לעמפּל וואָס מאַכט אַלץ ליכטיק, קלאָר. אָט איז ער דאָך אויך אַ מענטש, האָט אויך אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, און וואָס ווייסט ער? גאָרנישט. אָט קוקט ער אויפֿן פּאַפּירל, און הייבט נישט אָן צו וויסן וויפֿל געלט ס'איז. חנה גיט נאָר איין קוק, און ווייסט שוין. ווייסט אַפֿילו וויפֿל ס'זענען צוויי פּאַפּירלעך, מער פּאַפּירלעך, ווייסט אַפֿילו אויך וויפֿל ס'זענען פּאַפּיר מיט זילבער־געלט צוזאַמען. וואָס איז דאָ צו רעדן: אַ טאַטנס אַ קינד. בײַ איר טאַטן אין שטוב זענען געווען אַזעלכע גרויסע „סידורס" מיט אַזויפֿיל וועגלעך און שטעגלעך אויף די בלעטער, מיט אַזעלכע פּיצינקע אותיותלעך, אַז בערלען האָט זיך געמישט אין קאָפּ ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן דאַרויף. זײַן שווער האָט דאָס אַלץ געקענט לייענען, אַפֿילו חנה קען לייענען פֿון טײַטש־חומש וואָס האָט אַזעלכע פּיצינקע אותיות. איצט איז חנה מער נישט חנה. קיין קינד, קיין רינד, קיין היים...

אַז בערל האָט זיך דערשלעפּט איבער די טיפֿע שנייען אין בית המדרש אַרײַן צו מנחה־מעריב, האָט זיך אים שפּעטער גאָר נישט געגלוסט אַהיימצוגיין. בחורים זענען געזעסן אַרום די טישן און געלערנט; עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום אויוון כאַפּן אַ שמועסל. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע און דאָ, אין בית המדרש, האָט אין אויוון פֿריילעך געקנאַקט דאָס פֿײַער, גע־שמעקט מיט סאָסנע־האָלץ און מיט געברענטער זשיוויצע.

בערל איז געבליבן אין בית המדרש כאַטש ווי צו שמועסן האָט ער נישט געוווּסט. טייל מאָל האָבן די לצים זיך פֿריילעך געמאַכט איבער אים. בערל האָט עס פֿאַרשוויגן אַבי נישט צו גיין אַהיים ווו חנה שאָקלט זיך איבער איר תחינה ווי איבער אַ מת...

עולם האָט זיך צעשמועסט וועגן יִדישע צרות. די שליחים פֿון שטײַער־אַמט שרײַבן אָן אַזעלכע גרויסע פּאַדאַטקעס אַז ווען מע זאָל אַפֿילו פֿאַרקויפֿן אַלע בעבעכעס, וועט נישט גענוג זײַן צו באַצאָלן. מען מוז באַהאַלטן די סחורות, אַנישט נעמען זיי צו ביזן לעצטן פֿאָדעם. אַז ס׳באַווײַזן זיך אַמאָל אין אַ מאַרק־טאָג עטלעכע קונים, טראָגט עס באַלד אָן אויך דעם צורר פֿון „סקאַרב״ (שטײַער־אַמט), און מען מוז צוריק באַהאַלטן די סחורות. אַמאָל האָט מען נאָך געקאָנט זיך אויסקויפֿן מיט געבן אים עפּעס אין דער יד אַרײַן, הײַנט נעמט ער אַלץ צו, סײַ דעם שוחד, סײַ די סחורה.

„אפֿשר אים אונטערדרוקן עפּעס אַ וואַזשנע מתנה, אַ פּעלץ, אַ — כ׳ווייס וואָס?״

„מע דאַרף פֿאַרן קאַ גאָמבין זיך פֿאַרקלאָגן פֿאַרן נאַטשאַל־ניק,״ האָט געעצהט בעריש, דער אײַזן־סוחר.

„ס׳עט גאָר נישט העלפֿן,״ האָט געזאָגט מלכל, דער שניט־קרעמער, „ס׳אַזאַ פּאָליטיקע פֿון אויבן; ס׳איז אָן אויפֿטו פֿון אים אַליין, דעם נאַטשאַלנע המן, גראַבסקי (דער פּוילישער מיניסטער). כ׳טענה מיטן סעקוועסטראַטער: נעמסט מיר צו די גאַנצע סחו־רה עט דאָך זײַן אויס קראָם, טאָ פֿון וואָס וועסטו נעמען שטײַערן?״ ענטפֿערט ער מיר, דער רוצח: „די פּויערים וועלן אָן שפּענ־צערס און אָן הויזן נישט גיין, אַ קראָם וועט זײַן. דו וועסט צומאַכן, וועט אַן אַנדערער עפֿענען, אפֿשר טאַקע אַן אונדזעריקער, אַ פּאָ־ליאַק.״

„אָט־דאָ איז די אָל פֿון זאַק אַרויסגעקראָכן: זיי ווילן, חלילה,

אומברענגען דעם ייִדישן סוחר, זיי ווילן אָוועקגעבן אונדזערע קראָ־מען צו די גויים."

„אַז דער רבונו של עולם וועט, חס וחלילה, זיך נישט מרחם זײַן און שוין צושיקן די רעכטע ישועה, וועט, חלילה, זײַן כּלו כּל הקצין..."

די שעהן זענען געלאָפֿן. דאָס פֿײַער אין אויוון האָט אויסגע־ברענט. דער עולם האָט זיך שוין געקליבן אַהיים גיין, האָט פּלו־צעם די טיר זיך אויפֿגעפּראַלט, לאָזער קאַלעיע איז אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ געוואַלד: „ייִדן, האָט רחמנות, זאָגט תּהילים, מײַן שיינדעלע איז חרוב!"

מען האָט צוגעוואָרפֿן אַ שטיק האָלץ אין אויוון, און געשטעלט זיך זאָגן תּהילים.

שיינדעלען איז ערגער געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט. די לאָזע־רעכע איז אויך געקומען צו לויפֿן, צוגעפֿאַלן צום ארון קודש, אויפֿ־געפּראַלט די טירלעך און אַרײַנגעכליפּעט: „ראַטעווע, ראַטעווע ס'קינד, טאַטע זיסער!"

דער פֿעלדשער האָט געזאָגט אַז ס'איז אַ דיפֿטעריט. מע דאַרף אײַנשפּריצן דעם קינד אַזאַ מין רפֿואה אַנישט איז עס פֿאַרלוירן. אין דער שטעטלשער אַפּטייק האָט די רפֿואה אויסגעפֿעלט, מען האָט באַדאַרפֿט אויף גיך פֿאָרן קיין סאָכאַטשאָוו אין דער אַפּטייק, אָבער ווי לאָזט מען זיך אין וועג אַרײַן אין אַזאַ זאַווערוכע? מע קאָן אײַנגעזונקען ווערן אין שניי, פֿאַרשאָטן ווערן אַז עס זאָל קיין זכר נישט בלײַבן, און דאָ איז יעדע מינוט טײַער, דאָס קינד גייט, חלילה, אויס.

„מיט אַ גוטן שליטן און גוטע פֿערד, קאָן מען ריזיקירן."
אַלע האָבן געקוקט צו בערלען. בערל האָט געשוויגן.

לאָזער איז צוגעלאָפֿן צו בערלען: „בערל, דיך תּמיד געזידלט, כ'האָב נישט געמיינט שלעכט. די קינדער שטענדיק הונגעריק. ראַ־טעווע, בערל, באָרג דײַן שליטן מיט די פֿערד."

„וועסט ראַטעווען אַ ייִדיש קינד וועט זײַן ווי דו וואָלסט עס געבוירן, ס'וועט זײַן דײַן קינד," האָט דער רבֿ זיך אַרײַנגעמישט.
„באָרג מיר," האָט לאָזער זיך געבעטן.
„באָרג אים," האָט מען זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר לאָזערן.
„כ'על נישט באָרגן."

אין בית המדרש אַז געוואָרן טויט־שטיל. דער רבֿ האָט שוין

געעפֿנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, בערל האָט פֿאַרענדיקט: „ביש געטרויען אים די פֿערד, כ׳על אַליין פֿאָרן.“

ווען בערל איז צוריקגעקומען פֿון סאָכאַטשאָוו מיט דער רפֿואה, איז שוין געווען שלעכט. דער רופֿא האָט שנעל געמאַכט דעם אײַנשפּריץ. די בלויקייט האָט גענומען אָפּטרעטן פֿון קינדס גופֿל, ס׳האָט וואָס אַמאָל בעסער געאָטעמט און צוריקבאַקומען אַ לעבעדיקע מראה. אַ פֿרייד און אַ ציטערניש איז אויפֿגעגאַנגען אין בערלען. די אויגן זענען אים פֿול געוואָרן מיט טרערן.

„וועסט ראַטעווען דאָס קינד, וועט עס זײַן דײַן קינד“ — אַזוי האָט דער רבֿ געזאָגט. וואָס הייסט זײַן קינד? אַז ס׳איז בײַ לאָזערן אין שטוב, אַז ס׳איז לאָזערס קינד? נאָר אַ ביסל, אַ קליין ביסל איז עס אויך זײַן קינד. בערל האָט געגעבן לאָזערן געלט צו קויפֿן פֿאַר שיינדעלען גוטע עסנס, לאָזער איז טיילמאָל אַליין געקומען צו אים: „גיב מיר אַ זלאָטע, בערל, קויפֿן אַ שטיקל הון פֿאַרן קינד.“ לאָזער האָט, קיין עין הרע, געהאַט נײַן קינדער, „פֿאַרן קינד“ מיינט פֿאַר שיינדעלען, וואָס איז בערלס קינד אויך...

בערל האָט געבראַכט פֿאַר שיינדעלען זעמעלעך, צוקערקעס מער וויפֿל זי האָט געקאָנט אויפֿעסן. ווען בערל האָט נאָר געעפֿנט די טיר, איז שיינדעלע אים אַקעגנגעלאָפֿן, געזעצט זיך בײַ אים אויפֿן שויס און גענומען זוכן וואָס ער האָט אין די הענט. ס׳איז אים געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט ווען שיינדעלע האָט זיך געטוליעט צו אים און אים גערופֿן „פֿעטי בעיו“.

איינמאָל איז שיינדעלע איינגעשלאָפֿן בײַ אים אויפֿן שויס פּונקט דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געדאַרפֿט גיין שפּאַנען און אַוועקפֿאָרן. בערל איז געבליבן זיצן און נישט געלאָזט מע זאָל בײַ אים אַוועקנעמען דאָס קינד. אַ כּפּרה דער וואָגן, אַ כּפּרה די פֿאַרשוינען, אַבי שיינדעלען נישט אויפֿצוּוועקן.

בערל איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. די פּלייצעס אויסגעגלײַכט, דער גאַנג זיכערער, די אויגן ליכטיקער; פֿונעם וואַלד שטײַפֿע האָר אויף זײַן פּנים, האָט איצט תּמיד אַרויסגעשײַנט אַ שמייכל.

אין דער היים איז ער איצט זעלטן געבליבן. אויסגעשפּאַנט די פֿערד, געגעבן זיי עסן, איז ער באַלד געלאָפֿן צו זײַן שיינדעלען. חנה

איז געוואָרן נאָך מער שווײַגנדיק, און נאָך האַסטיקער זיך גע־שאָקלט איבער אירע תּחינות.

חנה גייט אַוועק. זי דאַרט און קוואַרט. ער, בערל לויפֿט צו שיינ־דעלען; חנה זיצט אין שטוב אַליין. פֿאַרוואָס זי נישט מיטנעמען צו שיינדעלען? אַז שיינדעלע איז זײַנע, איז זי דאָך אויך חנהס. זײַן שליטן, זײַנע פֿערד האָבן געראַטעוועט דאָס קינד? ס'איז דאָך אויך חנהס שליטן און פֿערד. אַזוי האָט בערל געטראַכט אויפֿן וועג אַהיים פֿון וואַרשע.

יענעם אָוונט, ווען ער האָט זיך געקליבן גיין צו שיינדעלען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן חנהן.

„חנה, קום.“

ער האָט איר געוואָלט דערציילן וואָס ער האָט געטראַכט אויפֿן וועג אַהיים, אָבער נישט געוווּסט מער וואָס צו זאָגן.

„חנה, חנה, חנה קום“... ער איז שטיין געבליבן מיט אַ צע־עפֿנט מויל. חנה האָט זיך נישט אָפּגערופֿן, נישט אויפֿגעהויבן צו אים די אויגן. בערל איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב.

בערל איז אַרײַנגעקומען צו לאָזערן. דאָס קלענסטע אין וויג האָט זיך צעוויינט. די לאָזערעכע האָט עס גענומען אויף די הענט, צעקנעפּלט דאָס קאַפּטל, אַרויסגעשלעפּט אַ לענגלעכע, בלייכע ברוסט, און געשטופּט דעם עופֿהלע אין מײַלעכל אַרײַן.

בערל איז שטיין געבליבן ווי צוגעגליווערט צום אָרט, די אויגן פֿאַרגלאָצט אויף דער ברוסט וואָס דאָס קינד האָט געשמאַק גע־זויגן. דער לאָזערעכעס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן — אין פֿײַער. זי האָט האַסטיק זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו בערלען. בערל האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים צו שיינדעלען, געקוקט אויף איר מיט פֿאַרטרערטע אויגן: זײַן קינד? חנהס קינד? נישט אמת! ווער ס'גע־בוירט עס, ווער ס'זויגט עס, דעמס קינד איז עס, מער קיינעמס נישט. קיינעמס נישט!

שפּרינצע די שכנטע, וואָס איז גראָד געווען אין שטוב, האָט זיך צעשריגן: „וואָס גלאָצט ער אַזוי אויפֿן קינד? זאָל ער גיין אַהיים, זאָל ער!“

בערל האָט אַנידערגעוואָרפֿן אויפֿן טיש די גוטע זאַכן וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַר שיינדעלען, און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב.

נאָך בערלס אַוועקגיין האָט שיינדעלע זיך צעוויינט. די לאָזערעכע האָט אויף איר אָנגעשריגן, ס'קינד האָט נישט אויפֿגעהערט וויינען.

„מאַך צו ס׳מויל, ווײַל כ׳על דעך אויסרײַסן,״ איז די לאָזוערכע צוגעפֿאַלן שלאָגן שיינדעלען.

„אַ בראָך איז צי מע! ס׳קינד גליט — אַ שטיק פֿײַער! שפּרינצע, שפּרינצע לעבן, קומען זי נאָר אַראַן, שיינדעלע אימער שוין ווידער קראַנק.״

שפּרינצע האָט גלײַך דערקענט, אַז ס׳איז אַ „ניהאָרע״. און טאַקע, ווי נאָר זי האָט גענומען אָפּשפּרעכן האָט שיינדעלע גלײַך גענומען גענעצן, דער בעסטער סימן אַז ס׳איז אַן עין הרע...

„וואָסי דער וווּנדער?״ האָט שפּרינצע געזאָגט, „אַז דער בער־לעפּ וואָס האָט ניש גאָר ניש, לויפֿט איבערן קינד טאָג ווי נאַכט, נעמט עס אַדורך מיט די קנאהדיקע שליפּיעס.״

צומאָרגנס האָט בערל אינגאַנצן פֿאַרגעסן וואָס ער האָט נעכטן געטראַכט. ער האָט געזען אויפֿן מאַרק פּאָמעראַנצן, האָט ער געקויפֿט פֿאַר שיינדעלען גאַנצע דרײַ שטיק. ער האָט זיך גאָר נישט געקאָנט דערוואַרטן עס איר צו געבן. זי וועט גאָר נישט קאָנען דערהאַלטן אין אירע קליינע הענטלעך אַזעלכע גרויסע כּמאַליעס.

געקומען אַהיים. אָפּגעלאָדן די סחורה פֿון וואָגן אין אײַלעניש, דעם שוויס פֿון פּנים נישט אָפּגעווישט, און געלאָפֿן אַוועקטראָגן שיינדעלען די פּאָמעראַנצן.

ער האָט געטראָפֿן די טיר פֿון לאָזערס שטוב פֿאַרקייטלט פֿון אינעווייניק. די לאָזוערכע האָט אַרויסגעשריגן: „וואָס ט׳ער זיך אָנגעטשעפּעט אין מײַנע קינדער! גײַץ אַוועק, גײַץ.״

„פּאָמעראַנצן פֿאַר שיינדעלען, ציסרועל (ארץ ישׂראל) פּאָמעראַנצן.״

„ווערץ דערשטיקט מיט זיי. גייץ אַוועק, ווײַל כ׳באַגיס ענק מיט אַ פּאָמעשאַף.״

בערל איז אַוועק מיט אונטערגעבראָכענע טריט. שפּרינצע האָט זיך באַוויזן אין איר טיר און אים נאָכגעשריגן: „ברענגץ אויס ענקערע בייזע שליפּיעס אָף הינט, אָף קעץ, ניש אָף ייִדישע קינדער!״

בערל האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן, פֿאַרבײַ געגאַנגען זײַן שטוב, און געגאַנגען ווײַטער. שוין פֿאַרבײַגעגאַנגען די לעצטע הײַזער פֿונעם שטעטל, און ווײַטער געשפּאַנט. דאָס הירזשען פֿון אַ פֿערד האָט אים דערמאָנט אַז ער האָט נאָך נישט געגעבן זײַנע פֿערד צו עסן. ער האָט אַוועקגעאײַלט צו זײַן שטאַל, צוגעגרייט דעם אָבריק און אַרײַנגעשיט אין דער קאָריטע. די פֿערד האָבן זיך שנעל

צוגעכאַפּט צום עסן. בערל האָט געגלעט זייערע רוקנס: נאָר זיי זענען אים געבליבן, נאָר זיי...

* * *

נאָך יענער נאַכט אין שייער פֿלעגט די מיכאַלאָווע אָפּט אַראָפּ גיין ביינאַכט פֿונעם געלעגער לויערן בײַם פֿענצטער, אפֿשר וועט ווידער אַמאָל פֿאַרבײַפֿאָרן דער זשידעק בערעק און וועט וועלן אײַ־ בערנעכטיקן אין שײַער.

„קריכאַ, קריכאַ, ווו ביסטו?" פֿלעגט דער אַלטער מיכאַל זי רופֿן ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און נישט געפֿונען דאָס ווײַב אין בעט.

„שלאָף, אַלטער," האָט די מיכאַלאָווא אָנגעשריגן אויף אים. „שלאָף און מאַרודזשע נישט", און פֿלעגט ווײַטער שטיין בײַם פֿענצ־ טער. טיילמאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז בערעקס וואָגן איז שנעל פֿאַרבײַגעפֿאָרן. זי פֿלעגט דעמאָלט אַרויסלויפֿן און נאָכשרײַען: „העי, העי!" דער וואָגן האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר איר טיר, זי האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט לויערן אויף בערעקן מיט זײַן וואָגן.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען ביז זי האָט איין מאָל דערפֿילט אַז אין איר אינגעווייד קומט עפּעס פֿאָר. „יעזו ליבטיקער," האָט זי זיך געפֿרייט.

„אוי, ווײסט איז מיר," האָט זי זיך דערמאָנט, ס'איז פֿון אַ זשיד. זי וועט ברענגען אויף דער וועלט אַ זשיד וואָס האָט געקרייציקט דעם „פּאַן יעזוס," אַ זשיד וואָס קנעט אַרײַן אין די מצות בלוט פֿון אַ קריסטלעך קינד! עס האָט זיך איר געגומען דוכטן אַז אין בויך בײַ איר ליגט אַ פֿאַרטיקער זשידעק מיט אַ באָרד, ווי דער בערעק אַליין. שעהן גאַנצע האָט זי איצט געקניט פֿאַרן בילד פֿון דער „הייליקער מוטער". זי מוז זיך מתוודה זײַן פֿאַרן גלח.

דער גלח האָט זי געשטראָפּט: „ס'אַ גרויסע זינד, האָסט אַ מאַן, און נאָך דערצו מיט אַ ייִד! אָבער צום קינד האָט עס נישט. דאָס קינד וועט געשמדט ווערן און אויסוואַקסן אַ גוטער קריסט."

* * *

צומאַרגנס, נאָכדעם ווי מען האָט אים נישט אַרײַנגעלאָזט צו שיינדעלען, איז בערל געפֿאָרן קיין וואַרשע. ווען ער האָט

זיך בײַנאַכט דערנענטערט צו יענער כאַטע האָט ער, ווי שטענ־דיק, געגומען יאָגן די פֿערד. אָבער גאָר פּלוצעם האָט ער פֿאַרהאַלטן די פֿערד מיט אַזאַ האַסט אַז דער וואָגן האָט זיך שיעור נישט אײַ־בערגעקערט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען, אַנגעקלאַפּט אין דער טיר.

די פֿויערטע האָט אים געעפֿנט די טיר, אַרײַנגעלאָזט אין שטוב, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו מאַכן ליכטיק. ווי באַר זי האָט אים דער־קענט בײַם ליכט פֿונעם שוועבעלע, האָט זי אים צוריקגעשטופּט צו דער טיר: „גיי דיר פֿונדאַנען, פֿאַרשיווער זשיד."

זי האָט אים אַרויסגעשטופּט און פֿאַרריגלט די טיר פֿון אינע־ווייניק. אין דער רגע וואָס דאָס שוועבעלע האָט געלויכטן האָט בערל דערזען, איר ברייט פֿויעריש העמד איז פֿאַרריסן אַרויף מיט אַ גרויסן שפּיציקן בויך.

בערל איז געבליבן שטיין אין דרויסן אַ צעחושטער. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען הינטער דער טיר, נישט אַ ריר געטאָן מיט קיין אבר. געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט. פּלוצעם איז עפּעס אין אים וואַך געוואָרן, ער האָט דערפֿילט אַז ער מוז פֿון עפּעס אַנטלויפֿן. אַ שפּרינג, און ער איז געווען אויפֿן וואָגן. געיאָגט די פֿערד מיט אַלע כוחות ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן לאָמען שמואלס שענק אין וואַליע. די פֿערד זענען געווען פֿאַרשוויצט. בערל האָט שנעל פֿאַרוואָרפֿן פּלאַכטעס אויף די פֿערדס רוקנס, צוגעוואָרפֿן זיי אַ זאַק היי, און אַרײַנגעלאָפֿן אין שענק. דער שענקער האָט, ווי שטענדיק, אים צוגעשטעלט אַ פֿערציקסטל (פֿערטל ליטער). בערל האָט עס אַוועקגערוקט, „געב אַ גאַנצן!"

„אַרויסגעטריבן מיך, די סטערווע," האָט בערל געטראַכט און געזופּט דעם בראָנפֿן. „אַזאַ קלעמפּע! אַרויסגעטריבן מיך."

גוט אַזוי, גוט אַז ז'האָט נישט אַרײַנגעלאָזט אין שטוב. ס'וואָלט ווידער געווען ווי דעמאָלט...

וואָלט געווען! וואָסי? זאָל זײַן! זאָל אַלץ די כאָליערע נע־מען!

ז'האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי... דער בויך עפּעס אַזוי ווי אַ — כ'ווייס?

עט! אַן אַלטע סטערווע. גלאַט אַ בויך. אַז אַ בויך מיט שטיי־נער זאָל זי האָבן, אַ כאָליערע אין איר! אַזאַ כלבֿטע... אַ בויך...

בערל האָט אַ שאַר געטאָן פֿון זיך דאָס גלעזל, געכאַפּט די פֿלאַש צום מויל, אויסגעזויפֿן ביזן סוף.

צוריקוועגס האָט בערל ווידער געיאָגט די פֿערד שנעל, שנעל, ביַים פֿאַרביַיפֿאָרן די כאַטע פֿונעם אַלטן מיכאַל.

עס האָט ווידעראַמאָל געטראָפֿן. בערל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביַי מיכאַלס כאַטע. ס'איז שוין געווען סוף זומער. איבערמאָרגן איז דער גרויסער לוויוויטשער יריד. בערל איז אַרויסגעפֿאָרן פֿרי, ער האָט געוואָלט אַהיימקומען באַציַיטנס, צו קאָנען פֿאָרן צום יריד מיט אַלע זיַינע וועגענער. ווען בערל איז אָנגעקומען צו מיכאַלס כאַטע, איז נאָך געווען טאָג. דער אַלטער מיכאַל האָט געטריבן די קו אין הויף אַריַין צו דער שטאַל.

האָט בערל איַינגעצויגן די לייצעס? אָדער די פֿערד האָבן זיך אַליין פֿאַרהאַלטן נעבן דער כאַטע? בערל האָט דערהערט אַ געוויין פֿון אַ קינד. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם וואָגן, אַ פּראַל־אויף געטאָן די טיר. די מיכאַלאָווע איז געזעסן נעבן אויוון, געהאַלטן אַן עופּהלע אויפֿן שויס און עס געגעבן זויגן. דערזען בערלען, איז זי אויפֿגעשפּרונגען, אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן רוקן, צוגעדריקט דאָס קינד צו זיך, ווי זי וואָלט עס וועלן פֿון עפּעס באַשיצן.

„וואָס זוכסטו דאָ, זשידעק, גיי זיך, פּאָשאָל!"

בערל איז אַרויס פֿון דער כאַטע. קוים אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן וואָגן. די פֿערד האָבן גענומען גיין.

„אַזאַ קלעמפּע — אַ קינד... 'גאָט געעפֿנט איר טראַכט'," האָט בערל איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס מיט זיי האָבן אַלע רביס אים געווינטשט און צוגעזאָגט קינדער. „ניש געגעבן אויף תּלמוד־תּורה, ניש געדאַוונט, ניש גאָניש — גאָט געעפֿנט איר טראַכט. חנה דאַוונט, דאַוונט, דאַוונט — גאָט ניש געעפֿנט איר טראַכט. די כּלבֿטע טראָגט אַ צלם, פֿרעסט חזיר, גאָט האָט געעפֿנט איר טראַכט, אַזאַ כאַליערע מיט אַזאַ אַלטן גוי — גאָט געעפֿנט — —"

האָ? מיט אַן אַלטן גוי? אפֿשר יענע נאַכט, ווי חנה האָט גע־זאָגט? אפֿשר יענע נאַכט? —

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם וואָגן, צוריקגעלאָפֿן אין דער כאַטע. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן די מיכאַלאָווע: „מיַין קינד!"

„גיי דו פֿאַרכאַטער זשיד! דו ביסט אַ זשיד, ס'קינד — אַ קריסט. וואָס ווילסטו דאָ? גיי פֿון דאַנעט!"

זי האָט גענומען אים אַרויסשטופּן פֿון דער שטוב.

„נעם דעם וואָגן, די פֿערד, נעם אַלץ, גיב מיר ס'קינד."

„ס'טו זיך אָנגעטשעפּעט, פאַרשיוּוער זשיד, קריסטלעכע קינדער ווילסטו צוכאַפּן! גיי שוין אַרויס!"

ביַים שטופּן אים צו דער טיר האָט דאָס קינד אויף אירע הענט זיך אַ וואַקל געטאָן, בערל האָט דערזען אויפן קינדס העלדזל אַ צלם. ער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. כאָטש ס'איז נאָך געווען ליכטיק, האָט ער קוים געפונען די טיר.

דאָס מאָל האָט בערל גאָרנישט געטרונקען, גאָרנישט גענומען אין מויל אַריַין. ער האָט רק געטראַכט, געוואָלט דערגיין, פאַר־וואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס אַלדאָס שלעכטס אויף אים.

ער טוט אַלץ וואָס מ'הייסט אים. דאַוונען? ער דאַוונט. שבת? ער איז קיינמאָל נישט פאַרפאַרן אין שבת אַריַין. תּלמוד־תּורה? ער גיט פאַר תּלמוד־תּורה, פאַרן זשיכלינער רבין. טאָ פאַרוואָס אַל־דאָס שלעכטס אויף אים? דער רבי האָט געזאָגט ער זאָל געבן געלט צו עפענען אַ תּלמוד תּורה וועט גאָט עפענען די טראַכט פון זיַין וויַיב. ער'ט געגעבן געלט, גאָט ט'נישט געעפנט די טראַכט. דער רב האָט געזאָגט: ר'עט ראַטעווען שיינדעלען, ט'זי ווערן זיַין קינד. ער איז געלאָפן אין זאַווערוכע, געברענגט די רפואה — שיינדעלע איז נישט זיַין קינד. שיינדעלע איז לאָזערס קינד, פאַרקייטלט פאַר אים די טיר. חנה איז ברוגז. ביַי אים ניש קאַ וויַיב, ניש קאַ קינד. דאָרט, ביַי דער מיכאַלאָווּאַ — יאָ אַ קינד, אַ גוי, אַ שגץ מיט אַ צלם. אַלע האָבן אין אים ס'געגנאַר. אַלע, אַלע!

ער איז אַהיימגעקומען, אַריַין אין זיַין שטוב. חנה האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון איר תּחינה, נישט געענטפערט אויף זיַין „גוטנאָווענט". בערל איז צוגעלאָפן צו חנהן, זי אַ טרייסל געטאָן: „וואָס ווילסטו פון מיר? דערהרגע מיך, קוילע מיך!" ער האָט אויפ־געריסן דאָס העמד אויף דער ברוסט: „נאָ, שטעך אַריַין אַ מעסער, דאָ, שטעך!"

חנה האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון איר תּחינה, זי האָט נאָר האַסטיקער זיך געשאָקלט.

בערלס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַ נעפּל: „געוואַלד! גע־וואַלד!" האָט ער גענומען שריַיען. ער איז אַרויסגעלאָפן אין שטאַל, געוואָרפן זיך אויפן שטרוי, און געשריגן מיט באַנומענע קולות: „געוואַלד, געוואַלד!"

אויף בערלס געשרייען איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן דאָס גאַנצע שטעטל.

„בערל! בערל!" האָט מען אים געטרייסלט. ער האָט נישט אויפֿגעהערט שרײַען.

בערלס געשרייען האָבן אויפֿגעריסן חנהן פֿון איר תחינה. זי האָט אַלעמען אַרויסגעיאָגט פֿונעם הויף, פֿאַרקייטלט די טיר פֿון אינעווייניק. די געשרייען זענען געוואָרן שוואַכער. חנה איז אַרײַן אין שטאַל, גערופֿן מיט אַ ווייך קול: „בערל, קום אַרײַן אין שטוב." בערל האָט זיך נישט גערירט פֿונעם אָרט.

ווען בערל איז צומאָרגנס אינדערפֿרי אַרײַנגעקומען אין שטוב איז אים אָקעגן געקומען דער ריח פֿון אַ פֿרישער זופּ.

* * *

בערל האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קאָבעלע אין זײַן שטאַל. אַן אָגער גייט אַ גאַנץ יאָר גלײַך צו דער אַרבעט. אַ קאָבעלע איז גוט פֿאַר אַ פּויער, נישט פֿאַר אַ בעל עגלה.

איינמאָל האָט געטראָפֿן, אַז בײַ אַ פּויער, בערלס אַ שכן, האָט אַ קאָבעלע געהאַט אַ „שווער האָבן". מען האָט גערופֿן בערלען ער זאָל העלפֿן. עס איז געגאַנגען זייער שווער. בערל האָט געמיינט אַז אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן. נאָך שעהן מאַטערניש איז געלונגען אַרויסצושלעפּן דאָס קאָשקעלע. עס איז געפֿאַלן אויף דער ערד ווי ס'וואָלט געווען טויט, די קאָבעלע איז אויך געבליבן ליגן ווי אַ טויטע. באַלד האָט דאָס קאָשקעלע גענומען רירן מיט אַ פּיסל, מיט נאָך איינס; די קאָבעלע האָט זיך צוגערוקט צום קאָשקעלע, גענומען עס באַלעקן מיט איר צונג.

געבוירן געוואָרן איז עס אַ שטיק מיסט. ערשט, געב אַ קוק, עס איז לעבעדיק. אַט פּרוווט עס שוין זיך שטעלן אויף די פּיסלעך. שטעלט זיך און פֿאַלט, שטעלט זיך, פֿאַלט, און אַט שטייט עס שוין און זויגט.

בערל איז דערנאָך געלעגן וואָך אויף זײַן געלעגער. אַ פֿערד, און גאָט איז צו דעם בעסער ווי צו אים. אַט נאָר אַ פֿערד, און האָט אַ קינד, און דאָס קאָשקעלע זויגט — אַ מחיה צו קוקן.

אויפֿן נאָענטן יאַרמאַרק האָט בערל געקויפֿט אַ נײַ פֿערד. אַלע־מאָל בײַם קויפֿן אַ פֿערד האָט בערל אויסגעפּרוווט דעם פֿערדס גבֿורה, געציילט די ציינער, באַטאַפּט די פֿיס. דאָס מאָל איז ער

אַפּילו נישט צוגעגאַנגען צו יענער זײַט מאַרק ווו עס שטייען די שלעפּ־פערד. ער איז אַוועק אַהין, ווו עס זענען געשטאַנען די פּרי־צישע פערדלעך, אײַנגעהאַנדלט אַ גרוי פערד מיט דינע, שלאַנקע פיס, אַ קאַבעלע.

אַז די בעל עגלהס האָבן דערזען וואָס בערל פירט אַהיים, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געלעכטער: „׳עסט עס אײַנשפּאַנען אין וואָגן וועלן זיך די פיסלעך איבערברעכן. דאָס איז נישט פאַר קיין בעל עגלהשן וואָגן, סײַדן פאַר אַ פּריציש קעטשל אויף צוויי רעדער.״

„און צו האָבן קאַשקעלעך,״ האָט בערל צוגעגעבן.

אַ לאָשיקל איז טאַקע געבוירן געוואָרן. גרויס, געראָטן אין דער מאַמען: גרוי, מיט דינע, פלינקע פיסלעך ווי די מאַמע. מיט צוויי ברוינע פלעקן אויפן מאַרדעלע ווי בײַם טאַטן, בערלס גניאַדע אַגער.

בערל האָט אָנגעקוקט: „נו, וואָס׳ט עפּעס זאָגן, הע? אַ צאַצקע, הע?״

דער אילאַווקער פּריץ האָט געוואָלט אָפּקויפן דאָס קאַשקעלע. „אין מײַן שטאַל וועט עס אויסוואַקסן אַ לײַט,״ האָט ער געזאָגט. „כ׳האָב געבראַנגט פון ענגלאַנד אַ ספּעציעלן מענטשן פאַר די זאַכן.״

בערל האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. „פון ענגלאַנד, צי פון טשאַכאַטשאַוו, צי פון וואַרשע, אַלצאיינס! קיינער וועט עס נישט אַזוי ׳דאַגאַדזשען׳ ווי איך.״

בערל האָט עס טאַקע אָפּגעהיט. געפּוצט עס, געצאַצקעט זיך דערמיט. ער האָט צוגעגעבן מילך פון אַ פלאַש, מורא געהאַט טאָמער האָט עס צו ווייניק בײַ דער מוטער. אַפּילו דער מוטער האָט ער געגעבן צו עסן פון שענסטן און בעסטן. נישט אײַנגעשפּאַנט זי אין וואָגן ביז ס׳קאַשקעלע האָט געקאָנט מיטלויפן, און נישט געשיקט אויף קיין ווײַטע נסיעות אַזוי לאַנג ווי שיוועקל, דאָס קאַשקעלע, האָט געזויגן.

בערל האָט ליב געהאַט צו שטיין און זיך צוקוקן ווי דאָס קאַש־קעלע שטעלט זיך אַוועק זויגן דעם פולן אײַטער פון דער מוטער. ווען נישט ער, בערל, וואָלט גאָרנישט געווען. אָט איז אויך בײַ אים אין הויף פאַראַן אַ קליינס וואָס זויגט. ס׳איז אַ פערדישער אײַטער? אַלצאיינס! ס׳איז אַ מאַמעשער אײַטער... אַ לעבעדיקס זויגט דער־פון און וואַקסט. פון דער מילך גייט אַזאַ ריח ווי פון מענטשישער מילך. אַ ריח, וואָס ווען מען אָטעמט אים אײַן גלוסט זיך נאָר דאָוו־

נען, אָדער וויינען... בערל האָט באַוועגט מיט די ליפּן צום טאַקט פֿון קאַשקעלעס שמאַטשקען דעם אײַטער. ווען ס׳האָט געענדיקט זויגן, איז בערל צוגעלאָפֿן מיט אָפֿענע אָרעמס גרייט צוצוטוליען עס צו זיך. דאָס קאַשקעלע אָבער האָט אַ לויף געטאָן און צעהאָצקעט זיך איבער דער קווער פֿון דער לאָנקע. בערל האָט אָנגעקוואָלן: „געזען אַ מזיק, הע? אַ געזונט אין די ביינער אַרײַן.״

חנה פֿלעגט זיך זעלטן אומקוקן אויף די פֿערד. אַז זי האָט אַמאָל געמוזט אַרײַנגיין אין שטאַל, פֿלעגט זי אויף גיך צוריק אַרויסלויפֿן. בערל קומט פֿון דער שטאַל, מוז ער פֿריִער גוט אָפּרייניקן די שטיוול, חנה האָט נישט פֿאַרטראָגן דעם שטאַל־ריח.

זינט שיוועק איז געבוירן געוואָרן, האָט חנה מער נישט אויס־געמיטן דעם שטאַל. אַז בערל איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער אַרויס־צוקוקן ווי דאָס קאַשקעלע בריקעט איבער דער לאָנקע, איז חנה אויך צו אַ קוק טאָן. בערל האָט אויסגעדרייט צו חנהן אַ פּנים פֿול שמייכל, ווי ער וואָלט זי פֿרעגן: „נו, וואָס זאָגסטו עפּעס, הע?״ חנה האָט געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, ווי זי וואָלט זאָגן: „פּלאי פּלאים!״. בערל האָט איצט מער אַכטיק געגעבן אויף דער שטוב. געזען ס׳זאָל תּמיד זײַן געגוג צעהאַקט האָלץ, ס׳זאָל נישט אויסגיין דאָס וואַסער אין פֿאַס, חנה זאָל נישט דאַרפֿן אַליין גיין שעפּן פֿונעם ברונעם. חנה האָט ווידער גענומען שטריקן אַ לײַבל פֿאַר בערלען. בערל האָט איצט ווידער אָהיימגעבראַכט שאָלעכלעך, צײַג אויף שירצלעך — מתּנות פֿאַר חנהן.

בערל האָט געוווּסט: ס׳קומט אים נאָך גענוג בײַם רבונו של עולם. דאָס וואָס רביס האָבן צוגעזאָגט איז נישט מקוים געוואָרן, אָבער עס איז פֿאַרט פֿאַראַן עפּעס אייגנס: אַ וואַרעם, לעבעדיק נפֿשל, וואָס ער קאָן עס אַ גלעט טאָן. קיינער, קיינער קאָן עס פֿון אים נישט אַוועקנעמען. עס דערפֿרייט זיך ווען ער קומט צו, עס זוכט אין זײַנע הענט צי ער האָט געבראַכט אַ נאַש. ער האָט איצט עפּעס אַזוינס וואָס אויך חנה פֿרייט זיך דערמיט...

איין מאָל, אויף דער בעל עגלהשער בערזע, האָט עמעץ דער־ציילט אַ חכמה פֿון זײַן קינד ווי עס האָט שבת אַראָפּגעצויגן פֿונעם טיש דאָס טישטעך מיט אַלע טעלער. בערל האָט געטאָן אַ פּלאַץ אַרויס: „צ׳הערט אַ מזיק? געווען אַ היץ, אָפֿן געלאָזט די שטאַל־טיר, נאָר פֿאַרשטעלט מיט אַ ברעט פֿון וואָגן. שיוועק, קינעהאָרע, גיט אַ שפּרינג אַריבער און בריקעט שוין פֿון יענער זײַט הויף.״

צומאַל, גאַנץ זעלטן, האָט געטראָפֿן אַז בערל האָט זיך דער־מאָנט אין יענער נאַכט אויפֿן וואַרשעווער שאָסיי. דאָרטן איז גע־ווען עפּעס אַ זאַך מיט שדים. חנה האָט אים דערציילט אַ סך מעשׂיות וועגן שדים. די גאַנצע זאַך דאָרטן — אַלץ איז ווי אין חנהס מעשׂיות. נישט טראַכטן דערפֿון, ס'איז נעווייערדיק. דאָס שגצל, בײַ דער מכשפֿה אויף די הענט, אַ שגצל מיט אַ צלם. וואָס האָט עס צו אים? ער איז אַ ייִד, לייגט תּפֿילין. זײַן טאַטע, ליווע־שולעם, אַ ייִד. וואָס האָט ער צו טאָן מיט אַ צלם? „טפֿו, טפֿו!" שפּײַט ער אויס, און קוקט צי ער האָט נישט פֿאַרגעסן אָנצוטאָן דעם ציצה־כּנפֿות.

שיוועק איז אויסגעוואַקסן. די פּריצים פֿון אַרום האָבן געפּלאַצט פֿון קנאה. אַזאַ שיינקייט, אַזאַ הויך, אַזאַ געטאָקטער גוף, אַזעלכע שלאַנקע פֿיס, אַזוינס זעט מען נישט יעדן טאָג.

פֿערד־גנבֿים האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין בערלס שטאַל, שוין געהאַט אַרויסגעפֿירט שיוועקן. אַז דאָס פֿערד האָט דערפֿילט אַ פֿרעמדן רײַטער, האָט עס אים געגעבן אַ שלײַדער אַראָפּ פֿון זיך, און מיט אַ געהירזשע אָוועקגעבריקעט אין פֿעלד אַרײַן.

בערל האָט שיוועקן נישט געשפּאַנט, נישט אין לאַסט־וואָגן, אויך נישט אין דער בריטשקע וואָס האָט געפֿירט פֿאַרשוינען צו דער באַן. בערל האָט געקויפֿט אַ לײַכט קעטשל פֿאַרן זומער, פֿאַרן ווינטער — אַ געטאָקט שליטעלע. שיוועק איז געפֿלויגן פֿייל פֿון בויגן. די נגידים פֿלעגן דינגען בערלען ער זאָל זיי פֿירן שפּאַצירן מיטן קעטשל. אויך די פּריצים פֿון נישט ווײַט, וואָס האָבן געהאַט אייגענע פֿערד, פֿלעגן שיקן נאָך בערלען מיט זײַן שיוועקן, איטלעך מאָל ווען זיי האָבן געהאַט אַן אײַליק שליחות.

חנה האָט שוין געהאַט אָנגעקליבן אַ שפּאָר קניפּל. די „יאַזדעס" מיט שיוועקן האָבן אַליין אַרײַנגעבראַכט אַ נישקשהדיקן גראָשן, איז צו וואָס אײַנרײַסן אַ וועלט? נאָך יענער געשעעניש אין שײַער, האָט חנה נישט געוואָלט בערל זאָל מער אַרומפֿאָרן. בערל אַליין האָט אויך נישט געוואָלט פֿאָרן אויף יענע וועגן... האָט ער פֿאַרקויפֿט אַלע פֿערד און וואָגנס, איבערגעלאָזט נאָר דאָס לייכטע קעטשל און שליטל, און געבליבן מיט שיוועקן.

האָט זיך געמאַכט אַז אַן אָרעמאַן האָט געמוזט אויף גיך ברענ־גען דעם דאָקטאָר צו אַ קראַנקן, אָדער פֿאָרן קיין זשיכלין צום רבין

בעטן פֿאַר אַ מסוכּנעם חולה, האָט בערל אָפּגעלאָזט די בעסטע יאָז־דע, און נישט געשאָנעוועט זײַן פֿערדל כּאָטש קיין געלט האָט ער געוויינטלעך פֿאַר אַזאַ נסיעה נישט גענומען. איינמאָל, טאַקע נאָך אַזאַ נסיעה, האָט דער רבי אַליין אים צוגעזאָגט אַז ער וועט האָבן עולם הבא. דער גבאי האָט עס אים פֿאַרטײַטשט: „איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועסטו זײַן אין גן עדן."

בערל איז געווען זיכער אַז אויך שיוועק וועט זײַן אין גן עדן. שיוועק איז דאָך אַ שותּף צו אַלע זײַנע מצוות. וואָלט טאַקע גוט געווען אַז ער זאָל דאָרט אין גן־עדן אויך האָבן זײַן קעטשל און שליטן. אַז די צדיקים עלן זיך אָנעסן מיט אַ גוט שטיק ליוועיוסעם (לויתן) און מיט אַ טעלער פֿלייש פֿון — — ווי הייסט עס, וואָס חנה זאָגט — — וועט ער פֿאַרפֿאָרן פֿאַרן גינײַדעם מיט זײַן שיוועקן, אַרײַנזעצן אַ פּאָר צדיקים, אפֿשר טאַקע אויך דעם זשיכלינער רבין און אַ פֿלי טאָן אויף אַ שפּאַציר אין גאַלאָפּ, אַזוי ווי נאָר שיוועק קאָן עס.

* * *

איינמאָל אין דער פֿרי, בערל איז אַרײַן אין שטאַל האָט ער דערזען: שיוועק ליגט אויסגעצויגן אויפֿן שטרוי, די קאַריטע פֿול, דער אָבריק נישט אָנגערירט.

מען האָט אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע, מען האָט אײַנגעגעבן ביטער־זאַלץ. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן.

„חנה, זאָג תּהילים. שיוועק איז חרובֿ!" איז בערל אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב מיט אַ געשריי. בערל איז אַוועקגעלאָפֿן צו פֿײַוול שמש ער זאָל צונויפֿרופֿן אַ מנין זאָגן תּהילים פֿאַר שיוועקן. פֿײַוול האָט נאָך נישט געהערט מע זאָל זאָגן תּהילים פֿאַר אַ קראַנק פֿערד. אָבער אַז בערל האָט אים אַרײַנגעשטופּט אַ מטבע אין דער האַנט אַרײַן, איז ער אַוועק אין אײַלעניש, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געלאָפֿן צו־נויפֿרופֿן אַ מנין.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז שיוועק האָט געקריגן אַ „פֿאַס־קודניאַק". אויף די אויגן איז אים אָנגעוואָקסן אַ בעלמע, מען האָט עס געמוזט אויסברענען מיט אַ בלוי־זויער־שטיין. בערל האָט זיך נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן אַז עפּעס אַ בעל עגלה זאָל עס טאָן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם וועטערינאַר פֿונעם אילאַווקער פּריצס הויף.

שיוועק איז דאָך שטענדיק געווען אַ ווילדער. און ס׳קאָן זײַן אַז

שיוועק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן. די בעל עגלהס זאָגן, אַז דער וועטערינאַר, דער שונא ישׂראל, האָט עס געטאָן אומיסטן, נישט פאַרגינען אַ ייִדן אַזאַ פערד. דער בלוי־זויער איז אַרײַן שיוועקן אין אויג. שיוועק האָט זיך אַ ריס געטאָן, די באַלעגאַלעס, וואָס זענען געזעסן אויף זײַן בויך אים צו האַלטן, זענען געפלויגן אין אַלע עקן שטאָל. שיוועק האָט זיך אַ לאָז געטאָן גאַלאָפּ איבערן שטעטל. בערל האָט געפרוווט נאָכצולויפן, דאָס פערד איז געפלויגן פײַל אויס בויגן. פויערים האָבן פאַרשטעלט דעם וועג מיט דרענגער, איז שיוועק אַראָפּ אין פעלד אַרײַן. בערל איז אַלץ געלאָפן נאָך אים. שיוועק איז געפלויגן ווי אַ רוח און פאַרשווונדן פונעם אויג.

* * *

הינטערן שטעטל איז געווען אַ שטייענדיקער טײַך, די „מאָרע". אין דער מיט טײַך איז געווען אַ וואַסער־ווירבל. דער גרעסטער שווימער האָט זיך פון דאָרט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

אַלטע לײַט האָבן דערציילט אַז דאָרט ווו ס'איז היינט דער טײַך, איז אַמאָל געווען נאָר אַ ברונעם. איינמאָל האָט זיך אין אָט דעם ברונעם דערטרונקען אַ פאַרשעמטע כּלה, אַ יתומה, האָט דער ברונעם זיך צעגאָסן. יעדעס יאָר פאָדערט דער טײַך אַ לעבן. אויב עס ווערט אַמאָל דערטרינקען אַ לעבעדיק באַשעפעניש פון זיך אַליין, עס מעג אויך זײַן נישט קיין מענטש, האָט דער טײַך דערמיט שוין אָפּגענומען זײַן קרבן. טאָמער אָבער האָט מען ספּעציעל דערטרונקען אַ קאַץ, אָדער אַ הונט, האָט עס נישט געהאָלפן. דער טײַך האָט אַליין געקליבן זײַנע קרבנות.

דרײַ טעג האָט בערל אַרומגעזוכט שיוועקן און נישט געפונען. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט ער געהערט ווי מע דערציילט מיט שׂמחה אַז דאָס יאָר וועט שוין קיין קרבן נישט זײַן. די „מאָרע" האָט גענומען שיוועקן.

ווען מען האָט שיוועקן אַרויסגעצויגן פונעם וואַסער, איז אים נישט געווען צו דערקענען: געשוואָלן, אָנגעבלאָזן, אַ שרעק צו קוקן. דער היצל איז געקומען וועגן דער פעל. בערל האָט אויף אים אַזאַ קוק געטאָן, אַז יענער איז אין שרעק אָפּגעטרעטן אויף צוריק. בערל האָט געדונגען אַ וואָגן, אַהיימגעבראַכט שיוועקן צו זיך אויפן הויף. און אים באַגראָבן אין שטאָל.

פֿאַרשיט דעם גרוב, איז בערל נאָך לאַנג געשטאַנען אין שטאַל. אין די אויערן האָט אים נאָך געקלונגען שיוועקס פֿריילעך הירזשען. איצט איז די שטאַל ליידיק. ווי לאַנג איז עס ווי שיוועק איז גע־בוירן געוואָרן? אַ קליין קאָשקעלע מיט אַ זיידענער פֿעל. די מאַמע האָט עס געוואַשן מיט איר צונג, שיוועק האָט געזויגן. אַ כאַפּ גע־טאָן די אײַטער, גענאָגט, גענאָגט. אָן אָפּעטיט האָט עס געהאַט אַז דער מאַמעס מילך איז דעם צו ווייניק געווען, און ער, בערל, האָט עס צוגעגעבן מילך פֿון אַ פֿלאַש. ווי נאָר ער האָט אָן עפֿן געטאָן די טיר פֿון שטאַל איז שיוועק אים אָקעגנגעשפּרינגען, אים געלעקט די האַנט. וואָס איז איצט געבליבן? אַ פֿולע קאָריטע מיט אָבריק וואָס שיוועק האָט שוין נישט געקאָנט עסן. שיוועק ליגט שוין אין דר׳ערד. נישטאָ מער שיוועק, נישטאָ...

ס׳איז טונקל געוואָרן אין שטאַל. דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן. בערל איז אַוועק אין בית המדרש דאַוונען מנחה. ער איז געשטאַנען שטיל, אַ פֿאַרפֿינצטערטער בײַם גאַנצן דאַוונען. ווען דער בעל תּפֿילה האָט געענדיקט „עלינו״, האָט בערל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ כליפּ: „יתגדל ויתקדש שמי רבא — — —״

בלאַשקי 1932.

אַן עפּל מיט האָניק

פּינטשע האָט געקוקט אויף אירע דאַרע היפּטן־ביינער, אויף דעם פֿאַרפֿוילטן שטרוי פֿון איר געלעגער און אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען: זי האָט דאָך אַפֿילו נישט געהאַט קיין ייִדישע באָבע, און מוז, נעבעך, אָפּפֿינצטערן אין אַ טונקעלן לאָך אין געטאָ, אָן פֿרישער לופֿט, אָן זון, אָן אַ ביסל פֿריש גראָז. אירע שוועסטער פּאַשען זיך אויף שמעקעדיקע גרינע לאָנקעס, זי שפּייזט מען מיט פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿל־שאָלן און פֿאַרדומפּענע קלייַען.

זי הייסט „מרה" וואָס מיינט ביטער. ס'איז ביטער איר — דער געטאָ־קו וואָס מוז אַפֿילו זומער ליגן אין אַ פֿינצטערן לאָך אויף נאָוואָליפּיע גאַס. ס'איז אויך ביטער איר באַלעבאָס. קי מוזן זייַן רעגיסטרירט בייַ דער מאַכט און צושטעלן אַ קאָנטינגענט מילך, פּוטער און קעז. אַ ציגייַנערישע טענצערין קאָן זיך באַווייַזן אָן אוירינגען, אָבער אַ קו, אַז זי באַווייַזט זיך אָן דעם אוירינג מיטן רעגיסטראַציע־נומער איז אַ סוף צו דער קו און אַ סוף צו איר באַלעבאָס. און אַ מזל האָט נאָך מרה אַז איר מילך, כאָטש ווייַס ווי מילך, רופֿט מען „שוואַרצע" מילך. וואָס די דייַטשן גיבן אויף די באָנעס רופֿט מען „ווייַסער מאַרק", וואָס מע קויפֿט אויסער די באָנעס איז אומלעגאַל און „שוואַרצער מאַרק". דער באַלעבאָס זאָגט אַז מרה מוז עפּעס באַגרייפֿן וועגן איר מיסיע צו געבן מילך פֿאַר געטאָ־קינדער. דייַטשן האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע אין הויז, מרה האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פֿון קאָנספּיראַציע און אַפֿילו קיין מו נישט געטאָן.

נאָר איין חסרון האָט מרהס מילך — מע דאַרף פֿאַר איר באַצאָלן, טאַקע לויט דעם שוואַרצן־מאַרק פּרייַז. פּינטשע באַצאָלט מיט די לעצטע פּאָר זלאָטעס פֿון מינדעלעס גאָלדן זייגערל, און וואָס צו פֿאַרקויפֿן איז שוין באַלד נישט געבליבן.

מינדעלע לערנט זיך זייַן אַ קראַנקן־שוועסטער, ווייסט זי ווי אויסצורעכענען גענוי וויפֿל קאַלאָריעס זייער זונעלע עמוש דאַרף האָבן אַ טאָג, און וויפֿל וויטאַמינען. פֿאַר אַ קינד וואָס וואַקסט,

זאָגט זי, איז עס וויכטיקער ווי פֿאַר אַ דערוואַקסענעם. די געטאָ־מילך איז אָרעם אין וויטאַמינען, מחמת די קו עסט נישט קיין גראָז. דאָס קינד עסט נישט קיין גרינצייג, קיין פּרוכט, ס'איז שוין באַלד נאָכן זומער. נאָך ראש השנה וועט שוין גאָרנישט מעגלעך זײַן צוצוקומען צו אַ פֿרישער פּרי. ער מוז ווידער צוגיין צום „זשיטאָס", אפֿשר וועלן זיי דאָך האָבן אַרבעט פֿאַר אים.

שוין געווען אין „זשיטאָס" און ער גייט אַ היים מיט גאָרנישט. גוט אַז ער האָט געלאָזט אין דער היים די פֿאַר זלאָטעס. ער מוז עס היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ צו באַצאָלן פֿאַר די באָנע־שפּײַז און פֿאַר דער מילך וואָס ער קויפֿט פֿאַר עמושן. אויב ער וואָלט געהאָט בײַ זיך געלט וואָלט ער נישט געקאָנט פֿאַרבײַגיין מיט פֿאַרמאַכטע הענט די אַלע וואָס זיצן הײַנט אין די גאַסן און בעטלען. דער ייִד וואָס זיצט נעבן דעם אַרײַנגאַנג צום באַזאַר מוז זײַן אַ געוועזענער חסיד. ער זיצט אויפֿן טראָטואַר מיט דרײַ ייִנגלעך. זיי שטרעקן נישט אויס די הענט, זיי זינגען נאָר אַלע צוזאַמען אַ געוועזענער „זכרתי לך". די פּאַהלעך ציטערן אין ווינט, די טונקעלע אויגן שוואַרצן אַרויס פֿון די אויסגעדאַרטע פּנימלעך, מיט פֿרומקייט און מיט געבעט.

דער „זשיטאָס" האָט פֿאַר אים דערווײַל נישט געהאַט קיין אַרבעט. וואָס וועט זײַן ווען ער וועט שוין נישט האָבן וואָס צו פֿאַרקויפֿן, וועט ער האָבן כּוח זיך אָוועקצוזעצן אין גאַס בעטלען אויף אַ ביסל מילך פֿאַר זײַן קינד? זאָל דער איבערשטער אים באַשירעמען פֿון דעם, אין זכות פֿון דער צדקה וואָס איז אין זײַן פֿאָטערס הויז תמיד געגעבן געוואָרן ביד רחבה.

„זכרתי לך חסד נעוריך", כ'געדענק דיר די גענאָד פֿון דײַן יוגנט, איז ווי אַן ענטפֿער אים נאָכגעגאַנגען דאָס געזאַנג פֿון דעם חסיד מיט זײַנע קינדער.

פּינטשע איז געגאַנגען דורך דעם באַזאַר וואָס פֿירט פֿון לעשנאָ צו נאַוואָליפּיע. געשרייען פֿון הענדלערס האָבן זיך אויסגעמישט מיט געזאַנג פֿון בעטלערס. אַ ייִד האָט חזניש געזונגען: „העלף אונדז אין זכות פֿון אונדזערע אבות". אַ הענדלער האָט געחוזקט פֿון זײַן אייגענער סחורה: „אין זכות פֿון אונדזערע טאַטעס, קויפֿט ייִדן שיך מיט שפּאָגל־נײַע לאַטעס." אַ ייִדענע האָט אויסגערופֿן איר סחורה אויף פּויליש און אויף ייִדיש: „שוויעזשע קאַרטאָפֿ־

לאַנקי, נײַע קאַרטאָפֿליעס". אַ בלעכער האָט צוגעלייט און פֿאַרלאַטעט געלעכערטע טעפּ, פֿאַרריכט אַלטע רערן צו אַן אײַזערן אייוועלע. אַ בלינדער בעטלער האָט געזונגען „כ׳וויל נאָך איין מאָל זען מײַן היים". נעבן אים איז געשטאַנען אַ לאַנגער, דאַרער ייִד. ער האָט נישט גערופֿן, נישט געזונגען. צו זײַן ברוסט איז געווען צוגעשפּילעט זײַנס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע וואָס האָט אים געוויזן מיט פֿולע באַקן, אַ פֿעטן בויך, אָנגעטאָן אין רײַכע מלבושים. אַלטע צײַטונגען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, אויף די צײַטונגען — ביכער. פּינטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן צי עס קויפֿט נאָך עמעץ ביכער ווען אויף קײַן ברויט איז נישטאָ. אַ ייִדענע איז געשטאַנען נעבן אַ טאָפּ וואָס האָט געפּאַרעט, זי האָט גערופֿן: „הייסע פּאָנטשקעס, לאַכטיקע פּאָנטשקעס"; זי האָט פֿאַרקויפֿט קײַלעכלעך געמאַכט פֿון קאַרטאָפֿל־שאָלן מיט אַ ביסל קלײַען. „דו זעסט, מרה," האָט פּינטשע אין געדאַנק זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דער געטאָ־קו, „אונדזערע פּאָנטשקעס זענען נישט בעסער ווי דײַנע מאכלים." דערנעבן איז געשטאַנען אַ בדחן און געפּלאַכטן אַקטועלע גראַמען:

„פֿאַר די אָ פּאָנטשקעס
זאָלן דעם ׳אותו האיש׳ אָפּדאַרן די ראָנטשקעס" (הענט)

און באַלד איבערגעגאַנגען צו זײַן ערבֿ־יומטובֿדיקן רעפּערטואַר:

אוי, בראש השנה יכּתבין,
דעם רשעס צרות זאָלן וואַקסן ווי אויף הייוון,
וביום צום כּיפּור יחתמין,
„מיר זאָלן בקרובֿ צוריק קומען צו אונדזערע היימען."

פּינטשע איז געבליבן שטיין פֿאַרחידושט. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ פֿרוי וואָס האָט אויסגערופֿן איר סחורה אויף אַ מאָדנעם אופֿן. אַז אַ הענדלערקע אין געטאָ האָט פֿאַרקויפֿט פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿל, האָט זי גערופֿן: „פּאָמעראַנצן, אַנאַנאַסן". אַ שטיק לײמיק שוואַרץ ברויט האָט מען גערופֿן: „אַ שטיק לעקאַך, אַ שטיק טאָרט". פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ פֿרוי וואָס האָט גערופֿן: „עפּל אויף יום טובֿ" און טאַקע פֿאַרקויפֿט עפּל. זי האָט געהאַלטן אַן עפּל אין האַנט, אין איר קויש זענען געלעגן נאָך צוויי עפּל. אַ גרויסער קויש. אַוודאי געהאַט מער, שוין פֿאַרקויפֿט.

אײַ, רבונו של עולם, אויב ער וואָלט באַקומען אַרבעט. פֿאַר דעם ערשטן געלט וואָלט ער געקויפֿט פֿאַר עמושן אַן עפּל. מען האָט אים געזאָגט אַז ער וועט באַקומען אַרבעט אין דרײַ חדשים אַרום. אין דרײַ חדשים אַרום וועט שוין זײַן ווינטער, עס וועט שוין קיין צייכן נישט זײַן פֿון די עפּל און ער וועט דאַרפֿן קויפֿן קוילן אײַנצוהייצן דעם אויוון.

פּינטשע איז שוין געווען אויף נאָוואָליפּיע גאַס, און איז צוריק אַרײַן אין באַזאַר.

„וויפֿל קאָסט אַן עפּל?"

„אַ פֿינפֿערל."

„פֿינף זלאָטעס?"

„פֿינף זלאָטעס."

„פֿאַר איין עפּל, אָדער פֿאַר אַלע דרײַ?"

„יונגערמאַן, איר זענט אַ קונה, אָדער אַ..."

„די שענצטע האָט איר שוין פֿאַרקויפֿט, דרײַ קליינע..."

„די עפּל זענען קליין? זאָלן דעם 'היטלמאַכער' (היטלערן) וואַקסן אַזעלכע געשווירן אויף דער לעבער. די עפּל זענען אַכט זלאָטעס אַ שטיק, נאָר כ'דאַרף שוין גיין אָפּוואַרטן מײַן סטאַשקען בײַ דער 'מויער'. ס'אַ מציאה."

„פֿינף זלאָטעס פֿאַר אַזעלכע עפּעלעך," האָט פּינטשע זיך ווײַ־טער געדונגען.

„פּאַניע, פֿינף זלאָטעלעך פֿאַר די עפּעלעך איז אַ גרויסע מציאה". די פֿרוי האָט צעשפּרייט די הענט צו ווײַזן ווי גרויס מציאה דאָס איז. „די עפּעלעך וואַקסן נישט אין דער יידישער גמינע און מע גיט זיי נישט אויף די באַנעס. די עפּעלעך וואַקסן אויף אַרישע ביימער און מײַן סטאַשעק שטעלט אײַן דאָס לעבן זיי צו שמוגלען איבער דער מויער. אַזוי גרויס ווי דער עפּל איז, אַזאַ גרויס שטיק האַרץ קאָסט ער מיך. איר גיט אַ פֿינפֿערל? אַ ליי־מיק באַנע־ברויט קאָסט צען זלאָטעס, איז אַ שמעקעדיקער עפּל לכּבֿוד ראש השנה נישט ווערט אַ פֿינפֿערל?"

פּינטשע האָט נישט געענטפֿערט.

„אַ סוף אַן עק זאָל עס נעמען," האָט די פֿרוי אויסגעשטרעקט צו אים אַלע דרײַ עפּל. „אַלע דרײַ עפּעלעך געב'אַך פֿאַר פֿערצן זלאָטעס."

אַ באַנע־ברויט קאָסט צען זלאָטעס. מיינט עס אַז פֿאַר אַ האַלב

ברויט קאָן ער באַקומען אַן עפּל, האָט פּינטשע גערעכנט. „איר וועט אויסבײַטן אַ האַלב ברויט פֿאַר אַן עפּל?‟ האָט פּינטשע גע־פֿרעגט.

„גוט, גיט אַהער דאָס ברויט.‟

„נישט איצט. כ׳וועל ברענגען.‟

„אַ סוף, שנעלער, כ׳וועל לאַנג דאָ נישט שטיין.‟

„נישט הײַנט. כ׳וועל אָנזאַמלען.‟

„זעטץ נאָר דעם כעלעמער סוחר. האָט נישט קיין געלט, האָט נישט קיין ברויט, און דינגט זיך.‟

„ביז פֿרײַטיק קאָן איך אָנזאַמלען אַ האַלב ברויט. איר׳ט דאָ זײַן פֿרײַטיק? אַ האַלב ברויט פֿון דער פֿרײַטיקדיקער באַנע.‟

„אַז דער אייבערשטער ׳עט העלפֿן ׳עלאָך דאָ זײַן מאָרגן און איבערמאָרגן און דאָנערשטיק און פֿראַטיק. מײַן סטאַשעק, מײַן שלומל, זאָל ער נאָר קומען בשלום. צי כ׳על האָבן עפּל ווײַסאָך עפּעס? ס׳איז שמוגל. וואָס עס טרעפֿט זאָך קויפֿט ער, וואָס ער ברענגט פֿאַרקויף יאָך.‟

פּינטשע האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן. בײַ טאָג עסט מען אַ זופּ. אין אָוונט — ברויט. ער האָט נאָך זײַן הײַנטיק חלק ברויט, ער וועט עסן נאָר אַ העלפֿט דערפֿון און באַהאַלטן די רעשט אויף דינסטיק. אַזוי יעדן טאָג, ביז פֿרײַטיק וועט ער אָפּשפּאָרן אַ האַלב ברויט און עס אויסבײַטן אויף אַן עפּל פֿאַר עמושן. מינדעלע טאָר גאָר נישט וויסן, אַנישט וועט זי וועלן געבן איר ברויט, זי איז אַזאַ אײדעלע, זינט די קימפּעט נישט געקומען צו די כוחות. ער וועט שפּאָרן נאָר פֿון זײַן חלק ברויט און עס באַהאַלטן, מינדעלע זאָל נישט וויסן.

שלינגען שפּייעכץ ווען מען ווייסט אַז אונטער אַ ליידיק טעפּל ליגט באַהאַלטן ברויט, זײַן אייגענע פּאָרציע ברויט, איז נישט לײַכט. מיטוואָך איז עס שוין נישט געווען אַזוי שווער. וואָס מיינט לײַכט? מיטוואָך האָט ער געגעסן דאָס אָפּגעשפּאָרטע פֿון מאָנטיק, מינ־דעלען געזאָגט אַז מ׳האָט געטיילט נעכטיק ברויט, און איר געגעבן דאָס אָפּגעשפּאָרטע פֿון דינסטיק, און ער האָט אַרונטערגעלייגט אונטערן טעפּל אַ פֿריש פּערטל ברויט, מער ווי אַ פֿערטל — אַרום דרײַ צענטל פֿון אַ פֿריש ברויט. געשמעקט האָט אַרום דעם טעפּל נישט פֿון ברויט, נאָר דאַכט זיך, גאָר פֿון סאָד, אַ ריח פֿון פֿרישע צייטיקע עפּל. ווען ער האָט מיטוואָך באַהאַלטן דאָס ברויט

האָט אים שוין נישט געוואָסערט אין מויל און נישט געקנייפּט „אונטערן לעפֿעלע". נאָר אַ שוויס האָט אַרויסגעשלאָגן אויפֿן שטערן, עלעהיי ער וואָלט געהאַרעוועט ביים פֿאַרפֿלאַנצן אַן עפּלבוים...

דאָנערשטיק איז פּינטשע ווידער געגאַנגען צום באַזאַר זען צי זיין הענדלערקע איז דאָ. זי איז געשטאַנען אויפֿן זעלביקן אָרט, זי האָט גאָר פֿאַרקויפֿט אַרבעס. אַרבעס איז אַ געזונטער מאכל, ס'האָט וויטאַמינען, פּראָטעינען, אָבער ער וויל פֿאַר זיין עמושן אַן עפּל. ער פֿאַסט האַלבע תּעניתים, פּירט אַ גאַנצע קאָנספּיראַציע קעגן מינדעלען נישט צוליב אַרבעס, ער וויל פֿאַר זיין עמושל אַן עפּל, אַ גאַנצן עפּל.

„איר וועט מאָרגן האָבן עפּל?" האָט ער געפֿרעגט די הענדלערקע.

„אָ, מיין כּלעמער סוחר. אפֿשר 'על יאָך גאָר האָבן אַ ברילַיאַנט פֿון צען קאַראַט, צען קליינע קאַראַטלעך, וועל יאָך עס ענק געבן פֿאַר אַ האַלב ברייטעלע."

„כ'בעט איבער די פּאַני, כ'האָב שוין כּמעט אַ האַלב ברויט, מאָרגן גיט מען פֿריש ברויט... איר וועט האָבן עפּל?"

„זאָל דער פּאַן נישט האַקן קיין טשייניק. אַז דער פּאַן וועט ברענגען ס'ברויט און יאָכ'ל האָבן עפּל, עמ'אָר רעדן..."

„זאָל אייער סטאַשעק זוכן עפּל. ס'איז זייער וויכטיק — פֿאַר מיר."

„דער פּאַן קען מיין סטאַשעקן?"

„ס'איז פֿאַר מיין קינד, אַ קראַנק קינד, כ'שפּאַר ברויט פֿון מאָנטיק אָן. זאָל די פּאַני זאָגן סטאַשעקן ער זאָל ברענגען כאָטש איין עפּל."

„גוט, גוט, כ'על זאָגן", האָט די פֿאַרקויפֿערקע צוגעזאָגט, זיך אָפּצוטשעפּען פֿון אים.

דאָנערשטיק ביי נאַכט האָט פּינטשע איינגעשלעפּט עמושן מיט אַ מעשׂהלע וועגן אַ סאָד. ס'איז נישט געווען קיין וווּנדער־מעשׂהלע. פּינטשע האָט נאָר דערציילט וועגן דעם ווונדער פֿון ברייטע פֿעלדער ווו עס וואַקסן גאָלדענע זאַנגען מיט קערנער צו מאַכן ברויט, און גרינע סעדער ווו עס וואַקסן ביימער, אַ סך ביימער, מיט צווייגן געשטרעקט צו דער זון. קומט פֿרילינג ברעכן אַרויס פֿון די צווייגן גרינע בלעטלעך, קנאָספּן מיט בליטן, אַזעלכע קליינע בלימעלעך. די בלעטלעך פֿון די בלימעלעך פֿאַלן אַראָפּ און אַנטפּלעקן

אַ פּיצינקעלע גרין פּרילע, אַ קליינטשיק עפּעלע, אָדער באַרנעלע און דאָס פּרילע וואַקסט פּונקט ווי אַ קינד. וואַקסט און וואַקסט און טרינקט זיך אָן מיט זון פֿון הימל און מיט זאַפֿטן פֿון דער ערד ביז — —

עמוש איז נישט איינגעשלאָפֿן, ער איז גאָר געוואָרן נאָך מער וואַך; פּינטשע האָט געמוזט מיט אַ בלייער אויסמאָלן פֿאַר אים אַן עפּלבוים, אַן עפּל. ער האָט געשילדערט פֿאַר דעם קינד ווי מע בייסט אַריין אין אַן עפּל. די ציין שניידן איבער די שאָל, דער ריח טראָגט זיך צו די נאָזלעכער, דער זאַפֿט פֿליסט צום גומען. אונ־טער דער שאָלעכץ איז דאָס פֿלייש פֿון דעם עפּל ווייך און ווייניק און פֿריש און שמעקעוודיק. זון און זאַפֿטן פֿון אַ גאַנצן פֿרילינג און אַ האַלבן זומער זענען אָנגעזאַמלט און אויפֿגעהיטן אין דעם עפּל. אַז דייַן צאָן בייסט אַריין, איז ווי אַ קוואַל פֿון מחייהדיקע זאַפֿטן וואָלט זיך צעשפּראָדלט גלייך דיר אין מויל אַריין.

מינדעלע האָט שפּעטער אויפֿן געלעגער געהאַט תּרעומות וואָס פּינטשע האָט אַזוי צעשפּילט דעם קינדס פֿאַנטאַזיע, אויפֿגעבלאָזן אַ חשק צו עפּעס וואָס זיי קאָנען אים נישט געבן. פּינטשע האָט גאָרנישט געענטפֿערט. אין דער פֿינצטער האָט מינדעלע נישט געז־זען ווי טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן. ער האָט זיך אויסגעמאָלן עמושלס און מינדעלעס גרויסע אויפֿגעריסענע אויגן, מאָרגן, ווען ער וועט ברענגען דעם עפּל.

צומאָרגנס האָט די הענדלערקע טאַקע געהאַט עפּל. פּינטשע האָט זיך געדונגען. ער וויל דעם גרעסערן, דעם עפּל מיט דעם ראָזן פּנים. ער האָט אַ ביסל מער ווי אַ האַלב ברויט. מע קאָן זאָגן כּמעט דריי פֿינפֿטלעך פֿון אַ ברויט.

דעם גרויסן עפּל האָט די הענדלערקע נישט געוואָלט געבן. מען האָט נעכטן געשאָסן אויף דער שמוגל־מעטאַ. זי וועט סטאַ־שעקן מאָרגן נישט לאָזן גיין איבער דער „מויער", דעם גרויסן עפּל וועט זי פֿאַרקויפֿן פֿאַר מזומן און פֿאַר אַ גוטן פּרייז.

דער עפּל וואָס די הענדלערקע איז גרייט געווען צו געבן איז נישט געווען קיין גרויסער, אָבער איין בעקל איז געווען רויט ווי אַ שׂמחת־תּורה עפּעלע, און דאָס שטענגל האָט נאָך געהאַט אַ בלעטל. פֿאַר עמושן וועט דאָס זיין גאָר אַ וווּנדער. „דאָס צוויי־טע מאָל וועט איר מיר דאַרפֿן געבן אַ גרעסערן עפּל, כ'גיב אייך

מער ווי אַ האַלב ברויט, גיט אַ קוק, ס'איז מינדעסטנס דרײַ פֿינפֿט־לעך פֿון אַ — —"

„כאַפּטץ אים, געוואַלד, מענטשן, כאַפּטץ אים!" דאָס האָט די ענדלערקע געשריגן. פֿינטשע איז געבליבן שטיין ווי פֿאַר־פֿרוירן. ער איז צוגעלאָפֿן ערשט ווען עטלעכע ענדלער האָבן שוין געהאַלטן דעם „כאַפּער" בײַ בײדע אָרעמס. דער כאַפּער האָט זיך אַפֿילו נישט פּרובירט אַרויסרײַסן, נישט געוועהרט זיך קעגן די קלעפּ. זײַנע קינען האָבן אין געצײַל געמאַלן דעם לעצטן ביסן פֿון פֿינטשעס ברויט.

„רופֿט פּאָליציי," האָט אַ ענדלער געשריגן, „האַקט אים אונ־טער אַ זײַט!" האָט געשריגן די ענדלערקע, „זאָל'ער גיין שמוג־לען ווי אַנדערע. מײַן סטאַשעק שטעלט אײַן דאָס לעבן אויף דער מויער, און ער קומט צום גרייטן און כאַפּט. אַ נײַע פּלאָג אויפֿן געטאָ: כאַפּערס."

די בעטלערס האָבן ווײַטער געזונגען זייערע בעטל־געזאַנגען, די ענדלערס האָבן ווײַטער אויסגערופֿן זייערע סחורות, אין דער ענדלערקעס קוישל איז צוריק געלעגן דער עפּל מיטן רויטן בעקל און מיט אַ בלעטל בײַם שטענגל, און פֿינטשע האָט אויף ליימענע פֿיס געטראָגן ליידיקע הענט און אַ ליידיקן בויך. אין די געדערעם האָט געקראַמפּט אַ ליידיקייט די גרויס פֿון דריי — כמעט דרײַ פֿינפֿטלעך פֿון אַ ברויט.

* * *

זינט דאָנערשטיק אָוונט האָט עמוש נישט אויפֿגעהערט פֿרעגן וועגן עפּל. צי דער טאַטעשי האָט אַ מאָל געזען אַן עפּל, צי ער האָט אַליין מיט זײַן אייגן מויל אַ מאָל אַרײַנגעביסן אין אַן עפּל, צי דעם עפּל טוט ווי ווען מע בײַסט אים... יעדן טאָג אַזוי, אַלע מאָל נייע פֿראַגעס וועגן אַן עפּל. מינדעלע האָט געקוקט אויף פֿינטשען מיט פֿאָרוווּרף.

עטלעכע טעג קאָן מען אויסהאַלטן נאָר מיט אַ זופּ, האָט פֿינ־טשע באַשלאָסן. ער האָט נישט קיין כּוח עס אויסצוצײַען אַ גאַנצע וואָך. ער האָט נישט קיין כּוח צו פֿינף האַלבע תּעניתים. ער וועט דרײַ טעג אין גאַנצן נישט עסן קיין ברויט און שוין מאָנטיק האָבן אַ האַלב ברויט אויסצובײַטן אויף אַן עפּל.

* * *

מינדעלע האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ער האָט יעדן טאָג אַראָפּ־געגנבֿעט אַ שטיקל ברויט אויך פֿון איר חלק. נאָר אַ דינטשיק פּע־ניצל, זי האָט האָט נישט געקאָנט דערקענען. אָט איז שוין מאָג־טיק. אַ מענטש ווי ער, קאָן זיך אפשר אָפּגעוווינען פֿון עסן? שוין דער אַכטער טאָג ווי ער עסט נישט קיין סך מער ווי אַ ביסל מאָגערע קאַרטאָפּל־זופּ. ער מוז עס אַ מאָל דערציילן בערעקן. דער בערעק האָט אים אַ מאָל געזאָגט אַז ווען אַ מענטש איז הונגעריק, איז ער גרייט צו ראַבעווען, אַרויסרײַסן דעם ביסן פֿון עמעצנס מויל כּדי אָנצופּילן זײַן קישקע. נאָך דער מלחמה, אין פֿריידן, מוז ער דער־ציילן בערעקן ווי ער האָט געהונגערט און נישט געראַבעוועט. גע־האָט ברויט, זײַן אייגן חלק ברויט, באַהאַלטן עס אונטער אַ טעפּל און געהאַט כּוח עס נישט אָנצורירן. ניין, אַ מענשט איז אַ מענטש און נישט קיין חיה, ווי בערעק מיינט. נישט יעדער אין געטאָ איז אַ כאַפּער.

דעם מאָנטיק איז דאָס ברויט אָנגעקומען שפּעטער ווי אַלע מאָל. פּינטשע איז געשטאַנען אין דער ריי צום געוועלב. ס'איז געווען אַ הייסער טאָג. דער שאָטן איז געווען אויף דער אַנדע־רער זײַט גאַס. די זון האָט געבראָטן, די ציגלענע וואַנט האָט גע־שלאָגן מיט היץ, פּינטשע האָט נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער ריי. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פֿון זײַן קאָפּ, געריזלט איבערן פּנים, געביסן אונטער די מלבושים. די פֿיס זענען פֿאַרשטײַפֿט געוואָרן. פּינטשע האָט זיך איבערגעשטעלט פֿון איין פֿוס אויפֿן אַנדערן און נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער ריי. עס טרעפֿט עס פֿעלט אויס ברויט און די לעצטע אין דער ריי דאַרפֿן וואַרטן ביז אַן אַנדערער ברויט־פֿאַטיילונג. ער קאָן נישט וואַרטן.

געכאַפּט דאָס האַלבע ברייטל, פֿאַרשטעקט עס איז בוזעם, פֿאַר־דעקט דעם בוזעם מיט ביידע הענט און געלאָפֿן צום באַזאַר. „איר האָט עפּל?" האָט ער גערופֿן צו דער הענדלערקע נאָך פֿון ווײַטנס.

זי האָט געהאַט עפּל, אָבער שוין פֿאַרקויפֿט. אַלע פֿאַרקויפֿט. זי האָט נאָך בוריקעס, אויב ער וויל.

ניין, ער מוז האָבן אַן עפּל. וואָס טוט מען איצט? אַ „כאַ־פּער" קאָן ווידער אַרויפֿפֿאַלן אויף אים, מינדעלע קאָן געפֿינען

דאָס ברויט, ער אַליין קאָן אַ מאָל שוואַך ווערן. אָבער וואָס קאָן ער טאָן אַז זי האָט מער נישט קיין עפּל.

„נעמט דאָס ברויט, איר׳ט מיר מאָרגן געבן אַן עפּל. נעמט, כ׳בעט אײַך, כ׳געטרוי אײַך.״

„קומטץ אַ זייגער אַכט צו מיר אַהיים, סטאַשעק וועט אפֿשר הײַנט ווידער ברענגען עפּל. אַרום אַכט קומט ער צוריק פֿון יענער זייט.״

די הענדלערקע האָט אים ווײַזט אויס געוואָלט באַלויגען פֿאַר זײַן צוטרוי, זי האָט אים געגעבן אַ גרויסן שיינעם עפּל.

פּינטשע איז געלאָפֿן אַהיים. די פֿיס זענען אָפּגעשטאַנען, דער אָטעם האָט זיך פֿאַרהאַקט; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מינוט און ווידער געלאָפֿן. אויף די טרעפּ צו זײַן שטוב האָט ער שוין נישט געקאָנט לויפֿן, קוים זיך אַרויפֿגעשלעפּט צו זײַן דירה. די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן. אַהאַ, מינדעלע איז געגאַנגען קויפֿן מילך. אַז מע שטייט נישט בײַ דער מעלק, ווערט די מאָגערע געטאָ־מילך מער וואַסערדיק ווי מילכיק.

פּינטשע האָט געוואַשן דעם עפּל בײַם קראַן. ער וועט נישט אָפּשיילן אַזאַ שיינעם עפּל. ער האָט געווישט און געפּוצט דעם עפּל מיט אַ האַנטעך. אַזאַ שיינקייט פֿון אַן עפּל. ער האָט געשמעקט צום עפּל, ניין, קיין ריח פֿילט מען נישט. ער האָט אפֿשר צו פֿיל געוואַשן דעם עפּל, אַוועקגעוואַשן דעם ריח, אַ שאָד. אפֿשר גאָר באַהאַלטן דעם עפּל ביז מאָרגן, אַן עפּל מיט האָניק לכּבֿוד ראש השנה? ער וועט דען קאָנען אויסהאַלטן ביז מאָרגן?

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, פּינטשע האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. זאָל עס זײַן נאָך מער איבערראַש. מינדעלע וועט ליכטיק מאַכן און פּלוצעם דערזען אים, און ער וועט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט האַלטן דעם עפּל.

פֿאַר וואָס קומען זיי נישט, שוין באַדאַרפֿט זײַן צוריק. נאָך אַ שעה און מען וועט שוין נישט טאָרן גיין אין גאַס.

נישט באַדאַרפֿט אַזוי לויפֿן, אַזוי אויסגעמידט זיך און די כּוחות קומען גאָר נישט צוריק. ניין, ער וועט נישט האַלטן דעם עפּל אין אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער וועט האַלטן די האַנט הינטער זיך און הייסן עמושן טרעפֿן וואָס ער האָט אין דער האַנט. עמוש וועט אויסרעכענען אַזוי פֿיל זאַכן, מינדעלע וועט אים העלפֿן

טרעפֿן, אָבער ס׳וועט זיי בײדע נישט אײַנפֿאַלן אַז ער האָט אַן עפּל.
אַז זיי וועלן שוין מער נישט פּרובירן טרעפֿן, וועט ער — —

דרויסן איז ערשט בין השמשות, אין זײַנע פֿענצטער וואָס גייען אַרויס צו אַ מויער איז שוין אין גאַנצן טונקל. ער קאָן שוין נישט זען די קאָלירן פֿון דעם עפּל. ער קאָן אים נאָר באַטאַפּן, באַשמעקן, אויב ר׳וואָלט געהאַט אַ ריח. אַזאַ שיינער עפּל דאַרף שמעקן. אפֿשר — — יאָ, ער וועט אויסרייסן דאָס שטענגל וועט מען גיכער דערשמעקן דעם ריח פֿון עפּל. ער אַליין דאַרף דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט אַ גוטן שמעק צום עפּל.

טאַקע יאָ. דורך דעם לעכל פֿון דעם אויסגעריסענעם שטענגל שמעקט אַרויס אַזאַ מחייהדיקער עפּל־ריח אַז די אויגן גייען אַזש איבער. דאָס שטענגל קאָן ער אויסנאַגן. דאָס שטענגל איז נישט פֿאַר אַ קינדיש מעגעלע. דאָס שטענגל — — דאָס שטענגל איז האַרט, שטרויִק און ביטער. נאָר אויפֿן סאַמע שפּיץ אַ קאַפּעלע עפּל־טעם. ניין, ס׳האָט אים נישט דערכאַפּט דאָס האַרץ. ער שלינגט אַראָפּ אַ פֿול מויל מיט סלינע און אין האַלדז ברענט גאָר אַ טרו־קעניש ביז אַראָפּ הינטערן לעפֿעלע. נישט באַדאַרפֿט אַזוי לויפֿן. איז שוין טאַקע אַזוי פֿינצטער, אָדער — — עס איז אים נישט גוט. מינדעלע, עמוש — — אַזאַ סורפּריז גאָר? ער זינקט מיטן בענקל צוזאַמען אין דער פּאָדלאָגע אַרײַן.

פֿינטשע האָט אַרײַנגעגעביסן אין עפּל נאָר מיט איין צאָן, נאָר אַ טראָפּן זאַפֿט זאָל זיך צעגיין איבערן מויל, איין איינציקער טראָפּן, נאָר די כּוחות צו דערהאַלטן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿינטשע האָט געהערט מינדעלען און עמושן קומען. איצט וואָלט ער טאַקע געוואָלט איינזינקען אין דער פּאָדלאָגע צוזאַמען מיטן בענקל. פֿונעם עפּל איז געבליבן נאָר אַ שטיק וועגטל פֿון דעם עפּלס ׳האַרץ׳, ער האָט געריבן מיט די ציין און עס האָט זיך נישט געלאָזט צעקײַען, ווי דאָס בלוט פֿון דערמאָרדעטן נביא האָט זיך נישט געלאָזט צודעקן. ער האָט עס פּרובירט אַראָפּשלינ־גען איז עס געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט געהוסט, געניסט, די אויגן האָבן געטרערט. מינדעלע האָט אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע, געגעבן צו טרינקען און עס האָט אַלץ געשטיקט אין דעם האַלדז ווי אַ דאָרן.

* * *

פינטשע האָט אויסגעמיטן צו קוקן מינדעלען אין די אויגן אַרײַן, זי האָט אויך אויסגעמיטן צו קוקן אויף אים. פינטשע האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס ס'איז געשען. האָט זי גע־ ווּוסט אַז ער האָט עטלעכע טעג געגנבֿעט פֿון איר חלק ברויט? אוודאי האָט זי געוווּסט! און ער קאָן דאָך איר אַפֿילו נישט אויס־ זאָגן צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן. ער האָט דאָך אויפֿגעפֿרעסן דעם עפּל.

עמוש האָט נאָך אַלץ געוואָלט רעדן וועגן סעדער און וועגן עפּל: „טאַטעשי, ווי גרויס איז אַן עפּל?"

„ווי אַ פֿויסט."

„מײַן פֿויסט, צי דײַן פֿויסט?"

„ווי מײַן פֿויסט, ווי דײַן פֿויסט, פֿאַרשידן, און לאָז מיך שוין צורו", איז פינטשע געוואָרן אומגעדולדיק.

אָבער עמוש איז נישט מיד געוואָרן פֿרעגן: „אַז די מילחמה וועט זיך ענדיקן וועסטו מיר קויפֿן אַן עפּל?"

„כ'וועל דיר קויפֿן."

„ווי דײַן פֿויסט?"

„פֿאַר דיר אַליין אַזאַ גרויסן עפּל?" האָט מינדעלע זיך אָנ־ גערופֿן און פינטשען האָט זיך געדאַכט אַז די פֿראַגע איז געווענדט צו אים.

„פֿאַר מיר אַליין ווי דײַן פֿויסט," האָט עמוש נישט אָפּגעלאָזט.

„ריבונו של עולם, אפֿשר וועסטו שוין אויפֿהערן נודיען", האָט פינטשע אַ געשריי געטאָן. „דער קאָפּ טוט מיר שוין וויי."

עמוש האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ער איז נישט געוווינט געווען דער טאַטע זאָל אויף אים שרײַען מיט אַזאַ כּעס.

פינטשע איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר.

* * *

פינטשע איז אַרײַנגעפֿאַלן צו בערעקן אין הויז. בערעק איז נישט געווען אין דער היים. פינטשע האָט געוואַרט און געוואַרט. מאַניע האָט זיך געפּאַרעט מיט איר קינד וואָס האָט זיך איבער־ געוועקט פֿון נאָך מיטיק שלאָף. פינטשע איז פּלוצעם צוגעלאָפֿן צו מאַניען. „גיב מיר אַכט זלאָטעס. אַ הלוואה, אַ נדבֿה, וואָס דו ווילסט,

כ׳מוז קויפֿן אַן עפּל אויף ראש השנה. דו ווייסט דאָך, ראש השנה עסט מען אַן עפּל מיט האָניק.״

„און האָניק האָסטו שוין?״ האָט מאַניע געפֿרעגט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן געהויקערטן גוף; פֿון זײַן פֿאַרשוויצטן שטערן ביז די וואַקלדיקע פֿיס — איין שטיק פּײַן. זי האָט אים דערלאַנגט צען זלאָטעס.

„אַ שיינעם דאַנק,״ האָט פּינטשע געזאָגט, ווען ער איז שוין געווען אויף דער שוועל. ער איז געלאָפֿן ווי דאָס צענערל וואָלט געבריט אין זײַן האַנט.

די הענדלערקע איז נאָך געשטאַנען אויף איר אָרט אין באַזאַר, זי האָט נאָך געהאַט צוויי גרויסע עפּל. זי האָט זיך געאײַלט אַהיים צו גיין איידער עס ווערט יום טובֿ. זי האָט ביידע עפּל געגעבן פּינטשען פֿאַר די צען זלאָטעס.

פּינטשע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין שטוב, צוגעלאָפֿן צו עמושן און אים דערלאַנגט אַן עפּל. מינדעלע האָט גראָד אויסגעפּרעסט דעם קינדס אַ פּאָר הייזלעך. זי האָט אַ קוק געטאָן און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום פּרעס־אײַזן.

„ס׳איז אַ ריכטיקער, אַן אמתער עפּל?״ האָט עמוש זיך נישט צוגעגלייבט.

„בײַס אײַן וועסטו זען.״

„און דאָס איז פֿאַר דיר,״ האָט פּינטשע אַוועקגעלייגט דעם צווייטן עפּל נעבן מינדעלען, „לכּבֿוד דעם נײַעם יאָר.״

מינדעלע האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פֿון דעם פּרעס־אײַזן.

„אַן עפּל פֿאַר דיר, אויף אַ שהחיינו לכּבֿוד ראש השנה,״ האָט פּינטשע געזאָגט.

„איך קאָן זיך באַגיין. דו ביסט דאָך געוווינט צו עסן עפּל...״

פּינטשע איז געבליבן שטיין אַן לשון.

„כ׳ווייס מיט וואָס האָסט זיך נעכטן געקרעקט. כ׳האָב הײַנט אין דער פֿרי געפֿונען קערעלעך.״

„נאַ, טאַטעשי,״ האָט עמוש געוואָלט טיילן זײַן עפּל מיטן פֿאָ־טער, אַבי ער זאָל אויפֿהערן וויינען. פּינטשע האָט נישט געקאָנט צוימען דאָס שלוכצן. עמוש האָט זיך אויך צעוויינט. מינדעלע האָט נישט אויפֿגעהערט פּרעסן די זעלביקע פּאָר הייזלעך. די נאַכט פֿון

יום טובֿ איז צוגעפֿאַלן. די זילבערנע לײַכטער זענען שוין געווען פֿאַרקויפֿט. מעשענע לייכטערלעך און צוויי ליכטלעך האָט מינדעלע יאָ געהאַט אָנגעגרייט. קיין האָניק איז נישט געווען. אָן עפּל איז יאָ געווען, אָבער מינדעלע האָט ווייטער געפּרעסט די הויזן.

פּינטשע איז צוריקגעקומען פֿון גאַס אין דער לעצטער מינוט פֿאַר דער פּאָליציי־שעה. דער צווייטער עפּל איז נאָך אַלץ געלעגן ווו פּינטשע האָט אים געהאַט אָוועקגעלייגט. דאָס קינד איז נאָך נישט געשלאָפֿן.

„ווילסט נאָך אַן עפּל ?" האָט פּינטשע געפֿרעגט עמושן.

„כ'וויל נישט."

„האָב נישט קיין מורא, כ'וועל מער נישט וויינען," האָט פּינטשע געזאָגט און אײַנגערעדט דעם קינד צו עסן דעם עפּל.

פּינטשע און מינדעלע האָבן נישט אַרויסגערעדט צו זיך אַ וואָרט אַפֿילו אין בעט. דאָס קינד האָט זיך איבערגעוועקט אין מיטן־נאַכט מיט אַ בויך־ווייטיק. פּינטשען האָט זיך געדאַכט אַז מינדעלע קוקט אויף אים מיט שינאה. ווען דאָס קינד איז צוריק אײַנגעשלאָפֿן האָט פּינטשע זיך אָוועקגעזעצט בײַם אָפֿענעם פֿענצטער און אײַנגעדרימלט אין בענקל.

מינדעלע איז נאָך געשלאָפֿן ווען פּינטשע האָט זיך איבערגעוועקט. דער פֿרימאָרגן האָט אַרײַנגעשטופּט שפּאַרעס ליכט דורך דעם שוואַרצן פּאַפּיר־ראָלעט. נאָר אַ טייל פֿון הינדעלעס פּנים איז געווען באַלויכטן. אַן אויג אַרומגעזוימט מיט בלוי ווי אונטערגעשלאָגן, אַ האַלבער צער־גרימאַס אַרום אַ ציטערדיקער בלאַסער ליפּ. זי האָט שוין אַוודאי חרטה וואָס זי האָט זיך אָנגעברוגזט, נאָר קאָן נישט ברעכן איר עקשנות. אַז ער וועט שטענדיק זײַן דער וואָס בעט איבער, וועט זי זיך האַלטן אין איין ברוגזן. ער מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אײַנשטעלן אַז ווער עס ברוגזט זיך אָן מוז איבערבעטן.

און אַז זי קאָן נישט ברעכן איר עקשנות, איז וואָס ? עס קומט אים נאָך אַ רעשט צו צאָלן ? זי איז גאָר אים עפּעס שולדיק ?

„טײַער מאַמעלע," וואָס לאָזט ער, זי זאָל זיך מוטשען ? די קרוין וועט אים געריִרט ווערן אַז ער וועט דער ערשטער אָנהייבן רעדן ?

פּינטשע האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַרײַן. מינדעלע האָט זיך איבערגעוועקט, אָבער נישט געעפֿנט די אויגן. פּינטשע האָט

אַ גלעט געטאָן אירע האָר. מינדעלעס אַ ברעם האָט אַ ציטער גע־טאָן, זי האָט נישט געעפֿנט די אויגן.

„מינדעלע, דו שלאָפֿסט?"

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

„דו האָסט מיך באַדאַרפֿט פֿרעגן וואָס ס'איז געשען מיט דעם עפּל. מיר האָבן זיך צוגעזאָגט נישט צו טראָגן אַ כּעס, נאָר פֿרעגן און אויסהערן."

„כ'דאַרף דען פֿרעגן?" האָט מינדעלע זיך צעוויינט. „כ'קען דיך געגנוג צו וויסן אַז האָסט נישט סתּם אַליין אויפֿגעגעסן און גאָר נישט איבערגעלאָזט."

„כ'מוז דיר דערציילן פֿון אָנהייב."

„ניין, פּינטשע, זאָג גאָרנישט. דערצייל גאָרנישט. אַפֿילו ווען עדות וואָלטן געקומען זאָגן שלעכטס, און אַפֿילו אויב כ'וואָלט געזען מיט מײַנע אויגן, האָב איך באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין אַז עס קאָן נישט זײַן שלעכטס. זײַ מיר מוחל, פּינטשע."

„דו ביסט אַזוי גוט, אַזוי איידל, אַזוי זיס. דו ביסט מײַן עפּל מיט האָניק, ראש השנה און אַ גאַנץ יאָר, מינדעלע, ווײַבעלע מײַנס."

ערב שבת אין אַ וואַרשעווער הויף

(פֿון מײַן געטאָ־בוך)

„אָמר ר׳ יהושוע בן לוי, ר׳ יהושוע בן לוי האָט געזאָגט ————״ אין האַלבשלאָף הער איך דעם טרויעריקן ניגון פֿון שלמהלע גערערס מאָרגן־שיעור. ווען איך האָב נעכטן זיך געלייגט שלאָפֿן האָט ער נאָך געלערנט. איצט, לערנט ער שוין ווידער, דאָס קול טראָגט זיך פֿון זײַן קעלערשטוב איבער דעם שלאָפֿנדיקן הויף.

פֿאַר טאָג. דאָ און דאָרט לויכטן אויף שפּאַרעס אין די שוואַרצע פּאַפּיר־ראָלעטן איבער די פֿענצטער. דער הויף וועקט זיך.

דער טויער סקריפּעט. אַרבעטערס גייען אַרויס צו דער אַרבעט, הענדלערס צו דער מעטאָ.[1] מיסטקלײַבערס שאַרן זיך אַרײַן ווי גנבֿים. דער סטרוזש לאָזט נישט צעוואַרפֿן דאָס מיסט. איצט שלאָפֿט ער נאָך. פֿאַר טאָג איז נאָך פֿאַראַן אַ שאַנס צו געפֿינען אַ פֿאַרוועלקטן קרויט־בלאַט און, אַז דאָס מזל שפּילט צו, אַפֿילו אַ פֿאַרדאַרטן רינדל ברויט.

אין מײַן בויך איז אַרײַן אַ דיבוק. דער בויך רעדט, שרײַט, האָט נאָר טענות און דערגייט מיר די יאָרן. איך האָב נעכטן אָפּגענומען ברויט און זויערקרויט אויף די באָנעס.[2] ביז איך האָב עס געבראַכט אַ היים איז שוין געוועזן אָוונט, האָב איך סײַ דאָס ברויט, סײַ דאָס קרויט באַהאַלטן אויף מאָרגן, אין שלאָף פֿילט מען נישט קיין הונגער. האָט אָבער דער בויך מיך נישט געלאָזט צוטאָן אַן אויג. דער דיבוק האָט געווילדעוועט אין מײַנע געדערעם און געשריגן: ברויט! ברויט! געזען, ער וועט בײַ מיר נישט אויספֿירן וועגן ברויט, האָט ער געוואָלט אײַנשלינגען דאָס קרויט. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט נאָכגעגעבן. וואָס יעפּעס פּלוצעם סעודות אין מיטן נאַכט?

און בײַ טאָג האָסטו מיר דען געגעבן? האָט דער דיבוק נישט אָפּגעלאָזט. איך חלש עסן.

---

[1] אַן אָרט בײַ דער געטאָ־גרענעץ ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער שמוגל.

[2] קאַרטלעך פֿאַר שפּײַזראַציעס.

„דער טאָג איז געווען, איז געווען, איז מער נישטאָ", — האָב איך פֿאַראַפֿראַזירט אַ פּאָפּולער טעאַטער־לידל. „און בײַ נאַכט עסט מען נישט און מען חלשט נישט, בײַ נאַכט שלאָפֿט מען".

אַז שלמהלע גערער דאַוונט שחרית איז שוין ליכטיקער טאָג און צײַט אַרויסצוצײַען די ראַלעטן. אָבער אַ מכּה וועט די טריפֿהנע קיש־קע בײַ מיר קריגן מער ווי זויערקרויט ביז אָונט. דאָס ברויטל וועל איך האַלטן גאַנץ ביז ליכטצינדן, לכּבֿוד שבת. ניין, אַפֿילו נישט אַ רעפֿטעלע איצט. אויב כ׳וועל נאָר אַנהייבן דאָס ברויט וועט שוין שווער זײַן בײַצושטיין דעם יצר־הרע.

איך מאַך אַ פֿײַער אין דער קיך, כ׳על מיר אָפּקאָכן אַ קאַפּוסט־ניאַק. איך האָב טאָקע נישט קיין קאַרטאָפֿל, קיין וואָרשטלעך, קיין מאַרכביין. אָבער דאָס וויכטיקסטע אין אַ קאַפּושניאַק איז דאָך דאָס זויערקרויט און דאָס האָב איך.

איך האָב זויערקרויט, און דאָס זויערקרויט האָט אַ ריח. ס׳איז פֿאַרפֿוילט און אַדורכגעוואַקסן מיט שימל. כ׳נעם אַ ביסל אין מויל אַרײַן, דאָס איז סם־המוות נישט קרויט.

איך נעם אַרויס דאָס ברויטל און צייכן דערויף ליניעס מיטן מעסער. בײַ אַזאַ זולל־וסובא ווי מײַן בויך איז, קאָן דאָס גאַנצע ברויטל „פֿאַרברענט" ווערן אין אַ רגע. איך מוז פֿון פֿאַרויס אָנ־צייכענען די פּאָרציעס, עס זאָל אָנהאַלטן ביז די נײַע באָנעס. דאָס רעפֿטל וועט זײַן אויף אָנבײַסן, איך וועל זיך הײַנט באַגיין אָן מיטיק. די טעג זענען שוין קורץ, איידער מ׳עט זיך אַרומקוקן, וועט שוין זײַן אָוונט און שבת.

עמעץ קלאַפּט אין דער טיר. ווער קאָן עס זײַן אַזוי פֿרי?

איך האָב באַדאַרפֿט אָוועקלייגן דאָס ברויטל איידער כ׳בין גע־גאַנגען עפֿענען די טיר. זלמן בלווישטיין איז אַרײַנגעקומען. דערזען וואָס כ׳האַלט אין דער האַנט, קאָן ער נישט אָפּרײַסן די אויגן דערפֿון.

„זעץ זיך, זלמן. ווו ביסטו ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? נישט געזען דיך אַ שאָק מיט יאָרן. וואָס מאַכט זינע?"

„זינע? אַ דאַנק, נישקשה." זלמן לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ בענקל. איך גיי כּלומרשט זוכן אַ בענקל פֿאַר זיך און לייג הערוויל אַרײַן דאָס ברויט אין קרעדענץ. „זינע איז נישקשה," חזרט זלמן אי־בער און קרעקט זיך מיט אַ וואָרט. „אויב ס׳וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי קאַלט," שטאַמלט ער קוים אַרויס. „געדענקסט עפּעס באַלד נאָך

סוכּות אַזאַ קריזה? צוריקגעשמועסט, אפשר איז עס גוט. אפשר וועלן די טיפוס־באַצילן געפּרוירן ווערן.״

„זלמן, דו ביסט נישט געקומען באַלד אין דער פרי רעדן וועגן וועטער. דו ביסט עפּעס אין אַ צרה? רעד, מיט מיר מעגסטו רעדן אָן הקדמות.״

„אין אַ צרה? חלילה. ס׳איז מיר געשען אַ נס. יודעלע האָט עס געהאַט.״

„וואָס מאַכט יודעלע? ער קומט צו די כּוחות? נאָך אַ טיפּוס דאַרף מען אַ סך עסן.״

פרעגן וואָס יודעלע מאַכט האָב איך געדאַרפט און געוואָלט, אָבער ס׳איז געווען נאָריש צוצוגעבן אַז ער דאַרף איצט אַ סך עסן. די דײַטשן האָבן צוגענומען זלמנס פאַבריק דעם ערשטן טאָג וואָס זיי האָבן פאַרנומען לאָדזש. די פאָלקסדײַטשן, די אַרטיקע דײַטשע שכנים, האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זײַן שיינער דירה עטלעכע וואָכן שפּע־טער. ער איז געקומען אין וואַרשע, ווי מע זאָגט, נאַקעט און בלויז. ער האָט אַפילו נישט קיין „טשוכעס״, געניצטע מלבושים צו פאַר־קויפן. איך האָב דאָך אויך נישט וואָס צו געבן אים, צו וואָס שיטן אים זאַלץ אויף די וווּנדן?

„דער קריזיס איז אַריבער. ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח אַפילו אויפצומאַכן די אויגן. דו האָסט אַוודאי מורא אַז וועסט זיך אָנשטעקן פון מיר? קענסטו דאָך זיכער זײַן, זי האָט אַלץ געריי־ניקט און געוואַשן מיט קאַרבאָל, בעסער ווי אין שפּיטאָל.״

„כ׳האָב נישט קיין מורא און מע קאָן זיך סײַ־ווי נישט אויס־היטן. מיינסט עס פעלן טיפּוס־קראַנקע אין דעם הויז? אַפילו דאָ, די אַנדערע טיר פון מײַנער.״

„איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, מען האָט געמוזט געבן יודלען עפּעס וואָס זאָל אים צוריקברענגען צו די כּוחות. זײַנע האָט געזאָגט: אַ ביסל הינערנע יויך. ווו כ׳האָב גענומען אויף הינערנע יויך? דאָס טאַקע וויל איך דיר זאָגן. כ׳האָב פאַרקויפט די באַנעס און געקויפט אַ שטיקל הון. ביז די נײַע באַנעס וועלן אַרויסקומען וועט מען לעבן אויף די זופּן פון די פאָלקסקיכן, אַבי מיר האָבן יודעלען געראַטעוועט און אין אַ וואָך אַרום וועלן שוין זײַן די נײַע באַנעס. איז, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, וואַסער־דיקע זופּן. אָבער מיט די נײַע באַנעס וועט שוין זײַן אַ שטיקל ברויט פאַר אונדז און מ׳עט קאָנען אָפּגעבן חובות. כ׳מיין ברויט־חובות.

פֿאַרשטייסט מיך? ס'איז אַזוי: היינט איז צען יאָר נאָך אונדזער חתונה. איך האָב שוין געהאַט פֿאַרשיידענע צייטן אין לעבן, דו ווייסט דאָך — אַ מאָל אויפֿן פֿערדל, אַ מאָל אונטערן פֿערדל, אָבער אַלע מאָל אין דעם טאָג געפּראַוועט אַ יום־טובֿ. אַ מאָל האָט מען געמאַכט בעלער, היינט? כ'האָב געטראַכט, אויב איך וואָלט ערגעץ ווו געקאָנט קריגן געבאַרגט אַ האַלב ברויטל — — אַ פֿערטעלע וועט אויך גענוג זיין."

אַ שטילקייט אין שטוב. ניין, ס'איז שוין גאָרנישט אַזוי שטיל. זלמן שווייגט, איך שווייג, אָבער איך הער אַ פּולס קלאַפּט ווי משוגע. ניין, ס'איז נישט מיין פּולס, מיין האַרץ איז געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט. ווייזט אויס אַז דאָס ברויטל אין קרעדענץ האָט אַ האַרץ און עס האַלט ביים פּלאַצן, און דער דיבוק אין מיין בויך רייצט זיך מיט מיר: מיר האָסטו געקאַרגט אַן איינציקן ביסן, איצט — —

זלמן שטעלט זיך אויף אָן אַ וואָרט און נעמט זיך שלעפּן צו דער טיר. איך שטרעק מיין האַנט צום קרעדענץ, כ'גיב אַ שטאָך אַריין דאָס מעסער אין דעם ברויט און צאַפּל אויף ווי איך וואָלט עס אַריינגעשטאָכן אין מיין בויך. איך שנייד אָפּ אַ האַלב ברויט מיט אַ האַסטיקן שניט און דערלאַנג עס זלמנען. ער כאַפּט עס און לויפֿט צו דער טיר.

„ביי די בלוישטיינס וועט היינט זיין יום־טובֿ," פֿאַרענטפֿער איך זיך פֿאַר מיין בורטשענדיקן מאָגן. איך וויל גיין באַהאַלטן דאָס געבליבענע האַלבע ברויטל, לאַכט מיין דיבוק מיט יאַשטשער־קעס: ס'וועט דיר באַלד אונטערקומען נאָך אַזאַ מיצווהלע. באַהאַלטן דאָס ברויט אויף שבת, באַשליס איך. דאָס מויל גאַווערט, דער קאָפּ שווינדלט, די הענט וואַרפֿן זיך ווי אין קדחת, די שטוב וואַקלט זיך אַרום מיר, נאָר די פֿיס זענען שטאַרק און פֿאַרעקשנט צוגענאָגלט צום אָרט. איך שטרענג אָן אַלע מיינע כוחות און קאָן נישט שטעלן די פּאָר טריט צום קרעדענץ.

אַ גערודער אין הויף. טאַטע־זיסער! דער זלמן איז געוואָרן אַזוי צעיאָכמערט אַז ער האָט נישט באַהאַלטן דאָס ברויט הינטער דער פּאָלע. אַ „כאַפּער" האָט אוודאי ביי אים צוגעכאַפּט מיין ברויט. מיינע גליימטע פֿיס גיבן זיך אַ ריס, אַ לויף.

„וואָס איז געשען?" פֿרעג איך די מענטשן אין הויף.
„דער פּאַוויאַק־אויטאָ," ענטפֿערט אַ שכן.
„וואָס איז געשען? ווער — —?"

„וואָס איז געשען? דאָס וואָס געשעט אַלע מאָל ווען דער פּאַוויאַק־אויטאָ פֿאָרט איבער די געטאָ־גאַסן. אַלע זענען אַרײַן אין די הויפֿן, אָבער דער, נעבעך, איז געלאָפֿן אַרויס און זיי האָבן אים פּאַטשאָפּעט.״

„וואָס איז — — ?״

„וואָס עס איז געשען? וואָס קאָן געשען אַז אַן אָנגעפּרעסענער דײַטש דערלאַנגט מיט אַן אײַזן איבערן קאָפּ?״

איך שלעפּ זיך אַרויס אין גאַס. ס׳איז טאַקע זלמן. דער קאָפּ איין שטיק בלוט, אַ האַלב ברויטל — איין שטיק בלוט.

* * *

„פֿאַר זלמנען קאָנסטו שוין גאָרנישט טאָן,״ טענה איך צו זיִנען. איך פֿאַרשטעל פֿאַר איר די טיר און בעט זיך: „בלײַב דאָ מיט יודעלען.״ זי שטופּט מיך אַוועק און לויפֿט אַרויס. איך לויף נאָך איר.

איז עס געווען נאָר אַ קאָשמאַר? איך שטיי מיט זיִנען לעבן מײַן טויער און זוך זלמנס גוף.

„ס׳איז נישט אמת. עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, עס האָט זיך דיר געחלומט, זאָג אַז עס איז נישט אמת,״ בעט זיך זיִנע בײַ מיר. איך דערזע אַ שטיק טראָטואַר איז נאַס, איך טײַטל מיטן פֿינגער צו דעם פֿריש געוואַשענעם טראָטואַר: „דאָ.״

איך האָב מורא געהאַט פֿאַר זיִנעס געשרייען, אָבער זי שטייט גאָר שטום און פֿאַרגליווערט, איר בליק צוגעפֿרוירן צום נאַסן טראָטואַר. שרײַ, זיִנע, וויין, זיִנע, בעטן זיך בײַ איר מײַנע אויגן, אָבער זי זעט נישט מײַנע אויגן. אירע גרויסע אויגן רויט, צוויי שטיקער בלוט. אַ יידישער פּאָליציאַנט באַווײַזט זיך, איך לאָז אויס מײַן כּעס צו אים: „דרײַ מעת־לעת ליגט שוין אין הויף אַ זעלבסטמערדערין און קיינער קומט נישט זי אַוועקנעמען. עס איז נאָך נישט קיין שעה זינט דאָס איז געשען און די פֿינקערט־לײַט[*] זענען שוין דאָ געווען, די גאַסן־קערערס זענען שוין געווען. אָפּגעוואַשן, אָפּגעווישט, ווי קיין מאָל גאָרנישט...״

„וואָס קאָן איך טאָן? מיר זענען אַלע אין דער זעלביקער צרה.״

---

[*] די מענטשן פֿון דעם פֿינקערט־לוויה־אַנשטאַלט.

אַ האַלב ברויטל אַוועק. וואָס האָב איך געטאָן מיט דער געבלי־בענער העלפֿט? געלאָזט אין שטוב? כ׳האָב דאָך אַפֿילו נישט פֿאַר־שלאָסן די טיר?

אַ לויף אין הויף אַרײַן, אַ שפּרונג איבער די טרעפּ צו מײַן טיר, דאָס ברויט איז דאָ! כ׳בין באמת מזלדיק, דאָס ברויט ליגט אויפֿן טיש.

* * *

זינע איז שוין נישטאָ ווען איך קום אַרויס אין גאַס. איך מוז צוריק אַרײַן אין שטוב נעמען אַ ביסן אײדער איך גיי צו זינען אַהיים. כ׳בין אָן אַכזר צו זיך אַליין. אַז כ׳וועל דערלעבן די וויסטע מלחמה זאָל זיך ענדיקן וועל איך אַ כאַפּ טאָן אַ גאַנץ ברויט, אַ גרויס נאָך־מילחמהדיק ברויט. ניין, כ׳על נישט שנײַדן מיט אַ מעסער. כ׳וועל עס צוקנייטשן עס זאָל אַרײַן צווישן די ציין און רײַסן שטיקער און קײַען, רײַסן שטיקער און קײַען — דאָס גאַנצע ברויט פֿון רעפּטל צו רעפּטל.

* * *

ניין אַ זייגער. די ערשטע הויפֿזינגערס:

„מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך.
האָסטו נישט קיין מעות
איז צו דיר אַ קלאָג.
גיב אַוועק די באָנע,
זאָג: אַ גוטן טאָג.
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך.“

דער לערער זילבערשטיין זאָגט צו מיר: דער טויט האָט בײַ אונדז גוט דערלעבט. אַ מענטש שטאַרבט, זאָגט מען נישט „ער איז געשטאָרבן“, מע זאָגט „ער האָט אַוועקגעגעבן די באָנע“, דאָס איז דער גרעסטער שאָדן.

די גראָבע מאַרישע, דאָס ווײַב פֿון דעם הויפֿקאָמיטעט־פּרעזעס, בייזערט זיך, איר קינד שלאָפֿט. דער הויפֿזינגער ווערט נישט נתפּעל און זינגט ווײַטער:

„האָסטו מעות
קאָנסטו שלאָפֿן ביז נײַנע,
האָסטו ניט —
ביסטו אַ שײַנע רײַנע.
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך."

די פּרעזעסאָווע איז אין כּעס. זי עפֿנט דעם לופֿטשיק, שטעקט אַרויס אַ קאָפּ צעשויבערטע לאָקן און שרײַט: „פּאַניע דאָזאָרצע, וואַרפֿט אים אַרויס!"
דאָס ייִנגל האָט ניט וואָס צו פֿאַרלירן, זינגט ער ווײַטער:

„די פּאַני פּרעזעסאָווע מאַכט זיך אַנדולאַציע,[4]
די אָרעמע קינדער
גייען שלאָפֿן אָן קאָלאַציע.[5]
מעות, מעות,
מעות איז אַ גוטע זאַך."

דעם ייִנגלס אימפּראָוויזאַציע נעמט אויס בײַ די שכנים. אַנ־דערע זענען צופֿרידן וואָס ער האָט אַרײַנגעזאָגט דער נגידותטע, פֿאַלן מטבעות פֿון אַלע פֿענצטער. „פּאַניע דאָזאָרצע, פּאַניע דאָזאָרצע", שרײַט די פּרעזעסאָווע אַזש שוים קומט איר פֿאַרן מויל. דער סטרוזש מאַכט זיך ניט הערן. ערשט ווען דאָס ייִנגל האָט שוין אַלץ צונויפֿ־געקליבן לויפֿט דער הויזוועכטער אַרויס מיט אַ בעזעם און טרײַבט אים פֿון הויף.

דרײַ באַשעפֿענישן זינגען מיט שוואַכע הייזעריקע קולות:

„אוי די באַנע,
יאַך וויל נישט אָוועקגעבן די באַנע,
יאַך וויל נאָך עפּעס גוטס דערלעבן."

די פּנימער פֿון די זינגערס זענען אײַנגעשרומפּן, פֿאַרוועלקט.

[4] קאַרבירט די האָר.
[5] נאַכטעסן.

אין זייערע צורות איז פֿאַרווישט יעדער צייכן פֿון עלטער און גע־שלעכט. לויט דעם וווּקס דערקען איך אַז דאָס זענען קינדער, לויט די קליידלעך, אַז דאָס זענען מיידלעך. זיי ענדיקן זינגען און איינע, די גרעסטע, מסתּמא די עלטסטע, בעט:

„יידישע האַרצער, רחמנותדיקע מענטשן, שענקט עפּעס דראַ יתומים. וואַרפֿט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט, אַ פֿאַרדאַרטן רינדל, אַ ביסל קאַרטאָפֿל־שאָלן.“

אַ פֿרוי מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס איז אַרײַנגעקומען אין הויף, זי קוקט מיט ביטול אויף די בעטלערקעס. ברויט האָט דאָ קיינער נישט צו פֿיל. און אַפֿילו קאַרטאָפֿל־שאָלן, פֿאַר וואָס זאָל מען געבן בחינם אַז מע קאָן עס פֿאַרקויפֿן.

זי בעטלט נישט. זי קויפֿט־אויף שאָלן און פֿאַרקויפֿט זיי צו אי־רע שכנים אין פּונקט.[*] עפּעס ריווח בלײַבט שוין פֿאַר איר, מאַכט זי דערפֿון מעדנים. זי צעמאָלט די שאָלן אין אַ פֿליישמילכל. אויב זי האָט אַ ביסל ראַזאָווע מעל, מישט זי עס אַרײַן אין די צעמאָלענע שאָלן, מאַכט אַ טייג און בראָט דערפֿון קאָטלעטן. ווער שמועסט נאָך, אַז עס מאַכט זיך אַ פֿאַרדינסטל און מע פּרעגלט עס אויף אַ ביסל אייל, איז עס גאָר אַ מאכל. אַז מען האָט נישט קיין אייל און נישט קיין מעל, קאָכט מען די צעמאָלענע שאָלן מיט אַ ביסל וואַסער און מען מאַכט דערפֿון אַ זופּ. מילא, פֿאַר דער מלחמה האָט מען געגעסן בעסערע מאכלים, אָבער ביז גאָט וועט העלפֿן קאָן מען מיט קאַר־טאָפֿל־שאָלן אויך אָנפֿילן די קישקעס. עס זאָל נאָר נישט אויסגע־פֿעלט זײַן, רבונו־של־עולם!

„שאָלן קויף יאָך, שאָלן, שאָלן!“ פֿאַרהילכט די פֿרוי דעם הויף. די דרײַ מיידלעך פּרוּוון אַלע צוזאַמען איבערשרײַען די הענ־דלערקע. זיי ווערן מיד און פֿאַרלאָזן דעם הויף.

„מיידעלע, מיידעלע,“ רופֿט עמעץ און וואַרפֿט אַראָפּ דורכן פֿענצטער אַ מטבע אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר. איינע פֿון די מיידלעך הייבט עס אויף. זי וויקלט אויף דאָס פּאַפּירל און אויף איר פּנים העלט אויף עפּעס ענלעכס צו אַ שמייכל. ס'איז אַ גרויסע נדבה, אַ צע־נערל. באַלד פֿאַרשווינדט דער שמייכל. מע דאַרף אַזוי פֿיל צענער־לעך צו קאָנען קויפֿן אַ שטיקל ברויט.

---

[*] פּליטים־פּונקט, אַזאַ מין הקדש, וווּ עס האָבן געוווינט די היימלאָזע פּליטים.

דער זייגער איז עלף. איך קאָן נישט גיין צו זינען אײדער כ׳וועל עפּעס נעמען אין מויל. כ׳טאָר נישט אַרײַנגיין עסן ווײַל ס׳מוז בלײַבן אַ שטיקל ברויט אויף שבת. איך דריי זיך אין הויף און זוך אַ תּירוץ אַרײַנצוגיין צו אַ שכן.

ברוכל בראַוומאַן קומט צו לויפֿן פֿון גאַס. ער האָט מסתּמא, ווי אַלע מאָל, געבראַכט גוטע בשׂורות. מע ווייסט, ער איז אַ פֿאַנטאַזיאָר און טרײַבט איבער, דאָך זאַמלען זיך אַרום אים די שכנים. ברוכל דערציילט אַ צעקאַכטער:

„פּינצטער געווען די נאַכט, האָ? שניישטורעמס, האָ? די ענגלענדער האָבן נאָר אויף דעם געוואַרט. תּיכף ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שנייען און די יעקעס האָבן זיך פֿאַרשטעקט אין די לעכער איז אַן ענגלישע שיף צוגעפֿאָרן צום ברעג אין גדיניע און האָט אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט שוואַרצע.“

„נעגערס אין אַ שניישטורעם?“ רײַסט אים עמעץ איבער.

„זיי זענען נישט געוווינט צו קעלט.“

„פֿאַרלאָזט זיך אויף די ענגלענדער,“ לאָזט ברוכל נישט אַראָפּדינגען פֿון זײַן ענטוזיאַזם. „פּעלצן און פֿוטער־שטיוול און אַפֿילו עלעקטרישע טאַשן־אויוועלעך. די ענגלענדער זענען די הער־שערס אויף די ימען, יאָ? און די אַמעריקאַנער זענען די גרעסטע מזיקים אין מאַכן מאַשינקעלעך מיט אַזעלכע עלעקטרישע זאַכעלעך וואָס קיינער האָט נישט, יאָ צי ניין? נו זעט עך דאָך. מע זאָגט, זיי גייען שוין אויף לאָדזש.“

ברוכלען געפֿעלט נישט וואָס די שכנים נעמען אויף זײַנע בשׂורות מיט שווײַגן, הויכט ער אַרײַן אין זײַנע הענט, קלאַפּט מיט די הענט אויף די אַקסלען זיך צו דערוואַרעמען און פּרובירט אויך וואַרעמען דעם עולם.

„עך געדענקט, כ׳האָב דערציילט אַז דער ראַפּשיצער רבי, זאָל לעבן, האָט גענוי אויסגערעכנט זייער מפּלה אויף פּורים? אַ באַ־רימטער, להבֿדיל, העלזעער האָט עס פֿירגעזאָגט פֿאַר אַפּריל. איז מיר קשה: אַפּריל איז דאָך שוין באַלד פּסח?“

„הײַיאָר איז פּורים טאַקע אין אַפּריל, ס׳איז אַן איבעריאָר,“ רופֿט זיך אָן אַ שכן.

„נו, זעט עך שוין,“ שײַנט אַזש ברוכל מיט נצחון.

קיינער גלייבט נישט אין ברוכלס ניסים, אָבער קיינער וויל זיי נישט אָפּלייקענען. אוי, דאַרף מען ניסים! עמעץ דערציילט וועגן אַ

גרויסער קאָנטעראָפּענסיווע. די דײַטשן לויפֿן צוריק אין בהלה, דער טײַך דווינע איז פֿול מיט זייערע פּגרים.

זילבערשטיין לאָזט נישט ענדיקן:

„מילא, אַז ברוכל שלעפּט צוזאַמען אַ רבי מיט אַ העלזעער צו ברענגען אַ ישועה, צו זײַנע וווּנדיירים זעבען מיר שוין גע־ווױנט. אָבער אויסטראַכטן קאָנטעראָפּענסיוועס? צום באַדויערן איז עס פּונקט פֿאַרקערט. אַט האָט איר די צײַטונג, איר קענט לייענען, צי ניין?"

מען דרייט זיך אַוועק פֿון דעם זילבערשטיין. אַ שוואַרצע קראָ. ער ברענגט ראיות פֿון אַ קוריער וואַרשאַווסקי, נו?

„אַז דער מענטש גלייבט די המנס, אַז ער האָט אמונה אין זייער שמאַטע־צײַטונג, ווי להבדיל, אין אַ בפּירושער גמרא."

בזשאַזאָווסקי באַווײַזט זיך אין טויער. באַלד וועט מען הערן אַ ריכטיק שטיקל נײַס. בזשאַזאָווסקי האָט אַלע מאָל ידיעות פֿון אויסלענדישן ראַדיאָ. וואָס הערט מען? פֿאַראַן עפּעס גוטע נײַס? — באַפֿאַלט מען בזשאַזאָווסקין ווען ער קומט צו.

„דערציילט נאָר גוטע נײַס," איז זילבערשטיין אין כעס, „אַניש וועלן זיי אײַך צערײַסן ווי אַ הערינג."

„כ'האָב טאַקע גוטע נײַס. זיי האָבן אָרײַנגעכאַפּט המנס מפּלה. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף זעקס קילאָמעטער."

„אויף זעקס קילאָמעטער?" צעלאַכט זיך זילבערשטיין. „זיי נעמען אײַן הונדערט, ציִען זיך צוריק אויף זעקס, און די כעלע־מער חכמים שרײַען: ס'איז גוט'!"

„טאָ וואָס ווילט איר?" בייזערט זיך ברוכל, „מע זאָל פֿאַרברעכן די הענט און, חלילה, ווי יענע דאָרט, זי זאָל מיר מוחל זײַן?" בעתן זאָגן „ווי יענע דאָרט" טײַטלט ברוכל מיטן פֿינגער צום ווינקל הויף וווּ עס ליגט די פֿרוי וואָס האָט זיך נעכטן אַראָפּגע־וואָרפֿן פֿון פֿינפֿטן שטאָק.

„דאָס ווילן זיי דאָך, די שונאים," — רופֿט זיך אָן אַ שכן, „אָבער אַ קרענק וועלן זיי עס דערלעבן. עס זאָל אַפֿילו געדויערן, חלילה, ביז כ'ווייס ווען, ע'מיר וואַרטן און אויסהאַלטן. ס'ווערט נישט ליכטיק ביז עס ווערט פֿרײַער שטאָק פֿינצטער, און ווער עס פֿאַרברעכט די הענט ווען די זון גייט אונטער און מיינט אַז עס וועט שוין מער קיין טאָג נישט זײַן, דער איז, נישט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַ משוגענער."

„אוי, די זון מעג שוין אויפֿגיין, ס׳איז שוין גענוג פֿינצטער. נעכטן האָט פֿראַנקענשטיין[7] ווידער דערשאָסן עטלעכע פּלאַצוווקאַ־זשעס,[8] היינט האָבן זיי געכאַפּט עטלעכע קינדער וואָס האָבן זיך גע־וואָלט אַרויסשמוגלען אויף דער אַרישער זייט. עך האָט באַדאַרפֿט זען אונטער וואָס פֿאַר אַ שמירה מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן מען האָט די זיבן־און אַכט־יאָריקע „פֿאַרברעכערס" אָפּגעפֿירט צו דער גענשוווקע.[9] עך האָט באַדאַרפֿט זען — —"

מען דערהערט דאָס געריש פֿון אַן אויטאָמאָביל. שוין ווידער אַ וויזיט פֿון געשטאַפּאָ? עס פֿאַרשווינדט פֿון הויף יעדער לעבעדיק באַשעפֿעניש. שלמהלע גערער רייסט איבער דעם מאַרגן־שיעור, אַ געשוואָלענע מיסט־קלייבערקע זוכט וווּ זיך צו באַהאַלטן, אַ מאַמע פֿאַרשטעלט דאָס מויל פֿון איר וויינענדיק קינד. עס דאַכט זיך, אַז אַפֿילו די טויטע זעלבסטמערדערין האָט זיך פֿאַררוקט טיפֿער אין ווינקל אַריין.

מען הערט דעם אויטאָ צוריקפֿאָרן, שכנים קומען ווידער אַרויס אין הויף, עמעץ ברענגט די נייס: פֿון הויז נומער ניין און פֿופֿציק אַרויסגענומען פֿינף מענטשן.

„פֿאַר וואָס?" פֿרעגט איינער.

„זיי דאַרפֿן דען האָבן אַ פֿאַר וואָס?"

צוועלף, קלינגט געלאָסן אויס אַ זייגער אויף אַ טורעם פֿון יע־נער זייט מויער און פֿאַר אונדזער הויז קלאַפּן מיט אומגעדולד פֿער־דישע פּאַדקאָווע אין ברוק. דער סטרוזש צעעפֿנט ברייט דעם טויער, אַ שקאַפּע שפּאַצירט אַריין אין הויף און שלעפּט נאָך זיך מיט גרויס חשיבֿות אַ פֿאַרמלחמהדיקע שוואַרצע עגלה.

ווער איז געשטאָרבן?

מע ווייסט ווער ס׳איז געשטאָרבן. דער מלאך־המוות האָט די נאַכט צוגענומען פֿינף פֿון אונדזער הויף. מע וויל נאָר וויסן ווער פֿון די געשטאָרבענע איז אַזאַ חשובֿ אַז די פּינקערט־לייט זענען

---

[7] צונאָמען פֿון אַ דייטשן זשאַנדאַר וואָס האָט דערשאָסן ייִדן ווען ער האָט געהאַלטן וואַך ביים געטאָ־טויער.

[8] ייִדן וואָס מ׳האָט יעדן טאָג אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ אויף אַרבעט ביי די דייטשן און נאָך דער אַרבעט צוריקגעבראַכט אין געטאָ אַריין.

[9] תּפֿיסה אין געטאָ אויף גענשע־גאַס.

געקומען אַזוי פּרי, נישט מיט אַ האַנט־וועגעלע ווי זיי הויפּן אָן די מתים איינעם אויפן אַנדערן, נאָר מיט אַ קאַטש באַדעקט מיט שוואַרצן טוך און שוואַרצע פֿירהענגלעך אין די פֿענצטערלעך.

האַראַוויטשעס ברודער איז אַ מאַכער אין יודענראַט.

„פּאָמעראַנצן, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן!" רופט אַ קוויטשענדיק פּרויען־קול. אַז מע פֿרעגט זי אויף קאַטאָוועס צי זי האָט טאַקע פּאָ־מעראַנצן, ענטפֿערט זי מיט שטאָלץ: „נאָך בעסערס. אָן פּאָמעראַנצן קאָן מען לעבן, אָבער פּרובירט הײַנט אויסקומען אָן קאַרטאָפֿל. פּאָמעראַנצן, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן"!

„פֿאַר וואָס פֿאַרשטייט עץ נישט," פֿאַרטײַטשט עס אַ שכן אַ למדן. „ווען דער מאכל איז געווען קאַרטאָפֿל זענען פּאָמעראַנצן געווען פּאָמעראַנצן, אָבער אַז הײַנט זענען קאַרטאָפֿל־שאָלן דער מאכל, זענען די קאַרטאָפֿל פּאָמעראַנצן."

„שאָלן קויף יאָך, שאָלן, שאָלן, שאָלן!"

„אַ האַנדי, אַ האַנדי, אַ האַנדי!" פֿאַרהילכט דעם הויף אַ שטאַרקע באַס־שטים. דאָס שרײַט אַ קליין, אײַנגעדאַרט ייִדעלע. ער פֿאַררײַסט זײַן געל בערדעלע אַרויף צו די פֿענצטער און רופֿט: „אַ האַנדי, אַ האַנדי, אַלטוואַרג קויף יאָך. אַלטוואַרג, אַלטוואַרג. אַ האַנדי, אַ האַנדי, אַ האַנדי!"

די שאָלן־קויפֿערין פּרובירט אים איבערשרײַען אָבער דאָס גע־לע ייִדל פֿילט זיך תּקיף. אויב די מענטשן דאָ וועלן נישט האָבן וועמען צו פֿאַרקויפֿן זייער ביסל האָב וועלן זיי נישט האָבן אויף קיין קאַרטאָפֿל און ממילא נישט האָבן קיין שאָלן צו פֿאַרקויפֿן.

אין דער זײַט שטייט אַ ייִנגעלע וואָס האַלט זיך קוים אויף זײַנע געשוואָלענע פֿיס. ער זינגט אַ ליד. זײַן שוואַך קולכל ווערט פֿאַרלוירן אין דעם טומל פֿון די הענדלערס, אָבער ער טוט דאָס זײַניקע. די מאַמע, וואָס קאָן שוין נישט גיין, האָט אים געהייסן גיין און זינגען, גייט ער און זינגט.

פּלוצעם ווערט דער הויף פֿול מיט ווילדע געשרייען. ס'איז געקומען אַ פֿאַרמלחמהדיקער פּראָפֿעסיאָנעלער בעטלער. ער קוקט מיט ביטול אויף די „אַמאַטאָרן". זיי זינגען לידער וועגן הונגער. וועמען אינטערעסירן הײַנט לידער און וואָס פֿאַראַ יחסן איז אַ הונגעריקער? אויב ער וואָלט באַדאַרפֿט וואַרטן נאָר אויף די וואָס זענען נישט הונגעריק וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט אַ פֿרײַע רײַזע

אויף אַ פּינקערט־וועגעלע. בײַ דער הײַנטיקער קאָנקורענץ מוז מען בעטלען מיט טאַלאַנט און מיט אַ ספּעציעלער סמיקאַלקע. ער גייט נישט, ער קריכט אויף אַלע פיר. ער רעדט נישט און זינגט נישט — ער ריטשעט ווי אַ האַלב־געקוילעטער אָקס. אַז מען הערט אַזאַ געיאָמער גייט מען צו צום פֿענצטער אַ קוק טאָן, און אַז מען איז שוין בײַם פֿענצטער וואַרפֿט מען שוין עפּעס אַראָפּ.

דער זייגער איז שוין אײנס נאָך מיטיק. עס זאָגט זיך אַזוי: נאָך מיטיק. און אויב מען איז נאָך פֿאַר מיטיק און אַפֿילו פֿאַר אָנבײַסן, רוקט זיך נישט דער זייגער? אפֿשר איז עס טאַקע נישט אַזוי פּשוט, וואָס מען האָט פֿאַרבונדן די שעהן מיט מאָלצײַטן? אַ ראיה, ווען דער בויך איז ליידיק פֿויזען די שעהן ווי דער זייגער וואָלט נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין.

די ערד דרייט זיך אַרום דער זון און דער גאַנצער אוניווערס דרייט זיך אַרום מײַן בויך. איך זיץ דאָ און פֿילאָסאָפֿיר, און פּיעשטשע זיך וועגן מײַן הונגער און האָב שוין אין גאַנצן פֿאַרגעסן וועגן זלמנען און וועגן זינען.

זינע איז נישטאָ אין דער היים. איך קלאַפּ אָן אין דער פֿאַרשלאָסענער טיר, קיינער ענטפֿערט נישט. וווּהין איז זי נעלם געוואָרן און ווו איז יודעלע?

נישטאָ, איז נישטאָ. איך קאָן איר דען העלפֿן? כ׳האָב געוואָלט זײַן אַ גוטער, האָב איך פֿאַרלוירן אַ האַלב ברויטל און זלמן — זײַן גאַנץ לעבן. „אַ פֿערטעלע וועט אויך גענוג זיין,” האָט זלמן אַליין געזאָגט און איך, שוטה, האָב אַוועקגעגעבן אַ העלפֿט פֿון אַלעם וואָס איך האָב צום עסן ביז מאָנטיק אָדער דינסטיק, ווען מען וועט ווידער עפּעס געבן אויף די באָנעס. גרויסער מפֿונק וואָס איך בין, אַרויסגעוואָרפֿן דאָס זויערקרויט. דער שימל וואָלט זיך אויסגעקאָכט, דער ריח וואָלט זיך אויסגעפּאַרעט. אַז איך טו אַלץ אין געאײַל. אַרויסגעוואָרפֿן דאָס קרויט, אַוועקגעפּטרט אַ האַלב ברויטל...

זינע האָט הײַנט געשוואָלענע פּיס און וואַסער־טאָרבעס אונטער די אויגן. ווען איך האָב געקוקט אויף איר האָב איך זי געזען ווי זי זעט אויס הײַנט, אָבער ווען זלמן האָט הײַנט אין דער פֿרי גערעדט וועגן איר, האָב איך זי געזען ווי זי האָט אויסגעזען אַ מאָל. די שלאַנקע פֿיגור, די גרויסע טונקל־ברוינע אויגן מיט די לאַנגע ווימפּערן, די פֿײַן־געשניצטע נאָז מיט די איידעלע נאָזפֿליגל. דער אָטעם איז

מיר געבליבן שטעקן אין דער קעל ווען איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל בעת דעם ל״ג־בעומר־פּאַראַד קיין העלענוווּעק. דער לאַנגער האַלדז, די מאַטע, טוי־פֿרישע הויט. איר יונגקייט ווי אַ קנאָספּ וואָס ברעכט ערשט אויף, אירע אײדעלע אַקסלביינער ווי פֿליגלען וואָס הייבן ערשט אָן שפּראָצן. אויב זינע וואָלט נישט גע־ווען אַזאַ שיינע וואָלט איך דען געווען אַזאַ צדיק און אָוועקגעגעבן אַ האַלב ברויטל?

אפֿשר וואָלט איך איצט נישט געריסן פֿון זיך פֿאָסן פֿון וועגן דעם ברויט אויב זינע וואָלט נאָך אַלץ געווען שיין? מענטשן האָבן ווייניקער פֿון מיר און קלאָגן נישט. איך האָב נאָך גענוג „טשוכעס״ צו פֿאַרקויפֿן. פֿאַר מײַן זומער־פּאַלטן קאָן איך קריגן אויף שיינע עטלעכע ברייטלעך. וואָס דאַרף איך אַ זומער־פּאַלטן אין ווינטער? כ׳על איצט זיך גיין זאָרגן וועגן פֿרילינג? ביז דעמאָלט קאָן דער גאַנצער היטלער אײַנגענעמען אַ מיתה־משונה. ביז וואָס, ביז ווען קאָן איך זיך דערוויַל אַרײַנכאַפּן אין דער פּאַלקסקיך אויף נאָוואָליפּקי. כ׳האָב אַ מאָל דאָרט געאַרבעט, זיי וועלן מיר זיכער געבן אַ טע־לער זופּ.

איך שטעל זיך אָפּ לעבן אַ בעטלער וואָס זינגט שבתדיקע זמי־רות. דער דיבוק אין מיר ווערט ווידער באַריידעוודיק, ער טענהט: דו האָסט דען וואָס צו געבן דעם בעטלער? דו האָסט זיך אָפּגע־שטעלט וויַל דו ביסט אַ פּחדן. דו האָסט נישט דעם קוראַזש אַרויפֿ־צוגיין אין דער פּאַלקסקיך. איך שטעל נאָך אַ פּאָר טריט און דערזע דעם הויכן יאַנקל פֿון אונדזער הויף. ער זיצט אויפֿן טראָטואַר נישט ווײַט פֿון דעם בעטלער, אַ גרויסער ליידיקער טאָפּ אין זײַנע הענט. „איר גייט אָפּנעמען אײַער זופּ?״ פֿרעג איך אים. ער הייבט אָפּילו נישט אויף די אויגן צו מיר. דער דיבוק אין מיר שטיקט זיך פֿון געלעכטער, איך מאַך זיך נישט וויסן און רייד ווײַטער צו יאַנקלען: „קומט, איך גיי אויך אין קיך אַרײַן, מיר קאָנען גיין צוזאַמען.״

„כ׳בין שוין געווען,״ ענטפֿערט ער אַזוי שטיל אַז כ׳דערהער קוים. כ׳קוק אויף דעם ליידיקן טאָפּ, אויף זײַן צעוויטיקט פּנים: „אַ כאַפּער?״

„אַ כאַפּער? יאָ, אַ כאַפּער. איך אַליין בין דער כאַפּער.״

„כ׳פֿאַרשטיי נישט.״

„ווי קענט איר פֿאַרשטיין? קיינער וועט דאָס נישט פֿאַרשטיין. קיינער וועט נישט גלייבן אַז אַ טאַטע האָט אויפֿגעפֿרעסן די גאַנצע

זופּ. דעם ווײַבס, די קינדערס, אָפּגענומען פֿאַר דער גאַנצער משפחה און באַלד אויף יענער זײַט טיר אויסגעזשליאָקעט אַלץ ביזן לעצטן טראָפּן."

אַז ער כאַפּט בײַ זײַנע אייגענע קינדער איז ער נאָך ערגער פֿון אַ כאַפּער. זאָל ער דאָ זיצן און פֿול מאַכן דעם טאָפּ מיט זײַנע פֿאַלשע טרערן. דו גיי אַרויף און קריג אַ ביסל זופּ פֿאַר זיך.

להכעיס מײַן דיבוק נעם איך אָן יאַנקלס האַנט:

„קומט מיט מיר, איך גיי אויך צו דער קיך. איר קאָנט זאָגן אַז ס'איז געווען אַ כאַפּער, איך וועל זײַן אײַער עדות."

עדות, שמיידעס! דו קאָנסט פֿאַלש עדות־זאָגן אויב דו ווילסט, אָבער זופּ גייסטו בעטן פֿאַר זיך, נישט פֿאַר דעם — — — ער וועט אויפֿפּרעסן אויך דעם צווייטן טאָפּ זופּ. אַ כאַפּער וואָס גיסט מיט טרערן איז ערגער ווי איינער וואָס כאַפּט און לאַכט זיך אויס.

דער קיך־אויפֿזעער דערקענט מיך. פֿאַראַיאָרן האָב איך דאָ אָנגעפֿירט מיטן אויספֿילן פֿרעגבויגנס פֿאַר דעם סטאַטיסטישן אַמט בײַ דער ייִדישער אַליינהילף. ער געדענקט מיך גוט, אָבער ער קאָן נישט אָוועקגעבן אַפֿילו איין לעפֿל זופּ אײדער מען האָט אויסגעטיילט צו אַלע רעגיסטרירטע זייערע חלקים. אויב עס וועט בלײַבן... אפֿשר וועט עפּעס בלײַבן.

עס איז נישט געבליבן, עס האָט גאָר אויסגעפֿעלט. די לעצטע אין דער ריי האָבן שוין באַקומען קלענערע פּאַרציעס. די פּאַרטיי־לערס האָבן געטרייסט די באַעוולטע אַז די זופּ אויפֿן באָדעם פֿון קעסל איז געדיכטער און האָט אין זיך מער נאַרונג ווי אַ גרויסע פּאַרציע שיטערע זופּ.

„אפֿשר קאָנט איר אים געבן אַ ביסל רויע גרויפּן אָדער קאַר־טאָפֿל?" בעט איך דעם פֿאַרוואַלטער. „איר זעט דאָך אין וואָס פֿאַר אַ מצבֿ ער איז."

„ס'איז דען מײַנס? אַלע די וואָס נעמען דאָ זופּ זענען אין אַזאַ מצבֿ. ווי מעג איך נעמען זייערס און געבן אים?"

און איך האָב געהאַט אַ רעכט אָוועקצוגעבן אַ האַלב ברויטל? שטראָף איך זיך ווען מיר גייען אַרויס. רעכט־שמעכט, אַ רשע טוט נאָר וואָס איז רעכט און איז נאָך בײַ זיך גערעכט. דער קיך־פֿאַר־וואַלטער יאָגט אונדז אָן אויף די טרעפּ און גיט יאַנקלען אַ פּאַפּירן בײַטעלע: „נעמטס, דאָס איז מײַן אייגנס, אָפּגעשפּאָרט פֿון די באָנעס."

אין דעם בײַטעלע איז פֿאַראַן אַ ביסל צוקער.

„האַלט איר עס,” בעט זיך בײַ מיר יאַנקל.
„וואָס עפּעס?”
„כ׳האָב מורא פֿאַרן כאַפּער, פֿאַר דעם כאַפּער פֿון דער זופּ...”
„זײַט נישט קיין שוטה, יאַנקל.”
„כ׳בעט אײַך.”

איך גיי אַרויף צו יאַנקלען אין שטוב. די קינדער לויפֿן אים אַקעגן צו דער טיר, זיי דערזעען דעם אָראָפּגעלאָזטן ליידיקן טאָפּ. „אַ כאַפּער,” זאָג איך נאָך איידער עמעץ באַוויזט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, „דאָ איז אַ ביסל צוקער.”

„אַ לעק צוקער פֿאַר מיר, פֿאַר די קינדער?” קלאָגט דאָס ווײַב. „ווי היט מען זיך נישט? דו ווייסט נישט אַז לעבן די קיכן לויערן די כאַפּערס?”

„כ׳האָב געוואָלט נעמען נאָר איין שלוק, כ׳זאָל נישט אָוועק־חלשן, און נישט אויפֿגעהערט ביז דער טאָפּ איז געווען ליידיק,” פּלאַצט יאַנקל אַרויס מיט אַ ווידוי.

„דו האָסט אַליין אויפֿגעגעסן די גאַנצע זופּ?” שרײַט אויס דאָס ווײַב און די אויגן קריכן אַרויס פֿון איר געשוואָלענעם פּנים. „מײַן חלק, די קינדערס, אַלץ? אַלץ, האָסטו אַליין אויסגעזשליאָקעט? גזלן! מערדער! ר׳האָט מורא געהאַט ר׳עט חלשן. האָסט נישט קיין מורא אַז אַ קינד ׳עט חלשן? הלוואַי וואָלסטו געחלשט איידער האָסט גענומען דעם טאָפּ צו גיין נאָך דער זופּ. אויפֿפֿרעסן אַ קינדס זופּ איז ווי אויפֿפֿרעסן אַ שטיק פֿון זײַן לײַב, אַ שטיק פֿון זײַן לעבן! וואָס פֿאַר אַ טאַטע ביסטו? וואָס פֿאַר אַ מענטש ביסטו?”

איך לויף אַרויס און איר שרײַען יאָגט מיך נאָך ביז מײַן שטוב, ביז אין גאַס. יאַנקלס שווײַגן באַגלייט מיך צום באַזאַר אויף נאָוואָ־ליפּיע און פֿאַרטויבט די קולות פֿון די הענדלערס וואָס דינגען זיך איבער מײַן זומערפֿאַלטן.

דאָס באַנע־ברויט פֿון דעם „ווײַסן” מאַרק איז שוואַרץ און קלע־פּיק, דאָס ברויט וואָס כ׳האָב געקויפֿט אויפֿן „שוואַרצן” מאַרק איז ווײַס און אויסגעבאַקן און נאַרהאַפֿטיק. דער קיך־פֿאַרוואַלטער וועמען איך האָב חושד געווען אין רישעות האָט אָוועקגעגעבן זײַן צוקער, מעג איך דאָך אַוועקגעבן דאָס האַלבע באַנע־ברויט וואָס ליגט נאָך בײַ מיר אין קרעדענץ.

יאַנקלס ווײַב עפֿנט די טיר. יאַנקל זיצט נאָך אַלץ ווו איך האָב

אים פֿריִער איבערגעלאָזט. איך לייג אַוועק דאָס האַלבע ברויטל אויפֿן טיש לעבן אים, ער בלײַבט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. אויך זײַן ווײַב רירט זיך נישט צו צום ברויט.

„דאָס איז פֿאַר אײַך. איך בין אַ מענטש אַליין און כ'האָב מיר געקויפֿט אַן אַנדער ברויט אין באַזאַר."

די קינדער וועקן זיך פֿון אַ דרימל אָדער פֿון פֿאַרחלשטקייט און זעצן זיך אויף אויף זייערע בעטן. דאָס ווײַב נעמט ענדלעך דאָס ברויט און צעשנײַדט עס אויף פֿענעצער. זי לייגט אַוועק אַ שטיקל אויך לעבן יאַנקלען. יאַנקל בלײַבט זיצן ווי פֿריִער, רירט זיך נישט צו צום ברויט.

„אוי, טאַטע זיסער, וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן! כ'האָב גע־שריגן, געשאָלטן, איר קאָנט מיינען מײַן מאַן איז כ'וויס וואָס. מײַנע צרות האָבן געשריגן. אַז מײַן יאַנקל האָט געטאָן אַזאַ זאַך. אוי, וואָס אויף אונדז איז געקומען!"

יאַנקלס קול ווי עס וואָלט געקומען פֿון אַ קבֿר: „אויפֿן טראָטואַר לעבן דער קיך איז געזעסן ר' שמחה בלײַבוים. פּונקט אַזאַ יחסן ווי איך, גבאי אין גרויסן גערער שטיבל. ער האָט געבעטלט פֿאַר זײַנע קינדער, און איך? איר ווייסט וואָס איך האָב געטאָן, איר ווייסט וואָס איך האָב אָפּגעטאָן!"

דאָס ווײַב האָט ווידער צוגערוקט צו אים דאָס שטיקל ברויט. יאַנקל האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געהײַל ווי אַ פֿאַרוווּנדיקטע חיה.

איך בין אַנטלאָפֿן ווי פֿון אַ שׂרפֿה. איך בין געשפּרונגען פֿון די טרעפּ און דאָס געהײַל האָט מיך נאָכגעיאָגט. איך בין קוים אַרויס אין הויף אָפּכאָפּן דעם אָטעם.

אַ מיסטקלײַבערקע האָט געפֿונען דאָס זויערקרויט וואָס איך האָב אַרויסגעוואָרפֿן. דאָס ערגערע כאַפּט זי אין מויל אַרײַן, דאָס בעסערע קלײַבט זי אין טעפּל אַרײַן אַהיימצונעמען. „משוגענע, משוגענע" — שרײַען די קינדער אין הויף. זי טוט דאָס איריקע ווי זי וואָלט זיי נישט געהערט. ווען זי האָט שוין אַלץ אויפֿגעקליבן, שטעלט זי זיך אויף און ענטפֿערט מיט אַ הייזעריק קול: „משוגענע? אַז משוגע זאָלט עץ ווערן. עץ זאָלט קומען אויף מײַן מעמד, עט עץ וויסן וואָס ס'הייסט משוגע".

אַ פֿרוי שלעפּט זיך אַרײַן אין הויף. איר געשווילעכץ האָט דער־גרייכט אומגעהײַערע פֿאַרמען. איר גאַנצער גוף איז באַדעקט מיט

וואַסערבלאָזן, טייל האָבן אויפֿגעפּלאַצט און אײַטערן. עס שלעפּן זיך נאָך איר צוויי לאַנגע, דינע, אײַנגעטריקנטע קינדער. די פֿרוי בעט: „יידן, בני־רחמנים, האָט רחמנות. דער טאַטע איז אין לאַ־ גער, רעכנט מיך שוין נישט פֿאַר קיין מאַמע. שענקט עפּעס פֿאַר צוויי לעבעדיקע יתומים״.

די קינדער שטייען שטום לעבן דער מאַמען. די אויגן טיף אין קאָפּ זענען מאַט און אָן קאָליר. זיי שטייען אויסגעלאָשענע, אָן כּוחות. זיי וואָלטן גערן געבליבן ליגן אויף זייער באַרע אין „פּונקט״ און נישט געעפֿנט מער די מידע אויגן. אָבער די מאַמע צווינגט זיי צו גיין פֿון הויף־צו־הויף. שלעפּן זיי זיך אויף די סקעלעטן־פֿיס און קוקן אויס די נאַכט זיי זאָלן זיך שוין קאָנען אָוועקלייגן. עמעץ וואַרפֿט אַרויס אַ שטיקל ברויט, זיי קאָנען עס נישט צעקײַען. אַלע ציין אַרויסגעפֿאַלן, און די קינען האָבן נישט קיין כּוח זיך צו באַוועגן.

דרײַ אַ זייגער. דער סטרוזש עפֿנט ווידער דעם טויער. צוויי פּינקערט־יונגען מיט אַ שוואַרץ האַנטוועגעלע. די יונגען הייבן אויף די זעלבסטמערדערין בײַ די הענט און פֿיס, שלײַדערן זי אַרויף אויף דעם וועגעלע און בעטן די שכנים זאָלן זיי העלפֿן בײַ די גלייטמאַנס. גלייטמאַן און זײַן טאָכטער זענען געשטאָרבן פֿון טיפֿוס, אָבער איך גיי מיט די יונגען. אָט איז פֿרוי גלייטמאַן אַפֿילו נישט קראַנק גע־ וואָרן און זי איז דאָך די גאַנצע צײַט געווען מיט די קראַנקע.

די פֿרוי גלייטמאַן זיצט אויף אַ בענקעלע. די אויגן זענען אָפֿן, אָבער זי איז ווי פֿאַרגליווערט. די יונגען טראָגן אַרויס דעם מאַן. זי רירט זיך נישט פֿון דעם בענקל, זי טוט אַפֿילו נישט אַ פּינטל מיט אַן אויג. מיר ווילן נעמען די טאָכטער. די פֿרוי גלייטמאַן שפּרינגט אויף, וואַרפֿט זיך אויף דער ערד און דעקט צו דעם מת מיט איר גוף. „ס׳איז מײַן קינד,״ שרײַט זי, „צי איז געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט אַ טאַטע זאָל מיטנעמען די טאָכטער?!״

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך לייג אַוועק אַ שטיקל ברויט פֿאַר דעם „טרייסטער״. דער טאָג איז שוין באַלד פֿאַרבײַ און ער איז נישטאָ. נעכטן האָט ער קוים געשלעפּט די פֿיס, ווער ווייסט צי ער וועט נאָך קומען. אַנדערע זינגערס און בעטלערס רעכענען אויס זייערע צרות: דער טאַטע איז קראַנק, דאָס ווײַב איז געשוואָלן, די קינדער גייען אויס פֿון הונגער.

דער „טרייסטער" אָבער טרייסט: „ייִדן, וואָס האָט עך אָראָפּגעלאָזט די נעזער, עך מיינט די וועלט גייט שוין אונטער? ס'איז ס'ערשטע מאָל אַז די רשעים פֿאַרנעמען זיך אונדז אומצוברענגען? מיר זע־נען נאָך, ברוך־השם דאָ, וווּ זענען די פּרעהס, נבוכדנאצרס, המנס? ניטע, ייִדן, מע טאָר זיך נישט מיאש זײַן".

דער טרייסטער האָט אויך געזונגען אַ ליד:

„אויב נישט קיין אמונה אין גאָט, ברוך־הוא,
וואָס זשע טויג מיר אַלעס וואָס איך טו?
אויב נישט קיין בטחון אין זײַן גאולה,
לוינט נישט לעבן אַ רגע אַפֿילו.

די המנס קומען און זיי גייען אַוועק,
גאָטס רחמנות איז אָן אַ ברעג.
האָפֿט זשע ייִדן, ווען עס קומט אַ מאָל אַ שטראָף,
ס'פֿאַרלאָזט נישט דער פּאַסטעך זײַנע שאָף.

לעבעדיק, ייִדן, מיר דאַרפֿן קיין בלי־זיין,
זײַן ישועה קומט כהרף־עין.
אַ זמר לאָמיר זינגען, בלײַבט נישט שטום,
אוי, אוי, השם הוא האלוקים!"

פֿאַרענדיקט זײַן ליד און שעמעוודיק געבעטן: „ליבע ייִדן, איך בין נישט געשטאָרבן, חלילה, מײַן ווײַב איז, ברוך־השם, נישט קראַנק, און מײַנע קינדער זענען נישט מער געשוואָלן ווי אַנדערע ייִדישע קינדער. אויב עך האָט אַן איבעריק שטיקל ברויט, וואַרפֿט עס אַראָפּ. אויב עך קאָנט גאָרנישט אָפּשפּאָרן, האָב איך נישט צו ענק, חלילה, קיין טענות. זאָל ענק דער איבערשטער העלפֿן".

דער טרייסטער קומט נישט, צי וועט די טרייסט יאָ קומען? אָט קומט ער. קוים וואָס ער שלעפּט די געשוואָלענע פֿיס, קוים וואָס ער אָטעמט. ער שטעלט זיך אָפּ קעגן מײַן פֿענצטער. זילבער־שטיין גייט פֿאַרבײַ און זאָגט: „שיין זעט אויס די טרייסט, אַז אַזוי זעט אויס דער טרייסטער".

דער טרייסטער וויל דאָס נישט פֿאַרשווײַגן: „ניין, ליבע ייִדן.

אײַער טרייסטער בין נישט איך, אײַער טרייסטער איז דער רבונו־של־עולם אַליין. נחמו, נחמו עמי, יאמר אלוקיכם, און אַז ער וויל, אוי, יידעלעך, אַז ער וויל״...

„זיי האָבן טאַנקען און מיר האָבן טרייסטערס,״ בייזערט זיך זילבערשטיין.

„ביי מיר אין שטוב איז עס געשען,״ ענטפֿערט דער טרייסטער, „אַ שפּין האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג און פֿאַרשפּונען אַ גרויסע נעץ בײַם אָפֿענעם פֿענצטער. אַ פֿליג איז טאַקע באַלד געפֿאַנגען געוואָרן אין דער שפּינבנעץ. וואָס מער די פֿליג האָט זיך געריסן אַרויס, אַלץ מער האָט זי זיך פֿאַרפּלאָנטערט, די פֿיסלעך, די פֿליגעלעך, זי האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס זיך אָפּצוּווערן און די שפּין האָט אַ זיכערע גענומען קריכן צו איר קרבן. אין דער לעצטער רגע, ממש, בין איך אָנגעקומען. איך האָב געגעבן אַ בלאָז און דאָס גאַנצע שפּינוועבס איז זיך צעפֿלויגן. די פֿליג איז געווען פֿרײַ, די שפּין האָב איך צעטראָטן אַז עס איז קיין זכר פֿון איר נישט געבליבן.

„טײַערע, ליבע יידן, זיי האָבן טאַנקען, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. און לא ינום ולא יישן שומר ישראל, אונדזער גאָט שלאָפֿט נישט, ער וואַכט און היט. ער דאַרף נאָר געבן איין בלאָז און אויס מיט זייערע טאַנקען און מיט זייער גאַנצער שוואַרצער גבֿורה. עץ זעט מײַנע פֿיס? זיי זענען געשוואָלן, אָבער כ׳גיי אויף זיי זיכערער ווי אויף אַ טאַנק, איך האָב אַ גוטן אָנשפּאַר, כ׳לען זיך אָן אין דעם אייבערשטן.״

„די קינדער אײַערע קאָנט איר זאָט מאַכן מיט אײַער בטחון?״ רייצט זיך מיט אים זילבערשטיין.

„פֿאַניע, איר האָט געטראָפֿן, מײַנע קינדער זענען הונגעריק. וואָס בין איך עפּעס אַ יחסן בײַ דעם אייבערשטן? עס איז געקומען אַ שטראָף אויף אַלע יידן, בין איך אויך אַבֿרהם אָבֿינוס אַן אייניקל. פּרובירט מיר געבן גאָלדענע בערג איך זאָל מײַן זיידן אײַנטוישן, חלילה, אויף, להבֿדיל, אַ רייכעם אַריער? זאָל דער רבונו־של־עולם מיך שומר ומציל זײַן! ווי זאָגט מען עס? אַ ייד בין איך געווען, אַ ייד וועל איך זײַן און לאָמיר טרינקען ווײַן. עס זאָגט זיך אַזוי ווײַן. דערווײַל טרינקט מען זיך אין צרות, אָבער צום אייבערשטן האָב איך נישט קיין טענות. ער ווייסט וואָס ער טוט, ער ווייסט וואָס ער וויל.״

דער טרייסטער פֿאַרקײַכט זיך אין אַ הייזעריקן הוסט ווען ער

וויל דאַנקען פֿאַר מײַן שטיקל ברויט. קוים וואָס ער שלעפּט זיך אַרויס פֿון הויף.

דער סטרוזש פֿאַרשליסט דעם טויער. ס'איז נאָך ווײַט צו דער פּאָליציי־שעה, אָבער אַז דער טויער איז פֿאַרשלאָסן פֿילט מען זיך זיכערער. אייגענע קלינגען לויט אַן אָפּגערעדטן צייכן, אַז מען דערהערט אַ פֿרעמדן קלונג ווייסט מען אַז מ'דאַרף אָפּרוימען ס'חמץ.

געשטאַלטן שלײַכן זיך איבערן הויף. אַ טייל גייען צום לעצטן אַרײַנגאַנג, אַוודאי אַ געהיימע פֿאַרזאַמלונג בײַ בזשאָזאָווסקין. איך גיי צו שלמהלע גערער דאַווענען מיטן מנין.

שלמהלע שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבער זײַן ענגער קעלער־שטוב. זײַן יינגל, יאָסל, האָט הײַנט זיך אַריבערגעשמוגלט אויף הער אַרישער זײַט. די מוטער איז אַרויס אים אַפּוואַרטן און קומט אויך נישט צוריק. שלמהלע לויפֿט צו צום פֿענצטער, בייגט אַוועק אַ שטיקל פּאַפּיר־ראָלעט און זעט עס איז שוין טונקל אין דרויסן. „יידן, מע דאַרף מקבל שבת זײַן. יאַנקל, ברוך, גייטס עמעץ צו צום עמוד".

ס'איז שוין אָוונט. דאָס קינד איז נישטאָ צוריק, ווער ווייסט וואָס ס'איז דאָרט געשען. קיינער דערוועגט זיך נישט אָנהייבן דאַווענען.

„ס'איז שבת," ענטפֿערט שלמהלע אויף אַלעמענס שווײַגן. ער גייט אַליין צו צום עמוד: „לכו נרננה לאדני, נריעה לצור ישענו".

מע דאַוונט. נאָר לייבל, שלמהס עלטערער זון, גייט אַרויס צום טויער אָפּוואַרטן די מאַמע.

ענדלעך דערהערט מען אַ היימישן קלונג, אַ סקריפּ פֿון טויער. מען לויפֿט איבערן הויף, איבער די טרעפּ צום קעלער. די טיר פּראַלט זיך אויף, שלמהלעס ווײַב פֿאַלט אַרײַן מיט אַ קלאָג: „מײַן יאָסעלע, ווי איז מיר, ווינד איז מיר, מײַן יאָסעלע!"

אַ יינגל וואָס איז געווען צוזאַמען מיט יאָסלען דערציילט: „אַ ביטערע וואָך, נישט מעגלעך געווען אַריבערצוגיין די בראַמע[10] איז מען געגאַנגען צו די דראָטן,[11] איך בין גיך אַריבער, יאָסל — — —"

[10] געטאָ־טויער.

[11] אויף דער צעגלאַנע און קראָכמאַלנע גאַסן איז דער צום צווישן געטאָ און דער אַרישער זײַט געווען פֿון שטעכיקן דראָט.. דעם טייל צוים האָט מען גערופֿן „די דראָטן".

„כ'שטיי קעגן איבער דער בראַמע,״ פֿאַלט שלמהלעס ווײַב אים אַרײַן אין די רייד, „איך קוק צו אים און ער קוקט צו מיר. אַ דרײַסיק טריט סך־הכּל צווישן אונדז, אָבער די זשאַנדאַרן אין דער מיט. ווי זע איך אים שוין אויף דער זײַט, מער לאָז איך אים נישט גיין. ס'עט נישט זײַן צו עסן? עט מען — אויסגיין, אויב דער אין הימל וויל אַזוי. איך קוק מיר אויס די אויגן עפּעס אַ פּלאַצוווקע זאָל אָנקומען צו דער בראַמע, די וואָך זאָל זײַן פֿאַרנומען מיט די פּלאַצוווקאַזשעס, אָבער אַ נעכטיקער טאָג! אַלע ווייסן שוין אַז די זשעלאַזנע ברענט,[12] קיינער קומט נישט צו דעם טויער און דאָס קינד קאָן נישט אַדורך. כ'וואַרט און וואַרט און דערזע ס'ווערט שוין טונקל. ווי איז צו מיר, כ'האָב דאָך נישט לעכט געצונדן. לויף איך שנעל אַהיים לעכט צינדן, אפֿשר אין זכות פֿון הייליקן שבת... כ'קום צוריק צו דער בראַמע, ר'איז נישטאָ. כ'פֿרעג מענטשן: צ'האָט נישט געזען צי אַ ייִנגעלע איז אַדורך? לאַכן זיי פֿון מיר: ס'ברענט אַ פֿײַער! די וואָך האָט זיך געביטן, אָבער ס'איז געקומען נאָך אַן ערגערע. אפֿשר איז ער אַוועק צו די דראָטן. כ'לויף אַהין. יאָסעלע שפּרינגט טאַקע צו די דראָטן. ער וואַרפֿט אַריבער די פּיסלעך. אוי, וואָס וועט שלמה זאָגן, ס'איז שוין אַ שטאָך אין שבת אַרײַן. ווי איז מיר, ס'איז שוין אַ שטאָך אין מײַן האַרץ אַרײַן! די הייזעלעך האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט אין די דראָטן. כ'האָב געוואָלט צולויפֿן האָט דער פּאָליציאַנט מיך צוריקגעשלעפּט. איך זע ווי ס'קינד רײַסט די הייז־לעך פֿון די דראָטן און דער מענטשע[13] האַלט מיך ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען. אַ שאָס. ס'קינד האָט אַ צאַפּל געטאָן, אַ פֿאָך געטאָן מיט די הענטלעך, אַן אונטערגעשאָסן פֿייגעלע.״

שלמהלעס ווײַב פֿאַרגייט אין אַ כּליפֿה. שלמהלע שטייט בײַם טיש אַ געבויגענער. טרערן קײַקלען זיך פֿון די אויגן איבער דער באָרד און פֿאַלן אויפֿן ווײַסן שבתדיקן טישטעך. פּלוצעם גלײַכט ער זיך אויס: „ס'איז שבת״. ער דרייט זיך אויס צום ווײַב: „שבת טאָר מען נישט טרויערן״. שלמהלע גייט צוריק צום עמוד און זינגט מיט אַ געבראָכן קול: „בואי בשלום עטרת בעלה, גם בשמחה ובצהלה״. אַ פֿאַרשטיקט געוויין פֿון זײַן ווײַב באַגלייט די שבתדיקע תּפֿילה.

צען אָוונט. מע קלינגט ווידער אין טויער. אין הויף ווערט

[12] בײַם טויער אויף זשעלאַזנע גאַס איז אַ שלעכטע וואַך.

[13] אַ ייִדישער פּאָליציאַנט.

אימהדיק שטיל, ווער קאָן קלינגען אין טויער ווען מען טאָר שוין נישט גיין אין גאַס?

אַ פּאָר קלינג פֿון אַ גלאָק, דער הויזוועכטער רופֿט אויס: די מיליץ איז געקומען וואָרענען: אַלע די וואָס האָבן באַקומען רופֿ־צעטלען צו גיין אין אַרבעטס־לאַגערן מוזן זיך צושטעלן ביז מאָרגן צוועלף, אַניש׳ וועט מען פֿון יעדן הויף נעמען אַזוי פֿיל וויפֿל ס׳האָבן זיך פֿאַרפֿעלט צוצושטעלן.

אַלע וויסן אַז אַרבעטס־לאַגער מיינט הונגער, שווערע פּראַצע, אַ פֿאַמעלעכער טויט. אַלע פֿאַרשטייען, אויב מע גיט צײַט ביז מאָרגן, מיינט עס אַז מע וועט נאָך הײַנט בײַ נאַכט נעמען פֿון די בעטן. אַ בהלה. אַ געלויף איבער די טרעפּ. איך טו זיך גיך אָן, מע דאַרף זיך באַהאַלטן. איך גיי אַרײַן צו שלמהלע גערער מיטנעמען זײַן זון לייבל.

שלמהלע שפּאַנט ווידער אַרויף און אַראָפּ איבער זײַן שטוב. זײַן ווײַב בעט זיך:

„לויף, לייבל קרוין. דו האָסט באַקומען אַ פּאַוואָליאַניע, דיך וועט מען דעם ערשטן כאַפּן. לויף גיך, באַהאַלט זיך.״

שלמהלע שטעלט זיך אָפּ לעבן לייבלען, לייגט אַרויף די האַנט אויף דעם זונס אַקסל:

„לייבל, דו האָסט באַקומען אַ רופֿצעטל. אַז דו וועסט זיך באַ־האַלטן וועלן זיי נעמען אַן אַנדערן אויף דײַן אָרט. אין אַזאַ פֿאַל האָט רבֿא געזאָגט „מה חזית דדמיך סמיק טפֿי״, פֿאַר וואָס זאָלסטו מיינען אַז דײַן בלוט איז רויטער און חשובֿער ווי דאָס בלוט פֿון אַן אַנ־דערן ייִד.״

„הער אים נישט, לייבל, יאָסעלע איז נישט געזונט? באַהאַלט דיך, לייבל־קרוין!״

„לייבל, דער אייבערשטער פּרוווט אונדז מיט שווערע נסיונות. ס׳איז מלחמת גוג־ומגוג. מ׳זעט דאָך באַשײַמפּערלעך אַז דאָס זענען די חבֿלי־גאולה. אַז דער אייבערשטער וועט וועלן, עט מען דערלעבן בן־דוידן, אַז, חלילה נישט, וועט נישט העלפֿן קיין באַהאַלטן זיך. פֿאַר וואָס אויסגיין מיט אַ מיתה־משונה ווען מען קאָן האָבן די זכיה צו גיין אויף קידוש־השם?״

„ג ז ל ן!״ שרײַט שלמהלעס ווײַב און רײַסט די האָר אונ־טער איר קאָפּטיכל, „דאָס לעצטע קרישל קינד! באַהאַלט דיך, לייבל! האָב רחמנות אויף דײַן עלנטער מאַמע!״

„מאַמעשי, ווײַן נישט, מאַמעשי. אַבֿרהם אָבֿינו האָט געפֿירט יצחקן צו דער עקדה און אין דער לעצטער רגע האָט דער אײ־בערשטער מותּר געווען אויף דעם קרבן. דער רבונו־של־עולם איז אַ קאֵיל רחום וחנון, מאַמעשי."

„געלויבט השם יתברך אַז איך האָב זוכה געווען דיך צו זען אַזעלכן. שטעל זיך אויף, ברײַנע, פֿאַר אונדזער זון רבי לייבל, און לאָמיר אים בעטן ער זאָל אונדז בענטשן."

„שלמה, שלמה, כ'בין אַ פּשוטע אשה. כ'האָב מורא, שלמה," העשעט דאָס ווײַב.

שלמה נעמט אַרויס אַ גמרא און זעצט זיך מיט לייבלען בײַם טיש.

„תּנו רבנן, די רבנן האָבן געלערנט: איין מאָל האָט דאָס רשעותדיקע מלכות גוזר געווען אַז ייִדן זאָלן נישט עוסק זײַן אין תּורה. פּאַפּוס בן־יהודה איז געקומען און געפֿונען ר' עקיבאַן ווי ער נעמט צונויף קהל און איז מיט זיי עוסק אין דער תּורה. 'עקיבֿא, דו האָסט גאָר נישט קיין מורא פֿאַר מלכות?' האָט פּאַפּוס געפֿרעגט..."

די מאַמע זיצט אין אַ ווינקל און דערוועגט זיך נישט צו ווײ־נען אויפֿן קול. שלמהלע און לייבל וויגן זיך מיט דבֿקות איבער דער גמרא. איך שטיי נאָך אַלץ אין דער טיר פֿאַרגליווערט אין שטוינען. מיר דאַכט זיך, שלמהלע רעדט צו מיר מיט די ווערטער פֿון דער גמרא:

„...ס'איז פֿאַרבײַ נאָר אַ קורצע צײַט, מ'האָט אַרעסטירט פּאַפּוסן, מ'האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער זעלביקער קאַמער וווּ ס'איז שוין געזעסן ר' עקיבֿא. פּאַפּוס האָט געזאָגט: 'וואויל איז דיר ר' עקיבֿא וואָס דיך האָט מען אַרײַנגעזעצט איבער דער תּורה. ווײ צו פּאַפּוסן, מען האָט אים סײַ־ווי אַרײַנגעזעצט איבער פּוסטע זאַכן...'"

חצות. מיר ליגן, אַלע יונגע מענער פֿון הויף, צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ קליינעם קעלער. די נאַכט איז שרעקלעך לאַנג. פֿון דער הייך דערטראָגט זיך דאָס געוויין פֿון אַ קינד און דער טרויעריקער גמרא־ניגון פֿון שלמהלע גערער און זײַן זון.

געטאָ־וואַרשע 1942 — מאָנטרעאָל 1970

מישפט מיך*

1.

די קאַלייקע איז געלאָפֿן פֿון אָטוואָצק קיין וואַרשע. דער קאָנ־דוקטאָר האָט אויסגערופֿן נעמען פֿון באַקאַנטע סטאַציעס, עטל האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ בלאַנקען בליק. „דוד קומט,” איז פֿון צײַט צו צײַט אָנגעלאָפֿן אַ געדאַנק. אַנגעלאָפֿן און פֿאַרבײַגעפֿלויגן צוזאַמען מיט די שטיקער וואַלד, גרינע לאָנקעס, און ווײַסע ווילעס אויף יענער זײַט פֿענצטער. במשך קנאַפּע פֿינף יאָר האָט אַזאַ גע־דאַנק אָנגעיאָגט אַ רויטקייט אויף אירע באַקן, אָנגעצונדן אַ גלי אין אירע אויגן. נאָר צוליב דעם האָט זי זיך געקלאַמערט אין לעבן. זי פֿאַרט איצט באַגעגענען דודן. זי האָט געחלומט וועגן דעם יעדן טאָג, יעדע נאַכט. איצט קאָן זי נישט אויסקייטלען פֿון דעם אַ גאַנצן געדאַנק, אויסמאָלן זיך אַ גאַנץ בילד. „דוד קומט” קלינגט איצט ווי „סטאַציע יוזעפֿאָוו”. איינס, האָט אויסגערופֿן דער קאָנ־דוקטאָר, דאָס אַנדערע — — האָט טאַקע עמעץ אויסגערופֿן דאָס אַנדערע? ביידע זענען אין איין אויער אַרײַן, דורכן צווייטן אַרויס, און איבערגעלאָזט אַ צוג־ווינט אין איר קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער שטילקייט פֿון פֿאַרטאָג האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז די שטאָט איז אויסגעשטאָרבן. די חורבֿע הײַזער האָבן געקוקט אין גאַס מיט אויסגעברענטע פֿענצטער־לעכער. די באַוווינטע הײַזער זענען אויך געווען פֿול מיט לעכער, די פֿענצטער אָן שויבן. אין דעם טונקל פֿון פֿאַרטאָג האָט זיך אַלץ צונויפֿגעגאָסן אין איין גרויסער שוואַרצער חורבֿה. עטל איז נישט געווען אין וואַרשע זינט פֿאַר דער מילחמה. זי האָט נישט דערקענט די גאַסן, נישט

---

* צוערשט געשריבן געוואָרן ווי אַ דראַמע. איבערגעזעצט געוואָרן אויף שפּאַניש דורך פֿעדראָ אַבערשטיין, און אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך מאַקס בער־לינער אין 1957, אין אַרטעאַ טעאַטער אין בוענאָס אײַרעס.

געוווסט ווו אײַן, ווו אויס. זי האָט פּרובירט זוכן אַ שילדל מיטן נאָמען פֿון דער גאַס און נישט געקאָנט געפֿינען. אַ מילך־וואָגן איז געקומען אַרויסצופֿאָרן פֿון אַ זײַטיק געסל. דער געקלאַפּ פֿון די רעדער אויפֿן ברוק, דאָס קלינגען פֿון די מילך־קאַנען האָט פֿאַרהילכט דעם אַרום. עטל איז אָקעגן געלאָפֿן דעם וואָגן. „העי, פֿאַניע, ווו איז דאָ די טאַרגאָווע גאַס?"

„אַ באַ יאַ וויעם, איך ווייס דען," האָט געענטפֿערט דער פֿור־מאַן מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן קול. דאָס קלינגען פֿון אַ טראַמוויַ־גלאָק האָט זיך דערטראָגן ווי אַ גרוס פֿון אַלטע צײַטן ווען די רויטע טראַמווײַען האָבן זיך געגליטשט איבער גאַסן פֿול מיט טומלדיקע מענטשן, און אַלץ אַרום האָט געווימלט מיט לעבן. דאָס קלינגען איז געקומען וואָס אַ מאָל נענטער. פֿון דער גרויקייט האָט זיך אַרויס־געשיילט אַן אײַנגעקנייטשטער, פֿון קוילן צעלעכערטער טראַמ־וויַ, און פּאַמעלעך זיך פֿאַרהאַלטן בײַם ראָג. עטל איז אַרײַנגעי־שפּרונגען. „כ'וויל פֿאָרן צו דער טאַרגאָווע גאַס," האָט זי געזאָגט דעם קאָנדוקטאָר. „די פּאַני איז אויף דער טאַרגאָווע גאַס," האָט ער געענטפֿערט. עטל האָט באַוויזן אַרויסצושפּרינגען נאָך איידער דער טראַמווײַ האָט געריררט פֿון אָרט. זי האָט גענומען זוכן דעם הויז־נומער וואָס זי דאַרף, אָבער נישט געווען קיין נומערן בײַ די הײַזער. פֿאַרבײַגייער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווײַזן אין גאַס. זי האָט געזוכט דעם ייִדישן קאָמיטעט, אָבער האָט מורא געהאַט צו פֿרעגן. אין אַ טונקעלער, כמעט ליידיקער גאַס אויסזאָגן אַז זי איז אַ ייִד?

איינער פֿון די פֿאַרבײַגייער האָט אויסגעזען ווי אַ ייִד. זי איז צוגעלאָפֿן צו אים: „עמך?"

„עמך," האָט יענער געענטפֿערט שטיל מיט דעם ייִדישן פּאַראָל, און זיך אַרומגעקוקט צי קיין זײַטיקער האָט נישט געהערט.

„ווו איז דאָ דער ייִדישער קאָמיטעט?"

„וועלכער קאָמיטעט?"

„דער ייִדישער."

„דער צענטראַל קאָמיטעט? דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט? דער שטאָטישער?"

„כ'האָב נישט געוווסט אַז פֿאַראַן אַזוי פֿיל קאָמיטעטן. עס דאַרף הײַנט אָנקומען אַן עשאַלאָן, איר ווייסט ווו?"

„אַן עשאַלאָן מיט צוריקגעקומענע פֿון רוסלאַנד? די ברענגט

מען צום שטאַטישן קאָמיטעט. אָט דאָרט איז עס, דאָס צווייטע הויז פֿון ראָג."

עס האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז אַ באַאַמטער איז געקומען און געעפֿנט דאָס ביוראָ. „יאָ," האָט ער פֿאַרזיכערט עטלען, „דער עשאַלאָן איז שוין אָנגעקומען אויפֿן מיזרח־וואָקזאַל."

ערשט מיטיק־צײַט האָבן עטלעכע לאַסט־אויטאָס זיך פֿאַרהאַלטן בײַם טויער. די טיר האָט זיך אויפֿגעפּראַלט. די שטוב איז פֿול געוואָרן מיט גערויש. עטל האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און צוערשט געזען נאָר זעק און רוקזעק. זי האָט פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן די אויגן און געזען ווי ער איז אַריבער די שוועל. זי איז געבליבן זיצן שטיל מיט אַ פֿאַרהאַקטן אָטעם.

„דוד בוים! איז דאָ פֿאַראַן אַ דוד בוים פֿון אָטוואָצק?" האָט דער באַאַמטער געפֿרעגט.

„איך בין דוד בוים," האָט זי געהערט דודס ענטפֿער. זי איז געבליבן זיצן. די קני האָבן געציטערט.

„אַ פֿרוי האָט זיך געפֿרעגט אויף אײַך. זי מוז דאָ ערגעץ זײַן. אָט דאָרטן אויף דער באַנק."

עטלס קני האָבן אויפֿגעהערט ציטערן, זי איז געבליבן זיצן פֿאַרשטײַפֿט.

„עטל!" ער האָט זי אַרויפֿגעשלעפּט צו זיך, זי איז געבליבן הענגען אין זײַנע אָרעמס ווי פֿאַרחלשט.

„עטל, עטעלע, אַזאַ נס!"

אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ נעץ רויטע אָדערלעך. די טרוקענע ליפּן האָבן אַ פּלאַטער געטאָן, צוערשט אָן קול. זי האָט דאָך באַוויזן צו באַוועגן איר שטײַפֿע צונג: „קום דוד."

דוד האָט נאָך באַדאַרפֿט אונטערשרײַבן פּאַפּירן. עס האָט גענומען אַ ווײַלע ביז ער איז צוריקגעקומען צו איר.

„אַזאַ נס, אַזאַ נס. דערצייל מיר אַלץ. ניין, נאָך נישט איצט. לאָמיר זיך נאָר פֿרייען. אינדערהיים... דו האָסט צוריקגעקראָגן אונדזער דירה, יאָ?"

אַרויסגעקומען אין גאַס האָט עטל צוגעפֿירט דודן צו אַ באַנק.

„מיר גייען נישט צו דער קאַלייקע?" האָט דוד זיך געוווּנדערט.

„זעץ דיך, דוד." עטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק.

„דו ביסט מיד, עטעלע? איך אויך. אָבער איך חלש שוין צו זײַן מיט דיר אין אונדזער היים."

„מיר מוזן רעדן — איך מוז רעדן. דו זעץ זיך און הער, כ׳בעט דיך, דוד. איך האָב אַ סך צו זאָגן, דו זאָלסט מיר נישט איבער־רײַסן. הער ביזן סוף, דערנאָך — —״

„עס איז אונדז געשען אַ נס, עטעלע. לאָמיר אַהיימפֿאָרן און זיך פֿרייען. אין דער היים וועט דיר לײַכטער זײַן צו דערציילן.״

„כ׳קאָן נאָך נישט אַהיימפֿאָרן. כ׳בעט דיך, דוד, לאָז מיך רעדן כּל זמן איך קאָן...״

דוד איז געבליבן זיצן דערשראָקן. עטל האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גענומען דערציילן, שטיל, מיט אַ געענדערט קול, ווי עס וואָלט געקומען נישט פֿון דער קעל נאָר טיפֿער, פֿון ערגעץ זייער טיף...

עטל האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די ערשטע טעג מלחמה. איר קול, מער ווי אירע רייד, האָט אָנגעיאָגט אַ פֿראָסט אויף זײַן לײַב. אַז דער שווער און שוויגער זענען נישטאָ ווייסט ער שוין פֿון אירע בריוו, איז דאָס נישט אַלץ? ער האָט פֿאַרקלאָמערט די האַנט־פֿלאַכן אין דער באַנק אויף וועלכער ער איז געזעסן, ווי די באַנק וואָלט געהאָנגען איבער אַן אָפּגרונט. אירע ווערטער זענען אַרויסגעקומען איינטאָניק ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעגאָסן פֿון איר אין אַ שטילן פֿלוס. זײַן האַרץ קלאַפּט אַזוי הויך, און ער מוז דער־הערן דעם שטילסטן פֿלאַטער פֿון איר קול.

2.

באַלד דעם ערשטן טאָג מילחמה איז געפֿאַלן אַ באָמבע אין אָטוואָצק. ערשט נעכטן האָבן אַלע געזאָגט, אַז עס וועט קיין מילחמה נישט זײַן און דאָ האָט מען שוין געפֿירט צום בית עולם די ערשטע קרבנות. דער מאַרשאַל רידז־שמיגלי האָט פֿאַרזיכערט דורך ראַדיאָ: „מיר זענען שטאַרק, אַנטשלאָסן, און גרייט!״ באַלד איז אויך די ראַדיאָ־סטאַציע פֿאַרשטומט געוואָרן. ידיעות אַז דאָס פּוילישע מי־ליטער האָט שוין אײַנגענומען דאַנציק און קעניגסבערג. אַנדערע ידיעות אַז דער שונא נעמט שטאָט נאָך שטאָט. אָט איז געקומען אַ בשורה: „די גאַנצע זיגפֿריד־ליניע ברענט! לכתחילה האָט מען נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט דער זיגפֿריד־ליניע, די קוילן זע־נען צוריקגעשפּרונגען, אַפֿילו נישט באַשעדיקט די פֿאָרטיפֿיקאַציעס, אָבער גיך האָט מען זיך געכאַפּט אַז אַלץ איז געמאַכט פֿון גומע. מען האָט אַראָפּגעוואָרפֿן עטלעכע ברען־באָמבעס און די גאַנצע ליניע

איז איין שׂריפה... זיי וועלן שוין איצט גיך אײַננעמען אַ מיתה משונה.״

און דאָ גאָר איז די שטאָט פול געוואָרן מיט פּליטים. פּליטים פון קאַליש, פון לאָדזש. די פּליטים האָבן דערציילט: „זיי ראַבע־וועט און רצחנען. יעדער בוים — אַ תּליה. יונגע מענטשן דאַרפן אַנטלויפן צו מיזרח צו. מע דאַרף זײַן אַ ביסל ווײַטער פון זיי, די ענגלענדער און די פראַנצויזן זאָלן באַווײַזן אָנצוקומען פריִער ווי די דײַטשן.

„אפשר וועסט דו אויך אַוועק?״ האָט עטל געפרעגט דודן.

„ווי לאַנג וועט עס דען דויערן?״ האָט ר׳ שלמה, דער שווער, געזאָגט. „ענגלאַנד און פראַנקרײַך זענען שוין אַרײַן אין מילחמה. מע וועט אים צעמורשטשען, דעם המן, אַז קיין זכר וועט פון אים נישט בלײַבן.״

דוד וואָלט אפשר געבליבן ווען נישט די שוויגער. זי האָט געוואָרנט: „זיי האָבן ביי יענער מילחמה אויך גענומען די יונגע מענער, בפרט די עמלקים, די נאַציס.״ זי איז געלאָפן אין שטאָט אַרײַן אײַנשאַפן פאַר דודן מלבושים פאַרן וועג. זי איז צוריקגעקומען מיט שלעכטע נײַעס: „זיי דערנענטערן זיך. ס׳איז די לעצטע מינוט. גיי דוד!״

דוד האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שוויגער און זי נישט דערקענט. דאָס פּנים מיט שאַרפע קאַנטן, די הויט גערינצלט, אויף דער שפּיץ־גאָמבע — עטלעכע שטײַפע האָר. אַזוי האָט ער זי געזען ווען דער שווער האָט, נישט הײַנט געדאַכט, געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע. ער איז נאָך נישט געווען זיכער צי ער זאָל טאַקע גיין, אָבער ער ווייסט, איצט וועט גאָרנישט העלפן. ווען די שוויגער איז אַזוי ווי איצט, קאָן זיך קיינער איר נישט אַקעגנשטעלן.

דוד האָט אויסגעטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע, דאָס רונדיקע יידישע היטל. ער האָט אָנגעטאָן אַ קורץ רעקל און אַ ׳מאַטשעיוווקע׳. לאַנגע הויזן און אַ שניפּס האָט ער סײַ ווי געטראָגן.

עטל האָט געוואָלט מיטגיין.

„ס׳אַ סכנה פאַר אַ יונג ווײַבל אין אַזעלכע צײַטן אויף די וועגן,״ האָט זיך אַרײַנגעמישט שׂרה.

„און דאָ איז נישט קיין סכנה?״

„זיי זענען רוצחים, אָבער דאָך דײַטשן; ׳ביטע שעהן׳, ׳דאַנקע שעהן׳ — קיין פרוי וועלן זיי נישט טשעפּען.״

„וועסט, אם ירצה השם, נאָך צוריק זײַן אויף ימים נוראים, פֿונדעסטוועגן קאָן מען ווינטשן אַ כּתיבה וחתימה טובה," האָט ר׳ שלמה געזאָגט.

„אַ כּתיבה וחתימה טובה, און דער איבערשטער זאָל דיך באַשירמען פֿון בייז און צוריקברענגען בשלום," האָט שרה צוגעווונטשן.

דוד איז צוגעגאַנגען צו עטלען. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. די טרערן האָבן גענומען פֿליסן פֿון זײַנע אויגן. עטל איז געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט.

ער האָט געמיינט עטל וועט אים נישט לאָזן אַוועק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מישפּחה? די שוויגער מיט דעם האַרטן פּנים, מיט די שטײַפֿע האָר אויף דער גאָמבע, און עטל שווײַגט.

„ס׳דאַרף בלײַבן אַ מאַן אין שטוב," האָט דוד פּרובירט זיך אָפּבעטן.

„איך בלײַב," האָט ר׳ שלמה זיך אויפֿגעשטעלט און ער האָט עפּעס אויסגעזען העכער ווי שטענדיק. אין זײַן הויך געשטאַלט און לאַנגער באָרד איז טאָקע עפּעס געלעגן אַ גבֿורה.

„גיי לחיים ולשלום," האָט ר׳ שלמה געזאָגט. „איך וועל זי היטן ווי אַ טאַטע און באַשירעמען ווי אַ מאַן."

דוד האָט נאָך אַלץ געוואַרט עמעץ זאָל אים צוריקהאַלטן, אָבער פּלוצעם האָט די ערד גענומען ציטערן, אין דער לופֿט האָבן זיך צעטראָגן געדעמפּטע קולות פֿון ווײַטע אַרטילעריע־שאָסן.

דודן האָט אַרומגעכאַפּט אַן אײַלעניש, ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון עטלס אָרעמס און געכאַפּט דעם רוקזאַק וואָס די שוויגער האָט געהאַט צוגעגרייט. ער האָט קוים געפֿונען די טיר און אַרויסגעלאָפֿן אַן אָטעם.

„מאַמע, כ׳וועל אים נאָך זען?" האָט עטל געפֿרעגט און טרערן האָבן גענומען שטראָמען פֿון אירע אויגן.

„מיטן אויבערשטנס הילף, טאָכטער."

3.

אַרטילעריע האָט באַשאָסן די שטאָט אַ גאַנצע נאַכט. פֿאַרטאָג האָט זיך געהערט אַ גערויש פֿון מאָטאָרן. באַהעלמטע דײַטשן אויף מאָטאָרציקלען זענען ווי רוחות אַרײַנגעפֿלויגן אין שטאָט. די פּאַליאַקן האָבן איינציקווײַז זיך גענומען אַרויסשלײַכן אין די גאַסן

אַרײַן, די ייִדן זענען געזעסן אין די שטובן אונטער פֿאַרמאַכטע לאָדנס. שיסערײַען האָבן אויפֿגעהילכט אַלעמאָל אין אַן אַנדערן עק שטאָט.

„זיי נעמען ייִדישע ערובֿניקעס,״ האָט אַ גויִשקער שכן גע־בראַכט אַ ידיעה צו די גאָלדבערגס. שׂרהס פּנים איז געוואָרן עקיק, עס האָבן זיך אויסגעשטעלט די האָר אויף איר גאָמבע. זי האָט אויפֿגעצאַפּלט איטלעך מאָל ווען טריט האָבן זיך דערנענטערט צו זייער הויז. עטל איז געזעסן אין אַ ווינקל, געבראָכן די פֿינגער פֿון די הענט. ר׳ שלמה איז געשטאַנען מיטן פּנים צו די פּאָליצעס ספֿרים וואָס אויף מיזרח־וואַנט, זיך געוויגט אין אַ תּפֿילה.

„דער זכות פֿון דער הייליקער תּורה וואָס ליגט דאָ באַהאַלטן זאָל אונדז בײַשטיין,״ האָט שׂרה אויסגעוויינט מיט אַ תּחינה־ניגון. אויב זיי האָבן אַ היגן עצה־געבער, וועלן זיי, חלילה, נעמען שלמהן, האָט שׂרה געיאָמערט אין זיך, מורא געהאַט עס אַרויסצוברענגען פֿאַר די ליפּן. ר׳ שלמה איז געווען פֿון די אָנגעזעענסטע ייִדן אין שטאָט.

די ליכט־שטרײַפֿן אין די לאָדן־שפּאַלטן האָבן זיך אויסגעלאָשן. ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. טריט פֿון פֿאַרבײַגייערס האָבן אויפֿגע־הילכט און פֿאַרשוווּנדן. די לעצטע טריט האָבן זיך דערווײַטערט און זענען אויסגעגאַנגען. די גאַס איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אַ שטילקייט. נאָר זעלטן האָט דער עכאָ פֿון אַן איינצעלנעם שאָס זיך דערקייקלט איבער די שטילע גאַסן.

„עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל,״ האָט ר׳ שלמה פֿאַרענדיקט די שמונה עשׂרה פֿון מעריבֿ און זיך אַ ביסל באַרויִקט. „געלויבט דער אייבערשטער, דער טאָג איז אַדורך בשלום.״ שׂרה האָט דערלאַנגט נאַכט־עסן. מען האָט געקײַעט אָן אַפּעטיט.

שווערע זעלנערישע טריט האָבן פּלוצעם אויפֿגעהילכט אין דער גאַס. שׂרה איז אויפֿגעשפּרונגען, געוואָרן אײַן שטיק געהער.

„אַ נאַכט־פּאַטראָל,״ האָט ר׳ שלמה געפּרוּווט באַרויִקן.

די טריט זענען געקומען וואָס אַ מאָל נענטער.

די טריט זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען, אַוועק ווײַטער.

„אַ נאַכט־פּאַטראָל,״ האָט ר׳ שלמה איבערגעחזרט, און לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

די טריט האָבן גענומען קומען צוריק.

„אַ נאַכט־פּאַטראָל," האָט ר׳ שלמה געוואָלט זיך אַליין באַ־רויִקן.

די טריט האָבן זיך אַ רגע געדרייט אַרום דעם הויז, באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר.

שׂרה האָט געוויזן ר׳ שלמהן ער זאָל אַרײַן אין די ווײַטערדיקע שטובן. ר׳ שלמה האָט געוויזן אויף עטלען. עטל האָט זיך נישט גע־רירט פֿון אָרט. שׂרה איז אויף די שפּיץ־פֿינגער צוגעגאַנגען צו עטלען, אַרײַנגעפֿירט זי אין אַ ווייטערדיקער שטוב, פֿאַרמאַכט נאָך איר די טיר.

דאָס קלאַפּן אין טיר איז געוואָרן האַסטיקער: „אויפֿמאַכן! אַבער שנעל!"

עס זענען אַרײַנגעפֿאַלן צווי דײַטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, נאָך זיי, יוזעק, דעם קוימען־קערערס זונדל.

„באַגאַטי זשידעק," אַ רײַכער יִדל, האָט יוזעק געוויזן אויף ר׳ שלמהן.

„דאָס גאָלד, שמוק, אַלעס הערגעבן!" האָט אַ דײַטש באַפֿוילן.

ר׳ שלמה האָט אויסגעטאָן און אַוועקגעגעבן זײַן גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט. שׂרה האָט אַראָפּגעצויגן אַ רינגל פֿון פֿינגער און עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

„אַלעס הערגעבן! דאָס געלט ווו האַסטו?"

ר׳ שלמה האָט אַרויסגערוקט אַ שופֿלאָד, דער דײַטש האָט אַרויסגענומען געלט און מער צירונג.

„ווו האַסטו מער?"

„כ׳האָב נישט מער," האָט ר׳ שלמה געענטפֿערט.

„הערלעבן, מיר האָבן שוין אַלץ געגעבן," האָט שׂרה פֿאַרזיכערט דעם דײַטש.

„באַגאַטי, אַ רײַכער זשידעק," האָט יוזעק זיך אַרײַנגעמישט.

דער דײַטש האָט אַ ווײַז געטאָן אויף די ספֿרים־שענק: „וואַן דו געלט האַסט סאָפֿיל ביכער צו קאַופֿן, האַסט דו אַוך פֿיל שמוק געקאַופֿט. וואָר איסט דאַס?"

„וויר פֿינדען דאַס שאָון," האָט דער צווייטער דײַטש געזאָגט און גענומען זוכן איבער דער שטוב.

זיי האָבן אויפֿגעריסן שופֿלאָדן און זיי אויסגעליידיקט אויף דער ערד. אַראָפּגעשלײַדערט די ספֿרים פֿון די פּאָליצעס און באַקלאַפּט די ווענט מיט די ביקסן־קאָלבעס. איין דײַטש האָט געפֿונען אַ טירל

אין דער וואַנט. „וואָס האָסטו היער פֿאַרשטעקט?" ר׳ שלמה האָט אויפֿגעשלאָסן דאָס טירל, דער דײַטש האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ספֿר תּורה. „די טאָראַ, די הייליקע שריפֿט," האָט ר׳ שלמה געזאָגט און אויסגעשטרעקט די הענט עס צו נעמען.

„ניכטס הײַליקעס בײַ יודן!" האָט דער דײַטש אַ געשריי געטאָן און אַ וואָרף געטאָן די ספֿר תּורה צו דער ערד. ר׳ שלמה האָט געוואָלט אויפֿהייבן די תּורה, דער דײַטש האָט אויסגעשטרעקט צו אים די ביקס.

דער צווייטער דײַטש איז צוגעקומען, אויפֿגעהויבן די ספֿר תּורה, אַראָפּגעריסן דאָס מענטעלע און די ווימפּלען. אַן עץ החיים איז אַראָפּגעפֿאַלן, יריעות האָבן זיך אָפּגעוויקלט. ר׳ שלמה האָט ווידער זיך אַ ריס געטאָן עס אויפֿצוהייבן. שׂרה האָט אים צוריקגעהאַלטן. דער דײַטש האָט אַלץ אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד, און אַזש זיך צעשמייכלט ווען ער האָט געזען ווי דער ייִד קורטשעט זיך אין יסורים. „טרעט דאָס צו!" האָט ער באַפֿוילן.

ר׳ שלמה האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

דער צווייטער דײַטש האָט אָנגעשטעלט אויף אים די ביקס: „טרעט דאָס צו! שפּײַ אױף דיזן שײַס אונד טרעט דאָס צו!"

ר׳ שלמה האָט זיך אַלץ נישט גערירט פֿון אָרט. שׂרה האָט זיך גענומען בעטן בײַם דײַטש: „דאָס איסט די טאָראַ, מײַן מאַן איז רעליגיעז. זי גלאַובן דאָך אין גאָט."

דער דײַטש איז געוואָרן צונטער רויט פֿון כּעס. „שפּײַ און טרעט דאָס צו. איך באַפֿעלע דיך!"

„הערלעבן האָבן זי ראַכמאַ — — מיטלײַד," האָט שׂרה נישט אויפֿגעהערט בעטן. דער דײַטש האָט אַ קאָפּע געטאָן ר׳ שלמהן. ר׳ שלמה איז געפֿאַלן. „שטיי אױף!" האָט דער דײַטש געשריגן נאָך העכער.

ר׳ שלמה האָט זיך אויפֿגעשטעלט. שׂרה האָט נישט אויפֿגעהערט בעטן: „הער אָפֿיציר, ער האָט אַ שוואַך האַרץ."

„יודן האָבן קײַן הערץ. טרעט דאָס צו!"

די טיר פֿון דער אַנדערער שטוב האָט זיך אויפֿגעפּראַלט, עטל איז געקומען אַרײַנצולויפֿן.

„זע, יאַ, דאָס איסט עטוואָס," האָט דער אַנדערער דײַטש אויסגערופֿן און גענומען זיך דערנענטערן צו עטלען. ר׳ שלמה האָט אַ לויף געטאָן און זיך געשטעלט צווישן דײַטש און עטלען. „אַך דו

יודנהונט!" האָט דער דײַטש אַ געשריי געטאָן און דערלאַנגט ר' שלמהן מיט דער ביקסן־קאָלבע איבערן קאָפּ.

ר' שלמה האָט אַ זינק געטאָן אַראָפּ, בלוט אויפֿן שטערן. ער האָט זיך באַמיט אויפֿהייבן און צוריק אַוועקגעפֿאַלן פֿאַרחלשט.

„די יודן האָבן קריג געוואָלט, האָבן די עס," האָט דער אַנדע־רער דײַטש געזאָגט און זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. „פֿאַרפֿלוכ־טע!" האָט דער שלעגער אַרויסגעסיטשעט פֿון צווישן די ציין. און זיי זענען אַרויס.

„שטאַרק זיך שלמה, דער דאָקטאָר זאָגט ס'איז גאָרנישט. נאָר אַ לײַכטע אַטאַקע. דו וועסט עס מיטן אייבערשטנס הילף איבער־קומען. דער דאָקטאָר זאָגט ס'איז לײַכטער ווי די ערשטע אַטאַקע. דו דאַרפֿט זיך נאָר שטאַרקן. שטאַרק זיך, שלמה, ס'איז גאָרנישט." אַזוי האָט שׂרה אַרײַנגערעדט אין שלמהן ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן פֿאַר אַ ווײַלע, און אַפֿילו ווען זיי זענען געווען געשלאָסן. דעם דריטן טאָג, מיטיק צײַט, האָט ער ווידער געעפֿנט די אויגן און געעפֿנט אויך דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן. פּלוצעם, די אויגן פֿאַרגלייזט און אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מאָדנעם שנאָרכן. „מענטשן ראַטעוועט! יִדן ראַטעוועט!" האָט שׂרה זיך צעשריגן און עטל איז געלאָפֿן רופֿן שכנים, רופֿן דעם דאָקטאָר. נאָך איידער דער דאָק־טאָר איז געקומען האָט אַ מאַן פֿון דער חברה קדישא אויסגערופֿן: „ברוך דיין אמת!"

אַ גרויסער עולם האָט זיך געהאַט פֿאַרזאַמלט צו דער לוויה. אַ קלייניקייט, ר' שלמה גאָלדבערג! גראַד האָבן דייטשן זיך אַרויס־געלאָזט אין די גאַסן כאַפּן יִדן צו דער אַרבעט, און אַלע זענען זיך צעלאָפֿן. מען האָט געמוזט וואַרטן ביז פֿאַרנאַכט. שׂרה איז גע־זעסן און געוויגט זיך הין און צוריק. זי האָט מער נישט געשריגן, זי האָט אַפֿילו נישט געהערט ווען מען האָט פּרובירט רעדן צו איר. שלמה איז געבליבן מיט איר דריי טעג נאָך יענער פֿינצטערער נאַכט. זי האָט פּרובירט אים אײַנרעדן אַז ס'איז גאָרנישט, אַז ס'איז אים שוין בעסער, אָבער דעם עיקר האָט זי נישט געזאָגט. ווו איז גע־ווען איר שׂכל? שלמה איז איצט דאָרט ווו אַ לעבעדיקער מענטש קאָן נישט אָנקומען. שלמה איז אין די היכלות ווו מע פֿירט אָן מיט דער וועלט, און זי האָט נישט באַוויזן אים אָנצוזאָגן ער זאָל פֿון אויבן האַלטן אָן אויג אויף זײַן בת יחידה, ער זאָל דאָרט דער־וועקן רחמים און באַשיצן זייער עלנד קינד.

בײַם אָפֿענעם קבֿר האָט שׂרה זיך ווידער צעשריגן: „זאָל די ערד דיר גרינג זײַן, שלמה. זאָלסט זײַן אַ מליץ יושר פֿאַר אונדז און פֿאַר אַלע ייִדן. זאָלסט פֿון דאָרטן־אויס באַשירמען אונדזער עטלען, און אונדזער דודן אין וועג. איך וועל זי אָפּהיטן ווי אַ טאַטע, אַ מאַמע, און אַ מאַן. איך שווער דיר צו, שלמה, און כ׳באַשווער דיך. דו זאָלסט זי באַשירמען פֿון דאָרטן, זאָלסט לויפֿן בעטן, שלמה, זאָלסט זײַן אַ מליץ יושר, שלמה!״

.4

אָטוואָצק וועט מען נישט נעמען, האָבן אַלע פֿאַרזיכערט, נאָך דעם ווי עס זענען אָנגעקומען די ידיעות, אַז מע פֿירט אַרויס די ייִדן פֿון וואַרשע. עס איז געוואָרן פֿאַר זיי אַ פּרעסטיזש־זאַך צו מאַכן יודען־ריין וואַרשע, די גרעסטע שטאָט. אָבער וואָס גייט זיי אָן אָטוואָצק?

דאָס אָטוואָצקער געטאָ דאַרפֿן זיי האָבן. מען האָט שוין אויפֿגעשטעלט עטלעכע שאָפּן צו נייען מונדירן, יעדן טאָג האָט מען געשלעפּט נײַע מאַשינען אין די שאָפּן אַרײַן. דער פֿאַרזיצער פֿון יודן־ראַט האָט געבראַכט אַ בשׂורה. דער קאָמענדאַנט פֿון געסטאַפּאָ האָט אים געגעבן זײַן ׳אָפֿיציריש ערן־וואָרט׳. די אָטוואָצקער ייִדן קאָנען זײַן רויק. זיי וועט מען נישט רירן פֿון אָרט.

עס איז געקומען אַ באַפֿעל, אַלע ייִדן זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען בײַ דער באַן. שׂרה האָט פֿאַרפּאַקט צוויי פּעקלעך און אַרויס מיט עטלען אויך צו גיין צו דער באַן. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג. די גאַס איז פֿול געווען מיט דײַטשן. ייִדן האָבן געשלעפּט ריזיקע פּעק, געשטופּט האַנט־וועגלעך מיט שטובֿ־זאַכן. דאָרט וווהין מען שיקט, וועט מען עס דאַרפֿן. די דײַטשן האָבן געשאָסן איבער די קעפּ און אונטערגעיאָגט: „שנעל, שנעל!״

פּלוצעם האָט שׂרה אַ שטופּ געטאָן עטלען, אַרײַנגעשלעפּט אין אַ הויז. עטל האָט געוואָלט עפּעס פֿרעגן. שׂרה האָט איר פֿאַרשטעלט דאָס מויל; זיי זענען שנעל אַרויף מיט די טרעפּ. אין דער הויך איז געשטאַנען אַ לייטער צום בוידעם. זיי זענען אַרויף אויפֿן בוידעם.

„מאַמעשי, מע וועט אונדז שיסן.״

„דאָרט וועט מען אוודאי שיסן.״

זיי האָבן אַרויפֿגעשלעפּט דעם לייטער אויפֿן בוידעם, פֿאַרמאַכט דאָס בוידעם־טירל. אויפֿן בוידעם איז געשטאַנען דער וואַסער־רעזערוואַר. שׂרה איז אַרײַנגעקראָכן די ערשטע. עטל איז אויך אַרײַנגעקראָכן, דאָס וואַסער איז געגאַנגען ביז צו דער ברוסט.

.5

דער ווינט האָט געשמיסן די נאַסע מלבושים צום לײַב. אַ צאָן האָט געקלאַפּט אין אַ צאָן. זיי זענען שוין אַרויס פֿון געטאָ און גע־לאָפֿן ווײַטער. שׂרה האָט שוין קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

„וווּהין לויפֿן מיר מאַמעשי?"

שׂרה האָט זיך אָפּגעשטעלט. „וווּהין? כ'ווייס נישט וווּהין. אַבי אַרויסקומען פֿון דאָרטן. וווּהין? וואָס הייסט וווּהין? מיר האָבן ווײ־ניק באַקאַנטע גאָיעס?"

„צו קאָוואַלסקין?"

„ניין. ער איז טאַקע אַ גוטער שגץ, נאָר זי איז א שׂונא ישׂראל, זי קאָן נאָך מסרן."

„לאָמיר זיך צוזעצן אַ מינוט, מאַמעשי. קאָנסט דאָך נישט אָפּאָטעמען."

„קום, עטל, לאָמיר קודם אַרויס פֿון שטאָט."

ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום פּאַרקאַן, איז דער הונט אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ געביל. „שש...שטילער," האָט שׂרה גע־וואָלט באַרויִקן דעם הונט, יעדער גערודער איז אַ געפֿאַר.

„ווער איז דאָרט, צו אַל די כאָליערעס?" האָט עמעץ אַרויסגע־שריגן.

„דאָס בין איך, די שלוימאָווע, עפּנט, פּראָשען."

„דער אַלטער וויטשעק איז נאָך נישט משוגע געוואָרן," איז געקומען אַן ענטפֿער. די געשטאַלט איז פֿאַרשוווּנדן פֿון פֿענצטער. דער הונט האָט נאָך הילכיקער געבילט.

שׂרה האָט ווידער געקלאַפּט אין אַ טיר.

„ווער קלאַפּט עס אין מיטן נאַכט," איז אַ קול געקומען פֿון אינעווייניק.

„דאָס בין איך, די שלוימאָווע און די שלוימיאַנקע, עפֿנט, מיר זענען נאַס און געפֿרוירן."

„וויפל גאָלד האָסטו?"
„די דײַטשן האָבן אַלץ צוגענומען."
„טאָ זאָלן זיי דיך אויך צונעמען."

„מאַמעשי, דו ציטערסט אַזוי..."
„זאָלסט נאָר, חלילה, נישט קראַנק ווערן, עטל. ביסט נאַס, אַדורכגעווייקט."
„מ'עט מוזן צוריקגיין אין געטאָ אַרײַן, מאַמעשי."
„חלילה, ווער ס'האָט אונדז בשלום אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ, וועט אונדז ווייטער פֿירן דעם ריכטיקן וועג."

זיי האָבן זיך ווידער דערנענטערט צו אַ כאַטע.
„ער'ט נישט אַרײַנלאָזן, מאַמעשי."
שׂרה האָט אָנגעקלאַפּט.
„ווער קלאַפּט?"
„עפֿנט, פּאַניע לעבן, לאָזט אַרײַן, מיר גייען אויס פֿון הונגער, קעלט."
„ווער איז עס דאָרטן?"
די טיר האָט זיך געעפֿנט. „אָלאַ באָגאַ! שלוימאָווע און שלוי־מיאַנקע! ווי קומט איר אַהער?"
„אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ, לאָזט אונדז אַרײַן."
„איר זאָלט דאָס זאָגן שלוימאָווע? איר זענט דאָך אַ קלוגע 'קאָביטע'. זיי וועלן מיר אונטערצינדן די כאַטע."
„זיי וועלן נישט וויסן, גאָט וועט באַשירמען."
„כ'קאָן נישט שלוימאָווע, האָט רחמנות, גייט אַוועק. ערשט דאָס ווײַב באַגראָבן, איצט ווילט איר אויך אויף מיר ברענגען דעם טויט. גייט ערגעץ אַנדערש."
„מיר גייען אויס פֿון קעלט, פֿון הונגער," האָט שׂרה זיך געבעטן.
„נו, אָפּצועסן קאָן איך געבן, קומט אַרײַן, שנעל."
יוזעף, דער פּויער, האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט געזען. ער האָט פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון אינעווייניק.
„זעצט אײַך. אָלאַ באָגאַ, גאָט מײַנער, די פּאַני שלוימאָוואַ און די פּאַניענקע הונגערן." ער האָט אָפּגעשניטן צוויי גרויסע שטי־קער ברויט, דערלאַנגט שׂרהן און עטלען. „עסט אָפּ שנעלער און גייט."

„פֿאַניע, לאָזט כאַטש די מלבושים זאָלן אויף אונדז אָפּטרוקע־נען,‟ האָט שׂרה זיך געבעטן. עטל האָט אין איין האַנט געהאַלטן דאָס ברויט, מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי געשלעפּט דאָס נאַסע קלייד, עס זאָל נישט קלעפּן צום לײַב, און נישט אַזוי אָנצייכענען די ליניעס פֿון איר גוף.

יוזעף האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ: „ס׳איז אַזוי נישט גוט, און אַזוי נישט גוט.‟

„ס׳איז אַ שווערע מילחמה,‟ האָט שׂרה געזאָגט, „יעדער מענטש איז אין געפֿאַר. אַז איר וועט ראַטעווען מענטשן, וועט גאָט אײַך ראַטעווען.‟

„באַ, זאָל שוין זײַן. כ׳על אײַך אַרויפֿלאָזן אויפֿן בוידעם. אָבער איר מוזט גיין נאָך איידער ס׳וועט טאָג ווערן. די מלבושים קענט איר אויפֿהענגען נעבן קוימען און דעקט זיך צו מיט שטרוי. אָבער איר מוזט גיין נאָך איידער ס׳וועט טאָג ווערן.‟

אָפּגעגעסן און אויסגעטרוקנט די מלבושים איז שׂרה פֿול גע־וואָרן מיט נײַעם האָפֿן. דער פּויער האָט זיי געלאָזט אויפֿן בוידעם ביז ס׳איז ווידער נאַכט געוואָרן. די נאַכט איז געווען טונקל, ווי ספּעציעל צו פֿאַרהיטן זיי פֿון אַ מסורס בליק. שׂרהן האָט זיך גע־דאַכט אַז זי פֿילט איבער זיך שלמהס היטנדיק אויג.

דורכן טאָג האָט שׂרה זיך דערמאָנט נאָך אַ סך באַקאַנטע פּאַ־ליאַקן. איינעם האָט ר׳ שלמה געבאָרגט אַ פּאָר זלאָטעס צו קויפֿן זריעה, איינעם צוגעבאָרגט צו קויפֿן אַ קו. ר׳ שלמה האָט פֿאַר דער מילחמה געהאַט אַ קראָם פֿון שניט־סחורה. די גאָיעס האָבן גערן גע־האַט ביי אים צו קויפֿן. ער האָט געגעבן גוטע סחורה, אַ גוטע מאָס, צוגעבאָרגט אַ פּאָר גילדן. „די ייִדן האָבן דאָך דערהרגעט דעם פּאַן יעזוס, נאָר דער שלוימע איז אַן אָרנטלעכער,‟ האָבן די גאָיעס גע־זאָגט.

שׂרה און עטל זענען געגאַנגען פֿון כאַטע צו כאַטע, פֿון איין באַקאַנטן צום אַנדערן. קיינער האָט נישט געוואָלט עפֿענען. פֿאַר טאָג זענען זיי צוריקגעקומען צו יוזעפֿן.

„ביז נאַכט, און דאָס לעצטע מאָל!‟ האָט יוזעף זיי געוואָרנט און ווידער זיי אַרויפֿגעלאָזט אויפֿן בוידעם.

„דאָס רעקל קאָן איך צורעכט מאַכן,‟ האָט שׂרה געזאָגט ווען זי איז אַרויף אויף דעם לייטער צום בוידעם. „מע קאָן משוגע ווערן, נישטאָ וואָס צו טאָן אַ גאַנצן טאָג.‟

דאָס האָט זי נאָר געזאָגט דעם פויער אַז עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן. דער טאָג איז געווען צו קליין אויף אויסצוזאָגן אַלע תחינות און תּפילות וואָס זי האָט געדענקט אויף אויסנווייניק. און ערשט דאָס אויסטענען זיך מיט שלמהן. זי האָט געוווּסט, שׂרה, אַז „דער אין הימל" פירט מיט זיי, און שלמה וואַכט איבער זיי. יעדע נאַכט ווען זיי זענען אַרויס זוכן אַ פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן, זענען געשען אַנדערע נסים. דײַטשן זענען פאַרבײַ געפאָרן און זיי נישט באַמערקט. אַ שלעכטער פּאָליאַק האָט זיי נאָכגעיאָגט און נישט געכאַפּט. ער אין הימל ווייסט וווהין ער פירט, אָבער פאַר וואָס זאָל מען מוזן אַזוי זיך מאַטערן אײדער ס׳קומט די ישועה? ס׳קינד האָט שוין באַלד נישט קיין חיות אין זיך. רעדט נישט אויס קיין וואָרט.

„עטעלע, זײַ מתפּלל, קינד מײַנס."

עטל האָט געשוויגן. געזעסן צוזאַמענגעקאָרטשעט מיט פאַר־פרעסטע ליפּן, שטאַרע אויגן, און געשוויגן.

„עטל?"

„ווו איז ער איצט, מאַמעשי?"

„דוד? געלויבט דער אויבערשטער. הלוואי וואָלטן מיר געווען מיט אים."

„ווייסט ער וואָס דאָ קומט פאָר?"

„ווי אַזוי, אַז ס׳איז מילחמה? און אפשר, כ׳ווייס?"

„נישטאָ קיין סודות אויף דער וועלט. ס׳איז פאַראַן ראַדיאָ, שפּיאָנען — — מאַמעשי, ער מיינט אַז איך בין שוין טויט."

„נישט דאָ גערעדט! מע טאָר נישט אַזוי רעדן, עטעלע. זעסט דאָך ווי דער אייבערשטער פירט מיט אונדז אויף פאַרשידענע וועגן צו ראַטעווען, דודן — דאָרט, און אונדז — דאָ."

„מיר האָבן נאָך נישט ווו צו זײַן."

„מיר׳ן האָבן, עטל, מיטן ריבונו של עולמס הילף."

6.

קיינער האָט נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. נאַכט נאָך נאַכט אַרויס־געגאַנגען זוכן, גאָרנישט געפונען.

דערווײַל האָט שׂרה צורעכט געמאַכט דעם פויערס מלבושים, אויסגעוואַשן די וועש. אָפּגעקאָכט אַ געשמאַקע זופּ. דער פויער האָט שוין פאַרגעסן צו זאָגן אַז ס׳איז דאָס לעצטע מאָל וואָס ער לאָזט

זיי אַרײַן. איין מאָל, שׂרה האָט אין שטוב געוואַשן זײַנע וועש, האָט זי געמאַכט מיט אים אַ שמועס.

„אַ מאַן קאָן נישט אַלץ טאָן אײנער אַליין. מע דאַרף האָבן אַ פֿרוי אין שטוב.“

„עט, נישטאָ הײַנט קיין רעכטע פֿרוי, ווידער חתונה צו האָבן.“

„דאָס זענט איר גערעכט, מילחמה איז נישט קיין צײַט צו זוכן זיך אַ ווײַב.“

„די ווײַבער האָבן זיך גענומען צום שמוגל, טליקען זיך אַרום אויף די באַנען, אין די קנײַפּעס. דו ווייסט עפּעס וואָס זיי טוען אין די נעכט?“

„דאָס זענט איר גערעכט. אַ ווײַב דאַרף זײַן אַן אָרנטלעכע, קינדער זאָלן האָבן אַן אָרנטלעכע מאַמע.“

„דאָס איז גאָר נישטאָ.“

„נאָך דער מילחמה מיט גאָטס הילף וועט אַלץ זײַן ווי געווען. דערווײַל קאָן מען זיך אַדורכשלעפּן. מע דאַרף האָבן ווער עס זאָל עפּעס טאָן אין דער באַלעבאַטישקייט, דאָס איז אמת, קאָן איך עס טאָן. שוין אַלט, אָבער כּוחות צו אַרבעטן נאָך פֿאַראַן גענוג.“

„און ווען איר וועט אַוועק, ווער וועט טאָן?“

„וועלן מיר נישט אַוועק. אײַער כאַטע שטייט ווײַט אין פֿעלד, קיין שכנים אין דער נאָענט. מיר׳ן זײַן באַהאַלטן אויפֿן בוידעם...“

„אָ, ניין, דאָס נישט. זיי וועלן מיר אונטערצינדן די כאַטע.“

„חלילה, גאָט וועט אונדז היטן און באַשירמען און מײַן שלוימע וועט אויך העלפֿן.“

„עך, וואָס איר רעדט. אַ טויטער איז טויט.“

„זאָגט נישט אַזוי פּאַניע יוזעפֿיע. דאָרט איז ערשט דאָס אמתע לעבן. ער האָט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פֿאַר איר, ער׳ט זי ווײַטער היטן.“

„אַ גוטער מענש געווען, אַן אָרנטלעכער מענש דער פּאַן שלוימע. אָבער איר מוזט סײַ ווי גיין פֿון דאַנען. זיי וועלן מיך אונ־טערצינדן.“

„זיי וועלן נישט דערלעבן.“

„אָבער איר מוזט סײַ ווי גיין פֿון דאַנען.“

„פּאַניע, איר וועט אונדז אַרויסטרײַבן צום טויט? אויב נישט בײַ אײַך מוזן מיר גיין צוריק אין געטאָ.“

יוזעף האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ: „ס׳איז אַזוי נישט גוט, און אַזוי נישט גוט...״

„איר קאָנט דאָך אונדזער הויז אויפֿן מאַרק?״ האָט שׂרה אים געפֿרעגט.

„אָ, יאָ, דאָס שענצטע אויפֿן מאַרק, צוגענומען עס די כּאַ־ליערעס.״

„נאָך דער מילחמה, אַז מ׳עט דערלעבן, ׳עט עס ווידער זײַן אונדזער. מיר דאַרפֿן עס נישט.״

„און פֿאַר וואָס נישט? אַ שיין הויז, אַ געמויערטס.״

„אַז עס געפֿעלט אײַך קאָן איך אײַך אויפֿשרײַבן, אַז עס איז אײַערס. נאָך דער מילחמה ׳עלעך עס בײַם ׳רעיענט׳ אָפּשרײַבן.״

„איר שפּאָסט נישט? אויפֿריכטיק?״

„פֿאַר וואָס נישט? אַז איר וועט אונדז באַהאַלטן און ראַטעווען דאָס לעבן, קומט עס אײַך. און איך וועל יעדן טאָג אַראָפּקומען קאָכן פֿאַר די בהמות, פֿאַר אײַך.״

„ס׳איז אַזוי נישט גוט און ס׳איז אַזוי נישט גוט,״ האָט יוזעף נישט אויפֿגעהערט זיך קראַצן אין קאָפּ.

עטל איז אַראָפּגעקומען אָנשרײַבן דאָס פּאַפּיר וועגן הויז. יוזעף האָט באַוווּנדערט ווי שנעל זי שרײַבט, געבעטן זי שרײַבן גרויסע אותיות, ער זאָל עס קענען איבערלייענען.

ער האָט געפּרוּווט איבערלייענען אַ פּאָר שורות און מיד גע־וואָרן. ער האָט געזען, זײַן נאָמען אויפֿגעשריבן עטלעכע מאָל. „עד, ווי זי מאַכט עס, כּאַליערע! — איך אַליין קאָן מײַן נאָמען נישט אויפֿשרײַבן אַזוי ווי זי. עט, מע דאַרף עס ׳באַגיסן׳.״

יוזעף האָט געבראַכט בראָנפֿן צו „באַגיסן״ דעם מיסחר מיטן הויז. שׂרה און עטל האָבן געמוזט טרינקען. יוזעף האָט זיי גע־ווונטשן אויף ייִדיש „לעקאַיעם״. ער האָט געוואָלט פֿאַרבײַסן מיט אַ שטיק רויען חזיר־פֿעטס, אָבער זיך דערמאָנט אַז ייִדן קאָנען נישט קוקן אויף קיין חזיר, האָט ער אַרויפֿגעבראַנגט פֿון קעלער אַ פּאָר זויערע אוגערקעס.

ווען שׂרה און עטל זענען שוין געווען אויפֿן בוידעם, האָבן זיי געהערט ווי יוזעף טענהט באַך אַליין מיט זיך: „ס׳איז אַזוי נישט גוט, און אַזוי נישט גוט.״

„מ׳איז נאָך נישט פֿאַרטיק מיט אים,״ האָט עטל געזאָגט.

„דער אויבערשטער ׳עט העלפֿן,״ האָט שׂרה געענטפֿערט און גענומען זיך וויגן און זיך אויסטענהן מיט איר שלמהן.

7.

אַלץ איז געגאַנגען גוט. די באַלעבאַטישקייט האָט אויפֿגעבליט. יוזעפֿן האָט זיך גאָר אַנדערש געאַרבעט אין פֿעלד ווען ער האָט געוווּסט אַז אין דער היים פּאַרעט שוין אויף דער קיך אַ געשמאַקער „קאַפּושניאַק”, אָדער אַ שמעקעדיקע קנאָבל־זופּ.

מען האָט שוין לאַנג׳ געענדיקט דעם שניט פֿון די לעצטע תּבֿו־אות. מען האָט אויסגעקאָפּעט די לעצטע קאַרטאָפֿל פֿון פֿעלד און שוין צעאַקערט די פֿעלדער פֿאַר דער ווינטער־זריעה. אַ גרויער שראַם האָט שוין באַדעקט די דעכער אין די פּאַרטאָגן. האַרבסט־ווינטן האָבן אַדורכגענומען די ביינער, איז מען אַוועק אין שענק אַרײַן כאַפּן אַ טרונק, איז מען אַוועק צו אַ שכן אַ שמועס טאָן וועגן די פּרײַזן אויף תּבֿואה, קאַרטאָפֿל און פּוטער, וועגן דער מילחמה וואָס נעמט גאָר נישט קיין סוף. יוזעף איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף גאַנצע אָוונטן. ווען די שטוב איז אַליין איז מען הפֿקר אויפֿן בוי־דעם. ווי האַלט מען דעם באַלעבאָס צוריק פֿון אַרומלויפֿן? שׂרה האָט זיך אויסגעזוכט פֿאַרשידענע אַרבעטן. ווען זי אַרבעט אין שטוב, זיצט ער און היט צי עס קומט נישט עמעץ אָן.

יוזעף האָט זיך אײַנגעשאַפֿט אַ הונט. אַז עס האָט זיך עמעץ דערנענטערט, האָט דער הונט געבילט און שׂרה האָט זיך באַהאַלטן אין דער שאַנק, אָדער אַראָפּ אין קעלער אַרײַן. אין אָוונט האָט יוזעף פֿונדעסטוועגן נישט געקאָנט אַוועקגיין. אַז מ׳האָט געזען פֿון ווײַטנס ליכט־שפּאַרעס אין פֿענצטער, האָט דאָך עמעץ געמוזט זײַן אין שטוב.

איין מאָל אין אַן אָוונט האָט עמעץ פּלוצעם אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער הונט איז געהאַט ערגעץ אַוועקגעלאָפֿן נישטערן אין די מיסטקאַסטנס. שׂרה איז געלאָפֿן זיך באַהאַלטן און אומגעוואָרפֿן אַ בענקל אויפֿן וועג. זי האָט געעפֿנט דעם קעלער און נישט געקאָנט אַראָפּקריכן. אין דרויסן האָט מען נישט אויפֿגעהערט קלאַפּן. יוזעף האָט געשאָלטן און געקריצט מיט די ציין. עס האָט געדויערט עט־לעכע מינוט ביז שׂרה איז געווען באַהאַלטן און יוזעף האָט געקאָנט עפֿענען די טיר.

דער שכן האָט זיך פֿאַרדאַכטיק אַרומגעקוקט. „ווער איז דאָ בײַ דיר?”

„ווער? קיינער נישט.”

„כ׳האָב געהערט רעדן, גיין.”

„עט, וואָס דו פּלאַפּלסט. איך אַליין.״
„טאָ פאַר וואָס האָסטו נישט געעפנט?״
„כ׳האָב נישט געהערט.״
„עך, יוזעף, יוזעף!״ האָט דער שכן אים געדראָט מיט אַ פינגער.

אַרויסטרײַבן זיי צו אַלדע רוחות, האָט יוזעף בײַ זיך באַשלאָסן.

עטל, אויפן בוידעם, האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. האָט איר אָבער געקרעלט אין האַלדז. אָט, אָט און זי וועט אויסברעכן מיט אַ הילכיקן הוסט. שׂרה אין קעלער, האָט אָן קול געראָפן: „שלמה, שלמה, ווו ביסטו? לויף בעטן, שלמה.״

דער שכן איז באַלד אַוועק. שׂרה איז שנעל אַרויף אויפן בוידעם. עטל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער פאַדלאָגע, אַ סימן יוזעף זאָל אַרויפקומען אויפן בוידעם.

„אַ צוויי טעג זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און צוריקקומען,״ האָט שׂרה פאַרגעלייגט.

„אַלע וועלן שוין וויסן, אַז איך באַהאַלט ייִדן,״ איז יוזעף געווען פאַרצווייפלט. „כ׳וועל מיך נישט קאָנען ווײַזן אין דאָרף.״

„איר ווייסט גאָר וואָס?״ איז עטל פּלוצעם אויפגעשפּרונגען, „זאָגט אים, אַז איר האָט געהאַט אין שטוב — — כ׳מיין, זאָגט, אַז אַ פרוי איז געוועזן אין שטוב.״

„דו נאַריש קאַלב,״ האָט דער פּויער נישט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, „אפשר זאָגן, אַז ס׳איז געוועזן די שלוימאָווע?״

„ניין, כ׳מיין — — איר זענט אַ מאַן, איז געוועזן אַ פרוי...״

„אָ, דו מיינסט אַ קאָביטע אין בעט? ביסט קלוג פּאַניענקע.״ יוזעף איז גלײַך אַרויסגעלאָפן, אַוועק צום שכן.

עטל האָט זיך געשעמט פאַר דער מוטער פון דעם וואָס זי האָט צוגעטראַכט. שׂרה איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און יוזעף איז צוריקגעקומען מיט אַ שׂימחה. „ביסט אַ קלוגע באָבע שלוימיאַנקע. ער איז געוועזן בייז וואָס כ׳האָב ׳זי׳ אַוועקגעשיקט. נאָך אַ מאָל, האָט ער געזאָגט, זאָל איך אים אויך רופן. זײַן באָבע איז שוין שמעלץ, פּרוכנע. ער וויל אויך אַ בריקע טאָן.״

שׂרה און עטל האָבן געוואָלט אַוועק, אַ צוויי טעג זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. „אין וואַלד?״ האָט יוזעף זיך געקראַצט אין קאָפּ. „עס איז דען פאַראַן דאָ אַ ריכטיקער וואַלד מע זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן? וואַרט צו, מיר וועלן זען...״

יוזעף האָט זיך באַרויִקט, אָבער ער האָט מער נישט געלאָזט שרהן אַראָפּקריכן פֿון בוידעם, זי קאָן נישט געניג שנעל זיך באַ־האַלטן. עטל האָט איצט געמוזט אַראָפּגיין קאָכן עסן, וואַשן וועש, טאָן אַלע הויז־אַרבעט.

8.

דאָס געוועלב בײַ די צווײ מיידן איז אַ מאָל געווען נאָר אַ שפּייז־קראָם. פֿאַר דער מילחמה איז עס פֿול געווען מיט זעק מעל, צוקער, זאַלץ, און אַלע די סחורות וואָס זענען הײַנט ראַציאָנירט. אַ פֿלעשל בראָנפֿן האָט מען דעמאָלט אויך געקאָנט באַקומען, כאָטש קיין קאָנצעסיע אויף צו פֿאַרקויפֿן בראָנפֿן האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט. זינט די שוואָבעס זענען אַרײַן מוז אַלץ זײַן באַהאַלטן, סײַ דער ׳בימבער׳, היימיש געמאַכטער בראָנפֿן, סײַ דאָס מעל און דער צוקער. אויף דער וואַנט הינטערן בופֿעט זענען געווען אויסגעג־האָנגען שנורן קעלבאַס, אין דער שטוב הינטערן געוועלב איז איצט געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צווײ בענק. אין דעם אײַזערנעם אויוועלע האָט געפּלאַקערט טרוקן סאָסנע־האָלץ. אַז מען איז היי־מיש מיטן ׳פּאַן וואָלאָדזע׳, מיטן איינציקן פּאָליציאַנט אין דאָרף, האָט מען נישט קיין מורא אויסצוהאַקן אין וואַלד האָלץ וויפֿל מען וויל נאָר.

זומער־צײַט איז די שטוב הינטערן געוועלב געווען ליידיק אַ גאַנצע וואָך, חוץ זונטיק. פֿאַראַן אַ סך אַרבעט אין פֿעלד, קיין אַרויסהעלפֿער קאָן מען נישט קריגן. ווער עס איז נישט פֿאַרשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט לויפֿט אַרום שמוגלען און פֿאַרדינען אַ לײַכטן גראָשן. אַראָפּגענומען די תּבֿואה פֿון די פֿעלדער, האָט מען באַלד געדראָשעט, צעמאָלן, און פֿאַרקויפֿט, איידער דער דײַטש קומט און נעמט אַלץ צו. אויסגעגראָבן די קאַרטאָפֿל פֿון פֿעלד און אײַנגעגראָבן אין אַ קאָפּעץ זיי זאָלן זיך האַלטן ביז פֿרילינג. שוין לאַנג אײַנגעזייערט קרויט און אוגערקעס. געבליבן נאָר צו שפּײַזן די בהמות און עופֿות. די ווײַבער, אָדער זיי פֿאָרן שמוגלען, אָדער זיי מאַטלען און באַרעדן איינס ס׳אַנדערע. וואָס בלײַבט פֿאַר אַ מאַן צו טאָן? זינט עס איז אויפֿגעקומען אַ ׳שוואַרצער מאַרק׳ פֿאַרדינט מען גוט. מען עסט אַז עס רינט איבער דער מאָרדע, און עס בלײַבט נאָך אויף אַ פֿלעשל...

איז טאַקע אַלע מאָל געווען אַ חבֿרה ׳קומעס׳ איי דער שטוב

הינטערן געוועלב בײַ די צוויי שוועסטער קאַשקע און מאַרישקע. מען האָט גערויכערט מאַכאָרקע געוויקלט אין פּליס־פּאַפּיר, געטרונקען בימבער, פֿאַרביסן מיט קעלבאַס און מיט אַ ביסל רכילות.

קיין דײַטשן זענען אין דאָרף נישט געווען סטאַציאָנירט. זיי זענען אַ מאָל געקומען מאַכן אַן אַבלאַווע און כאַפּן פּויערים אַוועק־צופֿירן קיין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט, אָבער דאָס איז געשען גאַנץ זעלטן. אָפּטער זענען זיי געקומען ווען עס זענען געווען מסירהלעך. אַז עמעץ האָט זיך צעקריגט מיט אַ שכן איז ער אַוועקגעלאָפֿן מסרן אַז יענער פֿאַבריצירט בימבער, אָדער אַז ער באַהאַלט אויס ייִדן. אַז די דײַטשן זוכן געפֿינען זיי שוין עפּעס. אויב נישט ייִדן און נישט קיין בימבער געפֿינען זיי מעל, פּוטער, פֿלייש וואָס האָט באַ־דאַרפֿט צוגעשטעלט ווערן צו די דײַטשן. אַבי עס זאָל דעם שכן נישט אָפּגיין 'טרוקן'...

דער איינציקער פּוילישער פּאָליציאַנט אין דאָרף, באָרקאָווסקי, איז געווען אַ היימישער מענטש. ער איז דאָ געווען פּאָליציאַנט אויך פֿאַר דער מילחמה און איז אויסגעקאָכט מיט יעדן באַלעבאָס אין דאָרף. נאָכן ליקווידירן די געטאָ אין אָטוואָצק האָט באָרקאָווסקי געזוכט אויסצורוימען די ייִדן פֿון באַהעלטענישן אין דער געגנט פֿון זײַן יוריסדיקציע. ער איז געווען אַזוי דערפֿאָלגרײַך אַז די דײַטשן האָבן אים געגעבן אַ רעוואָלווער, וואָס זיי האָבן נישט גע־טרויט יעדן פּוילישן פּאָליציאַנט. ער האָט אַליין דערשאָסן עטלעכע ייִדן, אַנדערע איבערגעגעבן צו די דײַטשן, אָבער ער האָט 'קיינעם' קיין שלעכטס נישט געטאָן. ער ווייסט וועגן יעדן שטיקל שמוגל, וועגן יעדער קו וואָס איז נישט רעגיסטרירט כדי נישט צו דאַרפֿן געבן די דײַטשן אַ קאָנטינגענט מילך און פּוטער. ער ווייסט אַפֿילו וועגן עטלעכע בימבער־פֿאַבריקלעך. אַבי ער באַקומט זײַן 'שמיר' — אַז מע שמירט פֿאָרט מען... חוץ דעם איז ער סתּם אַ גוטער ברו־דער. מע קאָן בײַ אים קויפֿן במקח אַ פּאָר שטיוול פֿון אַ געכאַפּטן ייִד, אַ מלבוש וואָס מע דאַרף נאָר אויסוואַשן דאָס בלוט און עס איז ווי נײַ. מען האָט אים מקנא געווען וואָס ער איז רײַך געוואָרן, אָבער אַז ער פֿירט זיך אויף 'אָרנטלעך' וועט ער קאָנען בלײַבן אַ פּאָליציאַנט אויך נאָך דער מילחמה. אַז ער טשעפּעט נישט דעם ברודער פּאָליאַק, מיינט עס נישט אַז ער קאָאָפּערירט מיט די דײַטשן.

באָרקאָווסקי איז אויך געווען אַן אָפּטער גאַסט בײַ די צוויי

מיידן. די מיידן האָבן אים געגעבן פֿאַר דעם זעלביקן געלט, אַ גרעסערע כּוסה. אַז ער האָט דער מאַרישקע געגעבן אַ קנײַפּ אין אַ ווייכן אָרט האָט זי נישט גרעסער געמאַכט דעם חשבון, ווי זי טוט עס בײַ אַנדערע. אַפֿילו די קאַשקע וואָס איז בטבֿע אַ בייזע איז צוגעלאָזן צום ׳פּאַן וולאַדזע׳.

יוזעף האָט איצט געהאַט אַ סך פֿרײַע צײַט. עטל האָט געטאָן יעדע אַרבעט אין שטוב, ער האָט נאָר געדאַרפֿט מעלקן די קי, אַרויסגעטראָגן אין שטאַל דעם אָבריק, וואָס עטל האָט אָפּגעקאָכט פֿאַר די בהמות, איז ער אַרויס פֿון שטוב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער כאַטע פֿון זײַן שכן פּאַוועל און אַ פֿײַף געטאָן, איז פּאַוועל אַרויסגעקומען. זײַן ׳באַבע׳ איז אַוועק שמוגלען איז ער געווען פֿרײַ צו גיין וווהין עס האָט זיך אים פֿאַרוואָלט. זיי האָבן אויך אַ רוף געטאָן דעם וולאַדעק מאַטושאַק. וולאַדעק איז אַלע מאָל געגאַנגען וווהין ער האָט געוואָלט. אַז זײַן ווײַב האָט אַ מאָל אַ בורטשע געטאָן האָט ער זי אַריבערגעלייגט איבער די קני, און אַרײַנגעצימבלט אויף יענעם אָרט אין אַלעמענס אויגן. אַלע דרײַ קומעס זענען אַוועק צו די צוויי מיידן.

מאַרישקע האָט געמאַכט פֿאַר זיי פּלאַץ בײַם גרויסן טיש און געבראַכט אַ פֿלעשל. מען האָט געטאָן אַ דריי איבער די גלעזער מיט דעם בראָנפֿן גלײַך אין גאָרגל אַרײַן.

די רערן פֿון דעם אייזערנעם אויוועלע זענען, ווײַזט אויס, געווען פֿאַרשטאָפּט מיט סאַדזע. אַרום דעם אויוועלע האָט גע־שטיקט דער רויך, ווײַטער אַוועק איז געווען קאַלט. דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. מאַרישקע האָט אומגעבעטן אַוועקגע־שטעלט נאָך אַ פֿלאַש. יוזעף האָט גרויסמוטיק אַרויפֿגעדרייט די וואָנצעס און געזאָגט: „זאָרגט זיך נישט קומעס, איך וועל באַצאָלן.״

מאַרישקע האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע מיט אָנערקענען.

אַז פּאַוועל האָט דערזען ווי יוזעפֿס זשעסט האָט אויסגענומען האָט ער אויסגעשטופּט די ברוסט און געזאָגט: „איך וועל באַצאָלן.״

„איך האָב געזאָגט אַז איך וועל באַצאָלן״.

„דו וועסט נישט באַצאָלן ווײַל איך וועל באַצאָלן״.

„איך האָב דיך פֿאַרבעטן צו גיין מיט מיר״.

„איך האָב געהייסן דערלאַנגען דעם בראָנפֿן. אמת, מאַרישקאַ, איך האָב געזאָגט: ברענג אַ פֿלעשל?״

פּאַוועל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער קעשענע, יוזעף האָט

אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט: „דו װעסט נישט באַצאָלן האָב איך געזאָגט. װאָס מײנסטו איך בין עפּעס אַ דזשאַד, אַ בעטלער? איך האָב גערופֿן, און ער רײַסט זיך צו באַצאָלן!"

„און װאָס מײנסטו, איך בין עפּעס אַ לאַכודרע?" האָט פּאַװעל זיך שױן געפֿילט געטראָפֿן. „איך האָב געהײסן דערלאַנגען בראָנפֿן און װעל דיך לאָזן באַצאָלן?"

„קומעס, אין װאָס גײט עס דאָ?" האָט װלאַדעק פּרובירט מאַכן שלום.

איז יוזעף שױן געװאָרן אין כּעס: „ער'ט זיך געקױפֿט נאָך אַ קו איז ער געװאָרן גרױס בײַ זיך און מײנט ער קאָן מיך שױן אָפּ־קױפֿן מיט אַ גלעזל. מײן נישט, פּאַװעל, אַז איך בין װײניקער האָ־נאָראָװע װי דו. און מײן נישט אַז דאָס ביסל בימבער האָט מיר שױן פֿאַרדרײט דעם קאָפּ. אַ, נישט בײַ יוזעפֿן!"

פּאַװעל האָט געלאָזט יוזעפֿן אױסרעדן, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש װי דעם לעצטן קלאַפּ מיט אַ האַמער בײַ אַ ליציטאַציע און אַרױסגעזײט פֿון צװישן די צײן: „אַז איך האָב געזאָגט, איך װעל באַצאָלן, װעל איך באַצאָלן. און אױב עס קרענקט דיך מײַן נײַע קו, פּלאַץ פֿון קרענקעניש. פּאַװעל װעט נאָך דאָס גאַנצע דאָרף אָפּקױפֿן."

„אַװדאי," האָט יוזעף געענטפֿערט אױך מיט אַ געלאַסן קול. „מיט געלט פֿון פּרעמדער פּראַצע..."

איז שױן פּאַװעל אױפֿגעשפּרונגען און געבײַלט די פֿױסטן צו יוזעפֿן: „װאָס מײנסטו 'פּרעמדע פּראַצע'? שױן זאָלסטו זאָגן װאָס דו מײנסט!"

„אַז מע גנבֿעט קאַרטאָפֿל פֿון פּרעמדע פֿעלדער..."

„זע נאָר װער עס רעדט? װער האָט געגנבֿעט קרױט פֿון װלאַ־דעקס פֿעלד? מײנסט כ'האָב נישט געזען? װי גאָט איז מיר ליב, װלאַדעק, כ'האָב געזען מיט מײַנע אײגענע אױגן. און דאָס האָט די װיסטע העזה מיך צו רופֿן גנבֿ."

„און װעמען רופֿסטו גנבֿ?"

„און װעמען רופֿסטו גנבֿ?"

יוזעף האָט אַ שפּרונג געטאָן צו פּאַװלען, װלאַדעק האָט זײ פֿונ־אַנדערגעריסן: „גאָספּאַדאַזשע, באַלעבאַטים, װאָס טוט זיך דאָ?"

קאַשקע איז אַ גרױסע פּאַטריאָטקע. מען זאָגט אַפֿילו אַז זי האָט אַ שײכות צו דער אונטערערד. זי קומט אַרײַנצולױפֿן און דערלאַנגט

שטראָפֿרייד: „פֿאַליאַקן, וואָס טוט זיך דאָ? נישט גענוג דער שׂונא שלאָגט אונדז? שעמט זיך!"

פֿאַרשעמט פֿון קאַשקעס מוסר האָבן יוזעף און פּאַוועל אַראָפּגעלאָזט די הענט. „מיר זענען דאָך אַלע ברידער פֿאַליאַקן," האָט פּאַוועל געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט. „מע דאַרף זיך נישט רײַסן בײַ די קעפּ איבער יעדער קלייניקייט."

„אַוודאי," האָט יוזעף מסכּים געווען, און זיך אויך אַוועקגעזעצט. „פֿאַליאַקן, און שכנים, און קומעס. נישט אמת, פּאַוועל?"

„דאָס איז די בעוואָרעט, אָבער דו האָסט מזל, די קאַשקע האָט דיך אָפּגעראַטעוועט. אײַ, וואָלט איך דיך היינט אָנגעלערנט..."

„דו וואָלסט מיך אָנגעלערנט? און מײַנע הענט, מיינסטו, ליגן אין קימפּעט?"

„הענט צו הענט זענען נישט גלײַך. פּאַוולען קאָן קיינער נישט רופֿן גנבֿ און אָפּגיין דערמיט טרוקן. איך וואָלט דיר געוויזן וואָס פּאַוועל קאָן."

„אָנו, ווײַז!" איז יוזעף אויפֿגעשפּרונגען מיט געבײַלטע פֿויסטן.

פּאַוועל איז אויך אויפֿגעשפּרונגען, אָבער קאַשקע האָט עס דערזען און געקומען צו לויפֿן. „אַ וויסטע חרפּה און אַ פֿינצטערע שאַנד! ווי נאָר מע טרינקט אַ גלעזל כאַפּט מען זיך באַלד שלאָגן, אין אַזאַ צײַט ווען דער שׂונא הרגעט אונדז..."

„אַז ער שפּרינגט באַלד יענעם אין פּנים אַרײַן," האָט פּאַוועל זיך פֿאַרענטפֿערט.

„אַז ער וויל נאָר ווײַזן זײַן גבֿורה," האָט יוזעף געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט. יוזעף האָט צוגעגלעט זײַנע וואָנצעס, פּאַוועל האָט אויסגעגליכן דעם פּאַסיק אויף זײַנע הויזן און אויך זיך צוריקגעזעצט.

„גיט אַהער די פּאָר זלאָטעס און גייט זיך שוין אַהיים. איך וויל נישט קיין געשלעגן," האָט קאַשקע געזאָגט. „ווער באַצאָלט?"

„אַז ער רײַסט זיך אַזוי זאָל ער באַצאָלן, מע דאַרף נישט קיין געשלעגן." איז יוזעף געוואָרן נאָכגיביק.

„אַז עס גייט אים אַזוי אין לעבן זאָל ער באַצאָלן," האָט פּאַוועל אויך נישט געוואָלט בלײַבן דער אײַנגעשפּאַרטער.

„באַצאָל דו, אַז דו ווילסט."

„באַצאָל דו, אַז דו רײַסט זיך אַזוי."

„דו האָסט געהייסן דערלאַנגען דעם בראָנפֿן."

„דו האָסט מיך פֿאַרבעטן גיין מיט דיר.‟

„צאָל דו.‟

„אַז נישט וועסטו פּלאַצן?‟

„האָסט פֿאַרבעטן, באַצאָל, אַ וויסטע כאָליערע אין דײַן פּופּיק אַרײַן!

„גיין צו די מיידן, איז גיין צו די מיידן. איך האָב גאָרנישט געזאָגט וועגן טרינקען, און נישט איך בין געווען דער וואָס האָט געהייסן דערלאַנגען בראָנפֿן, אמת מאַרישקאָ?‟

וולאַדעק האָט געוואָלט מאַכן שלום, האָט ער פֿאָרגעלייגט: „באַצאָלט ביידע, דו אַ העלפֿט, און דו אַ העלפֿט.‟

האָט עס שוין פֿאַרדראָסן פּאַוולען: „און וואָס מאַכסטו זיך געפּגרט, האָסט נישט געזויפֿן צוזאַמען מיט אונדז?‟

„און דו האָסט ווייניק געכלאַיעט בײַ מיר אַ גאַנצן זונטיק?‟ איז וולאַדעק אים נישט שולדיק געבליבן.

„טאָ באַצאָלט אַלע דריי,‟ האָט קאַשקע פֿאָרגעלייגט.

„ער מעג צאָלן פֿאַר מיר,‟ האָט פּאַוועל זיך געקלאָגט. ער׳ט מיר זונטיק געגעבן צו טרינקען, דאָס איז אמת, אָבער בײַנאַכט האָט ער זיך גענומען באַצאָלט. צוגעגנבֿעט דרײַ הינער פֿון מײַן הויף.‟

וולאַדעק איז אויפֿגעשפּרונגען, געכאַפּט די ליידיקע פֿלאַש פֿון טיש און געדראָט פּאַוולען: „זאָג עס נאָך אַ מאָל, און איך וועל דיר פּלעטן דעם קאָפּ.‟

קאַשקע האָט אַרויסגעריסן די פֿלאַש פֿון וולאַדעקס האַנט: „יעזוס מאַריאַ, נאָר מע כאַפּט זיך שלאָגן.‟

„פּאַליאַקן, וואָס טוט זיך דאָ? נישט גענוג דער שונא שלאָגט אונדז?‟ האָט יוזעף זיך אַרײַנגעמישט און געפֿונען אַ געלעגנהייט צו נוצן קאַשקעס פּאַטריאָטישע רייד וואָס זענען אים פֿריער אַזוי געפֿעלן געוואָרן.

קאַשקע האָט געזוכט ווי אַרויסצוקריגן די פּאָר זלאָטעס. אירע קליינע כיטרע אייגעלעך האָבן אַ פֿינקל געטאָן: „פּאַנאָוויע, באַצאָלט פֿאַר דעם בראָנפֿן וועל איך אײַך דערציילן גוטע נײַעס.‟

יוזעף איז שוין געווען פּאַטריאָטיש אָנגעסטראָיעט. קאַשקעס פֿאָרשלאָג האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין עקסטאַז. „פּאַנאָוויע, גוטע נייעס דאַרף מען פֿאַרטרינקען מיט אַ ביסל וואָדקע. קאַשקאָ, דערלאַנג נאָך אַ פֿלאַש.‟

„און ווער וועט באַצאָלן פֿאַר די ערשטע צוויי?‟

יוזעפֿס אויגן האָבן אויפֿגעבליצט, אַנטציקט פֿון דעם וואָס איז אים איינגעפֿאַלן: „פֿאַר וואָס פֿאַרשטייסט דו נישט, קאַשקאַ? צוויי פֿלאַשן פֿאַר דריי מענטשן איז שווער אויסצורעכענען. דערלאַנג נאָך אַ פֿלאַשקע, און יעדער וועט באַצאָלן פֿאַר איין פֿלאַש. נישט אַזוי, קומעס?" האָט יוזעף געזוכט לויב פֿאַר זיין קלוגשאַפֿט.

„גוט געזאָגט," האָט פּאַוועל באַלד צוגעשטימט.

„קלוג געזאָגט," האָט וולאַדעק נישט געוואָלט אָפּשטיין אין פּאַטריאָטיזם. „און אויב עס וועט טאַקע זיין גוטע נייעס וועל איך באַצאָלן פֿאַר דעם קעלבאַס."

„אויב עס וועט טאַקע זיין גוטע נייעס וועט מען נאָך אַריינגיין צו מיר," האָט פּאַוועל געזאָגט. „מיין אַלטע האָט אָפּגעבראָטן אַ קאַטשקעלע איידער זי איז אַוועקגעפֿאָרן."

„קאַטשקעס? זינט ווען האָדעוועסט דו קאַטשקעס? עס פֿעלן מיר טאַקע צוויי קאַטשקעס. מיינע קאַטשקעס!"

פּאַוועל האָט זיך נישט איבערגענומען. „דו ביי מיר הינער, איך ביי דיר קאַטשקעס."

„איך ביי דיר הינער?"

„יאָ," האָט געענטפֿערט קאַשקע וואָס איז צוריקגעקומען מיטן בראָנפֿן. „דריי ווייסע הינער מיט ברוינע פֿעדערן אויף די עקן."

„מיינע הינער, טאַקע מיינע הינער!"

„וולאַדעק האָט זיי מיר מאַנטיק פֿאַרקויפֿט. וואָס האָט איר גענומען ביי אים?"

„ער ביי יענעם הינער און יענער ביי אים קאַטשקעס, ס'איז אַלץ אין אָרדענונג," האָט יוזעף באַשטעטיקט.

„ווי קאָן מען מאַכן אַ זלאָטע אַז מע גנבֿעט פֿון אַלע זייטן?" האָט פּאַוועל זיך געקלאָגט.

„דו ביי אים קאַטשקעס, ער ביי דיר הינער. דו ביי מיר קאַרטאָפֿל, איך ביי דיר מערן," האָט יוזעף זיך מודה געווען.

„מע גנבֿעט כאָליערע, מע באַגנבֿעט פֿון אַלע זייטן."

„ער ביי מיר קרויט, איך ביי אים פּאָמידאָרן," האָט וולאַדעק געוויזן אויף יוזעפֿן.

„און זאָל זיין שלום," האָט קאַשאַ פֿאַרענדיקט און אָנגעגאָסן די גלעזער.

איבערגעדרייט די גלעזער, אַריינגעגאָסן דעם בראָנפֿן אין די גאָרגלען און זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס.

יוזעף האָט זיך געוואָנדן צו פּאַוולען, שוין אָן כּעס: „פֿאַר וואָס טאַקע האָסטו אַ גאַנצן זומער גענומען קאַרטאָפֿל פֿון מײַן פֿעלד?"

„אַז די אַלטע קאַרטאָפֿל האָבן זיך מיר אויסגעלאָזט נאָך אין מאַי, האָב איך געזאָלט הונגערן?"

„הונגערן? זאָל גאָט אויסהיטן! זאָלן די שוואָבעס הונגערן און פּגרן, נישט מיר פּאָליאַקן."

מען האָט צוגעגאָסן אין די גלעזער. יוזעף האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ. „אָבער באַלד, באַלד, וואַרט אַ מינוט. האָסט דאָך געקאָנט אויסקאָפּען פֿון דײַנע אייגענע בײַטן?"

„אויסקאָפּען פֿון מײַנע אייגענע בײַטן אין מאַי ווען די קאַר־טאָפֿל זענען נאָך פּיצעלעך, ברעקעלעך? דו דאַרפֿסט שוין באַלד אַ גאַנצע בײַט אַנצופּילן איין טאָפּ."

„דאָס ביסטו גערעכט," האָט יוזעף פּאַטאַקעוועט. „אַז דו לאָזט זיי ביז האַרבסט וואַקסן זיי אויס גרויסע, ריזיקע בולבעס. פֿון איין געצווײַג האָסטו פֿאַר עטלעכע טעפּ. באַלד, באַלד, וואַרט אַ מינוט. אָבער פֿאַר וואָס נעמסטו פֿון מײַן פֿעלד?"

פּאַוועל האָט זיך צוגעבויגן צו יוזעפֿן און פּרובירט געבן צו פֿאַרשטיין: „זאָג אַליין, קאָן איך אַ תּל מאַכן פֿון מײַן פּראַצע און אויסקאָפּען פּיצימאַנקע קאַרטאָפֿעלעך, ווי אָן אַרבעס די גרויס?"

„און מע דאַרף זיך נישט באַלד קריגן," האָט וולאַדעק צוגעגעבן. „מיר זענען אַלע ברידער פּאָליאַקן, און שכנים, און קומעס."

„און דײַנע קינדער זאָלסטו נישט לאָזן הונגערן ווען עס וועלן דיר אויספּעלן קאַרטאָפֿל. פּוילישע קינדער דאַרפֿן נישט הונגערן ווען עס זענען דאָ קאַרטאָפֿל אויף מײַן פֿעלד. און איך וועל נעמען אין דײַן פֿעלד, און זאָל מען זיך נישט קריגן."

„גענוג דער שונא שלאָגט אונדז. מיר זענען קומעס און שכנים, און לאָמיר זיך צעקושן."

מען האָט זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט. קאַשקאַ איז צו־געקומען אײַנמאָנען דעם באַטרעף.

„העי, קאַשקאַ, האָסט געזאָגט גוטע נײַעס. אַנו, דערלאַנג."

קאַשקע האָט אויסגעגלײַכט אויף זיך דאָס שירצל און דער־ציילט מיט אַ שעפּטש: „זיי באַקומען אין הינטן אַרײַן, די שוואָבעס. דער מאַסקאַל האָט זיי צורעכט געמאַכט בײַ דעם סטאַלינגראַד."

„און אונדזער מאַרשאַל שיקאָרסקי..." האָט וולאַדעק אָנגע־

הויבן דערציילן עפּעס וואָס ער האָט געהערט. קאַשאַ האָט אים אי־בערגעריסן: „שיקאָרסקי איז אַ גענעראַל, נישט קיין מאַרשאַל.״

„וועט ער ווערן אַ מאַרשאַל,״ איז וולאַדעק נישט אָפּגעשטאַנען.

„טאַ וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, אונדזער גענעראַל, מאַרשאַל שיקאָרסקי האָט שוין אַן אַרמיי מיט אייגענע ׳ראָפּלאַנעס׳, מיט אייגענע טאַנקען, מיט שיפֿן. זאָל מיך דאָ די כאָליערע נעמען, אויב ער וועט נישט אַ ליאַדע טאָג זיך באַווײַזן אין גדיניע און פֿאַר־טרײַבן די שוואַבעס.״

פּאַוועל האָט צוגעבאָמקעט: „אָך, דער גענעראַל שיקאָרסקי! אויב ער וואָלט דאָ געווען וואָלט ער באַלד די דײַטשן נישט אַרײַנ־געלאָזט. האָט אים אָבער דער פּילסודסקי פֿאַרטריבן...״

„איר ווייסט גאָר וואָס?״ האָט יוזעף זיך אָנגערופֿן, „מיר דאַכט זיך אַז דער גאַנצער פּילסודסקי איז געווען פֿאַרקויפֿט צו די דײַטשן.״

„אַ פֿאַרקויפֿטער הינטישער זון,״ האָט פּאַוועל גלײַך מסכּים געווען.

„פּאַוואָליע, פּאַנאָוויע!״ איז וולאַדעק אויפֿגעשפּרונגען. „פּיל־סודסקי איז געווען פּוילנס מאַרשאַל!״

„יאָ, אונדזער מאַרשאַל, און אַ גרויסער קאָפּ געווען.״ האָט פּאַ־וועל איצט מסכּים געווען מיט וולאַדעקן.

וולאַדעק האָט נישט אָפּגעלאָזט: „הינטיש געבלוט! כאָליעראַ! איך וועל נישט דערלאָזן יעדער פּאַרך זאָל וואַרפֿן בלאָטע אויף פּוילנס מאַרשאַל!״

וולאַדעק איז נאָר אויסן געווען צו דעקלאַרירן גרויסן פּאַטריאָ־טיזם, אָבער יוזעף האָט זיך געפּילט געטראָפֿן: „ווער איז דיר דאָ אַ פּאַרך?״ ער האָט אויסגעבײַלט אַ פֿויסט.

קאַשקע איז געקומען צו לויפֿן. „מע כאַפּט זיך שוין ווידער שלאָגן? פּאַנאָוויע!״

פּאַוועל איז איצט געווען גוט געשטימט און האָט אויך קאַשקאַן געגעבן רעכט. „שלאָגן דאַרף מען זיך נישט. גענוג דער שונא שלאָגט אונדז. שיקאָרסקי — אַ גרויסער קאָפּ, פּילסודסקי — אַ גרויסער קאָפּ. פּוילן האָט אַ סך גרויסע קעפּ, און מע דאַרף זיך נישט שלאָגן.״

יוזעף האָט נישט אַזוי לײַכט נאָכגעגעבן: „מען האָט אונדז, צו אַלדי כאָליערעס, פֿאַרקויפֿט צו היטלערן. אַז נישט וואָלט אונדז קיינער נישט געקאָנט בײַקומען.״

„דאָס זאָגסטו די נעוואָרעט,״ האָט וולאַדעק מסכּים געווען.

„פֿאַרקויפֿט אונדז, כאַליערע. דער רידז־שמיגלי האָט אונדז פֿאַר־קויפֿט. אַליין איז ער אַנטלאָפֿן.״

„האָב איך דאָך באַלד געזאָגט אַז מען האָט אונדז פֿאַרקויפֿט,״ האָט יוזעף אויסגערופֿן מיט ניצחון.

„אוודאי פֿאַרקויפֿט.״ האָט וולאַדעק מודה געווען.

„אָט אַזוי, פֿאַרקויפֿט. צו וואָס זיך קריגן?״

„ווער קריגט זיך?״ האָט וולאַדעק זיך געוווּנדערט און צוגע־גאָסן אין די גלעזער דאָס לעצטע ביסל בראָנפֿן פֿון דער פֿלאַש.

„פֿאַר אונדזער פּוילן!״

„פֿאַר אונדזער גענעראַל שיקאָרסקי!״

„און דעם שמיגלי און דעם היטלערן זאָל אַ שלאָק טרעפֿן!״

„אַ שלאָק! און לאָמיר זיך צעקושן. מיר זענען פּאָליאַקן און שכנים, און קומעס.״

מען האָט זיך אַרומגענומען, געקושט, און זיך צוריק אַוועק־געזעצט.

„אָבער איין טובֿה האָט ער אונדז יאָ געטאָן, דער היטלער,״ האָט פּאַוועל געזאָגט און אָפּגעלעקט דאָס לעצטע ביסל בראָנפֿן פֿון די וואָנצעס. „ער האָט אונדז באַפֿרייט פֿון די זשידעס.״

„מיר אַליין וואָלטן זיך קיין מאָל מיט זיי נישט קיין עצה גע־טאָן.״ האָט וולאַדעק צוּעשטימט. יוזעף האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס גלאָז צו די ליפּן און געזופּט, כאָטש עס איז שוין געווען ליידיק.

„איר ווילט עפּעס הערן, קומעס? קאַשקאַ, דו האָסט נישט מער קיין בראָנפֿן? די פֿלאַש שטעל איך.״ האָט וולאַדעק זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט. „כ׳האָב געהאַט אַ גוט פֿאַרדינסטל און דערצו גע־טאָן אַ גוטע זאַך, דאַרף מען עס באַגיסן.״

קאַשקאַ האָט געבראַכט דעם בראָנפֿן, מאַרישקאַ איז אויך צו־געקומען הערן. וולאַדעק האָט דערציילט: „כ׳גיי מיר אַזוי אויף דער פֿאַרטשעווער גאַס, זע איך אַ שלעפּער. כ׳קוק און איך קוק, און די מאָרדע איז מיר עפּעס באַקאַנט. צ׳ווייסט ווער? מאָשעק, דער שוסטער. ער׳ט געפּרוּווט אַנטלויפֿן, אָבער נישט ביי וולאַדעקן! כ׳האָב אים געגעבן איינס אין דער מאָרדע האָט אים באַלד די יוכע באַגאָסן.״

„האָסט אים פֿאַרטיק געמאַכט?״ האָט מאַרישקע געפֿרעגט.

„וואָס עפּעס פֿאַרטיק מאַכן? איך בין דען אַ קיילער? איך האָב אים אַוועקגעפֿירט צו דער זשאַנדאַרמעריע. כ׳האָב באַקומען צען

קילאָ צוקער און צוויי ליטער בראָנפֿן. ריכטיקער מאָנאָפּאָל־בראָנפֿן, ווי גאָט איז מיר ליב, נישט אַזאַ שטינקעכץ ווי דו גיסט אונדז, קאַשאַ.״

„דו ביסט אַ יונג מיט ביינער!״ האָט קאַשאַ אים געלויבט.

„סײַ אָפּגערוימט אַ זשידעק, סײַ אַ גוט פֿאַרדינסטל,״ האָט מאַרישקע אײַנגעשטימט. „דו ווילסט אפֿשר פֿאַרקויפֿן דעם צוקער?״

וולאַדעק האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך. „זיי גוט צו מיר וועל איך דיר אויך העלפֿן געפֿינען זשידקעס.״

„איך, זעסט דו, קאָן נישט אַזוי,״ האָט פּאַוועל מיט פֿאַרשעמטקייט זיך מודה געווען. „כ׳ווייס זיי זענען אונדזערע שונאים. צוגענומען דעם גאַנצן האַנדל, דאָס גוטס פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד. נאָר פֿאַרשטייט איר מיך: אַ מענטש, ס׳לעבט...״

„און אַז זיי קוילען קריסטלעכע קינדער און קנעטן אַרײַן דאָס בלוט אין זייערע מצות?״ האָט קאַשקע געטענהט.

„ס׳איז אמת,״ האָט פּאַוועל מסכּים געווען. „אַ ייִד וואָלט דיך געקאָנט דערטרינקען אין אַ לעפֿל וואַסער. מע דאַרף זיי אויסראָטן ווי די טשטשורעס.״

„ווי די טשטשורעס,״ האָט יוזעף צוגעבאָמקעט.

„כ׳ווייס,״ האָט פּאַוועל מודה געווען. „איך, זעסטו, האָב אַזוי געטאָן, קאַשקאַ, מאַרישקאַ, קיין פּיפּס וועגן דעם צו מײַן באָבע. איך, זעט איר, האָב אַזוי געטאָן. מײַן אַלטע איז נאָר וואָס געהאַט אוועקגעפֿאָרן מיט שמוגל. פּלוצעם, מע קלאַפּט אין טיר. ווער קלאַפּט עס פֿאַרטאָג? איך עפֿן די טיר, עס איז די לייבושיאַנקע פֿון דעם אײַזן־געוועבל. זאָג איך: קום אַרײַן...״

„האָסטו דאָך אויך פֿאַרדינט צוקער און בראָנפֿן.״

„ניין, נאָר אָפּגעשפּילט זיך מיט איר אַ פּאָר שעה און אַרויסגעטריבן. זי האָט געביסן און געדראַפּעט. כ׳האָב געדאַרפֿט צוקלערן אַ טוץ אויסריידן פֿאַר מײַן אַלטער.״

„געביסן דיך און האָסט זי אָפּגעלאָזט?״ האָט וולאַדעק נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. „דו ביסט אַ נאַר, פּאַוועל.״

„אַ נאַר,״ האָט קאַשקאַ מסכּים געווען, „און אַ שלעכטער פּאָליאַק.״

„אַזאַ נאַרישקייט דאַרף מען אויסקויפֿן,״ האָט וולאַדעק נישט אָפּגעלאָזט. „אויב דו וועסט נישט שטעלן נאָך אַ פֿלאַש וועלן מיר דערציילן, און דאָס גאַנצע דאָרף וועט לאַכן פֿון דיר.״

„גיב קאַשקע נאָך אַ פֿלאַש,‟ האָט פֿאַוועל נאָכגעגעבן. „עד, איז דאָס געווען אַ מויד! כאַטש צו דיר, מאַרישקע קומט זי נישט.‟ ער האָט אַרומגעכאַפּט מאַרישקען און זי צוגעצויגן צו זיך. מאַ־רישקע האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון זיינע הענט און געטונקען דעם בלייער אין מויל צוצושרייבן צום חשבון נאָך צוויי פֿלאַשן. איינע וואָס זי האָט דערלאַנגט, און איינע פֿאַר דעם וואָס ער האָט זיך געטשעפּעט צו איר.

דער ׳פּאַן וולאַדזע׳ באַרקאָווסקי איז אַריינגעקומען מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. קאַשקאַ איז פֿאַרשווונדן מיט אים אין אַ וויטער־דיקער שטוב. קאַשקעס אויסשרייען און כיכיקען האָט זיך דערטראָגן פֿון דאָרט. „אים איז גוט,‟ האָבן די פּויערים זיך באַלעקט פֿון קינאה, און ווידער גענומען טרינקען. באַרקאָווסקי איז גיך אַרויס־געקומען. קאַשקאַס פּנים האָט געפֿלאַמט. זי האָט אַוודאי געמאַכט אַ גוט געשעפֿטל, און אַ קנייפּ פֿון „פּאַן וולאַדזע‟ האָט זי אויך נישט פֿיינט. מען האָט פֿאַרבעטן דעם פּאָליציאַנט צום טיש. אויס־געטרונקען און גענומען זינגען דאָס לידל וואָס אַן אָרטיקער ליץ האָט פֿאַרפֿאַסט.

קאַשקע און מאַרישקע
זענען שיינע מיידן,
פֿאַר איין פֿלעשל וואָדקע
גיב איך אײַך זייביידן.
הוי דאַ דאַנאַ דאַ.

כ׳האָב געטאָן תּפֿילה
צו דער הייליקער מאַמע,
וואָס איך האָב געבעטן
ווייסט עך מיניסטאַמע.
הוי דאַ דאַנאַ דאַ.

זאָל וואַקסן אויף די פֿעלדער
אַנשטאָט קאַרטאָפֿל — קעלבאַס,
ווען מ׳עט נעמען טרינקען
זאָל זיין גרייט אַ צובייס.
הוי דאַ דאַנאַ דאַ.

נאָך עפּעס בעט עך,
נאָך עפּעס ווילעך.
די קי זאָלן זיך מעלקן
מיט בראָנפֿן אָנשטאָט מילעך.
הוי דאָ דאָנאָ דאָ.

באַרקאָווסקי האָט אויסגעבעסערט די לעצטע סטראָפֿע:

קאַשקאָ זאָל זיך מעלקן
מיט בראָנפֿן נישט מיט מילעך.

„הוראָ! הוראָ!" האָבן אַלע זיך אַנציקט מיט דער חכמה פֿון 'פּאַן וולאַדזע'. צוערשט האָבן די מענער זיך צעקושט, דערנאָך זיך אויך צעקושט מיט די מיידן. מאַרישקע האָט זיך געלאָזט קנייפּן, און דאָס מאָל עס נישט צוגעשריבן צום חשבון...

9.

שעהן זענען פֿאַרביי זינט יוזעף איז אַוועק און נישט צוריק־געקומען. קיין עסן פֿאַר די בהמות נישט געקאָכט, עס רוקט זיך אָן די מעלק־צייט, וואָס טוט מען? ער טרינקט זיך אָן וואָס אַ מאָל אָפּטער. ווער ווייסט מיט וועמען ער טרינקט. וואָס אַ שיכור קאָן אויספּלאַפּלען, זאָל דער אייבערשער שומר ומציל זיין!

„די מילחמה איז אַ מעשה אויף יאָרן, מיר וועלן סיי ווי נישט דערציִען ביזן..."

„בייס זיך אָפּ די צונג, עטל. מע טאָר אַזוי נישט רעדן. דו זעסט דאָך אַז דער אין הימל פֿירט אונדז צום גוטן."

„עס נעמט נישט קיין סוף און דאָ — יעדן טאָג אַנדערע צרות. אָדער מ'עט אונדז געפֿינען, אָדער ער וועט אַליין — —"

„חלילה, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, און ער — —"

„אַלע יידן האָבן דעם זעלביקן גרויסן גאָט, און, דו זעסט דאָך."

„און דער טאַטעשי, עליו השלום, וואַכט איבער אונדז."

„דער טאַטעשי איז אַליין געהרגעט געוואָרן."

„אַ קרבן צו זיין דיין אָפּלייזער. דו זעסט דאָך, זעסט נישט? אין געטאָ און דאָ. מיר זענען דאָך געגאַנגען צו דער באַן, ווי אַלע. ווער האָט מיך פֿלוצעם געפֿירט צו דעם וואַסער־קעסל זיך באַ־

האַלטן? און אַפילו דאָ, ער האָט זײַן אויג איבער אונדז אויך דאָ אויפֿן בוידעם, ער הערט יעדעס וואָרט וואָס מיר רעדן."

„אפֿשר קאָנסטו אים פֿרעגן, מאַמעשי, וואָס איך זאָל איצט טאָן? נישט אַראָפּגיין וועט ער זײַן אין כּעס, געלאָזט די בהמות הונגערן. יאָ אַראָפּגיין איז געפֿערלעך. וואָס טוט מען?"

„כ'מיין דו זאָלסט אפֿשר יאָ אַראָפּגיין. עס וועט, חלילה, קיינער נישט קומען. און קאָנסט זיך באַהאַלטן, אויב, חלילה — —"

„איצט איז שוין צו שפּעט, מאַמע. מען מוז שוין אָנצינדן דעם לאָמפּ. מ'עט זען ס'איז ליכטיק מוז דאָך עמעץ זײַן אין שטוב."

„אפֿשר וועסטו קאָנען אין דער פֿינצטער?"

„מ'עט זען אַ רויך פֿון קוימען."

„אַ רויך? ביסט גערעכט. אַז ס'איז קיינער נישטאָ, ווער הייצט אין דער קיך."

„ווי זאָגט דער באַלעבאָס, ס'איז אַזוי נישט גוט, און אַזוי נישט גוט. כ'על יאָ אַראָפּגיין, אפֿשר וועט קיינער נישט קומען."

מען האָט פֿריִער אַרויסגעקוקט דורך אַלע שפּאַרעס. נישט גע־זען קיין מענטש, איז עטל אַראָפּ און אַרײַנגעלאָפֿן אין דער קיך. זי האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. אין דער פֿינצטער האָט זי אַרײַנגעוואָרפֿן קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ אין אַ גרויסן אײַזערנעם טאָפּ און צוגעשטעלט צו קאָכן.

עס האָט אַרויסגעשײַנט אַ ליכט פֿון צווישן די פֿײַערקעס. פֿאַרפֿאַלן. זאָל עס נאָר אַ ביסל אַ קאָך טאָן. דאָס גאַנצע דאַרף וויסט דאָך נישט אַז ס'איז שוין שעהן זינט דער פֿויער איז אַוועק פֿון שטוב.

שפּעט אין אָוונט האָט עטל דערהערט זײַן שיכּורלעך געזאַנג:

„קאַשקע און מאַרישקע
זענען שיינע מיידן."

עטל האָט זיך שנעל באַהאַלטן אונטערן בעט. ווער ווייסט צי ער איז אַליין.

עמעץ איז צוגעקומען צו דער טיר, דער הונט האָט נישט גע־בילט, מיינט עס אַז עס קומט נישט קיין פֿרעמדער.

„ווער קאָכט דאָ, טײַוואָלים?"

עטל איז אַרויסגעקראָכן פֿון אונטערן בעט: „מע דאַרף קאָכן פֿאַר דער קו."

„אָ, דאָס ביסט דו דער טײַוול? כאַ כאַ. פֿאַר וואָס באַהאַלטסטו זיך שטענדיק? קריכסט אין דער פֿינצטער ווי אַ מויז."

„ס'קאָן מיך נאָך עמעץ דערזען."

„איז וואָס? וואָס'טו מורא? ייִדישע פּחדנים! איך האָב פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא. נישט פֿאַר זשאַנדאַרן, נישט פֿאַר קיינעם."

„רעדט אַ ביסל שטילער, גאָספּאַדאַזשו, מע קאָן הערן."

„כ'האָב דיר געזאָגט: איך האָב פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא. כ'באַהאַלט ייִדן? וועמענס פֿאַרשוואַרץ עסק איז עס? כ'וויל האַלטן ייִדן. אַ כאָליערע אויף דעם פּאַוועל, צוקער וויל ער פּרעסן. איך האָב פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא. נישט פֿאַר זשאַנדאַרן, נישט פֿאַר באַרקאָוסקין, אונדזער אייגענער כאָליערע, אַ פּוילישער פּאַ־ליציאַנט וואָס אַרבעט פֿאַר די שוואָבעס און טליקעט זיך אַרום מיט קאַשקען און מאַרישקען."

„קאַשקע און מאַרישקע
זענען שיינע מיידן,
פֿאַר איין פֿלעשל וודקע
כ'האָב אין ד'רערד זיי ביידן."

ער האָט זיך צעלאַכט פֿון זײַן אייגענער חכמה און גענומען טאַנצן. ער האָט צוגעטאַנצט צו עטלען, געשלעפּט זי אין אַ האָפּקע, עטל האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אים און צוריקגעגאַנגען צום טאָפּ.

יוזעף איז אַוועק צו דער שאַנק, אַרויסגענומען אַ פֿלאַש בראָנפֿן. אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין באָדעם, דער פּראָפּן איז אַרויסגע־שפּרונגען.

„איר טרינקט הײַנט אַזוי פֿיל, פּאַניע יוזעפּיע," האָט עטל גע־זאָגט מיט געבעט.

„ס'דערוואַרעמט די ביינער פּאַניענקאַ, און ס'מאַכט ליכטיקער אין קאָפּ. ווילסט אַ טרינק?"

„ס'מאַכט טונקעלער אין קאָפּ פּאַניע. אַז מ'איז באַטרינקען, קאָן מען אַ מאָל אויסרעדן וואָס מ'טאָר נישט."

„האָב נישט קיין מורא, פּאַניענקאַ, יוזעף האָט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער זײַט. כאָטש אַ נאַר בין איך טאַקע. דו ווייסט וואָס וולאַדעק האָט הײַנט דערציילט אין שענק? געקריגן צען קילע צו־קער און אַ ליטער בראָנפֿן פֿאַר איין ייִד."

עטל האָט האַסטיקער געמישט דאָס געקעכץ אין טאָפּ.

„און דער פּאַוועל, געקומען צו אים אַ זשידוועטשקאַ ער זאָל זי באַהאַלטן — —"

„האָט ער זי פּאַרקויפט פאַר אַ ביסל צוקער," האָט עטל אים אַרויסגעהאָלפן.

„אָ, ניין, פּאַוועל איז אַן אָרנטלעכער יונג. אָפּגעשפּילט זיך מיט איר און דערנאָך אַרויסגעטריבן. דו ווייסט ווער ס'איז געווען? די לעיבושיאַנקע. אַזאַ הויכע, אַ שוואַרצע. געכאַפּט אַ פּעטן ביסן דער וואָדעק. כאָטש דו ביסט אויך נישט שלעכט."

דער הילצערנער קאָך־לעפל איז אַרויסגעפאַלן פון עטלס האַנט.

„שוין צייט פאַר מיר אַרויפצוגיין," האָט זי געזאָגט. „דאָס שאַ־לעכץ שוין ווייך, שוין אַריינגעטאָן קלייען."

עטל האָט גענומען גיין צו דער טיר. יוזעף האָט איר פאַר־שטעלט דעם וועג: „וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם פּאַוועל, האַ?"

„אַן אויסוואורף!"

„נישט יעדער וויל איינשטעלן דעם קאָפּ און באַהאַלטן ייִדן. און אַז ער האָט זיך אַ שפּיל געטאָן איז וואָס? סיי ווי, ׳עט מען זי דערהרגענען, וואָס שאַדט עס אַז אַ מענטש האָט הנאה געהאַט?"

„אָבער איר זענט אַ בעסערער. איר זענט אַן איידעלער מענטש."

„איך וואָלט נישט אַרויסגעטריבן. גענומען אין בעט אַריין, וואָלט איך זי שוין געהאַלטן ביזן סוף. פאַרשטייסט?"

יוזעף האָט אָנגעכאַפּט עטלען ביי דער האַנט. עטל האָט זיך אַרויסגעריסן: „לאָזט מיך, כ׳מוז אַרויפגיין."

„הער, ווען מען רעדט צו דיר!" איז יוזעף געוואָרן אין כעס. „כ׳בין נישט דיין פאַרדן!"

„שש... שרייט נישט, מ׳קאָן הערן. מירן מאָרגן רעדן. איר׳ט היינט געטרונקען..."

„נישט דיין עסק צו מיין טרינקען. ציטער נישט אַזוי, כ׳על זיך קיין שלעכטס נישט טאָן. נאָר דאָס האָב איך שוין לאַנג גע־טראַכט. איך בין גוט צו דיר, דו וועסט זיין גוט צו מיר. כ׳על דיך אויסבאַהאַלטן ביזן סוף, ווי גאָט איז מיר ליב."

יוזעף האָט אַרומגעכאַפּט עטלען ביי דער טאַליע. עטל האָט זיך ווידער געריסן פון אים: „פּאַניע, וואָס טוט איר? לאָזט מיך."

„איך שטעל איין פאַר דיר דעם קאָפּ!" האָט יוזעף ווידער גע־נומען שרייען.

„גאָט וועט אײַך באַלוינען. איר שטעלט אײַן דאָס לעבן, טוט עס פֿאַר אַ רײַנער זאַך."

„האַלט נישט פֿאַר מיר קיין מאָראַלנע פּרעדיקס, ביסט נישט קיין גלח."

„לאָזט מיך, וואָס טוט זיך מיט אײַך?"

„ווילסט מיך נישט, האַ? איך בין אַ פּראָסטער פּויער, דו אַן אײדעלע פּאַניענקע, האַ? אָבער אָן דעם פּויער, זעסטו, קאָנסטו נישט לעבן, 'געמזע' וועט מען פֿון דיר מאַכן אַז איך וועל דיך אַרויסטרײַבן."

„כ'האָב דאָך אַ מאַן."

„וועט אים עפּעס אָפּקומען? ער איז ווײַט און וועט גאָרנישט וויסן."

„כ'קאָן אים נישט אָפּנאַרן."

„און מיך פֿאַר וואָס האָסטו אָפּגענאַרט. געזאָגט, נאָר אויף איין נאַכט און שוין געבליבן. אַ גוי מעג מען, האַ?"

יוזעף האָט זי געוומען שלעפּן צום בעט. עטל האָט זיך אַרויסגעריסן און אַריבערגעלאָפֿן אויף דער אַנדערער זײַט טיש. יוזעף האָט אַ לויף געטאָן צו איר, פֿאַרטשעפּעט זיך אין אַ בענקל און געפֿאַלן. עטל האָט גענומען לויפֿן צו דער טיר. יוזעף האָט אַ שפּרינג געטאָן ווי אַ חיה אויף אַלע פֿיר און זי אָנגעכאַפּט בײַ אַ פֿוס. עטל איז געפֿאַלן צו דער ערד.

שׂרה אויפֿן בוידעם האָט דערהערט אַז עפּעס טוט זיך אונטן. זי האָט זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד, צוגעלייגט דאָס אויער צו דער פּאָדלאָגע. זי האָט זיך געשאַרט אויפֿן בויך, נאָכגעקראָכן אומעטום וואו עס האָבן זיך אונטן אַריבערגעטראָגן די קולות. פּלוצעם האָט זי דערהערט אַ שווער פֿאַלן, דערנאָך ווידער אַ פֿאַלן און עטלס אַ קורצן אויסגעשריי. אַלץ אין איר האָט זיך אָנגעשפּאַנט, די פֿינגער און נעגל האָבן זיך אויסגעשטײַפֿט. זי איז אויפֿגעשפּרונגען, שנעל אַראָפּ פֿון לייטער, אויפֿגעפּראַלט די טיר און אַרײַן אין שטוב. עטל האָט זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות. שׂרה איז צוגעשפּרונגען, גענומען שלעפּן יוזעפֿן. זיינע אָרעמס האָבן ווי אײַזערנע רייפֿן געקלאַמערט עטלען. שׂרה האָט זיך אײַנגעגראָבן מיט די נעגל אין זײַן האַלדז. יוזעפֿס אָרעמס זענען לויזער געוואָרן. ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס, אַ שלײַדער געטאָן שׂרהן, און אויפֿגעשפּרונגען אויף די פֿיס.

„איר בעסטיעס! פֿאַרשיווע זשידעס! אַרויס פֿון דאַנען! שוין אַרויס!"

שׂרה האָט זיך אויפֿגעשטעלט און דערנענטערט צו אים: „פּאַניע, פּאַניע..."

„אַרויס!" האָט יוזעף געשריגן, אָנגעכאַפּט זי פֿאַרן קאַרק און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. עטל איז אַליין אַוועק צו דער טיר. יוזעף האָט איר אַ קאָפּע געטאָן פֿון הינטן: „מער זאָלן מײַנע אויגן אײַך נישט זען, פֿאַרשיווע, קרעציקע הינט!"

יוזעף איז אַרויף אויפֿן בוידעם. שׂרה און עטל זענען געבליבן שטיין אין הויף. יוזעף איז באַלד צוריק אַראָפּגעקומען פֿון בוידעם, אַ בינטל זייערע שמאַטעס אין דער האַנט. ער האָט זיי געטריבן פֿון הויף און נאָכגעוואָרפֿן דאָס פּעקל. שׂרה האָט נאָך געוואָלט בעטן בײַ אים, אָבער יוזעף האָט געשריגן אַזוי הויך אַז זיי האָבן געמוזט באַלד אַוועק. דער הונט, דערשראָקן פֿון יוזעפֿס געשרייען, האָט זיך צעוואָיעט מיט אַ מאָרימדיקן הינטישן געווין.

שׂרה און עטל האָבן ווידער גענומען קלאַפּן אין טירן פֿון באַקאַנטע פּויערים.

„ווער קלאַפּט? ווער איז דאָרט?"

„דאָס בין איך, די שלוימאָווע. מײַן שלוימע האָט אײַך געבאָרגט געלט אויף זריעה, איר געדענקט? אײַער שײַער האָט געהאַט אָפּגעברענט, איר געדענקט עס. עפֿנט, כ׳בעט אײַך, פּראַשען."

„שלוימאָווע? איר לעבט? מײַן גאָט, אַלאַ באַגאַ. גייט אַוועק, שנעל, איך בעט אײַך, זיי וועלן אונדז דערהרגענען איבער אײַך."

אויסגעמיטן אַ פּאָר כאַטעס, אָפּגעיאָגט זיך פֿון בייזע הינט, און ווידער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. „דאָס בין איך, די שלוימאָווע."

„די שלוימאָווע? אָט עפֿן איך." די טיר האָט זיך געעפֿנט, עס האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער פּויער אין די אונטערוועש: „גוט וואָס איר זענט געקומען צו מיר. פֿאַר וואָס זאָל דער כאָליערעדיקער דײַטש אײַך האָבן בחינם?"

שׂרה און עטל האָבן גענומען אַנטלויפֿן. דער פּויער האָט זיי נאָכגעיאָגט עטלעכע טריט און באַלד מיד געוואָרן. „זשידעס פּאַרכעס," האָט ער זיי נאָכגעשריגן, „זשידעס נישט פֿאַרגינערס. באַדײַ אײַנשפּאָרן דעם דײַטש צוקער און בראָנפֿן, אַבי אַ פּאָליאַק זאָל עס נישט האָבן. דער מאַשעק קאָהען, געווען דאָ מיטן ווײַב און זיך געבעטן כ׳זאָל רופֿן דײַטשן. נישטאָ קיין סך אָרנטלעכע זשידקעס."

זיי זענען אַרויס פֿון דאָרף. די הענער האָבן שוין גענומען קרייען, זיי מוזן עפּעס געפֿינען איידער עס ווערט טאָג. צו וועמען זיך ווענדן? שׂרה האָט געשלעפּט עטלען צוריק אין דאָרף אַריַין. „כ'וועל פּרובירן ביַי רוזשאַלסקין."

„עפּנט, פּאַניע רוזשאַלסקי, האָט רחמנות."

„יעזוס, מאַריאַ, ס'איז די שלוימאָווע. ווי קומט איר אַהער?"

דער פּויער האָט ברייטער געעפֿנט די טיר. עטל האָט זיך גענומען דערנענטערן. שׂרה האָט זי אַנגעטאַפּט ביַים אָרעם. „כ'האָב מורא, עטל. ער וויל אונדז אַריַיננאַרן." זי האָט גענומען אַוועקלויפֿן און געשלעפּט עטלען נאָך זיך. די נאַכט איז צערינען געוואָרן. אין דער טונקל איז די קעלט נישט געווען אַזוי קאַלט, די שרעק נישט אַזוי מוראדיק. אָבער די נאַכט איז עפּעס איינס צוויי פֿאַרלוירן געגאַנגען. די פֿינצטערניש איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון אַ קאַלטער בייזער גרויקייט. רעדער פֿון פּויערישע פֿורלעך האָבן גענומען קלאַפּן איבער דעם שאָסיי. „אין וואַלד אַריין!"

עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג אין אַטוואַצק. אַ געטראַסק און גערודער אויפֿן שאָסיי וואָס האָט זיך געצויגן פּאַזע דעם וואַלד. שׂרה און עטל האָבן זיך באַהאַלטן הינטער קוסטעס און האָבן מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. אַ פֿיַיכטער שניי איז געפֿאַלן, האָט זיי באַדעקט. גוט, זיי וועלן אויסזען ווי אַ טייל פֿון די באַשנייטע קוסטעס. טייל מאָל האָט אַ פֿורל זיך פֿאַרהאַלטן, אַ פּויער איז אַריַין אין וואַלד. שׂרה און עטל זענען פֿאַרשטיַיפֿט געוואָרן און פּרובירט איַינהאַלטן אַפֿילו דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿון האַרץ. דער פּויער האָט נאָר אָפּגעבראָכן אַ ביסל צוויַיגן און אַוועק צוריק צו זיַין פֿורל. איינער איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט. אויפֿשפּרינגען און אַנטלויפֿן? דער פּויער האָט זיך עפּעס געפּאָרעט מיט זיַינע מלבושים, זיַין אונטערוועש האָט אַ בלייך געטאָן צווישן צוויַיגן, און ער איז פֿאַרשוווּנדן הינטער אַ דיקן בוים... ניין קיינער זוכט זיי נישט, קיינעם וועט נישט איַינפֿאַלן זיי דאָ צו זוכן...

מאָדנע, האָט עטל געטראַכט. מאָדנע, ווי אַלץ האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַ מאָל האָט מען אין אַ וואַלד מורא געהאַט ווען מען האָט נישט געזען קיין מענטש, היַינט האָט מען מורא אויב מען זעט אַ מענטש... ווי אַנגעפּעלצט ער איז, דער פּויער. אוי, אַזאַ פּעלצל פֿאַר דער מאַמען, זי האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געטרייסלט פֿון קעלט. זי ליגט איצט אַזוי שטיל. מען הערט

אַפּילו נישט איר אָטעמען, נאָר די פּאָרע פון איר אָטעם טיילט זיך אויס פון דער קאַלטער לופט.

„מאַמעשי."

„וואָס ?"

„מאַמעשי."

„יאָ, עטל."

„מאַמעשי, זײַ וואַך, מ׳קאָן געפרוירן ווערן."

„כ׳בין וואַך, עטל."

שׂרהס רייד זענען אַרויסגעקומען שטאַמלדיק. אירע ליפּן זענען געווען פאַרשטײַפט, זי האָט קוים געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

„פאַר וואָס זענען מיר געשטראָפט געוואָרן צו בלײַבן לעבן, מאַמעשי ?"

שׂרה האָט נישט געענטפערט.

עטל האָט זיך אויפגעהויבן: „וואָס ווען מיר דאָ אויסליגן ? לאָמיר גיין צו די דײַטשן."

„וואָס רעדסטו, עטל ?"

„אַ סוף ! איין מאָל אַ סוף און פּטור."

„ס׳איז נאָך דאָ אַ וועלט, ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל."

„ס׳איז נישטאָ קיין וועלט, מאַמעשי, ס׳איז נישטאָ קיין — —"

שׂרה האָט פאַרשטעלט עטלען דאָס מויל. „ניטע עטל ! חלילה, ש־שששאָ."

„שלמה ! ווּ ביסטו, שלמה !" שׂרה האָט זיך גענומען וויגן און געקלאָגט מיט אַ תּחינה־ניגון : „ווּ ביסטו, שלמה ? וואָס האָסטו אַלץ איבערגעלאָזט אויף מײַנע שוואַכע פּלייצעס ? איך האָב שוין נישט וווּהין צו גיין, צו וועמען זיך צו ווענדן, דו האָסט דאָך יאָ, שלמה..."

שׂרה איז אויפגעשפּרונגען. די פּלייצע ווידער גלײַך. די אויגן האָבן געפינקלט. — „קום, עטל."

„וווּהין ?"

„צום טאַטעשי."

„צום טאַטעשי ?"

„צום טאַטעשיס קבֿר."

„ס׳איז נאָך נישט גוט פינצטער."

„קום, מיר האָבן ווער עס זאָל אונדז באַשיצן."

.11

מיט הינטערוועגן זענען זיי צוגעקומען צום בית עולם. שׂרה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן מאַנס קבֿר: „שלמה, וואָס שווײַגסטו? האָסט צוגעזאָגט דודן, האָסט דײַן לעבן פֿאַר איר מקריבֿ געווען. לאָז נישט רוען, שלמה!"

„מאַמעשי, שרײַ נישט, מע קאָן הערן."

„דאָ האָב איך פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט. שלמה, שלמה! דער פֿויער וויל מטמא זײַן אונדזער כּשר קינד. שלמה, וועק אויף אַלע אָבות אבֿותינו. ראַטעווע, שלמה! אַבֿרהם אָבֿינו האָט געוואָלט ברענגען זײַן זון אויף דער עקידה, דו ביסט געגאַנגען פֿאַר דײַן טאָכטער אויף דער עקידה. זאָל דײַן זכות איר בײַשטיין. באַהיט זי פֿון שלעכטס, שלמה, באַשיץ זי פֿון בײז, שלמה, שלמה!"

עטל איז געשטאַנען שטום. אירע אַקסלען האָבן געציקט. די אותיות אויפֿן טאַטנס מצבֿה האָבן געעפֿנט טרערן־קוואַלן וואָס זענען לאַנג געווען פֿאַרשלאָסן. די אותיות זענען צעשוווּמען געוואָרן אין אירע טרערן.

„זאָג אים, עטל. בעט אים."

עטלס ליפּן האָבן געציטערט אָבער קיין קול איז נישט אַרויסגעקומען. זי האָט לעצטנס געטראַכט משונהדיקע געדאַנקען. אַזעלכע געדאַנקען אַז די מאַמע וואָלט אוועקגעחלשט אויב זי וואָלט עס געהערט פֿון איר טאָכטערס מויל. נאָך דעם וואָס איז געשען קאָן נאָר אַזאַ ווי די מאַמע נאָך גלויבן ווי אַ מאָל. עס איז פֿון דעסט וועגן גוט געווען צו קומען אַהער. די וועלט איז געוואָרן פֿרעמד און פֿײַנטלעך. די מצבֿות מיט ייִדישע אותיות, אַפֿילו די שוואַרצע נאַקעטע ביימער דאָ זענען ווי אבֿיונים פֿון היימישן געסל. אויב מע וואָלט נאָר געקאָנט דאָ איבערוואַרטן די שלעכטע צײַט...

„קום, עטל."

„וווהין?"

„אַהין."

„ווו מיר זענען געווען?"

„ווו מיר זענען געווען. ער איז געווען שיכּור, ער האָט זיך שוין אויסגעניכטערט."

„ניין, מאַמעשי."

„ער איז אַן אָרנטלעכער פּויער, און, מיר האָבן דעם טאַטן און אַ גרויסן גאָט."

.12

ווען זיי זענען אָנגעקומען איז יוזעף גראָד געווען אין הויף. ער האָט גאָרנישט געזאָגט ווען ער האָט זיי דערזען, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט געשען, אָדער ווי ער וואָלט חרטה געהאַט אויף דעם וואָס איז געשען. ער האָט זיי צוגעפֿירט צום לייטער. שׂרה איז די ערשטע אַרויפֿגעקראָכן צום בוידעם. עטל האָט אויך גענומען אַרויפֿגיין.

„דו קאָנסט נאָך אַרײַנגיין אָפּוואַשן דאָס געשיר,“ האָט ער געזאָגט צו עטלען.

„שוין איצט ?“

„גענוג מײַז אין הויז, מע דאַרף אָפּוואַשן.“

„קום באַלד אַרויף,“ האָט שׂרה אָנגעזאָגט עטלען, און אַרויף אויפֿן בוידעם. זי איז אַוועק צום קוימען זיך אָנוואַרעמען, אָבער זיך אַפֿילו נישט אַוועקגעזעצט. עס איז זי באַפֿאַלן אַן אומרויִקייט, זי האָט אויפֿגעשפּיצט די אויערן. האָט עטל אַ געשריי געטאָן ? אויף דעם אָרט וווּ זי איז געשטאַנען איז דער דיל פֿון בוידעם געווען דער סופֿיט פֿון דער שטוב. שׂרה האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן בויך און צוגעלייגט אַן אויער צום דיל. נישט קיין ספֿק, אונטן קומט פֿאָר אַ געראַנגל. אונטן איז מען געלאָפֿן איבער דער שטוב, אויבן איז שׂרה אויף אַלע פֿיר נאָכגעלאָפֿן, און אַלע מאָל צוגעלייגט דאָס אויער אויף אַן אַנדער אָרט. אונטן האָט אַ בענקל זיך איבערגעקערט, אַ פֿאַרשטיקטער קרעכץ, און עס איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. שׂרה איז געשפּרונגען פֿון אָרט צו אָרט, מען האָט מער גאָר נישט געהערט. זי איז אויפֿגעשפּרונגען און האָט אַ לויף געטאָן צום אַרויסגאַנג. דער לייטער אַראָפּצוגיין איז דאָרט נישט געווען, דער פֿויער האָט עס, ווײַזט אויס, צוגענומען. שׂרה האָט גענומען קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין דיל. קיין ענטפֿער. יאָ לייטער, נישט לייטער, זי מוז באַשיצן איר קינד. זי איז צוריק אַוועק צו דער טיר. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דעם פֿירהייזל און געבליבן הענגען אויף דער בוידעם־שוועל נאָר מיט די שפּיצן פֿון די פֿינגער פֿון אירע הענט. אירע פֿיס האָבן זיך געהוידעט נאָר פֿאַר אַ ווײַלע. זי האָט אָפּגעלאָזט די שוועל און אַראָפּגעפֿאַלן אויף דעם ליימענעם דיל פֿון פֿאָדערהויז.

שׂרה האָט פּרובירט זיך אויפֿהויבן. אַ מוראדיקער ווייטיק אין לינקן פֿוס, אין דעם רוקן. זי איז געווען ווי צוגענאָגלט צום אָרט.

איר וואַכקייט האָט זיך געהוידעט אויף אַ האָר, זי האָט זיך גע־קלאַמערט אין איין ברעקל געדאַנק: צו דער טיר! זי האָט ענדלעך באַוויזן זיך צוצושלעפּן צו דער טיר. די טיר איז געווען פֿאַר־קייטלט פֿון אינווייניק. זי האָט געקלאַפּט מיט די פֿויסטן אין דער טיר. עס איז געוואָרן שווערער און שווערער אויפֿצוהייבן די פֿויסטן. זי האָט נאָך אַלץ פּרובירט קלאַפּן אין דער טיר, און איז געזונ־קען אַראָפּ, אַראָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט זי געדרימלט? ניין, זי ווייסט אַלץ. זי ווייסט וואָס זי גייט איצט טאָן! ניין, אויפֿהייבן קאָן זי זיך נישט. זי האָט גענומען אָפּשטופּן זיך מיט די הענט פֿון דער ערד, און זיך געריטשט אויפֿן בויך פֿאָרויס. ביי יעדן באַוועג האָבן אויפֿגעריסן נײַע ווייטיקן. דווקא דער לינקער פֿוס האָט זיך כּסדר פֿאַרטשעפּעט אין שטיינער, אין קוסטעס. ניין, זי וועט נישט חלשן, ניין, זי וועט נישט אָפּ־שטיין! יעדער באַוועג — אַ ראַנגלעניש, ווי די ערד וואָלט זי געקלאַמערט צו זיך. זי האָט זיך אָפּגעריסן און געריטשט זיך פֿאָרויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען שׂרה האָט זיך דערשלעפּט צום בית עולם, האָט אַ גרויער פֿאַרטאָג שוין געהאָנגען איבער די נאַקעטע ביימער. זי האָט, נאָך פֿון ווייטן, דערזען די מצבֿות און אָנגעגורט זיך מיט כּח. ווען זי איז צוגעקומען צו איר מאַנס מצבֿה האָט זי אַפֿילו באַוויזן זיך אונטערצוהייבן און זיך אַ שטעל טאָן אויף די פֿיס. זי איז גלײַך אַראָפּגעפֿאַלן. איר געדאַנק איז אויך אַראָפּגעפֿאַלן, אָבער עס איז געבליבן אַן עקשנות אויפֿצורײַסן די אויגן. דער נאָמען שלמה גאָלד־בערג אויף דער מצבֿה האָט אויפֿגעוועקט נײַע כּוחות. זי האָט גע־קאָנט באַוועגן נאָר מיט דעם רעכטן פֿוס, האָט זי מיט דעם פֿוס געקאָפּעט די מצבֿה. איר מויל האָט צוריקבאַקומען לשון: „צו אַלדי רוחות! אַוועקגעלייגט זיך דאָרטן און פֿאַרגעסן אין אַלעם. צו אַלדי שוואַרצע יאָר! עטלס שאַנד זאָל דערגיין צו דיר אין גן עדן, אין גיהנום, ווו נאָר דו ביסט. די ערד זאָל דיך אַרויסוואַרפֿן, דו זאָלסט קיין רו נישט האָבן. צו אַלדי שוואַרצע, פֿינצטערע יאָר!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ דעק איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דעם פֿעלד, אומשול־דיק ווײַס און נישט באַרירט. נאָר דאָ און דאָרטן האָבן זיך נאָך אָנ־געזען אָפּדרוקן פֿון מענטשלעכע טריט, אָבער זיי זענען אויך פֿאַר־דעקט און אָפּגעווישט געוואָרן. צווײַגן האָבן זיך קוים באַוועגט אין שטילן ווינט. שניי־פֿליטערלעך האָבן געשוועבט מיט גראַציע, שפּי־לעוודיק זיך אויסגעלייגט אויף מנוחהדיקער ערד, און אויף אַ גוף וואָס האָט שוין אויך געפֿונען מנוחה.

.13

איבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן דער בײַטאָגיקער טומל. מיליטערישע לאַסט־אויטאָס מיט שרײַענדיקע האָרנס, פֿערד האָבן געקלאַפּט אין ברוק מיט די פּאָדקאָוועס, די וועגענער האָבן גע־רעשט מיט די אײַזערנע רייפֿן. ווען נישט ווען האָט זיך אָנגעטראָגן אַ טראַמוויי־וואָגן. די פֿאַרב איז געווען אָפּגעריבן, די שויבן אויס־געהאַקט, דאָ און דאָרט לעכער פֿון קוילן. נאָר דער גלאָק האָט נאָך געקלונגען מיט רויש, נישט אויפֿגעהערט קלינגען, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסשרײַען זײַן פֿאַרמילחמהדיקן יִחוס. אָפּגעריסענע יונג־לעך האָבן אויסגערופֿן די נעמען פֿון צײַטונגען. „ראָבאָטניק", „זשי־טשע וואַרשאַווי", „גלאָס לודו". די זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן צו מערבֿ. אויף דער באַנק אין סקווער, אויף דער רוי־שיקער טאַרגאָווע־גאַס, זענען נאָך אַלץ געזעסן דוד און עטל. דוד האָט עטלעכע מאָל געוואָלט איבעררײַסן איר דערציילן, עטל האָט נישט געלאָזט. ער האָט מורא געהאַט צו הערן ווײַטער. פֿינף יאָר זיך געוואָלגערט אין דער פֿרעמד. ס'וואָלט שווער געווען אויסצו־האַלטן ווען נישט דער חלום אַז ערגעץ איז נאָך פֿאַראַן זײַן היים, זײַן עטל. ער זיצט איצט נעבן עטלען און זי דערציילט. וואָס וועט זײַן אַז זי וועט האָבן אַלץ דערציילט? וועט נאָך עטל בלײַבן — עטל? וועט נאָך בלײַבן די היים? ער וויל מער נישט הערן, ער וויל מער נישט וויסן. עטל איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. דוד איז צופֿרידן געווען, און דאָך געוואַרט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם זי זאָל ווײַטער דערציילן.

עטל האָט געענדיקט דערציילן. דודס ברוסט וואָס האָט זיך געהאַט צוזאַמענגעצויגן מער און מער בעת זי האָט דערציילט, האָט איצט זיך גענומען אָפּשפּאַנען. אַ קאַלטע קלעמעניש אין האַרץ האָט נאָכגעלאָזן און געמאַכט פּלאַץ פֿאַר אַ וואַרעמקייט וואָס איז אויפֿגע־

גאַנגען אין אים און אין גאַנצן אים אַרומגעהילט. וואָס צווינגט זי צו רעדן, נישט אויפֿהערן רעדן קעגן זיך אַליין? חרטה? חרפּה? ס'איז פּײַן. ס'איז אַ באַגער זיך אַליין ווי צו טאָן, נוקם צו זײַן זיך אין זיך אַליין.

„וואָס פּײַניקסטו זיך עטעלע, דער גורל האָט דיך שוין גענוג געפּייניקט. דער אויבערשטער האָט דיך שוין גענוג געשטראָפֿט."

„דאָס ביסטו גערעכט. טאַקע דערפֿאַר מוז איך אַלץ דערציילן. נאָר אויב דו וועסט אַלץ וויסן, וועלן מיר קאָנען נאָך אַ מאָל אָנ־הייבן פֿון אָנהייב. דו ביסט דאָ נישט געווען, און איך בין נישט זיכער צי דו קאָנסט באַנעמען וואָס דאָ איז געווען."

„איך קען דיך, און דאָס איז גענוג."

„איך בין מער נישט די וואָס דו האָסט געקענט. איך האָב מורא אַז איך וועל קיין מאָל מער נישט קאָנען זײַן וואָס איך בין געווען."

אַ לאַנג שווײַגן. דוד האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אַ גלעט צו טאָן אירע האָר, אָבער צוריק אַראָפּגעלאָזט די האַנט. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דער האַרטקייט אויף איר פּנים. „דו ביסט דאָך געווען אַן אנוסה, פֿאַרגוואַלטיקט," האָט ער זי געוואָלט טרייסטן, אָבער דאָס וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין דער קעל. ווען עס איז געשען דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען גוואַלט. אַז זי איז נאָך דעם געבליבן... זי איז דאָך אַפֿילו נישט געווען ווי אַ געפֿאַנגענע אין שונאס לאַגער ווו די געפֿאַנגענע ווערן געהיטן און קאָנען נישט אַנטלויפֿן. זי איז דאָך — — —

„ווען איז דאָס געשען?" האָט דוד פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן.

„דאָס געטאָ האָבן זיי ליקווידירט סוף זומער 1942. ווען די מאַמע און איך זענען צוריקגעקומען צו יוזעפֿן איז שוין געהאַט אָנ־געפֿאַלן אַ שניי. די מאַמע פֿלעגט זיך מאַכן סימנים און פֿירן אַ חשבון פֿון די טעג, צו וויסן ווען עס איז שבת. זינט די מאַמע איז פֿאַרשוווּנדן האָב איך געלעבט אין גאַנצן אָן חשבון."

„ווען האָט עס זיך געענדיקט?"

„אָטוואָצק איז באַפֿרײַט געוואָרן אין יולי 1944".

„אַרום צוואָנציק, אָדער איין און צוואָנציק חדשים?"

„יאָ."

„די מאַמע איז פֿאַרשוווּנדן אין — —"

„ווען איך האָב דערזען אַז די מאַמע איז נישטאָ, בין איך — בײַך, נישט באַלד. איך האָב געוואַרט אַ טאָג, צוויי, אפֿשר וועט זי

צוריקקומען. דעם דריטן טאָג באַלד אין דער פֿרי בין איך אַוועק קיין אָטוואָצק.״

„זוכן די מאַמע ?״

„נאָך דרײַ ווינטער־נעכט און צוויי טעג איז שוין נישט געווען וואָס צו זוכן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אויף די גאַסן פֿון אָט־וואָצק ווי אַזוי פֿל גאַיעס האָבן מיך געקענט, און גאָר נישט.״

„די צוויי טעג וואָס האָסט געוואַרט, ווו ביסטו געווען ?״

„אויפֿן בוידעם. איך בין נישט אַראָפּ אַרבעטן, איך בין נישט אַראָפּ עסן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אונטן, ווי עס וואָלט קיינער נישט געווען אויפֿן בוידעם. ווען איך בין אַוועק, האָב איך אפֿשר באַדאַרפֿט צוריק אָנטאָן מײַנע אייגענע קליידער. די מאַמע און איך האָבן געטראָגן דער פֿאַרשטאָרבענער פֿויערטעס קליידער, כּדי די הלבשה זאָל זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן אויב עמעץ וועט אונדז זען פֿון ווײַטנס.״

„וואָס איז געשען אין אָטוואָצק ?״

„אין אָטוואָצק איז גאָרנישט געשען. עס איז אויך גאָרנישט געשען שפּעטער אויפֿן בוידעם. אויפֿן קאַלטן בוידעם ווו דער ווינט האָט געוואָיעט דורך די צעבראָכענע שינדלען פֿון דאַך, בין איך געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אַ נאַקעטע.״

„וואָס עפּעס נאַקעט, ווער — — ?״

„איך אַליין האָב אַראָפּגעצויגן פֿון זיך יעדער פּיצל מלבוש. איך האָב ערגעץ געלייענט פּרווידס אַ סבֿרא אַז דאָס וואָס מענטשן טרויערן און קלאָגן ווען אַ נאָענטער שטאַרבט איז געוויסנביסן. ווען מען דערזעט דעם טויט פּנים אל פּנים טראַכט מען קודם וועגן זיך. ס׳וועקט זיך אויף אַ באַהאַלטענע צופֿרידנקייט וואָס מען האָט עס אויסגעמיטן, וואָס עס האָט געטראָפֿן דעם אַנדערן. איך בין זיכער געווען אַז די מאַמע איז מער נישט צווישן די לעבעדיקע. איך האָב נישט געקלאָגט, נישט געטרויערט און עס אַפֿילו נישט באַדויערט. איך האָב זי מקנא געווען. ס׳איז נישט געווען קיין שטריק אויפֿן בוידעם. איך ווייס נישט צי איך וואָלט עס געקאָנט טאָן אויב איך וואָלט יאָ געפֿונען אַ שטריק. איך האָב אַ מאָל געהערט זאָגן אַז פֿאַרפֿרוירן ווערן איז אַ לייכטער טויט. ס׳איז אַ ליגן. די קעלט האָט מיך געשמיסן ווי מיט הונדערטער בײַטשן. יעדער אָבער האָט זיך געוואָרפֿן און זיך געקורטשעט אין יסורים, ווי מעסערס וואָלטן געווען אונטער דער הויט, געשליסן דאָס פֿלייש און געשאָבן די

ביינער. די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פּעך און עס האָט נישט געקומען קיין ענד צו די יסורים. אונטן האָט אוודאי געברענט אַ פֿײַער אין דער קיך אָדער אין אויוון, און דער קוימען וואָס האָט דורכן בוידעם געפֿירט צום דאַך איז אוודאי געווען וואַרעם. אָבער איך בין עקשנותדיק געלעגן אין אַנדערן עק, בײַם פֿענצטערל וואָס איך האָב געעפֿנט. אַ ווינט האָט געוואָיעוועט אויפֿן בוידעם, דאָס שטרוי האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿטן ווי עס וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער קעלט. אַ גרויס שטיק פּאַפּיר האָט זיך אויפֿגע־הויבן, געריסן זיך דורך אַ קליין לעכל אין דאַך און נישט געקאָנט אַרויס. אין דעם שטיק פּאַפּיר האָב איך געזען מײַן לעבן וואָס רײַסט זיך און קאָן נישט אַרויס פֿון די יסורים אין גוף. ניין, דער מלאך המוות קומט קיין מאָל נישט ווען מען רופֿט אים."

אַ שוידער האָט אַרומגענומען דודן, ווי די קעלט וואָלט געוואָ־יעוועט דאָ, אויף דער באַנק, ווו זיי זײַנען געזעסן. עטל איז אַנט־שוויגן געוואָרן, און וואָס זי האָט דערציילט האָט זיך אויפֿגעטאָיעט אין אַ האָפֿן. ווען דער פֿויער האָט דערזען אַז זי איז גיכער גרייט צו שטאַרבן... ער האָט זיך אַנגעכאַפּט דערין ווי אַ טרינקענדיקער אין אַ שטרוי. "און ער האָט דיך שוין צורו געלאָזט?"

אַ גרימאַס פֿון אומגעדולד האָט אַ ציק געטאָן אויף עטלס פּנים. איר קול איז געוואָרן העכער, האַרטער. זי האָט אַרויסגעוואָרפֿן די ווערטער ווי פֿײַלן. פֿײַלן געצילט אין זיך אַליין, אָדער אין אים? זוכט זי זיך נוקם זײַן וואָס ער איז אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד און זי איבערגעלאָזט? האָט דוד זיך געוווּנדערט.

"ער האָט מיך געפֿונען שלאָפֿן, אָדער פֿאַרחלשט. איך בין נישט געשלאָפֿן און נישט געהאַט אין מויל זינט יענער נאַכט. ער האָט מיך אויפֿגעוועקט, אָדער דערמינטערט, און אויף די הענט מיך אַראָפּגעטראָגן."

"ביסט נאָך אַלץ געווען נאַקעט?"

"ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט."

דוד האָט געוואַרט מיט פֿאַרהאַקטן אָטעם צו הערן וואָס עס איז ווײַטער געשען. אָבער עטל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

עטל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין דודן איז די פּײַן אָפּגעטראָטן פֿאַר אַ שרעק וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין אים. אַלע זײַנע חלומות במשך די יאָרן גלות־סיביר רינען אויס. די היים צעפֿאַלט זיך אין שטויב, עטל איז מער נישט עטל, ער פֿאַר־

לירט אַלץ, אַלץ! „האָסט זיך אָנגעוואָרעמט און ביסט צוריק אַרויף אויפֿן בוידעם.‟ האָט ער איר אונטערגעזאָגט און געוואָרט זי זאָל צושאָקלען מיטן קאָפּ, אַפֿילו אויב עס איז נישט אמת. זאָל זי אויפֿהערן שנײַדן זײַן האַרץ מיט אַ קאַלטן מעסער. זי האָט אָפּגעטאָן ערגערע עבֿרות ווי זאָגן ליגן.

„איך בין מער נישט אַרויף אויפֿן בוידן. אַכיבע דער הונט האָט זיך צעבילט, אַ סימן אַז עמעץ קומט.‟

זײַן גאַנצער עבֿר איז געלעגן צעשמעטערט בײַ זײַנע פֿיס. זייער חתונה איז געווען ל״ג בעומר, און ראש השנה איז ער שוין געווען אין וועג. פֿיר און אַ האַלבן חודש קעגן איין־און־צוואַנציק חדשים! ער האָט אָנגעהויבן עפּעס וואָס איז פֿון פֿאַרויס געווען פֿאַרשפּילט. „דו האָסט זיך געמאַכט אונטן דײַנס אַ געלעגער...‟

ער קאָן נישט זײַן אַזוי נאַיוו. פּרובירט ער איר ׳אונטערשטעלן אַ פּיסל׳ זי זאָל זיך שטרויכלען? דער חלום ווידער אַ מאָל צו זען דודן האָט זי טאַקע דערהאַלטן בײַם לעבן, אָבער ער מוז און וועט סײַ ווי וויסן דעם אמת. ער מוז זי אָננעמען ווי זי איז, אויב נישט וועט עס סײַ ווי קיין לעבן נישט זײַן. עס האָט גענומען אַרויסרעדן פֿון איר ווי אַ דיבוק.

„דו האָסט מיך נישט געפֿרעגט וואָס עס איז געשען צו מײַן האַלב־פֿאַרפֿרוירענעם גוף. בין איך קראַנק געוואָרן? אַ לינגען־אָנצינדונג? האָב איך געשוועבט צווישן לעבן און טויט? אפֿשר האָט מען גאָר געדאַרפֿט אַמפּוטירן אַ פֿאַרפֿרוירענעם אבֿר? אפֿשר באַהאַלט איך אונטער די קליידער אַ נישט־פֿאַרהיילטע ווונד? איך בין, ווײַזט אויס, שטאַרקער פֿון אײַזן. נאָר אַ קאַטאַר. יאָ, דאָס לײַב איז געווען געשוואָלן. די הויט איז צעפּלאַצט געוואָרן איבער מײַן גאַנצן גוף. יוזעף האָט געמאַכט פֿרישע פּוטער אָן זאַלץ און אויסגעשמירט מײַן שאַרסקע הויט.‟

„איבער דעם גאַנצן גוף?‟

„וואָס איז, מע טאָר נישט? יאָ, איבער דעם גאַנצן גוף. איך בין געלעגן אונטער אַ פּוכענער דעק, געשווומען אין פּוטער און געשווענקט זיך אין בראַנפֿן. איך בין געלעגן אין בעט נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ זאַך, אָן ווילן און אָן ווידערשטאַנד. עפּעס ווי איך וואָלט נישט געווען אין זיך, נאָר פֿון אויסער מײַן גוף געזען וואָס עס טוט זיך מיט דעם וואָס ליגט צווישן שעניק און אי־

בערבעט. איך האָב געזען וואָס עס טוט זיך, אָבער עס איז מיך נישט אָנגעגאַנגען.

„דו האָסט מיך געפֿרעגט וועגן מײַן געלעגער. ס׳איז געווען נאָר איין בעט אין שטוב. מיט עטלעכע נעכט פֿריִער איז עס גע־ווען די שרעקלעכסטע זאַך אין דער וועלט, דער טויט וואָלט מיר ליבער געווען. מיט אַ מאָל איז עס געוואָרן אַ נאַטירלעכע טאָג־טעגלעכע זאַך . . .״

טאָג־טעגלעך, אָדער נאַכט־נאַכטלעך, אָדער בײדע? האָט אַ פֿראַגע אָנגעצויגן אין אים ווי אַ געשוויר. וויפֿל נעכט האָבן איין־און־צוואַנציק חדשים?

„האָב איך זיך נוקם געווען אין זיך ווײַל איך האָב נישט גע־האַט קיין כּוח צו שטאַרבן? אָדער האָב איך געטאָן להכעיס דעם אויבערשטן? איך האָב געפֿרעסן חזיר, ס׳האָט מיך נישט געמיגלט. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט טרינקען, און ס׳האָט מיך מער נישט אָפּ־געשטויסן ווען בראָנפֿן האָט געסרכעט פֿון זײַן מויל. ער איז אַ מאָל אַהיימגעקומען שיכּור און אָנגעמײַקעט אַ פֿולע שטוב, איך האָב אַלץ אָפּגעוואַשן און אָפּגערייניקט.״

„און דערנאָך? —״

„אַז דו ווילסט וויסן גענוי וועל איך דיר זאָגן. איך בין שוין געווען אין בעט ווען ער איז אַהיימגעקומען. אָפּגעוואַשן אַלץ בין איך צוריקגעגאַנגען אין בעט אַרײַן.״

„דו האָסט כאַטש מיטגענומען דײַן זײַדן נאַכט־העמד מיט די שפּיצעלעך, ווען דו האָסט געוואַרט אויף אים אין בעט?״

ווי זי וואָלט נישט דערפֿילט דעם שטאָך, האָט זי געענטפֿערט: „דאָס זײַדענע נאַכט־העמד איז געבליבן אין געטאָ. דער אויבער־שטער האָט נישט געוואָלט איך זאָל עס טראָגן פֿאַר דיר. אים איז בעסער געפֿעלן געוואָרן עס זאָל עס טראָגן אַ פֿרוי פֿון אַ פּוילישן שאַבראָווניק, אָדער אַ פֿרוי פֿון אַ דײַטשן עס־עס־מאַן.״

„וואָס דאַרפֿסטו נאָך לעסטערן?״

זי האָט געהערט דערין נאָר אַ העלפֿט פֿון דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. זי האָט פֿאַרשטאַנען די אַנדערע העלפֿט. געמיינט האָט ער צו זאָגן: האָסט נאָך נישט אָפּגעטאָן גענוג מיאוסע זאַכן, דאַרפֿסט נאָך לעסטערן אויך?״ זי האָט אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו־ריקהאַלטן איר צונג. ס׳איז אַפֿילו נישט געווען קיין ביטערקייט אין אירע רייד. עס איז אַרויס אַזוי אָפֿן און פּשוט, ווי עס וואָלט זיך

געהאַנדלט אין עמעצן וואָס איז איר אין גאַנצן פרעמד, מיט וועמען עס פאַרבינדן זי נישט קיין שום עמאָציעס.

„איך האָב געטראָגן דער פאַרשטאַרבענער פויערטעס מלבושים, אויך איר וועש. איך האָב אָנגעטאָן אַ ברייט פויעריש לייווענטן העמד ווען איך בין געגאַנגען אין בעט אַריַין."

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן פאַר אַ ווײַלע. זי האָט אָנגעהויבן גראַבלען אין זיך אַליין ווי מיט אַ כירורגיש מעסער בײַם פּאַלמעסן אַ קאַלטן גוף. „איך וואָלט קיין מאָל נישט געגלויבט אַז איך וועל זיך קאָנען צוגעוווינען אויסצוטאָן ווען אַ מאַן איז אין שטוב. עס האָט זיך אָנגעהויבן ווען מײַן הויט איז געוווען צעפּלאַצט און געגעצט — אין וווּנד, פון קאָפּ ביז די פּיס."

ווען ער איז אַוועק פון דער היים זענען זיי שוין געווען מער ווי פיר חדשים נאָך דער חתונה, און זי האָט נאָך אַלץ פאַרלאַנגט ער זאָל אַוועקדרייען דאָס פּנים, אָדער אויסלעשן די ליכט ווען זי האָט זיך באַדאַרפט אויסטאָן. זי זאָגט, זי האָט געוואָלט שטאַרבן. אויב זי האָט נישט מורא געהאַט צו שטאַרבן, פאַר וואָס האָט זי מורא געהאַט צו ריזיקירן אַרײַנצוגיין צו עמעצן אַנדערש? „ווען דו ביסט צוריקגעגאַנגען פון אַטוואָצק האָסטו באַדאַרפט פּרובירן גיין צו אַן אַנדערן פויער."

„און יעדע נאַכט געפּייניקט ווערן דורך אַן אַנדערן פויער?"

„און בײַם ערשטן פויער האָבן דען גוטע מלאכים געוואַכט איבער דיר?"

עטל האָט נישט געענטפערט.

„אין אַשכאַבאַד בין איך קראַנק געוואָרן. כ'האָב נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און קיינער האָט נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. כ'האָב נישט אויפגעהערט זוכן ביז — —"

עטל האָט זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין. דוד האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

„לאָז מיך, דוד. מיר וועלן נאָר איינער דעם אַנדערן וויי טאָן."

„איך האָב נישט געוואָלט דיר וויי טאָן. אפשר וועלן מיר גאָר אַרײַנגיין ערגעץ עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן? די ווײַסע זעמל וואָס מע טראָגט דאָ אַרום צו פאַרקויפן. איך האָב שוין נישט געזען אַזאַ זעמל זינט — —"

עטל האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. דוד האָט איבערגעריסן אין מיטן רעדן און האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט גע-

האַלטן אין זאָגן. „דו ביסט סײַ ווי געווען אַן אנוסה. די מינוט וואָס ביסט געוואָרן פֿרײַ צו גיין, די מינוט וואָס אַטוואַצק איז באַפֿרײַט געוואָרן — — —"

„יוזעף האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן פֿאַר מיר. איך האָב נישט געקאָנט אַנטלויפֿן אין מיטן נאַכט ווי אַ גנבֿ. איך האָב אויסגעוואַשן זײַנע וועש, אויסגעטריקנט אויפֿן בוידעם, אויסגעמאַנגלט און אַרײַנגעסדרט עס אויף די וועש־פּאַליצעס אין זײַן שאַנק. איך האָב אויסגעפּרעסט זײַנע העמדער, פֿאַרצערעוועט און פֿאַרריכט זײַנע מלבושים — —"

און אַוועק אײדער עס איז נאַכט געוואָרן, ווען זי פֿאַרענדיקן, האָט דוד געהאַפּט.

„עס האָט מיר גענומען פֿיר טעג דאָס אַלץ פֿאַרטיק צו מאַכן," האָט זי געזאָגט.

„און פֿיר נעכט? און בײַ נאַכט האָסטו אָנגעטאָן דאָס ברייטע לייווענטענע נאַכט־העמד אײדער ביסט געגאַנגען אין בעט אַרײַן? אויב דו וואָלסט געווען אַזוי געטרײַ דײַן מאַן, כּדת משה וישׂראל, ווי דו ביסט געווען צו דעם שיכּור — — —"

אין מיטן רעדן האָט ער איבערגעריסן, אַוועקגעשפּרײַזט עטלעכע טריט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און צוריקגעקוקט צו דער באַנק. עטל איז געזעסן גלײַך און שטײַף ווי אַ סטאַטוע. די איין־און־צוואַנציק חדשים בעת דער וויסטער מילחמה — זי זאָגט אַז נאָר עמעץ וואָס איז דאָ געווען קען עס משׂיג זײַן. אָבער די פֿיר טעג נאָך דער מילחמה. געלעגן מיט אים אין בעט און אָפּגעטאָן אַלדאָס בייז, כּדי צו וואַשן זײַן וועש. דאָס וועט קיינער נישט מוחל זײַן!

דוד איז צוריקגעלאָפֿן צו דער באַנק, געכאַפּט זײַן רוקזאַק און זיך דערווײַטערט מיט שנעלע טריט.

אַ ראָד אין אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיקן לאַסט־אויטאָ האָט געפּלאַצט מיט אַ הילכיקן שאָס. דער וואָגן איז געבליבן שטיין אין דער ברייט פֿון דער גאַס. אַלע האָרנס האָבן גענומען בלאָזן ווי בײַ אַ שׂריפֿה. דער טראַמוויי האָט זיך צעקלונגען ווי אַ קלויסטער־גלאָק בײַ אַ גוייִשער לוויה.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר.

„ווער איז?"

„איך," איז געקומען אַ נאָך שטילערער ענטפער.

„דוד?" עטל האָט אַ לויף געטאָן צו דער טיר, באַלד צוריקגע־לאָפן, און באַהאַלטן אַ קינדעריש העמדל וואָס זי האָט געהאַלטן אין נייען. אַ שטאַרקערער קלאַפּ אין טיר.

„אָט קום איך." עטל האָט געעפנט די טיר. דוד איז אַריבער די שוועל מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל.

„ביסט געקומען?" האָט עטל געפרעגט ווי זי וואָלט געדאַרפט אַ באַשטעטיקונג אַז ער איז טאַקע געקומען.

„כ'בין געקומען אַהיים."

„וואָס שטייסטו בײַ דער טיר? קום אַרײַן."

דוד איז אַרײַן און געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, אין מאַנטל, מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס. שווייס האָט זיך געגאָסן פון זײַן פּנים. ס'איז געווען אַ וואַרעמער טאָג. ער האָט גענומען אַראָפּרוקן די בענדער פון רוקזאַק און געקוקט צו עטלען וואָס זי וועט זאָגן.

„דו ווילסט אַ טרונק?"

דוד האָט אַוועקגעשטעלט דעם רוקזאַק אין אַ ווינקל און אַראָפּ־געצויגן דעם מאַנטל. עטל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער, „כ'וועל אַרויס צו דער פּלומפּ, אַרײַנברענגען פריש וואַסער."

„שפּעטער, עטל, כ'בין געקומען אַהיים," האָט דוד איבערגע־חזרט, נישט זיכער צי זי האָט עס פריִער געהערט.

עטל האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דעם עמער און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ בענקל.

„ס'איז דען די היים וואָס דו האָסט געמיינט?"

„כ'האָב נישט מער ווי די היים."

דוד איז צוגעגאַנגען צו עטלען, אָנגענומען איר האַנט. „כ'בין געקומען צו דיר. כ'האָב נישט קיינעם חוץ דיך."

עטלס האַנט האָט געציטערט אין זײַנער. דוד האָט זיך געבעטן: „שיק מיך נישט אַוועק, עטעלע. ווו קאָן זײַן פאַר מיר אַ היים אָן דיר?"

„ווער שיקט דיך אַוועק?"

„אין וואַרשע האָסטו גערעדט ווי דו וואָלסט מיך געוואָלט פאַר־טרײַבן."

„איך האָב נאָר דערציילט — —"

„קיינער טאָר נישט דערציילן אַלץ וועגן זיך."

עטל האָט אַ קרעכץ געטאָן. „איך האָב געדערדט ווי איך וואָלט דיך געוואָלט פֿאַרטרײַבן? אפֿשר האָב איך דערציילט אַזוי פֿיל, טאַקע כּדי איך זאָל נישט דאַרפֿן דערציילן אַלץ... זע נאָר ווי איך האָב באַלד גענומען טענהן. ביסט אַוודאי הונגעריק. דו ווילסט זיך אפֿשר אַ ביסל אַרומוואַשן? כ'וועל אָנוואַרעמען אַ ביסל וואַסער."

„אין דעם רעפּאַטריאַנטן־הויז ווערט מען אויפֿגעגעסן פֿון שאָוער."

„כ'האָב פֿאַר דיר ריינע וועש. כ'האָב אויך געקויפֿט פֿאַר דיר אַ נײַעם אָנצוג, ווען כ'האָב דערהאַלטן דײַן בריוו אַז דו קומסט."

דוד האָט ווידער אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און זי באַדעקט מיט קושן. „דו האָסט געוואָלט איך זאָל קומען. דו האָסט געוואַרט אויף מיר." ער האָט אַ הויב געטאָן אירע הענט, זי אונטערצוהייבן פֿון בענקל. זי איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים. דוד האָט צוגעבויגן פֿאַרטרוקנטע ליפּן צו איר שטערן. עטל איז געלעגן ווי פֿאַרחלשט אין זײַנע אָרעמס. „וועסט זען, מיר וועלן ווידער זײַן גליקלעך," האָט ער איר געפּליסטערט אין אויער אַרײַן.

עטל האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע אָרעמס. „כ'מוז צושטעלן אַ טשײַניק וואַסער." זי האָט זיך לאַנג געפּאָרעט בײַ דער קיך. דוד איז צוגעגאַנגען צו איר.

„דו ביסט נאָך אַלץ אין כּעס אויף מיר?"

„אין כּעס?"

„וואָס איך בין אַוועק פֿון דיר אין וואַרשע. דאָ איז געווען אַ וועלט־איבערקערעניש און איך בין זיך צוריקגעקומען מיט אַ מאָראַל — — כ'מיין מיט השגות פֿון אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ. אָווע, טאָווע, כ'קאָן אָן דיר נישט זײַן."

דוד האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַוועקגעפֿירט צו דער קאַנאַפּע. „מיר וועלן אַוועק פֿון דאַנען און אַלץ פֿאַרגעסן. מיר וועלן אַלץ אָנהייבן פֿונסנײַ."

„איידער מיר נעמען אָן באַשלוסן — — "

„עטל, ניין. גענוג דערציילט."

„כ'האָב נאָך נישט אַלץ דערציילט."

דוד האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף איר מויל. „כ'וויל מער גאָרנישט הערן, כ'וויל מער גאָרנישט וויסן. כ'האָב עס איבערגעטראַכט טויזנט מאָל. כ'האָב זיך געפֿרעגט: וואָלסטו בעסער געוואָלט

זי זאָל האָבן אַנטלאָפֿן פֿון פֿויער און, חלילה, נישט זײַן? ניין, חלילה וחס!״

„דו מיינסט, עס איז מיר לײַכט צו רעדן? דו פֿרעגסט מיך צי איך וויל דו זאָלסט אַוועקגיין. דו געדענקסט ווי עס איז געווען בײַ אונדז? ס'איז גאָרנישט אַנדערש. גלייב מיר יאָ, גלייב מיר נישט: דאָס האָפֿן דיך נאָך אַ מאָל צו זען האָט מיר געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן.״

„דאָס זעלביקע בײַ מיר.״

„אָבער איך האָב נישט קיין כּוח אַהין און אַהער — —״

„וואָס רעדסטו? וואָס פֿאַרוואָ אַהין און אַהער?״

„דו וועסט ווידער אַוועק.״

„קיין מאָל נישט!״

„דו ווייסט נאָך נישט אַלץ. דו — —״

דוד האָט איר ווידער פֿאַרשטעלט דאָס מויל. „כ'ווייס יאָ, כ'ווייס נישט. כ'וויל נישט — —״

פּלוצעם האָט פֿון אַנדערן צימער זיך דערהערט אַ געוויין פֿון אַ קינד. דוד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן ווי אַ שיכּור. עטל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט נאָר איין וואָרט: „יאָ.״ זי איז אַרײַנגעלאָפֿן אין דער אַנדערער שטוב און פֿאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

דאָס קינד אין דער אַנדערער שטוב האָט אויפֿגעהערט וויינען. עטל קומט נישט צוריק. אויף דער קיך קאָכט האָסטיק דאָס וואַסער אין טשײַניק. דאָס שטערצל שפּרינגט מיט אַ געקנאַק אַרויף און אַראָפּ. דאָ זידט עס און עס צאַפּלט, אין דרינען איז אַזוי מאָדנע שטיל. וואָס וויל ער פֿון איר? ער ווייסט נישט וואָס דער דין איז, און וויל נישט וויסן. זי לײַדט. זײַן עטעלע לײַדט מוראדיקע יסורים. זי קאָן זיך נאָך, חלילה, אַ מעשׂה אָנטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַרײַנגיין האָט ער קיין כּוח נישט געהאַט. ער איז געבליבן שטיין בײַ דער פֿאַרמאַכטער טיר, שטיל און ווייך אַ רוף געטאָן: „עטעלע?״

קיין ענטפֿער.

„קום אַרויס, עטעלע,״ האָט ער זיך געבעטן און אַוועק צוריק צו דער קאַנאַפּע. ער האָט דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין די קני און זיך געמוזט אַנידערזעצן.

די טיר האָט זיך אויפֿגעלענט נאָר אַ שפּאַלט. ערשט ווען עטל האָט דערזען דודן האָט זי ברייטער געעפֿנט די טיר און אַרויסגעקו־מען. „כ׳האָב געמיינט דו וועסט אַוועקגיין, האָב איך געוואַרט.״

„עטל, דו ביסט אַן אַכזר צו זיך אַליין.״

„דאָס לעבן איז אַכזריותדיק צו מיר. איצט ווייסט דו שוין אַלץ. מישפּט מיך.״

דוד האָט געעפֿנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער עס איז נישט אַרויסגעקומען קיין קול. דער קאָפּ איז געזונקען צו זײַן ברוסט. עטל איז אַוועק צו דער קיך און גענומען זיך פּאָרען בײַ דעם טשײַ־ניק. זי האָט געהערט ווי הינטער איר האָט דוד זיך צוגעשלעפּט צום ווינקל ווו עס איז געשטאַנען זײַן רוקזאַק, נישט צעפּאַקט. זי האָט געמיינט, ער וועט נעמען דעם רוקזאַק און גיין. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים ערשט ווען זי האָט דערפֿילט אויף זיך זײַן אָטעם. ער האָט געהאַלטן אַן אָפֿן ספֿרל אין דער האַנט. זײַן קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טרערן און געציטערט, ווי זײַן ווײַז־פֿינגער וואָס האָט געטייטלט צו אַן אָרט אין דעם ספֿרל. „איך זאָל דיך מישפּטן, זאָגסטו? ריכטיקער וואָלט געווען דו זאָלסט מיך פֿרעגן מיט די ווערטער פֿון איובֿ: ׳זענען דיר אַנטפּלעקט געוואָרן די טויערן פֿון טויט, און האָסטו די טויערן פֿון טויטשאָטן געזען...? זאָג, אויב דו ווייסט דאָס אַלץ׳. עטעלע, ווען דו ביסט געווען בײַ די טויערן פֿון טויטשאָטן, האָב איך געפֿירט אַ נאָרמאַל לעבן.״

עטלס ליפּן זענען געווען פֿאַרשלאָסן, אָבער עס האָט אויסגעזע־זען ווי דאָס שטערצל פֿון זידיקן טשײַניק וואָלט אַרײַן אין איר ברוסט. „ווען דו האָסט אַזוי געליטן, אַ ז ו י ג ע ל י ט ן, האָב איך זיך געפֿרייט מיט אַ זוניקן טאָג, געחלומט נאַרישע זיסע חלומות — —״

עטל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דוד האָט זי אַוועקגעזעצט און געבליבן שטיין נעבן איר. „ווען דו האָסט אַזוי מוראדיק געליטן, האָב איך געגעסן און געטרונקען ווי אַ מענטש, געשלאָפֿן ווי אַ מענטש, און אפֿשר אויך געלאַכט. דו הערסט? ווען דו האָסט זיך געראַנגלט מיטן טויט און געבראָטן זיך אין גיהנומדיקע יִסורים, האָט געקאָנט טרעפֿן אַז איך זאָל גראָד דעמאָלט האָבן געלאַכט. מישפּט מיך פֿאַר יעדער רגע ווען איך האָב מסיח דעת געווען פֿון דיר, מישפּט דו מיך!״

בײדע זענען געשווומען אין טרערן. עטל האָט געציטערט ווי

אַ בלאַט אונטערן רעגן. דוד האָט אַרומגענומען עטלען, דאָס תּנכל נאָך אַלץ אין זײַן האַנט. ער האָט עס געקלאַמערט נישט ווי ער וואָלט געהאַלטן דאָס תּנכל, נאָר ווי עס וואָלט אים געהאַלטן.

„כ׳האָב געוווּסט אַז דו וועסט צו מיר צוריקקומען,״ האָט עטל זיך מודה געווען. „כ׳האָב מורא געהאַט, אָבער הינטער אַלע מוראס און הינטער אַלע ספֿקות איז געלעגן אַ האָפֿן. דו ווייסט אַז איך בין בטבֿע אַ פּעסימיסטקע. אָבער קיין שום ספֿקות האָבן נישט געקאָנט דערשטיקן מײַן האָפֿן. דײַן גוטסקייט פֿון אַמאָל איז נאָך אַזוי וואַך אין מײַן זיכּרון...״

אויפֿן וועג פֿון וואַרשע קיין אָטוואָצק האָט ער געמיינט אַז די היץ האָט אויסגעטריקנט אין אים אַלע לחותן, און דאָ גיסן זיך די טרערן ווי פֿון אַ קוואַל. עס איז אים גוט געווען צו וויינען, עס איז אים גוט געווען אויך מיט עטלס טרערן. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז זיי שווענקען אַלץ אַראָפּ און וואַשן אַלץ אַוועק. באַלד וועלן אירע אויגן ווידער אויפֿלויכטן ווי אַמאָל. באַלד וועט אַ שמייכל אויפֿהעלן, פֿון די ליפּן ביז די חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן. ווי האָט ער געקאָנט זײַן אַזוי אַכזריותדיק צו איר? צוצוקוקן איצט צו עטלס יסורים איז ערגער ווי אַלץ וואָס איז געשען! ער מוז טאָן עפּעס וואָס זאָל עס אויסמעקן פֿון איר געדעכעניש. אַ וואָרט וואָס ער האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן האָט אויפֿגעטויכט אין זײַן זיכּרון. אַ נאַריש וואָרט וואָס זײַנע ליפּן האָבן אַמאָל געהאַט אַרויסגעפּרעפּלט ווען געוויינלעכע ווערטער האָבן נישט געקאָנט אויסדריקן אַלדי ליבשאַפֿט וואָס האָט זיך געשפּאַרט דורך זײַן מויל. ׳פּוטשעלע׳ איז געוואָרן צערטלעכער ווי איר נאָמען, און דער פּאַראָל פֿון דעם וואָס ער האָט געפֿילט צו איר. ׳פּוטשעלע׳, האָט ער איצט אַ שעפּטשע געטאָן, און עס האָט זיך אַנטשפּאַנט די שטײַפֿקייט אין איר. איר גוף האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים מיט דער וואַרעמקייט פֿון אַמאָל. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפֿנט מיט דורשט, און געשטרעקט זיך צו אים פֿאַרבענקט און פֿאַרחלומט. אירע אויגן האָבן אויפֿגעקלאָרט בלוי ווי דער הימל נאָך אַ רעגן, און געקוקט צו אים מיט ווייכקייט, מיט ליבשאַפֿט, און מיט אומשולד...

עס איז אַריבער סך הכּל איין וואָך זינט ער איז געקומען, און יענע טעג, אַליין אין וואַרשע, האָבן אויסגעזען אַזוי ווײַט און אַזוי מאָדנע. ער איז דאָרט רק געלעגן אויף דער האַרטער פּריטש אין

קהלס הויז פֿאַר. רעפּאַטריאַנטן פֿון רוסלאַנד. אַלע חלומות וועגן עטלעכע אין די יאָרן גלות־רוסלאַנד זענען דאָרט צוריקגעקומען צו אים ווי קאָשמאַרן. ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען זוכן אַרבעט, גאַנץ אָפֿט נישט געגאַנגען אין דער „סטאָלוווקע״ — די קיך וווּ מען האָט צוגעטיילט עסן. ער האָט טייל מאָל אַפֿילו פֿאַרגעסן צו דאַוונען. ער איז דאָך נאָך אַלץ אַ חסידישער יונגערמאַן. ווי קומט עס וואָס זיינע רעיונות זענען געווען פֿול מיט, רחמנא ליצלן, אַר־גיעס... ער האָט זיך אויסגעמאָלן אַ בעט אין אַ פֿויערישער כאַטע, מיט אַ סך קישנס און דעקן, און צווישן די קישנס און די דעקן... די בילדער האָבן געטרײַבערט די אָדערן פֿון זײַן לײַב און אויס־געטריקנט די לחות אין זײַן קעל. ער האָט געפֿילט יעדן אָדער אין זײַן קאָפּ ווי אַ רויט־צעגליטע דראָט, און בילדער נאָך בילדער האָבן צוגעגאָסן אייל צום פֿײַער. ער האָט אויפֿגעמישט נאַכט נאָך נאַכט, אין די הונדערטער נעכט וואָס עטל איז געווען אין יענער כאַטע. דאָס וואָס ער האָט זיך אויסגעמאָלן האָט געברענט און געבראָטן, און געריסן ווי אַ צאָן־געשוויר. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אויפֿ־הערן טראַכטן וועגן דעם, אַפֿילו בײַם דאַוונען. ער האָט אַריבער־צויגן דעם טלית איבערן פּנים און עס איז אַלץ געבליבן אין אים. ער האָט געטראָגן די כּשרע תּפֿילין אויפֿן קאָפּ, און דער קאָפּ איז נאָך אַלץ פֿול געווען מיט די טריפֿע רעיונות.

ער האָט געציילט די נעכט וואָס עטל איז געווען מיט דעם פּויער און געטראַכט: ער ווייסט דען צי נאָר אין די נעכט? די פּויערים זענען חזירים...

איז עס אייפֿערזוכט? קנאה אויף אַ טויטן? ווען עטל איז אַוועק פֿון דעם פּויער איז דער פֿראָנט געבליבן שטיין נאָר עטלעכע מײַל פֿון דעם פּויערס כאַטע. דרײַ טעג שפּעטער האָט מען אים געפֿו־נען אין יוזעפֿאָוו, נישט ווײַט פֿון דער פֿראָנט־ליניע, אַ שפּליטער פֿון אַ האַרמאַטן־קויל האָט אים אָפּגעריסן אַ זײַט. עטל זאָגט אַז ער איז אַזוי אַרומגעלאָפֿן זי זוכן. קיינער וואָלט עס נישט געגלייבט, אָבער זי פֿילט זיך שולדיק וואָס זי האָט אים נישט איבערגעלאָזט אַ צעטל, אָדער אָפֿן געזאָגט אַז זי גייט אַוועק. זי וויל נישט פֿאַר־שטיין אַז עס איז געווען אַ שטראָף פֿון הימל. אים, דודן, קילט נישט אַזאַ נקמה. אָבער די שוויגער, עליה השלום, האָט עס זיכער גע־פֿאָדערט אין הימל.

דוד האָט פּרובירט פֿאַרטרײַבן די ביטערע רעיונות דורך אויפֿ־

לעבן זיסע דערינערונגען פֿון אַמאָל. אָבער ווי נאָר ער האָט אַרויס־געדופֿן עטלס געשטאַלט אין זיכּרון איז מיטגעקומען מיט איר אַ ריח פֿון שלעכטן בראָנפֿן, און טייל מאָל נאָך ערגער: אַ געשטאַנק פֿון אַ שיכּורס מייקעכץ...

ער האָט געוווּסט אַז אַזעלכע זאַכן געשעען בעת מילחמות. ער האָט זיך געפֿרעגט אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל: פֿאַר וואָס קאָן איך נישט שלום מאַכן מיט דעם וואָס איז געשען? איז עס נאָר ביי ייִדן אַזוי?

ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פֿרומקייט. ער איז נישט קיין כּהן, און זי איז נישט פֿאַרבאָטן צו אים. עס האָט אויך גאָרנישט צו טאָן מיט צניעות. טראָץ אַלעם וואָס איז געשען איז נישט פֿאַראַן אין זיין עטל קיין שמץ פֿאַר־שייטקייט. זיין עטל? יאָ, זי איז נאָך אַלץ זיין עטל. טאַקע דער־פֿאַר טוט עס אַזוי וויי.

איז עס אַזאַ מיגל, אַן עקל? אַ ייִד, אַפֿילו ווען ער איז נישט פֿרום, קאָן נישט נעמען קיין חזיר אין מויל אַריין, עס שטויסט אים אָפּ.

ער האַלט זיך ביי זיינע פֿאַרורטיילן ווי עס וואָלט גאָרנישט גע־שען זינט ער איז, אין אַ שטרײמל און זיידענער יובעצע, געשטאַנען מיט עטלען אונטער דער חופּה. דער רבי ר׳ בונעם פֿלעגט זאָגן: ׳צו פֿרום איז אַן אַכזר׳. זיין האַרץ איז פֿול מיט רחמנות צו איר, אָבער זיין קאָפּ... אַ ווידערווילן איז גובֿר אַלע בענקשאַפֿטן. מע זאָגט אַז ביי גויים איז עס גאָרנישט. ביי זיי — —

דער ווידערווילן איז אַ שטיק אַכזריות. אַכזריות איז נישט ייִדיש. ער טאָר זיין מיאוס געפֿיל נישט פֿאַרדעקן מיט אַ פֿייגנבלאַט פֿון פֿרומקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דוד האָט איצט זיך דערמאָנט אין יענע טעג און נעכט ווען ער האָט פּרובירט טענהן מיט זיך און גאָרנישט אויסגעפֿירט. עס האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט דעם זעלביקן תּירוץ: אַזוי בין איך, כ׳קאָן זיך נישט איבערמאַכן.

וואָס ער האָט דעמאָלט געמיינט אַז עס איז זיין טבֿע איז גע־ווען נאָר אַן איינרעדעניש, אַ פֿאַרפֿרוירענער געדאַנק. אפֿשר גאָר אַ מין להכעיס זיך אַליין. מיט אַ מאָל, איז אים קלאָר געוואָרן אַז

אָדער מיט עטלען, אָדער, חלילה — — מיט אַ מאָל איז די גאַנצע אײַנרעדעניש נישט געוואָרן. אָפּגעווישט, נעלם געוואָרן, כּאילו אויפֿגעכאַפּט זיך פֿון אַ קאָשמאַר. לויפֿט אַ מאָל אַן אַ בייזער געדאַנק, קאָן ער אים פֿאַרטרײַבן, און ממש אַרויסיאָגן אים פֿון קאָפּ, אַזוי ווי מע גיט אַ צי אַראָפּ אַ טונקעלן ראָלעט איבערן פֿענצטער צו פֿאַרשטעלן דעם דרויסן. אַ צי אַראָפּ דעם ראָלעט איבערן זיכּרון, ווערט דאָס גאַנצע הויז פֿרײַ פֿון דעם קאָשמאַר.

דאָס גאַנצע הויז? דווקא אין אַן אינטימער מינוט צעוויינט זיך דאָס ילד אין דער וויג...

ער מוז און וועט זיך צו דעם אויך צוגעוווינען. יאָ, טאַקע שוין איצט מוז ער אָנהייבן זיך צוגעוווינען.

דוד איז אַרײַן אין דער אַנדערער שטוב. „זאָל איך דיר העלפֿן, עטל?" דוד האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו נעמען דאָס קינד. עטל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַזאַ סאַמעטענעם בליק אַז עס איז אים אַלץ כּדאַי געווען.

15.

איינגעפֿאַלן איז עס אים ווען ער איז, על פּי צופֿאַל, פֿאַרבײַגעגאַנגען די ייִדישע קינדערהיים, סך הכּל עטלעכע גאַסן פֿון זײַן הויז. ער האָט גוט אַרײַנגעטראַכט אין דעם ענין. עטלעכע מאָל אַוועק אין קינדערהיים, אַלץ איבערגעפֿרעגט בפּרטות, און האָט אויסגעסדרט די רייד אין זײַן קאָפּ. שוין גרייט געווען רעדן מיט עטלען, איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן. ס'קינד איז שוין געזונט געוואָרן. עטל האָט זיך שוין באַרויִקט און געקומען צו זיך. געקומען די צײַט אַ רעד צו טאָן מיט איר.

„עטל, דו ווייסט אַז עלטערן זאָרגן פֿאַר אַ קינד און גרייטן אַלע מאָל צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה. מען הייבט אָן זאַמלען אַ נדן ווען דאָס קינד איז נאָך קליין, מען הייבט אָן נייען אַן אויסשטײַער נאָך איידער מע טוט אַ שידוך — — "

„דו מאַכסט עפּעס צו לאַנגע הקדמות."

„ווי איך האָב געזאָגט: דאָס קינד איז נאָך קליין, אָבער אַז מ'עט נישט איצט טראַכטן וועגן תּכלית קאָן, חלילה, זײַן צו שפּעט."

„תּכלית?"

„דו ווייסט ווי אַזוי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, און וואָס דער דין איז וועגן אַזאַ קינד."

„ס'איז אַ ממזר.“

„לויטן דין איז דאָס קינד ייִדיש ווײַל די מאַמע איז ייִדיש. אָבער אין אַ געוויסן זין איז עס ערגער ווי אַ גוי. עטעלע, איך זוך נישט דיך, חלילה, צו שטעכעלירן. צוליב דעם קינדס טובֿה וועגן מוז מען קוקן דעם אמת אין פּנים אַרײַן.“

„וואָס איז דער ביטערער אמת?“

„ביסט גערעכט, ס'איז טאַקע אַ ביטערער אמת. סתּם אַ גוי קאָן זיך מגייר זײַן, אַרײַנקומען אין ייִדישן קהל און ווערן אַ ייִד ווי אַלע ייִדן. אָבער אַ ממזר טאָר נישט אַרײַנקומען אין קהל ביזן צענטן דור! ער טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ נישט־ייִד מחמת ער איז אַ ייִד, אָבער מיט אַ ייִד טאָר ער אויך נישט חתונה האָבן, אַכיבע מיט אַ ממזרת.“

„עס איז, דאַנקען גאָט, פֿאַראַן אַ סך פֿון דעם מין נאָך דער וויסטער מילחמה.“

„איך האָב געטראַכט וועגן דעם און געפֿונען אַן עצה.“

„דו האָסט געפֿונען אַן עצה?“

„ס'איז אַ קאָמפּליצירטער ענין אָבער דו ביסט, ברוך השם, אַ בת דעת, וועל איך פּרובירן עס דיר געבן צו פֿאַרשטיין. עס איז אַ לאָוו אין דער תּורה נישט חתונה צו האָבן מיט אַ ממזר, אָבער אַז עמעץ איז עובֿר דעם לאָוו און האָט יאָ חתונה זענען די קידושין גילטיק, 'קידושין תּופֿסין בחייבי לאווין'. וואָס איך מיין צו זאָגן איז: אויב אַ ייִדיש מיידל וועט נישט וויסן פֿון גאָרנישט וועט עס זײַן, ווי מע זאָגט עס, אַ כּשרער טאָפּ און אַ כּשרע שיסל. טאַקע נישט אַזוי כּשר, אָבער אַן אָפּגעטוענע זאַך.“

עטל איז געזעסן אָנגעשפּאַנט און געוואַרט.

„ווי אַזוי מאַכט מען מע זאָל נישט וויסן?“ האָט דוד אַליין אַ פֿרעג געטאָן וואָס ער האָט דערוואַרט עטל זאָל פֿרעגן.

עטל האָט ווײַטער געוואַרט. איר געשפּאַנטקייט האָט נאָכגעגעבן צו אַ האָפֿן. דוד וועט איצט זאָגן עפּעס וואָס וועט דערוואַרעמען איר האַרץ. „איך האָב געטראַכט, און געטראַכט, אָבער דער ענטפֿער איז צו מיר געקומען דורך אַ צופֿאַל. איך גיי מיר אַזוי אויף דער דלוגאַ גאַס און הער אַ ייִדיש געזאַנג, קינדערישע קולעכלעך זינגען 'אויפֿן פּריפּעטשיק'. מע זעט הײַנט אַזוי זעלטן ייִדישע קינדער, בין איך צוגעגאַנגען זען. הער אַ מעשׂה, צוויי גאַסן פֿון אונדז איז דאָ אַ ייִדישע קינדערהיים, יתומימלעך וואָס זייערע עלטערן זענען אומ־

געקומען. עס קומען אַלע מאָל צו נײַע קינדער וואָס זענען ניצול געוואָרן בײַ גויִים. דו פֿאַרשטייסט?

„וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו פֿאַרשטיין? כ׳פֿאַרשטיי נאָר נישט וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט — —"

„וואָס איז דאָ שווער צו פֿאַרשטיין? מע קאָן זאָגן אַז שלמהלע איז אַ ייִדיש קינד, ס׳איז דאָך געמלעט. ס׳איז ניצול געוואָרן בײַ גויִים, טאַטע־מאַמע זענען אומגעקומען."

„׳ס׳קינד׳ רופֿסטו עס אַלע מאָל. קאָנסט זיך נישט ברענגען עס צו רופֿן שלמה, מיין נישט אַז איך ווייס נישט. אַז עס האָט זיך דיר פּלוצעם אַזוי לײַכט אַרויסגעגליטשט ׳שלמה׳ — —"

„וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?"

„גאָרנישט, נישט וויכטיק. שלמהלע איז געבוירן געוואָרן זיבן חדשים נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון אָטוואָצק, אַ חודש נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון כמעט גאַנץ פּוילן. ווּעסט קיינעם נישט קאָנען אײַנרעדן אַנדערש. דאָס קינד זעט אויס נאָך ייִנגער ווי עס איז."

„מע קאָן זאָגן אַז דער טאַטע איז אומגעקומען, די מאַמע איז געשטאָרבן אין דער קימפּעט."

„הלוואַי וואָלט עס טאַקע אַזוי געשען."

ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס עטל האָט געזאָגט, האָט דוד ווײַטער גערעדט. „איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען אין דעם יתומים־הויז. די קינדער האָבן דאָרט, ממש, אַ גן עדן. איך האָב שוין די מענטשן פֿון דער קינדערהיים, מע קאָן זאָגן, צוגערייט. איך האָב געזאָגט אַז איך ווייס וועגן אַזאַ קינד בײַ גויִים. זיי האָבן מיך גענומען אויספֿרעגן, גרייט געווען גלײַך צו לויפֿן עס אָפּנעמען."

דוד האָט געוואָרט אויף אַן ענטפֿער. עטל האָט געשוויגן לאַנג און פֿאַרעקשנט. „וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַזוי פֿיל צו טראַכטן?" האָט דוד אַ פֿרעג געטאָן.

„אָ, ס׳איז פֿאַראַן זייער אַ סך צו טראַכטן."

„צו וואָס האָסטו זיך דערטראַכט?"

„איך האָב זיך דערטראַכט צו עפּעס. איך האָב זיך דערטראַכט צו אַ מסקנא, וואָלסטו געזאָגט."

„וואָס?" איז דוד געוואָרן לויטער געהער.

„אַז דער איבערשטער האָט זיך נישט צוגעהערט צו דײַנע

תּפֿילות ווען דאָס קינד איז, נישט הײַנט געדאַכט, קראַנק געווען, האָסט דו געפֿונען אַן אַנדערן אופֿן ווי דערפֿון פּטור צו ווערן.״

דוד איז געוואָרן אַזוי פֿריטשמיעלעט פֿון דעם וואָס עטל האָט געזאָגט אַז ער האָט עס אַפֿילו נישט פּרובירט לייקענען.

דאָס קינד איז געפֿערלעך קראַנק געווען. אַ וואָך צײַט האָט עס געשוועבט צווישן לעבן און טויט. ער איז אויפֿגעווען נעכט צו וואַכן איבערן קינד צוזאַמען מיט איר. ער איז געלאָפֿן ברענגען דעם דאָקטאָר, געלאָפֿן אין אַפּטייק ברענגען אַ רעצעפּט. ער האָט אַלץ געטאָן וואָס עטל האָט פֿאַרלאַנגט. ער האָט פּרובירט פֿאַרדעקן זײַנע מחשבֿות, אָבער פֿון עטלען קאָן ער גאָרנישט באַהאַלטן. טייל מאָל ווייסט זי וואָס ער פֿילט נאָך איידער עס איז קלאָר צו אים אַליין. וואָס קאָן ער זיך העלפֿן? ער האָט פּרובירט שמועסקען צום קינד, אַפֿילו עס געטראָגן אויף די הענט. אָבער רק עס שרײַט. און שרײַען שרײַט עס מיט גויִשקער רציחה. דאָס פּרצופֿל איז רויט ווי עס וואָלט שוין געשיכּורט. און זי האָט עס אַ נאָמען געגעבן שלמה, נאָך דעם שווער, דעם קדוש, אַ חילול השם! ס׳וועט אויפֿוואַקסן נישט אַ שלמה און נישט אַ יוזעף, ס׳וועט אויפֿוואַקסן אַן אומגליקלעכער מענטש. ער קאָן נישט לייקענען, ווען ס׳איז קראַנק געווען זענען פֿאַרשידענע רעיונות אַדורך זײַן קאָפּ. ער קאָן עטלען אַלץ מוחל זײַן, אָבער צו דעם קינד האָט עס נישט. אויב זי וואָלט נישט געווען אַזוי פֿאַרעקשנט, אויב זי וואָלט זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד מיט אַ ביסל ווייניקער חשד, וואָלט זי אַליין פֿאַרשטאַנען אַז דעם קינדס קראַנק ווערן איז נישט געווען דאָס גרעסטע אומגליק, און דאָס געזונט ווערן איז נישט געווען דאָס גרעסטע גליק...

איז דאָס דער גורל פֿון זײַן לעבן? וועט ער אַלע מאָל דאַרפֿן ציטערן צי אויף זײַן פּנים איז נישט געבליבן אַ גרימאַס, צי אין זײַן קול האָט נישט אַ ציטער געטאָן אַ סטרונע וואָס מסרט זײַנע געפֿילן צו דעם ממזר? עטל שווערט אַז זי האָט אים ליב, אָבער קעגן דעם קינד איז ער בײַ איר גאָרנישט. איידער שיידן זיך מיטן קינד פֿאַר איין שעה, וועט זי זיך בעסער שיידן מיט אים אויפֿן גאַנצן לעבן. „דאָס איז אַן אומבאַהאָלפֿן עופֿעלע, דו ביסט אַ דערוואַקסענער,״ זאָגט זי. ווייסט זי נאָך נישט אַז ער קאָן נישט זײַן אַן איר פּונקט ווי דאָס אומבאַהאָלפֿענע עופֿעלע?

נישט אַנדערש, נאָר די שטראָף וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף ייִדן בעת דער מילחמה האָט אים איצט אָנגעיאָגט. אַן דעם ילד

וואָלט עס נאָך געווען צו דערטראָגן. עטל, ווען זי איז גוט צו אים, קאָן מאַכן ער זאָל אַלץ פֿאַרגעסן. אויב ער וואָלט געבליבן דער ירא שמיים וואָס ער איז געווען בחורווײַז, וואָלט דער כוח פֿון אַן אישה — נישט שייך צו באַהאַלטן — דער כח פֿון אַ ווײַבערישן גוף, נישט געהאַט אַזאַ שליטה איבער אים. ער האָט גרויסע חשדים וועגן עטלס אמונה, און ער אַליין איז אויך נישט ווי ער איז געווען. ער ווייסט דען נישט אַז אַ ירא שמיים וואָלט נישט געגעבן עטלען אַזאַ עצה ווי צען דורות וועלן חתונה האָבן שלא כּדין? ער מוז זיך חושד זײַן אַז אַפֿילו אויב ער וואָלט געווען א כהן, און עטל וואָלט געווען אָסור צו אים, וואָלט ער אויך נישט געהאַט גענוג כוח זיך אָפּצורײַסן פֿון איר. אפֿשר ליגט דער סוד אין דעם וואָס ער האָט פֿאַרלוירן זײַן מאַמע ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. ער איז שוין געווען נאָכן פריזיוו, און עטל איז נאָך נישט געווען קיין גאַנצע צוואַנציק, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, און זי איז גלײַך געוואָרן צו אים סײַ אַ ווײַב, סײַ אַ מאַמע. ער איז איצט שוין באַלד נײַן־און־צוואַנציק יאָר אַלט, און ער ווערט נאָך אַלץ שוואַך אין די קני און צעגייט זיך אין מתיקות ווען זי טוליעט אים צו זיך און צערטלט אים. ער וואָלט גרייט געווען צו ליגן אין אירע אָרעמס מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן און פֿאַרגעסן אין דער דרויסנדיקער ביטערער וועלט. אָבער דאָס נפֿשל לאָזט נישט פֿאַרגעסן. עס נעמט וויינען און קווי־טשען ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען. ער קאָן נישט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דאָס געשעט דווקא אין די אינטימסטע מינוטן. אַקוראַט אין דער רגע ווען ער קריגט אַ געפֿיל אַז עטל איז אין גאַנצן זײַן, איינס מיט אים און ער איז איינס מיט איר, קומט אַ געשריי און רײַסט זי אַוועק. ווי אַ להכעיסדיק שדל וואָלט געזעסן אין דעם קליינעם ממזרל און נאָר געוואַרט ווען אַרײַנצושיסן אין זײַן קאָפּ גיפֿטיקע פֿײַלן, ווען אַ מיש אויף צו טאָן פֿאַר אים אַ בלאַט וואָס צינדט זײַן קאָפּ אין אַ העליש פֿײַער, און פֿרירט די רעשט פֿון זײַן גוף אין קאַלטן שווייס.

* * *

„עטעלע, דו געדענקסט ווי עס איז געווען בײַ אונדז ביז דער מילחמה. איך ווייס, דו געדענקסט. דו געדענקסט אַז נאָך שבועות האָב איך, נישט הײַנט געדאַכט, געקריגן אַ לונגען־אַנצינדונג?"

„דער וואַזשנער דאָקטאָר בלום האָט דיר פֿאַרשריבן עפּעס אַ

רעצעפּט און געוואָלט אַוועקגיין. ערשט, די מאַמעשי האָט אים פאַר־
שטעלט דעם וועג, און אַ פרעג געטאָן: „פּאַני דאָקטאָזשע, ס׳איז
נישט, חלילה, אַ לונגען־אָנצינדונג?״ אין אָנהייב האָט ער עס אַוועק־
געמאַכט מיט דער האַנט. צו מאָרגנס האָט ער דיר געשטעלט גע־
האַקטע באַנקעס. דו — —״

„עטעלע, דו געדענקסט וואָס דו האָסט געזאָגט נאָך דעם ווי
איך בין געזונט געוואָרן? דו האָסט געזאָגט אַז אויב מיר וואָלט,
חלילה, עפּעס געשען, וואָלסטו אויך נישט געלעבט.״

„כ׳געדענק, דוד. לעצטנס גייען מיר עפּעס אַרום ווי איינער
וואָלט געווען קעגן אַנדערן, ווי מיר וואָלטן זיך, חלילה, געווען
שונאים — —״

„ווען איך פּרוביר עפּעס זאָגן ווערסטו דו אַזוי פול מיט חשד, אַז
איך האָב מורא רעדן צו דיר.״

„איין זאַך וויל איך דו זאָלסט וויסן, דוד. עס איז היינט ביי
מיר גאָרנישט אַנדערש ווי אַמאָל, ווי דעמאָלט ווען כ׳האָב אַזוי
געזאָגט. אויב עס וואָלט, חלילה, היינט — —״

„דאַרף איך צוערשט קראַנק ווערן? איך וויל דיך בעטן אַ
קלייניקייט. איך וויל דו זאָלסט צוגיין מיט מיר אין דעם יתומים־
הויז. צוגיין אַ קוק טאָן, און מער גאָרנישט.״

„און מער גאָרנישט?״

„צו עפּעס מער וועסטו דאַרפן דערגיין מיט דיין אייגענעם שכל.
דו ביסט, קיין עין הרע, אַ חכמה, אָבער קיין נביא ביסטו נישט.
ווי קאָנסט דו מאַכן מסקנאָס וועגן עפּעס וואָס דו האָסט נישט גע־
זען. כ׳בעט דיך, עטל.״

„אַז עס גייט דיר אַזוי אין לעבן, וועל איך צוגיין.״

* * *

ווי דער שטן מקטרג וואָלט זיך אַריינגעלייגט דערין איז די
פּאַננע רעגינאַ, די סימפּאַטישע לערערין גראַד נישט געווען. אין
דער קינדערהיים האָט זיך אַרומגעדרייט עפּעס אַ הויכע, ברייטע,
שווערע פּאַרשוינטע. אַ בינט שליסלען איז געהאַנגען אויף אַ ברייטן
פּאַסיק וואָס האָט אַרומגענומען אירע ברייטע לענדן. זי האָט געמוזט
האָבן צוגעקלאַפּט צו די קלעצער פון אירע שיך אַזעלכע איינזנדלעך,
דאָס לעדער זאָל זיך נישט אויסטרעטן. זי האָט מאַרשירט ווי אַ
סאָלדאַט. די שליסלען האָבן געקלימפּערט, אירע טריט האָבן גע־
קלאַפּערט אויף די דילן. אַז זי האָט געעפנט דאָס מויל מיט גאַל־

דענע ציין, האָט אַ האַרט קול אַרויסגעשיט גאָרנישט קיין גאָלדענע ווערטער. „ווען וועט די פֿאַננע רעגינאַ זײַן צוריק?" האָט דוד גע־פֿרעגט און געוואָלט צוריקקומען שפּעטער. „רעגינאַ אַרבעט דאָ נישט מער," איז געקומען אַ קורצער האַרטער ענטפֿער.

ס'איז געווען אין אָטוואָצק נאָך אַ יתומים־הויז, אויפֿן קור־טשעווער שאָסיי. דאָרט איז עס אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון חלוצים. עטל האָט אָן אַ וואָרט מסכּים געווען צו גיין אויך אַהין. ווען זיי זענען אָנגעקומען איז דאָס הויז געווען פֿאַרמאַכט. מן הסתּם שוין פֿאַרלאָזט פּוילן. די פֿאַננע רעגינאַ איז אוודאי אַוועק מיט זיי. זי האָט אַלע מאָל גערעדט ווי אַ ציוניסטקע.

דוד און עטל זענען געגאַנגען אַהיים. זיי זענען געגאַנגען אָפּ־גערוקט איינער פֿון אַנדערן, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז. דוד האָט זיך אויסגעדרייט אַ קוק טאָן, אפֿשר וועט דאָך עמעץ צוריקקומען צו דעם הויז. עטל האָט אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין: „אַ יתומים־הויז איז פֿאַר קינדער פֿון טויטע טאַטע־מאַמע, אַ לעבעדיקע מאַמע קאָן נישט אָוועקגעבן איר קינד."

„דו האָסט פֿאַרגעסן וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועגן דער טובֿה פֿון קינד."

„דו האָסט געוואָלט זאָגן אַז דעם קינדס מאַמע איז געשטאָרבן אין קימפּעט. דו ביסט גרייט געווען זאָגן אַ ליגן. מען קאָן אויך זאָגן אַן אַנדערן ליגן, אַז — — אַז עס איז אונדזערביידנס קינד."

דוד האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

„דאָס האָב איך געהאַפּט ווערסטו זאָגן ווען דו האָסט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם."

דוד האָט ווידער געוואָלט אַ קוק טאָן צוריק צום הויז. אַ מילי־טערישער לאַסט־אויטאָ איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן, הינטער אים און פֿאַר אים נאָר אַ וואָלקן שטויב.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניו יאָרק, 1949

צעוואָרפּענע זאַנגען...

(רעפּאָרטאַזש)

„מײַנע פּאַנען הייב אַרויף איבער די געבליבענע, קלײַב צונויף די צעשפּרייטע, ווי מען זאַמלט צוזאַמען צ ע װ אָ ר פּ ע נ ע ז אַ נ ג ע ן.״

פון פּיוט „יום ליבשה״ פון ר׳ יהודה הלוי.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געטראָפן אין לובלין, נאָוועמבער 1944.

די רוסן זענען אַריבער דעם בוג, צוגעקומען ביז דער ווײַסל. אין לובלין האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ ביסל ייִדן, רעשטלעך פון פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין מזרח־פּוילן. ניצול געוואָרענע אין באַהעלטענישן. געטוליעט זיך איינער צום אַנדערן און פּרובירט שאַפן אַ קאָמיטעט, אַ שטיקל געזעלשאַפטלעך לעבן.

צווישן די וואָס פלעגן אַרײַנקומען צו מיר איז געווען אַ יונגערמאַן יוסף גרין. ער האָט געאַרבעט אַלס דרוקער אין אַ פּוילישער פּראָנט־צײַטונג וואָס די רוסן האָבן אַרויסגעגעבן. מיט אים פלעגט אַלע מאָל מיטקומען זיינער אַ פרײַנט, אַ פּאָליאַק, פּיאָטער אַנדזשעיעווסקי, וואָס האָט געטאָן זשורנאַליסטישע אַרבעט אין דער זעלבער צײַטונג. געווען אַ גוטע האַנט, געקענט שפּראַכן.

דעם אמת געזאָגט איז אונדז נישט געווען באַקוועם וואָס דער גוי איז אַזוי אָפט געווען מיט אונדז. עמעץ האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן צרות וואָס פּאָליאַקן האָבן אָנגעטאָן באַהאַלטענע ייִדן. פּלוצעם זיך געכאַפּט אַז ער פאַרשעמט דעם פּאָליאַק אַנדזשעיעווסקי. צוליב דעם גוי האָבן מיר געמוזט רעדן פּויליש. נאָכן זײַן עטלעכע יאָר אָפּגעריסן פון ייִדן און ייִדיש, האָט זיך דווקא געוואָלט רעדן ייִדיש. אָבער אַנדזשעיעווסקי איז באמת געווען אַ פײַנער גוי. אויב נישט וואָלט ער זיך דען געחבֿרט מיט לויטער ייִדן?

די גוייִשקע חגאות האָבן אָנגערוקט. לכּבֿוד די חגאות האָבן אַלע אַרבעטער באַקומען אַ גרעסערן צוטייל שפּײַז און אַ פלאַש בראָנפן.

מיר האָבן נישט געוואָלט וואַרטן אויף דער גוייִשקער חגא, נאָר טאַקע די זעלביקע וואָך צוגעגרייט אַ יום־טובֿדיקן פֿרײַטיק־צו־נאַכט. ס'איז געווען שבת חנוכּה.

פֿון רויע קאַרטאָפֿל האָט מען אויסגעשניצט צוויי לײַכטערלעך. מיר האָבן איבערגעקנעטן די קליינע יאַלקע־ליכטלעך אין צוויי גרויסע שבת־ליכט. געפּראַוועט שבת, און געצונדן חנוכּה־ליכט.

מיר זענען געווען געוווינט טרינקען בראָנפֿן ווי די פּויערים. אַ דריי איבער דאָס גלעזל און אַ גאָס אין האַלדז אַרײַן דעם גאַנצן בראָנפֿן מיט אַ מאָל. שוין אויפֿגעהויבן דאָס גלעזל אַזוי צו טאָן, אָבער כ'האָב זיך פֿאַרשעמט פֿאַר די שבת־ליכט. אַ ווונטש געטאָן „לחיים" און אויסגעטרונקען בנעימות, ייִדישלעך. טאַקע בנעימות, אָבער כּסדר, איין גלעזל נאָכן אַנדערן. נאָך יאָרן הונגער, האָט נאָר שאַרפֿער בראָנפֿן געקאָנט דערכאַפּן דאָס האַרץ. אַנדזשעיעווסקי האָט לחלוטין נישט געטרונקען. יעדעס מאָל וואָס איך האָב ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך, האָב איך זיין גלעזל געטראָפֿן פֿול, כאָטש ער האָט צו שטייער געגעבן זײַן פֿלאַש בראָנפֿן אַזוי ווי יעדער פֿון אונדז.

מיר האָבן אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט און געבליבן נאָר מיט די שבת־ליכט. צוזאַמען מיט אונדזערע שאָטנס איז די שטוב געווען פֿול, און מיר האָבן זיך געפֿילט מער אויפֿגעלייגט...

געזונגען האָט מען שבתדיקע זמירות, העברעיִשע ארץ ישׂראל־לידער, ייִדישע פֿאָלקס־לידער. די ליכט האָבן אויסגעברענט, מיר האָבן נישט אָנגעצונדן קיין אַנדער ליכט. אין דער פֿינצטער איז לײַכטער זיך צו פֿאַרגעסן, זיך אָפּצורײַסן פֿון דעם הײַנט.

דער בראָנפֿן האָט אונדז געלאָזט ניכטער, אָבער נישט די לידער. אַזוי פֿיל בילדער פֿון אַמאָל זענען אָנגעשווומען מיט די היימישע קלאַנגען, אַזוי פֿיל פֿאַרשווונדענע כּשופֿדיקע מינוטן זענען אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים. מיר האָבן געזונגען און געזונגען. עס האָט זיך נישט געוואָלט איבעררײַסן, עס האָט זיך נישט געוואָלט צוריקקומען צו דער וואָר...

אַ פֿאַרשפּעטיקטער גאַסט איז אַרײַנגעקומען. ער האָט נישט געוווּסט אַז מיר זיצן בכיוון אין דער פֿינצטער, האָט ער אויפֿגעדרייט די ליכט. נאָך איידער איך האָב דערזען דעם גאַסט, האָב איך דערבליקט ווי אַנדזשעיעווסקי האָט שנעל אויסגעווישט די אויגן.

ווי פּאַרט עס זיך מיט זײַנע פֿלאַקסענע האָר, בלויע אויגן און פֿאַרריסענער נאָז?

עס איז נישט געווען קיין חידוש אַ ייִד זאָל זיך האַלטן בײַ זײַנע אַרישע פּאַפּירן און אַנגיין פֿאַר אַ פּאָליאַק. אַזאַ לאַנגע צײַט איז דאָס דערקענט ווערן ווי אַ ייִד געווען אַ זיכערער טויט. נאָך הײַנט, צווישן די פּאָליאַקן, איז די סכּנה נישט פֿאַרבײַ. אָבער צווישן אייגענע? עס האָט אַזוי געצויגן אַראָפּצוואַרפֿן די מאַסקע, כאָטש פֿאַר אַ ווײַלע, עס האָט אַזוי געבענקט צו הערן און אויסצורעדן אַ ייִדיש וואָרט. געזען עמעצן מיט אַ ייִדישער נאָז, מיט טרויעריקע אויגן, האָט מען אַזוי, כלאַחר יד, אַ וואָרף געטאָן אַ פּאַראָל „עמך". אַז יענער האָט צוריקגעענטפֿערט „עמך" האָט מען זיך מחיה געווען.

איך האָב געטראַכט, אויב דער אַנדזשעיעווסקי גיט זיך אָן פֿאַר אַ פּאָליאַק אַפֿילו צווישן אונדז, איז ער מן הסתּם אַ גוי. פֿונדעסטוועגן, ווען איך בין צוזאַמענגעקומען מיט אים אַליין, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן: „אַנדזשעיעווסקי איך האָב אַ שטיקל חשד אַז דו ביסט אַ ייִד, פֿאַר מיר דאַרפֿסטו זיך היטן?" ער האָט עס אָפּגעלייקנט מיט אַזאַ היציקייט, אַז עס האָט פֿאַרגרעסערט מײַן חשד.

אַ שכן האָט מיר איבערגעגעבן, מען האָט געפֿונען אַ פּעקל פֿאַרמילחמהדיקע ייִדישע צײַטונגען. איך בין תּיכּף אַוועקגעלאָפֿן אין ייִדישן קאָמיטעט. שוין באַלד דרײַ יאָר נישט געזען די צורה פֿון אַ ייִדישן אות. ביז מען איז דערמיט געפּרוווט געוואָרן, האָט מען זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז מען קאָן דורשטן צו אַ ייִדיש וואָרט ווי צו וואַסער.

דאָס לייענען בציבור האָט נישט אײַנגעשטילט מײַן דורשט. אַ תּאווה האָט געגליט אין מיר צו שלינגען די שורות ביחידות, אַליין, בײַ זיך אין שטוב, נאָר איך און דאָס בלאַט. אַרײַנעסן זיך בנעימות אין אַ שורה נאָך אַ שורה, אַרײַנזאַפּן פּאַמעלעך די הנאה פֿון יעדן וואָרט, פֿון יעדן בויג פֿון אַן אות.

איך האָב באַקומען עטלעכע צײַטונגען אויסגעבאָרגט אַהיימצונעמען פֿאַר עטלעכע שעה.

אַנדזשעיעווסקי איז אַלע מאָל געווען בײַ מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. דאָס מאָל אָבער, בין איך נישט געווען צופֿרידן וואָס איך האָב אים געפֿונען בײַ מיר אין שטוב. איך האָב געזוכט אַ תּירוץ אים משלח צו זײַן. האָב איך דערוויל דערזען ווי זײַנע בליקן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די צײַטונגען אין מײַן האַנט, און זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן.

אפֿשר בין איך געווען אין כּעס ווײַל ער האָט געשטערט מײַן

„יִחוּד" מיט די ייִדישע אותיות. עס איז מיר איינגעפֿאַלן אים אָפּ־צוטאָן אַ שפּיצל. איך האָב אָװעקגעלייגט די צייטונגען אויפֿן טיש װוּ ער איז געזעסן, אַוועקגעלייגט זיי מיטן קאָפּ אַראָפּ צו אים. זיך אויסגעדרייט און, מכּלומרשט, אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. איך האָב זיך פּלוצעם געגעבן אַ דריי צוריק. אַנדזשעיעװסקי האָט טאַקע געהאַט איבערגעקערט די צייטונגען צו זיך, און געלייענט.

ער האָט געזען אַז איך האָב אים געכאַפּט ‚אויף דער הייסער מינוט‘. ער האָט אַ זאָג געטאָן אויף ייִדיש: „געווען אַ מאָל אין וואַרשע אַ ייִד איטשע מאיר גאָלדבערג. ימח שמו וזכרו!"

אַנדזשעיעװסקי איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און איז מער נישט געקומען צו מיר. עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אים געטראָפֿן אין גאַס. איך האָב אים, כּמעט מיט געוואַלט, אַרויפֿגעשלעפּט צו זיך אין שטוב אַריין.

„זיי מיר מוחל אַנדזשעיעװסקי," האָב איך צו אים געזאָגט, „וואָס איך האָב אַרויסגעריסן פֿון דיר דיין סוד. איך האָב געמיינט אַז נאָכן אַראָפּרעדן וועט דיר לייכטער ווערן. עס איז שווער צו זיין אַליין, אין גאַנצן אַליין מיט אַ סוד"...

ער איז לאַנג געזעסן מיט געשלאָסענע אויגן און געשוויגן. דער־נאָך האָט ער שטיל געזאָגט, אַזוי שטיל, אַז איך האָב עס קוים גע־הערט: „אויב ביסט מיר באמת אַ פֿריינד, רעד מער נישט וועגן דעם, לאָמיר פֿאַרגעסן..."

„ווען דו קאָנען פֿאַרגעסן?" האָב איך אים געפֿרעגט. „דו קומסט דאָך צו אונדז ווייל דו קאָנסט נישט פֿאַרגעסן."

„ניין, נישט צוליב דעם קום איך אַהער," האָט ער זיך ווי גע־בעטן ביי מיר.

איך האָב דערפֿילט אַז עס גייט אים דער עיקר, נישט אין אי־בערצייגן מיך, נאָר זיך אַליין, אַז „נישט צוליב דעם..."

איך האָב געעפֿנט דאָס מויל אים צו ענטפֿערן, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געשעפּטשעט „איך בעט דיך, איך בעט דיך..."

ער האָט געטאַמלט ווי אַ געשלאָגענער הונט, אָבער איך האָב נישט געקאָנט שווייגן.

„איך פֿאַרזיכער דיך אַז מער וועלן מיר נישט צוריקגיין צו דעם שמועס. אָבער איצטער מוז איך דיר זאָגן וואָס איך טראַכט. חדשים האָסטו אויסגעהאַלטן אין דיין עקשנות. עס איז אָבער גענוג געווען דער אָנבליק פֿון אַ ייִדיש אות און דו האָסט זיך איינגעבראָכן."

„איך בעט דיך, איך בעט דיך,״ האָט ער געטאַמלט מיט פֿיבער־דיקע ליפּן. איך האָב דערפֿילט אַז באַלד וועט רחמנות מיר פֿאַר־מאַכן דאָס מויל, האָב איך זיך אָנגעגורט מיט אַכזריות און אויסגעג־שריגן: „דו וועסט בשום אופֿן נישט קאָנען אויספֿירן דעם ימח שמך! אויסגעמעקט וועט גיכער ווערן דער נאָמען אַנדזשעיעווסקי... איטשע מאיר גאָלדבערג וואָס חלשט פֿון בענקשאַפֿט צו דער צורה פֿון אַ יידיש אות, איטשע מאיר גאָלדבערג וועט בלײַבן.״

„איך מוז, איך מוז פֿאַרגעסן!״ האָט ער געגומען שרײַען. „איך בין אַ גוי, איך וועל כאַסלערע האָבן מיט אַ גויע און פֿרעסן זויער־קרויט מיט חזיר־פֿעטס. מיט אַן אמתער גויע וועל איך חתונה האָבן. אַ פּויערטע פֿון דאָרף, אַ שטאַרקע און מגושמדיקע. אויב קינדער וועלן געבוירן ווערן זאָלן זיי האָבן שטאָלענע מוסקולן און חיהשע רציחה. זאָלן שלאָגן און האָבן חוצפּה צו שלאָגן. זאָלן קאָנען גזלען און ראַבעווען, זאָלן קאָנען אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין געדערעם אַרײַן, זאָלן זײַן מוסרים, רוצחים, נישט אַזאַ שלימזל ווי איך.״

ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער באַנק, זיך צעכליפּעט, און כליפּענדיק ווײַטער גערעדט.

„ווי אַ ניגל האָט ער מיך אויסגענאָגט, דער עשיו, אויסגעזויגן פֿון מיר אַלץ וואָס איך האָב געהאַט. די מלבושים פֿון זיך אויסגע־טאָן און אים אָוועקגעגעבן, אַבי ער זאָל ווײַטער אויסבאַהאַלטן מײַן יאַסעלע. ווען ער האָט געזען אַז עס איז שוין נישט געבליבן מער וואָס צו נעמען ביי מיר, האָט ער יאַסעלען אַרויסגעוואָרפֿן. ווען איך בין געקומען צו אים און געזען אַז דאָס קינד איז נישטאָ, האָב איך זיך צעוויינט. נאָר געוויינט. די דאַרע אָרעמס האָבן נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו וואַרפֿן אויף אים און אים דערשטיקן. אַ מעסער איז גראָד געלעגן אויפֿן טיש. אָבער נישט געווען גענוג העזה צו כאַפּן דאָס מעסער און עס אַרײַנלאָזן דעם רוצח אין די קישקעס אַרײַן. כ׳בין אַוועק שטיל און נאָר געשאָלטן: מײַן עלטער־זיידן זאָל דאָרטן די ערד אַרויסוואַרפֿן פֿאַרוואָס ער האָט זיך נישט געשמדט און פֿאַר־וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ גויע, איך זאָל שוין האָבן אין זיך אַ ביסל גוייִשע יוכע, און מײַן קינד זאָל שוין זײַן אַן אַר־יער.״

„דאָס איז היסטעריקע,״ האָב איך אים איבערגעריסן. „דו ביסט אַ ייד און וועסט קיין מאָל נישט אויפֿהערן עס צו זײַן.״

„כ׳וויל נישט!״ האָט ער מיך איבערגעשריִען. „כ׳וויל נישט

ברענגען אויף דער וועלט קיין אידעלע, שוואַכע יידן. כ׳וויל נישט ברענגען קיין קינדער וואָס די ערד אונטער זייערע פֿיס זאָל ווערן זייער קבֿר. כ׳וויל האָב קינדער באַנדיטן, זיי זאָלן הרגענען, און נישט געהרגעט ווערן. ניין, גאָלדבערג איז מער נישטאָ. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַן ייִנגעלע, יאָסעלע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַשיצן, נישט געהאַט קיין כּוח נוקם צו זײַן זײַן טויט. ימח שמו וזכרו!״

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער פֿראָנט זיך אַ רוק געטאָן צו מערבֿ. די פֿראָנט־צײַטונג איז אַוועק פֿון לובלין און אַנדזשעיעווסקי איז אַוועק מיט זיי.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געטראָפֿן אין קעלץ אין יוני 1946.

אַ גרויסער עולם איז נאָכגעגאַנגען ארונות פֿון פֿערציק פּאָגראָם־קרבנות. פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, פֿענער, קראַנצן בלומען. מײַנע אויגן האָבן געוואַנדערט פֿון פּנים צו פּנים. ווער פֿון די איצטיקע באַגלייטער איז אייערנעכטן געווען מיט דעם צעיוכעטן המון? וועלכע פֿון די הענט, וואָס האַלטן איצט בלומען־קראַנצן, האָבן אייערנעכטן געהאַלטן שטיינער און געבראָכן ייִדישע שאַרבנס? ווער פֿון די איצטיקע מספּידים האָט געהעצט צו דער שחיטה? קעלץ איז אַזוי שטיל הײַנט, ווו איז דאָס מאָרד־ווילדע קעלץ פֿון אייערנעכטן?

מײַנע אויגן האָבן געוואַנדערט פֿון פּנים צו פּנים און פּלוצעם צוגעשמידט געוואָרן צו איין פּנים: אַנדזשעיעווסקי־גאָלדבערג.

ער האָט מיך נישט געזען. איך האָב זיך אַדורכגעשטופּט צו אים, אָנגענומען זײַן אָרעם. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, מיך דערקענט, און געבליבן הענגען אויף מײַן אָרעם ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר און קוים זיך דערוואַרט.

צוריק פֿון בית עולם זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען און געשוויגן. איך האָב פֿון צײַט צו צײַט געכאַפּט אַ בליק אויף גאָלדבערגן און זיך געוווּנדערט: ווי האָט דער נאָמען אַנדזשעיעווסקי זיך געקאָנט קלעבן צו דעם פּנים? טאָקע פֿלאַקסענע האָר, אַ פֿאַרריסענע נאָז און העלע אויגן. דאָך אַזוי ייִדיש. די האָר האָבן אויסגעזען ווי באַדעקט מיט אַש. די נאָז, ווי אָפּגעהאַקט דאָרט ווו זי האָט אָנגעהויבן ציִען אַרויף ייִדישלעך זיך צו פֿאַרהויקערן. די אויגן — צוויי

לעכער מיט געלבלעך גרויע זעקעלעך אונטער. נישט קיין טרויער, נישט קיין צער, ווי ביי די מיינסטע פון אונדז, האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. זיינע אויגן האָבן בכלל נישט אַרויסגעקוקט. איר האָט נאָר געקאָנט דורך זיי אַריינקוקן און זען אַ לויג־שאַרפן, ברע־נענדיקן ווייטיק, וואָס צעפרעסט אַלץ פון אינעווייניק דער גרוי־געלבער הויט וואָס באַדעקט זיין גוף.

אויף דעם קעלצער פלי־פּלאַץ איז נישט געווען קיין גוטער לויף־וועג ווי אויף דעם וואַרשעווער. האָט דער עראָפּלאַן נישט געקאָנט צוריקפירן אַלע מענטשן וואָס ער האָט געבראַכט פון וואַרשע. נאָר די פון „צענטראַל־קאָמיטעט" זענען צוריקגעפלויגן דעם זעלביקן טאָג. די אַנדערע האָבן באַדאַרפט איבערנעכטיקן, וואַרטן ביז דער עראָפּלאַן וועט צוריקקומען. איך האָב אין משך פון דער נאַכט באַ־וויזן איבערצורעדן גאָלדבערגן ער זאָל מיט מיר מיטפליען קיין וואַרשע. ווען עס האָט נאָר געגומען טאָגן, זענען אַלע אַוועק צום פלי־פּלאַץ. גאָלדבערג איז אַוועק מיט מיר.

אַ פאַרלאָזענער פלי־פּלאַץ, ווייט פון שטאָט, אָן שום שמירה. אויב די פּאָגראָמטשיקעס וועלן זיך דערוויסן, קאָנען זיי דאָ פאַר־ענדיקן זייער אַרבעט. אַ צענדליק ניצול געוואָרענע קעלצער ייִדן וואָס זענען אָפּגעקומען מיט לייכטע וווּנדן, אַ חזן פון וואַרשע, צוויי שרייבערס פון לאָדזש, און גאָלדבערג. געזעסן אויפן פלי־פּלאַץ און אויסגעקוקט ווער וועט אָנקומען פריִער, דער עראָפּלאַן אָדער די פּאָגראָמטשיקעס.

שעה נאָך שעה זענען פאַרגאַנגען. מיר זענען געזעסן אויפן גראָז. די ניצול געוואָרענע האָבן פּרובירט קלאָר מאַכן פאַר אונדז, און פאַר זיך אַליין, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַזוי עס איז געשען, ווי אַזוי זענען זיי אַרויס מיטן לעבן. גאָלדבערג האָט אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט. איך בין געזעסן מיט אים אין אַ זייט, אַ ביסל אָפּגערוקט פון אַלעמען. איך האָב עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער געשראָקן זיך פאַר די אָנגעדראָלענע אָדערן אויף זיין שטערן, פאַר דער פאַרקראַמפּטקייט פון זיינע פינ־גער, פאַר דער געשפּאַנטקייט אין אים. אַן אָנגעצויגנקייט ביז צום לעצטן. אַן איבעריקער פינטל מיט אַן אויג און די פינגער וועלן זיך איבערברעכן, די מוסקולן וועלן זיך שפּאַלטן, די אָדערן וועלן פּלאַצן.

פּלוצעם האָט ער גענומען רעדן. אַן אויסגעהוילט קול, איך בין געוואָרן לויטער געהער.

„צוויי חדשים געווען מיט איר, באַלעקט זיך מיט אירע מאַכלים, די מאָרדע זיך אויסגעפּאַשעט מיט אירע חזיר־פּאַטראַוועס. געוואָלט זיך איינרעדן אַז כ׳האָב הנאה פֿון איר מגושמדיקן גוף. געוואָלד! געוואָלד! ס׳האָט דאָך געקאָנט געבוירן ווערן אַ ממזר, אַ פּאָגראָמ־טשיק וואָס זאָל שלאָגן מיט אַ שטיין אין ייִדישע שאַרבנס. כ׳האָב נאַכט נאָך נאַכט זיך געקוויקט מיט איר רויער תּאווה. אייערנעכטן אויף דער בלוט־חתונה האָב איך דערקענט אירע געשרייען, זי האָט געריטשעט פּונקט ווי אין בעט.

„כ׳בין געשטאַנען דאָרט צווישן המון. צווישן מיינע נייַע ברי־דער, די מערדער. העגט און פֿיס האָבן מיר אָפּגענומען. געשטאַנען ווי געליימט. טויזנטער האָבן זיך געריסן צום הויז ווו די ייִדן זענען געווען פֿאַרבאַריקאַדירט. די פּאָליציי געווען. די אָר־בע, אונדזער זיכערקייט־פּאָליציי, מיט געווער אין האַנט. דער המון האָט געשטו־רעמט, און איך צווישן דעם המון — אַ גולם.

„די פּאָליציי האָט גענומען אַרויספֿירן די ייִדן, און פּלוצעם גאָר געוואָרפֿן זיי צום המון. טויזנטער — איין ווילדע חיה. ׳שמיערטש, טויט׳ אין איין געשריי פֿון טויזנטער מיילער. און נעבן מיר אַ באַ־קאַנט קול, דאָס זעלביקע ריטשען ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, מיט שוים אויפֿן מויל. די זעלביקע אָרגיע — נעכטן ביינאַכט מיט קושן, היינט מיט שטיינער. איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף איר מיט אויפֿגעריסענע אויגן. פּלוצעם בין איך אויך געווען אין דער אָרגיע. ׳שמיערטש! זשידוואַ! האָב איך געשריגן און געשלאָגן מיט די פֿויסטן איבער איר קאָפּ. איך האָב געריסן אירע האָר, אירע קליידער און געשריגן: ׳זשידוואַ, שמיערטש!׳ ״

„וואָס ס׳איז ווייטער געשען ווייס איך נישט. מיר דאַכט זיך, מיינע פֿויסטן האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט אַנדערע פֿויסטן. דער געשריי ׳זשידוואַ׳ איז געווען געגוג אויף אַנדערע זאָלן זי שלאָגן. צווישן די געהרגעטע איז זי נישטאָ, אויך נישט צווישן די פֿאַר־ווונדיקטע אין די שפּיטאָלן. מיינע פֿויסטן קאָנען געבן נאָר טרו־קענע קלעפּ, שלאָגן דאַרף מען זיך לערנען פֿון זיי. פּערציק אונ־דזערע זענען נעכטן נאָך געלעגן מיט צעקרישלטע קעפּ, ווי זעקלעך מיט שערבעלעך פֿון אַ צעבראָכענעם טאָפּ. צווישן זיי אַ מאַמע מיט אַ קינד אין בויך, אַ מאַמע מיט אַ חודשדיק עופֿעלע נעבן איר, ביידע

מיט דורכגעשאָסענע קעפּ. נעכטן האָב איך געזוכט איר נאָמען אין די צײַטונגען, געזוכט זי אין די שפּיטאָלן און געווען צופֿרידן וואָס איך האָב זי נישט געפֿונען. נעכטן בין איך געווען צופֿרידן...״

איך האָב שוין געהאַט געעפֿנט די ליפּן אים צו זאָגן אַ מילד וואָרט, אַ טרייסטנדיקס, און האָב עס צוריקגעכאַפּט פֿון דער שפּיץ־צונג. אַ גוט וואָרט וואָלט איצט קיין צוטריט צו אים נישט געהאַט, וואָלט אפֿשר נאָך ערגער געמאַכט. איך האָב אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ די לאַצן פֿון זײַן רעקל און גענומען אים טרייסלען.

„דו ביטערער פֿינצטערער אַנטיסעמיט,״ האָב איך געשריגן צו אים. „ניין, דו האָסט נישט פֿיינט אַלע ייִדן ווי דו ווילסט זיך אײַנרעדן. דו האָסט פֿײַנט מיט אַ פֿינצטערער שינאה נאָר איין ייִד, איטשע מאיר גאָלדבערגן האָסטו פֿײַנט. דו קאָנסט זיך נישט מוחל זײַן וואָס דו האָסט איבערגעלעבט דײַן ווײַב און קינד. דו טוסט אַלץ צו פֿאַרסמען דײַנע יאָרן, ווייל דו פֿאַרגינסט זיך נישט דאָס לעבן. דו שטאָפּסט אין זיך חזיר־פֿלייש מיט זויער־קרויט, דו פֿאַרגינסט זיך נישט דעם ביסן. דו רעדסט וועגן האָבן קינדער פֿאָגראָמטשיקעס, דו פֿאַרגינסט זיך נישט די פֿרייד פֿון האָבן אַ קינד נאָך דעם ווי יאָסעלע איז טויט. איך בין זיכער אַז דו האָסט זיך געפּייניקט די אַלע נעכט וואָס ביסט געווען מיט איר. דו ביסט געגאַנגען צו איר מחמת דו האָסט זיך נישט פֿאַרגונען אַ צאַרטע פֿרוי, אַזאַ וואָס וואָלסט געקאָנט ליב האָבן. איך האָב דיך פֿײַנט, דו הערסט? איך האָב דיך פֿײַנט, ווײַל איך האָב דיך ליב. ווײַל יעדער וואָס איז ניצול געוואָרן איז מיר טײַער.״

איך האָב דערפֿילט, מײַנע רייד ווערן ווייכער און וועלן אים מער נישט קאָנען אויפֿשוידערן, האָב איך איבערגעריסן. כ׳בין ווידער אַריבער אין אַ געשריי:

„וואָלסטו אומגעקומען, וואָלט עס געווען דײַן גליק, אָבער דו ביסט לעבן געבליבן, טאָרסטו נישט אַנטלויפֿן ווי אַ פּחדן. אויף יעדן פֿון אונדז ליגט אַ חוב צוריקצובויען די חרובֿע היים און צו געבוירן מער ייִדן. אָבער דו, אין דײַן פֿינצטערער שינאה צו זיך, פּײַניקסט אַ ניצול געוואָרענעם ייִד, זוכסט אומצוברענגען איינעם וואָס היטלער האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרלענדן. איך האָב דיך פֿײַנט דערפֿאַר, טראָץ דעם וואָס דער איינער ביסט דו אַליין.״

איך האָב נישט געוווּסט ווי ער האָט אויפֿגענומען מײַנע רייד. איך האָב דערפֿילט, זיי האָבן אים אויפֿגערודערט. זײַן גוף האָט

נאָכגעלאָזן, געוואָרן שלאַבעריק. די הענט האָבן געציטערט. די פּליי־צע געבויגן. איך האָב געפֿילט, זײַנע אויגן לעכצן אַ טרער, נאָר אַלע לחות אין זײַן גוף האָבן אויסגעטרוקנט, ווי זײַנע ליפּן.

ביידע האָבן מיר געשוויגן. אַ שעה אָדער צוויי, איז ער נאָך געזעסן נעבן מיר און קיינער פֿון אונדז האָט אַ וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. שפּעטער האָט ער מיט שוועריקייט זיך אויפֿגעשטעלט. איך בין געווען זיכער, ער גייט נאָר אַוועק פֿאַר אַ ווײַלע. איך האָב גע־האַלטן אַז עס איז בעסער יעצט נישט צו רעדן, נישט פֿרעגן וווהין.

איך האָב לאַנג זיך צוריקגעהאַלטן פֿון גיין אים זוכן. אַ שעה איז אוודאי פֿאַרבײַ און עס איז געווען צו שפּעט. נישט געפֿונען אים אין ערגעץ אויף דעם פּלי־פּלאַץ, נישט געזען אים אויף דעם וועג וואָס פֿירט פֿון פּלי־פּלאַץ אין שטאָט אַרײַן. דער עראָפּלאַן איז גע־קומען אונדז נעמען. איך בין ווידער אַרומגעלאָפֿן אים זוכן. נישט געקאָנט מער אויפֿהאַלטן דעם עראָפּלאַן, און בין אַוועק קיין וואַר־שע...

* * *

זי האָט אים געטראָפֿן אין אַ פּליטים־לאַגער אין דײַטשלאַנד. זי איז געווען אַ לערערין אין דער לאַגער־שולע פֿאַר קינדער. זי האָט געלערנט מיט די קינדער עברית. ער האָט געקענט אַ ביסל ענגליש, האָט מען אים געבראַכט ער זאָל לערנען מיט די קינדער ענגליש.

נאָך זײַן דורכפֿאַל מיט דער לאַגער־צײַטונג זענען אַלע געווען אין ספֿק צי ער וועט זיך אויסטויגן צו לערערײַ. אָבער ער איז גע־ווען אַ גוטער לערער. טאַקע בעתן לערנען מיט די קינדער האָט מרים דאָס ערשטע מאָל געזען מילדקייט און וואַרעמקייט אין זײַנע בלויע אויגן. זי האָט אָנגעהויבן אים מקרבֿ זײַן.

יאָ, דער דורכפֿאַל מיט דער צײַטונג. ער האָט אָנגעגעבן זײַן פֿאַך — אַ זשורנאַליסט. האָט מען אים איבערגעגעבן צו רעדאַקטירן די לאַגער־צײַטונג צונויפֿגעשטעלט פֿון אַמאָטאָרן. ער האָט עס גע־מאַכט פּאַכמעניש. אָבער אַ לאַגער־צײַטונג האָט געדאַרפֿט דערמו־טיקן, און ער האָט אַלץ געזען דורך שוואַרצע ברילן. ער האָט אויך נישט געקאָנט חנפֿענען דעם אַמעריקאַנער לאַגער־דירעקטאָר. נו, און זײַן אַרטיקל וועגן די שוואַרץ־מאַרק הענדלער האָט איבערגע־פּולט דאָס מעסטל. אין אַלע לאַגערן האָט מען געפֿירט אַקציעס קעגן

די הענדלערס אויפֿן שוואַרצן מאַרק. קומט דער רעדאַקטאָר פֿון דער אָפֿיציעלער לאַגער־צײַטונג און בענטשט זיי אין אַ לײַט־אַרטיקל.

„איך גיי אַרום איבער די גאַסן פֿון לאַגער און זע ווידער קינדערלעך מיט פֿולע ראָזע בעקעלעך. מיט כּוח, מיט שטיפֿערישקייט. פֿלייש האָט באַדעקט זייערע אויסגעדאַרטע ביינדעלעך וואָס זענען ווייך געוואָרן אין די נאַסע לעכער פֿון זייערע באַהעלטענישן. כּוח איז אַרײַן אין זייערע מוסקולן וואָס זענען שלאַבעריק געוואָרן דורך הונגער אין סיבירער פֿאַרשיקונג. איך ווייס אַז נישט די לאַגער־זופּ האָט באַוויזן אַזעלכע ניסים. זייערע טאַטעס ריזיקירן מיט זייער פֿרײַהייט צו ברענגען פֿאַר די קינדער אַ שטיקל פֿלייש, אַ טאָוול שאָקאָלאַד. זאָל קומען אַ ברכה אויף זייערע הענט! איז וואָס אַז דער שוואַרצהאַנדל ברענגט שאָדן דער דײַטשער עקאָנאָמיע? עס וועט זיי נאָך בלײַבן גענוג פֿון די אָנגעראַבעוועטע ייִדישע פֿאַרמעגנס. כ׳ווייס, נישט אַלע וואָס האַנדלען ׳שוואַרץ׳ האָבן קינדער, טייל מאַכן טויזנטער. רויבט עס אויך נישט אַוועק מיין שלאָף בײַנאַכט. וויפֿל טויזנטער, הונדערטער טויזנטער רײַכע ייִדישע היימען האָבן די דײַטשן חרובֿ געמאַכט? זאָלן זײַן עטלעכע הונדערט ייִדן וואָס וועלן אָנקומען אין אַ נײַ לאַנד און נישט דאַרפֿן אַוועק אין אַן עמיגראַנטן־לאַגער, נאָר קויפֿן זיך אַ הויז און בויען אַ מישפּחה־נעסט. רופֿט עס שוואַרץ־מאַרק, אויב איר ווילט. פֿאַר מיר איז עס אַ ליכטיקער מאַרק, אויב עס קאָן דורך אים אויסוואַקסן אַ ליכטיקע ייִדישע היים.״

ער האָט נישט געהאַט קיין פֿרײַנד. די מענטשן אין די לאַגערן האָבן זיך געבויטיקט אין טרייסט, אין האָפֿן. ער האָט ווייניק גערעדט. האָט ער אַ מאָל געעפֿנט דאָס מויל, איז אַרויסגעקומען מרה שחורה, שוואַרצע נבֿיאות. נאָר צווישן די קינדער אין דער שולע איז ער געווען אַן אַנדער מענטש. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי אַלץ צו מאַכן שפּילעוודיק, אַפֿילו דאָס לערנען אַ פֿרעמדע שפּראַך.

חנוכּה האָט ער אָנשטאָט לערנען ענגליש דערציילט וועגן די חשמונאָים. ער איז פֿאַר מרימען געוואָרן אַ רעטעניש. מיט אַ שעה פֿריִער האָבן זיי געלייענט די צײַטונגען. ער האָט אין אַלע נייעס געזען שלעכטע סימנים. ער האָט אין אַלעם געזען פֿאַלשקייט און רישעות. פֿאַר ייִדן האָט ער נישט געזען קיין אויסוועג און קיין האָפֿענונג. זײַנע אויגן זענען דערבײַ געווען פֿינצטער, זײַן פּנים טרוקן און שפּיציק. אַ שעה שפּעטער, צווישן די קינדער, איז ער געווען גלויביק, פֿול מיט האָפֿן, און אַזוי איז אויך געווען זײַן פּנים.

„שפּעטער,” האָט מרים מיר פֿאַרטרויט מיט אַ שטיל קול, „שפּעטער ווען איך האָב אים דערקענט, האָב איך געזען אַז דער אמתער יצחק גאָלדבערג איז דער צווישן די קינדער, דער גלויבי־קער, דער ליבהאָבנדיקער. ער האָט ליב געהאַט אַלעמען אַרום זיך, נאָר זיך אַליין האָט ער פֿײַנט געהאַט. ער האָט זיך נישט פֿאַרגונען דאָס האָפֿן, די פֿרייד, האָט ער געזאָגט שוואַרצע נבֿיאות צו פֿאַר־שרײַען זײַן אָפּטימיזם, צו דערשלאָגן די ליכטיקייט אין זײַן אייגן געמיט.”

די צײַטונג מיט דעם לײַט־אַרטיקל וועגן שוואַרצן מאַרק האָט די לאַגער־פֿאַרוואַלטונג קאָנפֿיסקירט. אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן האָבן זיך דאָך אַרויסגעקריגן. איינער אַפֿילו צו דער פּאָליציי, און אפֿשר איז טאַקע די צײַטונג געווען די סיבה פֿאַר דער אָבלאַווע אין לאַגער.

אין אַ פֿרימאָרגן האָט מען אַרומגערינגלט דעם לאַגער. אַ טרו־מייטערן פֿון אויטאָמאָביל־האָרנס, אַ פֿײַפֿערײַ פֿון פּאָליציי־פֿײַפֿלעך. פֿון דרויסן די לאַגער־גרענעצן — הונדערטער דײַטשן, אין די זעל־ביקע בלוי־גרויע מונדירן פֿון היטלערס צײַטן, מיט דעם זעלביקן שווער־שטיוולדיקן מאַרשירן, מיט די זעלביקע קורץ־אָפּגעהאַקטע גאָרגלדיקע באַפֿעלן, ווי דאָס בילן פֿון אַ סטאַדע בייזע הינט. פּונקט ווי בעת אַן אָבלאַווע אין געטאָ. אין דעם לאַגער גופֿא זענען אַרײַנ־געלאָפֿן אַמעריקאַנישע מיליטערישע פּאָליציי, באַגלייט פֿון דײַטשע „עקספּערטן” אויף צו געפֿינען „שוואַרצע” סחורה.

„מיר האָבן געהאַלטן בײַם אָנהויבן דעם שול־טאָג,” האָט מרים דערציילט. „דערזען וואָס עס טוט זיך, האָבן מיר געוואָלט צוריק אַהיימשיקן די קינדער. יצחק האָט נישט געלאָזט. ‚מיר מוזן תּיכּף אָנהייבן די לעקציע, האָט ער געזאָגט, און זען די קינדער זאָלן זײַן אַזוי פֿאַרטאָן אַז זיי זאָלן וואָס ווייניקער זען און הערן. דער גאַנצער גרויל פֿון די געטאָס וועט זיך בײַ זיי אויפֿוועקן, און עס קען ברענ־גען צו אומגליקן’.”

אין מיטן לערנען איז געקומען צו לויפֿן אַ ייִדישער לאַגער־פּאָליציאַנט:

„מע וויל זוכן אין יצחקס צימער.” יצחק האָט אָוועקגעגעבן דעם שליסל צו זײַן צימער, אָבער ער האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט איבעררײַסן דאָס לערנען און גיין מיט זיי.

עס האָט זיך נישט געענדיקט מיט דעם. אַ מחנה פּאָליציאַנטן

האָבן פּלוצעם אַרומגערינגלט די שול־געבײַדע. יצחק איז זיי אַקעגנ־געלאָפֿן צו דער טיר און זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג.

דער לערער גאָלדבערג איז דער אָנפֿירער פֿון די שוואַרצ־הענדלער, האָבן זיי געהאַט אינפֿאָרמאַציע. אַ דײַטש האָט געזאָגט דעם אַמעריקאַנער, אַז אין דער שולע זענען זיכער באַהאַלטן ״שוואַר־צע״ סחורות, און אין אַנטוועכץ פֿון די קינדער זענען אײַנגענייט גאָלדענע דאָלאַרן.

„איר קאָנט נישט שטערן די רו פֿון די קינדער, איר קאָנט אין דער שולע נישט אַרײַנגיין,״ האָט יצחק אַרויסגעזייט צווישן די ציין.

די פּאָליציאַנטן האָבן אַוועקגעשטופּט יצחקן, דער דײַטש איז דער ערשטער אַרײַן. אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון יצחקן „דו פֿאַרפֿלוכטער קינדער־מערדער!״ ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם דײַטש מיט די פֿויסטן.

„די פּאָליציאַנטן זענען אים שנעל בײַגעקומען,״ האָט מרים דער־ציילט. „נישט זײַן אַרעסט, נישט די קייטן אויף זײַנע הענט האָבן מיר אַזוי וויי געטאָן, ווי דער שנײַדיקער ווייטיק אין זײַנע אויגן. די קינדער זענען געזעסן צעשראָקענע. טייל האָבן זיך צעוויינט ווען מען האָט יצחקן גענומען אַרויספֿירן. איך בין געשטאַנען ווי געליימט. ווען זיי זענען שוין באַלד געווען בײַם לאַגער־טויער, האָב איך פּלוצעם גענומען לויפֿן. איך האָב זיי איבערגעיאָגט, זיך אַרויפֿ־געוואָרפֿן אויף יצחקן און באַדעקט זײַן פּנים מיט קושן.״

ער האָט נישט געוואָלט ענטפֿערן אויף קיין פֿראַגעס. מען האָט אים אָפּגעהאַלטן שעהן בײַ יעדער אויספֿאָרשונג און נישט געקאָנט פֿון אים אַרויסבאַקומען אַ וואָרט. נאָך דרײַ טעג האָט מרים באַקו־מען אַ דערלויבעניש אים צו זען. ער האָט אַרײַנגעכאַפּט אירע הענט אין זײַנע און זיי נישט אָפּגעלאָזט. פּלוצעם האָט ער אָפּגעלאָזט אירע הענט און צוגעלאָפֿן צום שומר, מע זאָל אים פֿירן צום אָפֿיציר.

דער אָפֿיציר, אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן, איז געווען צופֿרידן אַז ער וויל רעדן. מען האָט מרימען דערלויבט מיטגיין. יצחק האָט דערציילט דעם אָפֿיציר וואָס עס איז געשען. מרים האָט עס באַ־שטעטיקט. ער האָט באַלד גערופֿן צו זיך דעם סאַרדזשענט וואָס האָט אַרעסטירט יצחקן און אים געפֿרעגט צי עס איז אמת. יענער האָט פּרובירט דערקלערן דעם שׂכל און סדר פֿון אַן אַבלאַווע. דער אָפֿי־

ציר האָט פֿול מיט פֿאַראַכט אַ געשריי געטאָן: „יו דאַם פֿול, דו פֿאַרשאָלטענער נאַר!" און תּיכּף באַפֿרײַט יצחקן.

יצחק האָט זיך שפּעטער מודה געווען: טיף אין האַרצן האָט ער געוווּסט, אויב ער וועט נאָר דערציילן וואָס עס איז געשען, וועט מען אים באַפֿרײַען. ער האָט געקענט די אַמעריקאַנער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער נאַרישער סאַרדזשענט האָט זיך געלאָזט אָנ־העצן פֿון דעם דײַטש. פֿאַר וואָס ער האָט במשך דריי טעג גע־שוויגן? עפּעס אַ פֿאַרביסנקייט וואָס ער האָט זיך אַליין נישט גע־קענט דערקלערן.

„איך קען עס יאָ דערקלערן," האָב איך געזאָגט מרימען. „אײַער קושן אים איז שולדיק געווען. ער האָט מורא געהאַט באַפֿרײַט צו ווערן און קומען צו אײַך. ער האָט מורא געהאַט איר וועט אים מאַכן גליקלעך, און ער האָט עס זיך נישט פֿאַרגונען."

נישט יעדער האָט געקאָנט זײַן אַזוי אומגליקלעך ווי ער, און זעלטן ווער עס קאָן זײַן אַזוי גליקלעך. זעלטן אַ מענטש זאָל קאָנען ווייטיקן אַזוי טיף, זאָל קאָנען טראָגן יסורים אַזוי טראַגיש. נאָך זעלטענער, אַ מענטש זאָל קאָנען אויסשטראַלן פֿון זיך אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און זאָל קאָנען זײַן אַזוי קינדעריש גליקלעך," האָט מרים געזאָגט. „נאָך מער, ער האָט אויך געקאָנט זײַן פֿול מיט יסורים און גליקלעך אין דער זעלביקער צײַט. גליקלעך אין אַ פּליטים־לאַגער? אָט האָבן די ענגלענדער פֿאַרכאַפּט אַ העפּלה־שיף, געכאַפּט פּליטים בײַ די ברעגעס פֿון ישׂראל און זיי ווידער פֿאַרשיקט אין לאַגערן. ער איז פֿאַרשוויגן געוואָרן פֿאַר גאַנצע שעהן. די ליפּן פֿאַרפּרעסט, נאָר פֿון די אויגן האָט געשריגן אַזאַ ווייטיק, און אין דעם שווײַגן איז געלעגן אַזאַ צער, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך הער ווי בלוט טריפֿט פֿון זײַן פֿאַרוווּנדיקט האַרץ, טריפֿ טראָפּ, טריפֿ טראָפּ."

עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, ער איז אַזוי פֿאַרשלונגען פֿון זײַ־נע יסורים, אַז זײַן אויער הערט גאָר נישט, זײַן אויג זעט גאָר נישט. אָבער ער האָט דערהערט מײַן שטילסטן זיפֿץ. דערבליקט אַ ציטער פֿון מײַנע ליפּן, האָט זײַן האַנט גענומען גלעטן מײַנע האָר מיט אַזאַ ווייכקייט, זײַן מויל האָט אַרויסגעברענגט אַזוי פֿיל צערטלעכ־קייט. איך האָב גאָר נישט געוווּסט אַז מע קאָן אַזעלכעס אַרויסכּי־שופֿן מיט ווערטער. איך האָב ביז יצחקן נישט געוווּסט אַז מענטש־לעך לשון קאָן זײַן דינער ווי די צאַרטסטע מוזיק. די אויגן וואָס זע־

נען ערשט געשוווּמען אין יסורים האָבן אַרויסגעשטראַלט איבער מיר אַזאַ אָפּגעציטערטקייט, אַרומגענומען מיך מיט אַזאַ זיסער וואַרעמקייט, אַז איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן און געפֿילט ווי עס פֿילט, מן הסתם, אַ קינד וואָס שלאָפֿט אײַן רויִק און זאַט אויף דער מאַמעס שויס.״

* * *

עס איז געווען שביעי של פסח אין יאָר תש״ז, דעם דריטן טאָג אויף אַ פּליטים־שיף, אויפֿן וועג קיין ארץ ישראל. מרים האָט געליטן פֿון איבלעניש, יצחק איז געזעסן מיט איר אויפֿן דעק. נישט ווײַט פֿון זיי האָט מען געדאַוונט מיט מנין. יצחק האָט אויפֿגעכאַפּט אַ פּערז פֿון אַ תּפֿילה און זײַנע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן. ער האָט שפּעטער געבראַכט צו איר דעם מחזור, עס איז געווען אַ פּיוט פֿון ר׳ יהודה הלוי. זײַנע ליפּן האָב געפּרעפּלט די ווערטער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

דגלי כן תרים
על הנשארים,
ותלקט נפזרים
כמלקט שבלים.

מיינע פֿענער הייב אַרויף איבער די געבליבענע, קלויב צונויף די צעשפּרייטע, ווי מען זאַמלט צוזאַמען צעוואָרפֿענע זאַנגען.

* * *

די שיף האָבן די ענגלענדער נישט געכאַפּט. די נאַכט פֿון אָנקומען איז געווען אַ געמיש פֿון קאָשמאַר און זיסן חלום. אַ פֿינצטערניש, מען האָט נישט געזען אַן אייל פֿון זיך. דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, מען איז שוין נאָענט. אַ קליין פֿײַערל האָט אויפֿגעבליצט פֿאַר אַ רגע איבערן וואַסער און פֿאַרשוווּנדן.

אייגענע, אָדער די „יעגער״?

די שיף האָט זיך פֿאַרהאַלטן. אַ טויט־שטילשווײַגן. מינוטן? שעהן? ווער ווייסט. פּונקטלעך האָבן געבליצט פֿײַערלעך פֿון אַ שטאָט ווי זיי וואָלטן געווונקען מיט האָפֿענונג. אָט האָט זיך דערהערט אַ פּאַטשן איבערן וואַסער. קליינע שיפֿלעך האָבן זיך דערנענטערט און פֿאַרהאַלטן בײַ דער שיף. עטלעכע שאָטנס האָבן זיך

אַרויפֿגעצויגן צום דעק, געהאָלפֿן אַראָפּלאָזן זיך צו די שיפֿלעך. עמעץ האָט אַ הוסט געטאָן, אַלץ האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַ ווײַלע, אין דער שטילקייט האָט עס אָפּגעהילכט שוין באַלד ווי אַ דונער. באַלד האָט זיך אַלץ ווידער גענומען באַוועגן. די שיפֿלעך האָבן זיך גענומען שלייכן צו אַ ברעג. צווישן די שיפֿלעך האָבן אין וואַסער געשפּרײַזט מיסטעריעזע סילועטן. אויף זייערע פּלייצעס האָבן זיך געהויקערט די רוקזעק פֿון די מענטשן אין די שיפֿלעך.

אַ שײַנוואַרפֿער האָט אויפֿגעבליצט. אַ פּאַס ליכט האָט גענומען פֿויזן איבערן וואַסער. די שײַן איז פֿאַרשוווּנדן און אַלץ האָט מיט געאײַל זיך באַוועגט פֿאָרויס.

האָבן זיי דערזען? וואַרטן זיי שוין בײַם ברעג?

שוין אויף דער יבשה. עטלעכע שאָסן האָב אָפּגעהילכט פֿון ווײַטנס. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די פֿעלדזן. אַ געוויין פֿון שאַקאַלן האָט פֿאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. אַ שעה שפּעטער — אין ליכטיקע שטובן, בײַ אַ טעלער וואַרעם געקעכץ. עס האָט זיך נאָך געהערט אַ שיסערײַ פֿון ווײַט, אָבער עס האָט מער נישט געשראָקן. מען האָט געפֿילט מ'איז צווישן אייגענע, אויף אייגענער ערד. פֿאַרענדיקט דעם לעצטן וואָגל.

טייל זענען אַוועק צו קרובים, יצחק און מרים זענען געבליבן אין קיבוץ ווהין מען האָט זיי געבראַכט. מ'האָט געוואָלט יצחק זאָל ווערן אַ לערער. ער האָט אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין פֿעלד. די „טוריה״ האָט אָנגעריבן וואַסער־בלאָזן אויף זײַנע צאַרט־הויטיקע הענט. מען האָט זיך געבעטן בײַ אים ער זאָל לאָזן אויסהיילן די ווונדן, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט די „טוריה״ פֿון דער האַנט, ווי די יסורים פֿון די מאַזאָליעס וואָלטן אים פֿאַרשאַפֿט הנאה.

„אין יענער וואַך־נאַכט פֿון דעם 29סטן נאָוועמבער, 1947,״ האָט מרים דערציילט, „האָט זיך געדאַכט אַז אַפֿילו די שטערן אויפֿן הימל און די זאַנגען אויפֿן פֿעלד טאַנצן און זינגען מיט אונדז. אַלע זענען געווען צוזאַמענגעגאָסן אין איין פֿלאַם־פֿרייד. יצחק איז געזעסן אַליין אין אַ ווינקל, געשוויגן. איך האָב זיך נישט באַמיט אים אַרײַנשלעפּן אין אַ קאַראַהאָד. מיר האָט זיך געדאַכט, ער טרויערט איצט נאָך זײַנע נאָענטע וואָס האָבן נישט דערלעבט דעם נס, האָב איך אים געלאָזט זיך מתיחד זײַן מיט זיי. עטלעכע טעג שפּעטער איז אונדזער

קיבוץ שוין געווען באַלאַגערט, און מיר האָבן זיך געראַנגלט פֿאַר אונדזערע לעבנס."

„מאָדנע, יצחק איז דעמאָלט געווען כּלו האָפֿן, כּלו גלויבן. כ'געדענק אַ נאַכט, ער איז צוריקגעקומען מיד, הונגעריק, נאָך אַ שווערער שלאַכט. אַ חבֿר וואָס איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד האָט מיט פֿיבערדיקע אויגן געקוקט אויף די פֿלאַמען וואָס האָבן פֿאַרצערט אונדזער פּרדס. ער האָט מיט ביטערניש אַ פֿרעג געטאָן: ׳נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע?׳"

„נישט דאָס אייגענע," האָט יצחק אים געענטפֿערט. „דאָרט האָבן מיר געקעמפֿט כּדי צו קאָנען בכּבֿודיק שטאַרבן, דאָ קעמפֿן מיר כּדי צו קאָנען לעבן בכּבֿוד. ווען דאָס וועט זיך ענדיקן וועלן מיר האָבן אַן אייגענע היים. בויען אַ נעסט אויף אייגענער ערד. דאָ וועט קיי־נער נישט פֿאַרראַטן אין אַ טאָג פֿון געפֿאַר. די היים וועט נישט פֿאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ קבֿר. דאָ וועל איך נישט מורא האָבן ברענגען קינדער אויף דער וועלט ווייל די ערד וועט אויך זײַן דעם קינדס מאַמע און די שכנים וועלן זײַן ברידער."

„איך האָב אויסגעקושט זײַן פֿאַרבלאָטיקט פּנים און אים אײַנ־געראָטעט: ׳איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן, אַ בשׂורה.׳

„עס איז געווען אויף דעם געלעגער. איך האָב אים געזאָגט אַז זײַנע פֿריִערדיקע רייד זענען געווען ווי אַ נבֿואה, ער ברענגט טאַקע אַ קינד אויף דער וועלט. ס'איז געווען פֿינצטער. כ'האָב נישט געקאָנט זען זײַן פּנים, אַפֿילו נישט דעם גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן, ער האָט זיי אוודאי געהאַלטן פֿאַרמאַכט. ער האָט לאַנג גע־שוויגן, דערנאָך אַרויסגעזאָגט איין וואָרט: ׳מרים׳. אין דעם וואָרט איז געווען די פֿרייד, דאָס גליק, און די אַחריות פֿון יצירה. ער האָט צאַרט באַרירט מײַן באַק מיט זײַנע ליפּן, ווי אַ פֿרומער ייִד אין דעם יום הדין באַרירט מיט די ליפּן אַ הייליקן פּרוכת. געווען אין דעם קוש אַזאַ אָפּגעציטערטקייט, הכנעה, פֿאַרגעטערונג, און דאַנק. נאָר בײַ אַ מענטשן וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין אַזוי פֿיל יסורים, קאָנען געפֿילן דערגיין צו אַזאַ דערהויבנקייט.

„עס איז נישט געווען זײַן ריי. דאָך האָט ער צומאָרגנס זיך ווידער געריסן צו די פֿאָדערשטע ליניעס. פֿאַר אונדזער קינד, פֿאַר אונדזער קינד, האָבן מיר געזאָגט זײַנע אויגן, כאָטש זײַנע ליפּן האָבן נישט אַרויסגעברענגט אַ וואָרט.

„דעם טאָג איז ער געווען שיס־ווילד, אויף ענגליש זאָגט מען עס ׳טריגער העפּי׳. אפֿשר האָט זיך אים געדאַכט אַז די גאַנצע שלאַכט איז אַן אַנגריף אויף זײַן קינד, און ער מוז עס פֿאַרטיידיקן. און אפֿשר האָט ער, אין זײַן גליק־שיכּרות, געגלויבט אַז די גאַנצע השגחה האָט זיך פֿאַרנומען אים גליקלעך צו מאַכן, און עס קאָן אים גאָרנישט געשען.״

„און אפֿשר האָט זיך אים געדאַכט,״ האָב איך צוגעגעבן, „אַז איצט איז די צײַט אָפּצוצאָלן אַ חוב. זײַן ערשט קינד איז אומגעבראַכט געוואָרן און ער האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרטיידיקן.״

ער איז אַ סך מאָל דעם טאָג אַקעגנגעלאָפֿן סכּנה, און טאַקע ניסימדיק איז ער אַרויס גאַנץ. אָבער פֿאַרנאַכט, בײַם סוף פֿון דער שלאַכט, האָט אַ גראַנאַט אויפֿגעריסן נעבן אים.

„דרײַ וואָכן האָט ער זיך געראַנגלט אין פּיזישע יסורים,״ האָט מרים ווײַטער דערציילט. „איך מוז איבערחזרן: פּיזישע יסורים. צו מיר האָט עס אויסגעזען ווי זײַן מצבֿ האָט זיך איבערגעקערט. אין אונדזערע ערשטע טעג צוזאַמען איז זײַן גוף געווען גאַנץ, נאָר אי־נעווייניק, אין אים, איז אַלץ געווען צעשליסן און פֿול מיט פּײַן. אין די לעצטע טעג פֿון אונדזער צוזאַמען זײַן איז זײַן גוף געווען צעריסן, פֿול מיט ווייטיק, אָבער אין אים איז געווען מנוחה. מען האָט אים פֿיר מאָל גענומען אויף דעם אָפּעראַציע־טיש. אַ פֿוס אַראָפּגענומען ביז דער קני. צוויי טעג שפּעטער, אַראָפּגענומען דאָס שענקל. יסורים אין זײַן גוף, אוי, וואָס פֿאַר אַ יסורים. אָבער נישט קיין צער.

„ווען דער טאָג פֿון בשׂורה איז געקומען איז ער שוין געווען אין האַלב־גסיסה. אין יענער שעה ווען מען האָט אין תּל אָבֿיבֿ אויס־גערופֿן צום ערשטן מאָל ׳מדינת ישׂראל׳, האָט ער אַרײַנגעכאַרכלט זײַנע לעצטע שעהען אין אַ מאַסקע מיט זויערשטאָף. איך האָב אָנגע־שטעלט אַ ראַדיאָ נעבן זײַן בעט, ער איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. איך גלויב אָבער, ער האָט געהערט. ווען איך האָב פֿאַרמאַכט די ראַדיאָ האָט ער געעפֿנט די אויגן און דורך אַ נעץ פֿון רויטע אָדערלעך, האָבן זײַנע אויגן אַרויסגעבליט מיט אַזאַ שלווה, אַז איך בין זיכער ער האָט געהערט די בשׂורה פֿון גאולה און זי באַנומען. דעם גרויסן צער פֿון זײַן אַוועקגיין האָט באַגלייט אַ באַפֿרידיקט־

קייט. דרײַ וואָכן פֿאַרלענגערטע יסורים זענען כדאַי געווען, אַבי ער האָט דערצויגן צו דער שעה.

* * *

מיר זענען געזעסן אין דעם חדר הזיכרון ווען מרים האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע לעצטע טעג. איך האָב געקוקט אויף זײַן בילד וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט אונטער אַן אויפֿשריפֿט ׳גיבורי הקיבוץ׳. ימח שמו וזכרו האָט ער אויסגעשריגן ווען ער האָט צום ערשטן מאָל מיר אַנטפּלעקט זײַן אמתן נאָמען. אונטער זײַן בילד איז געווען זײַן נאָמען מיט אַ צושריפֿט: יהי זיכרו ברוך, זאָל זײַן אָנדענק זײַן געבענטשט. מיר זענען אַוועק צו דער שולע, עס זענען אונדז אַקעגנגעלאָפֿן האָפּערדיקע טריט פֿון יצחק בן יצחק, זײַן בלוט און פֿלייש. עס האָט געשמייכלט צו אונדז אַ הימל — בלוי ווי זײַנע אויגן.

ברוקלין, 1949

דער טאָפּ

דער טאָפּ איז דאָס איינציקע פֿאַרמעגן. די שטוב אין דעם פּלי־טים־פּונקט געהערט צו זעכצן מישפּחות. דער פּריטש — דאָס געלע־גער צוזאַמענגעקלאַפּט פֿון אַלטע הילצערנע קאַסטנס — געהערט צו קהל. דאָס ביסל מלבושים און בעטגעוואַנט איז צעשליסן און פֿאַר־לויזיקט. נאָר דער טאָפּ איז נאָך געבליבן אַזוי ווי ער איז געווען אין דער היים ווען יאַנקל, דער סעדער, און רחל לאה, זיין ווייב, האָבן אין אים געקאָכט פּאַווידלע פֿון איבערגערייפֿטע פֿלוימען. אַזאַ גרויסער טאָפּ פֿון בלוי־געשיר איז אין געטאָ ווערט אַ פֿאַרמעגן. עמעץ האָט פֿירגעלייגט פֿינף ברויט, מע קאָן אפֿשר באַקומען מער, אָבער רחל לאה האָט זיך איינגעשפּאַרט: אַז מע'ט טראָגן די זופּ אין אַ בלעך, פֿון דער פֿאַלקסקיך ביז צום „פּונקט", וועט עס אויסרי־נען, וועט עס קאַלט ווערן, וועט עס — — — — דער טאָפּ איז דאָס איינציקע וואָס איז נאָך דאָ פֿון זייער היים, פֿון זייער סאָד.

יאַנקל ליגט אויף דעם פּריטש. דאָס ביסל זופּ בולקעט נאָך אין די קישקעס, און דער הונגער וואַיעוועט שוין אין די געדערים ווי אַ בייזער ווינט און שטעלט זיך אַוועק אין גאָרגל ווי אַ פּויסט. מע קראַצט ווידער מיט אַ לעפֿל דעם באָדעם פֿון דעם אויסגעלעקטן טאָפּ. ס'איז דען פֿאַראַן וואָס צו קראַצן? וואָס מישטיינס געזאָגט קאָן זיך צוקלעפּן צום באָדעם? אַ קילעריבן־זופּ, שיטער, און נישט געשמאַלצן.

רחל לאה בעט זיך: „מע דאַרף שווענקען דעם טאָפּ, באַהאַלטן אויף, חלילה, אַ שוואַרצער שעה. מען הערט נישט אויף קראַצן. מען מוז קראַצן אָפּצונאַרן דעם ווינט אין די געדערים, די פֿויסט וואָס האָט זיך פֿאַרלייגט אין גאָרגל. די לונגען בייזערן זיך מיט אַ הוסט. דער הוסט פֿאַרגייט זיך אין קײכן, יאַנקל שלעפּט זיך קוים צוריק צו דעם פּריטש. אַ קעלט עסט זיך אײַן אין דעם גוף כאָטש דרויסן איז הייס. געבליבן אויף די ביינער נאָר אַ דינע פּאַפּירענע הויט, אין די ביינער — אײַז.

* * *

„כ'האָב געמיינט דו שלאָפֿסט," זאָגט רחל לאה. „ליגט מיט אָפֿענע אויגן און שווײַגט ווי אַ פֿיש. אין געטאָ ביסטו געוואָרן נאָך שטומער ווי אין דער היים. ווער זאָל רעדן צו מיר, און צו וועמען זאָל איך אויסרעדן אַ וואָרט אין דעם וויסטן פּונקט אַז מײַן אייגענער מאַן רעדט נישט אויס צו מיר אַ וואָרט."

יאַנקלס ליפּן טוען אַ צאַפּל, אַפֿילו עפֿענען דאָס מויל איז אים שוין צו שווער. די ליפּן פֿאַלן ווידער צוזאַמען, די אויגן בלײַבן אָפֿן אָבער זעען מער נישט דעם „פּונקט."

דער שאַסיי איז געווען אויסגעטרוקנט און צעגליט פֿון דער זון. פֿויערישע פֿורלעך האָבן פֿאַרבײַגעיאָגט צום טאָרג און געלאָזט נאָך זיך וואָלקנס שטויב. יאַנקלס שוואַרצע מלבושים זענען געוואָרן גרוי, זאַמד האָט זיך אָפּגעזעצט צווישן זײַנע ציין און געשוואַרט אויף זײַנע וויִעס, איידער ער האָט דערגרייכט דעם סאָד. דער סאָד — אַן אַנדער וועלט. אַ פֿעכער פֿון בלעטער האָט צוריקגעטריבן דעם שטויב, אָפּגעדעמפּט דעם רעש פֿון שאַסיי. אַ חופּה פֿון צווײַגן האָט פֿאַרהאַלטן דעם גלי פֿון זומער, אַדורכגעלאָזט און אַדורכגעזופּט נאָר אַ ביסעלע זון וואָס איז געפֿאַלן ווי אַ גאָלדענער פֿיליגרי אויף גרין. סיגעצווײַג האָט גערוישט מיט סודות. זונשטראַלן האָבן ממזריש געוווּנקען, און ער האָט געשטעלט גנבֿישע טריט אויף די שפּיץ פֿינגער. באַהאַלטן זיך הינטער ביימער, געטשאַטעוועט, און געשלייכט זיך ווײַטער. אַ רויך און אַ ריח פֿון געסמאַליעטע האָלץ און פֿון געקאָכטע פֿלוימען.

רחל לאה האָט זיך באַוויזן פֿון צווישן ביימער. יאַנקל האָט פֿאַרביסן די ליפּן נישט אַרויסצופּלאַצן אין אַ געלעכטער. מיט אַ פֿאַרבויגענער פֿולער שירץ האָט זי אויסגעזען ווי זי וואָלט שוין געווען נײַן חדשים נאָך דער חתונה... אויסגעליידיקט איר שירץ אין טאָפּ אַרײַן, איז רחל לאה ווידער אַוועק צו די פֿלוימען־ביימער, יאַנקל הינטער איר אויף די שפּיץ־פֿינגער. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן, באַפֿאַלן זי פֿון הינטן, און פֿאַרשטעלט אירע אויגן מיט די הענט.

„ווער איז עס?"

„טרעף."

„יאַנקל? האָסט מיך איבערגעשראָקן. וואָס טוסטו דאָ אין אַ פּראָסטן דינסטיק?"

„וואָס כיטו? כיהאַלט דיך אַרום אין אַ פּראָסטן דינס־טיק."

„דאַרפסט נישט זײַן בײַ דער אַרבעט?"

„כידאַרף נייטיקער זײַן דאָ."

„וואָסי, סיברענט?"

„יאָ."

„וווּ?"

„דאָ," האָט יאַנקל געטייטלט צו זײַן ברוסט.

„אַ טאָרג־טאָג, די שטאָט איז פול מיט גאַיעס, און ער לויפט זיך אין סאָד אַרײַן."

„כידאַרף דיך גענייטיק עפּעס פרעגן."

„פרעג."

„כיוויל זאָלסט ווערן מײַן כלה."

„האָסט דאָך געזאָלט עפּעס פרעגן."

„ווילסט ווערן מײַן כלה?"

„רעד מיטן טאַטעשי."

„שוין גערעדט, הײַנט אין דער פרי, אין בית המדרש בײַם דאַווענען."

„וואָס האָט ער געזאָגט?"

„כיזאָל רעדן מיט דיר."

„רעד."

„כיוויל זאָלסט ווערן מײַן כלה."

„מער האָסטו גאָרנישט צו זאָגן?"

„כיוויל מיט דיר חתונה האָבן."

„נאָך וואָס דאַרף איך וויסן אַלץ וואָס דו ווילסט?"

„ווײַל — — — ווײַל — — — —" יאַנקל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער טאַליע און געדרייט זיך מיט איר אין אַ קאַראַהאָד.

„לאָז אָפּ, משוגענער, דער קאָפּ דרייט זיך מיר."

„וועסט מיך נעמען פאַר אַ חתן?"

„משוגע בין איך?"

„וועסט ווערן מײַן כלה?"

„אויב האָסט מער גאָר נישט צו זאָגן, ניין."
יאַנקל האָט זיך געדרייט מיט איר נאָך שנעלער.
„לאָז מיך אָפּ."
„אַז וועסט צוזאָגן."
„אַז דו נייטסט מיך."
„וועסט חתונה האָבן מיט מיר?"
„כיהאָב דען אַ ברירה? אָבער איידער וועסט מיך פֿירן צו דער חופּה וועסטו מוזן זאָגן מער ווי 'וועסט חתונה האָבן, וועסט חתונה האָבן'."

יאַנקל האָט אַראָפּגעשטעלט רחל לאהן און זיך צעטאַנצט.

ערגעץ הינטער אים, האָט נאָך געפֿידלט אַ שיכּורער קלעזמער; ערגעץ פֿאַר אים, האָט שוין געקרייט אַ האָן. „יאַנקל, ס'איז נישט שיין פֿאַר מענטשן," האָט רחל לאה זיך געבעטן, און ער האָט זי געפֿירט אַרויס פֿון שטאָט. ער האָט זיך געטראָגן איבער דעם טוי־פֿײַכטן גראָז ווי איבער וואָלקנס, און אָפּגעשטעלט זיך ערשט ביי דער שטרוי־בויד אין סאָד.

„די חתונה־נאַכט אין סאָד? ביסט אַ וואָרער משוגע־נער, יאַנקל."

„קום, כיבעט דיך."

„דער טאַטעשי האָט אונדז געגעבן זײַן שטוב, אַרײַנגע־שטעלט אַ נײַ בעט — — —"

„אַ נײַ בעט, פֿון טויטע צעזעגטע ביימער. דאָ איז אַלץ לעבעדיק, און פֿריש, און שיין, ווי דו, ווי אונדזער חתונה. כיבעט דיך רחלע..."

„אַז מיהאָט חתונה מיט אַ רבֿ ווערט מען אַ רביצין. און אַז מיהאָט חתונה מיט אַ צעדרייטן..." זי האָט פֿאַר־שאַרצט דאָס קלייד און אַרײַנגעקראָכן אין דער בויד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די טעג שלעפּן זיך. די שעהן ציִען זיך ווי קלעפּיקע ניגלען. דער טאָג וויל נישט אָפּטרעטן פֿאַר דער נאַכט, און די נאַכט נישט פֿאַר דעם טאָג. רחל לאה זיצט אין אַ ווינקל און קאָן נישט אײַנדרימלען. שווימט אויף אין איר אַן אַלטע טענה קעגן יאַנקלען: געוואָרפֿן אַן אומחן אויף שנײַדערײַ און משוגע געוואָרן פֿאַר דעם סאָד, אַז די

ביימער זענען ביי אים כעישיווער ווי ווייב און קינדער. רחל לאה עפּנט די אויגן און וואַרפט צו יאַנקלען אַ טענה: „מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט — — ״ כאָטש זי ווייסט אַז אין געטאָ איז נישט פאַראַן קיין אַרבעט אַפילו פאַר גאָלדענע הענט. „אפשר וועסטו אַרויסגיין אַ קוק טאָן ווו אַוורומטשע איז?״

אַוורומטשע איז אַוועק האַנדלען מיט שוועבעלעך. זי האָט געשיקט אַוורומטשען ווייל פון אַ קינד וועט מען גיכער קויפן. פון פאַרקויפן אַ פּאָר שאַכטלען שוועבעלעך איז זיין בויך נישט פול געוואָרן. ער ווייסט מע ברענגט די זופּ אַרום צוויי, עס איז שוין איצט נאָך דריי. „מע דאַרף אַ קוק טאָן ווו אַוורומטשע איז.״

„אַ גוט לייזונג האָט ער זיך געקויפט אַ שטיקל ברויט,״ וויל בלומעלע טרעפן און קוקט מיט גיריקייט צו דעם שיסעלע זופּ וואָס די מאַמעשי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אַוורומטשען.

יאַנקל ליגט אויף זיין געלעגער, רחל לאהס קול דערגרייכט אים, אָבער ער הערט זיך נישט צו. ס׳איז תמוז, די פּירות רייפן אויף די ביימער. דאָס קלאַפּסן-ביימל איז זיך, קיין עין הרע, צעוואַקסן, ס׳גיט אַזעלכע גרויסע שווערע באַרנעס. אויב מען האָט נישט אונטערגעשטעלט אַנשפּאַר-דרענגער אונטערצוהאַלטן די צווייגן, קאָנען זיי זיך, חלילה, איבערברעכן אונטער דער משא פון זייער שפע... נו, מענטשן זענען נישט קיין גזלנים, מסתמא האָט מען אונטערגעשפּאַרט. ווען ער וועט צוריקקומען, אם ירצה השם, נאָך דער מילחמה, וועלן די ביימלעך וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט שוין זיין רייפע צעוואַקסענע ביימער. מן הסתם איז עמעץ געבליבן צו היטן דעם סאָד, שמעון איז געבליבן — — —

שמעון?

ווען די דייטשן זענען אַריין האָבן זיי — — — ער האָט נישט קיין כוח צוריקצוטראַכטן. מיסתמא איז עמעץ געבליבן. מיסתמא —

— — שמעון וועט זיך אָפּגעבן מיטן סאָד? שמעון איז געבוירן געוואָרן אַ שניידער און וועט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ער, יאַנקל, האָט זיך געלערנט שניידעריי ביי זיין ברודער שמעון. שמעון האָט געהאַט אַ טענה: „ס׳איז ערבֿ חגא, אַרבעט איבערן קאָפּ אַריבער, גייסטו זיך אַוועק אין דאָרף אַריין שפּאַצירן? מע דאַרף דאָך זיין אַ גזלן...״

יאַנקל הערט איצט ווי ער ענטפֿערט דעמאָלט שמעונען:

„פֿרילינג... סע לאָזט נישט רוען... די ערד קומט אַרויס פֿון ווינטערדיקן שלאָף מעוברת... עס שפּראָצט פֿון דער ערד, עפּעס שפּראָצט אויך אין מיר. די ביימער רעדן צו מיר..."

„ביסט, חלילה, קראַנק יאַנקל? ציהאָט שוין אַמאָל געהערט ביימער זאָלן רעדן? אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש רעדט, אַ מענטש רעדט, אָבער ביימער?"

„ביימער זענען אויך לעבעדיקע באַשעפֿענישן, ביימער זענען ווי מענטשן."

„טאַקע? טאָ פֿאַרוואָס רעדן זיי נאָר צו דיר און נישט צו מיר? מע דאַרף דיך חתונה מאַכן, יאַנקל, וועסטו אויפֿהערן טראַכטן אַז די ערד איז מעוברת."

„ביימער קענען אויך וויינען," ענטפֿערט יאַנקל איצטער שמעונען, און זעט פֿון דאָ זײַן באַרנבוים דאָרט, אין זײַן סאָד, און הערט ווי ער וויינט — — —

צו ערשט אַ גלאָף איבער פֿעלדער, אַ געדויש פֿון עראָפּלאַנען, אַ געקראַך פֿון באָמבעס. דער שאָסיי רויט, אַ שטיק באַק מיט אַ שטיק באָרד — לאָזערס, געבליבן הענגען אויף די טעלעפֿאָן־דראָטן. מען איז צוריקגעגאַנגען אַ היים און זיך געזעצט שבעה. ער, יאַנקל, איז געלעגן שבעה, ער האָט געהאַט היץ און געמוזט ליגן אין בעט. מענטשן זענען אַרײַנגעקומען און דערציילט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטאָט און ער האָט עס נישט באַנומען. אַ דײַטשע באָמבע האָט דערהרגעט לאָזערן ווען זיי האָבן געוואָלט אײַננעמען די שטאָט, מלחמה... אָבער איצט אַז די שטאָט איז שוין אין זייערע הענט, וואָס איז דער שׂכל פֿון הרגענען מענטשן?

שמעון איז אַוועק אין סאָד ברענגען אַ ביסל אויבסט, און נישט צוריקגעקומען. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט און קראַנקערהייט געלאָפֿן צום סאָד. די פֿיס האָבן אים געטראָגן, און דער פּחד איז געוואַקסן. ער איז געבליבן שטיין פֿאַר זײַן באַרנבוים. אַ יוסטער, צעוואַקסענער בוים. פֿון די צווייגן האָבן אַראָפּגעהאַנגען די ווינטער־באַרנעס, און פֿון איין דיקער צווײַג צווישן די באַרנעס — שמעון.

„לאָוס! לאָוס!" האָבן די דײַטשן געיאָגט. ער האָט גע־וואָלט צוריקגיין מחילה בעטן בײַ שמעונען און מחילה בעטן בײַם באָרנבוים. שמעון האָט געשוויגן מיט אַ געפּרווירן שווײַגעניש, דער באָרנבוים האָט געציטערט און געשוויגן.

„יאַנקל גלאָצער" האָבן אים גערופֿן די קינדער אין חדר. דער רבי האָט פֿאַרגעזאָגט אַ פּרשה חומש, די קינדער האָבן געזאָגט נאָך דעם רבין. ער האָט אויך נאָכגעזאָגט, אָבער נישט אַרײַנגעקוקט אין חומש. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. פּלוצעם האָט ער זיך געכאַפּט אַז אַלע קינדער שווײַגן, נאָר ער זאָגט נאָך דעם רבין: „און די קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך און פֿאַרלוירן — — —." די קינדער האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

פֿאַרוואָס האָט דער רבי חוזק געמאַכט פֿון אים? די פּרשה חומש האָט גערעדט וועגן אַ מצורע, נישט וועגן אַ קו. די קו איז נישט געפֿלויגן איבערן דאַך, די קו האָט זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע פֿון יענער זײַט פֿענצטער. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט היי.

„יאַנקל גלאָצער" האָבן אים גערופֿן די געזעלן בײַ זײַן ברודער שמעון. ער איז אַרויס אויפֿבלאָזן אַן אײַזן. אַ זומער־פֿייגעלע האָט פֿאַרבײַגעפֿלאַטערט, אַ שוועלבעלע האָט זיך צעזונגען, און אין דעם אײַזן איז אויסגעגאַנגען דער לעצטער פֿונק. ער האָט גענייט אַ מלבוש, פֿאַרגלאָצט זיך, און גע־שטאָכן אין די פֿינגער אַרײַן. „אַ נאָט דאַרף זײַן ווי אַ ווירע, נישט ווי אַ זעג," האָט שמעון אים געמוסרט. „וואָס וועט ווערן פֿון דיר, יאַנקל? וואָס וועט זײַן דער תּכלית?"

תּכלית, תּכלית, תּכלית! אַלע האָבן בײַ אים געמאָנט תּכלית. דער טאַטע, שמעון, לאָזער, אויך רחל לאה — — — רחל לאה?

רחל לאה, דעם סאַדאָווניקס, איז אויסגעוואָקסן שמאָל ווי אַ בוים אין איר טאַטנס סאַד. הויך, וויגעוודיק, לײַכט אין איר טריט, אָט וועט אַ ווינט זי אויפֿהויבן און טראָגן אַרויף איבער די ביימער־קרוינען. ער האָט געפֿירט רחל לאהן צו דער חופּה, און פֿון הינטער דעם ווייסן שלייער, האָבן אַרויסגעלויכטן אירע גרויסע, פֿייכטע, גראַנאַטענע פֿלוימען־

אויגן. רחל לאה האָט באלד אויך גענומען מאָנען תּכלית. „דײַן ווײַב און קינדער קאָנען אַלע זײַן די כּפּרה פֿאַר דײַנע ביימער," האָט זי געטענהט. אירע אויגן האָבן פֿאַרלוירן די פֿײַכטקייט, און דער בלוי איז געוואָרן רויטלעך. „ניטע, רחל לאה, רעד נישט אַזוי," האָט ער זיך געבעטן. „מע טראָגט אַ געלאַטעטע מלבוש? מילא. אָבער מען הונגערט נישט חלילה. זומער, אַ פֿרישע פּרי גלייך פֿון בוים אַראָפּ; ווינטער, אַ געטרוקנטע פֿרוכט, אָדער אַ ביסל פּאָווידלע. הײַנט, די זומערס אין סאָד — — —"

פֿרײַטיק־צו־נאַכט אין סאָד. געשלאָפֿן איז מען טאַקע אין דער נידעריקער שטרויענער בויד, אָבער שבת האָט מען געפּראַוועט אונטערן פֿרײַען הימל. אַ טיש צווישן די ביימער. רחל לאה האָט געצונדן ליכט אין אַזעלכע ספּעציעלע לײַכטער, וואָס יאַנקל האָט געמאַכט פֿאַר איר, מיט גלעזער ווי אין נאַפֿטלאָמפּן, צו באַשיצן די פֿלעמלעך פֿון ווינט. די שבתדיקע מאכלים וואָס רחל לאה האָט צוגעגרייט, די זמירות וואָס מען האָט געזונגען... די קינדערס זיסע קולעכלעך האָבן זיך געטראָגן אַרויף צו די ביימער, און צוריקגעקומען מיט ווידערקולות — דער גאַנצער סאָד האָט מיטגעזונגען. די ליכט־פֿלעמלעך האָבן געציטערט, די שטערן אויבן האָבן מיטגעציטערט. דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט פֿרום זיך געוויגט און געזונגען: „כל מקדש שביעי כראוי לו, ווער עס הייליקט דעם זיבעטן טאָג ווי עס דאַרף צו זײַן"... אַ שקאָצישער עפּל איז קונדסיש געפֿאַלן גלייך אין אַוורומטשעס קעפּל. דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אויפֿצוהויבן די פּרי, און זיך דערמאָנט אַז מע טאָר נישט. אַראָפּגעפֿאַלן אום שבת איז עס „מוקצה". „כל שומר שבת כדת מחללו, ווער עס היט די געבאָטן נישט צו פֿאַרשוועכן דעם שבת," האָט יאַנקל ווײַטער געזונגען, און זײַן האַרץ האָט געקוואָלן מיט נחת. רחל לאה האָט זיך געוויגט און געזונגען. די קינדער האָבן זיך געוויגט און געזונגען. די ביימער האָבן זיך געוויגט און צוריקגעזונגען מיט ווידערקולות, ווי אין איין גרויסן כאָר, ווי זיי וואָלטן אַלע דאָ זיך אַזוי געוויגט און געזונגען משׁשת ימי בראשית, ווי זיי וואָלטן אַלע דאָ אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ברוינער ערד און

געפֿילט די לײַטזעליקייט פֿון באַשאַפֿער, און די גענאָדיקייט פֿון דעם הייליקן שבת.

רחל לאה האָט דען פֿײַנט געהאַט דעם סאָד? חס וחלילה, די איז דאָך אויפֿגעוואַקסן צווישן די ביימער. יאָ, ער האָט יעדן פֿאַר־פּסח פֿאַרדינט אַ פּאָר זלאָטעס בײַ שנײַדערײַ. אוודאי איז עס צונוץ געקומען. אָבער נאָך פּסח האָט מען זיך אַרויסגעצויגן אין סאָד. אירע אויגן זענען געוואָרן גרע־סער, טונקעלער, באַדעקט מיט טוי ווי אַ פֿלוים אויפֿן בוים. רחל לאה האָט נאָר געהאַט תּרעומות ווען ער האָט זיך פֿאַר־גלאָצט און געשוויגן, און געשוויגן. „פֿאַרפֿאָרסט מיט דײַנע רעיונות אין הימל אַרײַן, נעם מיך מיט,״ האָט זי גע־טענהט, און איז טאַקע געווען גערעכט. ער האָט אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי זי מיטצונעמען. די שיינקייט פֿון זומער, די ברכה פֿון סאָד — ס׳איז זיך צעגאַנגען אין אַלע זײַנע חושים. אָבער ער האָט נישט געפֿונען פֿאַר דעם קיין ווער־טער, און רחל לאה איז געבליבן פֿון דרויסן, אַליין.

אַלע זײַנע ברידער האָבן ליב געהאַט וואָס זיי האָבן געטאָן, און געוווּסט ווי צו רעדן וועגן דעם. אַז שמעון האָט גערעדט וועגן זײַן מלאכה...

„געלויבט דער אייבערשטער,״ האָט שמעון געזאָגט צו לאָזערן, „וואָס דער טאַטע, עליו השלום, האָט מיך אוועק־געגעבן אויף דער לער צו אַ שנײַדער און נישט צו אַ זייגער־מאַכער ווי דיך. שנײַדערײַ איז אַ מלאכה וווּ מע לייגט צו האַרץ און קאָפּ. סע קומט צו מיר אַ קונד, למשל, נייען חתונה־מלבושים. האָט ער איין אַקסל אַ גלײַכן, דעם אַנדערן אַ שיפּן; איין ברוסט בולט, די אַנדערע אײַנגעפֿאַלן; איין באָק הויך, דער אַנדערער אַראָפּגעלאָזט. איך פֿאַרריכט אַלץ. ער מעג זײַן קרום אָדער פֿאַרקריפּלט — איך פֿאַרגלעט עס און פֿאַרשטעל עס. אַפֿילו אַ הויקער אויף דער פּלייצע זעט זיך קוים אָן אונטער אַ ריכטיקן מלבוש. דאָ בעט איך אונ־טער, דאָרט פֿאַרפּרעס איך. אויף איין אָרט נעם איך אַרײַן, אויף אַ צווייט אָרט לאָז איך אַרויס. ס׳שטייט פֿאַר מיר אַ מענטש — נישטאָ אויף וואָס צו קוקן. זאָלסט מיר מוחל זײַן: אַ סטראַשידלע אונטער אַ פּאָר שמאַטעס. אָבער ווען ער קנעפּלט צו די שעלקעס צו מײַנע הויזן, און איך גיב

אים אַ טו אָן די יובעצע וואָס איך האָב פֿאַר אים אויפֿגעַ־נייט, איז ער נישט צו דערקענען! יקיין עין־הרע, וואָס פֿאַר אַ מלכותדיקער יונגערמאַן׳, זאָגן די ווײַבער וועגן דעם חתן. איך אָבער ווייס, אַז דאָס האָב איך אָנגעטאָן אויף אים סימלכות."

האָט לאָזער אַ גלעט געטאָן זײַן באָרד און געפֿרעגט:
„און וואָס איז אַזוי שלעכט מיט זייגערמאַכערײַ?"

„סיאַ קאַלטע אַרבעט," האָט שמעון געענטפֿערט, „אָן האַרץ. און אָן נשמה."

„איפּכא מיסתברא, סיאיז פּונקט פֿאַרקערט," האָט לאָ־זער דערווידערט. „דו פּרעסט מיט אַ הייס אײַזן, און סע בלײַבט קאַלט. דאַקעגן מײַן קאַלט אײַזן, כילייג נאָר צו אַ האַנט, ווערט עס לעבעדיק. איך שטעל צוזאַמען עטלעכע רע־דעלעך און שרייפֿעלעך און סנעמט גיין אַ גאַנג, סיקלאַפּט אַ האַרץ, סיבאַוועגן זיך פֿינגער און ווײַזן דיר, ווען צו גיין שלאָפֿן און ווען אויפֿצושטיין; ווען צו דאַוונען שחרית, ווען מינחה, און ווען מעריבֿ. דו זעסט בפֿירוש אַז דײַנע הענט האָבן באַשאַפֿן אַ לעבעדיקע זאַך."

„דאָס איז די צרה מיט אַלע אבֿרהם־לייבס בנים," האָט יאַנקל געהערט ווי מען האָט אָפּגעלאַכט פֿון אים און זײַנע ברידער, „מע זאָגט דאָך: יאַז מען האָט ליב די מלאכה קומט אַרײַן די מזל ברכהי. זיי האָבן עס אָבער צו פֿיל ליב, און וואָס יצוי איז נישט גוט. זיי האָבן אַלע גאָלדענע הענט, און וואָלטן געקאָנט שאַרן גאָלד. אויב דער שמעון וואָלט אינגזינען געהאַט פּרנסה וואָלט ער געקאָנט מאַכן צען מלבו־שים אין דער צײַט וואָס עס נעמט אים אויסצופֿאַרטיקן איינס. עס דאַרף דען זײַן אויסגעצאַצקעט ווי פֿאַר דעם גראַף פּאָטאָצקי? און דער לאָזער, ער שפּילט זיך מיט קונציקע זייגערס ווו טירלעך עפֿענען זיך, הילצערנע פֿייגל קומען אַרויס, אָדער סע שפּילט אויס אַ ניגון ווען עס שלאָגט די שעה. עט, שמאָכטעס, קונצעלעך. אויפֿן וואַרשטאַט בלײַבן ליגן די פּשוטע זייגערס פֿון אַ האַלבער שטאָט. עס נעמט אַ־יאָר־מיט־אַ־מיטוואָך ביז מע קאָן פֿון אים אַרויסקריגן אַ שטיקל אַרבעט."

שמעונס קינדער האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט. אהרן, דער

עלצטער, האָט געשפּילט פּידל און ווי מע זאָגט, געשפּילט גאָר וואַזשנע. דער יינגערער, ברוך, איז אַוועק קיין וואַר־שע, געשריבן אין אַ פּוילישער צייטונג, און זיך גערופן בער־נאַרד. די מיזינקע, מינדל, האָט געלערנט אין גימנאַזיע און געשריבן לידער. קאָן מען דאָך זאָגן: נחת פון אַלע קינ־דער. האָט אָבער ברכה, זיין ווייב, זיך גענומען איינרעדן אַז דעם טאַטנס שניידעריי שאַט די קינדער צו טאָן גוטע שידוכים. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז די קינדער זענען געקומען מיט אַ פאָרלאַנג דער טאַטע זאָל איינפּאַקן האַק און פּאַק, אַריבערציִען זיך קיין וואַרשע, און לעבן אויף זייער חסד.

אַלץ האָבן זיי נישט געפּועלט, קיין וואַרשע איז שמעון נישט געפאָרן, אָבער די רעשט — — — זיין מינדל האָט עפּעס געהאַט אַ מחזקה מיט ר' איטשעס פרידעס זון, און ס'איז געווען קלאָר, אַז דער פּאַן פרידע וויל נישט קיין שניידער פאַר אַ מחותן. שמעון האָט ביינאַכט געהערט מינדל וויינט אין קישן אַריין. צו מאָרגנס איז ער געלאָפן און פאַרקויפט זיין ניימאַשין.

שמעון האָט נעבעך גענומען ליידן פון אַ ווייטיק אין קאָפּ, אַ ברעכן אין די ביינער. די קינדער האָבן אים גע־וואָלט שלעפּן צו אַ דאָקטער, אָבער שמעון האָט גאָר גע־פונען די רפואה ביי יאַנקלען אין שטוב. ער, יאַנקל, איז געהאַט אַוועק אין סאָד אַרומפּלעכטן די ביימער מיט שטרוי צו באַשיצן זיי פון קעלט אום ווינטער. ער האָט גראָד גע־האַלטן אין אויפניייען אַ מלבוש. ער האָט עס נאָר געהאַט צוגעשניטן און פאַרסטריגעוועט. ווען ער איז אַהיימגעקו־מען פון סאָד, האָט ער געפונען אַ פאַרטיק מלבוש. שמעון איז געקומען צו דער מסקנא, אַז ווען מיהאָט ברעכעניש אין די פיס איז גוט זיי דורכצוטרייבן אויפן פּעדאַל פון אַ ניימאַשין, און דער געדויש, איז די בעסטע רפואה פאַר קאָפּ־ווייטיק.

שמעון, שמעון, ווי קומט אַ ניימאַשין צו אַ לעבעדיק געוויקס? נעם, למשל, די מעשה מיטן גאָרטנדל. ער, יאַנקל, האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיין אייגענער דירה ערבֿ־פרילינג, האָט ער פאַרזייט הינטערן פענצטער אַ ביסל גראָז, אַ פּאָר

בלימלעך צו דערפֿרייען רחל לאהס האַרץ. זײַן אייגן האַרץ האָט זיך טאַקע אויך דערפֿרייט. ער האָט אַרויסגעפּירט שמעונען און געוויזן: „דו זעעסט דאָס דינע גראָז־קעפּעלע? אַ זײַד, אַ סאַמעטל, יאָ? ווי אַזוי האָט דאָס איידעלע גרעזעלע געקאָנט אַדורכשפּיזן די ערד און זיך אַרויסברעכן אויף דער אויבערפֿלאַך? און זע נאָר ווי דאָס פּיצעלע געוויקסל האָט שׂכל צו נייגן זיך צו דער זון. פּלאי פּלאים!

„אײַ יאַנקל, יאַנקל," האָט שמעון אים געשטראָפֿט, „אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל נישט פֿאַרשטיין אַזאַ פּשוטע זאַך. דער בורא עולם האָט באַשאַפֿן די גאַנצע וועלט, וואָס איז דער חידוש אַז ער קען אויך באַשאַפֿן אַ גרעזל? אַז ידעדי אין הימל וויל, קאָן אַ שוואַך גרעזל אַדורכשנײַדן די ערד: אַז ער וויל נישט, וועט די שטאַרקסטע צווײַג נישט אַדורכקריכן."

דעמאָלט איז ער געבליבן שטיין פֿאַרשטומט, איצט געפֿינט ער ווערטער און ענטפֿערט שמעונען: „אָבער די שיינקייט דערפֿון איז דאָך אין לשער. דו נעמסט אַ קערעלע און לייגסט עס אַרײַן אין דער ערד, ווערסטו אַ שותּף צו דער יצירה, ווי טאַטע־מאַמע זענען שותּפֿים צום רבונו של עולם ווען אַ קינד ווערט געבוירן."

איין זומער אין סאָד מיט רחל לאהן, און זי האָט מיטגעבראַכט אַ זומער אין הויז אַרײַן. ווידער האָט שמעון געהאַט טענות צו אים: וואָס גייסטו אַרום ווי אויפֿן עולם התוהו? דאָס איז דער דרך העולם. מיוואַקסט אויף, מיהאָט חתונה, און מע ברענגט, מיט גאָטס הילף, קינדער אויף דער וועלט. אויב וואָלסט געווען אַ בר דעת וואָלסטו זיך אַוועקגעזעצט געשמאַק צו דער אַרבעט און גענייט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן צו פֿאַרדינען אַ פּאָר עקסטראַ גילדן. אַ קלייניקייט די הוצאות? אַ הייבאַם, אַ שלום זכר, אַ ברית, און טאַקע נאָך אַ מויל אין שטוב. אָבער דו טראָגסט זיך אַרום אַ פֿאַרגלאָצטער, אַ צעטראָגענער, און טוסט נישט קיין שטאָך אַרבעט."

אַוורומטשע איז געבוירן געוואָרן אַ שלמותדיקע בריאה מיט א ראיה, אַ שמיעה, און אויגעלעך פֿול מיט חלום.

שמעון איז אַ האָר נישט נתפעל געוואָרן. „אָ־וואַ, פּשט־פּשאַ, שוין איין מאָל אַ חידוש אַז דער יוצר כל אדם קען זײַן מלאכה," האָט שמעון געחוזקט.

ס'איז דאָך פּונקט ווי אין סאָד. ערשט געווען אַ נאַקעטער פֿאַרחושכטער בוים און אָט שלאָגן אַרויס בלעטלעך, צווישן די בלעטלעך באַווייזן זיך קנאָספּן. מיינסט ס'איז אַ פּרי? ניין, פֿון די קנאָספּן ברעכן זיך אַרויס בליטעלעך. די בליטן פֿאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער שיינקייט, אָבער פּלוצעם הייבן זיי גאָר אָן צו פֿאַרלירן די בלעטעלעך. נישט גוט? ס'איז דווקא יאָ גוט. אין דעם האַרץ פֿון די בליטן אַנטפּלעקן זיך פּיצינקע פּריילעך. דער רעגן וואַשט זיי, דער ווינט גלעט זיי, די זון וואַרעמט זיי, און די בוים־וואָרצלען זייגן זיי אָן. ווונדערס? דער ווונדער איבער ווונדערס איז: דער בוים האָט נישט קיין טעם — אַ שטיק האָלץ; די בלעטער זענען ביטער; די ערד — קאָנסט עסן ערד? אָבער דאָס אַלץ גיט אַרויס אַ פּרי — אַ שיינקייט פֿאַרן אויג, אַ טעם אַז ס'איז מחיה נפֿשות, אַ — — —

יאַנקל גיט זיך אַ דריי אויף זײַן געלעגער. ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען אַ פֿרישע פּרי. אַ בלויע פֿלוים, גראַנאַט בלוי ווי פֿון זײַן רענגלאָדן בוים; אַן עפּל פֿון שמאַנט קאָליר מיט ראָזע בעקעלעך ווי בײַ זײַן בלומעלע אַמאָל; אַ ברוינע באַרנע פֿול מיט זאַפֿט — — —

ס'איז נישט אמת, און רחל לאה האָט עס נישט געמיינט ווען זי האָט געזאָגט אַז דער סאָד איז אים טײַערער ווי ווײַב און קינדער. אויב ער וואָלט איצט באַקומען אַ פּרי אין דער האַנט אַרײַן וואָלט ער נאָר איין רגע זיך אײַנגעקוקט אין דער שיינקייט און וואָלט באַלד אָוועקגעגעבן די קינדער. נאַ בלומעלע, נעם אַ ביס, און דיר אַוורומטשע, און דיר רייזעלע, און דיר אויך רחל לאה. ניין, איך דאַרף נישט. זעסט? סע קומט מיר אַפֿילו נישט קיין פּלינע אין מויל אַרײַן. אוי, ווײ איז מיר, בלומעלען זענען אַרויסגעפֿאַלן די מילך־ציינדעלעך און קיין נײַע זענען נישט צוריקגעוואָקסן. ווי וועט זי — — —? אײַ בין איך אַ שוטה. צו אַ זאַפֿטיקער ווײַן־באַרנע דאַרף מען דען ציינער? עס צעגייט אין מויל... דאָס קינד וועט זיך מחיה זײַן מיט דעם באַרנע־זאַפֿט, ס'וועלן

וואַקסן אירע ציינדלעך און זי וועט קאָנען בייסן אַפֿילו אַ האַרטן ווינטער־עפּל.

אוורומטשעס חלק זופּ שטייט נאָך אַלץ אויפֿן טיש. „ווו איז דער יונג ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?" קלאָגט זיך רחל לאה.

„ער וויל נישט אַרייַנגיין," זאָגט בלומעלע.

„ווו איז ער? וואָס הייסט ער וויל נישט אַרייַנגיין? ווו שלעפּט ער זיך אַרום מיטן געלט פֿון לייזונג? אוורומטשע, אוורומטשע!" רופֿט רחל לאה דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. „אַלץ אָפּגעלייזט?" פֿרעגט זי ווען אוורומטשע קומט אַרייַן אָן זייַן שאַכטל סחורה. „גיב אַהער דאָס געלט."

„אַ דייַטש האָט אַלץ צוגענומען, צעטרעטן מיט די פֿיס."

„ביסט בלינד צי וואָס? פֿאַרקויפֿט ס'גאַנצע ברויט פֿון די באַנעס צו קאָנען אייַנקויפֿן דאָס ביסל סחורה, קריכט ער דערמיט אין פֿייַער אַרייַן. אַז דו ווייסט נישט זיך צו היטן פֿאַר אַ דייַטש טאָ וואָס — — — וואָס שטייסטו ווי אַ גולם בייַ דער טיר? זעסט נישט אַז דייַן זופּ איז שוין קאַלט?"

יאַנקל הערט אוורומטשען און האָט נישט קיין כוח צו עפֿענען די אויגן און זען צי ער וויינט אָדער לאַכט. רחל לאה בייזערט זיך שטענדיק וואָס אוורומטשע לאַכט אַזוי פֿיל, און אוורומטשע הערט נישט אויף לאַכן. אוורומטשעס געלעכטער איז ווי גלעקלעך וואָלטן זיך צעקלונגען, אוורומטשעס געלעכטער — — —

אוורומטשע איז אַרייַנגעקראָכן אין דעם עמער און ריי־זעלע אין דעם ווייַסן טאָפּ. ער האָט פֿאַרלייגט דעם קאַרמיסל אויף די אַקסלען, אָנגעהאָנגען דעם עמער אויף איין זייַט, דעם טאָפּ אויף דער אַנדערער זייַט, און זיך גענומען דרייען אין אַ קאַראַהאָד. די קינדער האָבן געלאַכט און געלאַכט. אוורומטשעס געלעכטער האָט זיך צעקלונגען מיט טויזנט ווי־דערקולות. רחל לאה איז געקומען צו לויפֿן: „ביסט משוגע געוואָרן יאַנקל? דער טאָפּ איז צו קאָכן פּאָווידלע, נישט צו שפּילן קאַרוזעל!"

ער האָט אַראָפּגעשטעלט די קינדער, אַ כאַפּ געטאָן רחל לאהן אַרום דער טאַליע און זיך גענומען דרייען מיט איר: „אַ ווייַב, ווי אַ טאָפּ, איז נישט בלויז צו קאָכן פּאָווידלע נאָר אויך צו שפּילן קאַרוזעל."

אײַ, די זומערס אין סאָד — ווי בײַ אָדם און חוה אין גן עדן. אדם וחוה, ער און רחל לאה, האָבן זיך מטפל גע־ווען מיט זייער גן עדן, און געקוקט זיך אין די אויגן אַרײַן. און יעדעס יאָר, ברוך השם, נאָך אַ קינד. רייזעלע האָט גע־קלעטערט אויף אַ בוים, אַוורומטשע אין גראָז אויף אַלע פיר, בלומעלע אין אַ קויבער אין שאָטן פון אַ בוים. ניטע, רחל לאה, אין זעקסטן חודש און הייבסט אויף אַזאַ שווערן קויבער, סיקינד קאָן, חלילה, קומען צו פרי.

דאָס קינד — עס וואָלט געווען דאָס פערטע — איז געקומען צו שפּעט. גאַנצע דרײַ מעת לעת איז רחל געגאַנ־גען צו קינד. רחל לאה איז אַרויס בשלום, דאָס קינד נישט. „דו ביסט דאָך נישט קיין עם הארץ," האָט שמעון גע־טענהט, „דער שולחן ערוך ווייסט דאָך בעסער צי דאָס מיינט אַז ס׳איז דיר אָפּגעשטאָרבן אַן אייגענער, און פסקנט אַז נישט. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ נפל. מען דאַרף נישט קיין לוויה, קיין שבעה, קיין קדיש זאָגן."

פּסקנט אויך דער שולחן ערוך צי ס׳מעג בלײַבן אַ לאָך אין האַרץ? אָבער רחל לאה איז געדעכט געווען. אין זײַן שווײַגן איז ער אַנט־לאָפן פון איר. מיט אַ ווײַב דאַרף מען אַלץ טיילן, אַפילו צער...

דער ריבונו של עולם האָט אים נישט באַשענקט מיטן כוח פון רייד. אַז ער האָט איצט דאָ אויף דעם פּריטש געפונען ווערטער פאַר אַלע זײַנע מחשבות דאַרף ער — — — רחל לאה, וווּ ביסטו רחל־לאה?

נישט געבליבן קיין כוח צו באַהעפטן די ווערטער מיט קול. ער קאָן נישט אַרויסברענגען אַ וואָרט צו רחל־לאהן, נאָר מיט שמעונען קאָן ער זיך נאָך אויסטענהן, ווײַל שמעון רעדט צו אים. אָט קומט שמעונס קול אַראָפּ צו אים פון באַרנבוים און אָט טענהט שמעון צו אים אויפן וועג אַ היים פון שבתדיקן דאַוונען.

„מע טאָר נישט זינדיקן, יאַנקל, רחל לאה גייט אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי זי וואָלט, חלילה, געווען אַן עקרה. יאָ, כיווייס, ס׳איז שוין דרײַ יאָר און זי האָט מער נישט פאַרשוואַנגערט. איז וואָס? האָסט, קיין עין הרע, דרײַ ליכ־טיקע קינדער, וואָס גייסטו אַרום פאַרמרהשחורהט ווי אַן אָבל?" קיין קינדער זענען מער נישט געקומען, אָבער דער איי־

בערשטער האָט אים געגעבן אַ מתּנה וואָס האָט דערפֿרייט זײַן האַרץ. ער פֿלעגט אַלע מאָל זיך מטפּל זײַן, אָדער ווי רחל לאה האָט געזאָגט, זיך געשפּילט מיט קערעלעך און צווײַגעלעך פֿאַרפֿלאַנצט אין בלומען־טעפּ. שמעון האָט געלאַכט פֿון אים: „וואָס דאַרפֿסטו קלײַבן קערעלעך אַז האָסט אַ גאַנצן גאָרטן מיט פּירות?"

„דו, שמעון, מיינסט אַז די פּרי איז דער עיקר און דאָס קערעלע נאָר אויסצושפּײַען? זאָג איך דיר אַז דער עיקר איז דאָס קערעלע, דאָס יאָדערל, דאָס זריעהלע וואָס האָט דעם כוח זיך צו מערן און צו באַנײַען. אַ פּרי אָן קערעלעך איז, לא עליכם, אַן עקרה, פֿאַרשאָלטן פֿון אייבערשטן. די גאַנצע פּרי מיט דער שאָל, מיט דעם זאַפֿט, איז נאָר צו שפּײַז, האָדעווען און באַשיצן דאָס קערעלע."

איינס פֿון די צווײַגעלעך וואָס ער האָט געהאָדעוועט אין אַ בלומען־טאָפּ האָט טאַקע אָנגענומען אין סאָד, ס'איז אויסגעוואָקסן אַ זעלטן ביימל — אַ פֿלוימען־ביימל. פֿלוימען? ס'איז געווען פֿון די גרויסע טונקעלע רענגלאָדן וואָס וואַקסן נאָר אין פּריצישע סעדער. וויפֿל גיט דען אַ יונג ביימל? אָבער די פּרי איז געווען גרויס און גראַנאַט־בלוי און טויִק, ווי רחל לאהס אויגן...

רחל לאה האָט ווידער געהאַט טענות: „דו הערסט אים אַמאָל רעדן וועגן רייזלס חן? וועגן אַוורומטשעס חכמה? ער שעפּט מער נחת פֿון זײַן פֿלוימען־בוים ווי פֿון זײַנע קינדער."

ער האָט טאַקע געהאַט נחת, די שפּע האָט זיך געמערט פֿון יאָר צו יאָר.

אַלע פּירות פֿון זײַן סאָד פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן צו הענדלערס וואָס האָבן אָפּגענומען די קויבערס סחורה בײַ אים אין סאָד. די רענגלאָדן פֿון זײַן אייגענעם בוים האָט ער אָפּגעהיט ווי אתרוגים, קוים אָנגערירט מיט די שפּיץ פֿינגער, נישט אָפּצווישן דעם טוי, דער חן פֿון דער פּרי. ער האָט די רענגלאָדן פֿאַרפּאַקט אין אַ קעסטל און אַליין עס אַוועקגעפֿירט קיין וואַרשע. ער האָט עס פֿאַרקויפֿט נאָר צו אַ סוחר פֿון אַ גרויסן געוועלב מיט אַ שויפֿענצטער. איין מאָל האָט ער זיך טאַקע אויפֿגעפֿירט ווי אַ קינד. ווען זײַנע

רענגלאָדן זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין פֿענצטער, איז ער צוריק אַרײַן אין געוועלב און אַ פֿרעג געטאָן:
„וויפֿל קאָסט אַ קילאָ די פֿלוימען?"
„ס'איז נישט קיין פֿלוימען, ס'איז רענגלאָדן."
„וויפֿל קאָסט אַ קילאָ די רענגלאָדן?"
„אַ זלאָטע מיט צוואָנציק."
„אַ זלאָטע מיט צוואָנציק פֿאַר איין קילאָ?"
„דאָס זענען דען פּראָסטע רענגלאָדן? ס'איז אַ פּרי, נאָר דעם קייזער צו דערלאַנגען."
אויב פֿוילן וואָלט געהאַט אַ קייזער וואָלט ער אפֿשר אַליין אַוועקגעפֿירט זיינע רענגלאָדן צום קייזער. ס'איז, מן הסתם, אמת וואָס לאָזער האָט דערציילט יענעם פּורים. ער האָט דעמאָלט געהאַט געטרונקען אַ ביסל איבער דער מאָס און געווען בגילופֿין. מילא, פּורים איז דאָך אַ מיצווה צו טרינקען „עד לא ידע". לאָזער האָט דערנאָך דערציילט מיט גרויס געלעכטער: „יאַנקל וויל אַז אויב ער וועט זוכה זײַן, איבער הונדערט און צוואָנציק, זיך צו קאָלערן קיין ארץ ישׂראל זאָל זײַן רענגלאָדן־בוים זיך מיטקאָלערן. ווען די צדיקים אין גן עדן וועלן זיצן בײַ דער סעודה נאָך אַ געשמאַק שטיקל לוויתן און אַ פֿעטער פּאָרציע שור הבור, וועט ער אַרויפֿשטעלן אויפֿן טיש אַ קלאַש מיט זײַנע רענגלאָדן און וועט זאָגן: יעסט, צדיקימלעך, געזונטערהייט. ס'אַ מהיהדיקע פּרי, נאָר דעם קייזער צו דערלאַנגען'."

רחל לאה איז אין כּעס, און זי איז נעבעך גערעכט. ער רײַסט זיך צו געבן די זאַטע צדיקים אַ קלאַש רענגלאָדן, וואָס טאָקע וועגן זײַנע אייגענע קינדער? „נאַט אײַך קינדערלעך. ניטע, אַוורומטשע, ס'איז נישט קיין קאַרטאָפֿל, ס'איז אַ רענגלאָד. מע דאַרף עס אָנגע־מען מיט די שפּיץ־פֿינגער נישט אָפּצווישן דעם טוי, דער חן פֿון דער פּרי..." די קינדער בײַסן אַרײַן אין די גראַנאַט־בלויע רענגלאָדן. ווײ איז מיר, ס'איז דאָך רחל לאהס אויגן.

ניין, ניין. רחל לאהס האָט ער דערלאַנגט אויף אַ קלאַש צו די צדיקים. אַוורומטשע בײַסט דעם רענגלאָדן־בוימס אויגן. אַ בוים האָט אויך אויגן. אַז אַ בוים קאָן וויינען, האָט ער אויגן.

דער באַרנבוים האָט געוויינט ווען די דײַטשן האָבן געמאַכט

פֿון אים אַ תּליה. שמעון וויינט נישט, שמעון טענהט צו אים. נישט וועגן דעם באַרנבוים, נישט וועגן רחל לאהס אויגן, וועגן די קינדער טענהט שמעון: „דײַנע ביימער זײַנען דיר כּעישעווער ווי דײַן אייגן בלוט און פֿלייש."

שמעון איז גערעכט. ביימער און צדיקים ליגן אים אין זינען! דער גוף איז לײַכט געוואָרן, קיין קראַמפֿן אין בויך, קיין שטיקעניש אין דער קעל. ער איז אַפֿילו נישט הונגעריק, לאָזט ער זיך ווילגיין. אָבער די קינדער הונגערן. רחל לאה און די קינדער גייען אויס פֿון הונגער!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָוורומטשע, ווו איז דער טאַטעשי? אָדער ער ליגט אויף דעם פּריטש און רירט זיך נישט פֿון אָרט, אָדער ער ווערט פֿאַרשוווּנדן און קיינער ווייסט נישט וווהין. לאָז איבער זופּ פֿאַרן טאַטעשי."

רחל לאה וואַכט איבערן ביסל זופּ אַפֿילו ווען אַלע אין 'פּונקט' שלאָפֿן שוין. יאַנקל איז אָוודאי אַרויס אויסבעטלען אַ שטיקל ברויט. אויב ער וועט באַקומען ברויט וועט ער עס אָוועקגעבן די קינדער, זאָל כאָטש דאָס ביסל זופּ בלײַבן פֿאַר אים. נישט באַוויזן זיך צו דערשלעפּן אַ היים פֿאַר דער פּאָליציי־שעה און אָוודאי געבליבן איבערנעכטיקן ערגעץ אין אַ טויער. וואָס איז דער חידוש, ער שטעלט שוין קוים אַ טריט.

„ווו איז דער טאַטעשי ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? שוין צײַט צו גיין נאָך זופּ און זײַן נעכטיקע זופּ וואַרט נאָך אין טאָפּ. ווידער אָוועק אַריבערקוקן צו די ביימער אין קראַשינסקיס גאָרטן? אפֿשר שטייט ער ערגעץ נעבן אַ געוועלב צו זײַן דער ערשטער אין דער ריי נאָך ברויט? וואָס רעד איך, ברויט אויף די באָנעס וועט מען געבן ערשט מאָרגן און ער איז אָוועק נעכטן אין דער פֿרי. ער האָט עפּעס געזאָגט וועגן באָנעס, האָט ער געמאַכט אַ טעות? איז ער טאַקע אָוועק מיט די באָנעס? ווי קאָן עס זײַן, אַז זי טראָגט גאָר די באָנעס אין איר בוזעם. „אָוורומטשע אַז גייסט אויף נאַלעווקיס צו דער קיך, קוק זיך אַרום, זע ווו דער טאַטעשי איז."

נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט, יאַנקל קומט נישט צוריק. רחל לאה לאָזט מער נישט איבער פֿאַר אים קיין זופּ. זי צעטיילט די גאַנצע זופּ צו די קינדער זיי זאָלן האָבן כּוח אַרומצוגיין איבערן געטאָ זוכן דעם טאַטעשי.

די קינדער געפֿינען נישט יאַנקלען, אָבער רחל לאה געפֿינט זײַנע שיך אונטער דעם פּריטש. ס׳איז טאַקע זומער, אָבער וואָס איז דער שׂכל אַרומצוגיין איבערן האַרטן ברוק באָרוועס? צוזאַמען מיטן געשווילעכץ איז דאָס לעצטע ביסל פֿלייש אַראָפּ פֿון זײַנע פֿיס, ווי קאָן ער שטעלן אַ טריט?

„גייטץ שוין אין קיך אָפּנעמען די זופּ,״ יאָגט רחל לאה אירע קינדער, „ס׳איז נישט צו פֿרי, צ׳עט זײַן די ערשטע אין דער ריי. אויב ס׳איז דאָ אַ ביסל געשמעלץ שווימט עס אַרום פֿון אויבן. ווער ס׳איז דער ערשטער האָט געשמאַלצענע זופּ.״

„פֿון אויבן איז די זופּ שיטער,״ האָט אַוורומטשע בעסער געוווּסט.

„אַז ס׳קומט צום לעצט האָבן זיי מורא ס׳עט אויספֿעלן און גיבן ווייניקער,״ בלײַבט רחל לאה פֿאַרעקשנט. „עסט׳ץ אין דער קיך. געפֿין עפּעס אַ בלעך, אַוורומטשע, צו ברענגען די זופּ פֿאַר מיר און פֿאַר — — — דעם טאַטעשיס זופּ. און גיב מיר דעם טאָפּ.״

„ווו ׳עלעך נעמען אַ בלעך, מאַמעשי? כ׳על נישט אויפֿעסן דעם טאָפּ.״

„כ׳דאַרף דעם טאָפּ. נעם דעם טאַטעשיס שיך. ער — — ער׳ט זיך אַוודאי געקויפֿט אַנדערע שיך. נעם דעם טאַטעשיס אַלטע שיך און טויש זיי אויס אויף אַ בלעך. כ׳דאַרף דעם טאָפּ, האָב איך דיר געזאָגט.״

רחל לאה שלעפּט זיך אויף גענשע גאַס, די ׳פּינקערט וואָגנס׳ יאָגן זי אַריבער. פֿינף־זעקס יונגען שלעפּן יעדעס וועגעלע אָנגעהויפֿט מיט מתים. זי זאָל נאָר נישט קומען צו שפּעט. זי דערשלעפּט זיך צום בית עולם, זי גייט גלייך אין ביורא און שטעלט אַוועק דעם טאָפּ אויפֿן שרײַבטיש. „כ׳וויל אַ קבֿר פֿאַר מײַן מאַן.״

„וועגן דעם דאַרפֿן זי גיין אין דער גמינע.״ דער באַאַמטער האָט דערזען רחל לאהס הונגער־געשווילעכץ, „אַ באַזונדער קבֿר קאָסט אַ סך געלט.״

„אָט איז דער טאָפּ. דאָס איז אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג. כ׳וויל אַ קבֿר פֿאַר מײַן מאַן.״

„אַ קבֿר קאָסט אַ סך געלט, און דאָס דאַרף מען דערליידיקן אין דער גמינע אויף גזשיבאָווסקאַ נומער זעקס־און־צוואַנציק.

„ס׳איז פֿון עכטן, שווערן בלוי־געשיר.״ האָט רחל לאה אויפֿ־געהויבן דעם טאָפּ צו די אויגן פֿון באַאַמטן.

„אַפֿילו ווען ס׳איז פֿון גאָלד. כ׳קאָן אים נישט העלפֿן, ס׳איז נישט אין מײַנע הענט.״

„יאַנקל, יאַנקל גרינבערג, אַזוי הייסט מײַן מאַן. גיט אים נאָר נישט אַ וואָרף אַרײַן אין אַ גרוב מיט נאָך הונדערט. כ׳גיי צו דער גמינע.״

„אייער מאַן איז שוין דאָ אויפֿן בית עולם?״

„כ׳ווייס דען? שוין פֿיר נעכט נישט אַהיימגעקומען. ער׳ט איבערגעלאָזט די שיך, געוווסט אַז ער דאַרף זיי שוין נישט. כ׳קען מײַן יאַנקל.״

דער באַאַמטער קוקט אַרײַן אין אַ ליסטע מיט נעמען. „ווי לאַנג שוין?״

„זיבנט מאָנטיק. אַרויס און נישט צוריקגעקומען.״

„כ׳האָב נישט אַזאַ נאָמען.״

רחל לאה גייט אַרויס צו די וועגעלעך, שלעפּט זיך פֿון איין וועגעלע צום אַנדערן. „יאַנקלס הויזן!״ שרײַט זי פּלוצעם אויס. „דאָס איז מײַן מאַן. דאָס זענען זײַנע הויזן.״ נאָר אַ פֿוס שטאַרט אַרויס פֿון אונטער אַ קופּע מתים.

„ס׳איז נישט יאַנקל,״ זאָגט רחל לאה מיט אַ פֿאַרשולדיקט קול ווען מען נעמט אַראָפּ אַ פּאָר מתים און מע דעקט אָפּ דאָס פּנים פֿון דעם מאַן. „ווו איז דער טאָפּ? ווו האָב איך אַהינגעטאָן דעם טאָפּ?״ זי שלעפּט זיך צום ביוראָ. דער טאָפּ שטייט אויפֿן שרײַבטיש.

„אַז מע געפֿינט אַ דאָקומענט פֿאַרשרײַבט מען אַ נאָמען, אויב נישט — וואָס קאָן מען טאָן? דער טיפּוס בושעוועט, ווער וועט גאָר צו פֿיל גראָבלען אין די שמאַטעס פֿון אַ מת. איין אַנהויב האָט מען נאָך אָוועקגעשטעלט אַ ברעטל מיט אַ דאַטע, מיט אַ ציפֿער — די צאָל מתים אין גרוב. ס׳איז הײַנט דאָ אַזוי פֿיל צו טאָן אַז כ׳ווייס שוין גאָרניט וואָס סע טוט זיך.״

רחל לאה קומט צוריק גראָד ווען מען פֿאַרטיילט די נײַע באָנעס. אָורומטשע שטייט שוין אין דער ריי. „וואָס שטופּסטו זיך?״ בייזערט זיך רחל לאה און פֿאַרנעמט זײַן פּלאַץ. „אַ באָנע איז אַ צו גרויס פֿאַרמעגן אָנצוטרויען צו אַ ראָצער ווי דו.״

רחל לאה ציילט און ציילט אירע באָנעס: אַ באָנע פֿאַר רייז־

לען, איז איינס; אַ באָנע פֿאַר אַוורומטשען, איז צוויי; פֿאַר בלו־מעלען, איז דריי; פֿאַר איר, איז פֿיר, און די פֿינפֿטע? די פֿינפֿטע איז יאַנקלס באָנע. דער סעקרעטאַר ווייסט אַז יאַנקל קומט מער נישט אַהיים, אָבער דאָס איז נישט זיין עסק. יאַנקל איז נישט אויס־געמאָלדן ווי אַ געשטאָרבענער, און די גמינע שיקט ווייטער זיין באָנע.

אַהאַ! אַ ביטערע פֿאַרשוין, איר מאַן. אַפֿילו די שיך איבער־געלאָזט די קינדער זאָלן זיי קאָנען נוצן. פֿאַרוואָס האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט? מע ווינט מיט אַ מאַן אַזוי פֿיל יאָרן, מען האָט קינדער מיט אים, און ער בלייבט אַ פֿרעמדער. ער האָט קיין מאָל מיט איר נישט געטיילט, נישט קיין פֿרייד, נישט קיין לייד. זי האָט זיך פֿאַרזינדיקט, זי האָט געבוירן אַ טויט קינד. און אַז זי האָט פֿאַר דעם געבוירן דריי לעבעדיקע, געזונטע, ליכטיקע קינדער, איז עס גאָרנישט?

רחל לאה דערזעט רייזלס געשוואָלענע פֿיס. דריי געזונטע, ליכטיקע קינדער, מישטיינס געזאָגט. באַדאַרפֿט האָבן נאָך אַ פֿערטס עס זאָל — — — טפֿו, חלילה! מיט אַן עקסטראַ באָנע, מיט עקסטראַ — — — „אַוורומטשע, אַוורומטשע, ווו ביסטו ערגעץ? דו זעסט דעם טאָפּ? דאָס איז פֿון פֿאַרמילחמהדיקן שווערן בלוי־געשיר. מע זעט גאָר היינט נישט אַזעלכע טעפּ. קאָנסט קאָכן פֿאַ־ווידלע פֿינף, זעקס שעה און ס'עט נישט צוברענען צום באָדעם."

רחל לאה ווערט אַנטשוויגן, זי איז מיד פֿון רעדן. „ווו לויפֿסטו יונג, ווען די מאַמע רעדט צו דיר? ניין, כ'האָב נישט געענדיקט. אַז ער לאָזט מיך נישט דעם אָטעם כאַפּן. האָב איך דיר געזאָגט: אַזאַ טאָפּ איז היינט ווערט אַן אוצר. אפֿשר פֿינף ברויט, און אפֿשר מער. זאָלסט עס נישט פֿאַרקויפֿן אַפֿילו פֿאַר צען ברויט. מען מוז שטענדיק עפּעס באַהאַלטן פֿאַר אַ ברויט. היט דעם טאָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ."

„כ'האָב שוין אַ בלעך, כ'דאַרף מער נישט דעם טאָפּ."

„בהמה! וואָס הייסט דו דאַרפֿסט נישט דעם טאָפּ? אַזאַ טאָפּ! כ'רעד און רעד די קישקעס פֿון זיך אַרויס און ער, ער דאַרף נישט דעם טאָפּ."

„כ'דאַרף מער נישט שלעפּן דעם טאָפּ צו ברענגען זופּ. כ'קאָן ברענגען אין דער בלעך. די מאַמעשי האַלטן דעם טאָפּ."

„וווּ האָסטו גענומען אַזאַ גוטע בלעך? האָסט עס נישט צוגע־גנבֿעט? צוגעכאַפּט ווי די כאַפּערס אין גאַס?

„כ'האָב עס באַקומען פֿאַר די שיך.״

„וועלכע שיך? דעם טאַטעשיס שיך? נאָך גוטע שיך. אַוועק־געגעבן אַ פּאָר גוטע שיך ווען מען האָט אַ טאָפּ.״

„די מאַמעשי האָט געהייסן. וואָס וויל די מאַמעשי — — —״

„זע נאָר, זע. אַזאַ גרויסער בחור און גייט זיך צעוויינען. אוודאי האָב איך דיך געהייסן. איך שרײַ איבער זיך אַליין, נאַרעלע, נישט איבער דיר. נישט באַדאַרפֿט דיך הייסן אַוועקגעבן אַ פּאָר שיך פֿאַר אַ פֿאַרזשאַווערטער בלעך ווען מען האָט אַזאַ — — — גע־דענק דאָס אָווראָמטשע: האַלט דעם טאָפּ פֿאַר אַ נויט. היט אים ווי אַן אויג אין קאָפּ, און נאַ, נעם דאָס. אוודאי איז עס די באָנעס, דו זאָגסט מיר וואָס עס איז? פֿאַר וואָס זאָל איך דיר נישט געטרויען די באָנעס? אַז ביסט שוין גרויס גענוג אַרויסצוגיין האַנדלען, ביסטו גענוג גרויס צו האַלטן די באָנעס. ווער זאָגט איך וויין? איך וויין נישט, און איך גיי נישט אין ערגעץ, און הער שוין אויף מיך מאַטערן מיט אַזוי פֿיל פֿראַגעס. מ'עט אוודאי פֿאַרטיילן קאַרטאָפֿל אויף די באָנעס, און כ'וויל זאָלסט זײַן פֿון די ערשטע אין דער ריי, דערפֿאַר גיב איך דיר די באָנעס. היט זיי ווי ס'לעבן, ס'גאַנצע ביסל לעבן הענגט אויף די באָנעס.״

דרײַ דאַרע פֿיגורן צוזאַמענגעקנוילט אויף דער שטול נעבן פֿענצטער, וואַרפֿן אין ברייטן שאָטן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ גרוי־קייט קריכט אַפֿויר פֿון הינטער דעם פֿוירהאַנג וואָס טיילט אָפּ זייער חלק שטוב פֿון די שכנים. אַ טונקלקייט קריכט אַרויס פֿון אַלע ווינקלען. דער בין השמשות גיסט זיך צונויף מיט דעם שאָטן, די גרויקייט הויערט שווער, אַנגעלאָדן מיט אַ פֿאַרכטיק שווײַגן. דער פֿוירהאַנג גיט זיך אַ טרייסל, דער קנויל בײַם פֿענצטער צעפֿאַלט זיך אין דרײַ. „מאַמעשי,״ צעוויינט זיך בלומעלע און לויפֿט אַקעגן רחל לאהן. „אַזוי שפּעט נאָך דער פּאָליצײַ־שעה,״ קלאָגט זיך אָוו־ראָמטשע. רייזל דערשטיקט אַ כליפּ און שטעלט זיך אויף, די מאַ־מעשי זאָל זיך קאָנען זעצן אויפֿן איינציקן שטול.

„מ'האָט הײַנט געגעבן קליינע פּאַרציעס,״ פֿאַרענטפֿערט זיך אָווראָמטשע ווען ער דערלאַנגט רחל־לאהן איר חלק זופּ. ער האָט

געגעבן בלומעלען אַ ביסל פֿון דער מאַמעשיס זופּ, ער האָט נאָר אָפּגעלעקט די ראַנדן פֿון דער בלעך, אפֿשר נישט נאָר די ראַנדן...

מיט ציטערדיקע הענט נעמט רחל לאה די בלעך. איר בליק וואַנדערט פֿון קינד צו קינד. דורך די טרערן אין אירע אויגן זעען זיי אויס נאָך מער געשוואָלן און צעגאָסן. דער 'מענטע', דער ייִדי־שער פּאַליציאַנט, האָט געמעגט בלינד ווערן איידער ער האָט זי דערזען. „פּאָליציי־שעה,“ האָט ער געשריגן צו איר, און זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און געגאַנגען אַהיים. אַפֿילו נישט פּרובירט זיך באַ־האַלטן אין אַן אַנדערער גאַס. וואָס איז זי אַזוי געלאָפֿן גלײַך אַהיים? יאַנקלען האָבן די פּאָליציאַנטן נישט געקאָנט אַהיימיאָגן, יאַנקל האָט געוווּסט ווו זיך צו באַהאַלטן.

דער יאַנקל, אויב ער איז יאָ אַזאַ חכם, אויב ער האָט אַזוי גע־קענט אַלץ אויסקלערן און אויסרעכענען — — — אַפֿילו די שיך איבערגעלאָזט אונטערן פּריטש — — — יאַנקל, יאַנקל! הלוואַי וואָלט איך אײַנגענומען אַן אַפּאָפּלעקציע איידער כ'האָב דיך דער־קענט! כ'על עס דיר נישט מוחל זײַן, אַפֿילו נישט אויף יענער וועלט. איבערגעלאָזט מיך אַ — — — נײַן בלומעלע, ס'איז גאָר־נישט. נאַ, נעם אַ לעפֿל פֿון מײַן זופּ. איך? איך האָב געהאַט אַ שטיקל ברויט. וואָס דען מיינסטו האָב איך זיך אַזוי לאַנג געזוימט.“

„מאַמעשי, די שיך?“

„וואָס פֿאַרא שיך?“

„דײַנע שיך. ביסט אַרויס אין גאַס באָרוועס?“

„צערײַסן די שיך אין אַזעלכע וואַרעמע טעג? מײַנע שיך זע־נען דאָרטן, אונטערן פּריטש.“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(סוף)

כדי שלא ישאר הניר חלק...

אָפּרופֿן פֿון דער קריטיק

וועגן „ערבֿ שבת אין אַ וואַרשעווער הויף“
(„אַ מעת־לעת אין מײַן הויף“)

י. ראַפּאָפּאָרט, „די אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס“, 27טן יוני 1947

...„אַ מעת לעת אין מײַן הויף“. אַ מעת לעת פֿון אַ וואַרשעווער געטאָ־הויף! וויפֿל אַזעלכע הויפֿן זענען געווען?! און וויפֿל אַזעלכע מעת־לעתן?! אָבער די דאָזיקע עטלעכע בילדלעך פֿאַרמאָגן אין זיך אַלץ, אַלץ, — אי דעם „יזכּור“, אי די האָפֿענונג.

אין דאָזיקן פֿינצטערן, פֿאַרפֿינצטערטן הויף פֿון די אומגליקלעכסטע פֿון אַלע פֿאַריער אין דער וועלט, צעשטראַלט זיך פּלוצלינג אַזאַ ליכט, אַז די גאַנצע פֿינצטערניש באַהאַלט זיך פּלוצלינג אין די ווייטסטע ווינקעלעך. פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן אין דער ווירקלעכקייט! די קלימאַקס־מאָמענטן פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין דער ווירקלעכקייט! שלמהלע גערער וואַרפֿט זײַן שײַן נישט נאָר איבערן גאַנצן הויף פֿון רעפּאָרטאַזש, נאָר איבערן גאַנצן געטאָ, איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט. ווער עס האָט אויגן צו זען די דאָזיקע ליכט, ווערט פֿאַרבלענדט!...

י. ראַפּאָפּאָרט, „די ייִדישע פּאָסט“, מעלבורן, דעם 9טן אַפּריל 1954

...אין די צוואַנציק זײַטלעך פֿון עלבערגס רעפּאָרטאַזש „אַ מעת לעת אין מײַן הויף“ (געשריבן אין געטאָ־וואַרשע, פֿעברואַר 1942), איז אַרײַנגעפּרעסט אַזוי פֿיל, אַז זיי מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אַ ריזיקן געשיכטלעכן דאָקומענט, וואָס איז מימיאָגראַפֿירט געוואָרן אויף אַ קליינעם שטח פּאַפּיר. ס'אַראַ אָנגעלאָדנקייט עס פֿאַרמאָגט אָט דער קליינער רעפּאָרטאַזש; ס'אַראַ ברייטע סקאַלע פֿון געשעענישן און עמאָציעס — פֿון שטייגערישן כאַראַקטער ביז העראָישן טראַגיזם.

אין „אַ מעת לעת אין מײַן הויף“ איז ווי אַרײַנגעפּרעסט געוואָרן דאָס גאַנצע גרויליקע געטאָ־לעבן — מיט זײַן גאַנצן שוידערלעך־דערנידערנדיקן אינדערוואָכן און מיט זײַן גאַנצער אומפֿאַרגלײַכלעך־דערהייבנדיקער שבת־קודשדיקייט.

ווען איך לייען דעם דאָזיקן רעפּאָרטאַזש, האָב איך תּמיד דאָס געפֿיל — און כּמעט די זיכערקייט — אַז ווען די גאַנץ גרויסע (סײַ אין כּמות, סײַ אין איכות) חורבן־ליטעראַטור זאָל פֿאַרשווינדן, און בלויז יהודה עלבערגס רעפּאָרטאַזש זאָל בלײַבן, וועלן די קומענדיקע דורות האָבן אַ פֿולן, הגם אַן אויסערגעוויינלעך־קאָנדענסירטן, קינסטלעריש־סוגעסטירנדיקן באַריכט וועגן געטאָ־לעבן.

עלבערגס „אַ מעת לעת אין מײַן הויף“ איז אַ קלאַסיש ווערק אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

ש. ניגער, „דער טאָג“, 20סטן אַפּריל 1947

אינעם ליטעראַרישן זאַמלבוך „ייִדישע שריפֿטן“, אַרויסגעגעבן פֿונעם באַנײַטן פֿאַראיין פֿון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן (לאָדזש, 1946) געפֿינט זיך יהודה עלבערגס „רעפּאָרטאַזש פֿון וואַרשעווער געטאָ“. („אַ מעת־לעת אין מײַן הויף“). איז עס אַ ליטעראַרישער און — ווי ווײַט עס איז באמת רעפּאָרטאַזש — אויך אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס קען ניט און וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן. זיין פֿאַרפֿאַסער, יהודה עלבערג, איז אַ יונגער שרײַבער, וואָס איז אויסגעוואָקסן אין דער מלחמה־צײַט, אין דער סביבה פֿון חורבן און געטאָ, — און אויף עטלעכע זײַטלעך דערציילט ער אונדז זאַכן, וואָס אַנדערע וואָלטן עס נישט באַוויזן צו דערציילן אין גאַנצע ביכער.

...יהודה עלבערגס „רעפּאָרטאַזש" איז וויכטיק אויך ווי אַ צייכן און אַן אָנזאָג פֿונעם נײַעם נאָך־מלחמהדיקן שטייגער שרײַבן. די, וואָס האָבן געלעבט אין געטאָ, אין די בונקערס, און זיי איבערגעלעבט, האָבן זיך אַזוי פֿיל אָנגעזען, און זיי זײַנען אַזוי רײַך אין דערפֿאַרונג, אַז זיי קענען ניט שרײַבן אַנדערש ווי זאַכלעך, געדיכט און קאָנדענסירט. זיי האָבן צופֿיל צו דערציילן, אַז זיי זאָלן קענען אָדער וועלן מאריך זײַן. זיי זײַנען צו נאָענט געשטאַנען צום מענטשנס נאַקעטקייט, זיי זײַנען אַליין צו לאַנג געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס — גײַסטיק, נישט נאָר פֿיזיש נאַקעט און באָרוועס, — אַז זיי זאָלן זיך קענען פֿאַרגינען אַן אַנדער סאָרט שרײַבן, אַחוץ דעם נאַקעטן, דעם באָרוועסן, — דעם, וואָס ברענגט אונדז אין דער אַכזריותדיקסטער באַרירונג מיט דער אויסגעטאָנענער וועלט, מיט איר שאַנד — און איר העראָאישן מאַטערן זיך, זי ווידעראַמאָל צו פֿאַרדעקן און פֿאַרשטעלן...

ש. ניגער, „דער טאָג", 30סטן דעצ. 1951

„אַ מעת־לעת אין מײַן הויף", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פֿעברואַר, 1942, אין וואַרשעווער געטאָ, באַווײַזט קלאָר, אַז אַ פֿרישער און אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט האָט זיך, גאָט זײַ דאַנק, געראַטעוועט און איז אויפֿגעהיט געוואָרן פֿאַר דער אַזוי פֿאַריתומטער ייִדישער ליטעראַטור. „אַ מעת־לעת אין מײַן הויף" ווירקט, פֿריִער ווי אַלץ, מיט דער אָנגעלאָדנקייט פֿונעם אינהאַלט, אָבער נישט געקוקט אויף זײַן געדיכטקייט, איז ער לויטער און דורכזיכטיק.

אויף קנאַפּע צוויי צענדליק זײַטלעך, אין אַ קורצער סעריע בילדלעך, שמועסן און סצענעס, וואָס קומען פֿאָר אין איין הויף פֿון וואַרשעווער געטאָ, אין משך פֿון איין שווידערלעך־לאַנגן מעת־לעת, האָט דער יונגער דערציילער אויפֿגעוויקלט און באַלויכטן פֿאַר אונדז אַ מיקראָפֿילם פֿון גזרת היטלער. מיר זעען דאָס פּאַמעלעכדיקע אויסשטאַרבן און אויסגעהרגעט ווערן פֿון פּוילישע ייִדן, גרויס און קליין, און זייער טראַגיש קלאַמערן זיך אין לעבן — אויפֿן ראַנד פֿון תהום. מיר זעען זייער איבערמענטשלעך־עקשנותדיקע ניט־אונטערגעבן זיך. מיר זעען דעם מוט פֿון נאַטירלעכער פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס איין טייל האָט אַרויסגעוויזן און דעם מוט פֿון איבערנאַטירלעכן גלויבן, וואָס אַן אַנדער טייל, אַ קלענערער, האָט געוועקט ביים עולם. עס ווערט קלאָר פֿאַר אונדז די געפֿאַלנקייט פֿון איינע און פֿאַרקערט, בײַ אַנדערע — דאָס ניט זײַן בײַ זיך אַראָפּגעפֿאַלן; דאָס מסירת־נפֿשדיקע אײַנהאַלטן די אייגענע ווערדע, דאָס הייליקע היטן די רעשטלעך פֿון דער דור־דורותדיקער שבת־יום־טובֿדיקייט. מיר הערן דעם געוויין פֿון קינדער און מאַמעס, און עס דערגייט צו אונדז ר' שלמהלע געררערס אייביקער און אייביק־טרויעריקער גמרא־ניגון. עס פֿאַרקלינגען אונדזערע אויערן די הונגער־לידלעך פֿון די הויף־זינגערס, דער נײַער, אומשטיינס געזאָגט, פֿאָלקלאָר פֿון געטאָ... אַלץ איז פֿאַראַן אין דער קורצער דערציילונג און אַלץ איז אַזוי פֿאַנטאַסטיש־אמתדיק...

אַ גרויסן — קינסטלערישן און מענטשלעכן — כּוח האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן, כּדי אויסצומאָלן — אין 1942 ! — אָט די מיניאַטור פֿון דעם געטאָ־בילד מיט זײַנע אַלע פֿינצטערע שאָטנס, די שאָטנס פֿון טויט, און מיט זײַן גאַנצן, פֿאַרבאָרגנסטן, לעבנסליכט.

„אַ מעת־לעת אין מײַן הויף" וועט, גלויב איך, בלײַבן אין דער ליטעראַטור — און נישט נאָר אין דער געטאָ־ און חורבן־ליטעראַטור.

אויך אין דער זאַמלונג „אונטער קופּערנע הימלען" טיילט זיך אָט די קונסט־כראָניק אויס מיט דעם שפּע פֿון איר טרויעריקן שטאָף און דער קאָנדענסירטקייט פֿון איר סטיל. אָבער אַחוץ איר אייגענעם, קינסטלערישן, כראָניקאַלישן און עטיש־פּסיכאָלאָגישן ווערט, איז זי וויכטיק נאָך אויך דערמיט, וואָס מיר געפֿינען אין איר אַ שליסל צו דעם יונגן שרײַבערס לייט־מאָטיוו.

דאָס איז, ווי מיר דוכט, דער מאָטיוו פֿון דעם מענטשנס, און דערהויפּט טאַקע דעם ייִדישן מענטשנס, ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין — און זיך אַליין גובֿר זײַן. אַ הויך־עטישער און טיף־ייִדישער מאָטיוו.

וועגן „בער־לעפּ״

ש. ניגער, „דער טאָג״, 30סטן דעצ. 1951

...בער־לעפּ איז, אין פֿלוג, די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ טעמפּן מוח. אַ פֿערד־יונג, אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַן עם־הארץ גמור. ער איז נישט תּופֿס, ווען מען זאָגט אים, אַז צווישן „אַנדערטהאַלבן זלאָטעס״ און „אַ זלאָטע מיט פֿופֿציק״ איז קיין שום אונטערשיד ניטאָ. אַזאַ גראָבער נפֿש וואָלט, אייגנטלעך, געדאַרפֿט חתונה האָבן מיט איינער פֿון די שטעטלדיקע מוידן פֿון זײַן גראַד — און אַראָפּ פֿון מאַרק. לאָזט ער זיך דווקא פֿאַרשדכנען מיט חנהן, אַ דרדקי־מלמדס אַ טאָכטער, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק רביצין, וואָס איז? זי איז אַן „אײדל קינד״, זי האַלט אין איין זאָגן תּחינות, בעת ער קען קיין שייטל עבֿרי נישט. אַ לאַנגע צײַט איז בײַ זיי אַ שלום־בית, כאָטש זי איז אַ קנאַפּע שיינהייט, דערצו נאָך אַן עקרה, און ער חלשט אַזוי פֿאַר אַ קינד. ער ווערט געשטעלט פֿאַר אַלערלײַ נסיונות און ווערט אַמאָל טאַקע אויך געשטרויכלט; דאָך בלײַבט חנה זײַן אשת חיל, — און אַלץ נאָר דערפֿאַר, וואָס ער קוקט אַרויף צו איר „אײדלקייט״. זי קאָמפּענסירט אים פֿאַר זײַן אייגענער פֿאַרגראָבטקייט. אײַ־וואָס, עס פֿעלט אַ קינד אין הויז? באַגנוגנט ער זיך, סוף כּל סוף, מיט שיוועקן, דעם שיינעם לאָשעקל, וואָס ווערט געבוירן בײַ אים אין שטאַל, און אַז עס טרעפֿט אַן אומגליק, און שיוועק ווערט דערטרונקען, באַווײַנט אים בער־לעפּ, ווי ווען ער זאָל האָבן געווען זײַן אייגן קינד, און אַז דער בעל־תּפֿילה ענדיקט זאָגן עלינו אין שול, פּלאַצט בער־לעפּ אַרויס מיט אַ כליפּ און זאָגט קדיש נאָך דער שטומער באַשעפֿעניש...

„בער־לעפּ״ איז, אייגנטלעך, אַ הומאָרעסקע — און אייניקע עפּיזאָדן אין איר האָבן טאַקע אַ לײַכטן (און בײַ י. מ. ווײַסענבערגן וואָלטן זיי געהאַט אפֿשר נאָך אַ לײַכטערן און מער לאַכעדיקן) טאָן. יהודה עלבערג, ווי יעדער יונגער שרײַבער, דערוועגט זיך נאָך נישט צו לאָזן פֿרײַ זײַן פּען — און זײַן הומאָר. אָבער נישט נאָר דערפֿאַר איז דער גאַנג פֿון דער דערציילונג און די רײַכע אידיאָמאַטישקייט פֿון איר אויסגעצייכנטן ייִדיש נישט גענוג שפּילעוודיק. עס איז דאָ, גלויב איך, נאָך אַן אורזאַך. און דאָס איז דער פֿאַקט, וואָס יהודה עלבערג נעמט און מוז נעמען ערנסט זײַן לייטמאָטיוו — דעם מענטשנס וועלן זײַן מער ווי ער איז, — אין אונדזער פֿאַל, דעם פֿאַרגראָבטן בערלס זוכן עפּעס, וואָס איז דער היפּוך פֿון אים אַליין, — זײַן האָבן געבענקט נאָך אַזאַ „אײדל קינד״, ווי עס איז געווען חנה, און נאָך דער צאַרטקייט פֿון אַ קינד בכלל. בער־לעפּס חלשן צו קומען אין באַרירונג מיט עפּעס, וואָס איז ניט־בער־לעפּ, מיט עפּעס, וואָס איז אײדעלער און פֿײַנער ווי ער אַליין איז, לאָזט ניט יהודה עלבערגן קוקן אויף אים כּסדר מיט שמייכלענדיקע אויגן און פֿון דער זײַט אָדער גאָר פֿון אויבן אַראָפּ, מעג ער זײַן ווי גראָטעסקהאַפֿטיק. ער מוז אונדז געבן צו פֿילן זײַן אינטערעס — און אַפֿילו זײַן סימפּאַטיע — צו אים.

ג. ב. מינקאָוו, „די צוקונפֿט״, אָקט. 1951

...זײַן ערשטע זאַך „בער־לעפּ״ — אַ גוטע, קרעפֿטיקע דערציילונג — האָט ער אָפּגעדרוקט אין יאָר 1932. איצט אַנטפּלעקט ער זיך פֿאַר אונדז ווי אַ רײַפֿער שרײַבער און אַ באַוווסטזיניקער קינסטלער.

דער נאַטוראַליזם פֿון זײַן „בער־לעפּ״ האָט געשטימט מיט עלבערגס אייגנשאַפֿטן: דורכדרינגלעך זען דאָס לעבן, דערגראָבן זיך צו אינסטינקטן,

דערזען דעם פּראָצעס וואָס פֿירט צו באַשטימטע האַנדלונגען, און שילדערן אַלץ — קלאָר און קרעפֿטיק.

דער דאָזיקער נאַטוראַליזם האָט, צום טייל, אויך געענטפֿערט אויף די זוכענישן אין די 30ער יאָרן, באַזונדערס אין פּוילן. דאָס צערודערטע לעבן ערבֿ דעם חורבן האָט געזוכט אַ באָדן אונטער די פֿיס. יעדער שאַפֿנדיקער מענטש האָט געזוכט אַן אַחיזה נאָך זײַן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. רעאַליסטן האָט געצויגן צום רויען אין לעבן, צום פֿעסטן. און דער נאַטוראַ־ליזם איז געווען זייער ענטפֿער. בער־לעפּ איז געווען אַ שטיק רויקייט, פּונקט ווי דאָס איז די ניט־קולטיווירטע נאַטור.

חיים גראַדע, „אידישער קעמפער", 3טן אויגוסט 1951

... „בער־לעפּ" איז אַ מעשׂה וועגן אַ באַלעגאָלע וואָס האָט אַ גראָבן קאָפּ און אַ דימענטענע האַרץ... עס שדכנען זיך צו אים די געזונטע פֿורמאַנסקע מוידן. ער האָט אָבער חתונה מיט דער אײַנגעדאַרטער, אַסקעטיש־פֿרומער חנהן, די טאָכטער פֿון זײַן אַמאָליקן מלמד. בער־לעפּ האָט גרויס דרך ארץ פֿאַר זײַן ווײַבס יחוס, פֿרומקייט און קענטשאַפֿט, נאָר עס נאָגט אים דער טרויער וואָס זי האָט ניט קיין קינד...

... ער לאָזט זיך שיכּורהייט אויסנוצן פֿון אַ יונגער פּויערטע וואָס פֿאַרשוואַנגערט פֿון אים. שפּעטער דערציילט ער עס זײַן ווײַב און זי פֿאַרטרײַבט אים פֿון זיך. דאָס קינד פֿון דער פּויערטע איז אָבער אַ גוי און בער־לעפּ גיט זיך אָפּ מיט האָדעווען אַ „קאָשקעלע" מיט אַזאַ ליבע און אייפֿער ווי דאָס וואָלט אים פֿאַר־ביטן אַן אייגן קינד. ווען די באַלעגאָלעס דערציילן גבֿורות פֿון זייערע קליינ־וואַרג, דערציילט בער־לעפּ זײַן נחת פֿון לאָשעקל. דאָס שלאַנקע פֿערדל ווערט קראַנק און בער־לעפּ צאָלט דעם שמש פֿון בית־מדרש מען זאָל זאָגן פֿאַרן לאָשעק תּהילים... און אַז דאָס פֿערדל קומט אום, רײַסט זיך אַרויס בײַ בער־לעפּ מיט געוויין אַ קדיש ווי נאָך אַן אייגן קינד.

אָט די דערציילונג באַווײַזט מער ווי אַנדערע שאַפֿונגען פֿון יונגן מחבר אין וואָס עס באַשטייט זײַן אייגנטלעכער כּוח: אין דערציילן נאַטוראַליסטיש מיט אַ געזונטן אָטעם און קערנדיקע האַרבע רייד דאָס לעבן וואָס ער קען גוט, דאָרף און שטעטל, ייִד און פּויער, פֿעלד און וואַלד. ווען עלבערג באַ־שרײַבט פֿאָלקס־מענטשן, איז זײַן שפּראַך עכט און געדיכט ווי דאָס בלוט פֿון זײַנע העלדן. דער דיאַלאָג איז אַ מצומצמדיקער, ווײַל בער־לעפּ און זײַן גלײַכן רעדן קנאַפּ. ווען עלבערג ברענגט זייער האַלב־שטומען שמועס אין פּוילישן ייִדיש־דיאַלעקט, שמעקט פֿון דעם מיט ניט־געקינצלטער עכטקייט און פֿרישקייט. אַז מען לייענט „בער־לעפּ" מוז קומען אויפֿן געדאַנק — י. מ. ווײַסנבערג. עלבערג איז אָבער אַ רבנישער זון, און ווען ווײַסנבערג איז אויסן צו באַווײַזן, אַז אויך מיר האָבן יונגען געזונט און זינדיק ווי די עשׂוס, איז יהודה עלבערג אויסן צו באַטאָנען דאָס פֿאַרקערטע, ווי אין אַ באַלעגאָלישן יונג וואָס קען קוים אַ זײַטל עבֿרי, לעבט אַזוי פֿיל דרך־ארץ פֿאַר תּורה און יחוס, אַז ער נעמט די אויסגעדאַרטע פֿאַרעלטערטע טאָכטער פֿון מלמד צוליב איר פֿײַנעם אָפּשטאַם און אירע גוטע מידות. בער־לעפּ איז כּמעט האַלב דעפֿעקטיוו, אַנדערהאַלבן זלאָטעס איז בײַ אים מער ווי אַ זלאָטע פֿופֿ־ציק, מען קען אים אַפֿילו אײַנרעדן, אַז זײַן ווײַבס מאַמע איז געווען אַן עקרה... דעריבער זײַנען זײַנע שפּירונגען ניט געשליפֿן, אָבער זײַן האַרץ איז פֿול מיט איידלקייט און גוטסקייט...

יעקבֿ באָטאָשאַנסקי, „די פּרעסע", דעם 30סטן מאַי 1951

„בער־לעפּ" שילדערט דאָס לעבן פֿון אַ ייִדישן בעל־עגלה אין אַ פּויליש שטעטל פֿאַר דעם צווייטן וועלטקריג.

דער שטאָף איז זאָ אויך געגוג פֿאַרכאַפּנדיק. יהודה עלבערג האָט אַ נייגונג צו אַ סך אַקציע און באַוועגונג. בײַ אים קריגט דאָס לעבן פֿון אַ גרויען, תמעוואַטע בעל־עגלה אויך די דינאַמיק פֿון אַ פֿילם. אָבער מ׳קען דאָ פֿאָרט אָפּטיילן דעם שרײַבער פֿון אינהאַלט און דאָ איז נישט שווער צו דער־פֿילן, אַז כאָטשע דער יונגער שרייבער האָט קרובֿהשאַפֿט מיט י. מ. ווייסענ־בערגן און מיט — צו לענגערע יאָר אים — י. אָפּאַטאָשו, איז ער דאָך אַ שריפֿטשטעלער מיט אייגענע אויגן און אויער און מיט אַן אייגענעם אָטעם. די רויע שפּראַך פֿון בער־לעפּ קלינגט ערטערווײַז ווי פּרימיטיווע מוזיק. ווען דער בעל־עגלה לייביש הוראַי שטייט צו צו בערלען און וויל אים אײַנרעדן, אַז ער זאָל אָפּגעטן זײַן ווײַב חנה און נעמען זײַן שוועסטער, זאָגט ער אים: „בײַס דיר אָפּ די צונג, אַ יאַנדעס אַ ביסל. אַרויסוואַרפֿן חנהן, טפֿו!" דאָס איז מאַקסימום מענטשלעכקייט אין אַ שיער נישט בהמהשער „שפּראַך". און ווען יענער זאָגט אים, אַז זײַן שוועסטער וואָלט אים אָנגעשיט אַ פֿולע שטוב מיט „ממזרס", זאָגט ער: „כ׳וויל נישט קאַ ממזרס, כ׳וויל קינדער..." ווען בער־לעפּ פֿאָרט צום רבּ׳ין בעטן אויף קינדער, און יענער הייסט געבן געלט אויף אַ תּלמוד־תּורה און די אָרעמע קינדער וועלן זײַן זײַנע, פֿאַרשטייט ער נישט, ווי אַזוי זיי וועלן זײַן זײַנע, אַז זיי זײַנען נישט זײַנע. „ער וויל קינ־דער, וואָס זאָלן צו אים... שרײַען: טאַטע, ברויט! טאַטע, אַ גראָשן! כאָטש איין קינד זאָל צו אים קריכן אויף די קני, טוליען זיך צו אים מיטן קעפּל, אויסשמירן אים מיטן פֿאַרראָצטן נעזל, באָדײַ די שבתדיקע קאַפּאָטע...". „בער־לעפּ" איז אַ דערציילונג, אַ פּאָעמע, וואָס האָט אין זיך ראָמאַנטיש־סענ־טימענטאַלע יידישע מענטשלעכקייט, כאָטש זי פֿאַראייביקט אַ מענטשן, וואָס אי׳ז אין וויסן נישט קיין סך העכער פֿון אַ בהמה. עס איז אַ דערציילונג, וואָס פֿאַרדינט אַ פּלאַץ נעבן ווײַסענבערגס „אַ טאַטע מיט בנים", כאָטש עס שיל־דערט אַ טאַטן אָן בנים...

פֿון דער קריטיק וועגן יהודה עלבערגס ראָמאַן „אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט"

אליעזר וויזעל, „אַלגעמיינער זשורנאַל", פעברואַר 1975

...כאָטש ס׳איז נישט קיין אויטאָביאָגראַפֿיע, איז דאָס בוך אַ שטיק אמת — אַ שטיק קינסטלערישער אמת. מ׳מעג גאַנץ רויק פֿעסטשטעלן, אַז אַדאַנק דעם מחבר יהודה עלבערג האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ ענדלעך געפֿונען זיין ראָמאַניסט.

...יהודה עלבערג איז אַן אויסנאָם. זיין ווערק קלינגט עכט. אפֿשר איז עס ווײַל ער אַליין שטאַמט פֿון וואַרשע, ער אַליין האָט דורכגעמאַכט די טונקעלע געטאָ־יאָרן און האָט געזען — כאָטש פֿון דרויסן — די ברענענדיקע הײַזער אין געטאָ. אפֿשר איז עס אויך דערפֿאַר וואָס ער שטאַמט פֿון אַ רבנישער משפּחה און איז אָנגעזאַפּט מיט אהבֿת ישׂראל. ער שרײַבט מיט אַזוי פֿיל פּערזענלעכן ווייטיק, מיט אַזאַ אמתער ליבשאַפֿט וועגן די יידישע קינדער אין זייערע יסורים: ס׳איז אוממעגלעך אים נישט צו גלייבן. ס׳איז אוממעגלעך נישט מיטגעריסן צו ווערן פֿון די אַוואַנטורעס וועלכע ער שיל־דערט מיט אַ זעלטענעם פּאָעטישן רעאַליזם — אַוואַנטורעס פֿון פֿאַרוווּנדעטע יינגלעך און געפּײַניקטע עלטערן, פֿון אַ טאַטעס עקידה־גאַנג און פֿון אַ מאַ־מעס נעכטיקן צווישן נאַקעטע מתים אין טרעבלינקע...

שלמה ווײַסמאַן, „קענעדער אָדלער", 11טן יוני, 1976.

...יהודה עלבערג פֿאַרמאָגט, ביז גאָר אַ הויכער מדרגה, אָט די וואָרט־שאַפֿערישע פֿעיקייטן; ער איז גאָר אַ גוטער דערציילער; ער איז אַ שאַרפֿער

באַאָבאַכטער פֿון מענטשן, און פֿון בעלי־חיים בכּלל, און פֿון דער ניט־לעבעדיקער נאַטור אין וועלכער ער בלאָזט אַרײַן אַ רוח חיים. ער איז אַ גוטער אויפֿבויער פֿון אַ זאַץ, אַ פּאַראַגראַף און אַ קאַפּיטל; ער האָט אַ פֿליסיקע און פֿלײַסיקע פּען. בקיצור: ער איז אַ הויך־ראַנגיקער ראָמאַניסט...

יעקבֿ זיפּער, „צוקונפֿט“, אַפּריל 1976

...דאָס דאָרפֿישע לעבן איז געמאָלן מיט מײַסטערשאַפֿט און פּסיכאָלאָגישער אַרײַנדרינגונג אין די טיפֿן, וואָס ווײַזט אָן אי אויף דעם מחבּרס באַהאַוונטקייט מיטן דאָזיקן לעבן, אי אויף דעם קינסטלערישן כּוח זײַנעם איבערצוגיין פֿון דעם נערוועזן און מיט אומרו אָנגעלאָדענעם סטיל בײַם שילדערן די געשעענישן און איבערלעבונגען אין שטאָט — צו אַ רויִקער שילדערונג פֿון דעם דאָרפֿישן לעבן. דאָס קינסטלערישע אויג פֿאַרפֿעלט נישט אַרײַנצודרינגען אין די פֿאַרלוירנסטע נאַטור־דערשײַנונגען, פֿון וועלכע אייניקע ווערן דורך דעם דערהויבן צו אייביקע סימבאָלן פֿון דער מיסטעריעזער נאַטור און אירע באַשעפֿענישן...

יצחק יאַנאַסאָוויטש, „די גאָלדענע קייט“, נומער 89, 1976

...יהודה עלבערגס ראָמאַן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט אַ ווײַטערגאַנג און אַ העכערגאַנג פֿון די דערציילונגען אין בוך אונטער קופּערנע הימלען. קודם־כּל זענען בולטער געוואָרן די אייגנשאַפֿטן פֿון זײַן טאַלאַנט, זענען ציכטיקער געוואָרן די מיטלען פֿון זײַן קינסטלערישער געשטאַלטיקונג און ס'איז שאַרפֿער און אַרײַנדרינגענדיקער געוואָרן זײַן נשמה־אַנאַליז, סײַ פֿון די לײַדנדיקע, סײַ פֿון די וואָס פֿאַרשאַפֿן אַנדערע ליידן...

...וואָס מער מיר דערווײַטערן זיך אין צײַט פֿון דער חורבן־תּקופֿה, אַלץ מער ווערט אונדזער ליטעראַטור באַרײַכערט מיט ווערק פֿון אַ מאָנומענטאַלן פֿאַרנעם, וואָס שילדערן אַלץ ברייטערע שטחים פֿון ייִדישע איבערלעבונגען און ייִדישע ליידן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע.

יהודה עלבערגס נײַער ראָמאַן געהערט צו דעם אָ מין מאָנומענטאַלע ווערק. ער באַשרײַבט אַזאַ גרויסן שטח פֿון דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן ייִדישן לעבן, עס באַוועגן זיך דאָ אַזוי פֿיל טיפּן און געשטאַלטן און עס קומען פֿאָר אַזוי פֿיל כאַראַקטעריסטישע געשעענישן, אַז אָפֿט וווּנדערט מען זיך ווי אַזוי דער שרײַבער האָט באַוויזן דאָס אַלץ צו קאָנצענטרירן אין די קנאַפּע פֿיר הונדערט זײַטן פֿון זײַן בוך...

...ווי דער קלאַסישער ראָמאַן פֿון 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט — פֿון באַלזאַק ביז צו קאַזאַנצאַקיס — איז עלבערגס אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט געבויט אויף דער רעאַליטעט פֿון אַ צײַט אין וועלכער עס זענען פֿאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. במילא איז עס אַ ראָמאַן פֿון וויבּרירנדיקער און שפּאַנענדיקער אַקציע. ווי אין דער גוטער און גרויסער ראָמאַניסטישער טראַדיציע, ווערן די געשעענישן באַוועגט דורך אַ סך פּערסאָנאַזשן וואָס דער שרײַבער מאָלט און שניצט פֿאַר אונדזערע אויגן: פֿאַרשיידענע טיפּן, געשטאַלטן, טשיקאַווע כאַראַקטערן, מיט אַן אייגן פּנים, מענטשן וואָס פֿאַראינטריגירן אונדז אָדער רירן אונדז מיט זייער גורל...

...עלבערגס גרויסע, אפֿשר גרעסטע שרײַבערישע מעלה איז, וואָס האַלטנדיק זיך אין אַ זײַט פֿון די געשעענישן — געראָט אים פֿון דעסטוועגן אַרײַנצוציִען דעם לייענער אין דעם לויף פֿון דעם שפּאַנענדיקן פֿילם וואָס וויקלט זיך פֿאַר זײַנע אויגן, ער זאָל אַליין מיטפֿיבערן מיט די העלדן, מיט זייערע איבערלעבונגען און מיט זייער גורל...

מ. ליטווין, „פֿאָלק, לאַנד און מדינה“

...כ'וואָלט אָנגערופֿן עלבערגס אופֿן פֿון געשטאַלטיקונג אַ מין „מיסטי־

שער רעאַליזם". אַ רעאַליזם אַ קרעפּטיקער, אַ געדיכטער, וואָס לאָזט ניט אָפּ אויף קיין איין מינוט מיט דער פֿולקייט פֿון געשעענישן, פֿון סיטואַציעס, פֿון אומגעריכטע פֿאַרקייטלונגען; ווי שאַרף געזעענע, נאַטוראַליסטיש געצייכנטע איינצלהייטן גיסן זיך צונויף אין אַן איבעררעאַלער וויזיע. דאָס געפֿינט אַ פֿאַרקערפּערונג סײַ אין דער שפּראַך, סײַ אינעם אופֿן פֿון באַשרײַבן, אינעם גאַנצן סטיל, וואָס בײַטן זיך כּסדר וועדליק די פּערסאָנאַזשן און די סיטואַציעס: אָט טראַגיש־אָנגעלאָדענע, אָט שיִער ניט קאָמיש־בורלעסקע; אָט ציטערנדיק פֿון דינער אײַנגעהאַלטענער צערטלעכקייט, און באַלד אויסברעכנדיק אין עראָטישן אויפֿברויז. מענטשלעך מיטגעפֿיל און טעמפּע ברוטאַלקייט הויזן צוזאַמען אין דער זעלביקער נשמה; הויכער אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט פֿאַרפֿלעכטן זיך מיט זשעדנער תּאוו־השער עולם־הזהדיקייט. אָט דער דאָזיקער פֿאַרפֿלעכט גיט די מייסטן העלדן פֿונעם ראָמאַן קאָמפּאַקטקייט, די דריטע דימענסיע. און קודם־כּל דעם הויפּטהעלד, יוספֿן, וואָס איז דווקא צוליב זײַן סתּירותדיקער אימפּולסיווקייט אַזאַ נאַטירלעכע, כּ׳וואָלט געזאָגט אורגעגעבענע, סטיכישע פֿיגור...

ישראל עמיאָט, „קולטור און לעבן", מאַי־יוני 1975

...יהודה עלבערג, דער עד־ראיה פֿון חורבן (אָפּטער אויף דער אַרישער זײַט) האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן אַ גאָר אינטערעסאַנטן בוך, נאָך אַלע זײַנע 5 ביכער, און דאָס בוך איז אַזוי רעאַל, אַזוי פֿול מיט לעבן, די אַטמאָספֿערע פֿון שרעק פֿון גאָלדען, די געוואַלדיקע גבֿורה פֿון שיִען צו לײַדן אין דער זײַט פֿון זײַן טאָכטער אָפּגעקליבן צום שיקן קיין טרעבלינקע, די זעלטענע אײַנפֿאַלן פֿון דעם קליינעם יאָסלען צו ראַטעווען זיך און זײַן דערשראָקן שוועסטערל חנהלע — דאָס אַלץ דערמאָנט אין דער אַטמאָספֿערע פֿון שרעק וואָס עס וואַרפֿט אָן פֿראַנץ קאַפֿקאַ אין זײַנע ראָמאַנען, באַזונדערס אין „פּראָצעס"...

...צו אַלע מעלות פֿון זײַן שרײַבן, האָט יהודה עלבערג נאָך אַ מעלה: זײַנע דערציילונגען לייענען זיך שטענדיק מיט דער שפּאַנונג פֿון דעטעקטיוו־ראָמאַנען. זײַנע אײַנפֿאַלן זײַנען וווּנדערבאַר! דו לייענסט דעם ראָמאַן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

י. פֿאַלאַטיצקי, „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער",

בוענאָס אײַרעס, אָקט.־דעצ. 1975

...אַזאַ קאָלאָסאַלער פֿאַרמעסט אָנצוהאַלטן די קינסטלערישע פֿאָרעם, די פּסיכאָלאָגישע פֿאַרטיפֿונג, די לאָגישע מאָס, די אַדעקוואַטע נאַראַטיווע קראַפֿט פֿון דראַמאַטישע עפּיזאָדן, וואָס וויקלען זיך אַרײַן אין טראַגיש־גרוילִיקע דימענסיעס אין פֿולן קעגנזאַץ צו מאָס, פֿאָרעם, לאָגיק און ראַציע...

ב. פּיק, „די פּרעסע", בוענאָס אײַרעס, אָקט. 1975

...עלבערג האָט ליב זײַנע מענטשן, וואָס ער האָט אויסגעפֿיבערט אין זײַן דמיון, ער האָט זיי ליב אהבֿת נפֿש... עלבערג ווײַזט אונדז שטאַרקע ייִדן, ייִדן מיט גרויס בטחון, אַז דער בורא עולם וועט נישט פֿאַרלאָזן זײַן געליבט פֿאָלק, שטאַרקע ייִדן, וואָס ווילן פֿאַר קיין פֿאַל זיך נישט אונטערגעבן און אין די ערגסטע צײַטן נישט פֿאַרלירן דעם צלם אלוקים און האָבן יעדן טאָג, וואָס איז אָוועקגעגאַנגען, נאָר געזען ניסים מן השמים...